STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00982

ERSHTE YORN FUN YIDISHN FRAYHAYTLEKHN SOTSYALIZM

Saul Joseph Janovsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Phred & Ray Kaufman
in honor of
Peretz Kaufman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. יאַנאָווסקי
אַלס גאַנץ יונגער מאַן



ש. יאַנאָווסקי

ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם

אויטאָביאָגראַפישע זכרונות פון אַ פּיאָנער און בויער
פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג
אין ענגלאַנד און אַמעריקע

(איל[ו]סטרירט)

מיט אַ היסטאָריש־ביאָגראַפישער איינפירונג
פון
דר. הערמאַן פראַנק

„פרייע אַרבעטער שטימע"
ניו יאָרק
1948

ERSHTE YORN FUN YIDDISHN FREIHEITLECHN SOCIALISM

(First Years of Jewish Libertarian Socialism)

By SH. YANOVSKY
(1864—1939)

Published by
"FREIE ARBETER SHTIME"
45 West 17th St., New York 11, N. Y.

דאָס בוך האָלט 336 זייטן

צוליב טעכנישע אורזאַכן איז דער אויסלייג אין פאַרשיידענע
טיילן פון בוך נישט אַרויסגעקומען איינהייטלעך

געזעצט און צוזאַמענגעשטעלט ביי
עקאנאמי טייפסעטינג סוירוויס, 244 האַרלעם פליים
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
55

Printed in U. S. A.

אינהאלט

פון די אַרויסגעבער V

פון ש. יאַנאָווסקיס אלמנה IX

ש. יאַנאָווסקי און זיינע זכרונות
(היסטאָריש־ביאָגראַפישע איינפירונג) פון דר. הערמאַן פראַנק. XI

ש. יאַנאָווסקים אויטאָביאָגראַפישע זכרונות
במקום הקדמה 3

1טער טייל: מיין קינדהייט און פריעסטע יוגנט 5

1. עטוואס פון מיינע קינדער־יאָרן 7
2. מיינע ערשטע און לעצטע שמיץ 8
3. מיינע עלטערן 9
4. מיין עלטערער ברודער, יעקב צבי 13
5. ווער שיער באַגראָבן לעבעדיקערהייט 18
6. איך גרייט זיך צו גימנאַזיע 20
7. מיין ערשטע ליבע 24
8. אין דער פרעמד 27
9. אויפן וועג נאָך אַמעריקע 35

2טער טייל: ערשטע יאָרן אין אַמעריקע 43

1. אין ניו יאָרק 45
2. ליובעל 49
3. איך ווער שיער־שיער אַ קלאָוקמאַכער 51
4. איך ווער אַ קאַפּעגמאַכער 56
5. ווי אַזוי מיין גאַנצער פּלאַן פון וויטערדיקער בילדונג ווערט צעשטערט 59
6. איך ווער אַגיטאַטאָר אין שאַפּ און קריג באַלד די „סעק" 61
7. איך ווער אויס קאַפּעגמאַכער און נעם זיך צו אַנדערע מלאכות 67
8. מיין ערשטער אויפטריט אַלס כלל־טוער 71
9. די ערשטע קריגעריי אין דער אידיש־רוסישער קאָלאָניע אין ניו יאָרק 77
10. די גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט" 83
11. מיין ערשטע רעדע אין אידיש 85
12. די יאָרן 1886־1887 89
13. מיינע דעמאָלסטדיקע געפילן און געדאַנקען 95
14. איך ווער אַן אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסט 100
15. מיין אַנאַרכיסטישע טעטיקייט אין יענער צייט 104
16. די פאַרטבילדונגס פאַראיינען 109
17. די „וואַרהייט" 111
18. דער כאַראַקטער פון דער „וואַרהייט" 120

3טער טייל: לאָנדאָן און ווי איך בין אַהין געקומען 123

1. די גרופּע „ריטער דער פרייהייט" 125
2. מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער אידיש־אַנאַרכיסטישער לאָנדאָן 130

3. מיין טעטיקייט אלס רעדאקטאר און שרייבער 134
4. די פירער פון דער דעמאלסטדיקער סאציאליסטישער באוועגונג אין לאנדאן 136
5. די אידישע ארבעטער־באוועגונג אין יענע יארן אין לאנדאן 149
6. איר ווער אויסגעקליבן אלס דעלעגאט צום אינטערנאציאנאלן ארבע־טער־קאנגרעס 159
7. א פאר ווערטער וועגן מיין דעבאטע מיט אב. קאהאן 166
8. דער „ארבייטער פריינד“ שטייט אויף תחית־המתים 170
9. די „פרידאם“, די „קאמאנוויל“ און די ענגלישע גענאסן 180
10. מיינע שונאים און די שונאים פון „ארב. פריינד“ ווערן פארצווייפלט 186
11. עדעלשטאטס גרויסער איינפלוס אויף די לאנדאנער ארבעטער 193
12. ווי מיר גיבן אויף דעם קלוב 196
13. איך הויב אן ביסלעכווייז צווייפלען אין דער ניצלעכקייט פון „פרא־פאגאנדע דער טאט“ 202
14. מיר באנייען זיך מיט נייע שריפט און דער „ארבייטער פריינד“ ווערט צוויי מאל אזוי גרויס 210
15. איך ווער איינגעלאדן קיין פאריז אויף עטלעכע לעקציעס 212
16. די נביאות פון די גענאסן ווערט ניט אינגאנצן מקוים 218
17. די מעשה גיליאראוו 222
18. די לעצטע פאר יאר פון „ארבייטער פריינד“ אונטער מיין רעדאקציע 229

ביילאגעס

1. אן אויפרוף צו יידישע ארבעטער פון דער „קאנווענציאן“, וואס איז פארגעקומען אין ניו יארק סוף דעצעמבער 1889, וועגן דער שאפונג פון א סאציאליסטישער וואכנשריפט 239
2. בראשור פון ש. יאנאווסקי: „וואס ווילן די אנארכיסטן?“ (לאנדאן, 1890) 245
פאקסימילע פון שער־בלאט 245
1. מיין און דיין 247
2. דער ארבייטער אמאל און היינט 250
3. דער קאמוניזמוס 253
4. דער אנארכיזמוס 255
5. אונזערע מיטעל 262
3. א פרייהייטלעך־סאציאליסטישע לעקציע פון וויליאם מאריס (לאנדאן, 1887) 269
4. אינהאלט־רשימה פון ש. יאנאווסקים ארטיקלען־סעריע: די ערשטע צוואנציק יאר „פרייע ארבעטער שטימע“ („פר. ארב. שט.“, 1929־1928) 274
5. בילדער פון ש. יאנאווסקי, אין פארשיידענעם עלטער, אויך פון דער ש. יאנאווסקי־מצבה אין ניו יארק און פארטרעטן פון פ. קראפאטקין, וו. מאריס, און וו. וועסס.

זוכצעטל 277

פון די אַרויסגעבער:

לויט דער גרויסער ראָלע וואָס ש. יאַנאָווסקי האָט, פֿאַר צענדליקער יאָר צייט, געשפּילט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פּרעסע אין אַמע־ריקע, וואָלט ער אַוודאי פֿאַרדינט אַ פֿולע ביאָגראַפֿיע. זי וואָלט געדאַרפֿט אָנגעשריבן ווערן מיט אַ ברייטן סאָציאַל־היסטאָרישן פֿאַרנעם, כּדי צו ווייזן די סביבה, די עפּאָכע פֿון דריי־פֿערטל יאָרהונדערט (1939־1864), מיט איר־ע שטורמדיקע פּאַסירונגען אין דער ניט־יידישער וועלט — אַלס דער הינטער־גרונט פֿאַר ש. יאַנאָווסקיס לעבנס־געשיכטע און ווי אַ רעקאָרד פֿון דער ראָלע וואָס די פֿרייהייטלעכע באַוועגונג האָט געשפּילט אין דער יידישער גאַס. צום באַדויערן, איז נאָך די צייט — ווייזט אויס — נישט געקומען צו שרייבן אַן פֿאַרעפֿנטלעכן אַזאַ יאַנאָווסקי ביאָגראַפֿיע. לײַדער איז נאָך דער אויטאָ־ביאָגראַפֿישער מאַטעריאַל, וואָס ש. יאַנאָווסקי האָט איבערגעלאָזן, צום גרעסטן טייל, אַפֿילו ביז איצט געבליבן ניט־געדרוקט, און דאָס וואָס איז שוין פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, איז צעוואָרפֿן איבער צענדליקער נומערן פֿון דער „פֿרייער אַרבעטער שטימע", און איז נישט לײַכט צוגענגלעך פֿאַרן פֿאָרשער און אַלגעמיינעם לייענער.

דאָס בוך, וואָס מיר גיבן איצט אַרויס, וויל כאָטש טיילווייז אויספֿילן אָט־דעם בלויז און איז, לכל הדעות, אַ וואָגיקער בײַטראָג צו אַ פֿולער יאַנאָווסקי ביאָגראַפֿיע.

אָנגעהויבן שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפֿיע האָט ש. י. אין 1926 אָדער 1927, אָבער דער טייל, וועלכן מיר גיבן איבער אין די הענט פֿון לייענער איצט, האָט זיך אָפּגעפּונען ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק. מען האָט גע־וואוסט, אַז ערגעץ וואו איז פֿאַרבליבן יאַנאָווסקיס אַ כּתב־יד נאָך זיין טויט (דעם 1טן פֿעברואַר 1939). אָבער די ערשטע פֿאַרזוכן, מצד דער פֿאַמיליע און די פֿריינט פֿון ש. יאַנאָווסקין, צו געפֿינען דעם מאַטעריאַל האָבן צו קיין זאַך ניט דערפֿירט. גאַנץ צופֿעליק, צווישן אַ הייפֿן צעשאָטענע פּאַפּירן, ווי בריוו, אַרטיקל־מאַנוסקריפּטן א.ד.גל., האָט חבר ש. לינדער, דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער „פֿ.אַ.ש." און לאַנגיעריקער פֿריינד פֿון דער יאַנאָווסקי משפּחה, אין אַ שרייבטיש־קעסטל, אין 1942 אָדער 1943, געפֿונען אַ פּאָר הונדערט לויז־אויפֿגעלייגטע אויף דער שרייבמאַשין פֿון ביידע זייטן באַשריבענע בלעטלעך, אַפֿילו ניט קיין נומערירטע. און נאָך גערולדיקער לאַנגדויערנדער אַרבעט האָט ש. לינדער פֿון אָט־דעם מאַטעריאַל אויסגעסדרט דעם פֿולן „טייפּ־סקריפּט" פֿון דעם דאָזיקן ווערק.

עס ווערן אין אָט־דעם בוך דערציילט, דורך ש. יאַנאָווסקין אַליין, די הויפּט־פּאַסירונגען אין די ערשטע 30 יאָר פון זיין לעבן און ווירקן. און ניט ווייניק פון דאָס דערציילטע וועט קלינגען ניי, אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, אַפילו פאַר די וואָס האָבן דעם מחבר פון אָט־די לעבעדיק און פריש געשריי־בענע זכרונות געהאַט יאָרנלאַנג געלייענט אָדער גאָר פערזענלעך גוט געקענט.

די גרעסערע היסטאָריש־ביאָגראַפישע איינלייטונג, געשריבן פון דר. ה. פראַנק, דעם איַצטיקן רעדאַקטאָר פון דער „פר. אַרב. שטימע", שטעלט זיך דריי צילן, נעמלעך: 1) צו געבן אַ גייסטיקן פּאָרטרעט פון ש. יאַנאָווסקי, און אַ בילד פון דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געווירקט, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן פון זיין ארבעט אין אַמעריקע; 2) אויפצוקלערן געוויסע געשיכטלעכע פּאַסירונגען, וואָס פיגורירן פּראָמינענט אין יאַנאָווסקיס זכרונות, באַזונדערס אין שייכות מיט דער אויספאָרמירונג פון ש. יאַנאָווסקיס סאָציאַלן וועלט־באַנעם און מיט דער פאָרגעשיכטע פון דער „פר. אַרב. שט."; 3) צו עפענען פאַרן לייענער אַ בליק אויף יענעם טייל פון ש. יאַנאָווסקיס אויטאָביאָגראַפיע (די עפּאָכע פון 1899 ביז 1913), וואָס איז שוין פריער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „פר. אַרב. שטימע" מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק.

אין די ביילאַגעס, וואָס ווערן געדרוקט צום סוף בוך, וועט דער לייענער געפינען זייער אינטערעסאַנטע דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון דער פריי־הייטלעך־סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט און באַוועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע אין די 1880ער און ערשטע 1890ער יאָרן. אויך איז דאָרט אָפּגעדרוקט אַ ביבליאָגראַפישע רשימה פון די עטלעכע און דרייסיק אַרטיקלען איבער די „ערשטע צוואַנציק יאָר „פר. אַרב. שטימע", וואָס — ווי נאָר וואָס דערמאָנט — זיינען שוין אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט יאָרן צוריק אויף די שפּאַלטן פון אונדזער וואָכנשריפט.

די איצט זייער זעלטן געוואָרענע ערשטע בראָשור ש. יאַנאָווסקיס, און אויך די ערשטע בראָשור אין יידיש וועגן אַנאַרכיזם — „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן? — די טעאָריע פון אַנאַרכיזמוס קלאָר דאַרגעשטעלט פון ש. יאַנאָווסקי" — וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן אין 1890, און וואָס ווערט צום סוף בוך איבערגעדרוקט, אַלס ביילאַגע נומ. 2 — איז פאַר אונדז ספּעציעל איבערגעשריבן געוואָרן פון געדרוקטן אָריגינאַל, וואָס געפינט זיך אין „בריטאַנישן מוזייאום" אין לאָנדאָן. אָט־די אַרבעט האָט אייגנהענטיק געטאָן פאַר אונדז די לאַנגיאָריקע איבערגעבענע חברטע דאָרים זשוק, די שוועסטער פון איינעם פון די וועטעראַנען פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין לאָנדאָן, וויליאַם וועסס. מיר דריקן אויס אונדזער געטרייער חברטע ד. זשוק אַ האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג פאַר איר מיפּולער אַרבעט און זעלטענער טרייקייט צו אונדזער אידעאַל, וואָס האָט איר געטריבן ניט שפּאָרן קיין צייט און מי ביים אויסזוכן פאַר אונדז דאָס ביכל און צושיקן אין צייט אַ גענויע קאָפּיע

פון דער יקר־המציאותדיקער בראשור, וועלכע איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געזינונג און די שטימונגען פון די פּיאָנערן און ערשטע בויער פון דער יידישער פּריוואַט־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע.

אַ דאַנק פאַרדינט אויך אונדזער לאַנגיעריקער חבר און ייִנגערער בן־דור פון ש. יאַנאָווסקין, ד. איזאַקאָוויץ, וועלכער האָט אייגנהענטיק איבערגעשריבן דעם, דורך אַ גליקלעכן צופאַל געפונענעם, און צום דרוק ניט־צוגעגרייטן, כתב־יד און האָט אויך שטאַרק מיטגעהאָלפן ביי דער קאָרעקטור און אויך חבר ב. אַקסלער, וואָס האָט אונטערגענומען די אַקציע צו שאַפן דעם נויטיקן פאָנד פאַר דער אַרויסגעבונג פון דעם וויכטיקן ווערק אין בוך־פאָרם, פאַרדינט אונדזער אַלעמענס יישר־כוח און אָנערקענונג.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך איז די זייער אַקטיווע ראָלע און דער כסדרדיקער אינטערעס פון די לאָס אַנדזשעלעסער חברים אונדזערע, מיט זייער „קראָפּאָטקין בר. 413 א.ר.“, אין דער אַרבעט פון אַרויסלאָזן דעם בוך (וואָס איז, אגב, געדרוקט געוואָרן אין לאָס אַנדזשעלעס) און אים פאַרשפּרייטן אין וואָס ברייטערע לייענער־קרייזן. די לאָס אַנדזשעלעסער חברים האָבן פאַר אָט־דעם צוועק אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון די חברים — ה. יאַפּע, מ. לאַפּידוס און פּ. גוסטאַוו. ווי ביי אַ סך פריערדיקע געלעגנהייטן האָבן אויך דעם איצטיקן מאָל די לאָס אַנדזשעלעסער חברים ניט געשפּאָרט קיין אַרבעט און צייט פאַר אַ וויכטיקער ליטעראַריש־קולטורעלער און סאָציאַל־געשיכטלעכער אויפגאַבע אין דינסט פאַר אונדזער־זייער אידעאַל. לאָמיר האָפן, אַז די מי, זייערע און אונדזערע, וועט אין דער ריכטיקער מאָס אָפּגעשאַצט ווערן פון די יידישע לייענער אומעטום.

ש. יאַנאָווסקי־בוך קאָמיטעט
פון „פר. אַרב. שט.“ פאַרוואַלטונגס־ראַט

ד. איזאַקאָוויץ, ב. אַקסלער, ש. לינדער,
דר. ה. פראַנק, מ. שוטץ

ניו יאָרק, אָקטאָבער, 1948.

פון ש. יאנאווסקיס אלמנה

איך קען באמת פילן א דאנקבארקייט צום גורל וואס מיר איז באשערט צו דערלעבן א צייט, ווען א באנד פון ש. יאנאווסקיס ניט־געדרוקטע שריפטן ווערט ארויסגעבראכט פאר דער וועלט. מיין מאן, ש. יאנאווסקי, איז געשטארבן — ווי ס'איז פילע פון זיינע פריינט באקאנט — אן אנטוישטער און פארצווייפלטער מענטש. ניט געגלויבט האט ער, אז דאס וואס ער האט ביים לעבן ניט באוויזן אפצודרוקן, וועט ווען ס'איז דערשיינען אין בוך־פארם. איז זיין בוך איצט פאר מיר א טאפלטע פרייד און א גייסטיקע דערלייכטערונג אין מיין שווערן מצב, ווען דער ליכטיקער שיין פון טאג איז שוין כמעט אינגאנצן אויסגעלאשן פאר מיר, און איך מוז לעבן אין אפגעשלאסנקייט פון דער ארומיקער — ליידער, אויך זייער פינצטערער — וועלט.

באטאנען וויל איך, אגב, אז דאס וואס דער לייענער קריגט איצט, איז דאס איינציקע בוך וואס ש. יאנאווסקי האט אליין געשריבן אריגינעל. ער האט פארפאסט א סך איבערזעצונגען אין יידיש פון וועלט־בארימטע ביכער אין פרעמדע שפראכן, אבער האט ביים לעבן ניט זוכה געווען צו זען זיינע אייגענע גרעסערע שריפטן אפגעדרוקט אין בוך־פארם.

פאר מיר איז ש. יאנאווסקי ניט געשטארבן און קען ניט שטארבן. איך האב שטענדיק פון אים געהאלטן און אין אים געגלויבט, א דאנק איין גייסטיקן שטריך זיינעם — דער אייזנפעסטער צוגעבונדנקייט צו אן איין־איינציקער אידייע — פרייהייט און גערעכטיקייט. פאר אט־דעם געהויבענעם און אייביקן אידעאל, אן אידעאל אן אומשטערבלעכן, האט ער געלעבט, פאר אים שטענדיק געארבעט, און אים געבליבן געטריי ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן. איז דער פונק, וואס האט געלויכטן אין זיין גייסט, במילא ניט אויסגעלאשן געווארן אויף שטענדיק, ווען בלויז דאס שטערבלעכע אין אים איז פארשוואונדן פון דער וועלט.

איצט ווערט די געשיכטע פון זיינע יוגנט־יארן, דערציילט פון אים אליין, ענדלעך צוגענגלעך פאר אלעמען. טא לאמיר האפן, אז דער פונק, וועלכער האט זיך אזוי פרי צעגליט אין זיין נשמה, וועט אנצינדן א הייליקן פייער אויך ביי די וואס האבן בלויז דעם נאמען זיינעם געקענט, אבער ווייסן נאך גארניט, אדער גאנץ ווייניק, ווי אומדערמידלעך און אומדערשראקן מיין מאן האט געפירט זיין לעבנסלאנגן קאמף פאר פרייהייט און גערעכטיקייט. און דאס וועט זיין די פולסטע באלוינונג וואס די ארויסגעבער פון בוך האבן, פאר זייער מי און איבערגעבנקייט, ביי אונדז אלעמען, די נאענטסטע מענטשן און די פריינט פון ש. יאנאווסקי, כשר פארדינט.

ליזא יאנאווסקי

ניו יארק, מאי, 1948.

ש. יאַנאָווסקי און זיינע זכרונות

פון דר. הערמאַן פראַנק

1.

צום ערשטן מאָל איז ש. יאַנאָווסקי אָנגעקומען אין ניו יאָרק אין 1885, ד.ה. אין דער „פּאַרהיסטאָרישער" צייט פון דער איצטיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, נאָך איידער די גרויסע און מעכטיקע יידישע טרייד יוניאָנס זיינען געגרינדעט געוואָרן. די „קלאָוק־מאַכער" (די פּרויען־מאַנטל שניידער) זיינען דעמאָלט געווען דער פאַרשפּרייטסטער פאַך ביי די יידישע נאָדל־אַרבעטער אין ניו יאָרק. די לייענער פון בוך וועלן זען, אַז אויך ש. י. איז פאַר אַ שטיקל צייט געווען אַ לאַ־יוצלחדיקער קלאָוקמאַכער. ביי אַ געלעגנהייט, מיט אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט, האָט ש. י. דערציילט, אַז ער קען זיך ניט דערמאָנען, צי אין 1885, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט שוין דאָ עקזיסטירט אַ קלאָוקמאַכער יוניאָן. ער גיט צו, אַז ס'איז אפשר גאַנץ מעגלעך, אַז אַזא יוניאָן איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן, אָבער ער, יאַנאָווסקי, האָט וועגן דעם ניט געוואוסט און ניט געהערט.*)

און אין זעלביקן מעמואַריסטישן אַרטיקל זיינעם שרייבט ער, אַז „די קלאָוקמאַכער זיינען די אמתע טאַטעס פון אונדזער אַרבעטער־באַוועגונג . . . זיי, די מיטגלידער פון לאָקאַל 1, זיינען אימער געווען דער רוקנביין פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן; זיי זיינען געווען דער אַוואַנגאַרד פון אַלע קאַמפן, וואָס די יוניאָן האָט דורכגעמאַכט אין איר לאַנגן לעבן".

כדי בעסער צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן די ראָלע און באַדייטונג פון ש.י.ס פונקציע אין דער סביבה, וואָס ער האָט דאָ געפונען אין די 1880ער יאָרן, מוז מען וואַרפן אַ בליק אויפן כאַראַקטער פון דער אימיגראַנטישער אַרבעטער־מאַסע גופא און אויף איר סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער נאַטור. דאָס זעט מען קלאָר אַרויס פון אַ קורצער כאַרעקטעריזירונג פון יענער מאַסע, וואָס עס גיט ש.י.ס אַ בן־דור און איינער פון די פּיאָנערן פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, אַברהם ראָזענבערג (געשטאָרבן אין די 1920ער יאָרן). שרייבנדיק וועגן אַ יוניאָן אין זיין פאַך, געגרינדעט אין 1885), זאָגט ער:

> . . . יענע יוניאָן איז נאָך ניט געווען קיין אויסשליסלעכע אָפּערייטאָרס יוניאָן. דאָרט האָבן אויך באַלאַנגט פינישערס און פּרעסערס אין באַזונדערע ברענטשעס. דער גרעסטער טייל פון די מעמבערס זיינען אָבער געווען אָפּערייטאָרס, און אַזוי זיינען אויך געווען די

*) סוּאוועניר־זשורנאַל צום 50סטן געבורטסטאָג פון לאָקאַל 1, אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, 1886־1936.

פירער פון דער יוניאָן. די אורזאַך איז געווען אַ פשוטע: די אָפערייטאָרס זיינען געווען דער אינטעליגענטער עלעמענט. זיי זיינען מערסטנס רעקרוטירט געוואָרן פון די סטודענטן און ישיבה־בחורים וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון צאַרישן גיהנום, און ניט האָבנדיק קיין טרייד זיינען זיי געוואָרן אָפערייטאָרס. די עלעמענטן זיינען ניט געוואוינט געווען צו שקלאַפעריי און צו די לאַנגע שטונדן און האָבן דעריבער אָפטערס רעוואָלטירט און מיטגעשלעפט מיט זיך די אַנדערע.

דאָס גיט אַ באַגריף פון דער מענטשלעכער אומגעבונג, אין וועלכער די פיאָנערן פון ש.י.ס שניט האָבן, אין דער צווייטער העלפט פון די 1880ער יאָרן, אָנגעהויבן זייער פראָפאַגאַנדע־אַרבעט. זיי האָבן פאַר זיך געהאַט אין די טויזנטער ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, פרישע, האַלב־אויפגעוואַכטע, אָבער מייסטנס אומרייפע, רויע כוחות, אָנגעלאָדענע מיטן גייסט פון פראָטעסט און מרידה. מאַסנווייז זיינען יונגע און מיטליעריקע יידן, ניט ווייניק פון זיי שוין אָנגעזאַפטע מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען, אַריבערגעטראָגן געוואָרן, מיטן סטיכישן עמיגראַציע־שטראָם, קיין ענגלאַנד און אַמעריקע. דער בעסטער טייל פון אָט־דער האָרעפאַשנער און שטאַרק־עקספלואַטירטער מאַסע האָט געברענט מיט כעס און צאָרן קעגן דער אַלטער, אַכזריותדיקער רוסלאַנד און בכלל קעגן אַ וועלט, וואָס האַלט זיך אויף פאַלשקייט און אומגערעכטיקייט. אָבער נאָר אַ טייל, אפשר ניט דער גרעסטער טייל, פון אָט־דער מאַסע האָט שוין פריער, אין רוסלאַנד, עפעס וואָס געוואוסט וועגן סאָציאַליזם און וועגן מאָדערנעם אַרבעטער־קאַמף בכלל. און דאָך האָבן די מערסטע אַגיטאַטאָרן אין די יאָרן פאַר ש. י. גערעדט צו אָט־דער מאַסע אין רוסיש. ער, ש. י., איז געווען פון די ערשטע צו פירן די אַגיטאַציע אין דער פאָלקס־שפראַך — אין יידיש.

די פונקציע פון די ערשטע פראָפאַגאַנדיסטן פון סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם אויף דער יידישער גאַס איז געווען צו שפייזן די מוחות און הערצער פון די יידישע אַרבעטער אין זייערע נייע היימלענדער. בדרך מליצה קען מען זאָגן, אַז די ערשטע רעדנער און שרייבער פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע זיינען געווען לעבעדיקע רינגען צו פאַרבינדן די קעמפערישע טראַדיציעס און אידעאַלן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע מיט דער אָנגעפאָרענער, האַלב־רויער און אין סאָציאַלן באַוואוסטזיין אירן זייער אָפגעשטאַנענער (צום גרעסטן טייל) יידישער אַרבעטער־מאַסע. דאָס איז געווען אַ מאַסע אימיגראַנטן, געקומענע פון שטעט און שטעטלעך — אין פוילן, ליטע און גאַליציע, אַראָפגעפאַלן ווי פון דער לבנה, אין דער ווילד־פרעמדער סביבה פון אַמעריקאַניש־קאַפיטאַליסטישן קאָכקעסל.

צו אָט דער הילפלאָזער און מוראדיק עקספלואַטירטער יידישער מאַסע האָבן די ערשטע פראָפאַגאַנדיסטן אָנגעהויבן צו ריידן אין דער פאָלקס־שפראַך וועגן די אייגענע, לייבלעכע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער, און צוגלייך אויך וועגן העכערע אַבסטראַקטע ענינים און די ראַדיקאַלסטע סאָציאַלע אידעאַלן,

ווי סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם א.ד.גל. צענדליקער זיינען זיי געווען אין יענע פרילינג־יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע (1885־1900), די פּיאָנערן און בויער, וועקער און וועגווייזער פאַרן שווער־אַרבעטנדיקן און עקספּלואַטירטן פאָלק אין די גרויסע שטעט פון אַטלאַנטישן ברעג, ווי ניו יאָרק, באָסטאָן, פילאַדעלפיע און באַלטימאָר. אָבער ניט קיין סך פון זיי האָבן אַזוי אינטענסיוו און פּרוכטבאַר ווי אונדזער יאַנאָווסקי דורכגעמאַכט און באַאיינפלוסט די שטורעמדיקע אַנטוויקלונג פון קעמפערישן אַוואַנגאַרד פון דער יידישער האָרעפּאַשנער מאַסע אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. און דאָס וועלן די לייענער אַליין דערזען ביים לייענען דעם באַנד זכרונות פון אַט־דעם פּיאָנער און פּראָפּאַגאַנדיסט פון פריהייטלעכן סאָציאַליזם צווישן יידן אויף צוויי קאָנטינענטן.

ש. יאַנאָווסקי איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן אין מערץ 1890. רעדאַקטאָר פון „אַרב. פריינד" איז ער געוואָרן דעם 20סטן פעבר. 1891. אין אָנהייב 1892 איז דאָס דערשיינען פון „א.פ." איבערגעריסן געוואָרן אויף 3 חדשים צייט, און פון 15טן אַפּריל 1892 ביז אָנהייב 1895, ווען ש. י. האָט פאַרלאָזן לאָנדאָן, איז ער די גאַנצע צייט געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „אַ.פ.".

דער איצטיקער באַנד דערפירט דעם לייענער צום מאָמענט ווען ש. י. פאַרלאָזט לאָנדאָן, אָנהייב 1895, און קומט צום צווייטן מאָל אין ניו יאָרק. פון יענער צייט און ווייטער (ביז אַן ערך 1913) זיינען זיינע אויטאָביאָגראַפישע זכרונות שוין איבערגעגעבן געוואָרן אין עטלעכע און דרייסיק אַרטיקלען פון אַ סעריע, די ערשטע צוואַנציק יאָר „פ.א.ש.", ווי דאָס ווערט אויספירלעך פאַרצייכנט אין דער הוספה נומ. 4 פון איצטיקן באַנד. דאָ קענען מיר בלויז פאַרפיקסירן זייער בקיצור די הויפּט־מאָמענטן פון זיין ווייטערדיקער לעבנס־געשיכטע, ד.ה. דעם גאַנג אירן אין די 40־45 יאָר פון זיין לעבן נאָך זיין צוריקקער פון ענגלאַנד.

סוף אָקטאָבער 1899 איז ש.י. באַשטימט געוואָרן פאַר רעדאַקטאָר פון דער באַנייטער „פר. אַרב. שט.", און במשך פון זיין לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר־טעטיקייט דערהייבט ש.י. די צייטונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן דעם 4טן יולי 1890 — און האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר עטלעכע יאָר צייט נאָכן טויט פון דעם גרעסטן פון אירע ערשטע רעדאַקטאָרן, דוד עדעלשטאַט — צו דער מדרגה פון אויסערגעוויינלעך איינפלוסרייכן און פּאָפּולערן פּרעסע־אָרגאַן. פאַר אַ מענטש פון היינטיקן דור וועט זיין אינטערעסאַנט און באַלערנדיק צו הערן דאָס עדות־זאָגן פון איינעם, וואָס האָט אין יענער צייט, מיט איבער 40 יאָר צוריק, צום ערשטן מאָל זיך צוגעקוקט צו די קלאָרסטע סימנים פון זשורנאַליסטישן דערפאָלג, וואָס ש.י. און זיין צייטונג האָבן געהאַט. אַט וואָס

עס דערציילט, דער אַלטער חבר־וועטעראַן, פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, דוד איזאַקאָוויץ, אין אַ מעמואַריסטישן אַרטיקל:

דער איינפלוס פון דער „פ.אַ.ש" אויף דעם יידישן קוואַרטאַל און אירע לעזער איז געווען גרויס. מענטשן פלעגן ממש אָפּשטיין שטונדן און וואַרטן ביז מען וועט ברענגען די צייטונג אין אָפּיס אין קאַנאַל סטריט. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דעם ערשטן מאָל, ווען איך האָב אַלס „גרינער" אויף געג. יאַנאָווסקים איינלאַדונג, בייגעוואוינט די סצענע ווי די „פ.אַ.ש." ווערט אויפגענומען.

עס איז געווען דאָנערשטיק, אַרום דריי אָדער פיר אַזייגער נאָכמיטאָג. אויף דער גאַס פאַרן אָפּיס, האָבן זיך גענומען צונויפקלייבן מענטשן, מענער און פרויען, יינגערע און עלטערע, דערהויפּט יינגלעך אין עלטער פון אַכט, צען, צוועלף און פערצן יאָר. יעדער האָט געזוכט צו פאַרכאַפּן אַן אָרט נאָענט צו די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אָפּיס אויפן ערשטן שטאָק. די קלענערע און שוואַכערע האָבן געפּרואווט זיך דורכגליטשן צו זיין וואָס נעענטער צו די טרעפּ פון וואַנען די עלטערע און שטאַרקערע האָבן זיי גאָר ניט איידל צוריקגעשטויסן. געשרייען, זידלעריין, קוויטשערייען האָבן אָנגעפילט די לופט.

אין מיטן פון דעם געפילדער איז אָנגעפאָרן דער וואָגן מיט די פּעק צייטונגען, וואָס דער טרייבער מיט אַ מיטהעלפער זיינעם האָבן געטראָגן אויף די טרעפּ; און גלייך נאָך זיי האָבן זיך געשטויסן און געשטופּט, מיט ליאַרעם און טומל, די קליינע און גרויסע „צייטונגספּעדלערס", מיט זייער קליינגעלט אויסגעשטרעקט אין איין האַנט, רייסנדיק די צייטונגען פון געג. וויינריטשעס, פון אונדזער „קליינשטעטלדיקן" (ער איז דעמאָלט געווען מענעדזשער) און נאָך אַ גענאָסנס הענט, מיט דער צווייטער האַנט. און אין דער אייגענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּעניש און אַ יאָגעניש אויף צוריק, אַרונטער פון די טרעפּ, פון וואַנען דאָס געזומל האָט זיך צעשפּרייט און אַוועקגעלאָזט אין אַלע זייטן מיט אַ געמיש פון פאַרשיידענע קולות: „שטימע!", „פרייע שטימע!", „אַרבעטער־שטימע!", „שטימע!" — יאָגנדיק זיך צו זיין די ערשטע אין די רעסטאָראַנען און ביי די „שעפּער"; אָפּשטעלנדיק יעדן פאַרבייגייער מיט אַן אויסגעשטרעקטער צייטונג אין דער האַנט.

געהייסן האָט עס דעמאָלט, אַז די „פ.אַ.ש." האָט פופצן טויזנט לעזער, וואָס פאַר אַ וועכנטלעכער צייטונג איז היינט אויך אַ היפּשע צירקולאַציע; איך גלויב אָבער אַז דאָס איז געווען אַ ביסל איבערטריבן; באַטש לויט געג. יאַנאָווסקים חשבון, אַז יעדע „פ.אַ.ש." ווערט געלעזן מער ווי פון איין מענטשן, איז דאָס געווען אַ ביסל אונטערגעשאַצט. זיכער איז, אַז אין די יאָרן, וועגן וועלכע איך רייד דאָ (פון 1905 ביז 1912), איז די „פ.אַ.ש." און איר איינפלוס, צוזאַמען מיט געג. יאַנאָווסקים, געווען גאָר אַ גרויסער. *)

אין 1906 מאַכט ש. י. אַ פּראָבע אַרויסצולאָזן אַ טעגלעכע צייטונג —

*) זען ד. איזאַקאָוויצעס אַרטיקל „צו דער געשיכטע פון דער קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט", „פ.אַ.ש." פון 19טן פעברואַר, 1943.

די „אַבענד צייטונג", כדי צו באַקעמפן דעם געלן זשורנאַליזם אויף דער יידישער גאַס. די צייטונג איז אונטערגעגאַנגען מחמת עס האָבן געפעלט די מיטלען פאַר אַזאַ שווערער אונטערנעמונג. אין 1910־1911 האָט ש. י. רע־דאַקטירט אַן ערנסטן מאָנאַטלעכן זשורנאַל, „פרייע געזעלשאַפט". במשך פון די אַלע יאָרן איז ש. י. אויך געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע רעדנער און לעקטשורערס אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. ער האָט אויך איבער־זעצט אין יידיש פון אייראָפּעאישע שפּראַכן אַ סך בענדער בעלעטריסטיק (טאָלסטאָי, פּשיבישעווסקי, איבסען, ב. שאָו א.אַנד.) און אויך געשיכטע און פּובליציסטיק (ווי פּ. קראָפּאָטקינס געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, א.אַנד.). זיין איבערזעצונג פון זשאַן מעסליע'ס (1678־1733) „גלויבן און פאַרנונפט" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָן (אין 1907) אין דרוקעריי פון „ארב. פר." — אַ בוך פון 175 זז. אַ צווייטע אויפלאַגע איז דערשינען אין 1913.

אין 1919 איז ש.י., אויף דער איינלאַדונג פון בנימין שלעזינגער, פּרע־זידענט פון דער „אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן", די טרייד יוניאָן פון די פרויען־קליידונג אַרבעטער אין אַמעריקע, געוואָרן רע־דאַקטאָר פון דעם וועכנטלעכן יוניאָן־זשורנאַל „גערעכטיקייט" און פון זיינע צוויי שוועסטער־זשורנאַלן אין ענגליש און איטאַליעניש — די אָפיציעלע אָרגאַנען פון אָט־דער גרויסער אַרבעטער־קערפּערשאַפט מיט צענדליקער טויזנטער מיטגלדער. ער האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט אין 1926, בעת דעם שטורעמדיקן קאַמף צווישן רעכטע און לינקע אין דער „אינטערנעשאָנאַל". שפּעטער איז ש.י. געווען, פאַר אַ גאַנץ קורצער צייט, מיטאַרבעטער פון „פאָר־ווערטס", און אין די ערשטע 1930ער יאָרן ווידער, פאַר אַ ניט לאַנגער צייט, רעדאַקטאָר פון „פ.אַ.ש.". זינט 1935, איז ער מיט דער „פ.אַ.ש." אָפיציעל מער נישט געווען פאַרבונדן. ער איז געוואָרן טעטיק ווי אַ לעקטשורער און אומאָפּהענגיקער זשורנאַליסט (האָט געשריבן פאַר דער „צוקונפט", „גערעכ־טיקייט" א.אַנד.). נאָך אַ לאַנגער שווערער קראַנקהייט (לונגען־קענסער) איז ער געשטאָרבן אין ניו יאָרק, אין מט. סיני האָספּיטאַל, דעם 1טן פעברואַר 1939, צו 75 יאָר. די לוויה איז פאַרגעקומען פרייטיק, דעם 3טן פעברואַר; אַ סך פראָמינענטע יידישע וואָרטפירער און פאַרטרעטער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָבן אים מספּיד געווען. מען האָט אים מקבר געווען אויף דעם כרמל בית־עולם פון אַרבעטער רינג, אין קווינס, ניו יאָרק.

2.

דער זכות פון איינעם פון די ערשטע יידישע פרייהייטלעכע פּראָפּאַ־גאַנדיסטן, אַלס רעדאַקטאָר פון די הויפּט־אָרגאַנען פון דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע אין ענגלאַנד און אַמעריקע — דער „אַרבייטער פריינד" און די „פרייע אַרבייטער שטימע", — איז ניט יאַנאָווסקיס איינציקער אומפאַר־געסלעכער אויפטו. ניט ווייניקער וואָגיק איז געווען די ראָלע פון זיין פעדער

אין דער געשיכטע פון יידישן אַרבעטער־זשורנאַליזם, פון דער יידישער פּרעסע בכלל, אויף ביידע זייטן ים. אין די נייע היימען פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, אין די צוויי גרעסטע צענטרען אירע — לאָנדאָן און ניו יאָרק — איז כמעט פון ערשטן טאָג אָן די יידישע אַרבעטער־פּרעסע געוואָרן אויך אַן אָרגאַן און טריבונע פאַר דער יידישער קינסטלערישער און באַלערנ־דיקער ליטעראַטור און פאַר די מאָדערנע קולטור־ענינים אין אַלגעמיין. אַ־ן ש.י., דער רעדאַקטאָר, האָט דערוועקט און דערמוטיקט יונגע טאַלאַנטן, האָט געהאַט אַ חוש אויסצוגעפינען פרישע, אומבאַקאַנטע אָבער טאַלאַנטפולע שרייבער, און דיכטער, געהאָלפן זיי שטעלן די ערשטע טריט אין דער פּרעסע און ליטעראַטור. עס איז ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די „פ.אַ.ש.״ אונטער ש.י. איז געווען אַ שולע און אוניווערזיטעט, דורך וועלכע עס האָבן געמוזט דורכ־גיין כמעט אַלע פּאָעטן, בעלעטריסטן און פּובליציסטן, וואָס האָבן שפּעטער באַקומען גרויסע ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע נעמען. און אפשר אים האָט מען שטאַרק צו פאַרדאַנקען פאַרן פאַקט, וואָס אַמעריקע—דאָס לאַנד וואו די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן — איז אויך דאָס לאַנד, וואו די יידישע אַרבעטער־פּרעסע איז גאַנץ פרי, נאָך מיט איבער 40 יאָר צוריק, דערגאַנגען צו אַ הויכער מדרגה פון ליטעראַרישן און זשורנאַליסטישן סטאַנדאַרד.

לאָמיר פאַרשטיין, ווי שווער און פאַראַנטוואָרטלעך עס איז די פונקציע פון אַ רעדאַקטאָר פון אַן אַרבעטער־צייטונג. יעדער זשורנאַליזם איז, אין תוך גענומען, פּירערשאַפט; יעדער רעדאַקטאָר איז בפועל ממש אַ וואָרטפירער, און אַ רעדאַקטאָר פון אַן אַרבעטער־צייטונג דאַרף זיין דער פירער פון אַר־בעטער־פירער. יאַנאָווסקיס שרייבן האָט געהאַט די מעלה, וואָס צו זיינע רייד האָט מען זיך צוגעהערט. די וואָס געדענקען אים נאָך פון יענער צייט (1913־1901) ווייסן, אַז ער האָט באַהאַנדלט אויף אַן אינטערעסאַנטן, פריש־לעבעדיקן אופן ניט נאָר די גע‍זעלשאַפטלעכע טאָג־ענינים פון אַלגעמיינעם און אַרבעטער־לעבן, נאָר האָט אויך געשריבן קריטיק אויף ביכער און טעאַ־טער־פּיעסן, פעליעטאָנען, דערציילונגען און אָפּהאַנדלונגען איבער אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן פרייען געדאַנק.

זיין ליטעראַרישער סטיל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוויסער שפּילעוודיקייט, לייכטקייט און וואַרעמקייט, ניט זעלטן אַפילו מיט אַ פּאָ־עטישער בילדלעכקייט און לירישער ווייכקייט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן צומאָל שרייבן „לידער און פּראָזע״. אָבער גלייכצייטיק האָט ער אָפט געקענט זיין שאַרף און בייסיק, דערהויפּט אין דער „פ.אַ.ש.״ פון די יאָרן 1900־1914, מיט זיין באַרימטן „בריוו־קאַסטן״ אין אין פּאָלעמישע אַרויסטרעטן אין דער צייטונג, איבער וועלכער — ווי אַ סך האָבן געהאַלטן — ער האָט געוואָלט שאַלטן און וואָלטן ווי אַן אויטאָקראַטישער הערשער. לויט זיין גאַנצער נאַטור, איז ער געוואָרן אַ „מורד״, אַ רעוואָלטירנדיקער גייסט און אייביקער

פראָטעסטאַנט, און זיין שרייבן האָט טאַקע געהאַט אַזאַ השפעה און איבער־געלאָזן ביי מענטשן לאַנג־דויערנדיקע שפורן, ווייל אין זיינע געשריבענע ווערטער האָט זיך אַזוי שטאַרק אָפּגעשפיגלט זיין נאַטור. דער לייכטער הומאָר, וואָס פלעגט אַזוי אָפּט איבערגיין אין אַ שמייסנדיקער סאַטירע, פלעגט באַשיינען אַפילו זיינע ערנסטע אַרטיקלען, אָדער די זייער אָפּטע לעקציעס אויף אַלערליי טעמעס, ערנסטע, ד.ה. פון אַ באַלערנדיקן מין, אָדער „מעניני דיומא״, ד.ה. איבער טאָג־פראַגן און איבער וואָכעדיקע אַרבעטער, פּאָליטישע און קולטורעלע אינטערעסן. אָט־דאָס איז עס געווען, וואָס האָט דעם רעדאַקטאָר און לעקטאָר, ש.י., וועלכער איז געווען אַזוי אָריגינעל און זעלבסטשטענדיק, אומדערשראָקן און געוואַגט, אין זיין דענקען זייער פּאָפּו־לער געמאַכט אין די ברייטסטע קרייזן.

פון גרויסן ביאָגראַפישן ווערט איז דער פאַקט, אַז די בייסיקע סאַטירע זיינע, די טרעפלעכקייט פון שנעלן און שאַרפן ענטפער בעת אַ פּאָלעמיק אָדער מינדלעכער דעבאַטע, קלוגע און לייכט־פאַרשטענדלעכע ביישפּילן, האָבן שוין זייער פרי אויסגעצייכנט ש.י.ן אַלס רעדנער און שרייבער.

פאַר אַ סך ביישפּילן איז דאָ קיין אָרט נישטאָ, אָבער מיר וועלן פאָרט ברענגען בלויז איין אילוסטראַציע, גענומען פון דערוייל נאָך ניט אָפּגע־דרוקטע זכרונות פון איינעם פון די עלטסטע חברים פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע אין פילאַדעלפיע, יוסף ב. מור, וואָס האָט פאַרצייכנט, לויט אונדזער בקשה, אַן עפּיזאָד פון איבער 50 יאָר צוריק. אָט וואָס ער דערציילט:

„דאָס האָט געדאַרפט זיין אין די יאָרן 1895־1896, ווען מיר האָבן געהאַט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג מיט גענאָסע יאַנאָווסקי אַלס רעדנער. איך דענק, אַז דאָס איז געווען זיין ערשטער אַרויסטריט אין פילאַדעלפיע. די פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן אין אונדזער שטענדיקן פאַרזאַמלונג־פּלאַץ, אין 10 סאַוטה סטריט. דער זאַל האָט געקענט אַריינגעמען צווישן 4 און 5 הונדערט מענטשן. דער האָל איז געווען געפּאַקט. יאַנאָווסקיס שיין ריידן און לאָגישע אַרגומענ־טאַציע זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט בייפאַל. מיין גענוס פון זיין רעדע איז דאַן געווען אומבאַשרייבלעך. אָבער חוץ דער הנאה פון זיין רעדע, האָב איך יענעם אָוונט צום ערשטן מאָל באַקומען אַ ברייטערן און טיפערן באַגריף פון דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל. ער האָט די אידייע פון אַנאַרכיזם אַזוי פאַנאַנדערגעגלידערט, איר געמאַכט אַזוי קלאָר און איינפאַך, אַז ס׳האָט אַלץ געקאָנט זיין פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם. זיינע ענטפערס אויף די פראַגן פון די גענאָסן זיינען געווען צופרידנשטעלנדיק פאַר יעדן איינעם. אָבער אין די דעבאַטן איז ער געווען שאַרף און אומברחמנותדיק. און אינגאַנצן האָט ער געהאַט צוויי אָפּאָנענטן דעם גאַנצן אָוונט. אָט ווער זיי זיינען געווען:

„איינער אַ מר. ש. — פאַבריקאַנט פון פּאַפּיר־קעסטלעך און סאָציאַל־דעמאָקראַט, און יאַנאָווסקי האָט אים נאָך געקענט פון לאָנדאָן. יאַנאָווסקי האָט אַפילו פאַר אים דאָרט געאַרבעט אַ קורצע צייט (אַלס אַ שאַפּ־אַרבעטער). אַ צווייטער קעגנער איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר 20־22, און אַ באַרדערקע ביי מיין שטיף־ברודער, וואו אויך איך האָב געוואוינט. זי האָט אַרום יענער צייט געלייענט (געדענק איך) יעקב דינעזאָנס סענטימענטאַלן ראָמאַן „אבן נגף״ און טרערן פלעגן זיך ביי איר גיסן פון די אויגן . . .

„זי פלעגט זיך האלטן פאר אן אנארכיסטקע, און איז געווען ביי אלע מיטינגען און לעקציעס פון דער גרופע. פאר אונדז, אירע שכנים, האט זי איין פרימארגן פלוצלינג דערקלערט, אז זי איז געווארן א סאציאליסטקע. און ווייסט איר פארוואס? — ווייל מאָריס ווינטשעווסקי קומט קיין אמע־ריקע. פרעג איך איר ווייטער: וואס האט עס צו טאן מיט ווערן אויס אנאר־כיסטקע? „וואס הייסט", ענטפערט זי, „ווינטשעווסקי איז דאך מיין קאזין..."

— „אלזא, דאס איז געווען די צווייטע אפאנענטקע. זי איז ארויף אויף דער פלאטפארמע זייער שטאלץ און האט גלייך אויסגעשריען: „ווער זיינען די אנארכיסטן? ווען זיי פארן אויף א שיף ווארפן זיי אריין די תפילין אין ים אריין. דאס איז אלץ וואס זיי ווייסן. און וויפיל זיינען דא אינגאנצן אנארכיסטן? — דריטהאלבן!"

— „יא, זאגט צו איר יאנאווסקי, אויב א מענטש פארט טעג און טעג און אמאל וואכן אויף א שטורעמשן ים און וואגט דאך אריינצוואווארפן די תפילין אין ים אריין — איז דאס אוודאי א מענטש מיט איבערצייגונגען און ער איז טאקע א גוטער אנארכיסט. און וואס אנבאלאנגט צוויי און א האלב אנארכיסטן — טא האב איך נאך ביז איצט קיין האלבן אנארכיסט קיינמאל ניט געזען . . . וואלט מיר אפשר די פריילין אזוי גוט זיין זאגן: וועלכע העלפט זי האט געזען? . . .

„זי איז ארויסגעלאפן פון זאל ווי אן אונטערגעשאסענע . . ."

בייסיק און שלאגפארטיק איז ש.י. געווען מיט זיינע בליץ־שנעלע גע־לונגענע תשובות. דאס האט אים געמאכט פאר א „מוראדיקן" פאלעמיסט, אפאנענט און קריטיקער. ניט איינער פון די יידישע פען־מענטשן און אק־טיארן האט פאר אים מורא געהאט און ביי געלעגנהייטן אים באשאטן מיט זלזולים און בלבולים. אפשר פונקט אזוי פיל חסידים ווי שונאים האט ש.י. געהאט אין זיינע אקטיווסטע יארן. אבער אין לעצטן סך־הכל האט ער געמאכט פון דער „פ.א.ש.", ניט נאר אן איינפלוסרייכע אנארכיסטישע צייטונג אין דער יידישער אמעריקע, נאר אויך איינע פון די בעסטע יידישע וואכנשריפטן אין נארד־אמעריקע, מיט א גרויסער רעפוטאציע אויך אין אייראפע און זיד־אמעריקע. און עס קען דעם גרינדער און בויער פון דער באנייטער „פ.א.ש." נאכגעזאגט ווערן דער שבח, אז פאר א משך פון יארן איז ער געווען איינער פון די הויפט־לערער פון דער אינטעליגענטער יידיש־לייענענדיקער יוגנט. ער האט פאר איר געעפנט א וועלט פון ליטעראטור, קונסט און קריטישן געדאנק.

3.

די מעמוארן פון ש.י. זיינען רייפע פרוכט פון 40 יאר לעבן, שטרעבן און קעמפן, ד.ה. א צייטיקער פראדוקט פון א לאנגער לעבנס־דערפארונג. דעם ערשטן טייל פון זיינע אויטאביאגראפישע זכרונות האט ער געשריבן סוף זומער 1926. דאס קען מען זען פון יענער שטעלע אין 1טן טייל, קאפ. 4 פון דעם איצטיקן בוך, וואו ער דערמאנט זיין באגעגעניש מיט ח. נ. ביאליקן

אין ניו יאָרק (ביאַליק איז געווען בלויז איין מאָל אין אַמעריקע — סוף פרילינג און אָנהייב זומער 1926). צייט האָט דעמאָלט ש.י. געהאַט לרוב, ווייל זיין פאַרבינדונג מיטן „פאָרווערטס" האָט אָנגעהאַלטן קוים אַ יאָר (ביז אָנהייב 1927), און ביז סוף 1928 זיינען שוין כמעט אַלע טיילן פון זיין ברייט־פאַר־מאָסטענעם מעמואַרן־ווערק פאַרטיק געוואָרן. אין דער „פ.אַ.ש." פון 19טן אָקטאָבער 1928 איז אַנאָנסירט געוואָרן, אַז זיי, „די זכרונות פון ש.י.", וועלן זיך אָנהייבן דרוקן אין נומער פון דעם 26טן אָקטאָבער און דערביי שרייבט דער רעדאַקטאָר (יוסף קאַהאָן), אַז „מען וועט אָנהייבן דרוקן די מעמואַרן פון פערטן באַנד אָן". דאָס מיינט, ווי מיר קענען איצט זען, אייגנטלעך, פון 4טן טייל פון זיין לעבנס־געשיכטע, ווי ער האָט זי פאַרטראַכט אין דעם ערשטן טייל פון זיין פּלאַן אויסגעפירט אין אַ כתב־יד פון דריי טיילן, וועלכע זיינען געפונען געוואָרן ערשט עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט, און ווערן דאָ איצט צום ערשטן מאָל געדרוקט.

דער ערשטער טייל, ווי די לייענער וועלן זען, איז אינגאַנצן געווידמעט דער רוסיש־יידישער סביבה (פינסק און ביאַליסטאָק), וואו ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן ביזן עלטער פון אַ יאָר צוואַנציק. דער צווייטער טייל שילדערט די ערשטע יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע און ענגלאַנד (1885־1895) מיט אַ היפּש־ברייטער באַשרייבונג פון דער ניט־יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע, דערהויפּט אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. דערמיט ווערט דער באַנד, וואָס מיר גיבן איצט אַרויס, פאַרענדיקט.

דער טייל פון די מעמואַרן (דער 4טער), וואָס איז שוין געווען געדרוקט אין דער „פ.אַ.ש.", אין איבער דרייסיק המשכים (סוף אָקט. 1928 ביזן 12טן יולי 1929) אונטערן קעפּל: „די ערשטע צוואַנציק יאָר פרייע אַרבייטער שטימע", איז אויך לײדער פאַרבליבן אומפאַרענדיקט (דער אינהאַלט פון דער געדרוקטער סעריע ווערט איבערגעגעבן אין אַ ביבליאָגראַפישער רשימה, אַלס ביילאַגע 4, אין סוף פון בוך). פון אָט־די אַרטיקלען, וואָס דערפירן די געשיכטע פון דער „פ.אַ.ש." ביז 1913 אָדער 1914, זעט מען ש.י.ס זעלטענע איבערגעבנקייט צום אידעאַל, וועלכן די „פ.אַ.ש." האָט געדינט פון איר ערשטן טאָג אָן, און אויך די גרויסע קרבנות־גרייטשאַפט זיינע, אָן וועלכער די צייטונג וואָלט מסתמא די ערשטע און שווערסטע יאָרן פון איר לעבן בשום אופן ניט געקענט דורכמאַכן און בלייבן לעבן. אויך ווערט דאָרט פאַנאַנדערגעוויקלט אין אַ ברייטער פּאַנאָראַמע די אויפבלי־פּעריאָדע פון דער יידישער ראַדיקאַלער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע; דער אויפשטייג פון סאָציאַליזם, דער אויפבלי פון יידישע יוניאָנס, פון „אַרבעטער רינג", פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַלגעמיין. מען קען דאָרט געפינען שפּאַנענדיק־אינטערעסאַנטע קאַפּיטלען וועגן דער פאַנאַנדערבליאונג פון דער יידישער ליטעראַטור און עטאַבלירונג פון בעסערן יידישן טעאַטער

א.ד.גל. דאָס דרוקן פון זיינע זכרונות האָט ש.י. (אין יולי 1929) אָפּגע־שטעלט, האָפנדיק (ווי ער האָט דערקלערט אין נומער פון 12טן יולי 1929), זיי אָפּצודרוקן שפּעטער אין אַ פאַרגרעסערטער און פאַרבעסערטער פאָרם ווי אַ בוך אָדער אין אַ פּאָר בענד פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, אָדער סתם זכרונות איבער זיין לעבנס־גאַנג.

דער פינפטער טייל, לויטן אַנאָנס אין דער „פ.אַ.ש." פון 19טן אָקט. 1928, האָט געזאָלט איבערגעבן ש.י.ס דערפאַרונגען דורך די 7 יאָר צייט, וואָס ער האָט געווירקט אַלס רעדאַקטאָר און נאָענטער פריינד און עצה־געבער פון פּרעזידענטן ב. שלעזינגער און מ. זיגמאַן אין דער פרויען־קליידונגס אַר־בעטער יוניאָן. מען האָט, נאָך יאַנאָווסקיס טויט, דעם־אָ טייל פון זיינע מע־מואַרן קיינמאָל ניט געפונען. עס איז אַזוי גוט ווי זיכער, אַז ש. יאַנאָווסקי אַליין האָט, אין אַ רגע פון טיפסטער מרה־שחורה און פאַרביטערונג לגבי די יוניאָן־טוער, מיט וועלכע ער איז יאָרן־לאַנג געווען פאַרבונדן, אָט־דעם טייל פון כתב־יד פאַרניכטעט. און דאָס זאָל געווען געשען מיט אַ יאָר אָדער צוויי פאַר זיין טויט, אַנהייב 1939.

בלויז א קליין פראַגמענט פון דעם איצטיקן באַנד, אַ טייל פון איינעם פון די ערשטע קאַפּיטלען פון בוך, וואו ס'ווערן באַהאַנדלט יאַנאָווסקיס קינ־דער־יאָרן, איז שוין געווען געדרוקט. דאָס איז דערשינען אין דער פאָרם פון אַ ביאָגראַפישן אַרטיקל, געשריבן פון א. פרומקין, אין דעם פייערלעכן נומער „פ.אַ.ש." (פון 14טן סעפּט. 1934) צום 70־יאָריקן יובילייַ פון ש.י. חוץ אָט־דעם פראַגמענט איז נאָך קיין שום אינהאַלטס־טייל פון איצטיקן בוך פריִער ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

פאַרן לייענער פון איצטיקן בוך גייט דורך אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון דער נייער יידישער סאָציאַלער געשיכטע, ד.ה. פון לעבן און שטרעבן, פון ליידן און פריידן, פון קאַמף פאַר ברויט, פרייהייט און חשיבות צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דריי לענדער — רוסלאַנד, אַמעריקע און ענגלאַנד, אין לויף פון אַ פּאָר צענדליק יאָר (1870־1895). און דאָס אַלץ באַשרייבט ש.י פון זיין אייגענער דערפאַרונג און נישט ווי אַ פּאַסיווער עדות, נאָר ווי איינער וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש און ספּעציעל פונם יידישן פאָלקס־אינטעליגענט—דעם בחור אָדער יונגן מאַן, וואָס איז אַרויס פון די פאָלקס־שיכטן, האָט אַליין, דורך זעלבסטבילדונג, זיך דערוואָרבן אַ היפּשן וויסן און איז ניט געווען גלייכגילטיק צו אַלע ענינים פון טובת־הכלל. און דער פּעריאָד 1865־1895 איז דאָך גראָד געווען די פּיאָנערן־תקופה פון פאַרפלאַנצן און פאַר־שפּרייטן פרייהייטלעכע און רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן און שטרעבונגען צווישן דער האַלב־בלינדער און ווייניק־באַוואוסטזיניקער יידישער אַרבעטער־מאַסע אין די צוויי נייע גרויסע אימיגראַציע־צענטרען פון מזרח־אייראָפּעאישן יידישן האַרעפּאַשנעם פאָלק — לאָנדאָן און ניו יאָרק.

פון אומצווייפלהאַפטער באַדייטונג פאַרן היסטאָריקער פון דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי יידן אין ש.י.ס באַשרייבונג פון זיינע באַגעגענישן און באַרירונגען מיט אַ צאָל באַקאַנטע יידישע פּיאָנערישע פיגורן (ווי מ. ווינטשעווסקי, ל. מיללער, אַב. קאַהאַן א.אַנ.) און אויך מיט גרויסע ניט־יידישע פירער און טוער אויף דער אַרענע פון אַרבעטער־קאַמפּן אין ענגלאַנד און אַמעריקע. פון די באַוואוסטע ניט־יידישע לערער און וועגווייזער פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, צו וועלכע ש.י. האָט זיך דערנעענטערט אין זיינע לאָנדאָנער יאָרן, האָבן אַ גאָר שטאַרקן רושם אויף אים געמאַכט פּעטער קראָפּאָטקין (1842־1921) און וויליאַם מאָריס (1834־1896). מיט קראָפּאָטקינען, ווי ער דערציילט אין זיינע איצטיקע מעמואַרן (3טער טייל) האָט ער געהאַט עטלעכע שמועסן איבער געוויסע טעאָרעטישע פראַגן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, ווי „דירעקטע אַקציע" און „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט" — וואָס איז פון אינטערעס און דויערנדיקן ווערט פאַר פאָרשער פון דער פרייהייטלעכער געדאַנקען־וועלט בכלל, ד.ה. פון דער אַלוועלטלעכער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַן אַנטשיידנדיקן פּעריאָד און פאַזיס פון איר וואוקס און אַנטוויקלונג — די 1890ער יאָרן, בעת און נאָך די שטורמישע פּאַסירונגען און טעראָריסטישע אַקטן אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, באַזונדערס אין פראַנקרייך.

פון די באַגעגענישן מיטן זייער סימפּאַטישן און קינסטלעריש הויך־באַגאַבטן פּאָעט און קונסט־קענער און גראַפישן מייסטער וו. מאָריס האָט ש.י. באַקומען איינדרוקן און שפּורן וואָס זיינען ביי אים פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן, ווי מיר וועלן עס נאָך זען ווייטער אונטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט ש.י. די זכרונות זיינע, ווי עס איז דער פאַל מיט אַלע מעמואַריסטישע ווערק, געשריבן סוביעקטיוו, ד.ה. דורך און דורך אין ליכט פון זיין איינשטעלונג און קוק אויף זאַכן, ספּעציעל — וואָס איז שייך די שפּעטערדיקע פּאַסירונגען איז זיין לעבן און קאַמף (נאָך 1900) דאָ אין אַמעריקע. איז פונקט ווי זיין אַקטיווע אַרבעט אין דער „פ.אַ.ש." אין לויף פון צוויי יאָרצענדליקן, האָבן אויך זיינע אָפּגעדרוקטע מעמואַרן (אין דער דערמאָנטער סעריע „די ערשטע צוואַנציק יאָר „פ.אַ.ש.") אַרויסגערופן שאַרפע קריטיק פון באַרימטע אַנאַרכיסטישע באַוועגונגס־טוער, מיט וועלכע ער האָט נישט „געקוקט אויג אין אויג" אויף וויכטיקע, עיקרדיקע פראַגן, אָדער גאָר ביי דער אויסטייטשונג פון אַנטשיידנדיקע צייט־פּאַסירונגען. טאָ זיינען טאַקע אַנטקעגן געוויסע טיילן פון זיינע געדרוקטע זכרונות אַרויסגעקומען מיט אויסזעצונגען ניט ווייניקער פראָמינענטע חברים ווי דר. י. א. מעריסאָן, עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן (געדרוקט אין דער „פ.אַ.ש." פון 26טן אַפּריל, 1929), ווען ש.י. האָט גלייך געענטפערט מיט אַ ספּעציעלן אַרטיקל „וואָס איך האָב צו זאָגן אין מיין פאַרטיידיקונג" („פ.אַ.ש." פון 3טן מאַי, 1929).

אין יעדער מער אָדער ווייניקער אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון ש.י.ס פערזענלעכקייט און ראָלע, טאָר נישט איבערגעהיפּט ווערן דער פאַקט, אַז מחמת געוויסע גייסטיקע שטריכן זיינע, ווי דער עגאָצענטרישער טעמפּעראַמענט און זעלבסטזיכערקייט, האָט געמוזט, אויטאָמאַטיש אַזוי צו זאָגן, זיך שאַפן אַ געוויסע אָפּאָזיציע צו אים. זי האָט אַפילו אָנגענומען, צייטנווייז, אָרגאַניזאַציאָנעל־קריסטאַליזירטע פאָרמען. און געשען איז עס גראָד אין דער גלאָררייכסטער צייט פון דער „פ.אַ.ש.“, אין 1906 אָדער 1907. איינער פון די אָנטיילנעמער אין יענער אָפּאָזיציע, אַן אַלטער און גוט־באַקאַנטער חבר, וועמען מיר האָבן שוין איין מאָל ציטירט, דוד איזאַקאָוויץ, אַ לאַנגיעריקער טוער אין יידישן אַנאַרכיזם אין ענגלאַנד און אַמעריקע, האָט צוגטראָגן עטלעכע ווערטפולע בלעטלעך זכרונות צו דער כאַראַקטעריזירונג פון ש.י., דעם רעדאַקטאָר און באַוועגונגס־טוער, וואָס פאַרדינען ציטירט צו ווערן דאָ, כדי אָוועקצושטעלן דאָס גאַנצע מעמואַריסטיש ווערק יאַנאָווסקיס (אויך דאָס וואָס איז שוין געווען אָפּגעדרוקט אין 1928־1929) אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו, און עס פאַרפולקאָמען אַלס מאַטעריאַל און קוואַל פאַרן היסטאָריקער פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

אין די יידישע אַנאַרכיסטישע רייען (אָדער באַוועגונג, ווי מיר רופן עס) איז אָנגעגאַנגען אַן אומצופרידנקייט מיט דעם „אָפיציעלן אַנאַרכיזם“, ווי דער פאַרשטאָרבענער גענאָסע דר. הלל זאָלאָטאַראָוו האָט טרעפלעך כאַראַקטעריזירט גענ. יאַנאָווסקיס לייטונג פון דער „פ.אַ.ש.“ — און איבערהויפּט אַ פאַרלאַנג צו רעווידירן און צופּאַסן די אַנאַרכיסטישע מעטאָדן און טאַקטיק צום רעאַלן לעבן.*)

. . . .

גענ. י. א. מעריסאָן, אין זיין רעוויזיע פון דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע, איז אויך אַרויסגעטראָטן פאַר אַן אַנאַרכיסטישער סאָציאַל־פּאָליטישער טעטיקייט.

. . . .

אין פילאַדעלפיע — דער צווייטער צענטער נאָך ניו יאָרק פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געזאָלט זיין דער צווייטער שותף אין אַרויסגעבן די „פ.אַ.ש.“ — האָט געהערשט אַן ענלעכער צושטאַנד. די גענאָסן יוסף קאַהאַן, ב. אַקסלער, ה. וויינבערג און אַנדערע זיינען געווען אומצופרידן און האָבן זאָגאַר אַ קורצע צייט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צייטונג „ברויט און פרייהייט“ (ערשטע נומער דערשינען דעם 11טן נאָוועמבער, 1906).

דערצו זיינען אין דער צווייטער העלפט פון ערשטן יאָרצענדליק און אין דער ערשטער העלפט פון צווייטן יאָרצענדליק פון דעם אַזוי פיל פאַרשפּרעכנדיקן און אַנטוישנדיקן 20סטן י״ה אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע אַ היפּשע צאָל יידישע אַנאַרכיסטן פון אייראָפּע און ענגלאַנד.

*) בפרט אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער פראַגע — ה.פ.

וועלכע האָבן זיך געפילט אַנטוישט און זיך ניט געקאָנט אַריינפּאַסן אין דער היגער באַוועגונג.

געווי וואָס די אומצופרידענע גענאָסן האָבן געוואָלט און געפאָדערט איז אייגנטלעך ניט געווען גאַנץ קלאָר. קורץ פאָרמולירט, איז דאָס געווען — אַ דראַנג און פאַרלאַנג צו זיין אַן איינהייטלעך אָרגאַניזירטע, סאָלידע באַוועגונג, וואָס זאָל האָבן אַן איינפלוס אויף דער ראַדיקאַלער און אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן געוואָלט, אַז די „פ.אַ.ש." זאָל זיין דער אָרגאַן, דער אויסדרוק פון דער אָרגאַניזירטער באַוועגונג און טאָן דידאַקטיקע אַרבעט, און גענ. יאַנאָווסקי זאָל זיך רעכענען מיט די מיינונגען פון זייערע גרופּן.

גענ. יאַנאָווסקי אָבער, וועלכער האָט ביים אָננעמען די רעדאַקציע פון דער „פ.אַ.ש." געקראָגן דעם מאַנדאַט צו פירן די צייטונג ווי ער פאַרשטייט, און האָט דערגרייכט אַ שיינבאַרן באַדייטנדיקן דערפאָלג, איז געקומען צו דער זעלבסטצופרידענער איבערצייגונג, אַז אַזוי ווי ער פירט די צייטונג און אַזוי ווי ער פאַסט־אויף דעם קאָמוניסטישן אַנאַרכיזם און די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז דער איינציקער ריכטיקער וועג, און עס איז גאָרנישט ניטאָ וואָס זיך צו „באַדערן" מיט זעלבסט־קריטיק און מיט רעוויזיעס.

אמת, גענ. יאַנאָווסקי איז געווען ליבעראַל. אויף די אויסזעצונגען און טענות, וואָס גרופּן און גענאָסן האָבן געהאַט צו אים, פלעגט ער ענטפערן: „וואָס דרייט איר אַ קאָפּ? איר ווילט וואָס טאָן — גייט און טוט; ווער לאָזט אייך ניט? . . . איר ווילט שרייבן — שרייבט, איך וועל עס דרוקן!

. . . — און ער האָט טאַקע געדרוקט. אָבער צו קיין גנאי זאָל דאָס אים ניט זיין: אַלס רעדאַקטאָר האָט ער, פאַרשטייט זיך, געהאַט דאָס לעצטע וואָרט; און ניט יעדער איז געווען אַ בעלן אַריינצוכאַפּן זיין „לעצטן וואָרט". פאַר דאָס וואָס איז ניט געווען לויט זיין גוסט, אָדער וואָס לויט זיין מיינונג האָט געקענט שאַדן טאָן זיין „פ.אַ.ש." (פון אונדז באַטאָנט—ה.פ.), האָט ער „אַוועקגעגעבן אַ גאָב", ווי ער האָט עס אויסגעצייכנט געקאָנט, אָדער, אין בעסטן פאַל, געמאַכט צו קליינגעלט און אינגאַנצן פאַרשוויגן. און ניט גאָר זעלטן פלעגט ער עס אַזוי „צופּיקסן", אַז עס איז אַרויסגעקומען פונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם וואָס דער שרייבער האָט געוואָלט אַרויסברענגען.*)

אָבער בנוגע גענ. יאַנאָווסקיס באַציאונג צו דער אייגענער „אָפּאָזיציע" אָדער גענאָסנשאַפטלעכע קריטיק — צו וועמען, אגב, ער איז געווען שטרענגער און קאַרגער מיט געבן זיי „פרייע פּרעסע" ווי צו

*) אַזאַ מין דערפאַרונג מיט גענ. יאַנאָווסקין האָב איך געהאַט ווען פון מיינעם אַזוי־גערופענעם רעוויזיאָניסטישן אַרטיקל, אין וועלכן איך האָב קריטיקירט די אַנאַרכיסטישע רעוואָלוציע מעטאָדע, איז אַרויסגעקומען פונקט דאָס פאַרקערטע. ווען איך האָב אים געפרעגט: „ס'טייטש, גענ. יאַנאָווסקי?" האָט ער מיר געענטפערט: „וואָס אַרט עס אייך? איך ווייס בעסער וואָס די גענאָסן גלייכן." דאָס האָט געפירט דערצו, אַז איך האָב מער ניט געשריבן פאַר דער „פ.אַ.ש.", ביז גענ. יאַנאָווסקי האָט איר איבערגעגעבן דער באַוועגונג. (באַמערקונג פון ד. איזאַקאָוויץ אין ציטירטן אַרטיקל)

פּרעמדע פּרינציפּיעלע קעגנער — מוז מען למען האמת צוגעבן, אַז ניט אַלעמאָל זיינען זיינע קריטיקער געווען גערעכט. ניט איינמאָל האָט עס פּאַסירט, אַז איך אַליין, אַלס איינער פון דער אָפּאָזיציע, האָב איס געדאַרפט פאַרטיידיקן. איבערהויפּט איז דאָס געווען דער פאַל ווען מאַנכע גענאָסן פלעגן אים אַטאַקירן פאַר זיין אויסגעשפּראָכענער קעגנערשאַפט צו „אינדיווידועלע רעוואָלוציאָנערע אַקטן" און פאַר זיין שטעלונג קעגן דעם „סינדיקאַליזם" און פאַר דער „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר".

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די אַקטיווע גענאָסן פון דער אָפּאָזיציע האָבן באַשלאָסן צו נעמען געג. יאַנאָווסקיס עצה (פון „גיין און טאָן") און מאַכן אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן די יידישע אַנאַרכיסטן אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד אין אַ פעדעראַציע און צוזאַמען מיט דער הילף פון די עלטערע גענאָסן, ווי מיר האָבן גערופן די אַרויסגעבער פון דער „פ.אַ.ש." — אַרויסגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן, אַ וועכנטלעכע צייטונג אָדער אַ מאָנאַטלעכען זשורנאַל (דאָס איז געווען די פאָרגעשיכטע פון דער ניט־פעריאָדישער שריפט „דאָס פרייע וואָרט", פון וועלכער בלויז אַ פאָר נומערן זיינען אין 1912-1911 דערשינען. — ה.פ.) **)

ווי געג. ד. איזאַקאָוויץ באַמערקט, פלעגט ש. י. ניט וועלן צולאָזן מ'זאָל שאָדן טאָן זיין „פ.אַ.ש.", און ווען ס'האָט איר געדראָט אַ ביז גאָר שווערע סכנה אינגאַנצן אונטערצוגיין מחמת די פּאָליטישע אומשטענדן אין לאַנד נאָך אַמעריקעס אַריינטריט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָנהייב אַפּריל 1917, האָט ש.י. זיך מסתמא געזען געצוואונגען צו מאַכן פשרות מיט זיין געוויסן און מיט די באַוועגונגס־אידעאַלן. מ'קען, בכן, די שטעלונג זיינע צו דער ערשטער וועלט־מלחמה (אין אַ סך פּרטים ענלעך צו פּעטער קראָפּאָטקינס פּאָזיציע אין אָט־דעם ענין) דערקלערן טיילווייז מיט זיין זאָרג מכוח דעם קיום פון זיין באַליבטער וואָכנשריפט. ער האָט געוואָלט די „פ.אַ.ש." פאַר יעדן פּרייז אָפּהיטן פון אַ געוואַלטזאַמען טויט — דורך אַ דעקרעט פון דער רעגירונג, וואָס וואָלט די צייטונג אונטערדריקט — און, ווי ש.י. האָט, ווי מיר וועלן באַלד זען, ריכטיק געזען — אונטערדריקט אויף שטענדיק! דאָס טרעט בולט אַרויס פון זיינעם אַ בריוו, געשריבן צו זיינעם אַ חבר און פריינד, דר. מ. בערנשטיין, אין שיקאַגאָ, דעם 10טן אַפּריל, 1917 — אַ בריוו, מיט וועלכן ס'איז כדאי, למען דער פולקייט פון ביאָגראַפישן וויסן איבער דעם לעבן און שאַפן פון ש. י., די לייענער צו באַקענען:

„. . . איצט איז אַזאַ מעשה. מיר דערנענטערן זיך צו גאַנץ שווערע צייטן, צייטן ווען די פרייהייט פון דער פּרעסע וועט פון אונדזערע מאַכטהאָבער געטראָטן ווערן מיט די פיס. אויב די „פ.אַ.ש." זאָל ווייטער וועלן, ווי ביז איצט, ריידן אַזוי אָפן, איבערהויפּט אין דער

**) זעט די אַרטיקלען פון ד. איזאַקאָוויץ: „צו דער געשיכטע פון דער קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט" אין דער „פ.אַ.ש." פון 19טן און 26טן פעברואַר, 1943. דאָרט ווערט אויספירלעך באַהאַנדלט נומ. 2 פון „דאָס פרייע וואָרט".

פראַגע פון אונדזער מלחמה, דאַן איז עס אַזוי זיכער, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז מען וועט זי אײַנגאַנצן צומאַכן. ווידער שווייגן איז אויך ניט גוט. צו וואָס־זשע דאַרף מען אַ צײַטונג? שרײַבן צווישן די שורות? אַך, ווי ניט אָנגענעם דאָס איז. איך בין אין אַ גרויסער פאַר־לעגנהייט. איך ווייס ניט אַליין ווי איך זאָל האַנדלען. כדי איך זאָל קענען קומען צו אַ באַשלוס וואָלט איך זייער געוואָלט הערן די מיי־נונגען פון די גענאָסן פון דער „פ.אַ.ש. אַסאָסיאיישאַן" אין שיקאַגאָ און אַנדערשוואו — — — איך וויל איר זאָלט געדענקען, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט אום די פּערזענלעכע זיכערהייט פון דעם אָדער יענעם. דאָס איז די קלענסטע זאַך. עס איז אַ פראַגע וועגן אָנהאַלטן די „פ.אַ.ש." אין אַ קריטישן מאָמענט. ווען די „פ.אַ.ש" זאָל איצט אונטערדריקט ווערן, וועט עס זײַן זייער שווער איר נאָכאַמאָל לעבעדיק צו מאַכן. דאָס אַלץ מוז גענומען ווערן אין אַנבאַטראַכט.

איך בעט אײַך, גענאָסע בערנשטיין, דעם בריוו מײַנעם פאַרצו־לייענען פאַר דער אַסאָסיאיישאַן, נעמט זיך גלײַך צײַט דיסקוטירן יעדן פונקט און לאָזט מיר וויסן.***)

פאַרענדיקנדיק דעם קורצן איבערזיכט פון ש.י.ס ראָלע אַלס רעדאַקטאָר און גײַסטיקער וועגווײַזער פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג דורך 20 יאָר צײַט — אין שייכות מיט דעם גרויסן טייל פון זײַנע זכרונות, וואָס גייען ניט אַרײַן אין דעם בוך, אָבער זײַנען שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן, מוז מען צוגעבן אָט וואָס: עס וועט בלײַבן אַן אייביקער און פון קיינעם ניט אָפּצולייקענענדיקער פאַרדינסט פון ש. יאַנאָווסקיס „פ.אַ.ש.", אַז זי איז גע־ווען די אמתע און אומפאַרפעלטע טרעגערין פון פּרינציפּ „פרייע פרעסע". זי פלעגט האַלטן אָפן אירע שפּאַלטן פאַר פּרינציפּיעלע קעגנער, אידעאָלאָגישע באַקעמפער, אַנגעהעריקע פון אַנדערע לאַגערן, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־נאַציאָנאַליסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן א.ד.גל., וואָס פלעגן, מחמת די אָדער יענע אומשטענדן, אין זייערע אייגענע פּאַרטיי־אָר־גאַנען נישט קענען, נישט טאָרן קומען צום וואָרט, אָדער האָבן פּשוט געוואָלט באַקענען די וועלט מיט זייערע אידעאַלן — מענטשן און וואָרטפירער ווי פיליפּ קראַנץ, חיים זשיטלאָווסקי, דר. יצחק אייזיק הורוויטש און אַ סך אַנדערע. און זיי אַלע זײַנען שטענדיק געווען וואַרעמע פרײַנט און שטיצער פון דער „פ.אַ.ש.".

.4

אויטאָביאָגראַפישע אַרבעטן, וואָס שילדערן אויספירלעך די יוגנט־יאָרן פון זייער מחבר, קענען, פאַרשטייט זיך, אויפדעקן די גײַסטיקע השפעות, וואָס האָבן געווירקט אויף די פאָרמאַטיווע יאָרן זײַנע. דורך זיי, למשל, דער־וויסן מיר זיך, אַ שטייגער, וועלכע ביכער דער שרײַבער פון מעמוארן האָט

***) פולער טעקסט פון בריוו איז אָפּגעדרוקט אין דער „פ.אַ.ש." פון 24טן יאַנ. 1947.

אין זיינע יונגע יאָרן געלייענט און מיר דערגייען אַ ביז גאָר וויכטיקן ביאָ־
גראַפישן פּרט, דהיינו: וועלכע ביכער האָבן דעם שרייבער פון די זכרונות
אַמשטאַרקסטן באַאיינפלוסט און געלאָזן שפּורן וואָס זיינען פאַרבליבן אויפן
גאַנצן לעבן. אין ש.י.ס איצטיקע מעמוארן ווערן, דירעקט אָדער אומדירעקט,
דערמאָנט בלויז צוויי אַזוינע ביכער, ביידע מיט אַ סאָציאַלן און ראַדיקאַלן
אינהאַלט, וואָס האָבן פאָרמירט, קען מען זאָגן, אַ גאַנצן דור, האָבן משפּיע
געווען אַ גאַנצע תקופה. אָבער אין איצטיקן פאַל שטעלען זיי פאָר פאַר אונדז
אַ ספּעציעלן אינטערעס, ווייל די קערנדלעך, וואָס זיינען דורך די צוויי ביכער
אין יאַנאָווסקיס גייסט פאַרזייט געוואָרן, האָבן זיך שפּעטער פּרעכטיק צע־
בליט און האָבן גאַנץ פרי אָנגעהויבן צו ברענגען אַנציענדיקע, באַטעמטע
פּרוכט. די צוויי ווערק וואָס מיר האָבן דאָ אין זינען זיינען פּעטער לאַווראָווס
„היסטאָרישע בריוו" און באָקלס „געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד".
מען מוז וועגן זיי זאָגן עטלעכע ווערטער, אויב מ'זאָל פאַרשטיין ווי אַזוי ש.י.
האָט זיך גייסטיק אויסגעפאָרמירט אונטער זייער טיפגרייכנדיקער השפּעה.

פּ. לאַווראָוו (1823־1900) האָט זיינע זייער פּאָפּולערע ביי דער אינ־
טעליגענציע און רעוואָלוציאָנער־געשטימטער יוגנט אין רוסלאַנד, אין די
1870ער און שפּעטערדיקע יאָרן, „בריוו" אָנגעשריבן (אונטערן פּסעוודאָנים:
פּ. מירטאָוו) אין 1867־1869 אין אַן אָפּגעלעגענער פּראָווינץ־שטאָט, וואָלאָגדאָ,
וואוהין די צאַרישע רעגירונג האָט אים פאַרשיקט נאָך קאַראַקאָזאָווס אַטענ־
טאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טן אין 1866. די הויפּט־קוואַלן פון לאַווראָווס
אָנשויאונגען זיינען געווען די סאָציאָלאָגישע און פילאָזאָפישע ווערק פון
אויגוסט קאָנט, פון עמנואל קאַנט, פון העגעל, פייערבאַך און פּרודאָן. זייערע
געדאַנקען האָט ער סינטעזירט און זיי איבערגעגאָסן אין אַ נייער און אָרי־
גינעלער פאָרם, וואָס איז פון די שפּעטערדיקע פאָרשער אָנגערופן געוואָרן
די „ערשטע און וויכטיקסטע סיסטעם פון אַ רוסישער סוביעקטיווער סאָציאָ־
לאָגיע", וועלכע איז נאָך פּ. לאַווראָוון ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן פון ניקאָ־
לאַי ק. מיכאַילאָווסקי (1842־1904). פּ. לאַווראָוו האָט אין זיינע „היסטאָרישע
בריוו" אָפּגעלייקנט די פּאָפּולער־געוואָרענע אין די 1860ער יאָרן נאַטור־
וויסנשאַפטלעך־מאַטעריאַליסטישע און אוטיליטאַרישע אָנזיכטן פון פּובלי־
ציסט און ליטעראַטור־קריטיקער ד. פּיסאַרעוו (1840־1868), וועלכע האָבן
לייכט געקענט פאַרפירן דעם יונגן דור צו אַ ביליקן אינדיווידואַליזם־עגאָאיזם,
אָדער אַפילו צו אַ וואולגאַרן, פלאַכן ציניזם. אַנטקעגן דעם אינדיווידואַליס־
טיש־דענקנדיקן, תכלית־זוכנדיקן (הגם מיט גוטע כוונות) יחיד (פון דעם מין
וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט אין דעם באַזאַראָוו טיפּ פון טורגעניעווס באַקאַנטן
ראָמאַן „פאָטערס און קינדער") האָט לאַווראָוו, אין אַ לעבעדיקער און איבער־
צייגנדיקער, פילאָזאָפיש און עטיש באַגרינדעטער פאָרם, גלאָריפיצירט דעם
טיפּ פון דער אַזוי־גערופענער „קריטיש דענקנדיקער פּערזענלעכקייט". קאָנ־
קרעט האָט עס באַדייט, אין זיין אויסטייטשונג, ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער

באַוואוסטזיין פון אַ חוב, וואָס די מיטגלידער פון די פאַרמעגלעכע און גע־בילדעטע קלאַסן מוזן אָפּצאָלן דעם פּשוטן, דעם האָרעפּאַשנעם פאָלק (און דאָס האָט אין רוסלאַנד, אין תוך, באַדייט דעמאָלט די פּויערים־מאַסן) — די מאַסן וואָס האָבן מיט זייער מי און דורות־לאַנגער האָרעוואַניע דערמעג־לעכט פאַרן לייַדיקגייער־קלאַס (ספּעציעל פאַר די פּריצים־לאַנדבאַזיצער) צו לעבן אין רחבות און געניסן פון אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע תענוגים. אָט־די שיטה האָט ערשט געשאַפן אין רוסלאַנד פון די 1870ער יאָרן די באַוועגונג פון „גיין אין פאָלק״ און זיך אויסמישן מיטן המון־עם, מיט די ברייטע, אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן, כדי זיי צו דינען און זיי צו דער־הייבן צו אַ שענערן, אַ באַוואוסטזיניקערן, אַ פרייערן און זאַטערן לעבן. אונטערן איינפלוס פון אָט־די אידייען האָט זיך אַנטוויקלט די אידעאָלאָגיע פון די ערשטע מאָדערנע רוסישע רעוואָלוציאָנערן־טעראָריסטן, מיט דעם אומבאַגרענעצטן מסירת־נפש און אידעאַליזם זייערן, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ צויבער־ווירקונג אויפן יונגן בחור יאַנאָווסקי, ווי ער דערציילט עס אין איינעם פון די ערשטע קאַפּיטלען פון זיינע זכרונות, באַשרייבנדיק זיינע יוגנט־יאָרן אין ביאַליסטאָק.

און ס׳דאַרף אונדז נישט וואונדערן, וואָס דער וויסנדורשטיקער און צום „קריטישן דענקען״ גענייגטער יונגער ש. י. איז אַנגעשטעקט געוואָרן מיטן ערנסטן ווילן פון די עכט־רוסישע אידעאַליסטן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויף מירטאָוו־לאַווראָווס אידייען. און פרי האָט זיך דערוועקט אין ש.י.ן דער חשק אויך זיך צו דערנענטערן צום אָרעמען און ליידנדיקן פאָלק. און דאָס האָט אין די אומשטענדן פון זיין אומגעבונג — אין פּינסק און ביאַליסטאָק — שטעט וואו דריי־פערטל פון די איינוואוינער זיינען געווען יידן — געמוזט זיין דווקא די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסע, וואָס גאַנץ פרי נאָך, ווען ער איז קוים 18־19 יאָר אַלט געווען, האָט ש.י. שוין געוואָלט זיי לערנען, אויפקלערן און פון זיי מאַכן באַוואוסטזיניקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

און וואָס ווייטער אין יאָרן ער איז אַוועק פון אָט־דעם ערשטן יוגנט־איינפלוס, וואָס מירטאָוו־לאַווראָווס לערע האָט געהאַט אויף אים, אַלץ פעס־טער און זיכערער איז געוואָרן ביי ש.י.ן די איבערצייגונג, אַז העלפן אַ מענטשן צו ווערן אַ „קריטיש־דענקנדיקע פּערזענלעכקייט״, אַ גייסטיק־זעלבסטשטענדיקער יחיד, דאַרף זיין דער ערשטער און וויכטיקסטער ציל פון יעדער אויפקלערונג־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט דורך די צייטונגען, ביכער, לעקציעס א.ד.גל. אין אָט־דעם זין לאָזט זיך זאָגן, אַז דער יונגער יאַנאָווסקי, דער באַגייסטערטער לייענער פון מירטאָוו־לאַווראָווס „היסטאָרישע בריוו״, איז ווירקלעך געווען דער טאַטע, דער מקור פון דעם שפּעטערדיקן, דעם רייפן ש.י., דעם וואָרטפירער און לערער פון טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן און אַרבעטער־טוער און פירער אויף ביידע זייטן ים. און נישט ווייניקער טיף,

פונדאַמענטאַל איז געווען די השפּעה וואָס עס האָט געהאַט אויף אים, אין דער יוגנט, דער היסטאָריקער באָקל.

הענרי טאָמאַס באָקל (1821־1862) האָט מיט זיין „געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד", וואָס איז דערשינען אין 1857־1862, געמאַכט אַן אומגעהייערן רושם אויף די אינטעליגענטע קרייזן אין אייראָפּע, אָבער ספּעציעל אין רוסלאַנד, וואו זיין ווערק איז גיך געוואָרן זייער פּאָפּולער און ברייט פאַרשפּרייט. אויך אויף ש.י.ן האָט דאָס בוך מסתמא געמאַכט אַ ביז גאָר טיפן רושם, ווי מ'זעט עס פון זיין באַשרייבונג פון אַ היפּש־דראַמאַטישן עפּיזאָד בעת זיינע יוגנט־יאָרן אין ביאַליסטאָק. אַ פּריוואַט־לערער אין גאַנץ פאַרמעגלעכע הייזער, האָט ער אַפילו ביי די „באַלעבאַטישע" קינדער, אויס גרויס באַגייסטערונג, משמעות, פאַר באָקלס אידייען, געוואָלט דערוועקן אינטערעס צו באָקלס לערעס.*) דערפאַר האָט מען, אין די פאַרמעגלעכע על־טערן־קרייזן, אויף אים געוואָרפן אַ חשד, אַז ער איז געכאַפּט אין „רעוואָלוציאָנערישקייט" און אים אָפּגעזאָגט פון דער „שטונדע". אין וואָס־זשע איז באַשטאַנען דער תוך פון באָקלס געדאַנקען־וועלט?

דער „באַהערשער פון די מוחות" פון אומציילליקע טויזנטער יונגע אינטעליגענטן, פרייהייטס־זוכער און סתם „אויפגעקלערטע" אין רוסלאַנד, באָקל, האָט געזוכט אויסצוגעפינען (דורך גריבלען זיך אין דער ביז־איצטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט) די פיזישע, עטישע און אינטעלעקטועלע געזעצן, וועלכע באַשטימען דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג און במילא די געשיכטע פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן. די פּרינציפּן און געזעצן פון מענטשלעכן פּראָגרעס האָט ער געוואָלט אויסגעפינען און פעסטשטעלן אויפן גרונט פון דער היסטאָריע פון ניט נאָר די אַלטע, די אוראַלטע, נאָר פון די נייערע לענדער, ווי שפּאַניע, שאָטלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן און דייטשלאַנד. און געקומען איז ער דערביי צו אַזאַ אויספיר: דער קלימאַט, דער באָדן (ערד), די שפּייז און די נאַטור־אייגנשאַפטן בכלל פון דער אומגעבונג — אָט זיי זיינען דאָס כלומרשט (ווי מיר קענען היינט זאָגן, ווען די געשיכטלעכע פאָרשונג גייט אַריין פיל טיפער אין תוך פון אַלערליי ציוויליזאַציעס ווי אין די צייטן מיט אַ 100 יאָר צוריק) די הויפּט־פאַקטאָרן פון גייסטיקן, פון אינטעלעקטועלן, און אויך פון דעם מאַטעריעלן, דעם אינדוסטריעלן, פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

דער גרויסער אונטערשייד, האַלט באָקל, צווישן דער אייראָפּעאישער און ניט־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע באַשטייט דערין, וואָס אין אייראָפּע איז דער מענטש געווען שטאַרקער פון דער נאַטור, בעת אַנדערשוואו האָט די נאַטור באַוועלטיקט דעם מענטשן און במילא האָט בלויז אין אייראָפּע דער

*) ווי ס'האָט מיר דערציילט ש. יאַנאָווסקיס אלמנה, מרס. ליזאַ יאַנאָווסקי, אַליין אַ ביאַליסטאָקעריז, איז דער אינצידענט פאָרלאָפן אין דער משפּחה פון דעם באַנקיר אליי מלך. — ה.פ.

מענטש געקענט איינשפּאַנען די נאַטור, אַז זי זאָל אים דינען. ווייטער, גלויבט באַקל, אַז דער מענטשלעכער פּראָגרעס ווערט געטריבן ניט נאָר פון די עטישע געבאָטן, וואָס בלייבן אין גרונט די זעלביקע פון דור צו דור און ווייסן כלומרשט נישט פון אַ צופּאַסונג צום אָרט און צו דער צייט. נאָר אַז דער פּראָגרעס ווערט געטריבן, לויט באַקלען נאָך, דווקא דורך דער אינטעלעקטועלער פּאַרפּולקאָמונג פון יחיד און פון כלל, ד.ה. דורך בילדונג, אויפקלערונג, דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט און איר רעגירונג א.ד.גל. די ראָלע פון עטיק פון יעדן מענטשן, ד.ה. זיינע פליכטן און ניט נאָר זיינע רעכטן, זיינע פּאַראַנטוואָרטלעכקייטן, זיין ערנסטקייט און טיכטיקייט, זיינען במילא — האַלט באַקל — פון ניט קיין גאָר גרויסער באַדייטונג אין פאַרגלייך מיט דער ראָלע דווקא פון „פאַרשטאַנד״, פון דעם מעטשלעכן מוח. גרויסע, דורך דורות אויפגעבויטע גייסטיקע שאַפונגען, ווי קאָלעקטיווער וועלט־באַנעם (רעליגיע), ליטעראַטור, און געזעלשאַפטלעכע איינאָרדענונג־סיסטעמען, זיינען אין בעסטן פאַל די פּראָדוקטן און ניט די אורזאַכן פון ציוויליזאַציע. און דער אמתער פּראָגרעס, דער רעאַלער פּאָרשריט, פון דער ציוויליזאַציע קומט אַרויס פון אַ וויכטיקער און טיף־איינגעוואָרצלטער פונקציע פון אַנטוויקלטן שכל — צו „צווייפלען״, צו אונטערזוכן און ניט אָנצונעמען מיינונגען בלויז דורך אמונה און צוטרוי צו אַנדערע מענטשן — צו זיין, בקיצור, אַ סקעפּטיקער און נישט צו האַלטן זיך בלינד און מעכאַניש ביי די אַלט־איינגעפירטע גלויבונגען, טראַדיציעס און אָנזיכטן.

אין דער ערשטער העלפט פון 20סטן יאָרהונדערט איז אויף דער גייסטיקער בערזשע דער קורס פון באַקלס לערע שוין נישט געשטאַנען אַזוי הויך ווי מיט פופציק יאָר פריער. פּעטער קראָפּאָטקין, וואָס האָט זיין גייסטיקע קאַריערע אָנגעהויבן אין אַ צייט, ווען באַקלס שיטה איז פון די יונגע רוסישע רעוואָלוציאָנערן פאַרהייליקט געוואָרן; אַט־דער גרויסער קראָפּאָטקין האָט נאָך כמעט 50 יאָר באַוואוסטזיניקן קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם אָפּגעגעבן אַלע זיינע לעצטע כוחות פאַר דער אויסאַרבעטונג פון אַ סיסטעם פון דווקא דער עטיק אין פרייהייטלעכן און סאָציאַליסטישן גייסט. אַזוי וויכטיק און נויטיק האָט ער געהאַלטן דעם עטישן עלעמענט פון דער מענטשלעכער נאַטור, פון דעם מענטשנס באַוואוסטזיין און זעלבסט־דערקענטעניש. אָבער מיר דאַרפן דאָך פאַרשטיין דעם גייסטיקן פּנים פון יונגן ש.י. אין דעם קאָנטעקסט, אין פולער שייכות, מיטן „אינטעלעקטועלן קלימאַט״ פון יענער צייט, מיט אַ יאָר 60 - 70 צוריק, ווען מ'האָט געקוקט אויף באַקלס לערע ווי אויף אַ זייער הויכער און טיפער שיטה. קיינעם איז נאָך דעמאָלט אין קאָפּ ניט געקומען דער ווייסטער רעיון, אַז די געלויבטע, צום זיבעטן הימל פון באַקלען דערהויבענע, „אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע״ וועט זיך אויסלאָזן מיט צוויי שוידערלעכע וועלט־מלחמות, וואָס שיינען נאָר צו זיין אַן אָנהייב פון אַ

גאַנצער ריי מוראַדיקע וועלט־פּאַרוויסטונגען און מאַסן־אויסשעכטונגען פון אומשולדיקע און אומבאַשיצטע מענטשלעכע מאַסן . . .

האָט אויך ש.י., ווי מיליאָנען יונגע, אמת־זוכנדיקע מענטשן אין גאַנץ אייראָפּע אין די ערשטע 1880ער יאָרן, זייער און זייער פיל געלערנט פון באָקלען. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו דענקען וועגן ציוויליזאַציע און פּאָרשריט אין „וויסנשאַפטלעכע טערמינען", צו קוקן אויף געשיכטע, אויף מענטשלעכער געשיכטע, ווי אויף אַ מין העכערן גלגול פון דער פיזישער וויסנשאַפט — פון פיזיק אָדער כעמיע. ער, באָקל, וואָס איז געווען אַ דער־ציער פון אַ גאַנצן דור אָדער פון צוויי דורות, האָט זיינע באַגייסטערטע תלמידים צוגעוואוינט צו שעצן הויך און העכער דעם מענטשלעכן שכל; צו שטעלן אים העכער פון די סתם־געפילן און די נאָבעלע שטרעבונגען און אידעאַלן. אָבער טיפער און ראַדיקאַלער ווי יעדע אַנדערע השפעה באָקלס אויף דער יוגנט איז געווען די נייגונג, וואָס ער האָט ביי זיינע חסידים אויפגעצויגן, צו שטעלן זיך אין אָפּאָזיציע צו יעדן מין אַלטן און פאַרשימלטן סדר, באַ־זונדערס דעם סדר פון די אָפיציעל־אָנערקענטע גייסטלעכע, די קלעריקאַלן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז נאָך לאַנג־לאַנג, מיט יאָרן און יאָרן נאָכן פאַר־לאָזן רוסלאַנד, וואו ער האָט זיך צוערשט באַקענט מיט באָקלען, האָט ש.י.ס וועלט־באַנעם געטראָגן אויף זיך די שפּורן פון דעם איינפלוס, וואָס עס האָט אויף אים, אין די יוגנטלעכע יאָרן זיינע, אויסגעאיבט דער „פּאָפּולערסטער רבי" פון דער ראַדיקאַל־געשטימטער יוגנט אין רוסלאַנד פון די 1870ער און 1880ער יאָרן — דער ניט גאַנץ אָריגינעלער און טיפער דענקער, אָבער אַ זייער טאַלאַנטפולער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון גאַנצן פריער אָנגעזאַמלטן וויסן און אַ באַרימט געוואָרענער בילדונגס־פאַרשטייער — ה. ט. באָקל.*)

.5

ווען און ווי אַזוי איז יאַנאָווסקי געוואָרן אַן אַנאַרכיסט?

צו געבן אַ ריכטיקן ענטפער אויף אָט־דער פראַגע איז וויכטיק נישט נאָר פון אַ ריין ביאָגראַפישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון אַן אַלגעמיין היסטאָרישן — אַלס אַ מקור פון ליכט פאַר דער אויפקלערונג פון אַ וויכטיקן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון די הייַנטצייטיקע ראַדיקאַל־סאָציאַלע באַוועגונגען אין דער יידישער אַמעריקע.

זיכער איז איין זאַך: ש.י. איז נישט געווען דער ערשטער אַקטיווער אַנאַרכיסט, ד.ה. פּראָפּאַגאַנדיסט פון אַנאַרכיזם אויף דער יידישער גאַס אין

*) ווי שטאַרק ש.י. האָט געהאַלטן פון באָקלען, זעט מען פון דעם, אַז אין 1906, ווען ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ בראַשורן־סעריע „פּר. אַרב. שט. ביבליאָטעק", איז דאָס ערשטע ביכל (32 זז.) געווען דר. א. גינזבורגס פּאָפּולאַריזאַציע פון ה. ט. באָקלס „פילאָזאָפיע פון געשיכטע".

אַמעריקע. אויך חיים לייב ווייַנבערג (עלטער פון יאַנאָווסקין מיט עטלעכע יאָר) איז נישט געווען דער ערשטער פּראָפּאַגאַנדיסט פון אַנאַרכיזם ביי יידן; הגם ביידע, יאַנאָווסקי און ווייַנבערג, זיינען געווען פון די ערשטע און גרעסטע אַנאַרכיסטישע וואָרטפירער צווישן די יידן אין אַמעריקע, און אין פולן זין פון וואָרט די פּיאָנערן און בויער נישט נאָר פון דער פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידיש־ריידנדיקע מאַסן, נאָר אויך פון די גרויסע ראַדיקאַלע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס צווישן יידן אין אַמעריקע, ווי די ערשטע טרייד יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיוון, פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס (אַרבעטער רינג א.ד.גל.).

אין ליכט פון די נייעסטע פאַרעפנטלעכע ווי אויך די ניט געדרוקטע מאַטעריאַלן (ווי חיים־לייב ווייַנבערגס מעמואַרן), שטעלט זיך אַרויס, אַז ב. גאָלדגאָר איז געווען דער ערשטער אַקטיווער אַנאַרכיסטישער טוער אין אַמעריקע.*) ער איז געווען פון די ערשטע אימיגראַנטן־ראַדיקאַלן נאָך 1880. אין 1882 איז ער שוין געווען דער סעקרעטאַר פון באַוואוסטן „פּראָגרעסיוון פאַראיין" אין ניו יאָרק — די ערשטע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע אויף דער ניו יאָרקער איסט סאַיד מיט האַלב אַגיטאַטאָרישע, האַלב טרייד יוניאָניסטישע צילן. אַ יונגער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד, איז ער, ווייזט אויס, אין לאָנדאָן קיינמאָל נישט געווען. אין 1886, ווען ח.־ל. ווייַנבערג איז אָנגעקומען (צום צווייטן מאָל) אין אַמעריקע און איז געוואָרן אַ ציגאַרן־אַרבעטער אין דיוקס טאַבאַק־פאַבריק אין דורהעם, נאָרד קאַראָליינע, האָט ער דאָרט אָנגעטראָפן גאָלדגאָרן און נאָך אַ יונגן יידישן רעוואָלוציאָנער פון רוסלאַנד, ליבערמאַן. גאָלדגאָר, מיט זיין פייערדיקן רעדנער־טאַלאַנט האָט דאָרט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ יוניאָן. ווייַנבערג דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז ער האָט דעמאָלט נאָך פון אַנאַרכיזם קיין זאַך ניט געוואוסט. ער איז אָבער געווען אָנגעשמעקט מיט אַ היפּש ביסל אַטעאיזם, דערהויפּט אונטערן איינפלוס פון באַרימטן בריטישן פריידענקער טשאַרלס בראַדלאו (1833־1891), מיט וועמענס גאָסן־רעדעס ווייַנבערג האָט זיך אָנגעהערט בעת זיין קורצן אויפהאַלט אין לאָנדאָן אין אָדער אַרום 1881. פון גאָלדגאָרן האָט ווייַנבערג באַקומען צום לייענען די ערשטע סאָציאַליסטישע און אַטעאיסטישע בראָשורן אין יידיש (ווינטשעווסקיס „יהי אור" און יאָהאַן מאָסטס „גאָטעס־פּעסט", וואָס זיינען דערשינען אין לאָנדאָן אין די יאָרן 1884־1888). ווייַנבערג איז, ווי אַ סך יונגע יידישע ראַדיקאַל־געשטימטע אַרבעטער, פאַראינטערעסירט געוואָרן אין אַנאַרכיזם ערשט דאַן ווען ער האָט געלייענט די רעדעס פון די „שיקאַגער מאַרטירער" (1886־1887), און האָט תיכף נאָך דעם אויסגע־

*) זען: „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן", אַרויסגעגעבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ, אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. טשעריקאָווער, באַנד 2, ניו יאָרק, 1945, זז. 249, 265, 266.

הערט עטלעכע פלאַקערדיקע רעדעס פון יאָהאַן מאָסט. מ׳קאָן זיך משער זיין, אַז ערשט אַרום 1890 איז רייף געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, דער אַנאַרכיסטישער באַוואוסטזיין פון דעם שפּעטער זייער פּאָפּולערן אַגיטאַטאָר און פאָלקס־רעדנער חיים־לייב ווײַנבערג.

דער ייִנגערער פון ווײַנבערגן ש.י. איז באַקערט געוואָרן צום אַנאַרכיזם נאָך מיט אַ יאָר דריי פריער. אָנקומענדיק אין ניו יאָרק אָנהייב 1885, אַ יונגער רעוואָלוציאָנער־געשטימטער רוסיש־ייִדישער פאָלקס־אינטעליגענט (זיין פאָטער איז געווען אַ חזן און ער אַליין איז פאַר דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע שוין געווען אַ פּאָר יאָר פּריוואַט־לערער אין פּינסק און ביאַליסטאָק), האָט ש.י. פאַרן אָנקומען אין ניו יאָרק קיין קלאָרן באַגריף מכוח דעם אונטערשייד צווישן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם ניט געהאַט. ער איז גלייך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ ייִדישן פּראָפּאַגאַנדע־קרייז און דיסקוסיע־קלוב „רוסישער אַרבעטער פאַראיין״ (רוסקי ראַבאָטשי סאָיוז), וואו קיין שאַרפע אָפּגרענעצונג צווישן די אַנאַרכיסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז נאָך ניט געווען. פון אָט־דעם פאַראיין איז אין 1886־1887 אַרויסגעקומען דער „רוסישער פּראָגרעסיווער פאַראיין״ (רוסקי פּראָגרעסיווני סאָיוז), אין וועלכן ס׳זיינען שוין יע געווען שאַרפע חילוקי־דעות צווישן די פרייהייטלעכע און שטאַטלעכע סאָציאַליסטן. יאַנאָווסקי דערציילט, אַז צום אַנאַרכיסטישן לאַגער האָבן געהערט ר. לואיס, קאַפּעלאָוו, מיס יעווזעראָוו (שפּעטער די פרוי פון דר. מעריסאָן), מינדלין און אַנדערע. און אַפילו אין די יאָרן 1887־1888, ווי יאַנאָווסקי דערציילט (טייל 2, קאַפּ. 9), האָט ער זיך שטאַרק געוואַקלט צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם און אַנאַרכיזם. פון דער ערשטער ריין אַנאַרכיסטישער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט״ (געגרינדעט ערב יום־כּפור 1886) האָט יאַנאָווסקי מסתמא געהערט, אָבער ער זאָגט בפירוש, אַז ער האָט צו איר ניט באַלאַנגט.

די „פּיאָנערע דער פרייהייט״ זיינען געווען אַ לעבעדיקער בריק צווישן דער ייִדיש־אַנאַרכיסטישער לאָנדאָן און ניו יאָרק. דער צוועק פון דער היגער גרופּע איז געווען צו אונטערשטיצן דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד״, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יולי 1886.

וועגן דער פאַרגעשיכטע פון דער ניו יאָרקער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט״ האָט צו דערציילן איינער פון די ערשטע מיטגלידער אירע, סיימאָן ריטש, וועלכער איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק אין 1884. ער שרייבט:

> נאָך אין 1883, ווען מאָסט איז אַריבערגעקומען פון לאָנדאָן קיין ניו יאָרק און דאָ באַנייט זיין דייטשע וואָכנשריפט „פרייהייט״, האָט עקזיסטירט אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיסטישע גרופּע „פרייהייט״, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט כמעט אַלע אַריבערגעקומענע אַנאַרכיסטיש־געשטימטע ייִדן־אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געקענט מאָסטן פון לאָנדאָן. קורץ נאָך מיין אָנקום (אין 1884) זיינען אַהער געקומען צוויי

ש. יאַנאָווסקי
(1939 - 1864)



ש. יאַנאָווסקיס מצבה

אויפן מט. כרמל בית־עולם אין ניו יאָרק, דער שטיין געמאַכט פון רויען רויטן גראַניט; דעם באַרעליף־פּלעיק האָט געמאַכט דער סקולפּטאָר דזשאָ דעיווידסאָן

מיינע קאָווגער לאַנדסלייט, מ. גירזשדאַנסקי און סאָלאָמאָן פּרענער, וואָס זיינען אויך צוגעשטאַנען צו דער גרופּע „פרייהייט". — — —

אין 1886 איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן הערי קאַפּעלאַנסקי, און מיר זאַלבעפערט האָבן דערזען אַ ברייט פעלד פאַר אויפקלערונגס־אַרבעט. מען האָט געגרינדעט די גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט". די גרופּע איז באַשטאַנען פון הערי קאַפּעלאַנסקי, סיימאָן ריטש, א. רודאָש, סאָ־לאָמאָן פּרענער, מ. גירזשדאַנסקי, דזשייקאָב פּלאַצבלאַט, הלל זאָלאָ־טאַראָוו, ש. יאַנאָווסקי, סיימאָן גאָרדאָן, מאָריס בערמאַן, יודל מיכעל־מאַן, מיכאל קאָהן, איזידאָר קאַפּיעלאָוו, מ. מינדלין, נאָוויאַזסקי און מעריסאָן.*)

ריטש רעכנט אויס צווישן די מיטגלידער אויך ש.י. און מעריסאָן, אָבער ביי דער גרינדונג פון דער גרופּע (9 אָקט. 1886) האָבן זיי געוויס קיין אָנטייל ניט גענומען. ש.י. שרייבט (טייל 2, קאַפּ. 10): „איך האָב זיך אָנגעשלאָסן ווען די גרופּע האָט שוין עקזיסטירט", און וועגן מעריסאָנען דערציילט קאַ־פּילאָוו אין זיינעם אַ באַנד זכרונות („אַמאָל אין אַמעריקע"), אַז „מעריסאָן איז קיינמאָל קיין מיטגליד פון די ,פּיאָנערן' ניט געווען, ער האָט זיך נאָר באַטייליקט אין זייערע טעטיקייטן".

די שיקאַגער טראַגעדיע (1886־1887) האָט געוויס פאַרשטאַרקט ביי יאַנאָווסקין זיינע אַנאַרכיסטישע נייגונגען, ווי ער דערציילט עס אין צוויי קאַפּיטלען פון זיינע מעמואַרן (טייל 2, קאַפּ. 12 און 13). אָט־די ענדגיל־טיקע אידעאָלאָגישע ענדערונג איז פאָרגעקומען ערשט שפּעטער (אין דער צווייטער העלפט 1888), ווען עס איז געקומען צו דער שפּאַלטונג אין דעם „רוסישן פּראָגרעסיוון סאָיוז", און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן פּשוט פאַר־גוואַלטיקט דעם ווילן פון דער אַנאַרכיסטיש־געשטימטער מערהייט און האָבן דורך אַ געוויסער אומעטישער האַנדלונג (פאַרכאַפּונג פון דעם פאַראיינס ביבליאָטעק) אַרויסגערופן ביי יאַנאָווסקין אַ זייער שאַרפע מאָראַלישע אַנט־ריסטונג און אַ פאַרביטערונג קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן (טייל 2, קאַפּ. 9).

ווי ש.י. גיט איבער די געשעעניש איז דער סדר געווען אַזאַ: פריער די אומעטישע האַנדלונגען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און שפּעטער די שי־קאַגער טראַגעדיע, און ער שרייבט אין אָט־דעם צוזאַמענהאַנג: „איך ווייס ניט, צי איך וואָלט זיך אַזוי גיך דערקלערט אַלס אויסגעשפּראָכענער אַנאַר־כיסט, ווען עס וואָלט ניט באַלד פּאַסירט דער שרעקלעכער מאָרד אין שיקאַגאָ פון די 5 שיקאַגער אַנאַרכיסטן" (9טער קאַפּ. פון 2טן טייל).

פּאַדערט זיך דאָ אַ געוויסע קאָרעקציע אין דעם געשיכטלעך־באַשריבע־נעם סדר פון די צוויי אַנטשיידנדיקע געשעענישן, וואָס האָבן אַ שטויס געטאָן דעם יונגן ש.י. צו באַטרעטן דעם אַנאַרכיסטישן וועג, אויף וועלכן ער איז

*) „צו דער פאַרגעשיכטע פון דער „פ.אַ.ש." פון ס. ריטש, „פ.אַ.ש." 52־יאָר יובילײ נומער, 29 יאַנואַר, 1948.

שפּעטער געגאַנגען כסדר 50 יאָר צייט. דער שיקאַגער יוסטיץ־מאָרד איז פאָרגעקומען דעם 11טן נאָוועמבער 1887, און די „כאַפּ־לאַפּ" אַקציע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין סוף מאַי 1888, ד.ה., מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער.*)

עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז דאָ איז פאָרגעקומען ביי ש.י.ן אַ טעות־הזכרון ביים שילדערן דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען, וועלכע ער האָט בדרך הכלל (נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז באַשריבן האָט ער דאָס אַלץ בלויז פון זיין געדעכעניש, 40 יאָר אחר־המעשה און אָן באַנוצן זיך מיט דאָקומענטאַלן קוועלן־מאַטעריאַל) איבערגעגעבן היפּש פּינקטלעך.

מוז מען ביי אָט־דער געלעגנהייט רעקאָנסטרואירן דעם אידעאָלאָגישן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון ש.י.ן און פון נאָך אַ סך יונגע יידישע ראַדיקאַל־געשטימטע מענטשן פון יענער צייט. נאָכן שיקאַגער יוסטיץ־מאָרד איז ביי טויזנטער יידישע מענטשן (אויך אין אייראָפּע) אויפגעקומען אַ שטאַרקער פּראָטעסט־געפיל קעגן דער רשעות, אכזריות און אומגערעכטיקייט פון דער שטאָטלעכער געוואַלט, פון דער מלוכהשאַפט בכלל, און פון דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט בפרט. אָבער די אָפּאָזיציע צום קאַפּיטאַליסטישן שטאַט איז ניט געווען דער איינציקער תוך פון דער אַנאַרכיסטישער שיטה אין יענער צייט. ווייסט מען דאָך, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט. וואָס ס'האָט אַמשאַרפסטן אָפּגעגרענעצט די אַנאַרכיסטן פון די סאָציאַליסטן אין די 80ער יאָרן איז געווען דווקא די קעגנערשאַפט לגבי די פּאַרטיי־פּאָליטישע, די פּאַרלאַמענטאַרישע מעטאָדן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין די אָפּטע און היציקע דיסקוסיעס פלעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן טענהן, אַז די אַנאַרכיסטן זיינען אוטאָפּיסטן, אַז זיי אידעאַליזירן דעם מענטשן צו שטאַרק, האַלטן דעם מענטשן פאַר אַ מלאך, און אַז זיין פירונג וועט שטענדיק זיין די שענסטע און די בעסטע א.אז.וו. אָבער זיי אַליין, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פלעגן זיי, די סאָציאַליסטן, זאָגן, זיינען בלומרשט רעאַליסטן, נעמען דעם מענטשן אַזוי ווי ער איז, און דערום מוזן זיי, די סאָציאַליסטן, זיין גענייגט איינצופירן אויטאָריטערע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען, מעגן זיי הייסן דער שטאַט, נאַציע, אָדער פּאַרטיי. דערויף פלעגן די אַנאַרכיסטן ענטפערן, אַז גראָד זיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מאָלן זיך אויס דעם מענטשן אין אַ בילד פון אַ מלאך, אַ טרעגער פון די בעסטע כאַראַקטער־שטריכן, באשר אָט־זיי, די סאָציאַליסטן, זאָגן דאָך כסדר, אַז די צוקינפטיקע הערשער (אין דעם סאָציאַליסטישן שטאַט) און די פּאַרלאַמענ־

---

*) וועגן דעם איז פאַראַן אַ ראַיעלער דאָקומענטאַלער רעקאָרד — די ניו יאָרקער „יידישע פאָלקסצייטונג" פון 1טן יוני 1888, וואו ס'ווערן איבערגעגעבן אַלע טענות פון ביידע צדדים, די אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און ס'ווערט באַשריבן די פאַרזאַמלונג פון די סאָציאַליסטן דעם 27טן מאַי 1888, וואו „עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצולייזן דעם פאַראיין, אַריינטרעטן אין דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי" און אויך איבערגעבן איר די ביבליאָטעק (זען אַ. טשעריקאָווער — ייוואָ, „געשיכטע פון דער ייד. אַרב. באַוועגונג אין אַמעריקע" ב. 2, זז. 325-324).

טאַרישע פאָלקס־פאַרטרעטער וועלן דווקא זיין די בעסטע זין פון פאָלק. אָבער אַלס גרונט־הנחה פאַר אַזאַ אַנזיכט מוז גילטן די אויפפאַסונג, אַז די מאַיאָריטעט פון פאָלק וועט זיין גענוג קלוג, מוטיק און אָרנטלעך צו קענען און וועלן אויסגעפינען און שטעלן אויבן־אָן טאַקע די בעסטע זין פון פאָלק... אַרום אַט־דעם פונקט האָט זיך געדרייט דער דעמאָלטיקער הויפּט־וויכוח צווישן ביידע צדדים, און די וואַקלדיקע צווישן דער יידיש־ריידנדיקער מאַסע און אויך אירע פירער האָבן אין די ערשטע יאָרן (1883־1889) געהאַט ניט ווייניק שווערקייטן ביים אויסקלייבן צווישן אַנאַרכיזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם.

און אַט פאַסירט אַ פאַל, אַז דער הויפּט־פירער פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין אַמעריקע, לואיס מיללער, פירט דורך ביד־חזקה אַן אַקציע, וואָס צעשטערט לחלוטין דעם גלויבן אין דער אָרנטלעכקייט אָדער פשוט אַנשטענדיקייט, אַפילו פון די פירער־סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און צעשטערט במילא אין ש.י.ס אויגן די גאַנצע גייסטיקע אויטאָריטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער פאַל צעברעכט, אין זיינע אויגן, די גאַנצע אויטאָריטעט און גייסטיקן פונדאַמענט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לערע. איז גאַנץ נאַטירלעך און לאָגיש, אַז ניט לאַנג נאָך דער טראַגעדיע פון נאָוועמבער 1887 (דאָס אויפהענגען פון די 4 שיקאַגער מאַרטירער), זאָל ביים עפּיזאָד פון מאַי־יוני 1888 ביי ש.י.ן ענדגילטיק שוין רייף ווערן די פולסטע סימפּאַטיע צום אַנאַרכיזם, וואָס דריי־פערטל פון אים זיינען שוין אין אים געווען צייטיק און פאַרטיק, און ער, ש.י., זאָל ווערן אַן אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסט און זיך מיט לייב און לעבן איבערגעבן אין דינסט פון דעמדאָזיקן אידעאַל. וויסן מוז מען, אַז דער פּסק־דין לטובת דעם לואיס מיללער פליגל אין דעם „רוסישן פּראָגרעסיוון פאַרבאַנד" איז אַרויסגעגאַנגען ניט פון קיין קלענערער פּאַרטיי־אינסטאַנץ ווי די „דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" אין ניו יאָרק, צו וועלכער די יידישע אַנאַרכיסטן האָבן אַפּעלירט פאַר יושר און רעכט. און ש.י. שרייבט: „דער פּסק־דין פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע האָט מיך געמאַכט אַ קער טאָן זיך גאָר שטאַרק לינקס. און איך גלויב אַז איך בין ניט געווען דער איינציקער, אויף וועמען די דאָזיקע אומגע־רעכטע האַנדלונג האָט געמאַכט די זעלבע ווירקונג". (2טער טייל, קאַפּ. 9).

צו די צוויי אומגערעכטיקייט־עפּיזאָדן — איינער מצד דעם קאַפּיטאַליס־טישן שטאַט און דער צווייטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — איז אין כמעט דער זעלביקער צייט, אָדער אַ ביסל שפּעטער, צוגעקומען נאָך אַ דריטער שרייאיקער אַקט פון אומגערעכטיקייט — די פאַראורטיילונג פון יאָהאַן מאָסט צו אַ יאָר געפענגעניש לויט אַ בלבול, אַז ער, מאָסט, זאָל האָבן גערופן צו גוואַלטטאַטן איבער די שולדיקע אין דעם טויט פון די פינף מאַרטירער. דאָס אַלץ האָט אין אים פאַרשטאַרקט די שנאה צום אומגערעכטן און אומלאָגישן

סאָציאַלן „סדר" — מיט דער קאַפּיטאַליסטישער יוסטיץ פון איין זייט, און דעם סיסטעם פון טעראָריזירן און אונטערדריקן די אַנדערשדענקנדיקע, ווי פּראַקטיצירט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון דער צווייטער זייט. און פיל שפּעטער, 40 יאָר נאָך די געשעעניש, האָט ש.י. אַזוי געקענט אורטיילן איבער זיין געפיל־צושטאַנד אין יענער צייט: „די פאַראורטיילונג פון מאָסטן האָט אויף מיר געהאַט די ווירקונג פון אויל אויף פייער. עס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין באַשלוס צו ווידמען אַלע מיינע כוחות פאַר דער אַנאַרכיס־טישער פּראָפּאַגאַנדע" (2טער טייל, קאַפּ. 14, סוף).*)

6.

אין פעברואַר 1889 האָט די גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט", צו וועל־כער ש.י. איז צוגעשטאַנען ערשט סוף 1887, אָדער אין 1888 (זען טייל 2, אָנהייב קאַפּ. 15), אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די ערשטע אין אַמעריקע גע־זעלשאַפטלעכע וואָכנשריפט אין יידיש — די „וואַרהייט". אין איר האָט יאַנאָווסקי, ווי דער לייענער פון די איצטיקע זכרונות וועט אויסגעפינען, געשפּילט די טשיקאַווע ראָלע פון אַ „זיץ־רעדאַקטאָר". לאַנג האָט זיך די וואָכנשריפט ניט געהאַלטן, און די גאַנצע צווייטע העלפט פון יענעם יאָר, 1888, איז ביי די ניו יאָרקער יידישע אַנאַרכיסטן אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דעם כאַראַקטער פון אַ נייער צייטשריפט, אַ וואָכנבלאַט, וואָס די גרופּע האָט זיך געקליבן אויפסנייַ צו שאַפן. די מערסטע האָבן געוואָלט אַרויסגעבן אַ צייטונג, אין וועלכער די אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָלן זיין פּאַרטנאָרן ווי גלייכע שותפים, אויפן שטייגער פון דעם לאָנדאָנער „אַרבע־טער פריינד", וועלכער האָט געהאַט אַ סך חסידים, פריינט און לייענער אויך אין אַמעריקע.

אין יענער צייט איז אַט־די פראַגע — דער ענין פון אַ נייער סאָציאַ־ליסטישער צייטשריפט, לעבעדיק דיסקוטירט געוואָרן אויף דער יידיש־אימי־

*) נאָך אַ קלאָרן באַווייז, אַז דער סדר פון די צוויי פּאַסירונגען, וואָס האָבן ש. י. געפירט צום אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם, איז ניט געווען דער, וועלכן ער גיט איבער אין זיינע זכרונות, געשריבן מיט 40 יאָר לאחר המעשה, קען מען זען פון אַט־די צוויי שטעלן פון בוך. אויף ז. 79־80 שרייבט ש. י., אַז דער „רוסיש־פּראָגרעסיווער פאַרבאַנד" האָט אויס־געקליבן אים. ש. י., און ש. גירזשדאַנסקי אַלס אַ קאָמיטע צו אַ מיטינג פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי, צו פּראָטעסטירן קעגן לואיס מיללערס פאַרכאַפּונג פון דער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. אָבער אויף ז. 104־105, וואו ש. י. רעדט וועגן זיין אָנשליסן זיך צו די „פּיאָנערע דער פרייהייט" — קורץ נאָך דער שיקאַגער טראַגעדיע (ווי ער באַטאָנט דאָרט) — באַמערקט ש. י., אַז דאָרטן (אין דער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט") האָט ער צ ו ם ע ר ש ט ן מ אָ ל געטראָפן מאַקס גירזשדאַנסקין. קומט במילא אויס, אַז פריער איז געווען דער יוסטיץ־מאָרד פון נאָוו. 1887 אין שיקאַגאָ און שפּעטער דער סכסוך אַרום דער ביבליאָטעק, ד.ה. דער צוזאַמענשטויס מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דאָס מיינט, אַז דער כראָנאָלאָגישער סדר איז געווען אַ פאַרקערטער לגבי דעם וואָס ש. י. גיט איבער אין זיינע זכרונות.

גראַנטישער גאַס נישט נאָר צווישן די אַנאַרכיסטיש־גענייגטע קרייזן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, געפירט פון לואיס מיללער און אַב. קאַהאַן, האָבן גע־האַלטן, אַז ס׳דאַרף געגרינדעט ווערן אַ נייע ריין־פּאַרטייאישע — ד.ה. סאָ־ציאַליסטישע — צייטונג אָדער וואָכנזשורנאַל. אין אַנאַרכיסטישן לאַגער, ווי געזאָגט, איז די שטימונג געווען פאַר אַ צייטונג פון אַ צווישנפּאַרטייאישן כאַראַקטער, ווי דער לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד״, און דער וואָרטפירער פון אַט־דער ריכטונג איז געווען יאַנאָווסקי. אַט וואָס ער דערציילט וועגן אַ מיטינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין הארבסט 1889:

> איך האָב דערקלערט, אַז מען מוז האָבן אַ צייטונג, אין וועלכער די אַרבעטער זאָלן זיך קענען אַרויסזאָגן פולקאָמען פריי, און אויך אַ צייטונג, אין וועלכער יעדע סאָציאַליסטישע טענדענץ זאָל געפינען איר פולסטן און קלאָרסטן אויסדרוק. „די צייטונג — האָב איך געזאָגט — דאַרף, לויט מיין מיינונג, זיין אַ „פרייע אַרבעטער שטימע״. און ווי איך האָב אַרויסגעזאָגט דירעקטע ווערטער, איז דער זאַל פאַרהילכט געוואָרן פון אַפּלאָדיסמענטן. און — האָב איך געזאָגט — דאָס דאַרף זיין דער נאָמען פון דער צייטונג — די „פרייע אַרבעטער שטימע״.

און געמאַכט דעם פאָרשלאַג האָט ש.י. ערב זיין אָוועקפאָר קיין לאָנדאָן איבערצונעמען דאָרט די רעדאַקציע פון „אַרבעטער־פריינד״, ווי עס ווערט אויספירלעך דערציילט אין די מעמואַרן. סוף דעצעמבער 1889 איז פאָרגע־קומען די היסטאָרישע קאָנפערענץ, וואָס האָט געפירט צו דער ענדגילטיקער שפּאַלטונג צווישן די יידישע אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן, נאָך דעם ווי די לעצטע האָבן דאָך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ פּאַרטייאישע צייטונג. אַזוי איז אַנטשטאַנען די וועכנטלעכע „אַרבעטער־צייטונג״, וועלכע האָט אָנ־געהויבן צו דערשיינען דעם 7טן מאַרץ, 1890.

און טאַקע אין מאַרץ 1890 איז יאַנאָווסקי אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, בעת דאָ, אין ניו יאָרק, האָבן די טעטיקסטע פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע געמאַכט צוגרייטונגען פאַר אַן אייגענער צייטונג, אַנשטאָט דער אָפּגעשטעל־טער(אין מאַי 1889) „וואַהרהייט״. וועגן דעם־אָ קאַפּיטל פאַרגעשיכטע פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע״ דערציילט איינער פון אירע ערשטע פּיאָנערן און אַ מיטגליד פון דער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט״, סיימאָן ריטש (וועלכן מיר האָבן שוין איין מאָל ציטירט) אין אַן אַרטיקל זיינעם, אין שייכות מיטן 52־יאָריקן יובילײ פון דער „פר. אַרב. שט.״, דאָס פאָלגנדיקע:

> נאָך אַן איבעררייס פון אַ יאָר צייט האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן ענערגיש צו אַרבעטן פאַר אַ צייטונג. ביי דעם מיטינג, וואָס איך גע־דענק גוט, איז כמעט יעדער פון אונדז געווען אויסגעשפּראָכן דערפאַר, אַז אַ צייטונג זאָל ווידער אַרויסגעגעבן ווערן. פאַרשיידענע נעמען פאַר איר זיינען פאָרגעשלאָגן געוואָרן, און איך האָב דאַן פאָרגעבראַכט דעם נאָמען „פרייע אַרבעטער שטימע״, און באַלד איז עס געשטעלט געוואָרן

צו אַן אָפּשטימונג, און דער נאָמען איז איינשטימיק אָנגענומען גע־וואָרן.*)

קען דער פאַקט, אַז צוויי מענטשן, וואָס זיינען שויןביידע טויט, שרייבן צו צו זיך די מחברשאַפט פון דעם נאָמען „פרייע אַרבעטער שטימע", אפשר דערקלערט ווערן אויף אַזאַ אופן: ש. יאַנאָווסקי האָט זיין פאָרשלאָג געמאַכט מסתם בעת די הייסע דיסקוסיעס זומער אָדער האַרבסט 1889, דאָס מיינט, כמעט מיט אַ יאָר איידער די „פר. אַרב. שט." האָט אָנגעהויבן דערשיינען (4טער יולי, 1890). און זיין פאָרשלאָג איז טאַקע פאַרבליבן אין זכרון פון די טעטיקסטע מיטגלידער פון דער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט", צווישן זיי אויך ביי ס. ריטש. און ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביי דער פאַקטישער גרינדונג פון דער צייטונג, ד.ה. ווען יאַנאָווסקי איז שוין געווען חדשים־לאַנג אין לאָנדאָן, האָט מען יאַנאָווסקיס פאָרשלאָג וועגן דעם נאָמען פאַר דער נייער צייטונג געהאַלטן אַזוי צוגעפּאַסט, לאָגיש באַגרינדעט, און גוט צוגעטראַכט, אַז דער נאָמען איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

וועגן דעם אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער פון דער „פר. אַרב. שט.", וואָס איז געווען אַן עיקר־פּונקט פון ש. יאַנאָווסקיס קוק אויפן גאַנצן ענין, גיט אונדז אַ פולע אויפקלערונג אַ 4־זייטיק פלוגבלעטל, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון דער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט", און וואָס איז ביז די לעצטע יאָרן געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. עס האָט זיך געפונען אין פּריוואַטן אַרכיוו פון קלמן מרמר און איז פון אים איבערגעגעבן געוואָרן דעם יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו יאָרק, און וועלכן מיר דרוקן דאָ אָפּ, אַלס ביילאַגע נומ. 1 אין סוף פון בוך.**)

אין בלעטל ווערט דער טרויעריקער רעזולטאַט פון דער „קאָנווענציאָן" פון סוף דעצעמבער 1889 דערקלערט אויף אַזאַ אופן:

> עס איז געווען די פּאַרטייריכטונג פון דער צייטונג, וועלכע האָט אַרויסגערופן דאָס פּאַנאַנדערגיין. אין דער צייט, וואָס די פּיאָנערע דער פרייהייט" האָבן פאָרגעשלאָגן מען זאָל אַרויסגעבן אַן אומפּאַרטייאישע צייטונג; אין דער צייט וואָס פון 31 אָרגאַניזאַציאָנען האָבן ביז 25 באַאויפטראַגט זייערע דעלעגאַטן צו שטימען פאַר דער אומפּאַרטיי־אישער צייטונג, האָבן זיך געפונען מענטשן, ווען אַפילו אויך ווייניק, וועלכע האָבן מיט אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע באַווייזן געדרונגען אויף די אומפּראַקטישערע דעלעגאַטן צו שטימען קעגן דיזער ריינער ערלעכער אומפּאַרטייאישקייט.

דאָס אויפרוף־בלעטל, וואָס איז געווען אַדרעסירט צו „די יידישע אַר־בעטער פון אַמעריקע", האָבן אונטערגעשריבן פאַראיינען פון זיבעצן שטעט

*) „פר. אַרב. שטימע" פון 29סטן יאַנואַר, 1943 (52־יאָר יובילײ־אויסגאַבע).

**) צום ערשטן מאָל איז אַט־דער דאָקומענט (פאַטאָסטאַטיש) איבערגעדרוקט געוואָרן אין ב. 2 פון דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, אַרויסגע־געבן פון „ייוואָ" אין ניו יאָרק (אין 1945) אונטער א. טשעריקאָווערס רעדאַקציע.

איבערן לאַנד, וועלכע מיר וועלן דאָ איבערגעבן לויטן סדר פון דידאַזיקע שטעט:

ניו יאָרק

פאַראייניקטע „שניידער-ברידער"
2 מוזיקער יוניאָנס
וואַרהייטס אונטערשטיצונגס פאַראיין
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער בונד
פיאָנערע דער פרייהייט
ריטער דער פרייהייט
פאָרטבילדונגס קלוב
אַרבייטער פריינד פרעס קאָמיטע

באָסטאָן

ריטער דער פרייהייט
אַרבעטער בילדונגס קלוב
קניע פּענטס מייקערס יוניאָן

שיקאַגאָ

פאָרטבילדונגס פאַראיין

באַלטימאָר

פאָרטבילדונגס פאַראיין

פּראָווידענס

פאָרטבילדונגס פאַראיין

נואַרק

פאָרטבילדונגס פאַראיין

סינסינאַטי

„טרוטסיקערס"

פון דעם שלוס-טייל פון דעם אויפרוף וועלן מיר דאָ ציטירן בלויז אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פּאַסאַזשן:

„אייניקייט! דאָס איז געווען שטענדיק דער רעטער פון אַלע שקלאַפן, ווען זיי האָבן זיך געוואָלט באַפרייען".

„פאַראייניקט אייך! האָבן אונדז צוגערופן אַזעלכע גאונים ווי לאַסאַל און קאַרל מאַרקס, אונדזערע אַלעמענס לערער".

„זאָלן מיר ניט פאַרגעסן אַלע די מיליאָנען אַרבעטער, וועלכע הונגערן

און שמאַכטן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט נאָך דערום, ווייל זיי זיינען ניט איינִיק . . .״

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן מצב פון דער געזינונג פון די אַנאַרכיס־טיש־געשטימטע קרייזן פון יענער צייט איז דער פאַקט, אַז מען פאַררופט זיך אין דער אַרגומענטאַציע דווקא אויף די לערערס פון אַ לאַסאַל און קאַרל מאַרקס. און מען דערמאָנט אַפילו מיט אַן איינציקן נאָמען ניט די אידייען פון אַ קראָפּאָטקין אָדער פון אַ באַקונין. דאָס ווייזט, אַז ניט בלויז זיין אייגענעם מצב פון טעאָרעטישער רייפקייט און אַלגעמיינער געזינונג האָט אויסגעדריקט ש.י. ווען ער באַשרייבט זיין געדאַנקען־וועלט אין די יאָרן 1888־1889 (אין קאַפּ. 9 — ערשטע קריגערייַ אין דער יידיש־רוסישער קאָלאָניע אין ניו יאָרק״), און פירט דאָרט אויס:

> פון אַ פּאָזיטיווער איבערצייגונג האָט נאָך ביי מיר דאַן ניט גע־קאָנט זיין די רייד. איך האָב דאַן נאָך זייער ווייניק געוואוסט וועגן דעם, וואָס איז פאַרגעקומען צווישן די מאַרקסיסטן און די באַקוניסטן אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. איך האָב זייער ווייניק געוואוסט פון דעם מוטואַליזם און אַנאַרכיזם פון פראַנצויזישן דענקער פּרודאָן. דאָסזעלבע פון קראָפּאָטקין און זיין באַגרינדונג פון דעם וויסנשאַפטלעכן אַנאַרכיזם. איך האָב דאַן נאָר־וואָס אָנגעהויבן לייענען קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל״, דעם ערשטן באַנד, און אויך איבערגעלייענט אַ פּאָר בראָ־שורן פון פרידריך ענגעלס. דאָס איז געווען מיין גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש צו יענער צייט, און פאָלגלעך האָב איך ניט געקענט האָבן קיין פעסטגעזעצטע איבערצייגונגען אין דער זייער שווערער סאָציאַלער פראַגע.

נאָך מיר האָבן שוין פריער געוויזן, אַז דעם טיפסטן פונדאַמענט זיינעם האָט דער אַנאַרכיזם פון ש.י. געהאַט אין זיין שטאַרקן חוש פאַר יושר, אַ מין אינסטינקטיוון געפיל פון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט, וואָס זיינען דורך די טיראַנישע מעשים סיי פון די היטער פון דער אַלטער אָרדענונג, פון קאַפּיטאַליסטישן שטאַט, סיי פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קעמפער פאַר אַ מלוכהשער „נייער אָרדענונג״, גראָב און ברוטאַל באַליידיקט געוואָרן אין דעם באַוואוסטזיין פון ש. יאַנאָווסקין. און דער געבאָט פון שטרעבן און זוכן דעם אמת, דער קול פון געוויסן אין באַצוג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט איז ביים יונגן יאַנאָווסקין געווען פיל שטאַרקער און דאָמינירנדיקער פון דעם בלויז פון אויבן־אויף אויפגעכאַפּטן, לייכט־וואָגיקן טעאָרעטישן באַגאַזש, ווי אים האָבן אין יענער צייט געהאַט כמעט אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַ־טאָרן פאַר ראַדיקאַלע אידייען און אידעאַלן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס אין אַמעריקע.

מיט אַן אייזערנער עקשנות און זיכערקייט אין דעם כוח פון זייער אמת האָבן די אַנאַרכיסטן געאַרבעט פאַר אַ באַנייטער צייטונג, אַן אומפּאַרטייִ־אישער, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דעם 4טן יולי, 1890 — די

„פרייע אַרבעטער שטימע". דער „אומפּאַרטייאישער באַזיס" איז דעמאָלט, אין אַ צייט פון טעאָרעטישן פּלאָנטער און אומקלאָרקייט, פאַרשטאַנען געוואָרן אויך זייער פּרימיטיוו און פּשוט — צו האָבן גלייכצייטיק צוויי רעדאַקטאָרן: אַן אַנאַרכיסט און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. די ערשטע אַנאַרכיסטישע רעדאַקטאָרן (ביז דוד עדעלשטאַט) זיינען געווען: ר. לואיס און דר. א. מעריסאָן, און די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדאַקטאָרן זיינען געווען. אב. בראָסלאַווסקי און יצחק אייזיק הורוויטש.

ערשט ווען דוד עדעלשטאַט איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער „פ.א.ש." (אָנהייב 1891), איז די „אינסטיטוציע" פון די סאָציאַליסטישע רעדאַקטאָרן פון זיך אַליין בטל געוואָרן.*)

בעת אין ניו יאָרק האָבן יאַנאָווסקיס חברים און פריינט געמאַכט די ערשטע טריט צו דער שאַפונג פון אַן אייגענער צייטונג, איז ש.י., זינט מאַרץ 1890, געווען אין לאָנדאָן. דאָרט האָט ער געוואָרט צו ווערן דער „אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר" פון דעם אומפּאַרטייאישן „אַרבעטער פריינד", וואָס איז פּאַר עטלעכע יאָר צייט געווען אַ „צווישנפּאַרטייאישע", אָדער „צוויי־פּאַרטייאישע" צייטשריפט. ווי די ניו יאָרקער „פ.א.ש.". ערשט אין 1891, אונטער דוד עדעלשטאַטן, איז דער לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" געוואָרן אַ ריין אַנאַרכיסטישע צייטשריפט, רעדאַקטירט פון ש. יאַנאָווסקין.

.7

אין 1890, אין לאָנדאָן, איידער ש.י. איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דעם „אַרבייטער פריינד", האָט ער אָנגעשריבן אַ בראָשור אונטערן נאָמען „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן?" (מיט אַן אונטערקאָפּ: „די טעאָריע פון אַנאַרכיזמוס קלאָר דאַרגעלייגט פון ש. יאַנאָווסקי"), וואָס איז געווען די ערשטע בראָשור אין יידיש וועגן אַנאַרכיזם, און איז איבערזעצט געוואָרן, פריער פון דייטש, און פון דייטש — אין פלעמיש (האָלענדיש) און אין אַנדערע שפּראַכן, ווי ש. י. דערציילט עס אין זיינע זכרונות פון די ערשטע לאָנדאָנער יאָרן (קאַפּ. 2).

די בראָשור, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון „אַרב. פר.", איז איינגעטיילט אין פינף קאַפּיטלען, נעמלעך: 1) מיין און דיין, 2) די

*) אויספירלעכער וועגן דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג סוף די 90ער יאָרן בכלל, און די ערשטע רעדאַקטאָרן פון דער „פ.א.ש" בפרט, אין שייכות מיט דער ניט־ריכטיקער אינפאָרמאַציע אין באַנד „יידן—ג" פון דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע" (ניו יאָרק, 1942), זען ש. לינדערס אַרטיקלען אין דער „פ.א.ש." פון 4טן סעפּט. און 9טן אָקט. 1942. — די פאַלשע, ברייט־פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז ד ו ד ע ד ע ל ש ט א ט איז געווען דער ערשטער „פ.א.ש." רעדאַקטאָר שטאַמט פון אַן אומקלאָרער, ניט פּרעציזער שטעלע, אין ביאָגראַפישן אַרטיקל וועגן דוד עדעלשטאַט אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון יידישער ליטעראַטור און פּרעסע" (ב. 2, ווילנע, 1930). פון דאָרט האָט דער גרייז זיך פאַרקליבן אַפילו אין אַן ערנסטן אַרטיקל, געדרוקט אין די „ייוואָ־בלעטער" (ווילנע, 1932).

אַרבעטער אַמאָל און היינט, 3) דער קאָמוניזמוס, 4) דער אַנאַרכיזמוס, און 5) אונזערע מיטעל. אַלע שטריכן פון דעם פרייהייטלעכן וועלט־באַנעם, וועלכע מיר האָבן געקענט פעסטשטעלן ביי אים אין די סאַמע ערשטע יאָרן (1887־1889) פון זיך אויסרייפנדיקן אַנאַרכיסטישן באַוואוסטזיין, טרעטן אויך דאָ גאַנץ קלאָר אַרויס צום פאַרשיין. עס ווערט, למשל, זייער שטאַרק באַטאָנט דער מאָראַלישער אומרעכט, די שרייענדיקע אומגערעכטיקייט פון פריוואַט־אייגנטום מיט די גרויסע קאָנטראַסטן אין דער פאַרטיילונג פון די ערדישע גיטער צווישן באַזונדערע מענטשלעכע שיכטן, קלאַסן, און יחידים. און דערביי פאַררופט זיך יאַנאָווסקי אויף די באַקאַנטע בילדלעך פון דלות און נויט אין דעם לאָנדאָנער אָרעמסטן קוואַרטאַל, ווייטשעפּל. און אויף אַ פּרימיטיוו־נאַאיוון שטייגער ווערן אַט־די אַלעביישפּילן פון אומיושר און סאָציאַלער ירידה דערקלערט דורך דער טויזנטיעריקער שעדלעכער אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום, אָדער ווי ש. י. רופט עס אָן בילדלעך און עפּיגראַמאַטיש — „דער אונטערשייד צווישן מיין און דיין", אין וועלכן ער זעט דעם גרונט־מקור פון אַלע סאָציאַלע מכות, פון געזעלשאַפטלעכער ירידה, און אַפילו פון אינדיווידועלער געפאַלנקייט און דעגענעראַציע.

דער לעזער פון דעם בוך וועט לייכט באַמערקן, אַז אין דעם סאַמע אָנהייב פון זיין אַנאַרכיסטיש־געשטימטן באַוואוסטזיין, איז ש. י. געווען גענייגט צו זען אין דער רעוואָלוציאָנערער מעטאָדע דעם איינציקן און אַפילו לייכטסטן וועג צו דער נייער און בעסערער געזעלשאַפט. אָט שרייבט ער, צום ביישפּיל, ריידנדיק וועגן זיינע איבערלעבונגען נאָך דער שיקאַגער טראַגעדיע (זען זיינע זכרונות קאַפּ. 12):

> מיין געדאַנק איז דאַן געלאָפן אין אומגעפער דער פאָלגנדיקער ליניע: סך־הכל זיינען די קאַפּיטאַליסטן בלויז אַ הייפעלע אין פאַרגלייך מיט די גרויסע אַרבעטער־מאַסן. זייערע העלפער און אונטערשטיצער זיינען אויך ניט מער ווי אַ הייפעלע אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטער־מאַסן, טאָ פאַרוואָס זאָל עס אַזוי שווער זיין צו שטירצן אַזאַ אָרדענונג? עס איז גענוג בלויז עטלעכע טויזנט ענערגישע מענטשן, מיט וואָפן אין די הענט, כדי צו מאַכן אַ גיכן סוף צו דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער דורך און דורך פאַרפוילטער חורבה.

און אין אַן אַנדער שטעלע, וואָס האָט אַ שייכות צום זעלביקן פּעריאָד (זען קאַפּ. 15) שרייבט ער: „אַוודאי האָט זיך מיין האַרץ געצויגן צו וואָס מער פרייהייט — פרייהייט פאַר מיר און פאַר אַלע מיינע מיטמענטשן. אַוודאי בין איך, נאָך דעם וואָס האָט פּאַסירט אין שיקאַגאָ, געווען פעסט איבערצייגט, אַז קיין אַנדער וועג, ווי דער פון רעוואָלוציע, איז ניטאָ . . ."

און דעם אָפּקלאַנג פון אָט־דעם גענוג רעוואָלוציאָנערן, געוואַגטן מאָטיוו, געפינט מען אויך צום שלוס פון זיין בראָשור (קאַפּ. 5), „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן?", וואו ער שרייבט: „דער קאַפּיטאַליסט וועט קיינמאָל ניט פרידלעך

אָפּגעבן זיינע אַנגעריבעטע רייכטימער, און דאַהער מוז מען געברויכן געוואַלט, ווען עס איז נויטיק". מען זעט קלאָר, אַז אין אַט־דעם קאַרדינאַלן פּונקט האָט זיך זיין אָנשויאונג אויף אַ האָר ניט געביטן אין די פיר־פינף יאָר צייט, וואָס זיינען אַוועק פון דעם ערשטן אויפשפּראָץ פון פרייהייטלעכן באַוואוסטזיין אין אים.

און דער דריטער שטריך פון זיין פרייהייטלעכן וועלט־באַנעם (אויב מען זאָל פאַרן ערשטן האַלטן זיין ברענענדיקע מאָראַלישע עמפּערונג קעגן אומ־יושר און מענטשן־אונטערדריקונג, און פאַרן צווייטן זיין אַגרעסיוו־רעוואָלו־ציאָנערע געזינונג), איז אַ קוק, וואָס דערמאָנט שטאַרק די פריער פון אונדז שוין באַשריבענע, זייער אומקלאָרע באַציאונג צו דעם אונטערשייד צווישן „וויסנשאַפטלעכן", ד.ה. מאַרקסיסטישן, סאָציאַליזם פון איין זייט, און דעם פרייהייטלעכן, אַנאַרכיסטישן פון דער צווייטער זייט — אַט דער שטריך לאָזט טיפע שפּורן אויך אין אַט־דער ערשטער פּראָפּאַגאַנדע־שריפט זיינער. נאָענט צום סוף פון ביכל, שרייבט דאָרט ש.י. —

„וואָס איז אַלזאָ די טאַקטיק פון די אַנאַרכיסטן? — שטייענדיק אויף דעם באָדן פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזמוס, קענען מיר זיך מיט קיינע רעפאָרמען באַשעפטיקן; דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלט אַן אייזערנעם לוין־געזעץ, דאָס זאָ לאַנג די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם וועט עקזיסטירן, וועט דעם אַרבעטערס לוין קיינמאָל ניט זיין מער וויפיל עס איז נויטיק פאַר זיין לעבנס אונטערהאַלט"; . . . (דאָס מיינט ש. י. דעם „אייזערנעם לוין־געזעץ" פון פערדינאַנד לאַסאַל — ה.פ.).

דערפון זעט מען, אַז קיין טיפער באַגרינדעטע און פאַרשיידנאַרטיקע אַרגומענטאַציע לטובת דעם פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישן אידעאַל וועט מען אין דער בראָשור ניט געפינען, ווייל ש.י. אַליין האָט זי נאָך דעמאָלט, גלייך נאָך זיין אָנקום אין לאָנדאָן, ניט געהאַט. פון אַלע אַנאַרכיסטיש־טעאָרעטישע ווערק און געדאַנקען־גענג ציטירט ער בלויז איין אָדער צוויי מאָל פּ. קראָ־פּאָטקינען, און נעמט פון אים ספּעציעל אַרויס איין לייטמאָטיוו, וועלכער קלינגט דורך דעם גאַנצן ביכל ווי דער גרונט־קלאַנג וואָס גיט דעם הויפּט־טאָן דער גאַנצער געדאַנקען־סימפאָניע זיינער. דער־אָ לייטמאָטיוו איז, אַז „יעדער מין „מיין" און „דיין" איז געבויט אויף אומשכל און אומגערעכטיקייט, און „אַלץ וואָס איז געבויט אויף אומרעכט, מוז זיין שעדלעך פאַר די מענטשן" (זען קאַפּ. 3, „דער קאָמוניזמוס" אין דער בראָשור, וואָס ווערט איבערגעדרוקט אַלס ביילאַגע נומ. 2 צום סוף פון בוך). און דאָך איז די בראָשור אינטערע־סאַנט נישט נאָר פאַר דער לעבנסגעשיכטע פון ש.י., נאָר אויך אַלס אַן אָפּ־שפּיגלונג פון די טאַקטישע און טעאָרעטישע מחלוקותן צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן אין יענער צייט, ד.ה. זי האָט אַ היסטאָרישן אינטערעס — כדי צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון דער פּראָפּאַגאַנדע

וואס איז געמאכט געווארן, און וואס האט, ווייזט אויס, אפעלירט צו א סך, א סך עמאַציאַנעל־געשפּאַנטע אַרבעטער, מחמת שנאה צו דער גרויסער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און עקאָנאָמישער אונטערדריקונג, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער פון די 80ער און אָנהייב די 90ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט.*)

אָנקומענדיק קיין לאָנדאָן מיט אַ גאַנץ קליינעם טעאָרעטישן באַגאַזש, אָבער מיט אַ סך פּראָפּאַגאַנדיסטישן מוט און אייפער פאַר לעבעדיקע אַרבעטן אויף פאַרשיידענע געביטן (ווי דער קאַמף פאַר אַ ריינעם, ערלעכן טרייד־יוניאָניזם אויף דער יידישער גאַס), האָט ש.י. דאָך אויסגענוצט זיינע עטלעכע יאָר אין לאָנדאָן פאַר אַ טיפערער אויסבילדונג אין סאָציאַלע פראַגן בכלל און אין דער טעאָריע פון פרייהייטלעכן, אַנאַרכיסטישן סאָציאַליזם בפרט. אין ענגלאַנד זיינען דעמאָלט נאָך פריש געווען די שפּורן פון דער גייסטיק־פּרוכטבאַרער ווירקונג, וואָס עס האָט געהאַט די באַוואוסטע „סאָציאַליסט ליעג" (געגרינדעט סוף 1884), וואָס איר גייסטיקער פירער איז געווען דער פון אונדז שוין דערמאָנטער דיכטער־סאָציאַליסט וויליאַם מאָריס, רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „קאָמאָנוויעל", וואו ער האָט אויך צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט זיין בארימטן אוטאָפּישן ראָמאַן, „ניוס פראָם נאָוהער" (נייעס פון ערגעץ ניט), וועלכן ש.י. האָט איבערזעצט און געדרוקט אין זיין „אַרבעטער־פריינד". און די שטאַרקסטע השפּעה, ווי מיר האָבן שוין איין מאָל דערמאָנט, האָבן אין זיין לאָנדאָנער פעריאָד אויף ש.י.ן געהאַט וויליאַם מאָריס און פּ. קראָפּאָטקין. די „סאָושאַליסט ליעג" איז באַשטאַנען פון פרייגייסטער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער שטאַט־פּאָליטיק און זיינען מער געניייגט געווען צו די לערעס פון וויליאַם גאָדווין (1756־1836), מחבר פון ערשטן קלאַסישן ווערק פון דער מאָדערנער אַנאַרכיסטישער טעאָריע „פּאָליטיקאַל דזשאַסטיס".**)

וויליאַם מאָריס און די „סאָושאַליסט ליעג" האָבן שאַרף קריטיקירט דעם שטאַט־סאָציאַליזם און האָבן פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַקציע נישט געהאַלטן. אין יאָר 1890, ווען געוויסע עלעמענטן אין זיין באַוועגונג האָבן זיך גענומען נייגן צו דער „דירעקטער אַקציע" (אין וואולגאַרן זינען פון אַט־דעם אויסדרוק) האָט מאָריס זיך צוריקגעצויגן פון דער „סאָושאַליסט ליעג".

---

*) די דייטשישע איבערזעצונג איז דערשינען אין לאָנדאָן, אין אָנהייב די 1890ער יאָרן, אַלס העפט 7 פון דער אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער ביבליאָטעק, אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע „אויטאָנאָמיע", וועלכע האָט אויך געדרוקט אַ צווייוואָכנשריפט „די אויטאָנאָמיע", אַרויסגעגעבן פון ר. גונדערסאָן און ד. ברוקס. צום שלום פון ש. יאַנאָווסקיס בראַשור (וועלכע איז, ווי די פאָרלעגער שרייבן, איבערזעצט געוואָרן „אויס דעם העברעאישן") איז אויך איבערגעדרוקט אַן אַרטיקל: „די מענטשלעכע נאַטור און אַנאַרכיע", וואָס איז דערשינען אין זשורנאַל „די אויטאָנאָמיע" דעם 29סטן יאַנואַר, 1887).

**) The Genesis of Anarchism in England, by *Henry Seymour*, Free Vistas, ed. by Joseph Ishill, Vol. 2, 1937, Berkeley Heights, N. J.

משמעות ער האָט געשפּירט, אין קעגנזאַץ צו יאָהאַן מאָסט, וועלכער האָט זיין „פריהייט״ אַנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין לאָנדאָן אין 1879 און האָט זי פון דאָרט אַריבערגעפירט קיין ניו יאָרק אין 1883. אין קעגנזאַץ צו די אידייען פון מאָסטן האָט מאָריס געהאַלטן, אַז די צייט איז נאָך ניט רייף פאַר אַ רעוואָלוציע. *)

מען קען גלויבן, אַז דערהויפּט אונטער דער השפּעה פון וויליאַם מאָריסן (און קראָפּאָטקינען), איז ביי ש.י., אין זיינע לאָנדאָנער יאָרן, שטאַרק געוואָרן די איבערצייגונג מכוח דער נוצלאָזיקייט אָדער שעדלעכקייט פון דער פּאָליטישער אַקציע. און דאָ, קען מען משער זיין, האָט דווקא דער איינפלוס פון וויליאַם מאָריסן זיך געלאָזט שפּירן גאָר שטאַרק. ניט קיין קלענערער קענער פון מאָריסעס געדאַנקען־וועלט, ווי דער מאָדערנער בריטישער טעאָ־רעטיקער פון אַנאַרכיזם, קונסט־קריטיקער און פּאָעט, הערבערט ריעד, האַלט, אַז אַ לעקציע וואָס וו. מאָריס האָט געהאַלטן אין 1887, „דהי פּאָליסי אָוו אַבסטענשאָן״, איז טאַקע געווען (לויט דער מיינונג פון הערבערט ריעד) די בעסטע באַגרינדונג פון דעם שטאַנדפּונקט קעגן דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַקציע, וואָס איז ווען געמאַכט געוואָרן אין ענגלאַנד.**)

ליידער איז די לעקציע ערשט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1936, אין אַ 2־בענדיקער ביאָגראַפיע פון וויליאַם מאָריס, אַ טייער־קאָסטנדיק פּראַכט־ווערק, וואָס די טאָכטער פון וו. מאָריס, מעי מאָריס, האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אין עטלעכע הונדערט קאָפּיעס בלויז. די ניט־אָפּגעדרוקטע לעקציע איז איצט נאָך אויך ניט אַזוי באַקאַנט ווי זי וואָלט, לויט איר טיפ־זיניקן אינהאַלט, עס געדאַרפט זיין. מיר דרוקן צום סוף בוך (אַלס ביילאַגע נומ. 3) דעם קיצור פון אָט־דער זייער וויכטיקער לעקציע פון יאָר 1887.

ווי טיף און לאַנגדויערנדיק עס זיינען געווען די שפּורן פון מאָריסעס גייסטיקער ווירקונג אויף ש.י. דורך די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט דעם גאָניאַלן ענגלישן דיכטער און גרויסן סאָציאַליסטישן דענקער פּערזענלעך געקענט, זעט מען פון די אָנדענק שורות, וואָס ש.י. האָט מאָריסן געווידמעט, אין דער „פ.אַ.ש.״ (פון 30סטן מערץ 1934), ווען ס'איז געוואָרן הונדערט יאָר נאָך דער געבורט פון וויליאַם מאָריס (1834־1896). אָט וואָס ער האָט געשריבן:

> די טעג איז געוואָרן הונדערט יאָר, זינט אונדזער גרויסער ענגלי־שער פּאָעט און סאָציאַליסט וויליאַם מאָריס איז געבוירן געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז אין ענגלאַנד ווערט ניט געפייערט זיין הונדערט־

---

*) מער פּרטים וועגן דער מאָריס־תּקופה, זעז אין אונדזער אַרטיקל „מאָריס און זיין פריהייטלעכער קאָמוניזם״ (פ.אַ.ש.״, 12 מאַי 1944) — ה.פ.

**) The Politics of the Unpolitical, by *Herbert Read*, London, 1943, pp. 2-3.

יאַריקער געבורטסטאָג. אַלס סאָציאַליסט, אַלס דער שאַפער פון לידער, וועלכע וועלן נאָך ביז היינטיקן טאָג געזונגען מיט גרויס באַגייסטערונג פון אַרבעטער; אַלס דער שרייבער פון גרויסע ביכער, אין וועלכע ער האָט געמאָלן מיט די שענסטע פאַרבן דעם מענטשלעכן לעבן ווי ער וואָלט געקאָנט זיין, נאָר מען פייערט זיין געבורטסטאָג אַלס איינעם פון די סאַמע פיאָנערן אין דעקאָראַטיווער קונסט, אין אויפטאָן אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען שיין און וואָס מאַכן דעם מענטשלעכן לעבן ווערט צו לעבן.

✶

פאַרשיידענע מענטשן קומען צום סאָציאַליזם אויף פאַרשיידענע וועגן. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז וויליאַם מאָרים האָט געהאַסט דעם עקספּלואַטאַטאָר ווי די עקספּלואַטאַציע. אָבער עס מוז געזאָגט ווערן, אַז וואָס עס האָט געמאַכט דעם גרויסן וויליאַם מאָרים פאַר אַ סאָציאַליסט, איז עס הויפּטזעכלעך געווען די העסלעכקייט פון לעבן אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. ער האָט אויף דעם גרונט אויך באַקעמפט די מאַשין, וועלכע נעמט אַוועק פון דעם מענטשן דאָס סאַמע שענסטע אין לעבן, דעם גענוס פון קענען זיך אויסדריקן אין זיין האַנט־אַרבעט. פאַר אים איז קונסט, שיינקייט געווען דער העכסטער אויסדרוק פון לעבען, אַזוי אַז אָן קונסט איז גאָר דאָס לעבן קיין לעבן ניט.

✶

אין די 80ער יאָרן האָט דאָ אין אַמעריקע אַ געוויסער שרייבער עדוואַרד בעלאַמי אָנגעשריבן אַ געוויסן ביכל מיטן נאָמען „לוקינג בעקוואָרד". ער האָט געשילדערט דאָרט אַ סאָרט סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואו אַלץ גייט צו זייער מאַשינאַווע. וויליאַם מאָרים איז דאַן באַלד אַרויסגעקומען מיט זיין ראָמאַן אונטער דעם נאָמען „ניוס פראָם נאָוהער" — „נייעס פון ערגעץ ניט". אויב איר ווילט האָבן אַ ריכטיקן באַגריף וועגן דעם אונטערשייד פון אַנאַרכיזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָדער שטאַט־סאָציאַליזם, לייענט איבער ביידע ווערק צוזאַמען, און איר וועט דאַן אויך קענען בעסער אַנטשיידן, פאַר וועלכן סאָרט געזעלשאַפט עס לוינט זיך צו קעמפן.

✶

איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען אָן דעם, ווייל אין אַלע באַשרייבונגען פון דער פייערונג פון וויליאַם מאָרים געבורטסטאָג ווערט מערסטנס גערעדט פון אים אַלס דעם קראַפטסמאַן (קינסט־האַנט־ווערקער), פון זיין נייעם סאָרט מעבל, קאַרפעטס, בוך־דרוקעריי און בוך־בינדעריי, און קוים מיט אַ וואָרט ווערט דערמאָנט מאָרים דער גרויסער פּאָעט און דער סאָציאַליסטישער קעמפער, דערפאַר כאָטש אַט־די פאַר ווערטער וועגן איינעם פון אונזערע באַליבטסטע פאַר־קעמפער און שטרייטער פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.

✶

עס איז אמת, אַז וויליאַם מאָרים האָט זיך קיינמאָל ניט דערקלערט אַלס אַנאַרכיסט, אָבער אין דערזעלבער צייט איז ער געווען זייער ווייט

פון צו זיין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, און אַזוי ווייט ווי איך ווייס פון מיין פּערזענלעכער דערפאַרונג, האָט ער צו אַלע צייטן געהאָלפן די ענגלישע אַנאַרכיסטן אין אַלץ וואָס זיי האָבן אונטערנומען. ניט געווען קיין גרויסע אונטערנעמונג אין דעם היסטאָרישן בערנער סטריט קלוב, אין וועלכער וו. מ. זאָל פעלן. ער איז זאָגאַר געווען אַ פּאָר מאָל צו אונדזערע עקסקורשאָנס אין עפּינג פאָרעסט, וואו צווישן אַלע יונגע איז ער געווען דער יינגסטער און דער שפּילעוודיקסטער. דאָס איז געווען איינער פון די זעלטן גייסטרייכע און נשמהדיקסטע מענטשן, וועלכע איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו קענען אין מיין לעבן.

פון דעם בקיצור איבערגעגעבענעם אינהאַלט פון וו.מ.ס זייער וויכטיקער לעקציע (צום סוף פון בוך, ביילאַגע נומ. 3) וועט דער לייענער באַקומען אַ באַגריף פון וו. מאָריסעס קאָנסטרוקטיוו־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם. היינט צו טאָג, נאָך דער מוראדיקער פאַרשטאַרקונג פון קאַפּיטאַליסטישן מאָנאָפּאָליזם און דעם צוזאַמענברוך פון דער פּאַרלאַמענטאַריש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון איין זייט, און דעם אויפקום פון די דיקטאַטאָריש־טאָטאַליטאַרע פּסעוודאָ־סאָציאַליסטישע רעזשימען, פון דער צווייטער זייט, איז כדאי זיך טיפער אַריינצוטראַכטן אין דעם געדאַנקען־בנין פון אַ וויליאַם מאָריס, מיט 60 יאָר צוריק, כדי צו פאַרשטיין די אומגעהייערע השפּעה, וואָס די אידייען זיינע האָבן געמוזט האָבן אויף אַזאַ גייסטיק־וואַכזאַמען יונגן אַרבעטער־קעמפער און זוכער פון אמת און פרייהייט, ווי ש.י.

ווי מיר זעען, האָט ש.י. נאָך אין די סאַמע לעצטע יאָרן, 5 יאָר פאַר זיין טויט, געהאַלטן אַז וו. מאָריסעס ביישטייער צום פרייהייטלעכן סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם איז ניט ווי געהעריק פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט געוואָרן. מען קען נאָך אַ סך פון אים לערנען פאַר די קומענדיקע צייטן פון שטורמישע איבערקערענישן און עפּאָכע־מאַכנדיקע קאָנפליקטן צווישן דער אַלטער, אונטערגייענדיקער, מאָראַליש־באַנקראָטירטער וועלט, און דער נייער אויפלעבנדיקער און אויף געזונטע און געזיכערטע יסודות געבויטער צוקונפטיקער וועלט.

8.

מיר האָבן געזען ווי אַזוי און אונטער וועלכע איינפלוסן ס׳האָט זיך אויסגעפאָרמירט דער געזעלשאַפטלעכער וועלט־באַנעם, די סאָציאַלע געזינונג פון דעם יונגן ש. יאַנאָווסקין ביז ער איז צום צווייטן מאָל אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1895. דאָ האָט ער איבער 40 יאָר צייט פלייסיק געאַרבעט אויפן גייסטיקן פעלד, אַלס שרייבער און לעקטאָר, פאַר איבער 20 יאָר צייט געשטאַנען „אויף דער וואַך״, וואַך־איין, וואַך־אויס אין דער „פ.אַ.ש.״ און האָט דערצויגן טויזנטער מענטשן, זיך דערוואָרבן הונדערטער פריינט, און מסתמא ניט ווייניקער שונאים, און האָט באַקומען אַ נאָמען וואָס איז געווען גוט באַקאַנט אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

נאָך פיר צענדליק יאָר פון דעם טאָג, ווען ער האָט פון לאָנדאָן זיך אומגעקערט קיין ניו יאָרק, האָבן זיינע פילצאָליקע פריינט און פאַרערער געפייערט דעם 70סטן לעבנס־יאָר זיינעם, און צו יענער געלעגנהייט איז אַרויסגעגאַנגען אַ ספּעציעלער יאַנאָווסקי יובילייַ־נומער „פר. אַרב. שט." (דעם 14טן סעפּט., 1934), אין וועלכן ער, יאַנאָווסקי, האָט — אַנשטאָט „אויף דער וואַך" — געהאַט אַ לאַנגן „ווידוי" אָדער „אַני מאמין" אַרטיקל, באַטיטלט „וועגן זיך אַליין", פון וועלכן מיר וועלן דאָ איבערדרוקן דעם גאַנצן שלוס־טייל. דאָס איז כדאי צו טאָן, מחמת אויף אַזאַ אופן לאָזט זיך אונטערציען אַ סך־הכל, אַ מין באַלאַנס פון זיין געזעלשאַפטלעכער וועלט־אַנשויאונג אויף דער עלטער. און חוץ דעם ווערט אויף אַזאַ שטייגער קאָנפראָנטירט און פאַרגליכן די גייסטיקע וועלט פון די יוגנטלעכע האָפענונגען פון ש.י. דעם פּראָפּאַגאַנדיסט און בויער פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, מיטן רייפן, דערפאַרענעם, טיילווייז אַנטוישטן אָבער דאָך ניט פאַרצווייפלטן און געוויס ניט מוטלאָזן אַלטן טרעגער פון דערהויבענע און אומשטערבלעכע מענטשלעכע אידעאַלן. אָט וואָס ש.י. זאָגט דאָרט:

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף די סאַמע וויכטיקסטע עיקרים פון מיין אַני מאמין, מיט וועלכן איך בין אַרויס אין קאַמף, און זען וויפיל עס איז שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן און וויפיל עס דאַרף נאָך פאַרווירקלעכט ווערן. דער ערשטער אַרטיקל פון מיין גלויבן איז געווען, אַז די אַרבעטער, די שאַפער פון אַלץ, כדי זיי זאָלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט וואָס קומט זיי, מוזן ווערן קליגער, ציל־באַוואוסטער, און טאַקע אויך באַרייט צו קעמפן פאַר זייערע רעכט. נו, איך געדענק דעם אַרבעטער מיט פופציק יאָר צוריק. איך זע אים פונקט ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן; אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, אייביק הונגעריק און אייביק מיד פון דער שווערער האָרעוואַניע, און מער פון אַלץ אַ טויב־שטומער. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־די באַשעפעניש קאָן ניט קיין צוויי ווערטער אויסריידן, און נאָך ווייניקער אירגנד אַ געדאַנק האָבן אין זיין מוח. און אָט ווען איך פאַרגלייך אָט־דעם אַרבעטער פון אַמאָל, אָט־דעם „מען וויטה דהי האו" פון עדווין מאַרקהאַם, מיט דעם איצטיקן אַרבעטער, וועלכער אַרבעט שוין ניט מער ווי 35 שעה אַ וואָך און נאָך דאָס אויך ניט, ווען איך הער אים ריידן אויף זיינע פאַרזאַמלונגען, ווען איך זע אים אין די צייטונגען, אין וועלכע ער זאָגט אַרויס זיין מיינונג איבער פאַרשיידענע פראַגן, ווען איך זע אים קעמפן — און מיט אַזאַ פאַרשטענדעניש — פאַר זיינע אינטערעסן, דאַן ווייס איך, אַז דער פאָרטשריט איז גאָר אַ געוואַלטיקער און איך שמייכל מיר, ניין, איך ווייס עס, אַז אָט אין דעם האָב אויך איך אַ היפּשן חלק.

✶

אַ צווייטער אַרטיקל פון מיין אַני מאמין איז געווען, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז דער וואָרצל פון גאָר פיל איבלען, און דערפאַר מוז עס אָפּגעשאַפט ווערן. איז אין דער הינזיכט געמאַכט געוואָרן אירגנד

וועלכער פּאָרטשריט? ווי מיר דאַכט זיך, גאָר אַ גרויסער. דער געדאַנק פון אייגנטום איז גאָר זייער שטאַרק דיסקרעדיטירט. די, וועלכע האָבן דעם אייגנטום, די האַלטן זיך אין איין פאַרענטפערן, און וואָס ווייטער מוזן זיי אָפּגעבן אַלץ מער און מער פון דעם וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר זייערס. וואָס ווייטער ווערט אַלץ מער צוגעגעבן, אַז זיי קענען ניט און טאָרן ניט זיין די באַלעבאַטים איבער דעם, וואָס זיי האָבן נאָך גאָר נישט לאַנג גערופן אַלס זייער אומבאַשרענקטער אייגנטום, איבער וועלכן אויסער זיי האָט קיינער גאָרניט וואָס צו זאָגן. בקיצור, דער געדאַנק פון פּריוואַט־אייגנטום האַלט ביי זיין גסיסה. זיין שטונדע האָט געשלאָגן. באַלד, באַלד און ער וועט זיין אַ גרויסער בר־מינן.

*

נאָך אַ גרויסער אַרטיקל אין מיין אני מאמין פון מיין יוגנט איז די הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש. איך בין געווען און בין נאָך מער איצט איבערצייגט, אַז ביז דער מענטש וועט ניט ווערן פולשטענדיק באַפרייט פון אַלערליי הערשער, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַרשקלאַפט. פון אַלערליי געזעצן, וועלכע זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף אים אָט פון די מאַכטהאָבער, פון אַלערליי פאָראורטיילן, וועט מען נאָך אַלץ ניט קענען ריידן פון אַ ווירקלעך גרויסן און שיינעם לעבן פון דער מענטשהייט. נו, מעגן מאַנכע דענקען, אַז אין דער הינזיכט האָט מיין אידעאַל, מיין גרויסע לערע פון אַנאַרכיזם, אינגאַנצן באַנקראָטירט. וואָרים איז עס ניט אַ פאַקט, אַז אַנשטאָט אַלץ מער און מער פרייהייט, מערן זיך אַלץ מער און מער די אינסטיטוציעס פון דער שענדלעכסטער שקלאַפעריי? וואָרים וואָס איז דען אַנדערש דאָס, וואָס בושעוועט איצט אין די פאַרשיידענע לענדער: דער באָלשעוויזם אין רוסלאַנד, דער היטלעריזם אין דייטשלאַנד, דער פאַשיזם אין איטאַליע און עסטרייך און די דיקטאַטור אין פיל אַנדערע לענדער, אויב ניט אַ שרעקלעכער שפּרונג אויף צוריק פון דעם גאַנצן געדאַנק פון פרייהייט? נאַטירלעך קען איך דאָס אַלץ ניט לייקענען. עס איז געוויס איינע פון די ביטערסטע אַנטוישונגען אין מיין לעבן און אין דעם לעבן פון יעדן פרייהייטס־קעמפער. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אָט־די שרעקלעכע דערשיינונג קען און זאָל אויך באַטראַכט ווערן פון אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט. איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך בין געווען יונג, האָב איך און פיל אַנדערע פאָראויסגעזאָגט, וואָס אַ מאָדנער מאָנסטער דאָס וועט זיין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שטאַט. ווייניקע האָבן אונדז געגלויבט. זיי האָבן געטענהט, אַז מיר מאָלן אַ קאַריקאַטור, אַז אַזוי קאָן און וועט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שטאַט קיינמאָל ניט זיין. איצט קאָן עס יעדער זען באַשיינפּערלעך אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד און וואו ניט, אַז מיר האָבן ניט נאָר ניט איבערטריבן, נאָר אַז מיר האָבן זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מאָנסטער דאָס וועט זיין. און פאָלגלעך וועט באַלד מוזן מיט אַ גאָר באַזונדערער קלאָרקייט אַריינדרינגען דער געדאַנק אין די מענטשלעכע מוחות, אַז שטאַט און פרייהייט קענען קיינמאָל ניט הויזן צוזאַמען; און אַזוי ווי אָן פרייהייט איז

דער מענטשלעכער פּאָרטשריט ניט מעגלעך, וועט די פרייהייט דאָך אַרויסקומען אַלס די זיגערין.

✶

דאָס זיינען געווען די סאַמע עיקרים פון מיין יוגנטלעכן אני מאמין, און זיי זיינען עס נאָך איצט. אַוודאי האָב איך אין גאָר פיל אַנדערע געדאַנקען און מיינונגען זיך שטאַרק געענדערט. אָבער וועגן דעם דערציל איך, ניט מיט אַ געפיל פון בושה, נאָר דווקא מיט אַ געפיל פון שטאָלץ. פאַר מיר איז אָט־די מיינונגס־ענדערונג אין גאָר פיל הינזיכטן אַ קוואַל פון אמתער פרייד. דאָס איז פאַר מיר דער בעסטער באַווייז, אַז איך האָב געלעבט, אַז איך בין ניט געווען שטאָק־בלינד צו אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט מיט זיך געבראַכט; און ווען ס'איז געוואָרן פאַר מיר קלאָר, אַז איך האָב געמאַכט אין אַ געוויסן פּרט אָדער אין געוויסע פּרטים אַ טעות, האָב איך זיך גאָר ניט געשעמט און עס אָנדערקענט. די מיינונגס־ענדערונג מיינע איז פאַר מיר דער בעסטער באַווייז, אַז איך בין געבליבן אַלעמאָל יונג, ניט פאַרשטיינערט, און אַזוי ווי נאָך איצט ענדער איך זיך אין מיינע מיינונגען וואָס מיינע פריינט וואַרפן מיר אָפט פאַר אַלס אַ „ווידערשפּרוך", איז באַטראַכט איך עס גאָר אַלס דעם בעסטן סימן, אַז טראָץ מיינע 70 יאָר בין איך נאָך אַלץ ניט אַלט, און איך האָף אַזוי צו בלייבן וויפיל עס איז מיר נאָך באַשערט צו לעבן.

✶

באַזונדער פיל איך גוט, וואָס אין דעם משך פון די יאָרן בין איך געוואָרן אַלץ ברייטער און טאָלעראַנטער אין מיינע געדאַנקען און געפילן סיי בנוגע די אידייען און סיי בנוגע די מיטמענטשן מיינע. יאָ, עס איז געווען אַ צייט, ווען איך האָב באַטראַכט אַלע מיינע אידייען־קעגנער אַלס פּערזענלעכע שונאים, ווען עס איז די גרעסטע מצווה צו באַקעמפן. עס איז געווען אַ צייט, ווען איך האָב יעדן געדאַנק, וויבאַלד נאָר ער איז ניט געווען אינגאַנצן מיינער, האָב איך אים שוין באַטראַכט פאַר העכסט פיינדלעך און אים באַקעמפט. איך בין גליקלעך דאָ צו דערקלערן, אַז די צייט פון מיין פינצטערן פאַנאַטיזם איז שוין לאַנג אַוועק. איך האַלט טאָלעראַנץ פאַר איינע פון די גרעסטע אייגנשאַפטן און איינע פון די וויכטיקסטע באַדינגונגען פאַר דער אמתער מענטשלעכער פרייהייט. דערפאַר פיל איך אמת גוט, וואָס גאָר אַ היפשער טייל פון מיינע פריינט, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין מיין יובילײ אין אַזעלכע שטעט, ווי אין באָסטאָן, ספּרינגפילד, דעטראָיט, פּיטסבורג און סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע, און ווי אויך איצט אין ניו יאָרק און לאָס אַנדזשעלעס, זיינען ניט מיינע אידייען־גענאָסן, נאָר זיי געהערן דווקא צו אַנדערע ריכטונגען. מיר דוכט זיך, אַז אויך פאַר דעם גרויסן געפיל פון טאָלעראַנץ בין איך, און אויך די „פ.אַ.ש.", וועלכע איך האָב געפירט פאַר גאַנצע צוואַנציק יאָר און בין איצט צוריק ביי איר און מיט איר, שטאַרק פאַראַנטוואָרטלעך אין אונדזער וועלט. מיין שטאַרקער קאַמף אין דעם איצטיקן מאָמענט, און איך האָף ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג פון מיין לעבן, וועט זיין קעגן אַלץ

וואָס איז ענגהאַרציק, שמאַלקעפּיק און אומטאָלעראַנט.

אַזוי האָט געדענקט און געגלויבט ש. יאַנאָווסקי נאָך 50 יאָר אַרבעט און קאַמף פאַר דעם אידעאַל פון „אַ געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן אָן צוואַנג און עקספּלואַטאַציע״ (ווי ס׳לויטעט די אויפשריפט אויף זיין מצבה, וועלכע ס׳האָט פאַרפאַסט ש.י.ס פריינט, לעאָן מאָיסעיעוו).

און כמעט גלייכצייטיק מיט דעם אויבן־ציטירטן „אני מאמין״ זיינעם איז אַנגעשריבן געוואָרן אַ קורצע אָפּשאַצונג איבער זיין לעבן און שאַפן פון אַן אַלטן אינטימען פריינט און מיטקעמפער זיינעם פון די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע — דעם פאַרשטאָרבענעם חבר דר. מיכאל קאָהן, אין שייכות מיט ש. יאַנאָווסקיס 70־יאָריקן יובילײ („צוקונפט״, אָקטאָבער, 1934), וואו מיר לייענען צווי־אַנד. —

> ש. יאַנאָווסקי גלויבט אין מענטשן, אין זיין פולשטענדיקער, אומ־אָפּהענגיקער פרייהייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער איז אַליין פריי פון יעטווידן אַבערגלויבן: רעליגיעזן, פּאָליטישן, עקאָנאָמישן, נאַציאָ־נאַלן און סאָציאַלן; קעגן דער געטלעכער און ערדישער אויטאָריטעט. ער איז פעסט איבערצייגט, אַז אַ פרייהייט, וואָס איז באַזירט אויף הערשאַפט פון מענטשן איבער מענטשן, איז אומזין. דער אַנאַרכיזם איז ווי געבוירן מיט אים, איינגעזאַפּט און איינגעוואָרצלט אין זיין גאַנצן מהות. אַז יאַנאָווסקי זאָל זיך אונטערוואַרפן אונטער יענעמס ווילן קאָן איך מיר ניט פאָרשטעלן. ער וואָלט זיין דער אומגליקלעכ־סטער מענטש, ווען ער זאָל ניט קאָנען געבן אַ פולן אויסדרוק זיינע געדאַנקען און געפילן. אָבער ניט בלויז פאַר זיך אַליין. ער איז אייביק געשטאַנען פאַר דאָס פרייע וואָרט פאַר אַלעמען.

פון זיין יוגנט אָן ביז דעם טיפן עלטער איז ש.י. געבליבן געטריי זיין גרונט־איבערצייגונג, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט אָדער אַ שטאַט וואָס קען ראַ־טעווען די וועלט. געוואָלט האָט ער שטענדיק דערציען די מענטשן אַזוי, אַז יעדער מענטש זאָל פאַרשטיין, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט, וואָס האָט דעם מענטשן ליב, ניטאָ קיין שטאַט וואָס זאָרגט זיך פאַרן מענטשן, ניטאָ קיין אַלטרואיסטישע, גוטהאַרציקע מענטשן, וואָס רינגלען יעדן פון אונדז אַרום פון אַלע זייטן . . . געוואָלט האָט ער צוגעוואוינען דעם מענטשן צו בויען אויף אַזעלכע פאַקטאָרן און יעדן יחיד ווי דעם מענטשנס אייגענער פאַר־שטאַנד, זיין אייגענע קראַפט, זיין געוויסן, זיינע פעאיקייטן — פאַקטאָרן מיט וועלכע יעדער איינער איז באַקאַנט און אויף וועלכע ער אָדער זי קען, מעג, און דאַרף בויען; און וועלכע יעדער פון אונדז קען און דאַרף באַהערשן. די נייע, פרייע געזעלשאַפט וועט ערשט דאַן קענען אויפגעבויט ווערן, ווען די מעגלעכקייטן אין יעדער פערזאָן און די מעגלעכקייטן פון דער אומגעבונג, פון דער אויסערלעכער וועלט, וועלן לייכט און שנעל, כמעט אויטאָמאַטיש, צווישן זיך צוגעפּאַסט און האַרמאָניזירט ווערן. דערפון איז געקומען זיין

פעסטער פרינציפ, אַז יעדע אַנטי־סאָציאַלע טאַט איז אַ טאַט קעגן זיך אַליין; אַז מען שאַפט שמערצן איין אבר, מוז דערפון ליידן דער גאַנצער גוף. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די ישועה קען קומען נאָר פון די פעלקער גופא, פון אינעווייניק און פון אונטן אַרויף, ניט פון דערלייזער און ניט פון אויסער־לעכע כוחות, און געוויס נישט דורך טיראַניי, טעראָר און דיקטאַטור.

אַ געבוירענער רעבעל, איז ש.י. תמיד געשטאַנען פאַר דעם אונטער־דריקטן, דערשלאָגענעם און פאַרפאַלגטן. אין דער געשיכטע פון דער יידיש־ראַדיקאַלער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע (און פון ענגלאַנד) וועט ער פאַרנעמען אַ זייער חשובן פלאַץ. און ניט וויייניק בוי־שטיינער פאַר אַט־דער געשיכטע האָט ער אַליין צוגעטראָגן מיט די זכרונות זיינע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן פאַרן לייענער פון אונדזער דור און פון די שפּעטערדיקע צייטן.

ח. פראַנק

רעדאַקטאָר, „פרייע אַרבעטער שטימע".

ניו יאָרק, סוף אויגוסט, 1948.

ש. יאַנאָווסקים

אויטאָביאָגראַפישע זכרונות

אין 3 טיילן

במקום אַ הקדמה

פאַר אַ לענגערער צייט האָב איך זיך געוועהרט קעגן דעם געדאַנק צו נעמען זיך שרייבן וועגן דעם וואָס איך האָב דורכגעלעבט און דורכגעטראַכט אין דעם משך פון די 60 יאָר.

עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז עס איז נאָך צו־פרי; אַז די געשיכטע פון מיין לעבן איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט.

און איך האָב באמת פאַראיבל־גענומען אויף אַ סך פריינט, וואָס זיינען צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל אָנהויבן שרייבן מיינע זכרונות.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דערמיט מיינען זיי, אַז עס איז שוין צייט איך זאָל אונטערציען דעם סך־הכל, די אונטערשטע שורה.

אמת, זיי האָבן עס ניט געמיינט אַזוי. זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז מיינע מעמואַרן דאַרפן זיין פון אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס פאַר דעם אידישן ראַדיקאַלן עולם. האָב איך דאָך אַזויפיל איבערגעלעבט, און עס וואָלט געווען באמת אַ שאָד, אַז צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער אורזאַך זאָל דאָס בלייבן ניט־דערציילט.

און דאָך האָב איך ניט געקאָנט פועלן באַ זיך צו נעמען זיך צו דער אַרבעט. צוויי אורזאַכן האָבן בייגעטראָגן דערצו: די ערשטע איז געווען דער צווייפל, צי זיינען מיינע זכרונותווירקלאַך פון אַזאַ וויכטיקייט; צווייטנס: האָב איך שטאַרק געצווייפלט צי האָב איך די נויטיקע פייאיקייט פאַר דער גרויסער אַרבעט.

האָט אָבער פּאַסירט, אַז נאָך דעם ווי איך האָב ניט געהאַט קיין פרייע שטונדע פאַר די לעצטע 35 יאָר, בין איך איצט אינגאַנצן פריי און בין ניט פאַרבונדן מיט קיין צייטשריפט, אין וועלכער איך זאָל קאָנען טאָן „לעבע־דיקע" אַרבעט, די אַרבעט פון אָפּרופן זיך אָף יעדן מאָמענט, אָף יעדער פראַגע פון טאָג, ווי איך האָב עס געטאָן פאַר די לעצטע 35 יאָר. און גלאַט גאָרנישט ניט טאָן קאָן איך ניט, בין איך דאָך געוויינט פון קינדוויז אָן צו אַרבעטן, טאָ איז דאָך גלייכער, אַז איך זאָל טאַקע פּרובירן ברייגגען אָפן פּאַפּיר די פאַרשיידענע פּאַסירונגען פון מיין לעבן.

איך באַטראַכט דעריבער מיין איצטיקע אַרבעט ניט מער ווי אַ פּאַרזוך, ווייל איך בין גאָר ניט זיכער צי איך וועל קאָנען אויפפרישן די פאַרגעקומענע אַרבעט צו מיין אייגענער צופרידנקייט.

און נאָך עפּעס האָט מיר באַוועגט צו זעצן זיך שרייבן מיינע זכרונות.

מיט אַ יאָר און אַ האַלב פאַר דעם טויט פון מיין זייער חשוב׳ן פריינט, יעקב גאָרדין, דעם איינציקן גרויסן דראַמאַטורג, וואָס די אידישע בינע האָט, לויט מיין מיינונג, פאַרמאָגט, זיינען מיר ביידע געזעסן באַ אַ גלעזל טיי, און יעקב גאָרדין האָט דערציילט, מיט זייער אינטערעסאַנטע איינצל־

הייטן, פּאַסירונגען פון זיין לעבן אין רוסלאַנד און אַמעריקע. איך האָב אים דאַן געפרעגט: פאַרוואָס זאָל ער אַט־דאָס אַלץ און אַ סך מער ניט אַנשרייבן? דאָס וואָלט דאָך געווען אַזוי העכסט אינטערעסאַנט און וויכטיק! יעקב גאָרדין איז נאָך דאַן געווען אין זיין בעסטן געזונט, און מיר איז גאָר ניט איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק, אַז יעקב גאָרדין קאָן אינגיכן שטאַרבן, און אַז אַלע זיינע איבערלעבונגען זאָלן באַגראָבן ווערן צוזאַמען מיט אים און ניט אָנזען די ליכטיקע שיין.

אָבער אַזוי שנעל ווי גאָרדין האָט דערהערט מיין פאָרשלאָג האָט ער געענטפערט מיט כעס: „יאַנאָווסקי, איך וועל גיין נאָך אייער לויה, און ניט איר נאָך מיינער!"

אַ וואָך פאַר זיין טויט, ווען איך בין געקומען אים מבקר־חולה זיין, האָט ער מיר דערמאָנט אָן מיין פאָרשלאָג, און מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געזאָגט: „יאַנאָווסקי, אין דעם פּרט האָב איך געמאַכט אַ גרויסן טעות; איר וועט גיין נאָך מיין לויה, ניט איך נאָך אייערער. מיר טוט באַנג וואָס איך האָב ניט געפאָלגט אייער עצה."

איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז נאָך איצט ניט צו־שפּעט; אַז ער וועט נאָך געזונט ווערן; און אָנשטאָט מעמוארן וועט ער אונדז נאָך מזכה זיין מיט פיל גרויסע דראַמען.

„מאַכט זיך ניט נאַריש און זייט ניט קיין היפּאָקריט" — האָט מיר יעקב גאָרדין געענטפערט. — „איר ווייסט, און איך ווייס, אַז איך שטאַרב. און ניט דאָס פאַרדריסט מיר, וואָס מיינע זכרונות זיינען געבליבן ניט־געשריבן, נאָר דאָס וואָס איך האָב געבויט אַ טעמפּל, און חזירים האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַל . . .!"

איך האָב זיך אָפט דערמאָנט אָן די ווערטער פון יעקב גאָרדין ווען איך פלעג קומען אין אידישן טעאַטער, צוזעענדיק דעם שרעקלאַכן מיסט אויף דער אידישער בינע, וואָס האָלט זיך אין איין פאַרמערן. אָבער דאָס מער האָט מיר שטענדיק פאַרדראָסן, וואָס יעקב גאָרדין האָט מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַלץ וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין גרויסן קאַמף פאַר דער בעסערער דראַמע, פאַר אַ בעסערער ליטעראַטור אין אונדזער אַמעריקע. אפשר וואָלטן זיינע זכרונות געהאַט די גרויסע ווירקונג פון אָפּהאַלטן דעם זיך אַלץ מער און מער אַנזאַמלענדיקן מיסט . . . און איך טראַכט זיך: אפשר וועלן אַמאָל אויך מיינע זכרונות העלפן אַביסל אין דער אַרבעט, וואָס איך, יעקב גאָרדין און פיל־פיל אַנדערע — יעדער אָף זיין אויסגעקליבענעם פעלד — האָבן געטאָן זייער גאַנצן לעבן, און דאָס איז — ברייגגען מער ליכט, מער אויפקלערונג, מער קולטור, מער פיינקייט אין אידישן לעבן.

(ניו יאָרק, 1927)

1-טער טייל

מיין קינדהייט און פריעסטע יוגנט

1. עטוואס פון מיינע קינדער-יאָרן
2. מיינע ערשטע און לעצטע שמיץ
3. מיינע עלטערן
4. מיין עלטערער ברודער יעקב צבי
5. ווער שיער ניט באגראָבן לעבעדיקערהייט
6. איך גרייט זיך צו גימנאזיע
7. מיין ערשטע ליבע
8. אין דער פרעמד
9. אויפן וועג נאָך אמעריקע

1. עטוואָס פון מיינע קינדער־יאָרן

לויט מיינע מעטריקעס בין איך געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר 1864; אָבער צום אונטערשייד פון פיל אַנדערע, וועלכע קאָנען דערציילן מיט אַ סך איינצלהייטן וואָס עס האָט פּאַסירט פון סאַמע דעם צווייטן אָדער דעם דריטן יאָר פון זייער לעבן, באַהויפּטנדיק אַז זיי אַליין געדענקען דאָס, מוז איך דאָ דערקלערן, אַז פון מיינע ערשטע עטלעכע יאָר פון מיין לעבן הויב איך ניט אָן צו געדענקען.

זאָל דאָס אָבער פון דעם לעזער פון די שורות ניט אויסגעטייטשט ווערן, אַז איך באַשולדיק, חלילה, מיינע פאָרגייער און מיינע נאָכפאָלגער, אין זייערע לעבנס־באַשרייבונגען, פאַר פאַלשע אויסטראַכטער. ניין. עס קאָן זייער געמאָלט זיין, אַז געוויסע מענטשן הויבן־אָן זייער באַוואוסטזיניק לעבן פון דער פריסטער יוגנט אָן. ביי מיר אָבער איז עס ניט אַזוי געווען. איך הויב ניט אָן געדענקען וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט אין די ערשטע פינף־זעקס יאָר פון מיין לעבן.

מיינע ערשטע לעבנס־יאָרן זיינען געווען גיכער דאָס לעבן פון אַ פלאַנץ, פון אַ חיה, ווי פון אַ באַוואוסטזיניק וועזן.

איך געדענק ווי דורך אַ טומאַן, אַז איך האָב געהאַט אַ ניאַנקע, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט אַרום מיר, און וועלכע, ווי עס דוכט זיך מיר, האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט — ליב געהאַט, ווי אַן אייגן קינד. אָבער אפילו אין דעם בין איך ניט גאַנץ זיכער, ווייל עס קאָן גריילעך זיין, אַז דאָס איז ביי מיר געבליבן אַלס דער איינדרוק שוין פון די שפּעטערע יאָרן, ווען זי פלעגט קומען אַמאָל צו באַזוך ביי מיינע עלטערן און דערציילן, אין מיין אַנוועזנ־קייט, ווי שיין איך בין געווען אַלס קינד; ווי מענטשן פלעגן זיך אָפּשטעלן אין גאַס און קוקן אויף מיר, ווען זי האָט מיך געטראָגן אָדער געפירט אין גאַס ביי דער האַנט.

לויט איר מיינונג בין איך געווען „שיין ווי אַ מלאך“.

קוק איך איצט אָפּט אין שפּיגל, אום צו געפינען די שפּורן פון מיין אַמאָליקער שיינקייט, און איך מוז קומען צום שלוס, אַז מיין ניאַנקע האָט די זאַך גאָר צו־שטאַרק איבערגעטריבן . . .

אויב דער לעזער זאָל דרינגען פון דעם, וואָס איך געדענק אַזוי ווייניק פון מיינע ערשטע קינדעריאָרן און פון די וואָס האָבן מיך, אַזוי צו זאָגן, אויף די הענט געטראָגן, אַז איך מוז זיין אַ גאַנץ געוויינלעכער מענטש, וועל איך זיך מיט אים שטאַרק ניט קריגן וועגן דעם.

אמת, איך לייד ניט פון קיין צו־גרויסער באַשיידנקייט; וואָרים אויב

יא, וואָלט איך דאָך גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט פון באַלעסטיקן אימיצן מיט דער געשיכטע פון מיין לעבן; אָבער צווישן דיווירקלעך גרויסע גייסטער צייל איך מיך אויך ניט. איך גיב געדן צו, אַז איך געהער צו דעם גרויסן כלל, פון וועלכן איך צייכן זיך אויס מיט גאַנץ ווייניק. נישט מער, דער מזל האָט עס אַזוי געוואָלט, און איך מוז זאָגן — אָפּט קעגן מיין ווילן און אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג פון מיין זייט — אַז איך זאָל זיין איינער פון די הויפּט־טוער און איינער פון די ערשטע אין דער אידישער פרייהייטס־באַוועגונג אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד, און דאַן ווידער אין אַמעריקע פאַר די לעצטע 40 יאָר.

און מיר דוכט זיך, אַז צוליב דעם אַליין דאַרף די געשיכטע פון מיין לעבן זיין ניט אומאינטערעסאַנט, אויב עס זאָל מיר נאָר געראָטן צו וואַרפן אויף אַלץ וואָס האָט פּאַסירט, און אויף אַלע מיט וועמען איך בין געקומען אין באַרירונג, די ריכטיקע באַלייכטונג — נאַטירלעך, פון מיין שטאַנד־פּונקט.

וועגן דעם אַלעמען, אָבער, שפּעטער. דערווייל, כדי די לעזער זאָלן דאָך קאָנען שוין פּאַסן אַ באַגריף וועגן דעם שרייבער פון די צייל, מוז איך זיי דאָ דאָך דערציילן כאָטש עטוואָס פון מיינע קינדער־יאָרן און פון דער סביבה, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן. איז דאָך, ווי מען זאָגט — און מיט פיל רעכט — דאָס קינד דער פאָטער פון דעם דערוואַקסענעם מענטשן.

2. מיינע ערשטע און לעצטע שמיץ

עס איז דער ריינער אמת ווען איך דערקלער, אַז איך הויב ניט אָן גע־דענקען דעם דרדקי־מלמד, וועלכער זאָל האָבן מיט מיר געלערנט אלף־בית. איך הויב ניט אָן געדענקען דעם חדר, וואו איך זאָל האָבן באַקומען דעם שליסל צו מיין קליינעם וויסנשאַפטס־אוצר פון די שפּעטערע יאָרן. איך הויב ניט אָן געדענקען די חדר־אינגלעך, מיינע חברים, אַזוי־צו־זאָגן, מיט וועמען איך זאָל האָבן געלערנט, זיך געשפּילט, און געוויס זיך אַמאָל גע־שלאָגן אויך. אַזוי ווייניק געדענק איך פון מיין פריסטער לעבנס־צייט, אַז עס אַנטשטייט איצט אַ צווייפל אין מיין מוח, צי איך האָב ווען גאָר געלערנט אין אַ חדר; און צי איך האָב גאָר ווען געלערנט ביי אַ דרדקי־מלמד.

דער איינציקער באַוויז, וואָס איך האָב קעגן מיין צווייפל, איז דער, וואָס איך קען דאָך פאָרט דעם אלף־בית, וואָס דאָס איז צו זען באַשיינפּער־לעך פון מיין איצטיקן שרייבן. זיכער איז דאָך דער אלף־בית ניט געקומען צו מיר בנבואה . . .

מיין צווייפל, צי איך האָב ווען געלערנט ביי אַ דרדקי־מלמד איז דאָס מער באַרעכטיקט, ווייל איך קאָן זיך באַין אופן ניט דערמאָנען, אַז דער

דאָזיקער פּראָבלעמאַטישער מלמד זאָל מיך ווען האָבן געשלאָגן אָדער גע־שמיסן. און עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז איך זאָל אַזאַ זאַך קאָנען פאַרגעסן.

אַ ראיה האָט איר, אַז איך האָב נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט פאַרגעסן די שמיץ און קלעפּ, מיט וועלכע מיין טאַטע האָט מיך מכבד געווען, ווען איך האָב געמוזט אַלט זיין אַ יאָר זיבן.

דאָס געדענק איך נאָך, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט.

איך בין געקומען צולויפן פון גאַס אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרשטיפטער. איך האָב זיך געשפּילט מיט זלאַטקען, מיט יעקל דעם רופא׳ס קליין מיידעלע אין פערדלעך.

האָט די מאַמע געוואָלט, אַז איך זאָל עסן וועטשערע, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַ הייסן טעלער זופּ, אין אַ קופּערנעם גרויסן טעלער (די קו־פּערנע טעלער האָט דער טאַטע איינגעפּירט, ווייל חברה האָט געהאַלטן אין איין ברעכן די פאַרצעלייענע). פאַר מיר איז די זופּ געווען צו־הייס, און איך האָב דוקא געוואָלט אָנשטאָט דעם ברויט באַשמירט מיט שוואַרצע יאַגדעס. איז ביי מיין מאַמען וואָלט איך עס שוין אויסגעפּירט; אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער טאַטע: ניט אַנדערש — איך מוז עסן די זופּ. האָב איך זיך אַנטשידן אָפּגעזאָגט פון פאָלגן אים און זיך אָנגעהויבן רוקן צו דער טיר.

דער טאַטע איז אָבער געווען שנעלער ווי איך, האָט ער מיך געכאַפּט פאַר׳ן קאָלנער, אַרונטערגענומען זיין פּאַסיק און מיך גוט אַריינגעצימבלט... דאָס זיינען אָבער געווען די ערשטע און לעצטע שמיץ, וואָס איך האָב פון אים אָדער פון וועמען אַנדערש געקראָגן.

דער זופּ איז געבליבן ניט־געגעסן, און מיין טאַטע האָט זיך הפּנים איבערצייגט, אַז מיט שמיץ קאָן מען מיט מיר גאַרנישט אויספירן.

ווי עס איז אַלזאָ צו זען, בין איך געווען אַ גרויסער עקשן פון מיין קינד־ווייז אָן. אויף וויפיל דאָס האָט מיר געהאָלפן אָדער געשטערט אין מיין ווייטערדיקן לעבן — דאָס וועט דער לעזער געפינען אין די ווייטערדיקע בלעטלעך פון מיין לעבן.

3. מיינע עלטערן

פון קיין גרויסן יחוס שטאַם איך ניט. מיין טאַטע איז געווען ניט מער ווי אַ חזן אין אַ קליין פּריוואַט שולכעל, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון די פינסקער גבירים, די לוריעס. פון חזנות אָבער האָט ער געצויגן ניט מער ווי אַ טייל פון דער חיונה; דאָס איבעריקע האָט ער פאַרדינט פון דעם, וואָס פון צייט צו צייט איז ער געווען אַ שוחט, אַ מוכר ספרים, אַ שטיקל סוחר מיט אַלטוואַרג — אַלטע כלים, אַלטע ספרים און נאָך אַזעלכע

מטלטלים—צו וואס, ווי מיין מאַמע פלעגט זיך אָפט באַקלאָגן שטילערהייט, אַז ער האָט מער צוגעלייגט ווי פאַרדינט.

איינמאָל איז צו אונדז געקומען אַ גאַסט פון שטעטל קנישין, וואו מיין פאָטער איז געבוירן געוואָרן, און ער האָט אונדז גאָר אַ סך וואונדערלעכס דערציילט וועגן דעם גרויסן יחוס פון מיין פאָטער. דער טאַטע אַליין האָט אונדז וועגן דעם קיינמאָל ניט דערציילט. איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ אינגל פון אַ יאָר זיבן, און איך געדענק, אַז איך האָב זיך געפילט גאָר דער־הויבן ווען איך האָב זיך פון דעם גאַסט דערוואוסט, אַז מיין טאַטע איז ניט אַבי ווער. ער האָט דערציילט, אַז מיין טאַטנס־טאַטע — דאָס הייסט מיין זיידע — איז געווען אַ רב אין אַ קליין שטעטל, און אַז מיין עלטער־זיידע איז געווען אַ חזן און שוחט, און אַז פון זיין זיידן האָט דאָס מיין טאַטע גע׳ירשנט זיין פראָפעסיע.

אין זיינע יונגע יאָרן האָט מיין פאָטער אַ סך אַרומגעוואַנדערט ביז ער האָט געפונען אַ מקום־מנוחה אין פינסק, וואו ער האָט געקראָגן די שטעלע פון חזן און שוחט, און וואו ער האָט אויך חתונה געהאַט. מיין מאַמע איז שוין געווען זיין צווייטע פרוי; די ערשטע, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט צוויי זין, איז געשטאָרבן, ווען זי איז נאָך געווען גאַנץ יונג.

אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער חתונה, פלעגט מיין מאַמע דערציילן, האָט זיך זיי געלעבט גאַנץ גוט. עס איז געווען פרנסה בשפע. נאָר אָט איז פאַרגעקומען עפּעס אַ סיכסוך צווישן מיין טאַטן און דעם רב פון שטאָט: דער רב האָט גע׳פסקנ׳ט, אויף אַ בהמה וואָס דער טאַטע האָט געקוילעט, אַז זי איז טריפה, און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז זי איז כשר. דערצו זיינען פאַרגעקומען אייניקע מיספאַרשטענדענישן צווישן אים און זיינע באַלעבאַ־טים אין זייער שול, און דער טאַטע האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע אַמאָליקע וואַנדער־יאָרן און זיך אַוועקגעלאָזט אין די „מרחקים". דאָרט, הפנים, האָט ער געמאַכט גאַנץ שלעכטע געשעפטן, ווייל פאַר אַ לענגערע צייט האָט די מאַמע פון אים גאָרנישט געהערט, און דער דלות האָט, ווי מען זאָגט, גע־פייפט אין אַלע ווינקעלעך.

ווען די מאַמע פלעגט אָנהויבן דערציילן פון יענער צייט פלעגט זי וויינען מיט ביטערע טרערן; און מיר, די קליינע קינדער, צוזאַמען מיט איר. באַזונדערס פלעגט זי זיך אָפּשטעלן אויף איין ערב־פסח, ווען עס איז ניט געווען קיין אויסזיכט אָפילו אויף מצה אין שטוב, שוין ניט צו ריידן פון אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען אַזוי נויטיק פאַר דעם גרויסן יום־טוב. (איך האָב אָט די צייט — מיט יאָרן צוריק — געשילדערט אין אַ סקיצע אונטער דעם נאָמען „דריי סדרים", וועלכע איך האָב צוערשט פאַרעפנטלאַכט אין דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינט", ווען איך האָב דערהאַלטן די ידיעה אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן, און וועלכע איז נאָכדעם איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַנדערע צייטשריפטן, און ערשט בלויז מיט עטלעכע יאָר צוריק אין

„מיניקעס׳ יום־טוב בלעטער״.) דאַן איז דער טאַטע צוריקגעקומען פון זיין זייער שלימזל׳דיקער נסיעה. ער האָט צוריקגעקראָגן זיין חזנות־שטעלע אין דערזעלביקער שול; אָבער אין זיין פּראָפעסיע אַלס שוחט האָט ער זיך שוין געמוזט צופרידנשטעלן מיט קוילענען עופות, ווי הינער און הענער, אַנשטאָט גסוס, בהמות און אָקסן. דאָס האָט געמאַכט, אַז גראַד ערב יום־כיפור, ווען ער האָט אויפמאָרגן געמוזט שטיין דעם גאַנצן טאָג אויף די פיס און דאַווענען, ניט־געגעסנערייט, איז ער גאָר געווען געוואַלדיק פאַרנומען מיט קוילענען די כפרות פאַר אונדזערע אידן.

פון געוויקס איז ער געווען אַ גאַנץ נידעריקער, אָבער, ווי עס איז איצט קלאָר פאַר מיר, האָט ער געמוזט זיין אַ זייער געזונטער, ווען ער האָט דאָס געקאָנט אויסהאַלטן. דער פאַקט איז, אַז ער האָט דערלעבט ביז גאָר אַ גרויסן עלטער, און האָט געדאַוונט אין שול, אַלס חזן, כמעט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

איך קאָן ניט זאָגן קיין מבינות אויף זיין חזנות; איך געדענק נאָר, אַז מיט אַ פאָר וואָכן פריער ווי ראש־השנה און יום־כיפור פלעגן קומען צו אים די חזנים פון די שטעטלעך אַרום צו „ריהוירסן״, מיט זיין הילף, אַלערליי חזנישע שטיקלעך. די „לעסאָנס״ פלעגט ער זיי געבן שבת נאָכמיטאָג.

צי ער האָט געקראָגן פאַר דעם באַצאָלט, צי ער האָט דאָס באַטראַכט אַלס מצוה, ווייס איך ניט. איך געדענק אָבער, אַז ער האָט מיט יענע חזנים גאַנץ שווער „געאַרבעט״; און אַז ער פלעגט זיך שטאַרק בייזערן, ווען זיי האָבן אין עפּעס פאַרגרייזט.

איך, אַלס קליין־אינגל דעמאָלט, האָב באַטראַכט די קליינשטעטלדיקע חזנים מיט אַ געפיל פון שטאַרקער גרינגשעצונג. אַזעלכע גראָבע קעפּ, פלעג איך טראַכטן: ניט צו קאָנען נאָכזאָגן אַן „אבינו מלכנו״ און די אַלע אַנדערע חזנישע שטיקלעך!

און אַז איך רייד שוין יאָ פון זיין חזנות, טאָ זאָל דאָ געזאָגט ווערן, צום גרויסן קרעדיט פון מיין טאַטן, אַז ער איז געווען דער שנעלסטער חזן אין שטאָט. פון דער שול, וואו ער האָט געדאַוונט, פלעגט מען אַרויסגיין מיט אַ שעה אָדער צוויי פריער ווי אין די אַנדערע שולן. און עס קאָן זייער זיין, אַז זיינע באַלעבאַטים, וועלכע זיינען געווען די גבירים פון שטאָט, האָבן שוין דערפאַר אַליין זיך מיט אים איבערגעבעטן, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין נסיעה, און אים צוריקגעגעבן זיין שטעלע. אַ קלייניקייט עפּעס, מיט אַ שעה ווייניקער זיך נודיען יעדן שבת און יעדן יום־טוב!

איך דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן צו פאַרצייכענען נאָך איינע פון זיינע פיל פּראָפעסיעס: ער איז אויך געווען אַ מוהל. און אַזוי ווייט ווי איך געדענק איז מען פון אַלע דערפער פון אַרום פינסק געקומען נאָך אים צו מאַכן פאַר אידן די ניי־געבוירענע דאָרפעשע זכרים. איך בין זיכער, אַז

פון דעם האט ער קיינמאל קיין גראשן ניט פארדינט. אפט פלעגט ער פשוט דאס לעבן איינשטעלן כדי מקיים צו זיין די דאזיקע מצוה. עס איז ניט געווען קיין פראסט, קיין שניי, קיין זאווערוכע, וואס זאל אים אפּ־האלטן פון דערפילן זיין פליכט.

איך געדענק, ווי די מאמע פלעגט זיך בעטן ביי אים ניט צו פארן. עס איז מסירת נפש, פלעגט זי וויינען; זאלן אנדערע פארן. ער אבער האט איר קיינמאל ניט געפאלגט. איך געדענק אויך, אז מען האט אים, אין דער באציאונג, געהאלטן גאר פאר אן עקספערט.

מיין טאטע איז געווען א פרומער איד, אבער ניט קיין פאנאטישער איד. ווייניקסטנס איז ער דאס ניט געווען אין די שפעטערע יארן. ער האט זיך פון מיר ניט אפגעטרייסלט דערפאר וואס איך בין אוועק אויף א „שלעכטן דרך". אין שפעטערע יארן, ווען איך בין געקומען צוריק פון ביאליסטאק אויף עטלעכע וואכן, וואו איך האב גערעכנט אפצוגעבן עקזאמען אויף אן „אטעסטאט זרעלאסטי", און ווען איך האב מיך געפילט גאר ניט מיט אלעמען, איז ער געווען צו מיר גאר ליבעראל. ער האט זאגאר ניט געפאדערט, אז איך זאל גיין מיט אים אין שול דאווענען. הפנים, אז יענע פרייע־ און השכלה־צייט פון די זיבעציקער און אכציקער יארן האט אויך אויף אים, דעם פרומען אידן, דעם בעל־תפילה, ניט פארפעלט צו מאכן א ווירקונג.

ער איז געווען, ווי איך זע עס איצט, — כאטש דעמאלט האב איך עס ניט געזען — א גאנץ קלוגער איד. ער איז אויך געווען א שטיקל וויצלינג. וועגן די לעצטע שעהן פון זיין לעבן האבן די לאנדסלייט מיר דערציילט פאלגנדיקע טשיקאווע געשיכטע (איך קאוויר אבער ניט, אז דאס איז אמת):

ער איז געווען איבער א וואך קראנק. זיינען געקומען דער גבאי, דער שמש און אנדערע פון זיין שול מבקר־חולה זיין אים. האט ער געהייסן מיין שוועסטער (די מאמע איז שוין דאן געווען עטלעכע יאר טויט) דער־לאנגען אביסל כיבוד אין דער געשטאלט פון א פלעשל בראנפן . . . די געסט, באטירלעך, האבן זיך גענומען צו קאפיטשקעס; ער אליין אבער האט גענו־מען צוויי קאפיטשקעס. און דערביי האט ער דערקלערט: „איר בלייבט דאך נאך דא; איך אבער גיי אוועק, מעג איך מאכן צוויי מאל לחיים."

און טאקע דעמזעלבן טאג איז ער געשטארבן.

* * *

מיין מוטער איז געווען א גאנץ איינפאכע אידענע. פון איר אפשטאם חייס איך גארנישט — זי האט וועגן דעם קיינמאל ניט גערעדט. משמעות, זי האט געשטאמט ניט פון קיין צו־גרויסן יחוס. אירע עלטערן זיינען מסתמא געווען פשוט'ע באלמעלאכעס. און מיין מאמע — צו קיין גנאי זאל עס איר ניט זיין — איז געווען גאר ניט קלאסן־באוואוסט. מער נאך, עס האט איר שטארק פארדראסן, וואס איך האב אפגעגעבן אלע אירע שיינע

האָפענונגען און בין ניט געוואָרן קיין רב. זי האָט אויך געווינט מיט בי־טערע טרערן, ווען מיין אינגערער ברודער, אַרטשע, האָט געמוזט אַוועקגע־געבן ווערן אין דער לערע אַלס פראָסטער קירזשנער.

איך קאָן אָבער זאָגן — צו איר גרויסן שבח — אַז זי איז געווען אַ זייער געטרייע מאַמע צו אונדז. זי האָט אונדז אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצ־אַפּל פון אויג. ווען אימיצער פון אונדז איז קראַנק געווען, האָט זי קיין אויג ניט צוגעמאַכט, און ווי טאָג אַזוי נאַכט געוואַכט איבער אים.

איך האָב אַביסל פריער דערציילט וועגן מיין ניאַנקע, וועלכע האָט מיך אויפגעהאָדעוועט אויף אירע הענט. דאָס זיינען אָבער געווען די זיבן פעטע יאָרן, ווען די מאַמע האָט זיך געקאָנט פאַרגינען צו האָבן אַ מיידל אין שטוב, וואָס זאָל איר צוהעלפן מיט דער הויז־אַרבעט און מיט די קינדער. אָבער אין די נאָכפאָלגנדיקע יאָרן האָט זי אַלץ אַליין געמוזט טאָן, סיי די הויז־אַרבעט און סיי אויפפּאַסן אויף די קינדער, וועלכע זי האָט געהאַט אַ גאַנצן צענדליק.

דריי פון זיי זיינען געשטאָרבן, און דוקא ניט אין פריען עלטער, נאָר ווען זיי זיינען שוין געווען אויפגעוואַקסן און האָבן איר געקאָסט אַזויפיל האָרעוואַניע.

פאַרשטייט זיך, אַז דער טויט פון יעדן קינד האָט באמת פאַרקירצט אירע יאָרן. זי פלעגט יאָרן־לאַנג נאָך דעם טויט פון יעדן קינד ריידן פון זיי מיט דער גרעסטער ליבע און בענקעניש.

לויט איר מיינונג זיינען די קינדער, וואָס זיינען געשטאָרבן, געווען די בעסטע. ווען איך זיך איצט, ווען זי איז שוין אַזוי לאַנג טויט, ניט נעמען זיך די מי און פירן מיט איר אַ דעבאַטע וועגן דעם. איך האָב דאָס אויך ניט געטאָן בשעת זי האָט געלעבט, כאָטש — איך בין זיך מודה — עס פלעגט מיך שטאַרק פאַרדריסן, ווען זי פלעגט זיך צעגיסן אין לויבגעזאַנגען אויף די געשטאָרבענע און ניט אויף מיר, דעם לעבעדיקן.

4. מיין עלטערער ברודער, יעקב צבי

אונדזער פאַמיליע, אַלזאָ, איז געווען אַ גאַנץ היפשע, אַפילו נאָכדעם ווי דריי האָבן אונדז פאַרלאָזן, אין פאַרשיידענעם עלטער, פאַר דער בעסע־רער וועלט. און וואָלט פּאַפּיר און דרוק ניט געקאָסט איצט אַזוי טייער, און וואָלט איך געווען זיכער מיט דער געדולד פון דעם לעזער, וואָלט איך געקאָנט פאַרנעמען אַ היפש ביסל פּלאַץ פון מיינע דעראינערונגען מיט דעם לעבן און שיקזאַל פון יעדן פון מיינע ברידער, און פון יעדער פון מיינע שוועסטער. און איך גלויב, אַז עס וואָלט געווען פאַר מאַנכע מענטשן גאַנץ אינטערעסאַנט, ווייל דאָס וואָלט געמיינט שילדערן דאָס לעבן, דאָס שווערע לעבן, פון מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר. און אַזוי ווי איך דערוואַרט ניט, אַז

מיינע לעזער זאָלן זיין אויסנאַם־מענטשן, וואָלטן זיי געוויס געפונען אין דער באַשרייבונג אויך זייער לעבן געשילדערט; אָבער אונטער די אומ־שטענדן מוז איך זיך באַנוגענען מיט אַ גאַנץ קאַרגער שילדערונג פון מיין עלטסטן ברודער בלויז. און ניט אַזוי צוליב אים, ווי צוליב זיך אַליין, ווייל ער האָט געהאַט אַ גאַנץ שטאַרקן איינפלוס אויף מיין לעבן.

ער איז געווען מיין ברודער בלויז פון איין טאַטן. זיין מאַמע, די ערשטע פרוי פון מיין פאָטער, איז געשטאָרבן גאַנץ יונג, און ווען איך בין געבוירן געוואָרן איז ער שוין געווען פאַרהייראַט און געפירט זיין אייגענע באַלעבאַטעשקייט.

איך האָב אים דעריבער גאַנץ ווייניק געקענט, און אפשר דערפאַר האָב איך געהאַט פאַר אים אַ געוויסן אַפּשיי.

ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט זיין אויסערלעכער פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ הדרת פנים. אַ יונגערמאַן, מיט בליצנ־דיקע שאַרפע אויגן, מיט אַ ברייטער לאַנגער באָרד, און אין זייַן וואוקס עטוואָס העכער ווי געוויינלעך, האָט ער זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין אונד־זער פאַמיליע, וועלכע איז באַשטאַנען פון שטשופּלינקע, קליינגעוויקסיקע.

נאָך שטאַרקער איז געוואָרן מיין דרך־ארץ פאַר אים, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז באַקאַנט אַלס גרויסער למדן, מיט פולער סמיכה אויף רבנות. ער איז אָבער קיינמאָל קיין רב ניט געווען; ער האָט ניט געפילט קיין חשק צו דעם. מען האָט גערעדט, אַז ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ שלעכטן וועג; אַז צו זיין גרויס לומדות איז ער נאָך אַ גרויסער קענער פון שפּראַכן; און זיינע השגות זיינען גאָר איך אַן אַנדער ריכטונג ווי רבנות. ער האָט, הפּנים, געצאָלט צינז צו יענער צייט פון השכלה, ווען גאָר פיל אַזעלכע יונגעלייט זיינען אַוועק אויף דעם „שלעכטן וועג".

מיט אַ קורצע צייט צוריק בין איך אין אָפיס פון „פאָרווערטס" באַ־קאַנט געוואָרן מיט דעם באַרימטן העברעאישן פּאָעט, ח. נ. ביאַליק, וועלכער האָט זייער גוט געקענט מיין ברודער, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז געווען זייער גוט באַקאַנט אין דער וועלט פון די גאָר גרויסע לומדים אין רוסלאַנד, און איז פאַררעכנט געווען אַלס איינער פון די שאַרפזיניקסטע.

אייניקע יאָר שפּעטער האָב איך זיך פון אים אַליין דערוואוסט, אַז זיין לעבן איז געווען פיל טראַגישער, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט.

דאָס איז פאָרגעקומען אָט ווי אַזוי: איך האָב שוין דאַן געוואוינט אויף מיין אייגענער קוואַרטיר. איין אָוונט איז ער אַריינגעקומען צו מיר און, אַזוי זיך, פאַנאַנדעררעדנדיק, מיר דערציילט וועגן אַלץ וואָס ער האָט אין זיין לעבן דורכגעמאַכט. דער טאַטע האָט אים חתונה־געמאַכט ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג. זיין פרוי האָט ער פיינט געקראָגן פון דער ערשטער מינוט אָן. זי איז געווען אַ קראַנקע צרה, און דערצו אַ זייער שלעכטע. ער האָט זיך געוואָלט מיט איר גט׳ן, אָבער דערצו האָט דער טאַטע ניט דערלאָזן.

ער האָט זיך דאַן אָוועקגעלאָזט אויף רייזעס. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער שוין געווען אַ טאַטע פון אַ קינד. וואָס־זשע האָט ער געקאָנט אַנ־דערש טאָן, ווי שלעפן דעם שווערן יאָך?

מיר האָבן אַזוי פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט. ערשט פאַרטאָג איז ער אַוועק אַהיים; אָבער, ווי געזאָגט, דאָס אַלץ האָב איך זיך דערוואוסט ערשט מיט יאָרן שפּעטער. דעמאָלט אָבער, ווען איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין אינגל, האָב איך געזען בלויז דאָס אַייסערלעכע, וואָס האָט מיך שטאַרק אימפּאָנירט. איך האָב באמת שטאַלצירט דערמיט, וואָס איך האָב אַזאַ ברודער. און עס האָט שטאַרק געשמייכלט מיין אייגנליבע ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דער דעמאָלט גרעסטער גביר פון שטאָט, משה לוריע, קומט נאָך אים מיט אַ קאַטש צו ברייגנען אים פאַר זיינע קינדער צו לערנען זיי העברעאיש, און פירט אים אַליין אָפּ צוריק אַהיים. מען האָט אויך גערעדט, אַז דערזעלבער גביר, וואָס פירט אַזעלכע גרויסע געשעפטן, טוט זיך ניט אַ ריר, איידער ער איז זיך מישב מיט מיין ברודער.

גאַנץ נאַטירלעך האָב איך געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אים, און בין זעלטן ווען צוגעגאַנגען צו אים נאָענט, ווען ער פלעגט אַמאָל קומען צו באַזוך ביים טאַטן. איך האָב אים ליב געהאַט פונדערווייטנס; און דערוויי־טערט זיינען מיר געבליבן פאַר אַ לענגערער צייט.

צוויי פּאַסירונגען האָבן אונדז שפּעטער אַביסל נענטער געבראַכט.

די ערשטע פּאַסירונג איז געווען דאָס, וואָס דער ראש ישיבה אין דער תלמוד־תורה, אין וועלכער איך האָב געלערנט, האָט מיך געהאַלטן גאָר פאַר אַ חריף, און זייענדיק באַקאַנט מיט מיין ברודער האָט ער אים, איין פריי־טיק, איינגעלאַדן מיך צו פאַרהערן. איך געדיינק עס נאָך, אַזוי ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. עס איז געווען אַ פרייטיק, אַזייגער צוועלף, ווען מיר האָבן זיך שוין געקליבן גיין אַהיים; קומט אַריין מיין רבי און זאָגט מיר, אַז איך זאָל אַריינקומען אין פּאָדערצימער און וואַרטן דאָרט אויף אים. איך האָב אים געפאָלגט. אין צימער איז קיינער ניט געווען, און איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט: צו וואָס דאַרף מיך מיין רבי? אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער איז אַריינגעקומען דער רבי אין דער באַגלייטונג פון מיין ברודער, און דער רבי האָט מיר געהייסן „לייענען" אַ בלאַט גמרא. איך האָב געפאָלגט און „געלייענט" מיט גאָר אַ באַזונדערן חשק אינמיטן־דערינען, אויפהויבנדיק די אויגן פון דער גמרא, און וועלנדיק זען וואָס פאַר אַ רושם איך האָב געמאַכט מיט מיין חריפות אויף מיין גרויסן ברודער, האָב איך דערזען אים פּשוט שלאָפנדיק. די מעשה האָט מיך שטאַרק פאַר־דראָסן. מיין רבי'ן האָט עס, הפּנים, נאָך מער פאַרדראָסן. ווען מיין ברודער, מיט דער אייגטרעטנדיקער שטילקייט, האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך, מורמלענדיק, אַנטשולדיקט: „די גאַנצע נאַכט אָן אויג ניט צוגעג־

מאַכט . . . אָבער גוט, גוט, שאול'קע״. — און ער האָט מיך געהייסן גיין אַהיים.

דאָס איז געווען איין פּאַסירונג, אין וועלכער דער ברודער האָט אַרויס־געוויזן צו מיר אַ ברעקל „אינטערעס״. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז ער געקומען צו אונדז און זיך געס'סוד'עט פּאַר אַ ווײַלע מיט'ן טאַטן. פון־דערווײַטנס האָב איך געהערט זיי דערמאָנען מײַן נאָמען. אַזוי ווי איך בין געווען גאַנץ ברוגז'לעך אויף אים פאַר זײַן שײַנעם פאַרהערן מיך, בין איך געבליבן אויף מײַן פּלאַץ בײַם טיש, פאַרטיפט אין מײַן לערנען. באַלד אָבער האָט דער טאַטע זיך צו מיר געווענדט, פרעגנדיק בײַ מיר, צי וואָלט איך ניט געוואָלט אַרײַנגיין אין גימנאַזיע.

איך מוז דאָ דערקלערן, אַז צו יענער צײַט, ווען די השכלה פּעריאָדע איז געווען אין איר פולן בליען, און ווען די רעפאָרמען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָבן אַהויסגערופן די שענסטע און גרעסטע האָפנונגען בײַ אַלע אידן, איז אַפילו די תלמוד תורה, אויסגעהאַלטן פון די גבירים און זאָנסט באַלעבאַטים פון שטאָט, ניט געשאַנעוועט געבליבן פון דער כוואַליע פון אַלגעמיינער און וועלטלעכער בילדונג.

דערפאַר פלעגט יעדן טאָג אויף אַ שעה, אין די העכערע קלאַסן, קומען צו אונדז אַ לערער און לערנען מיט אונדז רוסיש, אַריפמעטיק און אויך אַביסל געאָגראַפיע; און, ווי אויף להכעיס, האָב איך זיך אויך אין די לימודים אויסגעצייכנט.

דער דאָזיקער לערער האָט זיך אויך געקענט מיט מײַן עלטערן ברודער, און ער האָט עס אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מיר און אים געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד, ווען מען זאָל מיך לאָזן בלײַבן אין דער תלמוד־תורה און פאַרברײַנגען מײַן צײַט אָן אַ שום תכלית.

און מיט אָט דער שליחות איז דאָס געקומען מײַן ברודער צום טאַטן.

איך האָב אָבער אין דעם מאָמענט גאָר ניט געוואָלט הערן וועגן דעם. מײַן גאַנץ טראַכטן איז דאַן געווען, ווי צו ווערן אַ „גדול בישראל״, און מיטאָמאָל: נאָ דיר גאָר גימנאַזיע און ווער אַ גוי! איך האָב דערקלערט, אַז איך וועל דאָס קיינמאָל ניט טאָן.

„אַז ניט, איז ניט״ — האָט מײַן ברודער דערקלערט, און איז אַוועק, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „איך האָב מײַן פליכט געטאָן״. אָבער, אַזוי ווי מעשה שטן, האָט מיך דער פאָרשלאָג פון מײַן ברודער שטאַרק אויפגעטרייסלט, און גאָר באַלד האָב איך מיט אַ באַזונדערן חשק זיך גע־נומען צו די וועלטלעכע לימודים, און אַלץ ווײַניקער און ווײַניקער זיך אָפּ־געגעבן מיט דער גמרא. דער רבי מײַנער, דער ראש־הישיבה, האָט דאָס אָבער באַלד באַמערקט, און, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף גאָר ניט קומען הערן זײַן שיעור.

און איך האָב אים געהאַלטן ביים וואָרט. איך בין געקומען אַהיים און דערקלערט דעם טאַטן, אַז איך דאַרף ניט מער דעם רבי'ן; איך וועל אַליין לערנען אין שול.

אָבער, אַך, פון דעם לערנען אין שול איז גאָרנישט געוואָרן. איך האָב באַלד אָנגעהויבן גיין אין ביבליאָטעק, האָב אָנגעהויבן שלינגען אַלץ וואָס מיר איז נאָר געקומען צו דער האַנט, ביז איך האָב אָן דער גמרא, מיט מיין גרויסער אַמביציע צו ווערן אַ גאון, אינגאַנצן פאַרגעסן.

וואָס עס האָט נאָכדעם פּאַסירט — וועט דערציילט ווערן שפּעטער. לאָמיר אָבער דאָ פאַרענדיקן די זייער קורצע שילדערונג פון מיין עלטערן ברודער, יעקב צבי יאַנאָווסקי. ווען איך בין שוין געווען אויף קוואַרטיר ביי פרעמדע, (ווי דאָס איז שוין פון מיר אויבן בקיצור דערמאָנט געוואָרן), איז ער איין מאָל געקומען צו מיר און, פאַרברענגענדיק ביז'ן גרויען טאָג, האָט ער מיר דערציילט זיין גאַנץ טראַגישע לעבנס־געשיכטע, וועלכע איז, אין קורצן, ווי פאָלגט:

חתונה האָט ער געהאַט, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ אינגל פון אַ יאָר זעכצן. זיין פרוי, אַ קראַנקע צרה, האָט ער קיינמאָל ביז נאָך דער חתונה ניט געזען, און ער האָט איר פיינט געקראָגן פון דעם ערשטן טאָג פון זייער צוזאַמענלעבן. גט'ן זיך מיט איר האָט דער טאַטע ניט געלאָזט. איז ער אַוועק לערנען אין פאַרשיידענע ישיבות, און דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט די נייסטע שטרעמונגען פון יענער צייט. זיין טרוים וועגן רבנות, אויף וואָס ער האָט געהאַט סמיכות פון די גרעסטע רבנים, האָט ער שוין מער ניט געקאָנט אָנהאַלטן, אָבער אינגאַנצן אַרויסרייסן זיך פון דער קאַלייע האָט ער שוין אויך ניט געקאָנט. ער האָט שוין דאַן געהאַט צוויי קינדער. האָט ער אַ סך אויסגעפּרובירט: ער איז געוואָרן אַ לערער, געפּרובירט שוין אויך ווערן אַ סוחר, אָבער קיין זאַך איז אים ניט געווען צום האַרצן. און אַט אַזוי האַלט ער אין איין שלעפּן דעם שווערן יאָך פון לעבן.

אין יענער נאַכט האָט ער אויך מיר מיטגעטיילט, אַז ער קען זייער גוט דייטש; אַז ער האָט אין זיין הויז אַ גאַנץ היפּשע ביבליאָטעק פון דייטשע ביכער; און אַז אויב איך וויל קאָן איך זיך מיט איר באַנוצן, און אַז ער איז גרייט זאָגאָר מיר צוצוהעלפן אין אָנפאַנג, ווען איך וועל געפינען שוועריקייטן אין אָנהויב.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב מיט פאַרגעניגן אָנגענומען זיין פאָרשלאָג. אין זיין ביבליאָטעק האָב איך געפונען אַלע ווערק פון לעסינג, שילער, געטהע, היינע און בערנע, וועמען איך האָב אין אַ גאָר קורצער צייט, מיט מיין ברודער'ס הילף, געלייענט זייער לייכט און מיט גרויס ליבע און לוסט. אַ גאָר באַזונדערן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די שריפטן פון לודוויג בערנע. און איך גלויב, אַז ל. בערנע'ס „בריוו פון פאַריז" האָבן געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף מיין לעבן. זיי האָבן ממש

אַנגעצונדן מיין האַרץ. דורך זיי בין איך געוואָרן אַ האַסער פון דעספּאָטיזם און אַ טרייער, לעבנסלאַנגער אַפּאָסטאָל פון דעם פרייהייטס־אידעאַל.

5. ווער שיער ניט באַגראָבן לעבעדיגערהייט

איך בין אַביסל פאַרלאָפן אין מיין לעבנס־געשיכטע, מוז איך זיך דערפאַר אומקערן צוריק און דערציילן עטוואָס גאָר טשיקאַוועס, וואָס וועט, גלויב איך, די לעזער אינטערעסירן אַלס גאַנץ אינטערעסאַנטע פּאַסירונג אין דעם אידישן לעבן פון יענער צייט, און וואָס וועט וואַרפן אַ געוויסן ליכט אויף מיין פעסטן גלויבן אין די שפּעטערע יאָרן פון מיין לעבן, אַז איך האָב אַ געוויסע מיסיע אויסצופירן אין מיין לעבן.

אודאי ווייס איך איצט, אַז עס איז געווען ניט מער ווי אַ ווילדע איינ־ריידעניש; אָבער גראָד די דאָזיקע איינריידעניש האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער פאָרמירונג פון מיין ווייטערדיקן לעבן. איך וויל אָבער דאָ דערקלערן, אַז דאָס — וואָס איך גיי דאָ אייך דערציילן — איז ניט וואָס איך געדענק אַליין און וואָס איך ווייס פון מיין אייגענער דערפאַרונג. איך גיב דאָ איבער בלויז וואָס איך האָב געהערט פון מיין מאַמען און פון די אַנדערע מיטגלידער פון אונדזער משפחה.

איך בין אַלט געווען אַ יאָר אַכט, ווען איך בין שטאַרק קראַנק געוואָרן. לויט מיין מאַמע פלעגט דערציילן האָבן דאָן זיך צוגעטשעפּעט צו מיר אַלער־ליי קראַנקהייטן, פון וועלכע אַ אידיש־קינד קאָן גאָר באַפאַלן ווערן: סקאַרלאַ־טין, קאָנוואולסיעס, מאַרך־אַנצינדונג א.אַז.וו. צי דאָס איז טאַקע אַזוי געווען, ווייס איך ניט; נאָר אַזוי פלעגט מיין מאַמע דערציילן. בקיצור, איך בין געווען אַ חולה מסוכן, און קיינער האָט שוין ניט גערעכנט, אַז איך זאָל איבערלעבן אַט די אַלע קראַנקהייטן.

עס איז געווען ערב־שבועות אינדערפרי, ווען איך האָב דערפילט די ערגסטע דערוואַרטונגען — געגומען און געשטאַרבן . . . איז כדי איך זאָל ניט דאַרפן בלייבן ליגן אַ טויטער איבער יום־טוב אין שטוב, האָט מען שנעל געלאָזט וויסן חברה קדישא. דערווייל האָט מען מיך אַראָפּגענומען פון בעט אויף דער ערד, ווי דער מנהג איז, און מען האָט צווישן גרויסע יללות געוואַרט אויף דער חברה באַגרעבער.

אין מיטן־דרינען איז אַריינגעקומען דאָקטאָר דובראַווסקי, אַ פּאָליאַק, נאָך וועמען מען האָט געשיקט ווען איך האָב נאָך געזשיפּעט.

זיין ערשטער „אימפּולס״ — אַזוי פלעגט די מאַמע דערציילן (כאָטש איך גלויב ניט, אַז דער וואָרט „אימפּולס״ איז געווען אין איר שפּראַכ־שאַץ) — איז געווען זיך אַרויסצורוקן שטילערהייט. באַלד אָבער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט: ווען בין איך געשטאָרבן, און פון וואַנען ווייסט די מאַמע אַז איך בין געשטאָרבן? די מאַמע האָט אים מיט טרערן

דערקלערט, אַז זי האָט געטאָן אַלץ מיך אָפּצומינטערן: אַז זי האָט מיך געריסן פאַר דער נאָז, צוגעלייגט אַ פעדער צו דער נאָז — טאָמער זשיפּע איך נאָך — אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. איך בין טויט.

דר. דובראַווסקי אָבער האָט זיך איינגעשפּאַרט, ניט אַנדערש ער וויל מיך זען; אָין ניט אַנדערש, ער וויל אַז מען זאָל מיך צוריק אַרויפלייגן אויף דער בעט. אַז ניט — לאָזט ער ניט באַגראָבן. וואָס אַ פּאָליאַק קאָן איינפאַלן! אָבער פאָלגן אים האָט מען געמוזט. מען האָט מיך צוריק אַרויפגעלייגט אויף דער בעט, און ער האָט גענומען מיך באַטראַכטן. באַשיינפּערלעך בין איך געווען טויט ווי אַלע טויטע; אָבער דאָקטאָר דובראַווסקי גיט זיך ניט אונטער. ער כאַפּט אַרויס אַ „לאַנצעט" — אַזאַ קליין מעסערל, פלעגט מיין מאַמע דערציילן — און מאַכט אין מיין אויסגעדאַרט הענטל צוויי לעכער — לאָזט מיך צו דער אָדער. און אַז! וואונדער איבער וואונדער! עס געדויערט בלויז אַ רגע און איך הויב־אָן אָטעמען: צוערשט גאַנץ שוואַך, נאָכדעם אַלץ שטאַרקער, און דאָקטאָר דובראַווסקי שרייט אויס מיט נצחון:

„דער אינגל לעבט, און וועט נאָך לאַנג לעבן!"

וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געמוזט אָפּטאָן אין שטוב, דאָס לאָז איך איבער צו דער פאַרשטעלונגס־קראַפט פון די לעזער; אָבער וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף מיר, ווען די מאַמע האָט דאָס מיר דערציילט, און ווען זי האָט אויסגעבאַקן ספּעציעלע שבועות־קיכלעך פאַר מיר, וועלכע איך האָב ניט געקאָנט עסן אין דער ריכטיקער צייט ווי אַלע אידן, דאָס איז ווירקלעך שווער פאַר מיר איבערצוגעבן אין ווערטער.

מיין לעבנבלייבן, מיין ניט באַגראָבן ווערן לעבעדיקערהייט, איז פון אַלעמען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נס. דאָקטאָר דובראַווסקי'ן האָט מען באַטראַכט ווי אַ ספּעציעלן שליח פון גאָט. „ווער ווייסט" — פלעגט מיין מאַמע זאָגן — „אפשר האָט זיך אַ מלאך פאַרשטעלט פאַר דאָקטאָר דובראַווסקי'ן. ווארים וואו און ווען איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ גוי'אישער דאָקטאָר זאָל זיך אַזוי איינשטעלן פאַר'ן לעבן פון אַ אידיש־קינד? ניט אַנדערש, עס איז אַ נס מן השמים".

און איך האָב איר געגלויבט מיט מיין גאַנצן הארצן. עס האָט מיר באמת געשמייכלט, אַז צוליב מיר אַליין זאָל גאָט זיך מטריח זיין, אַראָפּשיקן אַ מלאך פון הימל, און מיך ראַטעווען פון אַזאַ שרעקלעכן טויט, פון באַגראָבן ווערן לעבעדיקערהייט.

און אַז גאָט האָט עס געטאָן, מסתמא ווייס ער וואָס ער טוט; מסתמא וויל ער אַז איך זאָל עפּעס גרויסעס אָיפּטאָן פאַר אים אויף דער ערד.

און איר קאָנט זיך קוים פאַרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ התמדה איך האָב זיך גענומען לערנען זיין הייליקע תורה נאָכדעם ווי איך בין געזונט־

געוואָרן, און ווי פרום איך בין דעמאָלט געווען פאַר עטלעכע מאָנאַטן נאָכאַנאַנד, ניט אויסלאָזנדיק קיין איינציקע מצוה.

איך געדענק, אַז דעם קומענדיקן יום־כיפור, וויפיל די מאַמע האָט זיך ביי מיר ניט געבעטן אַז איך זאָל עפּעס עסן, האָב איך דאָך זיך איינגעשפּאַרט און דוקא געפאַסט צוגלייך מיט אַלעמען.

אגב, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז דאָס געווען דער איינציקער תענית, וואָס איך האָב געפאַסט ניט־געצוואונגענערהייט . . .

לאָמיר אָבער דאָ נאָכאַמאָל ווידערהאָלן, אַז אַפילו אין די שפּעטערע יאָרן האָט די דאָזיקע פּאַסירונג ניט פאַרפעלט צו האָבן איר ווירקונג אויף מיר.

„מעגלעך" — האָב איך געטראַכט — „אַז מיין גוטע מאַמע האָט אַביסל פאַרפּוצט די געשיכטע פון מיין ווערן פון טויט לעבעדיק; אָבער די סימנים פון די צוויי לעכער אין מיין אָרם זיינען נאָך ביז היינטיקן טאָג דאָ" — און דאָס האָט מיך געמוזט מאַכן גלויבן, אַז עפּעס אמת איז פאַרט דאָ אין דער גאַנצער וואונדערלעכער געשיכטע. און גאָר אָפט, אין מאָמענטן פון ביטערער פאַרצווייפלונג, וועלכע זיינען גאָר אָפט פאָרגעקומען אין מיין לעבן, און ווען איך האָב געמיינט אַז אַלצדינג איז שוין געענדיקט, פלעגט מיר אימער קומען אויפ'ן זינען אָט די דאָזיקע לעגענדע, און מיין האָרץ פלעגט אָנגעפילט ווערן מיט נייעם, פרישן מוט צום ווייטערן לעבנס־קאַמף.

6. איך גרייט זיך צו גימנאַזיע

וואָס עס וואָלט פון מיר געוואָרן ווען מיין עלטערער ברודער קומט ניט מיט זיין פאָרשלאָג צו מיין פאָטער, אַז איך זאָל פאַרלאָזן די גמרא פאַר דער גימנאַזיע, וועגן דעם לאָזט זיך ספּעקולירן. איך קאָן אויך ניט זאָגן, צי עס וואָלט מיר געגאַנגען בעסער אָדער ערגער אין מיין לעבן. מיר דוכט זיך, אָבער, אַז אַפילו ווען מיין ברודער קומט ניט מיט זיין פאָרשלאָג, און וואָרפט ניט אַריין אין מיין האַרצן דעם צווייפל, צי מיין גאַנצער לערנען האָט עפּעס אַ זין און אַ תכלית, וואָלט איך פריער אָדער שפּעטער אַליין געמוזט קומען צו דעם.

פאַרגעסט ניט, עס איז דאַן געווען די צייט פון השכלה, די צייט ווען די אידן האָבן פריי אויפגעאָטעמט, און עס האָט זיך זיי אָפּגעדוכט, אַז עס קומט אַ סוף צו זייער אַלטן גלות־לעבן. עס איז געווען די צייט, ווען די פרימסטע אידן האָבן אויפגעהערט זיך שרעקן פאַר דער וועלטלעכער בילדונג; ווען אַ רוסיש ביכל איז ניט מער שוין באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ טריף־פּסול; און ווען גאַנץ חשוב'ע און פרומע אידן האָבן געשיקט זייערע קינדער אין אַלערליי שולן פאַר וועלטלעכער בילדונג, און מען האָט שוין ניט מער געטייטלט אויף זיי מיט די פינגער.

אחוץ דעם איז גלויבן געווען איינער פון די שוואַכסטע פונקטן אין מיין גלויבן אין גאָט. זינט איך בין געקומען צו מיין באַוואוסטזיין, געדענק איך, פלעג איך די מענטשן אַרום מיר פאַרמאַטערן מיט אַלערליי פראַגן. איך האָב שטענדיק נאָר געוואָלט פאַרשטיין, ניט גלויבן. מיינע ראַבייאים פלעגן האָבן פיל צו דערציילן וועגן מיינע „ווילדע קשיות", און דערפאַר פלעגט מען מיך האַלטן פאַר אַביסל ניט ביים זינען. „שאול דער משוגע־נער" פלעגט זיין מיין צונאָמען אין אונדזער געסל, וואו איך האָב זיך אויפגעהאָדעוועט, סיי צווישן מיינע חברים און סיי צווישן די דערוואַקסענע. ווען איך האָב געשטיפט, איז עס געווען געשטיפט אין פולן זין פון וואָרט; אָדער, ווען איך פלעג זיך פאַרטראַכטן, האָב איך קיינעם ניט געזען און ניט געפילט אַרום זיך.

די פראַגע וועגן גאָט האָט מיך אָנגעהויבן פייניקן, ווען איך בין נאָך געווען גאָר יונג. דאָס וואָס איז פאַר אַלעמען געווען אַזוי קלאָר און פאַר־שטענדלעך, איז פאַר מיר געווען אַ טיפער סוד. און ווען נאָר איך פלעג טרעפן אימיצן וועגן וועמען איך האָב געמיינט אַז ער וועט מיר קאָנען דער־קלערן דעם סוד, פלעג איך צו אים צושטיין, אַז ער זאָל מיר ענטפערן. איז דאָס ניט געווען פאַר זיי דער שטאַרקסטער סימן, אַז עפּעס מוז זיין דער מער מיט מיר?

און אַחוץ דעם בין איך געווען עפּעס אַ מאָדנער אינגל. גאַנץ אַנדערש ווי די אַנדערע קינדער פון געסל, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר אַ הונט ווי פאַר פייער, האָב איך זיך דוקא ממש פאַרליבט אין דעם הונט פון אונדזער שכן, דעם גוי. איך פלעג אַרויסגנב'ענען חלה פון שטוב, כדי צו קאָרמענען דעם הונט, און איך בין געווען גאָר גליקלעך, ווען דער הונט האָט זיך צו מיר אַזוי צוגעבונדן, אַז ווי נאָר איך פלעג אַרויס פון שטוב פלעגט ער גלייך אַרויסלויפן פון טויער און מיר נאָכגיין. האָט דאָס אויס־געקוקט גאָר מאָדנע אין זייערע אויגן: אַ אידיש אינגל מיט אַ הונט! און עס איז געבליבן, אַז איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען.

דערפאַר איז מיין פאַרלאַנג אַריינצוטרעטן אין דער גימנאַזיע געווען אויך אַנדערש ווי ביי פיל אידישע קינדער פון יענער צייט. בעת די מערסטע פון זיי האָבן, אונטער דעם איינפלוס פון זייערע עלטערן, געטראַכט וועגן אַ תכלית, און אַנדערע האָבן געטראַכט וועגן די מונדירן מיט די מעשענע קנעפּ, האָב איך געהאַט גאָר אַן אַנדער זאַך אין זינען. מיר האָט זיך אויס־געדוכט, אַז דאָרט, אין דער רעאַל־שול, אין די וויסנשאַפטן וואָס מען לערנט דאָרטן, וועל איך ענדלעך אויסגעפינען דעם סוד פון אַלע סודות; אַז דאָרט וועל איך געפינען אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן און ספיקות, וועלכע האָבן געמאַטערט מיין קליינעם מוח.

און איך האָב זיך גענומען ערנסט גרייטן צו דער גימנאַזיע.

דורך מיין פלימעניק, מיין ברודער'ס זון, וועלכער איז שוין מיט אַ

פאַר יאָר פריער אַריין אין דער רעאַל־שולע, ווי אויך דורך זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט מיר באַקאַנט געמאַכט, איז מיין באַגייסטערונג פאַר דער גימנאַזיע שטאַרק אָפּגעקילט געוואָרן.

זיי האָבן מיר דערציילט פון דער אייזערנער דיסציפּלין, צו וועלכער זיי ווערן אונטערוואָרפן; פון דער אומזיסטער און זינלאָזער צייט־פאַרשווענ־דונג אויף אַלערליי צערעמאָניעס, — און מיין פאַרלאַנג איז שטאַרק אָפּגע־קילט געוואָרן צו דעם וויסנשאַפט־טעמפּל, פון וועלכן איך האָב צוערשט געטרוימט.

אַחוץ דעם זיינען צוגעקומען נאָך צוויי אַנדערע סיבות, וועלכע האָבן מיר געשטערט אין דער אויספירונג פון מיין אָריגינעלן באַשלוס: דורך דער באַקאַנטשאַפט מיט פיל שילער פון די העכערע קלאַסן, פון וועמען איך האָב דערוואָרט צו לערנען גאָר אַ סך, האָב איך אויסגעפונען, אַז די מערסטע פון זיי ווייסן נאָך ווייניקער ווי איך, ווייל איך האָב אין דער צייט שוין פיל געלייענט, בעת זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט די לערנ־ביכלעך און מיט זייערע קאַזיאָנע אויפגאַבן, וואָס זיי האָבן געהאַט צו דערפילן.

דער פאַקט איז, אַז גאָר באַלד בין איך גאָר געוואָרן זייער לערער.

פּאַסירט האָט דאָס אויף פאָלגענדן אופן: איינמאָל זאָגט צו מיר אַ געוויסער „אוטשעניק", אַ תלמיד פון דריטן קלאַס מיט׳ן נאָמען שאָר, אַז ער פוילט זיך זייער אָנצושרייבן אַ געוויסע „סאָטשיניעניע" און פרעגט, צי וועל איך ניט זיין אַזוי גוט צו טאָן עס פאַר אים?

איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס איבערשרייבן וועט אים נעמען פונקט אַזויפיל צייט, און זיין ענטפער איז געווען, אַז דאָס איבער־שרייבן איז דאָך פיל לייכטער ווי אַליין צו מאַטערן דעם מוח.

איך האָב דערפון פאַרשטאַנען, אַז מיין חבר ווייס נעבעך ניט, וואָס מען שרייבט. איך האָב זיין פאַרלאַנג דערפילט, און ער האָט געקראָגן, צום ערשטן מאָל, אַ 4 מיט אַ פּלוס פאַר זיין „סאָטשיניעניע", און גאָר אינגיכן בין איך באַקאַנט געוואָרן אַלס „סאָטשיניעניע־שרייבער". אָבער איך האָב דאָס שוין מער ניט געטאָן אומזיסט, נאָר געקראָגן באַצאָלט דערפאַר: ווער עס האָט מיר געגעבן צוויי רובל, און ווער מער. און אָט אַזוי בין איך ביסלעכ־ווייז געוואָרן אַ געלט־פאַרדינער. איך ווייס ניט ווי אַזוי, אָבער דער זיי־טיקער עולם האָט זיך דערפון דערוואוסט, און, ווען איך בין נאָך געווען גאַנץ יונג, האָב איך שוין געגעבן פּריוואַט לעקציעס, און מיין רעפּוטאַציע אַלס לערער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

דאָס האָט נאָך מער פאַראורזאַכט, אַז איך זאָל האָבן וועגן זיך אַ שטאַרק איבערגעטריבענע מיינונג, און עס איז מיר געווען צו־ווידער דער געדאַנק זיך צו אונטערוואָרפן דעם דעספּאָטיזם און די קאַפּריזן פון אַלערליי לערער, אינספּעקטאָרן און דירעקטאָרן, א. אַז. וו.

איך האָב געטראַכט, אַז דאָס ביסעלע חכמה, וואָס איך קאָן דאָרט

קריגן, קאָן איך לערנען אַן זיי, און אַנשטאָט דאָרט צו פאַרברייננגען גאַנצע דריי יאָר, ווייל איך האָב גערעכנט אַריינצוטרעטן אין פערטן קלאַס, קאָן איך עס אַליין דורכמאַכן אין דעם משך פון אַ פיל קירצערער צייט, און דאַן אָפּגעבן גלייך עקזאַמען אויף „אַטעסטאַט זרעלאַסטי" און ניט דאַרפן צוליב דעם אויפגעבן מיין פרייהייט, וואָס איך האָב געהאַלטן אַזוי טייער פון מיין סאַמע קינדהייט אָן.

און זאָל עס דער לעזער ניט באַטראַכטן פאַר זעלבסט־באַרימעריי. דער פאַקט איז, אַז איך האָב גאַנץ אַליין געלערנט די מערסטע לימודים פון דער רעאַל־שול, און אַזוי גוט, אַז איך האָב געהאַלפן פיל שילער מיט זייערע לעסאַנס אינדערהיים. און איך גלויב ביז היינטיקן טאָג, אַז זיי האָבן פון מיר פיל מער געלערנט, ווי פון זייערע לערער אין דער גימנאַזיע.

די צווייטע סיבה פון בלייבן דרויסן איז געווען גאָר אַ מאָדנע: מיין טאַטע, פאַרשטייט זיך, האָט ניט פאַרגעסן מיך מל צו זיין, מאַכן מיך, הייסט עס, פאַר איינעם פון די בני ברית, גאָר ניט אָנפרעגנדיק ביי מיר, צי איך וויל געהערן צו דער באַרימטער „אַלטער סאָסייעטי" אָדער ניט. ער האָט אָבער פאַרגעסן צו לאָזן וויסן וועגן מיין געבורט דעם קאַזיאָנעם ראַבינער; און אַט אַזוי האָב איך ניט געקאָנט קריגן די נויטיקע פּאַפּירן. עס וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט, ווען מיין פאָטער וואָלט געווען אַ פינסקער פון געבורט. איז ער דאָס אָבער ניט געווען. דערפאַר האָב איך זיך אויך געדאַרפט צושרייבן צו זיין שטעטל, און דאָס איז געווען ניט אַזוי לייכט, כאָטש מיין עלטערער ברודער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך נעמען די מי און זען קריגן פאַר מיר די אַלע נויטיקע פּאַפּירן.

און וואָלט איך אַליין געהאַט גרויס חשק אַריינצוטרעטן אין גימנאַזיע, וואָלט איך אים שוין ניט אָפּגעלאָזן און געמאַכט אים האַלטן וואָרט, אָדער איך וואָלט דאָס אפשר אַליין געקאָנט אויספירן. אָבער, ווי געזאָגט, האָט די גימנאַזיע, מיט אַלע אירע לימודים, פאַר מיר פאַרלוירן איר גאַנצן חן, און מיר האָט די גאַנצע מעשה גאָר ניט געאַרט, אַבי איך האָב געקאָנט זיין פריי און אומאָפּהענגיק, דורך מיין פּראָפעסיע אַלס לערער. און האָב געקאָנט אָפּגעבן די איבעריקע פרייע צייט צום לייענען, אַזוי אַז אין די קרייזן פון דער דעמאָלדיקער יוגנט בין איך באַטראַכט געוואָרן אַלס איינער פון די וואָס האָבן זיך גאָר פיל אָנגעלייענט.

און געלייענט האָב איך אַלץ, וואָס איז נאָר געווען באַקאַנט אַלס ווערטפול. אַזוי האָב איך איבערגעלייענט אַלע ווערק פון טורגעניעוו, פון גאָגאָל, פון טאָלסטאָי, פון גאָנטשאַראָוו, פון פּיסעמסקי, פון דאָסטאָיעווסקי, און נאָך און נאָך.

פון די רוסישע קריטיקער האָב איך איבערגעלייענט אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט קריגן פון פּיסאַרעוו, פון דאָבראָליובאָוו, פון ביעלינסקי, פון זאַיצעוו, און כמעט אַלע רוסישע זשורנאַלן, ווי „סלאָוואָ", „דיעלאָ" א.אז.וו.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויך ניט אויסגעלאָזן די גרויסע רוסישע פּאָעטן פון יענער צייט, ווי פּושקין, לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו, נאַדסאָן, און נאָך און נאָך. מיין ליבלינג צווישן די פּאָעטן איז געווען נעקראַסאָוו.

מיין גרויס אָנגעלייענטקייט האָט צו מיר צוגעצויגן גאָר פיל מענטשן, און צווישן זיי זיינען אויך געווען פיל, וואָס זיינען געווען באַדייטנד עלטער ווי איך. איינער פון מיינע גרויסע באַוואונדערער איז געווען זאַגאַר אַ גלח, וועלכער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק פאַרלאָזן די „בורסע". איך געדענק שוין ניט מער, וואו און ווען איך בין מיט אים באַקאַנט געוואָרן; אָבער דער יונגערמאַן פלעגט פּשוט שלינגען מיינע ווערטער. ער איז שפּעטער — ווי איך האָב זיך דערוואוסט — געוואָרן איינער פון די פייער־דיקסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון פרייהייט. זיין שיקזאַל, ווי אַזוי ער האָט געענדיקט, איז מיר געבליבן אומבאַקאַנט.

און איך קאָן בלויז ספּעקולירן וועגן דעם ווי עס וואָלט זיך געפורמט מיין ווייטערדיקער לעבן, ווען איך וואָלט פאַרבליבן אין פּינסק, וואו איך האָב געהאַט אַזויפיל פריינד און באַוואונדערער. אָבער עס האָט פּאַסירט עטוואָס, וואָס האָט מיך באַלד געצוואונגען צו פאַרלאָזן פּינסק. די געשיכטע האָט צו יענער צייט שטאַרק אויפגערודערט דאָס שטעטל, און איך גלויב, אַז עס וועט ניט זיין אומאינטערעסאַנט איר צו דערציילן דאָ אין קורצן. אגב, וועט עס אפשר וואַרפן אַביסל ליכט אויף די גאַנץ באַזונדערע פאַר־העלטענישן פון עלטערן און קינדער פון יענער צייט.

7. מיין ערשטע ליבע

צווישן די שילער, וועמען איך האָב געגעבן אוראקן, זיינען אויך געווען אייניקע יונגע מיידלעך.

איינע פון זיי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר לעבעדיגקייט, ריי־רעוודיגקייט, מיט איר געזונטן מוטער־וויץ, מיט איר אייביקער מונטערקייט, און זי האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף מיין יונג האַרץ.

איצט ווייס איך, אַז שטאַרק פאַרליבט אין איר בין איך ניט געווען. דאָס איז געווען, וואָס מען רופט, „קאַלב־ליבע"; אָבער דעמאָלט האָב איך געגלויבט, אַז איך האָב איר באמת ליב. זי צו מיר האָט, גלויב איך, געפילט דאָס אייגענע, און מיר האָבן זיך געשוואָרן „אייביקע ליבע".

איר פאָטער, אַ באַלעבאַטעשער איד, כאָטש גאָר ניט קיין פאַנאַטישער איד, האָט געהאַט אין זינען איר חתונה־מאַכן מיט אַ יונגנמאַן פון זיין אייגענער משפחה — עפּעס אַ צווייטער קאַזין. ביז איך בין געקומען אויף דער סצענע, איז דאָס מיידל ניט געווען קעגן איר פאָטער'ס פּלענער; אָבער באַלד האָט זי פון דעם יונגנמאַן ניט געוואָלט הערן און זען.

דער יונגערמאַן, שוין כמעט איר חתן, האָט דאָס באַלד דערציילט איר

פאַטער, און אָנגעוויזן אויף מיר אַלס די סיבה פון דער איבערקערעניש פון אירע געפילן בנוגע אים.

און טאַקע דעמזעלבן טאָג האָט איר פאַטער געוויזן מיר די טיר, סטראַשענדיק, אַז ער וועט זען אַז מען זאָל מיך פון שטאָט אַרויסטרייבן, אויב איך וועל נאָר מאַכן דעם מינדסטן פאַרזוך צו טרעפן־זיך מיט זיין טאָכטער.

די סטראַשונקעס האָבן אָבער קנאַפּ וואָס געווירקט. מיר פלעגן זיך דאָך טרעפן כמעט יעדן טאָג אין פאַרשיידענע פלעצער, אַ דאַנק דער הילף פון מיינע און אירע חברים און חבר׳טעס, פאַר וועמען דאָס איז געווען אַ העכסט־שפּאַנענדיקער ראָמאַן, און וועלכע האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ מצוה צו שטערן דעם אידן אין דער אויספירונג פון זיינע „פינצטערע״ פּלענער.

באַלד אָבער האָט זיך איר פאַטער דאָך דערוואוסט אַז מיר טרעפן זיך, האָט ער זיין טאָכטער פאַרשפּאַרט אין אַ צימער, לאָזנדיק איר בוכשטעבלעך אין איין העמד, אַזוי אַז ער זאָל זיין זיכער, אַז זי וועט אין ערגעץ ניט קאָנען זיך ווייזן. און מיך האָט ער פאַרמסר׳ט פאַר דער פּאָליציי, אַז איך בין גאָר אַ געפערלעכער יונגערמאַן, פון וועלכן פינסק מוז וואָס גיכער פטור ווערן, כדי איך זאָל ניט פאַרפירן די גאַנצע פינסקער יוגנט.

איין פרימאָרגן האָב איך געקראָגן פון פּאָליצמייסטער אַ „פּאַוועסטקע״, זיך צו מעלדן צו אים. און אַז דער פּאָליצמייסטער לאַדט־איין, מוז מען גיין. פאַרשטעלנדיק זיך פאַר אים דורך זיין „פּאַוויעסטקע״, האָט ער גאָר אָן פיל איבעריקע רייד, מיט אַ שטרענגן טאָן, מיך באַפוילן צו פאַרלאָזן פינסק.

— „פאַרוואָס?״ — האָב איך זיך איינגעשטעלט פרעגן. „אַזוי וויל איך״ — איז געווען זיין ענטפער. — „און אויב דו וועסט עס ניט טאָן מיט גוטן, וועסטו ערגער מאַכן״.

דער פּאָליצמייסטער פון יענער צייט, אין אַ קליינער שטאָט, איז געווען פּראַקטיש דער צאַר פון דער שטאָט. האָב איך דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק צו בעטן אים, ער זאָל מיך אויסהערן, ווייל איך האָב דאָך געוואוסט פאַר וועלכער זינד ער טרייבט מיך אַרויס פון דער שטאָט, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן — און אין זיין גרויס גענאַד האָט ער איינגעוויליגט מיך אויסצוהערן. דער גוי האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער, ווען איך האָב אים דערציילט די געשיכטע אויף מיין שטייגער, שילדערנדיק פאַר אים דעם יונגנמאַן, וואָס איר צעדרייטער, דעספּאָטישער פאַטער האָט פאַר איר באַשטימט.

אָבער אויף זיין פסק־דין איז ער באַשטאַנען. ניט אַנדערש, איך מוז פאַרלאָזן פינסק.

איך האָב איינגעוועדנט, אַז איך קאָן פינסק ניט פאַרלאָזן, ווייל, כאָטש פון געבורט אַ פינסקער, בין איך אָבער פאָרט ניט קיין פינסקער; איך האָב ניט קיין פּאַספּאָרט, און אָן אַזעלכן קאָן איך ניט פאָרן.

ער האָט דעריבער באַלד געלאָזט פאַר מיר מאַכן אַ „פּראָכאָדנאַיע סווידעטעלסטוואָ", און אין עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך פאַרלאָזן פּינסק, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע, אַזוי־צו־זאָגן, וואַנדער־יאָרן.

איידער איך גיי־איבער צום נעקסטן קאַפּיטל האַלט איך פאַר נויטיק צו באַפרידיקן די באַרעכטיקטע נייגעריגקייט פון די לעזער וועגן דעם וואָס עס איז געוואָרן פון מיין ערשטער ליבע.

אָך, עס איז גאָרנישט געוואָרן. אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום איז דאָס מיידל גאַנץ אומדערוואַרט, באַנוצנדיק זיך מיט אַן איינלאַדונג צו אירן אַ פעטער, וועלכער האָט געלעבט ניט ווייט פון ביאַליסטאָק, געקומען צו מיר מיט אַ באַזוך אין ביאַליסטאָק, און כמעט מיט דיזעלבע ווערטער, מיט וועלכע העלענאַ פאָן ראַקאָוויץ האָט זיך געווענדט צו איר געליבטן לאַסאַל, האָט זי זיך געווענדט צו מיר: „נעם מיך". אָבער, כאָטש איך האָב נאָך יעמאָלט גאָר ניט געוואוסט וועגן לאַסאַל׳ן און זיין ראָמאַן מיט העלענאַ׳ן, דאָך האָב איך געהאַנדלט פּונקט ווי ער, און איר דערקלערט, אַז זי מוז שוין, דעמזעלבן טאָג, פאַרלאָזן ביאַליסטאָק, אַזוי, אַז קיינער זאָל גאָר ניט וויסן אַז זי איז געקומען צו מיר.

און לאָמיך דאָ גלייך דערקלערן, אַז דער מאָטיוו פאַר מיין האַנדלונג איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער ווי דער מאָטיוו פון לאַסאַל. זיין מאָטיוו איז געווען, אַז ער זאָל קאָנען עפענטלעך זיך פאַראייניקן מיט זיין העלענאַ׳ן מיט דער צושטימונג פון אירע עלטערן. מיין מאָטיוו איז געווען גאָר אַ נייע ליבע צו אַן אַנדער מיידל און ניט מער שוין קיין „קאַלב־ליבע", נאָר אַן אמת׳ע, אַ טיפע ליבע, וועלכע איז געווען אַ ליבע ווירקלעך פאַר׳ן גאַנצן לעבן, אַזוי אַז ניט אַכטנדיק אויף אַלע שטערונגען זיינען מיר דאָך געבליבן פאַרבונדן אויף אונדזער גאַנצן לעבן. און דאָס איז געווען מיין איינציקע און איצטיקע פרוי, ליזאַ יאַנאַווסקי, געבוירענע וועלער, פון ביאַליסטאָק.

נאַטירלעך האָב איך ניט געהאַט דעם מוט צו זאָגן דער מיידל, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי מוטיג, דעם אמת, און דעם אמת׳ן גרונט פון מיין האַנדלונג. איך האָב איר דאָן געזאָגט, אַז וועגן אונדזער פאַראייני־קונג קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין, בעת איך בין אַזוי הילפלאָז און בעת איך דאַרף טראַכטן ווי מען לעבט־דורך אַ טאָג. איך גיב־צו, אַז איך האָב דע־מאָלט זייער ניט שיין געהאַנדלט. זי האָט געוויס פאַרדינט, אַז איך זאָל איר זאָגן דעם ריינעם אמת; אָבער, ווי געזאָגט, איך האָב ניט געהאַט דעם נויטיקן כוח דערצו — אויף וואָס איך האָב איצט באמת חרטה.

באַזונדערס האָב איך עס געפילט אין יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך ווידער מיט איר געטראָפן. זי איז שוין דאָן געווען אַ מוטער פון אַ היבשער צאָל קינדער, און די מערסטע פון זיי דערוואַקסענע.

איך האָב דאָן געזאָגט צו איר, אַז זי דאַרף זיך פילן דאַנקבאַר צו מיר פאַר מיין שטאַנדהאַפטיגקייט און פעסטקייט, ווען מיר זיינען נאָך ביידע

געוועזן יונג. אָבער מער ווי מיט אַ כריפּלען קרעכץ האָט זי מיר ניט געענטפערט.

8. אין דער פרעמד

אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק בין איך כמעט אַן אַ גראָשן געלט, און די פראַגע, ווי מען לעבט־איבער דעם קומנדיקן טאָג, איז פאַר מיר געשטאַנען אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט און שרעקלעכקייט.

מיין איינציקער פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ פאַר בריוו צו אַ פאַר גימנאַזיסטן, מיט וועמען מיינע פריינט אין פינסק זיינען געשטאַנען אין אַ בריוולעכער פאַרבינדונג, כאָטש פערזענלעך האָבן זיי זיך ניט געקענט.

די, צו וועמען איך בין רעקאָמענדירט געוואָרן, האָבן מיך אויפגענומען גאַנץ וואַרעמלעך. מיין אָנקומען איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער גימנאַזיסטעשער וועלט. איך בין באַלד באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ קוואַרטיר. חברה האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן פאַר מיר אייניקע אורקן, אין וואָס זיי האָבן אויך געהאַט אַ באַלדיקן ערפאָלג.

געפאָרן בין איך גראָד נאָך ביאַליסטאָק, ווייל ניט ווייט פון דאָרט איז אויך געוועזן דאָס שטעטל (קנישין), וואו מיין פאָטער איז געוועזן אַ צוגעשריבענער, און וואו איך האָב גערעכנט צו קאָנען קריגן מיינע נויטיקע פאַפּירן, כדי אָפּצוגעבן עקזאַמען. אָבער, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, איז דאָס ניט געוועזן אַזאַ לייכטע זאַך דורכצופירן. אויך דאָרט בין איך ניט געוועזן פאַרשריבן, און קהל האָט מיך ניט געוואָלט האָבן פאַר אייגעם פון זיך. דער פּאָליטישן פון שטעטל האָט גע'טענה'ט, אַז ער וויל ניט נעמען אויף זיך קיין ריסק; אין פאַל איך זאָל פאַרלאָזן רוסלאַנד, וועט איך וועל זיך דאַרפן שטעלן צום פּריזיוו, וועלן זיי מוזן צושטעלן פאַר מיר אַן אַנדער רעקרוט.

איך האָב דערפאַר מיט מיין ערשטער נסיעה נאָך קנישין גאָרנישט אויסגעפירט, און בין געקומען צוריק נאָך ביאַליסטאָק מיט ליידיקן.

און, צו זאָגן דעם אמת, האָב איך מיר עס ניט גענומען שטאַרק צום האַרצן. דער געדאַנק אַריינצוטרעטן אין גימנאַזיע איז מיר געוואָרן אַלץ מער און מער פרעמד. איינער פון די, צו וועמען איך בין רעקאָמענדירט געוואָרן, איז געוועזן אַ גאַנץ פּראַקטישער מענטש, האָט ער מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל אָפּגעבן עקזאַמען אויף פּיר' קלאַסן, כדי צו קאָנען אַריינטרעטן אין אַן אַפּטייק, און אַזוי גאָר לייכט מאַכן מיין קאַריערע. אָבער פון דער עצה האָב איך ניט געוואָלט גאָר הערן. איך האָב דאַן געהאַט גאָר אַנדערע געדאַנקען און אַנדערע שטרעבונגען, און ווען איך האָב עס אים דערקלערט, האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי איך וואָלט געוועזן ניט אינגאַנצן ביי מיין פאַרשטאַנד.

אין דער אמת׳ן: אַ מענטש האָט קוים מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, טרוימט ער גאָר פון איינעמען די וועלט, פון ווערן איינער פון די באַרימטסטע שרייבער און געלערנטע אין דער וועלט.

איך מוז דאָ זאָגן, אַז די גימנאַזיסטן — איך מיין די אידישע, מיט וועמען איך בין באַקאַנט געוואָרן אין ביאַליסטאָק — כאָטש זייער וואוילע מענטשן, האָבן, וואָס אַנבאַטרעפט זייער אַנטוויקלונג, זייער באַלעזנקייט, געמאַכט אויף מיר ניט גאָר קיין גינסטיקן איינדרוק. זיי האָבן זיך געלערנט ניט שלעכט, אָבער טאַקע ניט מער ווי דאָס. פון ברייטערע, ווייטערע און העכערע צילן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט מיין פינסקער קרוזשאָק, האָבן גאַנץ ווייניקע זיך אינטערעסירט.

פונדעסטוועגן זיינען אויך דאָרט געווען אויסנאַמען.

אַזוי האָב איך זיך באַקענט גאָר גיך מיט אַ יונגנמאַן, וועלכער איז ניט געווען קיין גימנאַזיסט, אָבער וועלכער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין פּאָליטיק, און וועלכער האָט מיר צוגעשטעלט אַלע פאַרבאָטענע שריפטן, בראָשורן און ביכער פון יענער צייט.

איך בין דורך זיי, און דורך די געשפּרעכן מיט מיין נייעם באַקאַנטן, באַקענט געוואָרן, צום ערשטן מאָל, מיט די נעמען און פּלענער פון די דעמאָלסטיקע רוסישע רעוואָלוציאָנערן. מיין נייער פריינט איז דאָס געווען — ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען — דער פּאַרטרוויטער פון אַ געוויסן קרוזשאָק, וועלכער האָט אים צוגעשטעלט די גאַנצע פאַרבאָטענע ליטעראַטור פון יענער צייט, סיי פאַר זיין אייגענעם געברויך און סיי פאַר׳ן צוועק פון פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע ער האָט אָנגעפירט גאַנץ טיכטיק, כאָטש, איך מוז זאָגן, ניט זייער פאַרזיכטיק. ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך באַרימט מיט די פאַרבינדונגען וואָס ער האָט, און דער גרויסער מיסיע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים.

די מערסטע גימנאַזיסטן אין ביאַליסטאָק האָבן אים ניט גענומען ערנסט, און האָבן זיך גאַנץ ווייניק באַנוצט מיט זיין היפּשער ביבליאָטעק.

ווי איך קאָן זיך גאַנץ גענוי דערמאָנען, האָט די דאָזיקע ליטעראַטור אי צוגעצויגן און אי אָפּגעשטויסן. עס האָט מיך געצויגן צו די העלדן, וועלכע האָבן אויפגענומען אַזאַ קאַמף מיט׳ן צאַריזם, אין וועלכן איך האָב שוין דעמאָלט געזען, ניט אַכטנדיק אויף די רעפאָרמען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, די פאַרקערפּערונג פון ערגסטן דעספּאָטיזם.

עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען איך וואָלט זיך געשעצט גליקלאַך צו קאָנען זיי העלפן און ווערן איינער פון זיי. איך האָב דעמאָלט נאָר־וואָס איבערגעלייענט די וואויל־באַקאַנטע היסטאָרישע בריוו פון מירטאָוו, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אויף מיר אַ זייער טיפן איינדרוק.

און איך האָב געהאַלטן אין איין פרעגן ביי מיין באַקאַנטן טוער, ווי קאָן איך קומען אין נענטערער באַרירונג מיט די וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן,

אַזוי אַז איך זאָל קאָנען אויך מיין חלק ביישטראָגן צו דעם גרויסן, העלדישן קאַמף. אָבער מיין באַקאַנטער, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו באַזאָרגן מיך מיט דער נויטיקער ליטעראַטור, אַזוי אַז ווי נאָר ער פלעגט קריגן עפּעס נייעס צוגעשיקט פלעגט ער עס גלייך ברענגען צו מיר צום איבערלייענען, האָט ער אָבער ניט געהאַלטן פאַר נויטיק, און אפשר האָט ער טאַקע ניט געקאָנט, אַריינפירן מיך אין דעם גרויסן, געהיימניספולן קרייז, וואָס האָט מיך אַזוי געצויגן צו זיך.

פון דער אַנדער זייט האָב איך געפילט ווי אָפּגעשטויסן פון די העלדן. איך האָב דעם געפיל מיינעם געגעבן גאָר אָפט אויסדרוק אין מיינע דעבאַטן מיט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָפּאַגאַנדיסט. פאַרגיסן בלוט איז מיר געווען שרעקלאַך דערווידער אַ דאַנק מיין אידישער פריער דערציאונג. איך האָב מיר ניט געקאָנט פאַרשטעלן, ווי אַזוי קאָן דער אמת׳ער אידעאַליסט באַגיין אַ מאָרד־טאָט, ווי שלעכט עס זאָל ניט זיין דער קרבן. מיר האָט זיך אויס־געדוכט, אַז דערמיט פאַרשוועכט ער זיין אידעאַליזם. עס האָט מיר גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז איך האָב געקאָנט שלום־מאַכן מיט׳ן טעראָר, ביז איך האָב איינגעזען, אַז אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל, קיין אַנדער אויסוועג, ווי אָט דער שרעקלאַכער, בלוטיקער קאַמף.

און פונקט ווי איך האָב פריער געררעכנט, אַז דער וואָס באַגייט אַ טעראָריסטישן אַקט פאַרלייקנט זיין מענטשלאַכקייט, אַזוי האָב איך באַלד אָנגעהויבן דענקען — אונטער דעם איינפלוס פון די פאַרשיידענע בראָשורן, ווי דורך די דעבאַטן מיט מיין פריינט — אַז דער מענטש ווערט דאָס גרעס־סער און דאָס הייליקער דורך אַזאַ טאָט. ווי גרויס מוז זיין זיין האָס צום אונטערדריקער פון דער מענטשליכער פרייהייט — האָב איך אַרגומענטירט — אַז ער קאָן בייקומען זיין נאַטירלעכן ווידערווילן צו מאָרד, ווי דאָס מוז זיין דער פאַל מיט יעדן דענקנדיקן און פיינפילנדיקן מענטשן! ווי גרויס און שטאַרק מוז פלאַקערן אין זיין האַרץ די ליבע צו פרייהייט, זיין ליבע צום פאָלק, אַז ער איז גרייט צו שטעלן אין קאָן זיין אייגן לעבן, זיין אייגענע פרייהייט, און אַלץ וואָס דאָס לעבן באַט אים אָן אין אַלערליי פאַר־געניגנס!

איך בין שוין, אַלזאָ, געווען גרייט אַנצודערקענען, אַז מיין רעוואָלו־ציאָנערער פּראָפּאַגאַנדיסט איז פולשטענדיק גערעכט, און איך בין אינגאַנצן אומגערעכט; אָבער גראָד אין דעם טאָג, ווען איך בין שוין געווען גרייט צו דערקלערן אים, אַז איך שטיי ענדלעך אויף זיין שטאַנדפּונקט, האָט די זשאַנדאַרמעריע אים אַרעסטירט, פאַרכאַפּט זיין גאַנצע ביבליאָטעק, און מער האָב איך אים שוין ניט געזען.

ער איז געווען איינער פון די ערשטע אידישע קרבנות פון דעם פריי־הייטס־קאַמף אין ביאַליסטאָק. זיין נאָמען איז געווען פּייוועל בלאָך.

עס איז שווער פאַר מיר צו ספּעקולירן וועגן מיין ווייטערן שיקזאַל,

ווען ניט אַט דער אַריינפאַל פון מיין רעוואָלוציאָנערן לערער. אפשר וואָלט איך פאַרפוילט געוואָרן אין אַ רוסישער טורמע צוגלייך מיט פיל אַנדערע פרייהייטס־קעמפער. אפשר וואָלט איך פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר צוזאַמען מיט בלאַכ׳ן, וועלכער אגב אורחא, ווי איך האָב געהערט מיט יאָרן שפּעטער — כּמעט איך קאָן ניט קאָווירן אַז דאָס איז אמת — איז גאָר געוואָרן זייער רייך, און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיין יוגנטלעכן רעוואָלוציאָנעריזם. אָבער אין יענעם טאָג האָט אויך פּאַסירט עטוואָס, וואָס האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג אויף מיין ווייטערדיקן לעבן, און וואָס איך מוז דאָ דערציילן כּמעט גאַנץ בקיצור.

דערוויסנדיק זיך פון בלאַכ׳ס אַרעסט, און פון דעם איבערפאַל אויף זיין ביבליאָטעק, האָב איך זיך געפילט שרעקלאַך אויפגערעגט, ממש דער מוח האָט זיך ביי מיר אָנגעצונדן. איך האָב געפילט ווי צו לויפן צו די זשאַנדאַרן און זיך איבערגעבן אין זייערע הענט; דערקלערן, אַז איך בין אין דער פּולסטער סאָלידאַריטעט מיט בלאַכ׳ן, און זאָלן זיי אויך מיך אַרעסטירן.

און אַט אַזוי, גייענדיק אין גאַס און טראַכטנדיק וועגן דער אויספירונג פון מיין ווילדן, אמת אינגעלשן באַשלוס, האָט מיך געטראָפן דער גימנאַ־זיסט, וועלכער האָט מיר דער ערשטער געראָטן אָפּצוגעבן עקזאַמען אויף פיר קלאַסן און ווערן מיט דער צייט אַן אַפּטייקער. ניט אַכטנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב זיך ניט געפילט באַזונדערס פריינטליך צו אים, האָב איך אים דערציילט וועגן בלאַכ׳ס אַרעסט, וועגן דער פאַרכאַפּונג פון זיין ביבליאָטעק, און אויך וועגן מיין באַשלוס. און נאָך מער, מיט גרויס פייער האָב איך פאַרלאַנגט, אַז אַלע פרייע יונגע מענטשן זאָלן טאָן דאָסזעלבע. וואָס פאַר אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע דאָס וואָלט געווען, ווען נאָר אַ צען גימנאַזיסטן קומען צו דער זשאַנדאַרמעריע, גיבן זיך איבער אין אירע הענט מיט דער דערקלערונג, אַז אויב בלאַך איז אַ פאַרברעכער, דאַן זיינען זיי אַלע פאַרברעכער, און זאָל מען זיי גלייך באַשטראָפן.

איך פיל ווי איך ווער רויט פון שאַנד שרייבנדיק די שורות. וואָס פאַר אַ נאַריש אינגל איך בין געווען; און עס איז געווען ווירקלאַך אַ גליק, וואָס צופעליקערווייז האָב איך גראָד אָנגעטראָפן אַט דעם גימנאַזיסט, וועלכער איז שוין דאַן געווען אין זעקסטן קלאַס, און ניט אַזאַ נאַריש אינגל ווי איך בין דאַן געווען.

ער האָט מיר, סיי מיט זיין קוקן אויף מיר און סיי מיט זיינע ווערטער, באַלד אָפּגעהאַקט די ווילדע פליגלען מיינע. ער האָט מיר דערקלערט, אַז איך מוז ניט זיין ביי מיין פולן פאַרשטאַנד, ווען מיר האָט גאָר געקאָנט איינפאַלן אַזאַ געדאַנק. „רוסלאַנד“, — האָט ער גערעדט מיט אַ געלאַסע־נעם טאָן — „וועט זיך ניט איבערקערן, ווען איר און נאָך אַזעלכע עטלעכע משוגעים וועלן אַריינשטעלן זייערע קעפּ אין מויל פון דעם לייב. מער ווי

דאָס וואָס דער לייב וועט זייערע קעפּ אָפּבייסן וועט גאָרנישט פּאַסירן. איר וועט דערמיט קיינעם ניט ראַטעווען. איר וועט ניט אויפטאָן דאָס מינדסטע פאַר דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד. דער אמת׳ער פרייהייטס־קעמפּפער מוז זיין לעבן שאָנעווען אַזוי שטאַרק וויפיל עס איז נאָר מעגלעך, ווייל זיי זיינען נאָך זייער ווייניק דאָ אין רוסלאַנד. מען קאָן זיי אַלע אויף די פינגער איבערציילן״. בקיצור, זיינע רייד האָבן געווירקט ווי אייז־וואַסער אויף מיין צעהיצטן און צעפלאַמטן מוח.

איך האָב ביז דאַן גאַנץ ווייניק געהאַלטן פון דעם דאָזיקן גימנאַזיסט, וועמעס נאָמען איז געווען סאָסנאָוויטש. ער האָט געפירט אַ שטיל, איינ־זאַם לעבן; זיך ווייניק גע׳חבר׳ט, נאָך ווייניקער זיך גע׳קהל׳ט, און איז פון די מערסטע באַטראַכט געוואָרן אַלס אַביסל צוריקגעשטאַנען אין זיין אַנטוויקלונג. אויב איך האָב זיך צו אים געווענדט איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, וועמען איך האָב באַגעגנט נאָכדעם ווי איך האָב זיך דערוואוסט פון דער בלאָך־פּאַסירונג. דער פאַרלאַנג זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן איז געווען צו־שטאַרק, אַז איך זאָל נעמען אין באַטראַכט פאַר וועמען איך רייד.

און עס איז געווען ווירקלעך אַ גליקלעכער צופאַל, וואָס איך האָב אים און ניט קיין אַנדערן פאַרטרויט מיט מיינע דעמאָלסדיקע געפילן. איך האָב דאַן אַנטדעקט אין אים גאָר אַן אַנדער מענטשן — אַ מענטשן מיט אַ גאַנץ אָריגינעלן קאָפּ, וואָס האָט שוין זיינע אייגענע געדאַנקען. מיר זיינען, דורך דער באַגעגעניש, געוואָרן די שטאַרקסטע פריינט. עס איז ניט אַוועק אַ טאָג — ביז מיין פאַרלאָזן ביאַליסטאָק — אַז מיר זאָלן זיך ניט טרעפן פאַר אַ פּאָר שטונדן, וועלכע מיר האָבן פאַרבראַכט אין דעבאַ־טירן איבער אַלץ וואָס איך האָב זיך אָנגעלייענט אין דער ליטעראַטור, מיט וועלכער בלאָך האָט מיר באַזאָרגט.

און לאָמיר דאָ געבן קרעדיט דעם, וועלכער, דורך זיין געלאַסנקייט און דורך זיין האַרטער, שטרענגער לאָגיק, האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף מיין גאַנצן ווייטערן לעבן. שטענדיק, ווען עס האָט מיך נאָר געצויגן צו האַנדלען אַביסל צו־האַסטיק, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם הויכן, אַביסל שוואַרצלעכן, געלאַסענעם יוגנט־פריינט מיינעם, און שטענדיק האָב איך אַזוי ווי געהערט אים זאָגן: „אייל זיך ניט, איבערלייג זיך פריער, באַטראַכט וואָס דו טוסט.״

איך ווייס ניט וואו דו ביזט, אַלטער, טייערער פריינט. איך ווייס ניט זאָגאָר אויב דו ביזט נאָך צווישן די לעבעדיקע. אונדזער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איך האָב מיט אים אָנגעהאַלטן אין דער ערשטער צייט, קומענדיק קיין אַמעריקע, האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. מיינע לעבנס־דערפאַרונגען פאַר די ערשטע פּאָר יאָר אין אַמעריקע זיינען געווען זייער טרויעריקע, און איך האָב ניט געפילט די מינדסטע לוסט צו טיילן זיך מיט מיינע צרות מיט

ווען־עס־איז, און נאך ווייניקער מיט אים, ווייל ער איז דאס געווען דער יעניקער, וואס האט מיך באוועגט צו פארלאזן רוסלאנד פאר אמעריקע.

צוערשט האט ער מיר צוגערעדט, אז איך זאל אויפגעבן לייענען אלץ, און זיך נעמען פלייסיק צום לערנען, אזוי אז אויב און ווען איך וועל ענדלעך קריגן מיינע דאקומענטן, זאל איך זיין פארטיק צום עקזאמען און קריגן דעם נויטיקן אטעסטאט, וואס וועט מיך, פון איין זייט, באפרייען פון דינען אין מיליטער גאנצע פינף יאר, און פון דער אנדער זייט וועט מיר פארשאפן א געוויסע שטעלונג אין דער געזעלשאפט. אבער דאס איז דאן געווען פאר מיר אן אוממעגלעכע זאך. איך האב פשוט אויף קיין זאך ניט געקאנט זיך קאנצענטרירן. און צוליב דעם, ווי אויך צו מיין גרויסן חשק צו אגי־טירן מיינע שילער, ווען איך האב געגעבן אוראקן, האב איך באלד זיי אלע פארלוירן.

לאמיר דא איבערגעבן בלויז איין פאל אזעלכן.

איך האב געהאט א לעסאן אין דעם הויז פון א אידישן באנקיר. דאס איז געווען איינער פון מיינע בעסט באצאלטע אוראקן. געהאט האב איך דארט דריי שטונדן א וואך, וואס איז שוין באלד געווען גענוג צו דעקן מיין קנאפע לעבנס־הוצאה.

אין איינעם פון די לעסאנס, לערנענדיק מיט מיין שילערין געשיכטע, האב איך איר איבערגעגעבן די גרונט־אידייע פון דעם גרויסן ווערק פון באקל, ווען איך האב דאן געהאלטן פאר דעם גרעסטן דענקער. דאס איז אבער געווען שוין דער לעצטער אוראק מיינער דארט.

אויפ׳ן צווייטן טאג האב איך דערהאלטן פון איר מוטער א בריוו, מיט דעם געלט וואס האט מיר געקומט, און אויך א דערקלערונג, אז מיין שילערין פארט־אוועק צוגאסט, און פאלגלעך דארף איך מער צו זיי ניט קומען.

א פאר מאנאטן שפעטער האט מיך די מיידל באגעגנט אין גאס און האט מיר דערציילט, אז איר מוטער איז געשטאנען הינטער דער טיר, זיך צוהערנדיק ווי איך האב מיט איר געלערנט היסטאריע. מיין ארט און וויזע פון לערנען היסטאריע איז איר זייער ניט געפעלן, און זי האט איר דערקלערט, אז מער קאן איך אין זייער הויז ניט אריינקומען. די מיידל האט געמאכט א סצענע; אבער דאס האט, הפנים, נאך פעסטער געמאכט דעם באשלוס פון איר מוטער, אז איך טאר ניט זיין איר לערער.

די מיידל האט זיך אנגעבאטן צו קומען צו מיר אויף דער קווארטיר און נעמען פון מיר די פאר לעסאנס, פאר וועלכע זי וועט מיר באצאלן מיט איר אייגן געלט; איך האב זיך אבער אפגעזאגט פון איר אנבאט, און צוליב פאלגנדן גרונט:

דעם אוראק האב איך געקראגן דורך דער שתדלנות פון מיין עלטערן ברודער, מיט וועמען דער לעזער איז שוין באקאנט פון א פריערדיקן קאפיטל.

ער איז געווען זייער שטאַרק באַפריינדעט און באַליבט אין דער דערמאָנטער באַנקיר־פאַמיליע, ווען זי האָט נאָך געלעבט אין פינסק. האָט ער גאָר אָן מיין וויסן זיי געשריבן אַ בריוו, אַז איך, זיין ברודער, בין אין ביאַליסטאָק, און אַז זיי וועלן טאָן אים אַ פּערזענלעכע טובה, ווען זיי וועלן מיך מקרב זיין.

און טאַקע באַלד האָב איך געקראָגן פון דער מוטער אַן איינלאַדונג צו קומען און ווערן באַקאַנט. איך בין געקומען, און טאַקע דעמזעלבן טאָג האָבן זיי מיר אָנגעבאָטן צו געבן זייער טאָכטער דריי שטונדן אַ וואָך, און זיי לאָזן־איבער צו מיר צו לערנען מיט איר וואָס איך וועל געפינען פאַר נויטיק.

די מיידל איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר 15, און פאַר אירע יאָרן איז זי געווען גאַנץ נישקשהדיק געבילדעט. עס האָט מיר גענומען אַ גאָר קורצע צייט אויסצוגעפינען, אַז די מיידל האָט גוטע פייאיגקייטן, און אַ גאַנץ באַזונדערן חשק צו לערנען. דאָס איז פאַר מיר געווען דאָס וויכטיקסטע, ווייל די מערסטע שילער מיינע, איבערהויפּט די פון ווייבלעכן געשלעכט, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער טעמפּקייט, אַזוי אַז פון אייניקע אַזעלכע לעסאָנס האָב איך אַליין זיך געמוזט אָפּזאָגן, כאָטש איך האָב דאָס געלט אַזוי נויטיק געהאַט פשוט צום לעבן.

די ערשטע פּאָר וואָכן, וואָס איך האָב מיט איר געלערנט, איז איר מוטער געווען העכסט צופרידן מיט מיר. אָפט פלעג איך ווערן איינגעלאַדן אַלס גאַסט צום טיש. דער פאָטער, דער באַנקיר, האָט זיך מיט מיר באַזונדערס אינטערעסירט, נאָכפרעגנדיק זיך וועגן מיינע ווייטערדיקע פּלענער.

פון מיינע ענטפערס האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַביסל „געכאַפּט אויף דער מעשה". און, פאַרשטייט זיך, ער האָט אַ וואונק געגעבן זיין מאַדאַם, אַז זי זאָל אויף מיר גוט אַכטונג געבן ווי און וואָס איך לערן מיט זייער טעכטערל, אַזוי אַז איך זאָל איר חלילה ניט אַראָפּפירן פון דרך הישר.

מיין אומשולדיקע דערקלערונג פון דעם באָקל־געדאַנק האָט איר אי־בערצייגט, אַז איך בין ניט דער פּאַסנדיקער לערער פאַר איר טעכטערל, און, ווי שוין געזאָגט, איך האָב געקראָגן, אויף אַן איידעלן אופן, די „סעק". אָבער דעם אָנבאָט פון דער מיידל צו קומען צו מיר אויף דער קוואַרטיר בשתיקה פון איר מוטער, האָב איך ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אָננעמען, כדי ניט צו קאָמפּראָמיטירן מיין ברודער, וועלכער האָט דאָס מיר צוגעשדכנט דעם לעסאָן, און האָט דאָס אַזוי גוט געמיינט.

זאָל שוין דאָ אויך, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, דערציילט ווערן נאָך אַ טשיקאַווע מעשה, צוליב וועלכער מיין עלטערער ברודער האָט געהאַט גרויסע צרות פון מיר, כאָטש איך בין געווען גאַנץ אומשולדיק.

דאָס איז שוין געווען מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען דער רעדאַקטאָר פון „ארבייטער פריינד" אין לאָנדאָן.

אין איין שיינעם טאָג קריג איך אַ בריוול פון מיין עלטערן ברודער, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אין קיעוו. אין וועלכן ער פרעגט מיר אָן ווי מיר גייט, און צי בענק איך נאָך רוסלאַנד — וואָס דאָס האָט ער אודאי געמיינט גאַנץ איראָניש.

איך האָב אים געענטפערט אויף מיין שטייגער, און אים איינגעלאַדן שרייבן פון צייט צו צייט אַ בריוול פאַר דער צייטונג.

בשעת מעשה האָב איך גאָר פאַרגעסן, אַז איך בין עס דער נאָטאָרישער אַנאַרכיסט, וועגן וועמען מען האָט זאָגאָר גערעדט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, און וועמעס צייטונג איז פון אימיצן פאַר׳מסר׳ט געוואָרן אַלס גרויס גע־פאַר, און אַז איך לאַד־איין איינעם אין רוסלאַנד שרייבן פאַר דער געפער־לעכער אידישער צייטונג.

דאָס איז געווען זייער לייכטזיניק פון מיין זייט. מיין איינציקע אַנטשולדיקונג איז, אַז איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט האָבן כאָטש איינעם, וואָס זאָל מיר צוהעלפן פון צייט צו צייט מיט אַן אַרטיקל אין דער צייטונג, וואָס איך האָב אַליין געמוזט אויספילן, אונטער פאַרשיידענע נעמען, פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה. אגב, האָט עס מיר שטאַרק גע־שמייכלט צו האָבן אַלס מיטאַרבייטער אין מיין צייטונג מיין ברודער, וועלכער איז נאָך דאַן געווען זייער גרויס אין מיינע אויגן, כאָטש אונדזערע מיינונגען זיינען געווען שטאַרק פאַרשיידן איבער די וויכטיקסטע פראַגן פון לעבן.

דער סוף איז געווען אַ גאַנץ טרויעריקער פאַר מיין ברודער. איידער ער האָט נאָך באַקומען די איינלאַדונג פון מיר, האָט ער שוין געקראָגן אַן איינלאַדונג פון דער פּאָליציי, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שלעפּענישן און אויספרעגענישן וועגן זיין ברודער, דעם נאָטאָרישן לאָנדאָנער אַנאַרכיסט, און וואָס פאַר אַ שייכות ער האָט מיט אים.

עס האָט געהאַלטן גאַנץ שלעכט מיט אים, ווען ניט די שתדלנות פון די סאַמע פּני פון דער אידישער קיעוו. אָבער אויך אַזוי האָט עס זיך געענדיקט דערמיט, וואָס פאַר צוויי יאָר צייט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן קיעוו, זיך אַריבערקלייבן אין עפּעס אַ קליינשטעטל הינטער קיעוו, פון וואַנען ער פלעגט דאַרפן פאָרן יעדן טאָג צו געבן זיינע העברעאישע לעקציעס אין קיעוו.

צו יענער צייט האָט ער דאָס געשריבן צו זיין זון אין אַמעריקע און אים דערציילט וועגן אַלץ וואָס האָט מיט אים פּאַסירט צוליב מיין אומפאַר־זיכטיקייט. דעם דאָזיקן בריוו האָט ער געשלאָסן מיט די ווערטער: „ואת לצרה יולד".

9. אויפ'ן וועג נאָך אַמעריקע

איך בעט די לעזער ניט פאַראיבל־האָבן אויף מיר, וואָס איך האָב אין מיין לעצטן קאַפּיטל געמאַכט אַ שפּרונג פאַר אַ היפּש ביסל יאָרן, כדי צו דערציילן אַ טשיקאַווע געשיכטע. עס איז ניט געטאָן געוואָרן בכיוון, נאָר עס האָט זיך ממש געבעטן צו דערציילן די דאָזיקע געשיכטע, מיט וועלכער עס ענדיקט זיך אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט דערציילן וועגן מיין עלטערן ברודער, וועלכער וועט שוין אין דעם בוך מער ניט דערמאָנט ווערן. און לאָמיר שוין דאָ אויך זאָגן, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק, ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה (דער ערשטער) איז ער געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין קיעוו. צו אַלע „גוטע זאַכן", וואָס ער האָט גענאָסן אין זיין לעבן, האָט ער אויך פאַרזוכט דעם טעם פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

און איצט קאָנען מיר זיך אומקערן צוריק צו אונדזער געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר אין ביאַליסטאָק אין אָנפאַנג פון 1885 (אומגעפער).

די געשיכטע ווי אַזוי איך האָב פאַרלאָרן דעם לעסאָן ביי דעם אידישן באַנקיר איז ניט געבליבן קיין סוד, און דאָס האָט זיך זייער שלעכט אָפּגע־רופן אויף מיינע אַנדערע אורחקן, וועלכע איך האָב געהאַט מייסטנס אין באַלעבאַטישע הייזער. מען האָט אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט חשד, און איך האָב אָנגעהויבן פאַרלירן מיינע אורחקן איינעם נאָכ'ן צווייטן.

דער קאַמף פאַרן לעבן איז, פאַלגליך, געוואָרן פאַר מיר אַלץ שווערער. די איינציקע לעסאָנס, וואָס איך האָב ניט פאַרלוירן, זיינען געווען די, וואָס איך האָב געגעבן אומזיסט, און איינער וואָס האָט זיך אין גאָר אַ קורצער צייט זייער גוט מיר באַצאָלט, ווי דער לעזער וועט עס זען פון מיין ווייטער־דיקער געשיכטע.

דאָס לעבן פאַר מיר וואָלט דאַן ממש געווען אומדערטרעגלאַך, ווען ניט די געטריישאַפט פון איינער פון מיינע שילערינס, וועלכע איז נאָכדעם געוואָרן פרוי יאַנאָווסקי, וועמען איך האָב פיל מער צו פאַרדאַנקען פאַר אַלץ וואָס איך האָב אויפגעטאָן אין מיין לעבן, ווי איך קאָן עס אויסדריקן אויפ'ן פּאַפּיר, און וועמעס אידעאַליזם די גאַנצע אַרבייטער און ראַדיקאַלע באַוועגונג האָט פיל מער צו דאַנקען ווי מיר.

זי האָט מיר דאַן געהאָלפן מיט אַלץ וואָס איז מעגלאַך געווען אין יענער גאַנץ טרויעריקער צייט.

פאַרשטייט זיך, איך האָב שוין דאַן גאָר ניט געדיינקט פון אָפּגעבן עקזאַמען, ווי דאָס איז געווען מיין אַבזיכט ווען איך בין געקומען קיין ביאַ־ליסטאָק. מיינע לערן־ביכלעך זיינען געלעגן פאַרשטויבט אויף דער פּאָליצע, און דאָ האָט זיך אַלץ מער אָנגערוקט די צייט, ווען איך האָב זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, ווען ענדלעך איז מיר דאָך געלונגען צוצושרייבן זיך

צו מיין פאטער, און ווערן, אזוי־צו־זאגן, „אויס נעלם״, ווי איך בין עס פריער געווען.

איך האב מיך דעמאלט געפילט גאנץ קראנק, און עס איז געווען א סברה, אז מען וועט מיך אפשר אויסבראקירן.

כדי אבער צו וויסן עס קלאר האט איינע פון מיינע באקאנטע, וועלכע איז געווען באפריינדעט מיט׳ן ארמיי־דאקטאר. געבעטן אים, ער זאל מיך עקזאמענירן, אום צו וויסן, צי ער וועט קאנען מער אדער ווייניקער געוויסנ־האפט מיך דערקלערן אלס „ניע גאדיען״.

דער דאקטאר איז געווען, פארשטייט איר מיך, א שטיקל ליבעראל; אבער זיין ליבעראליזם איז אזוי ווייט ניט געגאנגען, אז ער זאל איינוויליקן מיך אויסצובראקירן אפילו דעמאלט, ווען איך טויג ניט מער ווי אויף קאנאנענפלייש.

ער האט מיך, אלזא, אונטערזוכט און געפונען, אז איך בין פולשטענ־דיק געזונט; ניט מער, איך האב ניט גענוג צו עסן.

דאן איז געקומען מיט ראט און טאט מיין פריינט דער גימנאזיסט, פריידקין, און פיל אנדערע מיינע באקאנטע. לויט זייער מיינונג האב איך גאר ניט געטארט קלערן פון שטעלן זיך צום פריזיוו. מיט מיין טעמפע־ראמענט, און מיט מיין גרויסן חשק צו פראפאגאנדע, וועל איך זיכער באלד דערשאסן ווערן. דאס גלייכסטע, אלזא, פאר מיר איז צו פארלאזן רוסלאנד פאר אמעריקע, פאר דעם לאנד פון פרייהייט, וואו איך וועל קאנען זיין באמת פריי, וויפיל מיין הארץ געלוסט, און אויך קאנען לייכט ווייטער שטודירן, ווען איך וועל נאר זיך אויסלערנען עפעס אן ארבעט און קאנען פארדינען אויף מיין לעבן.

דאס איז אייגנטלעך אויך געווען די אורזאך וואָרום איך בין ניט געפארן אין דער שווייץ; דארט איז גאר קיין אויסזיכט ניט געווען, אז איך זאל אי קאנען פארדינען אויף ברויט און אי אויך ווייטער שטודירן. אי געלט אויף רייזע־הוצאות? נו, דאס איז א קלייניקייט — האט מיר פרייד־קין געענטפערט — דאס וועט געשאפן ווערן.

איך האב גלייך איינגעוויליקט צו דעם פלאן; און דאס נויטיקע געלט איז געשאפן געווארן אין משך פון א פאר וואכן. וויער עס האט בייגע־טראגן און וויפיל צו דער נויטיקער סומע, ווייס איך נאך ניט ביז׳ן הייג־טיקן טאג.

אין דער צייט פון דעם באשלוס ביז זיין אויספיר, האב איך זיך פאר־קליידט אלס „אוטשעניק״ (סטודענט), כדי די פאליציי, וואס האט ארומ־געזוכט די קאנדידאטן צום פריזיוו ווי מיט ליכט, זאל זיך ניט טשעפען צו מיר, ווי זי וואלט עס געוויס געטאן צו א פרעמדן בחור אין ציווילע קליידער.

מען האט מיך קיינמאל ניט געלאזט גיין אליין. צוויי־דריי גימנא־

זיסטן זיינען שטענדיק ניט נאָר מיטגעגאַנגען מיט מיר, נאָר אויך שטענדיק געווען אויף מיין קוואַרטיר. זיי האָבן זיך געביטן, לויט דער רייע נאָך. פיל פון זיי זיינען דאַן געווען פּלאַטאָנישע חובבי ציון, אונטער דעם אייב־פלוס פון דעם וואויל־באַקאַנטן ביאַליסטאָקער דר. כאַזאַנאָוויטש. איך בין דאַן שוין געווען אַ שטאַרקער געגנער פון דער אידייע. אגב, האָב איך ניט פיל געהאַלטן פון דעם דאָקטאָר. איך האָב געצווייפלט אין זיין ערנסט־קייט, אָבער איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַ צעדרייטן, פאַר אַ טשודאַק. און, ווי איך דערמאָן זיך, איז דאָס דאַן געווען דער הויפּט־קעגנשטאַנד, איבער וועלכן מיר האָבן גאָר פייערדיק דעבאַטירט. איך האָב זיך אויך אַריבערגעקליבן אויף אַ נייער קוואַרטיר, און מיינע באַלעבאַטים האָבן ניט געוואוסט אַז מיין סטודענטישער מונדיר איז געווען בלויז אַ מאַסקע. זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַן עכטן גימנאַזיסט. דער איינציקער מענטש אין הויז, וועלכער האָט יאָ געוואוסט פון דעם סוד, איז געווען די טאָכטער פון דעם הויז; און איר מעגט זיכער זיין, אַז שווער ווי עס איז מסתמא געווען צו האַלטן פאַר זיך דעם אינטערעסאַנטן סוד, האָט זי עס אָבער אויסגעע־האַלטן ביז׳ן סוף.

און אַזוי איז אָנגעקומען די צייט, ווען איך האָב געדאַרפט פאַרלאָזן רוסלאַנד פאַר אַמעריקע.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען די חברים געווען מיט מיר. דאָס איז געווען דער ערשטער „באַנקעט״, וואָס מען האָט געפּייערט צוליב מיין כבוד. און נאָך קיינמאָל האָב איך ניט געפילט אַזוי די זיסקייט פון אמת׳ער פריינדשאַפט און איבערגעבנקייט, ווי אין יענער געדענקווירדיקער נאַכט, וואָס איז פאַרבראַכט געוואָרן אין געזאַנג און אין ביר־טרינקען, מיט די באַרימטע ביאַליסטאָקער קוכנס פאַר אַ צובייס.

איך בין, זינט דעמאָלט, געווען צו פיל סעודות און באַנקעטן; פיל צוליב מיין אייגענעם כבוד, און פיל וואו איך בין געווען איינער פון די חשוב׳ע געסט. אָבער קיינער פון זיי איז מיר ניט אַזוי טייער, ניט אַזוי איינגעבאַקן, ווי אָט דער ערשטער באַנקעט. מען האָט מיר ניט געמאַכט קיין קאָמפּלימענטן, עס זיינען ניט געהאַלטן געוואָרן קיין רעדעס, אָבער די לופט אין דער קליינער סאַלקע איז געווען ממש אָנגעזאַפּט מיט פריינד־שאַפט.

מען האָט פאַר מיר באַשטעלט אַ ספּעציעלן באַגלייטער, וואָס זאָל מיך אָפּפירן ביז קעניגסבערג.

און ווידער האָב איך זיך געמוזט איבערטאָן. פון אַן „אוטשעניק״, פון אַ גימנאַזיסט, בין איך מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חסיד, מיט לאַנגע פאות, און אין אַן אַטלעסענער זשופּיצע, און בין אויך פאַר־זאָרגט געוואָרן מיט אַ פרעמדן פּאַס.

די געשיכטע האָט געמוזט אָפּקאָסטן מיינע פריינט אַ מטמון מיט

געלט. ווי געזאגט, ווייס איך נאך ביז היינטיקן טאג ניט, וואו זיי האבן עס גענומען. איצט טראכט איך אפט וועגן דעם, אויף וואס אמת'ע פריינט־שאפט איז פייאיק. דעמאלט אבער איז מיר אלץ אויסגעקומען אזוי נא־טירלעך, אזוי זעלבסטפארשטענדלעך, אז איך דערמאן זיך ניט, אז איך זאל זיך האבן געפילט באזונדערס דאנקבאר. איך האלט עס דעריבער איצט פאר מיין פליכט, ווען עס איז שוין אפשר צו־שפעט, אויסצודריקן מיין געפיל פון טיפער דאנקבארקייט צו יענעם הייפעלע חברים און פריינט, וועלכע האבן אלץ געטאן, אפצוראמען אלערליי דערנער און שטיינער אויף מיין לאנגער נסיעה קיין אמעריקע.

ערשט ווען איך בין אנגעקומען מיט מיין באגלייטער אין קעניגסבערג, און איבערגעבנדיק מיך צו מיין האטעל־האלטער, א דייטשען אידן, מיט דער דערקלערונג ווער איך בין, האב איך אראפגעווארפן פון זיך מיין אט־לעסענע זשופיצע, און בין ווידער געווארן גאר א היפשער יונגערמאן, ווי איך האב עס געזען אין די אויגן פון דעם האטעל־באזיצער'ס צוויי דער־וואקסענע און זייער שיינע טעכטער. זיי האבן מיך אויף א מינוט ניט אפגעלאזט. זיי האבן זאגאר מיך צוגערעדט צו בלייבן אין קעניגסבערג און דארט ענדיקן מיין שטודיום. צו וואס דארף איך פארן קיין אמעריקע?

איך בין זיכער, אז ווען ניט די געשטאלט פון מיין געליבטער, וועמען איך האב איבערגעלאזן אין ביאליסטאק, וואלט דאס צוריידן פון די מיידלעך, און זייער גאנץ ווארימע, אמת־פריינטלעכע באציאונג צו מיר, געוויס ניט פארפעלט צו האבן א גאנץ שטארקע ווירקונג אויף מיין יונג הארץ. דער האטעל־אייגנטימער, פון זיין זייט, האט מיך איינגעלאדן אלס גאסט צו זיין טיש, גאר ניט ווי אנדערע עמיגראנטן, און האט מיר שטארק צוגערעדט צו פארבלייבן אין דייטשלאנד.

אבער מיין באשלוס צו פארן קיין אמעריקע איז געווען גאר צו־פעסט. זיי האבן מיך געקאנט פארהאלטן פאר בלויז עטלעכע טעג, פאר וועלכע זיי האבן פון מיר קיין סענט ניט גענומען. האב איך זיי הערצלעך בא־דאנקט און, באגלייט צו דער באן פון די צוויי זייער ליבע און גאסטפריינט־לעכע פריילינס, האב איך פארלאזן קעניגסבערג פאר האמבורג.

אויף דער באן האב איך געטראפן גאר א סך מענטשן, און מערסטנס גאר יונגע מענטשן, וועלכע זיינען צוגלייך מיט מיר געפארן קיין האמבורג, און פון דארט קיין אמעריקע. די מערסטע פון זיי זיינען געווען באלמע־לאכעס — שניידער, שוסטער, סיגארעטנמאכער, א. אז. וו.

גאר גיך בין איך געווארן דער מיטלפונקט פון דער קאמפאניע, וואס דאס איז געווען צו פארדאנקען מיין גרויס חשק צו מאכן מיינע מיטפארער פארשטיין אין וואס פאר א טייער און גרויס לאנד מיר פארן, אין א לאנד וואו דער מענטש איז פאלקאם פריי צו זאגן און צו שרייבן דאס וואס ער דענקט און פילט.

איך מוז דאָ דערקלערן, אַז מיט די מיט־פּאַסאַזשירן מיינע האָב איך געהאַט זייער אַ לייכטע אַרבייט. זיי זיינען מיט מיר אין אַלץ געווען פול און גאַנץ איינפאַרשטאַנען. מעגלעך, אַז אין די שפּעטערע יאָרן האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט פון מיינע דרשות צו זיי וועגן דעם גאָלדענעם און פרייען לאַנד, אין וועלכן מיר זיינען געפאָרן. מעגלעך, אַז די מערסטע פון זיי האָבן מער געטראַכט וועגן די גאָלדענע בערג, וואָס וואַרטן אויף זיי, ווי וועגן דער פרייהייט, מיט וועלכער איך האָב זיי געדולט אַ קאָפּ; אָבער דאַן האָב איך ניט געפונען ביי קיינעם פון זיי די מינדסטע אָפּאָזיציע, און עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי זיי וואָלטן געפונען אין מיינע רייד דעם אויס־דרוק פון זייערע אייגענע געפילן און געדאַנקען.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז גאָר אין אַ קורצער צייט זיינען זיי אַלע געווען מיינע חסידים, און ווען די פאַרשיידענע האָטעלקיפּערס זיינען געקומען כאַפּן די עמיגראַנטן אין זייערע האָטעלן, האָט דער האָטעלקיפּער, וואָס איז געווען אַזוי גליקלעך צו פאַרכאַפּן מיין ביסל באַגאַזש — אַזוי אַז איך האָב געמוזט גיין מיט אים — זיינען אויך מיט מיר מיטגעגאַנגען די עטלעכע־און־צוואַנציק פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט זיך צע־שיידן מיט מיר.

דער האָטעלקיפּער, אַן עכטער האַמבורגער, און דווקא ניט קיין איד, זעענדיק דאָס, האָט מיר אָנגעבאָטן אַ באַזונדער צימער, בעת די אַנדערע האָט ער באַשטימט אין אַ גרויסן קעלער, אָנגעשטאָפּט מיט צענדליקער בעטלעך.

איך האָב זיך גלייך פון זיין פאַרשלאַג אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק אים, אַז איך קאָן ניט פאַרראַטן דעם צוטרוי פון די מענטשן, וועלכע זיינען גע־גאַנגען מיט מיר און צוליב מיר, און אַליין גיין שלאָפן אין אַ באַזונדער צימער.

דער האָטעלקיפּער, מיינענדיק אַז איך וויל עס ניט ווייל איך גלויב, אַז דאָס וועט מיר קאָסטן עקסטראַ געלט, האָט מיר דערקלערט, אַז ער וועט ביי מיר ניט נעמען מער ווי ביי די אַנדערע; מער נאָך, ער גיט מיר דעם צימער פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך וועל זיין אין האַמבורג, אינגאַנצן פריי, ווייל ער דענקט, אַז איך האָב דאָס כשר פאַרדינט, ווייל צוליב מיר האָט ער די אַלע געסט.

אָבער דאָס איז געווען נאָך אַ גרונט מער פאַרוואָס איך האָב דעם פאַרשלאָג פון דעם גוטן האָטעלקיפּער נאָך אַנטשלאָסענער צוריקגעוויזן; איך בין אַוועק שלאָפן מיט מיינע מיט־פּאַסאַזשירן אין דעם גרויסן קעלער.

דער האָטעלקיפּער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט זאָגאַר געהאַלטן פאַר נויטיק מיך צו וואָרענען פאַר מיינע חסידים, וועמען איך קען אַזוי ווייניק; אָבער דאָס האָט ניט געענדערט מיין באַשלוס אויף דאָס

מינדסטע, כאָטש זיין וואָרענונג איז גאָר צו־שנעל מקוים געוואָרן, און טאַקע די זעלבע נאַכט.

אין מיין וועסט־קעשענע האָב איך געהאַט צוויי 25־מאַרק־שטיק, וואָס מען האָט מיר מיטגעגעבן פון ביאַליסטאָק, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר דער ערשטער צייט וואָס איך וועל אָנקומען אין ניו יאָרק. איידער איך האָב מיך געלייגט שלאָפן האָב איך דאָס וועסט אויפגעהאַנגען אויפ׳ן ווענטל פון בעט, ניט טראַכטנדיק גאָר, אַז עס איז דאָ די מינדסטע געפאַר. איך וואָלט געשוואָרן פאַר דער ערלעכקייט פון יעדן פון מיינע מיטשלאָפער. אָבער, אַך, מיין צוטרוי איז גאָר באַלד צעבראָכן געוואָרן אין שטיקלעך.

אַ קליין פּייערל האָט געשמילקעט אין דעם גרויסן קעלער. איך האָב געשלאָפן גאַנץ געשמאַק, ווי עס קאָן נאָר שלאָפן אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אָנגעמאָרדעוועט אויף דער דייטשער באַן דריטן קלאַס, און איבערהויפּט אַ יונגער מענטש מיט אַ ריינעם געוויסן און מיט אַזאַ הייליקן צוטרוי צו זיינע מיט־שלאָפער. איך האָב ווירקלעך ניט געהאַט דעם מינדסטן פאַר־דאַכט, אַז אימיצער פון מיינע פריינט זאָל וועלן מאַכן אַ פאַרזוך אויף מיינע פאַר מאַרק.

אָבער עטוואָס האָט מיך יאָ געשטערט אין מיין שטאַרקן שלאָף; און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך געזען מיין וועסטל וויגנדיק זיך. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז אין שלאָף האָב איך אַליין עס אַ טרייסל געטאָן. האָב איך דעריבער שוין געוואָלט זיך איבערקערן אויף דער צווייטער זייט און ווידער שלאָפן; אָבער עפּעס אַ געפיל האָט מיר אונטער־געזאָגט נאָכצוזען דעם אינהאַלט פון מיין וועסטל־קעשענע, וואו די צוויי 25־מאַרק־שטיק זיינען געווען איינגעוויקלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. און אַך, די וועסט־קעשענע איז געווען ליידיק, ווי עס וואָלט אין איר קיינמאָל גאָר־נישט געווען.

איך האָב וועגן דעם אויפמאָרגן דערציילט דעם האָטעלקיפּער.

ער האָט מיך אויסגעזידלט אַלס אַ יונגן נאַר, וועלכער ווייסט גאָרנישט פון דער וועלט, און האָט מיר אויסגעזיי פאַרגעשלאָגן אַ באַזונדער צימער פאַר זיך.

אויף מיין איינווענדונג, אַז איצט האָב איך דאָך אַפילו ניט גענוג קליינגעלט צו באַצאָלן אים פאַר דאָס איבערשלאָפן די נאַכט אין קעלער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער דאַרף ניט מיין געלט, און פאַר די פאַר טעג וואָס איך מוז פאַרבלייבן אין האַמבורג, ביז עס וועט קומען די שיף, אויף וועלכער איך דאַרף פאָרן קיין אַמעריקע, בין איך ווילקאָמען.

איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער איז אַזוי גוט צו מיר. זיין האַנדלונג קעגן מיר איז דאָך געווען אין אַזאַ ווידערשפּרוך מיט זיינע רייד, אַז איך בין נאָך גאָר אַ יונגער נאַר, און הויב ניט אָן קענען די וועלט! — אָט איז ער דאָך אַזוי גוט צו מיר! איך האָב אָבער דאָך זיין פאַרשלאַג

אָנגענומען; האָב זיך צעשײדט מיט מײַנע אָנהענגער, פון װעלכע יעדער אײנער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ער װײסט ניט פון װאָס צו זאָגן. יאָ, איך האָב זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון אָט דער פּאַסירונג, ניט אַזױ צוליב דעם געלט־פאַרלוסט װי פאַר דעם געדאַנק, אַז אײנער פון די, װעמעס ערלעכקײט איך האָב אַזױ געטרױט, מוז פאַרט זײַן אַ גנב. דער געדאַנק האָט מיך אַזױ געפּײַניקט, אַז עס איז מיר זאָגאַר געקומען אין קאָפּ דער משוגע׳נער געדאַנק, אַז דאָס איז געװען די אַרבײט פון מײַן האָטעלקיפּער גופא, װעלכער האָט זיך געמוזט אַרײַנגנב׳ענען בײַנאַכט אין קעלער און אַרױסגע׳גנב׳עט מײַן געלט.

אַ שטיקל רעכט אױף דעם חשד מײַנעם האָב איך געהאַט, װען איך האָב זיך דערװאוסט װעגן זײַנע אַבזיכטן װאָס ער האָט געהאַט מיט מיר.

דעמזעלבן טאָג האָט ער מיך אײַנגעלאַדן צו האָבן מיט אים מיטאָג, און ער האָט מיך אױך פאַרגעשטעלט פאַר זײַן פול־בוזעמדיקער פרױ װעלכע האָט גערעדט אַ פלאַט־דײַטש, װאָס איך האָב קוים פאַרשטאַנען. דערפאַר אָבער האָבן אױסדריקלעכער גערעדט אירע שײנע אױסדרוקספולע אױגן.

בײם מאָלצײַט האָט ער מיך אױסגעפרעגט װעגן מײַנע אױסזיכטן אין אַמעריקע. און, פונקט װי מײַן האָטעלקיפּער אין קעניגסבערג, האָט ער מיך אָנגעהױבן צורײדן צו פאַרבלײַבן אין האַמבורג, װאו איך קאָן זיך זײער שײן אַרױפאַרבעטן.

ער האָט באַמערקט — האָט ער געזאָגט — װי די לײַט קלעפּן צו מיר, װאָס פאַר אַן אײַנפלוס איך האָב אױף זײ. האָט ער פאַר מיר אַ גוטן פּלאַן, װי איך קאָן אױסניצן מײַנע „גרױסע״ פעאיקײטן. איך װעל נאָר דאַרפן אַרױספאָרן צװײ מאָל אַ װאָך באַגעגענען פּאַסאַזשירן עמיגראַנטן און ברײנגען זײ אין זײַן האָטעל. פאַר דעם גיט ער מיר: װאױנונג, „טיש״ און אַלע מיטלען, װעלכע זײַנען נױטיק צו מײַן װײַטערדיקן שטודיום.

איך האָב זיך פון זײַן פאַרשלאָג געפילט שטאַרק באַלײדיקט און גע־קרענקט. איך זאָל װערן פאַר אים, פאַר זײַן האָטעל, אַ פאַקטאָר!

דער דײַטש, פון זײַן זײַט, האָט בשום אופן ניט געקאָנט אײַנזען, װאָרום איך דאַרף מיך פילן אַזױ באַלײדיקט. עס איז אַן אַרבײט װי אַלע אַנדערע. זײַן האָטעל, ריכטיקער: זײַן קעלער, איז ניט ערגער װי אַלע אַנדערע, און אפשר נאָך בעסער. און אין אַמעריקע װאַרטן אױף מיר אױך ניט קײן גליקן. איך װעל מוזן זיך גוט אָנלײדן, ביז איך װעל קומען צו עפּעס. טאָ איז דאָך גלײַכער בלײַבן מיט אים און װערן פאַרזאָרגט שױן מיט אַלעם נױטיקן, און װאו איך װעל קאָנען דערגרײכן מײַנע העכסטע צילן פיל גיכער און לײַכטער װי אין אַמעריקע.

זײַנע רײד, כאָטש איצט װײס איך אַלײן ניט פאַרװאָס, האָבן ניט געמאַכט אױף מיר די מינדסטע װירקונג. מײַן באַשלוס צו פאָרן קײן

אַמעריקע איז געשטאַנען פעסט. דער דייטש האָט דאָס באַלד איינגעזען, און האָט מיך געלאָזט אַוועקפאָרן.

איידער די שיף איז אָפּגעפאָרן, איז ער געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. זיין אויסרייד איז געווען, אַז ער האָט פאַרגעסן מיר עפּעס מיטצוגעבן, וואָס קאָן מיר אין ניו יאָרק אפשר צוניצקומען. ער האָט פאַרגעסן מיר מיטצוגעבן אַ קאַרטל צו איינעם פון זיינע פריינט אין ניו יאָרק, און אין פאַל עס וועט מיר גיין ניט אַזוי אַמבעסטן, זאָל איך זיך צו אים ווענדן, און ער וועט געוויס טאָן אַלץ וואָס ער וועט נאָר קאָנען.

אויפ'ן קאַרטל איז געווען דער אַדרעס פון אַ ניו יאָרקער האָטעל, מיט וועלכן איך האָב זיך קיינמאָל ניט באַנוצט.

2-טער טייל

ערשטע יאָרן אין אמעריקע

1. אין ניו יאָרק
2. ליובעל
3. איך ווער שיר-שיר אַ קלאָוקמאַכער
4. איך ווער אַ קאַפּעגמאַכער
5. ווי אַזוי מיין גאַנצער פּלאַן פון ווייטערדיקער בילדונג ווערט צעשטערט
6. איך ווער אַגיטאַטאָר אין שאַפּ און קריג באַלד די „סעק״
7. איך ווער אויס קאַפּעגמאַכער און נעם זיך צו אַנדערע מלאכות
8. מיין ערשטער אויפטריט אַלס כלל-טוער
9. די ערשטע קריגעריי אין דער אידיש-רוסישער קאָלאָניע אין ניו יאָרק
10. די גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט״
11. מיין ערשטע רעדע אין אידיש
12. די יאָרן 1886 - 1887
13. מיינע דעמאָלסטדיקע געפילן און געדאַנקען
14. איך ווער אַן אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסט
15. מיין אַנאַרכיסטישע טעטיקייט אין יענער צייט
16. די פאַרטבילדונגס פאַראיינען
17. די „ווארהייט״
18. דער כאַראַקטער פון דער „ווארהייט״

1. אין ניו יאָרק

ווען איך וואָלט מיט עטלעכע־און־פערציק יאָר צוריק געהאַט דעם מינדסטן קלער, אַז מיט פערציק יאָר שפּעטער קאָן געמאָלט זיין, אַז עס זאָלן זיין מענטשן אין דער נייער און אַלטער וועלט, וועלכע וועלן זיך אינטערעסירן מיט מיינע זכרונות, מיט אַלץ וואָס איך האָב אין מיין לעבן דורכגעמאַכט, וואָלט איך געוויס ניט פאַרפעלט צו פאַרצייכענען אַלץ וואָס האָט דאַן אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק ביי מיין אָנקומען אין ניו יאָרק, און איך וואָלט איצט ניט געווען אין אַזאַ גרויסער פאַרלעגנקייט זיך כאַטש עפּעס צו דערמאָנען פון מיינע סאַמע ערשטע איינדרוקן. עס זעט מיר איצט אַלץ אויס ווי עפּעס אַ חלום. ווי לאַנג איך בין געפאָרן מיט דער שיף, וואָס פאַר אַ באַהאַנדלונג מיר האָבן געקראָגן, צי איך האָב געליטן פון ים־קראַנקהייט צי ניט, און ווער זיינען געווען מיינע מיט־עמיגראַנטן, דאָס אַלץ הויב איך ניט אָן צו געדענקען. איך געדענק נאָר, אַז די גאַנצע צייט וואָס איך בין געפאָרן אויף דער שיף, האָב איך זיך מיט קיינעם ניט באַקענט, און האָב געהאַלטן אין איין איינחזר׳ן פאַרשיידענע ווערטער און פראַזן פון אַ ענגליש־רוסישן לערן־ביכל וואָס איך האָב געקראָגן פון איי־נעם אַ לערער אין ביאַליסטאָק, וועלכער איז שוין געווען לאַנג צוריקגע־קומען פון אַמעריקע.

און ווען די שיף איז שוין אָנגעקומען אין ניו יאָרקער האַפן איז מיר ניט געלעגן אין קאָפּ צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום מיר.

איך האָב געהאַט אין ניו יאָרק בלויז איין גוטן־פריינט, וועמען איך האָב נאָך געקענט פון ביאַליסטאָק, און וועלכער עס האָט געדאַרפט קומען מיך אָפּנעמען, ווייל איך האָב אים געלאָזט וויסן מיט וועלכער שיף איך פאָר אַרויס.

איך האָב אים דערוואַרט אַזוי שנעל ווי מען האָט אונדז אַראָפּגעלאָזן פון דער שיף אין דעם דעמאָלסטדיקן „קעסטל גאַרדן״.

צו מיין גרויסן פאַרדרוס איז ער ניט געקומען, און איך האָב געמוזט זיך לייגן שלאָפן אויף דער הוילער, נאַקעטער פּאָדלאָגע, מיט מיין קלומעק אַלס צוקאָפּנס.

אַזוי גאַסטפריינטלעך האָט מיך אויפגענומען דאָס לאַנד, וועמען עס האָבן געגאָלטן מיינע שענסטע טרוימען און האָפנונגען, און וועמען, ווען איך וואָלט געווען אַ פּאָעט, איך וואָלט געווידמעט מיינע שענסטע שוואונג־פולסטע שירים.

איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. אָבער דאָס

רעדט זיך נאָר אַזוי. איך האָב מיט אַן אויג ניט געקאָנט צומאַכן. ערשטנס, טאָקע דערפאַר וואָס דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן זיך צו לייגן אויף דער פּאָדלאָגע, וועלכע איז געווען אַזוי קאַלט און אַזוי ניט־גאָסטפריינטלעך. און אַחוץ דעם האָט מיך געפּייניגט דער געדאַנק: און וואָס וועט זיין ווען מיין פריינט העשל טראַפּ, דער שפּעטערדיקער דאָקטאָר הערמאַן טראַפּ, וועט ניט קומען מיך אָפּנעמען? וואָס וועל איך דאַן טאָן?

עס איז נאָך געווען אַ שטיקל גליק, וואָס איך בין אָנגעקומען מיט דער שיף ווען עס איז שוין געווען גוט פינסטערלעך און מען האָט אונדז ניט אַרויסגעלאָזט פון „קעסטל גאַרדן" ביז אימיצער וועט קומען נאָך אונדז. נאָך יעדן פון די אימיגראַנטן איז אימיצער געקומען; איך בין געווען דער איינציקער וואָס איז פאַרבליבן, און איך האָב ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן אין די פאָר שטונדן, וואָס איך בין געווען כמעט איינער־אַליין אין דער גרויסער, פינסטערער געביידע.

ווען דאָס וואָלט געדויערט עטלעכע שטונדן לענגער, דוכט זיך מיר, אַז איך וואָלט פון זינען אַראָפּ. צום גליק, ווען מיין פאַרצווייפלונג, אַרום אַזייגער צען, איז געווען אַמהעכסטן, איז ער געקומען, און מיר זיינען גלייך אַוועקגעפאָרן אויף זיין קוואַרטיר. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז מיין פריינט טראַפּ איז אַליין גאָר אויף גרויסע צרות. ער איז געווען אַ זייגער־מאַכער פון דער היים, און געפאָרן איז ער צו זיינעם אַ פעטער, וועלכער איז שוין מיט אייניקע יאָר פריער געקומען נאָך אַמעריקע און האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ גאַנץ גוטן געשעפט. ער האָט אָבער בשום אופן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט זיין פעטער'ס אַמעריקאַנישקייט. מיין פריינט איז דעמאָלט געווען אַן אידעאַליסט דורך און דורך. דער פעטער זיינער האָט אָבער געוואָלט, אַז ער זאָל גלייך פאַרשטיין, אַז אַמעריקע איז ניט דער פּלאַץ פאַר דעם; אַז דאָ דאַרף מען טראַכטן וועגן איין זאַך נאָר: ווי צו מאַכן געלט, געלט און געלט; אַז אויב ער האָט געוואָלט בלייבן אַן אידעאַליסט, האָט ער ניט געזאָלט קומען קיין אַמעריקע, האָט ער געזאָלט בלייבן אין רוסלאַנד.

מיין טייערער פריינט האָט אַזעלכע רייד געהאַלטן פאַר דער העכסטער פאַרשוועכונג פון אַלץ וואָס איז אים געווען הייליק און טייער, און דאָס לעבן אין דעם פעטער'ס הויז איז אים געוואָרן אַלץ שווערער און אומדערטרעגלעכער, ביז אין איין שיינעם טאָג האָט ער אים פאַרלאָזן, שוין קיינמאָל מער זיך ניט צו באַגעגענען מיט אים.

נאַטירלעך בין איך דאַן געווען אין דער פולסטער סימפּאַטיע מיט מיין פריינט טראַפּ; אָבער מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב געמאַכט די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט מיין פריינט'ס פעטער, קעגן וועמען איך האָב געהאַט אַזאַ שטאַרקן פאָראורטייל, האָב איך געמוזט מיין שלעכטע מיינונג וועגן אים ענדערן.

אודאי האָט מיין פריינט טראָפּ, פון זיין דאַמאָלסטדיקן שטאַנדפּונקט, געמוזט פילן צו אים אַ שטאַרקע אַנטיפּאַטיע; אָבער, ווי דער אמת איז, דער פעטער איז ווייט ניט געווען יענער שלעכטער, פאַרדאָרבענער מענטש, ווי מיין פריינט האָט אים געמאָלן פאַר מיר.

מעגלעך, אַז ווען ער איז געקומען מיט אייניקע יאָר צוריק נאָך אַמע־ריקע, איז ער געווען אַזאַ אידעאַליסט ווי מיין פריינט, ווי די מערסטע פון אונדזער קרייז; אָבער ער האָט שוין דורכגעמאַכט די אַמעריקאַנער שול אין דעם משך פון עטלעכע יאָר, און ער האָט נויטיגערווייז אַנגעהויבן קוקן אַנדערש אויפ׳ן לעבן.

דער אונטערשייד צווישן אים און מיין פריינט איז געווען דער, וואָס אים האָט אינגאַנצן געפעלט דער מאַטעריאַל, פון וועלכן מאַרטירער ווערן געמאַכט. מיין פריינט האָט אים געשטעלט דיזעלבע הויכע פאָדערונגען, ווי ער האָט זיי געשטעלט בנוגע זיך זעלבסט. ער האָט פאַרלאָזט אַ גוטע היים, ווייל ער האָט זיך געפילט ענג און געדריקט אין איר. אין אַמעריקע האָט ער דערוואַרט צו קאָנען לעבן פולקאָם פריי, צו לעבן אין איינקלאַנג מיט זיין אידעאַל, און מיטאַמאָל געפינט ער אויסגערונען און צעבראָכן אַלע זיינע שיינע דערוואַרטונגען — האָט ער באַשלאָסן צו ליידן, נאָר ניט אונ־טערגעבן זיך. זיין פעטער אָבער האָט אַנדערש געפילט, און האָט זיך באַלד אונטערגעגעבן די אומשטענדן, די שטרענגע פאָדערונגען פון דעם אַרומיקן לעבן. דערפון איז אַרויסגעקומען די פיינטשאַפט, וועלכע, לויט ווי מיר שיינט, האָט נאָך ביז איצט ניט פאַרלוירן איר ביטערקייט. מיין פריינט, אום צו באַשטיין אויף זיין פרייהייט, און ניט קאָנענדיק קריגן קיין אַרבעט אַלס זייגערמאַכער, האָט געקראָגן אַרבעט אין אַ נוּאַרקער הוט־פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט שווער און ביטער 12 שטונדן טעגלעך אונטער די שרעקלעכסטע אומשטענדן. ער האָט פון ביאַליסטאָק געקראָגן אַ בריוו, אַז איך פאָר קיין ניו יאָרק, איז ער געבליבן אויף זיין ניו יאָרקער קוואַרטיר, כדי ער זאָל קאָנען מיך אָפּנעמען. ווען ניט דאָס, וואָלט ער זיך שוין לאַנג אַריבערגעקליבן קיין נוּאַרק און וואָלט פאַרשפּאָרט פאָרן יעדן טאָג הין און צוריק.

ווען איך האָב זיך דאָס אַלץ דערוואוסט, האָט דאָס מיך אי שטאַרק וויי־געטאָן, אי עס האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פרייד. איך מוז אָבער זאָגן, אַז דעמאָלט האָב איך ניט גענוג אָפּגעשאַצט די האַנדלונג פון מיין פריינט; איצט ערשט פיל איך וואָס פאַר אַ הויכער גראַד פון זעלבסטלאָזיגקייט עס האָט זיך געפאָדערט כדי ער זאָל בלויז קומען מיך אָפּנעמען פון „קעסטל־גאַרדן״.

די ערשטע נאַכט, וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען, האָבן מיר, נאַטיר־לעך, ביידע קיין אויג ניט צוגעמאַכט — געהאַלטן אין איין ריידן. איך האָב אים דערציילט וועגן אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען די לעצטע צייט אין

ביאַליסטאָק, ווי אויך וועגן אַלץ וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אויף מיין רייזע. ער, פון זיין זייט, האָט מיך באַקאַנט־געמאַכט מיט די לעבנס־פאַרהעלטענישן אין ניו יאָרק, ווי ער האָט זיי דעמאָלט געקענט און פאַר־שטאַנען.

פאַר דאָס שטיקל צייט, וואָס ער איז דאָ געווען, האָט ער געמאַכט גאַנץ ווייניק באַקאַנטע. ער האָט זיך אָבער באַגעגנט מיט איינעם, אַ געוויסן ליובעל, וועמען ער האָט אַמאָל געטראָפן ביי מיר אויף דער קוואַרטיר, און וועמען איך האָב געגעבן אַן אומזיסטן לעסאָן אין רוסיש. ער האָט זיך מיט אים די טעג געטראָפן. ער, ליובעל, האָט זיך דאָ אויסגעלערנט קאָפּענמאַכעריי און „ער האָט זיך זייער געפרייט, דערוויסנדיק זיך, אַז דו קומסט" — האָט מיר טראָפּ געזאָגט — „און וויסטו" — האָט ער ווייטער גערעדט — „עס איז ממש אַ גליק, וואָס איך האָב זיך מיט אים געטראָפן און אים דערציילט וועגן דיר. ווען ניט ער, ווייס איך ניט וואָס איך וואָלט געקאָנט טאָן."

ער האָט מיר דערקלערט, אַז זיין מיסעס, פון וועמען ער קלייבט זיך מאָרגן אַרויס, האָט אים דערקלערט, אַז זי וויל מיך פאַר קיין געלט ניט האָבן ביי זיך; זי וויל ניט האָבן קיין גרינעם ביי זיך אין הויז. „וואָרים דו מוזט וויסן, אַז אַט דיזעלבע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג אַליין געקומען קיין אַמעריקע, און וועלכע האָבן געדאַרפט, דאַכט זיך, סימפּאַטיזירן מיט אַ גרינעם, זיינען זיינע ערגסטע שונאים. פאַר זיי איז אַ גרינער די ערגסטע אָנשיקענעש. דאָס וואָרט „גרינער" איז דאָ אַ זידל־וואָרט, שיר אַ באַליידיקונג, שיר אַ פאַרברעכן. איך מוז פאָרן קיין ניו יאָרק, נעמען דאָרט אַ קוואַרטיר. נעמען דיך אין נואַרק, דערפון קאָנסטו גאָר ניט דענקען; עס איז ניט פאַר דיינע כוחות צו אַרבעטן אין דער הוט־פאַבריק. פאַרשטייט זיך, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג, וואָלט איך דיר געמוזט מיטנעמען פאַר די ערשטע פאַר וואָכן אין נואַרק, כדי דו זאָלסט קאָנען זיך אַביסל אויסרוען, און טאָקע אויך אַרומזען זיך וואו דו ביזט אין דער וועלט. אָבער ליובעל האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך גאָר ניט זאָרגן, און אַז ער וועט שוין געפינען פאַר דיר אַ קוואַר־טיר, און וועט אויך זען עפּעס אויסגעפינען פאַר דיר וואָס צו טאָן. ער באַטראַכט עס פאַר אַ חוב; אַז ער איז עס דיר שולדיק. מאָרגנדיקן טאָג וועלן מיר נאָך פאַרברייגגען צוזאַמען; אָבער, אַזוי שנעל ווי ליובעל וועט קומען צוריק פון זיין אַרבעט, וועל איך דיר צוזאַמענפירן מיט אים. איך ווייס דעם רעסטאָראַן, וואו ער עסט סאַפּער — דאָס הייסט וועטשערע, וועל איך דיך נעמען אַהין, און דאַן פאָר איך קיין נואַרק."

איך האָב אים דאַן פאַרגעשלאָגן, אַז ער קאָן שוין מאָרגן פרי פאָרן; צו וואָס זאָל ער פאַרלירן אַ טאָג אַרבעט? ער דאַרף מיר נאָר אָנווייזן דעם רעסטאָראַן, און איך וועל שוין ליובעלן אַליין אויפזוכן. אָבער מיין

פריינט איז באשטאנען אויף דעם, אז ער מוז נאך א טאג פארבלייבן מיט מיר. ער קאן דאך מיך ניט איבערלאזן אליין, ווען איך בין נאר־וואס אראפ פון שיף.

2. ליובעל

ווען מיין פריינט האט נאר ארויסגערעדט דעם נאמען ליובעל האב איך זיך גלייך דערמאנט אן א הויכן, זייער דארן ישיבה־בחור, וועלכער איז געקומען אין א געוויסן טאג אויף מיין קווארטיר אין ביאליסטאק, האט מיר דערקלערט אז ער איז זייער ארים, עסט טעג, אבער ער האט א גוואלדיקן חשק צו לערנען. ער וויל עטוואס דערגרייכן אין לעבן, ער וויל ניט בלייבן אן אומוויסנדער. ער האט געהערט וועגן מיר, אז איך בין זייער א גוטער לערער, וויל ער וויסן צי איך וועל זיין אזוי גוט און אים געבן א לעסאן אומזיסט. ער איז צופרידן, ווען איך וועל מיט אים לערנען נאר איין מאל אין וואך.

איך בין גלייך איינגעגאנגען אויף זיין פארשלאג, און דער סוף איז געווען, אז ער פלעגט קומען צו מיר יעדן טאג, און איך האב באמת הנאה געהאט צו האבן אים פאר מיין תלמיד. ער האט ארויסגעוויזן א גוואלדיקן וויסנס־דארשט.

אזוי האט עס אנגעהאלטן עטלעכע מאנאטן, ביז עס איז געקומען אן ערב־יום־טוב און מיין גוטער תלמיד האט מיר דערקלערט, אז ער פארט אויף יום־טוב אהיים צו זיינע עלטערן, אבער ער קומט באלד צוריק.

ער איז אבער מער צוריק ניט געקומען. איך האב ניט אנגעהויבן וויסן וואס פון אים איז געווארן, און ווען טראפ האט מיר דערציילט, אז ער איז אין אמעריקע, און אז ער איז געווארן א קאפעגמאכער, בין איך געווארן פונקט אזוי דערפרייט ווי דערשטוינט.

אין אוונט האב איך ווידער דערזען דעם הויכן, שווארצן יונגנמאן; און, לאמיך עס דא זאגן, אין מיינע אויגן האט ער מיר אויסגעזען ווי א מלאך פון הימל. ער האט מיך ארומגעכאפט, געקושט, געהאלזט, געדריקט די האנט, און ווידער מיך ארומגענומען. וואס מאך איך? און ווי פאלט מיר גאר איין צו קומען קיין אמעריקע?

איך האב אים אינקורצן דערקלערט מיין לאגע, אז איך האב ניט קיין גראשן אויף א רפואה; אז די 50 מארק, וואס איך האב געזאלט ברייגנען מיט זיך, האט מען ביי מיר צוגע׳גנב׳עט. טראפ מוז פארלאזן ניו יארק, און די פראגע איז וואו צו שלאפן די נאכט.

„דאס איז שוין אלרייט" — האט ער געזאגט מיט זיין אייגנטימלעכן שמייכל, צומאכנדיק איינע פון זיינע אויגן. „איר וועט שוין אויף דער גאס ניט ליגן; כאטש איך קאן אייך ניט צוזאגן קיין צימער פאר זיך. איר וועט שלאפן מיט מיר. וואו זיינען אייערע זאכן?"

און אין עטלעכע מינוטן שפּעטער בין איך און מיינע מטלטלים געווען שוין אין דרייצן־און־אַ־האַלב עסעקס סטריט, אויפ׳ן דריטן פלאָר, וואו אין פראָנט צימער זיינען געשטאַנען דריי בעטן, אַ פּאָר שטולן און אַ טישל. דאָרט זיינען געשלאָפן ליובעל און נאָך צוויי יונגעלייט, אויך ביאַליסטאָקער, וועלכע האָבן וועגן מיר יאָ עטוואָס געהערט, אָבער ניט זייער פיל.

איז פרעגט שוין גאָר ניט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן! באַלד איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש אַ פיינט ביר, באַדעקט מיט אַ שוים, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן ווי מולענעס פון זייף. געהייסן האָט עס צו זיין אַ פיינט, אָבער לויט דער גרויס פון קעסל האָבן דאָרטן געמוזט זיין עטלעכע פיינטס, און דער עולם האָט געטרונקען אויף מיין געזונט און מיין גליק אין אַמע־ריקע.

עס פּאַסירן גאַנץ אָפט אין מיין לעבן מאָמענטן, ווען מענטשן זעען־אויס אין מיינע אויגן אַזוי קליין, אַזוי זעלבסטזיכטיק, אַזוי נאַקעט פון יעדן שיינעם געפיל, אַז איך ווער שיר־שיר אַ מענשנפיינט.

אָבער דאָן קומען מיר אויפ׳ן זינען אָט די ליובעלס, וועלכע האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַזויפיל פריינטשאַפט אין מיין העכסטער נויט. איך הויב־אָן צו טראַכטן: וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן, ווען ניט די טראַפּס, די ליובעלס, די זעליגס, די פלאַטאָווסקיס, וועלכע זיינען אַליין געווען אַזוי אָרים, אַזוי בויטליידנד — און מיין האַרץ ווערט פול מיט ליבע צו דעם מין מענטש, און איך בין דאַן זיכער, אַז עס איז אַ שרעקלעכער אומרעכט צו מאָלן דעם מענטשן אַלס חיה־רעה, אַלס קליינליכן עגאָאיסט, וועלכער האָט אין זינען בלויז זיך, און וועלכער איז ניט פעאיק אויף קיין סימפּאַטיע, אויף קיין מיטגעפיל מיט זיינע מיטמענטשן.

אין יענעם מאָמענט — ווען איך דערמאָן זיך אָן די איינפאַכע, אָבער אַזעלכע האַרציק־גוטע מענטשן — בין איך מער ווי אַלעמאָל זיכער, אַז אונדזער אַרבעט פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט איז ניט און קאָן ניט זיין אומזיסט.

יענע נאַכט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך בין געווען ווירקלעך פאַרצווייפלט. מיין איינציקער פריינט טראַפּ איז דאַן געווען אין אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט מיר מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן; און דאָס וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן ליובעל׳ן און זיין לאַגע, איז אויך ניט געווען שטאַרק דערמוטיגנדיק. און מיטאַמאָל פילן זיך אין אַן אַטמאָספערע פון אַזאַ וואַרעמער פריינטשאַפט! דאָס איז געווען אַן איבערגאַנג פון דער טיפסטער פאַרצווייפלונג צו די ליכטיקסטע האָפנונגען. איך קאָן קוים איבערגעבן אין ווערטער, וואָס איך האָב דאַן געפילט.

עס וועלן מיך זייער גוט פאַרשטיין די יעניקע, וואָס זיינען אַריבער־געקומען אין יענע יאָרן און האָבן געוויס אַליין דורכגעמאַכט די אַלע צרות, וואָס זיינען געווען דער גורל פון די אַלע, וועלכע זיינען געקומען אָן אַ

גראַשן געלט און האָבן ניט געהאַט ניט קיין באַקאַנטע, ניט קיין קרובים, און אויך ניט קיין מלאכה אין דער האַנט, און דערצו נאָך זיינען זיי געווען אמת־גרין, דאָס הייסט עקסטרעם אידעאַליסטיש.

איך בין אָבער זיכער, אַז די וואָס זיינען שוין אָנגעקומען אין די שפּעטערע יאָרן, וועלכע האָבן שוין געפונען דאָ פריינט, באַקאַנטע, לאַנדס־לייט, און וועלכע האָבן פאַר זיי געזאָרגט, וועניגסטנס די ערשטע עטלעכע טעג פון זייער אָנקומען — די וועלן קאָנען באַגרייפן וואָס עס האָבן געמוזט דורכלעבן און דורכפילן אַזעלכע „גרינע" ווי איך.

3. איך ווער שיער־שיער אַ קלאָקמאַכער

אויפמאָרגן האָב איך שוין געהאַט מיין אייגן בעט, און ליובעל האָט מיר געגעבן צוויי דאָלער פאַר מיין אויסקומענעש. „איך בין אייך גענוג שולדיק" — האָט ער צו מיר געזאָגט. — „גייט אַרויס און קוקט־אָן ניו יאָרק. גרינט זיך אויס" — האָט ער צוגעלייגט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. „נאָכדעם ווי איך וועל קומען פון דער אַרבעט וועלן מיר ווידער פאַרברייננגען, ריידן, און אפשר וועלן מיר זיך דעררריידן צו עפּעס און אויסגעפינען וואָס איר קאָנט דאָ טאָן פאַר דער ערשטער צייט. יאָ, זעט אַז איר זאָלט ניט פאַרבלאָנדזשען. דער נומער פון הויז, אויף ענגליש, איז: „טוירטין ענד איי העף עסעקס סטריט."

איך מוז דאָ גלייך באַמערקן, אַז צו יענער צייט איז אידיש געווען כמעט ווי אין חרם. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איך האָב געהערט פון מיין באַלעבאָס פון הויז, פאַר וועמען ליובעל האָט מיך פאַרגעשטעלט, איז געווען: „ספּיק יונייטעד סטייטס".

איך האָב אים אָנגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. פון דעם ענגליש־רוסישן לערנביכל האָב איך געקענט אַ היפּש ביסל ענגלישע ווערטער. אָבער איך האָב ניט געוואוסט, אַז „יונייטעד סטייטס" איז אַ שפּראַך און ניט די מדינה, אין וועלכער דער שיקזאַל האָט מיך פאַרטראָגן.

איך האָב אים געפרעגט וואָס ער מיינט, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ בליק פון פאַראַכטונג. „אָ, יו אַר גרין" — האָט ער געזאָגט, און מער האָט ער שוין מיט מיר ניט געוואָלט ריידן. „דער באַלעבאָס פון אונדזער וואוינונג", האָט מיר ליובעל (שפּעטער האָט ער זיך אָנגעהויבן רופן ליור־בערט) דערקלערט, „איז פונדערהיים אַ שניידער, און אויך דאָ איז ער אַ שניידער. אַז ער האָט פון זיין שניידעריי קיין גליקן ניט געמאַכט, קאָנט איר זיך לייכט משער זיין פון דעם, וואָס ער מוז האַלטן דריי „באָרדערס" צו העלפן אים צאָלן די רענט. מיר, די דריי באָרדערס, און איצט איר, אַ פערטער, פאַרנעמען דעם הויפּט־צימער פון דער דירה. ער, זיין פרוי און טאָכטער, לעבן אין די אַנדערע צוויי צימערן, פון וועלכע איינער איז אַ

שלאפצימער און דער צווייטער די קיך. איז אט דער אמעריקאנער אריס־טאקראט האט דאס אויף אייך געקוקט מיט פאראכטונג, און פארלאנגט פון אייך ניט אנדערש, איר מוזט ריידן „יונייטעד סטייטס".

„פארוואס־זשע אבער" — האב איך ווייטער געפרעגט ביי ליובעל׳ן — „האט ער געברויכט די ווערטער „יונייטעד סטייטס", אנשטאט צו זאגן „ספיק אינגליש"? און איך האב אויסגעפונען פון „ליובערטן", אז אונדזער שניידער איז — חוץ אלע זאכן — א שטארקער אמעריקאנער פאטריאט. ענגלאנד, וואו ער איז קיינמאל ניט געווען, האסט ער בתכלית השנאה. דעם פערטן יולי, דעם טאג פון אמעריקע׳ס באפרייאונג פון דער ענגלישער הערשאפט, פייערט ער מיט׳ן גאנצן טראסק. יעדער פאליטישן, וועלכער וויל זיך מאכן פאפולער, מוז ריידן מיט שום אויף די ליפן, ווען ער דער־מאנט נאר דאס ווארט ענגלאנד. ער דארף, ווי מען זאגט עס אויף ענגליש, דרייען דעם וויידל פון דעם בריטישן לייב, און דערפאר טאר ניט א ריכ־טיקער פאטריאט זאגן „ספיק אינגליש", נאר „ספיק יונייטעד סטייטס".

„פונדעסטוועגן" — האט ליובערט געענדיקט זיין דערקלערונג — „איז אט דער שניידער א גאנץ וואוילער מענטש. מער־נישט ער איז א גאנץ פראסטער חי־וקים. איר דארפט זיך ניט נעמען צום הארצן פון דעם וואס ער האט אייך געזאגט."

און אז איך האלט שוין דערביי, טא לאמיך דערציילן עטוואס, וואס האט מיט מיר פאסירט צו יענער צייט, און וואס איז זייער כאראקטעריס־טיש, סיי פאר יענער „גאלדענער צייט" און סיי פאר דעם באלעבאס פון מיין קווארטיר.

אין דער ערשטער וואך, וואנדערנדיק אזוי איבער ניו יארק, און פאר־גייענדיק אזש צום צענטראל פארק, ארום דער 59־טער סטריט, האב איך זיך דערפילט זייער מיד, און האב זיך דערלויבט דאס פארגעניגן צו נעמען די פערד־קאר. אראפגייענדיק פון דער קאר, איידער זי האט זיך אפגע־שטעלט, האב איך געמאכט א פאלשן טראט, בין געפאלן, און זיך גוט צע־שעדיקט א פוס. קוים, קוים וואס איך האב זיך דערשלעפט צו מיין קווער־טיר.

איך האב געפונען מיין באלעבאס אינדערהיים. הפנים, ניט געווען קיין ארבעט אין שאפ, און ער האט אנגעהויבן מיך אויסצופרעגן, וואו איך בין געווען און וואס איך האב געזען. איך האב עס געמאכט גאנץ קורץ, ווייל די פוס האט מיר ווירקלעך שטארק וויי־געטאן. ער האט דאס באמ־ערקט, און ער האט מיך געפרעגט פארוואס איך קרים זיך אזוי. איך האב אים, מיט א געפיל פון שאנד און ווייטאג, דערציילט ווי איך בין געפאלן און זיך שטארק צעשעדיקט.

מיין באלעבאס איז אויפגעשפרונגען מיט א געשריי: „איר זייט גליק־לעך — גרינער וואס איר זייט!"

איך האָב געמיינט, אַז ער האַלט מיך גליקלעך דערפֿאַר, וואָס איך בין אינגאַנצן ניט דער׳הרג׳עט געוואָרן; האָב איך אים דערפֿאַר געענטפֿערט, אַז דאָס איז אַ קנאַפּער גליק.

„ניין! איר פֿאַרשטייט ניט, גרינער וואָס איר זיינט! איר וועט קריגן „דעמעדזשעס״. קומט מיט מיר, איך נעם אייך גלייך צו אַ לאָיער דאָ אַנטקעגן; ער וועט שוין זען, אַז איר זאָלט קריגן געלט!״

„אָבער פֿאַרוואָס?״ — האָב איך געפֿרעגט דערשטוינט.

„איר זייט אַ גרינער, קומט מיט מיר צום לאָיער!״ איך האָב זיך איינגעשפּאַרט און בין ניט געגאַנגען. איך האָב אים דערקלערט, אַז מיין פֿאַלן איז געווען אינגאַנצן מיין שולד. אָבער דער שניידער האָט מיך געשאָלטן מיט טויטע קללות.

„געהערט אַ קאָפּ פֿון אַ גרינעם! דאָ מאַכט זיך אים אַזאַ גליק, ער קאָן קריגן פֿון דער קאַר־קאָמפּאַניע גאָר אַ סך געלט, וויל ער נאָך ניט!״

און די פֿאַראַכטונג פֿון מיין באַלעבאָס צו מיר איז געווען אָן אַ ברעג. ער האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף איינעם, וואָס האָט ניט דעם מינדסטן פֿאַרשטאַנד.

דעם קומענדיקן זונטיק, ווען טראָפּ איז געקומען פֿון נואַרק זען וואָס איך מאַך, האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַן אסיפֿה, כּדי צו באַשליסן וואָס איך זאָל טאָן און צו וואָס איך זאָל זיך דערווייל נעמען.

איך זאָג „דערווייל״, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איינציקע, וואָס איך באַדאַרף טאָן אין אַמעריקע, איז צו זען וואָס גיכער זיך אויס־לערנען די שפּראַך, און דאַן אַריינטערטן אין אַן אוניווערסיטעט און ענדיקן דאָ מיין שטודיום. אָבער קודם כּל מוז איך דאָך לעבן, טאָ מוז איך זיך אויסלערנען עפּעס אַ מלאכה.

האָט זעליג פֿאַרגעשלאָגן, איך זאָל גיין זיך לערנען קאַפּעגמאַכעריי. דער פֿאַרשלאַג איז אָבער ליובערטן ניט געפֿעלן געוואָרן. קאַפּענמאַכעריי האָט זיך דעמאָלט באַצאָלט זייער שלעכט, און עס טוט אים לייד וואָס ער האָט זיך גענומען דערצו. פֿאַרוואָס זאָל איך ניט גיין לערנען זיך קלאָוקס? דערביי פֿאַרדינען מענטשן גאָר פֿיין. און אַז איך זאָל זיך אויסלערנען די מלאכה, און אָפּשפּאָרן אין סעזאָן אַ שיינע פּאָר דאָלער, קאָן איך זיך רואיק אָוועקזעצן לערנען ענגליש; דאַן קריגן אייניקע לעסאַנס, און דערנאָך אריינ־טרעטן אין אוניווערזיטעט.

דער איינציקער, וואָס איז געווען קעגן דעם פּלאַן, איז געווען איך אַליין. מיר איז געווען אומדערטרעגלעך דער געדאַנק צו מוזן לעבן גאַנצע פֿיר וואָכן אויף׳ן חשבון פֿון מיינע פֿריינט. נאָך ערגער איז געווען, וואָס מיינע פֿריינט האָבן געמוזט צוזאַמענגעמען 10 דאָלער רבי־געלט פֿאַר מיין „באָס״ דעם קלאָוקמאַכער, פֿאַר דער צייט וואָס איך וועל זיין אין דער לער.

„מיר גיבן אייך ניט קיין נדבה" — האָבן מיינע פריינט מיט מיר איינגע'טענה'ט. — „איר וועט אונדז באַצאָלן יעדן סענט. לערנט זיך נאָר אויס די אַרבעט".

זיי האָבן מיך גובר געווען.

ליובערט האָט אויסגעפונען אַ קלאָוק־שאָפּ אויף איסט־בראָדוויי, און טאַקע מאַנטיק אינדערפרי, נאָכדעם ווי ליובערט איז מיט דעם קלאָוק־באָס מושוה געוואָרן, און האָט אים געגעבן אַלס אָן־אַדערויף די ערשטע פינף דאָלער, מיט דעם תנאי, אַז די אַנדערע 5 דאָלער זאָל איך ברענגען די נעקסטע וואָך, בין איך שוין געקומען אין שאָפּ צו דער אַרבעט.

עס רעדט זיך אַזוי אַ שאָפּ. אין דער אמת'ן איז דאָס געווען די וואוינונג, וואו מיין קלאָוקמאַכער־באָס מיט זיין פאַמיליע האָבן אויך געלעבט.

דער שאָפּ איז געווען אין פראָנט־רום. ביי די זייטן פון פראָנט־רום זיינען געווען צוויי קליינע צימערלעך — איינס אַ קיך, דאָס צווייטע אַ שלאָפצימער. און אָט אין דעם שאָפּ האָט מען עס „געריבן" קלאָוקס. דאָרט זיינען געשטאַנען דריי מאַשינען, אויף צוויי פון וועלכע צוויי מענטשן, נאָך גאַנץ יונגע, האָבן זיך געוואָרפן ווי אין קדחת. די דריטע איז דאָס, הפנים, געווען אַנגעגרייט פאַר מיר. אויפ'ן טיש זיינען געזעסן אַ שניידער און אַ מיידל, וועלע האָבן געאַרבעט מיט די הענט. אויף דער פאָדלאָגע איז געזעסן אַ קינד פון אַ יאָר 12, הפנים, דעם באָס' טעכטערל, און האָט געשיילט קאַרטאָפל. עס איז געווען אַ שוויץ־שאָפּ מיט אַלע פּיטשעווקעס.

מיט דעם נאָמען „סוועט־שאָפּ" האָב איך זיך ערשט שפּעטער, פיל שפּעטער באַקענט; אָבער דאַן בין איך שוין געווען איבערראַשט. איך האָב נאָך דאַן ניט געהאַט קיין באַגריף פון אַ גרויסן שאָפּ; אָבער איך האָב גאַנץ גוט געדענקט די מאַסטערסקאַיאַ פון שלומה דעם שניידער אין פינסק, וועמעס זון איך האָב געגעבן אַן אוראָק, און עס איז געווען אַ חילוק צווישן שלומה דעם שניידער'ס „מאַסטערסקאַיאַ" אין פינסק און דעם „קלאָוק־שאָפּ" אין ניו יאָרק, ווי צווישן טאָג און נאַכט.

די „מאַסטערסקאַיאַ" פון שלומה דעם שניידער איז געווען ווירקלעך אַ גרויסער צימער, וואו אין מיטן איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, אַרום וועלכן שלומה דער שניידער, מיט אַ גרויסער שער אין דער האַנט, האָט זיך געפּאַרעט, כסדר אונטערזינגענדיק עפּעס אַ ניגונ'דל. די אַרבעטער זיינען געזעסן אַרום די זייטן, ביי די ווענט, ביי די ליכטיקע פענסטער, ווער ביי דער מאַשין און ווער ביי דער האַנט, גראַם, בהרחבה'דיק, און אויך זיי אונטערברומענדיק עפּעס אַ טעאַטער־לידל. די לופט אין צימער איז געווען אַ ריינע, אַ קלאָרע; דורך די פענסטער האָט אַריינגעשיינט די זון, און עס האָט זיך געפילט אַ פריילעכקייט איבער'ן גאַנצן צימער.

דאָ, אין ניו יאָרק — אין אַ צימער אַ פערטל די גרויס פון שלומה דעם

שניידער׳ס, מיט אַ פענסטער וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשמוצט, אַזוי אַז די זון, מיט איר בעסטן ווילן, האָט ניט געקאָנט דורכברעכן זיך — זיינען געזעסן צוויי מענטשן ביי שווערע הויז־מאַשינען, און האָבן זיך געצאַפּלט ווי די טייוואָלים; צוויי אַנדערע אויפ׳ן טיש; דאָס מיידל אויף דער פאָדלאָגע שיילנדיק קאַרטאָפל; און אַלע ווײלע האָט מען געזען די באַלעבאָסטע פון הויז אַריינלויפנדיק אין שאָפ, שעלטנדיק דאָ די טאָכטער, דאָ דעם מאַן, און דאָ גאָר קאָלאָמבוס׳ן מיט זיין אַמעריקע.

דער באָס האָט, פון דער ערשטער מינוט אָן, מיך אָנגעהויבן „ד׳צן״.

„זעץ זיך ביי דער מאַשין, און לאָמיר זען וואָס דו קאָנסט״ — איז געווען דער ברוך־הבא, מיט וועלכן ער האָט מיך אויפגענומען, נאָכדעם ווי איך האָב אים דערקלערט ווער איך בין און צו וואָס איך בין געקומען.

„אָבער איך קאָן נאָך גאָרנישט״ — האָב איך זיך דערלויבט צו ענטפערן אים.

„גרינע חיה״ — האָט ער מיר דערקלערט — „אין אַמעריקע איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי ניט קאָנען״ — און ער האָט מיר דאָן געוויזן ווי מען פאָדעמט־איין די נאָדל און ווי מען דאַרף דרייען די מאַשין. אָבער די מאַשין האָט זיך ביי מיר געדרייט אויף צוריק, און די אַרבייטער האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער. מיין באַלעבאָס האָט דאָס פשוט געהויבן פון אָרט. אַ מענטש זאָל ניט קאָנען ריכטיק דרייען אַ מאַשין.

אַזוי איז אַוועק דער ערשטער טאָג. איך האָב מיך באַגאָסן מיט שווייס. דער רוקן האָט געבראָכן. די פיס האָבן געהאַלטן אין איין טרייסלען זיך ביי מיר, און דאָס רעדל פון דער מאַשין האָט זיך אַלץ ניט געדרייט ווי עס באַדאַרפצווזיין.

נאָכמיטאָג האָט מיר שוין דער באָס געגעבן נייען „סליווס״, אַרבל הייסט עס, און, גאָט־צו־דאַנקען, עס איז אַוועק אַ גאַנג. איך בין געווען מלא שמחה. איך בין געקומען פון דער אַרבעט אַ מידער, אַ צעבראָכענער, אָבער אַ גליקלאַכער. איך בין געווען אויפ׳ן וועג צו ווערן באַלד אַ קלאָוקמאַכער, וועלכער שעפּט גאָלד גאַנצע הויפנס.

אויפמאָרגן — ווידער „סליווס״. איך האָב זיך געוואונדערט: וואו נעמט ער אַזויפיל אַרבל, אָבער פאַרפאַלן. אויפ׳ן צווייטן נאָכמיטאָג — ווידער „סליווס״. איך האָב עס שוין מער ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט צום באָס: אפשר קאָן ער מיר געבן עפּעס אַנדערש. האָט איר באַדאַרפט זען וואָס פאַר אויגן דער באָס האָט אויסגעשטאַרטשעט אויף מיר. אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט געגלויבט, אַז איך קאָן אַ וואָרט אויסריידן.

„זע נאָר, זע נאָר. וואָס זאָגט איר אויף דער גרינער חיה? ער וויל שוין קאָנען מאַכן דעם גאַנצן קלאָוק. אַז דו ווילסט ניט נייען קיין סליווס קאָנסטו שוין גיין״.

איך האָב פאַרשטשעמעט מיט די ציין און ווידער זיך גענומען „רייבן" סליוועס.

אויף דעם דריטן טאָג, ווי איך האָב נאָר זיך געזעצט צו דער אַרבעט, איז די מיסעס אַריינגעלאָפן אין שאָפּ, זיך צו מיר געווענדט, איך זאָל איר ברענגען זייף פון סטאָר.

דאָס האָב איך שוין מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן. „איך בין ניט אייער משרתו״ — האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַ ווילדן צאָרן; האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין מאַשין און פאַרלאָזן דעם שאָפּ.

און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין קאַריערע אַלס קלאָוקמאַכער.

4. איך ווער אַ קאַפּענמאַכער

ניט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן שוין ליובערט און די אַנדערע גוטע־פריינט מיינע געמוזט אויסזוכן פאַר מיר אַ פּלאַץ, וואו איך זאָל זיך קאָנען אויסלערנען די מלאכה פון קאַפּענמאַכעריי.

און טאַקע שוין די נעקסטע וואָך בין איך שוין געזעסן אין אַ ווירקלעך גרויסן שאָפּ, וואו אַרום צוואַנציק אַרבעטער האָבן „געריבן" העטס.

דער באַלעבאָס פון דעם שאָפּ, אַן אַמעריקאַניזירטער דייטש (אָדער האָלענדער), איז געווען אין דערזעלבער צייט דער „קאַטער", דער צושניי־דער. הייסט עס, ניט קיין גרויסער קאַפּיטאַליסט אַליין; אָבער, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, איז ער אין זיינע געפילן און דענקען געווען אינ־גאַנצן דורכגעדרונגען פון דעם קאַפּיטאַליסטישן גייסט. ער האָט, ווי יעדער אַמעריקאַנער פון יענער צייט, געהאַלטן אין איין קייען קיי־טאַבאַק, וואָס האָט דאַן, ניט זייענדיק צוגעוויינט צו דעם, געמאַכט אויף מיר אַן עקלדיקן איינדרוק. זיין נאָמען איז געווען פּלאַטאַ.

אַזוי ווי דרייען די מאַשין האָב איך שוין געקאָנט פון מיינע עטלעכע לערן־טעג אַלס קלאָוקמאַכער, און די ניי־מאַשין פאַר קאַפּן איז געווען אַ פּיל לייכטערע, האָב איך שוין דעם ערשטן טאָג פון מיין לערע אָנגעשטעפּט אַ גאַנצן באַרג מיט „ברימס". דער באָס איז, ווי עס האָט אויסגעזען, געווען צופרידן מיט מיר.

דער אָפּמאַך איז געווען, אַז איך זאָל אַרבעטן 4 וואָכן אומזיסט, און ערשט אויף דער 5־טער וואָך זאָל איך קריגן 5 דאָלער די וואָך.

אַזוי לאַנג אָבער האָב איך ניט געקאָנט און ניט געוואָלט וואַרטן. מיר איז שוין געוואָרן איבערדריסיק צו זיצן אויף קעסט ביי מיינע טייערע פריינט, וועלכע זיינען אַליין געווען געבראָטענע אָרעמעלייט. און שוין אויף דער צווייטער וואָך בין איך, אויף דער עצה פון די אַרבעטער אין שאָפּ, צוגעגאַנגען צום באָס און אים געזאָגט, אַז איך קאָן ניט אַרבעטן אומזיסט. איך מוז דאָך וועניגסטענס האָבן צו עסן.

דער באס איז געווארן אן אנגעצונדענער. וואס הייסט דאס, האט ער דען ניט אפגעמאכט מיט מיר, איך זאל ארבעטן פאר אים 4 וואכן אומזיסט?

„יא" — האב איך געענטפערט מיין באס — „דאס איז גאנץ ריכטיק, אזוי איז טאקע געווען אונדזער אפמאך; אבער וואס העלפט עס? אפמאך, און ווידעראמאל אפמאך, אבער ארבעטן הונגעריקערהייט קאן איך דאך ניט."

דאס האט, הפנים, ניט פארפעלט צו מאכן א געוויסן איינדרוק אויף מיין מר. פלאטא, און ער האט צו מיר געזאגט, „גיי צו דער מאשין, וועסט שוין קריגן צו פרעסן."

פאר'ן גיין אהיים האט ער מיר דערלאנגט דריי דאלער, מורמלענדיק: „דו ליטוואק, דו ליטוואק . . . "

די פלאטא־פעקטארי איז דאן געווען אין בליקער סטריט, קארנער בראדוויי, א היפשער מהלך פון דארט ביז צו עסעקס סטריט. און ווי שווער עס איז מיר געווען צו גיין יעדן טאג הין און צוריק צופוס, פונ־דעסטוועגן פלעג איך זעלטן־ווען נעמען די קאר. איך האב זיך פשוט גע־שעמט, וויסנדיק אז איך לעב אויף פרעמד געלט. קוים וואס איך פלעג זיך דערשלעפן אויף מיין קווארטיר און זיך אווארף טאן א פארמאטערטער און א צעבראכענער אויף מיין בעטל.

דאס מאל אבער האב איך כמעט ניט געפילט ווי איך גיי. איך בין ממש געפלויגן. דאס זיינען געווען די ערשטע 3 דאלער, וואס איך האב פארדינט דורך ארבעט, ממש פיזישע ארבעט.

און צו יענער צייט, דארפט איר וויסן, האב איך געהאלטן, אז די איינציקע ארבעט, וואס איז הייליג און כשר, איז די ארבעט מיט די הענט. איך האב מיך דעריבער געפילט ווירקלעך גליקלאך. און אז איך בין גע־קומען אין מיין וואוינונג, וואו איך האב געטראפן ליובערטן און די גאנצע חברותא, און האב זיי געוויזן די דריי דאלער, וואס איך האב ארויסגעקראגן פון מיין באס, און אויך זיי דערציילט ווי אזוי איך האב עס דורכגעפירט, איז שוין מיין שמחה געווארן אונדזער אלעמענ'ס שמחה. באלד איז אויפ'ן טיש געשטאנען דער שוימענדיקער קעסל ביר, און חברה האט געטרונקען לחיים.

זיי האבן זיך גאר ניט געקאנט אפוואונדערן איבער מיין מוט און חוצפה צו פאדערן באצאלט פאר דער ערשטער וואך ארבעט, וואס לויט דעם אפמאך האב איך באדארפט ארבעטן נאך דריי וואכן אומזיסט. איך האב זיי איבערדערציילט דעם גאנצן שמועס מיט דעם מר. פלאטא, און זיי האבן נביאות־געזאגט, אז איך וועל גיין ווייט־ווייט אין אמעריקע.

צו דער שמחה זיינען אויך צוגעצויגן געווארן דער באלעבאס פון אונדזער קווארטיר, און די פאראכטונג, וואס דער באלעבאס האט געפילט

צו מיר ווי צו אַ גרינעם, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפּיל פון באַוואונ־דערונג: ערשט צוויי וואָכן אין אַמעריקע, און ער פאַרשטייט שוין „ביזנעס".

אין דער צווייטער וואָך פון מיין לער אַלס קאָפּענמאַכער בין איך געגאַנגען אַ טריט ווייטער. איך האָב דערקלערט דעם מר. פלאָטאָ, אַז מיט די דריי דאָלער קאָן איך ניט אויסקומען, און האָב פאַרלאַנגט אַ הוספה.

דער מאַן איז אַזש רויט און בלייך געוואָרן פון רציחה.

דאָס מאָל איז שוין דאָס וואָרט „ליטוואַק" געווען ניט גענוג שטאַרק פאַר אים. „ניהיליסט", „רוסישער", האָט ער אויסגעשריען מיט כעס.

„און אַז אַ ניהיליסט איז וואָס?" — האָב איך געענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיק. — דאַרף אַ „ניהיליסט" פאַרהונגערן, ווען ער אַרבעט? מיט אייערע דריי דאָלער קאָן איך קיין לעבן ניט מאַכן."

„מאַכט מען אַ האַלבן לעבן" — האָט ער אויסגעשריען.

דעם ענטפער זיינעם קאָן איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דער גאַנצער עקספּלואַטאַטאָר און בורזשוי האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם ענטפער.

איך בין אָבער באַשטאַנען אויף מיין פאַרלאַנג. איך האָב אין דער צייט זיך אויסגעלערנט צו שטעפּן די „ברימס" מיט אַ גאָר באַזונדערער שנעלקייט, און איך האָב געוואוסט, אַז איך בין ווערט פאַר אים פיל־פיל מער ווי די דריי דאָלער. איך האָב אים אויך געגעבן אָנצוהערענעש, אַז שוין אין דעם ערשטן טאָג, ווען איך האָב זיך גע/עצט אַרבעטן, האָט ער אָן מיר פאַרדינט; און אַז עס איז ניט זייער שיין פון אים צו באַשטיין, ווי שיילאָק, אויף זיין פונט פלייש.

אין דעם פּנים פון דעם מאַן האָבן זיך געביטן אַלערליי קאָלירן. און פאַרוואָס ער האָט מיך ניט אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ, ווייס איך ווירק־לעך ניט.

געענדיקט האָט עס זיך דערמיט, אַז איך האָב געקראָגן פאַר די נעקסטע דריי וואָכן צו 5 דאָלער; און פאַר דער פינפטער וואָך, ווען איך בין שוין אַראָפּ פון דער „לער", האָב איך געקראָגן גאַנצע 6 דאָלער.

אָט אַזוי בין איך געוואָרן אַ קעפּמייקער; אמת, אַ זייער שלעכטער קעפּמייקער. די פרעסער האָבן מיך געשאָלטן מיט טויטע קללות, ווען זיי האָבן געקראָגן אַ טוץ קעפּס געמאַכט פון מיר. און אַזוי גיך ווי עס פלעגט ווערן „סלעק" פלעג איך זיין דער ערשטער קרבן, וואָס פלעגט ווערן „גע־סעקט", אָבער פאַר דער צייט פון ביזי, ווען עס האָט, אַזוי צו זאָגן געברענט, בין איך געווען „אַלרייט", און האָב שוין פאַרדינט גענוג, ניט דאַרפנדיק אָנקומען צו קיינעמ'ס הילף. איך האָב שוין זאָגאָר אָנגעהויבן אָפּצושפּאָרן אַ פאָר דאָלער פאַר סלעק־צייט, ווען איך זאָל זיך קאָנען נעמען פלייסיק לערנען ענגליש און אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט.

5. ווי אַזוי מיין גאַנצער פּלאַן פון ווייטערדיקער בילדינג ווערט צעשטערט

ווי אין רוסלאַנד, אַזוי אויך אין אַמעריקע, איז מיין טרוים צו שטודירן און צו ענדיקן אַן אוניווערזיטעט קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. און אָט ווי דאָס האָט פּאַסירט:

דאָ זיינען געווען גאַנץ אַנדערע אורזאַכן ווי אין רוסלאַנד. וועגן זיי וועל איך ריידן אַביסל שפּעטער. דאָ וויל איך אָנווייזן אויף בלויז איינער.

דעם ערשטן האַלבן יאָר פון מיין זיין דאָ אין אַמעריקע, האָב איך ניט געוואָלט און ניט געקאָנט נעמען אַ בוך אין האַנט; איך האָב געפילט אַ מאָדנע שנאה צום בוך. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַזוי לאַנג ווי איך וועל טראַכטן וועגן בוך, וועל איך קיינמאָל קיין אַרבייטער ניט ווערן. איך האָב געטרוימט וועגן ווערן אַן אַרבייטער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע. איך האָב מיר געפילט גוט אין דער נייער סביבה מיינער, און האָב ניט געהאַט די מינדסטע לוסט צוריקצוקערן זיך אין מיין פאַרגאַנגענעם לעבן. איך האָב זיך אַזוי ווייט אַריינגעלעבט אין מיין נייעם קרייז, אַז ניט איך האָב געוואוסט און ניט איך האָב געוואָלט וויסן פון קיין אַנדער וועלטל ווי די, אין וועלכער איך האָב זיך איינגעלעבט.

איין זונטאָג, נאָכדעם ווי ליובערט האָט געבלעטערט אין דער דייטשער „פאָלקס־צייטונג״, פון וועלכער סערגעי שעוויטש און אַלעקסאַנדר יאָנאַס זיינען דעמאָלט געווען די הויפּט־רעדאַקטאָרן — כאָטש דאַן האָב איך גאָר־נישט געוואוסט וועגן זיי — האָט ער, געפינענדיק מיך האַלב־דרעמלענדיק אויפ'ן בעטל, צו מיר געזאָגט:

„ווייסט איר, אַז יעדן זונטאָג נאָכמיטאָג ווערן דאָ אָפּגעהאַלטן פאַר־זאַמלונגען אין דער רוסישער שפּראַך?״

איך געדענק עס גאַנץ גענוי, אַז מיך האָט דאַן גאָר קנאַפּ וואָס אינטע־רעסירט וואָס דער צוועק פון די פאַרזאַמלונגען איז אייגנטלעך געווען; אָבער דער פאַקט, אַז די פאַרזאַמלונגען ווערן אָפּגעהאַלטן אין רוסיש; מענטשן קומען און הערן וואָס אַנדערע מענטשן דערציילן זיי אין רוסיש, דאָס האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט.

„לאָמיר צוגיין״ — האָב איך געזאָגט צו ליובערט'ן.

„וואָס דאַרפט איר מיך? איך האָב מער קיין אינטערעס ניט אין רוסיש און אין רוסלאַנד. איך בלייב אַן אַמעריקאַנער״ — האָט זיך ליובערט צו מיר אָנגערופן. „אויב איר ווילט, קאָנט איר גיין. אָט איז דער אַדרעס: 165 איסט בראָדוויי, 3 נאָכמיטאָג. דער פאַראיין, וואָס האָט דאָרטן יעדן זונטאָג מיטינגען, גייט אונטער דעם נאָמען „רוסקי ראַבאָטשי סאָיוז״.

דער זאַל איז געווען איבערגעפילט מיט מענטשן; און כאָטש די

מערסטע פון זיי, אויב ניט אַלע, זיינען געווען אידן, דאָך איז די פאַרזאַמלונג געפירט געוואָרן אין רוסיש. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט גערעדט אַ יונגערמאַן אין אַ גאַנץ ליטעראַרישן און פליסיגן רוסיש. ער האָט גערעדט אין אַ זייער געלאַסענעם טאָן וועגן עפּעס אַ קאַר־סטרייק. און אַזוי ווי דער גאַנצער ענין איז פאַר מיר געווען פרעמד, האָט זיין אַרט ריידן ניט געמאַכט אויף מיר קיין באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק.

נאָך אים איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע אַן אַנדער יונגערמאַן. אויך ער האָט גערעדט אַן אויסגעצייכנטן רוסיש, אָבער מיט אַ מערקווירדיקער פייערלעכקייט, מיט אַ באַגייסטערונג, וואָס האָט געצונדן. דער עולם האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דער ערשטער רעדנער געווען דער פאַרשטאָרבענער אַלעיניקאָוו, און דער צווייטער איז געווען דער וואויל־באַקאַנטער מ. זאַמעטקין.

און לאָמיר דאָ זאָגן, אַז עס איז געווען הויפּטזעכלעך זיין רעדע צו פאַרדאַנקען, וואָס איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט די פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע איך האָב באַלד אַליין אָנגעהויבן נעמען אַ גאַנץ גרויסן אינטערעס און אויך אנטייל.

זאַמעטקינ׳ס דעמאָלסטדיקע רעדע האָט מיך דאָן שטאַרק אויפגערעגט. איך קאָן זאָגן, זי האָט מיך אויפגעוועקט. די ערשטע מאָנאַטן, ווי שוין פריער דערציילט, האָב איך פאַרבראַכט אין אַ גאַנץ נייער סביבה און האָב ווי פאַרגעסן אָן מיין גאַנצן פריערדיקן לעבן און שטרעבן. ערשט נאָך זאַמעטקינ׳ס רעדע האָב איך זיך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

קומענדיק צוריק פון דער פאַרזאַמלונג האָב איך מיט גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס זיך צוגעכאַפּט צו דער דייטשער „פאָלקסצייטונג“, און איבער־געלייענט אַלץ וועגן דעם קאַר־סטרייק, וועלכער האָט מיך פריער ניט אָנ־געהויבן אינטערעסירן.

און אַזוי בין איך, אומבאַמערקט פאַר מיר אַליין, אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין דער פאַר מיר אַליין גאַנץ נייער וועלט — אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, אין דער וועלט פון סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, „סינגל טעקסיזם“ — בקיצור, אין דער וועלט פון קאַמף קעגן אַלץ וואָס איז שלעכט, פאַר־דאַרבן און פאַלש אין אונדזער לעבן.

פון דאַן אָן און ווייטער האָב איך שוין ניט פאַרפעלט קיין איינציקע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די הויפּט־רעדנער זיינען געווען: אַב. קאַהאַן, לואי מילער, מ. זאַמעטקין, אַלעיניקאָוו, ראַטנער, ליוביטש, און נאָך פיל־פיל אַנדערע, וועמעס נעמען איך געדענק שוין ניט מער.

די פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען, ווי שוין דערציילט, יעדן זונ־טאָג — אַמאָל נאָכמיטאָג און אַמאָל אינדערפרי, און זיי זיינען פאַראַנ־שטאַלט געוואָרן פון אַ פאַראיין וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „רוסקי

ראבאטשי סאיוז״ — א נאמען וואס איז געווען פולשטענדיק בארעכטיגט, ווייל, כאטש די מערסטע פון זיי זיינען געווען רוסישע גימנאזיסטן, סטו־דענטן און לערער, זיינען זיי אבער אין יענער צייט, אין ניו יארק, געווען אלע ארבייטער. אחוץ דעם זיינען צווישן זיי אויך טאקע געווען ארבייטער — ווי דאס איז געווען, למשל, ב. וויינשטיין, וועמען איך האב געטראפן צום ערשטן מאל אויף די פארזאמלונגען, און וועלכער האט צו זיך געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט מיט זיין גאנץ אומגעוויינלעכן אויסזען.

ב. וויינשטיין איז ניט געווען איינער פון די רעדנער. איך קאן זיך ניט דערמאנען, אז ער זאל אמאל — אין יענער צייט, האבן אנטיילגענומען אין וועלכער עס איז דעבאטע; אבער עס איז קיין פראגע ניט וועגן דעם, אז ער איז געווען איינער פון די סאמע פיאנערן אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג. און זאל עס דא געזאגט ווערן, צו זיין גרויסן קרעדיט, אז אלס טוער איז ער פארבליבן ביז זיין טיפן עלטער. ער לעבט־אויס זיינע יארן אלס מיטארבייטער אין „פארווערטס״, און פון צייט צו צייט שרייבט ער גאר טשיקאווע עראינערונגען פון יענער, כמעט לעגענדארער צייט.

איך האב געהאלטן פאר מיין פליכט צו דערמאנען דא איינעם, וועלכער איז, אזוי־צו־זאגן, ניט געשטאנען אין פראנט, אבער וועלכער האט, דורך זיין געטריישאפט צו דער ארבייטער־באוועגונג, גאר גרויסע פארדינסטן. אפשר וועט מיר נאך שפעטער אויסקומען צו דערמאנען אים, ווען איך עס געוויס ניט פארפעלן, דערווייל אבער וועל איך זיך אומקערן צו דעם ענין פון די פארזאמלונגען, וואס זיינען אפגעהאלטן געווארן אין רוסיש. דער דאזיקער „סאיוז״ האט, מיט א קורצער צייט שפעטער, איבערגעלעבט א שטיקל רעוואלוציע, און פון אים האט זיך ארויסגעטיילט אן אנדער ארגאני־זאציע אונטער דעם נאמען „רוסקי פראגרעסיווני סאיוז״ אין וועלכן איך בין שוין געווארן א מיטגליד. אויך ער האט פאראנשטאלט פארזאמלונגען יעדן זונטאג, און אין זיי האב איך שוין גענומען אן אנטייל, סיי אלס אפטער דעבאטאנט, און שפעטער־צו אויך אלס לעקטשורער.

6. איך ווער אגיטאטאר אין שאפ און קריג באלד די „סעק״

וועגן די דערמאנטע פארזאמלונגען וועט מיר נאך אויסקומען שפעטער צו ריידן, און איך וועל זיי ווידמען א גאנץ באזונדערן קאפיטל. זיי פאר־דינען עס, ווייל איך גלויב — ניין, איך בין זיכער — אז זיי האבן געהאט א גאר טיפע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיקן לעבן פון די מערסטע מענטשן, וועלכע זיינען דאס געווען די פירער און די טאנגעבער זייערע. זיי, די פארזאמלונגען, זיינען געווען, ביז צו א הויכן גראד דער אוניווערזיטעט,

פון וועלכן די שפּעטערדיקע שרייבער און רעדנער זיינען געקומען. אָבער דאָ וויל איך דערציילן ווי ווייט די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף מיר און מיין וויטערדיקן לעבנס־שיקזאַל.

אויפמאָרגן, נאָך דער ערשטער פאַרזאַמלונג וואָס איך האָב בייגעוווינט, איז מיר שוין די אַרבייט גאָר ווייניק געקראָכן אין קאָפּ. זיצנדיק ביי דער מאַשין האָב איך מער געדרייט מיט'ן קאָפּ ווי מיט די פיס; און צו מיטאָג־צייט האָב איך אָנגעהויבן טיילן זיך מיט מיינע איינדרוקן און מיינע געדאַנקען מיט די אַרבייטער אין שאַפּ.

די אַרבייטער, מערסטנס גאַליציאַנער, וועלכע האָבן „געטרייט" רייזן אַ געבראָכענעם דייטש, האָבן מיך אָנגעקוקט, אַזוי ווי איך וואָלט געוועזן ניט איינגאַנצן ביים פאַרשטאַנד. זיי האָבן פּשוט ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס איך קאָך זיך אַזוי. לעבן מיר איז געזעסן אַ מאַן מיט רויטע, געליאַמעוועטע אויגן, אָבער איינער פון די סאַמע שנעלסטע אָפּערייטאָרס. איך קאָן נאָך איצט ניט אָפּוואונדערן זיך פון דער מערקווירדיקער אַרבייט־שנעלקייט פון דעם אידן. ווען ער האָט געאַרבייט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער מאַכט ניט די מינדסטע אָנשטרענגונג. פאַרקערט, דער אויבער־פלעכליכער איינדרוק איז געוועזן, אַז ער איז איינער פון די לאַנגזאַמסטע אַרבייטער, און דאָך האָבן די „באַנדלס" קעפּס און העטס געהאַלטן אין איין וואַקסן ביי זיין מאַשין. ער האָט גערעדט זייער ווייניג, זיין שטים איז געווען אַ הייזעריקלעכע, און אין אַלגעמיין האָט ער זייער ווייניג פאַרקערט מיט די איבעריגע אַרבייטער. צו מיר האָט ער דוקא יאָ געפילט עפּעס ווי אַ שטיקל סימפּאַטיע, כאָטש שוין דערפאַר אַליין ווייל ער האָט ניט געקאָנט ניט באַמערקן ווי שטאַרק איך באַוואונדער אים פאַר זיין געהיימניספולער און אומדערקלערלעכער שנעלקייט.

האָט ער צו מיר גערעדט מיט זיין הייזעריגער שטים:

„וואָס קאָכסטו זיך אַזוי, דו גרינער? זע בעסער פון וואָס דו מאַכסט אַ לעבן!"

און אָט דער מאַן האָט אויסגעדריקט די מיינונג פון אַלע, מיט דער אויסנאַם פון איינעם אַ יונגנמאַן, וועלכער איז געווען נאָר־וואָס אַריבערגעקומען פון בוקאַרעסט.

גייענדיק פון דער אַרבייט האָט ער מיך, ווי עס האָט אויסגעוויזן, מיט גרויס אינטערעס אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן דער פאַרזאַמלונג, וואו איך בין געווען, און ווער זיינען דאָס אָט די מענטשן? און אַך, ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען ער קאָן ריידן און פאַרשטיין רוסיש! ער וואָלט גערן געגאַנגען צו אַזעלכע פאַרזאַמלונגען.

ליידער האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט פון די פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען שוין דאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דייטש און אויך אין ענגליש. פאַרגעסט ניט, אַז דאָס איז געווען אין 1885 און עס זיינען געווען בלויז 3

מאַנאַטן זינט איך בין אַריבערגעקומען, און, ווי געזאָגט, האָב איך די ערשטע צייט גאָר ניט געוואָלט וויסן פון קיין אַנדער זאַך, ווי בלויז פון שאַפּ און פון דער אַרבייט.

איך האָב דעריבער מיין יונגן פריינט, דעם אַרבייטער, וועלכער האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט דעם וואָס איך האָב אים דערציילט ניט געקאָנט אָנווייזן, ניט אויף די פאַרזאַמלונגען און ניט אויף די מענטשן, ווען איך האָב נאָך אַליין גאָר ווייניק געקאָנט. און עס האָט מיר דאַן שוין שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס אַזעלכע פאַרזאַמלונגען ווערן ניט אָפּגעהאַלטן אויך אין אידיש, וואָס אַזעלכע יונגעלייט ווי דער זאָלן קאָנען פאַרשטיין. נאָר אַזוי ווי דאָס איז ניט געווען דער פאַל, האָב איך באַשלאָסן צו באַשרענקען מיין אַגיטאַציאָנס־פעלד מיט אַט דעם יונגנמאַן און ניט ריידן מער צו די אַלע איבעריגע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזעלכע חכמים.

אַזוי ווי אויף להכעיס אָבער האָבן אויפמאַרגן די אַרבייטער אַליין אָנגעהויבן זיך רייצן מיט מיר. זיי האָבן פון מיר חוזק געמאַכט, געמאַנט פון מיר אַ חלק פון דזשיי. גולד'ס מיליאָנען.

האָב איך זיך גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיין באַשלוס און אָנגעהויבן ריידן צו זיי, אַזוי ווי איך וואָלט געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם, און זיי פאַרגעוואָרפן זייער בלינדקייט, זייער אומוויסנקייט, און ווי זיי זעען ניט און פאַרשטייען ניט ווי זיי ווערן באַרויבט און עקספּלואַטירט פון זייער „וואַ־גענאַנטן" באָס, דעם אַרבייטס־געבער. ביי די דאָזיקע ווערטער איז אָנגעקומען דער „באָס".

פאַרשטייט זיך, אַז מיין דרשה איז געבליבן ניט געענדיגט; אָבער דעמזעלבן שבת, ווען איך האָב געקראָגן מיין „פּעי ענוועלאָפּ", האָט ער מיר געזאָגט גאַנץ קלאָר, אַז ער דאַרף ניט קיין „סאָשעליסט" אין זיין שאַפּ, און אַז ער וועט זען אויסצוקומען אָן מיר.

פון דעם האָב איך זיך גאָר ווייניג גענומען צום האַרצן. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע דאָלער, אַזוי אַז איך זאָל קאָנען אויסקומען פאַר עטלעכע וואָכן ניט אַרבייטענדיק. איך האָב דאַן באַשלאָסן, ניט צו גיין זוכן אָן אַנדער פּלאַץ נאָר זיך אַביסל אַרומקוקן, און טאַקע אויך נעמען זיך פלייסיג לערנען ענגליש.

איידער איך ענדיג דאָ מיט מיין קאַריערע אַלס אַרבייטער, דענק איך, אַז עס וועט ניט זיין איבעריק צו דערציילן דאָ צוויי פּאַסירונגען, וועלכע האָבן צו יענער צייט געמאַכט אַ גאַנץ טיפן איינדרוק אויף מיר, און אויך מיך שטאַרק באַאיינפלוסט אין מיין ווייטערדיקער שטעלונג צו דער אַרבייטער־באַוועגונג.

צו יענער צייט, ווען איך האָב געאַרבייט אין דערמאָנטן שאַפּ, האָב

איך זיך דערוואוסט צום ערשטן מאָל פון דער עקזיסטענץ פון דער אַרביי־טער־קערפּערשאַפט, וועלכע איז געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „נייטס אָוו לייבאָר" („ריטער דער אַרבייט"), אין וועלכער יעדער אַרבייטער האָט געקאָנט אַריינטרעטן.

איך געדענק שוין ניט מער ווי דאָס האָט פּאַסירט; אָבער, אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, איז עס געווען ליובערט, וועלכער האָט מיר אויפמערק־זאַם געמאַכט אויף דעם, און האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז עס וואָלט מיר ניט געשאַדט, ווען איך זאָל אַריינטרעטן אין דער „נייטס אָוו לייבאָר".

איין שיינעם אָוונט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען און ווערן אַ מיטגליד אין דעם אָרדן און דורכמאַכן די געהיימניספּולע צערעמאָניע פון „איינוויייאונג", פון איינשווערונג. איך געדענק ווי מען האָט מיך אַריינגענומען אין אַ באַזונדערן צימער, מיך איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך — מיט'ן צוועק פון אַניאָגן אויף מיר אַן אימה.

וואָלט איך געקאָנט זיך איינהאַלטן, און זיך ניט צעלאַכן פון דער גאַנצער צערעמאָניע, וואָלט איך שוין אין יענעם אָוונט געקאָנט ווערן אַ מיטגליד; איך וואָלט אויך פאַרזאָרגט געוואָרן מיט דעם נויטיקן פּאַסיר־וואָרט. האָב איך זיך אָבער ניט געקאָנט קאָנטראָלירן און אין מיטן פון דער צערעמאָניע זיך צעלאַכט. מיט דעם האָב איך די גאַנצע צערעמאָניע פאַרשוועכט און די וואָס האָבן געזאָלט מיך איינשווערן אין דער דאָזיקער ברודערשאַפט האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצוגיין מיט דער צערעמאָניע, אָפּלייגנ־דיק מיין אָנשליסן אָן דעם אָרדען אויף דער נעקסטער וואָך, וואָרענענדיק מיך, אַז אויב איך וועל דאָן ניט וויסן ווי אויפצופירן זיך מיט דעם נויטיקן רעספּעקט צו דער צערעמאָניע, אָן וועלכער איך קאָן ניט ווערן קיין מיטגליד פון דעם גרויסן אָרדען, וועל איך עס שוין קיינמאָל ניט קאָנען ווערן.

איך געדענק, אַז איינער פון די וואָס האָבן מיך גע'מוסר'ט איז געווען דער גרענד־מאַסטער פון דער דיסטריקט אַסעמבלי 49, אַ געוויסער מר. אַשער — אויב איך מאַך ניט קיין טעות.

איך האָב זיי דערקלערט, אַז מיין צעלאַכן זיך איז ניט געווען דער רעזולטאַט פון מיסאַכטונג, חלילה, צו דעם גרויסן אָרדען, נאָר אַ מין ספּאַזם, וואָס איך האָב ניט געקאָנט קאָנטראָלירן.

ביי דער צערעמאָניע די נעקסטע וואָך האָב איך זיך שוין קאָנטראָלירט. איך בין פאַרזאָרגט געוואָרן מיט דעם נויטיקן פּאַסירוואָרט, האָב איינגע־צאָלט מיין איינטריטס־געלט, און בין געוואָרן אַ פולער מיטגליד פון דעם גרויסן אָרדען.

אָבער, אַך, איך בין דאָס פאַרבליבן ניט אויף זייער לאַנג.

איך פלעג אָפּהיטן צו קומען אויף יעדן מיטינג און, איך מוז זאָגן, עס איז געווען מיין גרויס נייגעריגקייט צו וויסן מער וועגן דעם אָרדען ווי מיין זעלבסט־אינטערעס; וואָרים צו יענער צייט האָט נאָך ניט עקזיסטירט קיין

קאַפּענמאַכערס יוניאָן, אַזוי אַז איך, ווי די אַנדערע אַרבייטער, זאָלן קאָנען דערוואַרטן וועלכן עס איז מאַטעריעלן נוצן פון דער „נייטס אָוו לייבאָר" אָרגאַניזאַציע. עס איז געווען, פון איין זייט, מיין נייגעריגקייט צו וויסן מער וועגן אַט דער גרויסער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט דאַן געהאַלטן אין איין וואַקסן, און דערצו האָב איך די אָרגאַניזאַציע באַטראַכט אַלס אַ מעכטיקע סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפט, וועמעס מיסיע עס איז צו ברענגען צו אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין אַמעריקע. וואָרים איך דאַרפט וויסן, אַז דער „פּרעאַמבל", די איינלייטונג, צו דער קאָנסטיטוציע, ווי אויך די גאַנצע שטעלונג פון דער אָרגאַניזאַציע, איז געווען אַ שטאַרק רעוואָלוציאָנערע.

די פאַרזאַמלונגען, וועלכע די „נייטס אָוו לייבאָר" האָט אָפּגעהאַלטן דעמאָלט בלויז פאַר אירע מיטגלידער, אויף אייניקע פון וועלכע איך בין אַב־וועזנד געווען — כאָטש איך האָב נאָך דאַן גאַנץ ווייניג ענגליש פאַרשטאַנען — האָב איך אָבער שוין פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען געטראָגן געוואָרן פון אַ גאַנץ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, האָט איינער פון די רעדנער — איך געדענק ניט זיין נאָמען — שוין דאַן אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק פון אַ גענעראַל־סטרייק, און איך האָב ווירקלעך פאַר אייניגע מאָנאַטן נאָכאַנאַנד זיך געפילט אַלס אַ רינגעלע אין דער גרויסער אַרבייטער־קייט, פאַר וועלכער עס שטייט־פאַר באַלד־באַלד צו מאַכן אַ סוף צו יעדער אַרט רויב און עקספּלואַטאַציע.

אָבער לאַנג האָט די דאָזיקע אידיליע ניט אָנגעהאַלטן. גאַנץ אומ־דערוואַרטעט און שטאַרק קעגן מיין אייגענעם ווילן, בין איך געוואָרן אויס „נייטס אָוו לייבאָר"־מאַן.

פּאַסירט האָט דאָס אויף פאָלגענדן אופן:

אויף אַ געוויסן מיטינג איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו נעמען חשבון פון דעם סעקרעטער פון אונדזער „אַסעמבלי". איך האָב זיך געפילט זייער געשמייכלט פון דעם צוגעטיילטן כבוד. איך האָב גע־גלייבט אַז מיינע „ברידער" האָבן אויסגעפונען ווי ווייט אינטעליגענט איך בין, און אַז זיי קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף מיר, אַז איך וועל ריכטיק דערפילן מיין אויפגאַבע. ערשט שפּעטער איז צו מיר געקומען דער פאַרדאַכט, אַז איך בין אויסדערוויילט געוואָרן אַלס איינער פון די „אַדיטאָרס" (רעוויזאָרן) ניט ווייל איך בין אַזוי פעאיג, נאָר ווייל איך בין דאָך נאָך געווען אַ גרינער, וואָס וועט אָננעמען פאַר גוט וואָס דער סעקרעטער וועט מיר דאַרט דער־ציילן. אויב דאָס איז ניט געווען אמת וועגן די אַלע איבעריקע, האָט עס זיכער געמוזט זיין דער פאַל מיט דעם סעקרעטער גופא, ווייל — ווי איך דערמאָן זיך — ער איז דאָס געווען דער יעניקער, וואָס האָט אונטערשטיצט דעם פאָרשלאָג פון מיין דערוויילונג.

און איין שיינעם פרייטאג האָב איך, צוזאַמען מיט נאָך איינעם, געדאַרפט קומען אויף זיין קוואַרטיר און דורכקוקן די חשבונות.

ווען איך בין געקומען צו אים אין דער באַשטימטער צייט, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן מיין מיט־אַדיטאָר, און ער, צוזאַמען מיט'ן סעקרעטער, האָבן גאַנץ פלייסיג דיסקוטירט איבער אַ גאַנץ היפשער פלאַש שנאַפּס.

איך בין גלייך איינגעלאַדן געוואָרן אַנטייל צו נעמען אין דער „דיס־קוסיע"; אָבער איך, אין מיין „גרינקייט", האָב זיך אַנטזאָגט. איך האָב אויסגעדריקט מיין מיינונג, אַז פאַר דעם ווען צייט זיין שפּעטער, ערשט נאָך דעם ווי מיר וועלן האָבן דורכגעזען די חשבונות.

מיין מיט־אַדיטאָר האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט שוין די חשבונות נאָכגעזען און געפונען אַלץ ריכטיק. ער האָט שוין אויך זיין נאָמען אונ־טערגעשריבן. אַלץ וואָס איך דאַרף טאָן איז — אויך זיך אונטערשרייבן.

אָבער פון דעם האָב איך זיך אַנטשיידן אַנטזאָגט. איך מוז אַליין נאָכ־זען די חשבונות. אויף דעם בין איך אויסדערוויילט געוואָרן.

„זייט איר דאָך טאַקע אַ גרינער!" — האָט שוין דער סעקרעטער זיך ניט געקאָנט באַהערשן, און ער האָט מיר דערקלערט, אַז איך וועל די ביכער אין מיינע אויגן ניט אַנזען.

איך האָב דאַן באַלד פאַרלאָזן דעם צימער, איבערלאָזנדיק דעם סעק־רעטער מיט מיין מיט־אַדיטאָר ווייטער דיסקוטירן דאָס איבערגעבליבענע האַלבע פלאַש שנאַפּס.

איך האָב געגלויבט, אַז אויף דעם נעקסטן מיטינג וועל איך אַנמאַכן אַ גאַנצן שטורם מיט מיין רעפּאָרט, און אַז דער סעקרעטער וועט אַרויס־געוואָרפן ווערן מיט שאַנד פון דעם גרויסן אָרדען. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך עס גאַנץ אַנדערש. אייניקע וואָכן נאָכאַנאַנד בין איך געקומען צו די באַשטימטע פאַרזאַמלונגען, אָבער קיין מיטינגען זיינען ניט פאָרגעקומען. איז עס מיר מיאוס און מאָוס געוואָרן דאָס לויפן יעדע וואָך צום מיטינג און ניט געפינען קיינעם, ווען איך זאָל אָפּגעבן מיין רעפּאָרט.

קענטיג אַז דער סעקרעטער האָט אויסגעפירט צו בייטן דעם פאַרזאַמ־לונגס־לאָקאַל, לאָזנדיק אַלעמען וויסן, אַחוץ מיך. פאַרשטייט זיך, ווען איך וואָלט דאַן ניט געווען אַזוי גרין, וואָלט איך שוין געקאָנט אויסגעפינען וואו די פאַרזאַמלונגען קומען־פאָר; איך וואָלט אויך געקאָנט געפינען די ריכטיקע מענטשן, דורך וועלכע איך וואָלט אפשר זיך געקאָנט דערשלאָגן צו גערעכ־טיגקייט. אָבער אויף מיין גרינקייט האָט טאַקע מיין סעקרעטער געדופּעט, און ער האָט זיך אויך אין חשבון ניט גענאַרט.

מיט דעם האָט זיך אַזוי אומדערוואַרט געענדיגט מיין מיטגלידשאַפט און מיין צוגעהעריגקייט צו דער באַרימטער אָרגאַניזאַציע „בייטס אָוו לייבאָר".

פאַרשטייט זיך, אין דעם ערשטן מאָמענט האָט דאָס אויף מיר געמאַכט

אַ זייער שווערן איינדרוק; אָבער באַלד האָב איך איינגעזען, אַז צוליב איי־נעם אָדער צוויי לומפּן קאָן אַזאַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, ווי עס איז געווען די „בייטס אַוו לייבאָר״, ניט פאַרדאַמט ווערן. אָבער אין יעדן פאַל איז מיר שוין דאַן געקומען דער געדאַנק, אַז אויך אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, וועמעס מיסיע עס איז די באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט און די אויפריכטונג פון אַ נייער, געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, איז ניט אַלץ אַזוי זויבער און כשר, ווי מען וואָלט דאָס געקאָנט ווינטשן.

7. איך ווער אויס קאַפּענמאַכער און נעם זיך צו אַנדערע מלאכות

אין די עטלעכע וואָכן, וואָס איך האָב באַשלאָסן ניט צו זוכן קיין אַנדער פּלאַץ, און זיך אָפּגעבן מיט לערנען ענגליש, קאָן איך זאָגן, אַז גאָר אין אַ קורצער צייט האָב איך שוין געקאָנט לייענען אַ צייטונג און גאַנץ לייכט פאַרשטיין, סיי די נייעס און סיי די זאַגענאַנטע לייטאַרטיקלען.

די איינציקע צרה איז געווען מיט דער אויסשפּראַך. איך האָב גע־לייענט די ווערטער אַזוי, אַז קיין אַמעריקאַנער וואָלט מיך ניט פאַרשטאַנען.

דאָס האָב איך געלערנט ערשט שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן באַזוכן די ענגלישע פאַרזאַמלונגען, די קאַמפּיין־מיטינגס פון הענרי דזשאָרדזש, וועלכער איז דאַן געלאָפן אַלס מעיאָר, און שפּעטער, ווען איך האָט אָנגעהויבן באַזוכן יעדן זונטאָג די לעקציעס פון היו אָ. פּענטעקאָסט.

די דאָזיקע לעקטשורס, אַחוץ דער אויסשפּראַך, האָבן אויך געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף מיין ווייטערדיקן געדאַנקענגאַנג אין דער סאָציאַלער פראַגע. (וועגן דעם אָבער וועט מיר אויסקומען שפּעטער צו דערציילן מער באַריכות.) אָבער אָט די עטלעכע וואָכן אָפּרו האָבן גאָר שטאַרק אָפּגעקילט מיין באַגייסטערונג פאַר דער אַרבייט אין שאַפּ. איך וואָלט דאַן שוין אינ־גאַנצן זיך געזעגנט מיט דער מאַשין און געזוכט עפּעס אַנדערש צו טאָן; אָבער גראַד דאַן איז געקומען פון רוסלאַנד מיין ברודער, אַרטשע, אַ קאַפּענ־מאַכער פונדערהיים, און צוליב אים בין איך געווען וויליג צו פּרובירן נאָכ־אַמאָל מיין שיקזאַל אַלס קאַפּענמאַכער.

איך האָב געוואוסט גאַנץ זיכער, אַז די איינציקע אורזאַך, וואָס האָט באַוועגט מיין ברודער צו קומען קיין אַמעריקע, איז געווען דער פאַקט, וואָס איך בין דאָרט געווען. צוליב דערזעלבער אורזאַך האָט ער פאַרלאָזן פּינסק און איז געקומען קיין ביאַליסטאָק. אומעטום, וואו ער האָט געאַרבייט, איז ער געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די גאָר סאַמע בעסטע. זיין ספּעציאַ־ליטעט איז געווען מיליטער־קאַפּן, און אומעטום האָט ער פאַרדינט היפּש געלט. ער האָט אָבער ממש ניט געקאָנט לעבן אָן מיר. פון קינדווייז־אויף

האָבן מיר זיך געהאַדעוועט צוזאַמען, צוזאַמען געשלאָפן אין איין בעט, און ער האָט ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק צו לעבן פּאָר אַ לענגערע צייט אָפּגעזונדערט פון מיר.

עס איז קלאָר, אַז מיין ברודער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיר, און עס איז פאַר אים ווירקלעך קיין זאַך ניט צו־שווער געווען, ווען עס איז געווען די פראַגע צו טאָן עטוואָס פאַר מיר.

ער האָט דעריבער, באַלד ווי ער האָט געקראָגן אַ פּלאַץ צו דער אַרבייט אין דער פעקטאָרי פון אַ געוויסן בערג, אויך מיך אַריינגענומען. און אַזוי ווי דאָרט האָט מען געמאַכט גאַר געהויבענע אַרבייט, וואָס איך האָב ניט געקאָנט מאַכן, האָט ער מיך גענומען אַלס „האַנט" אַלס העלפער. אָבער שוין די ערשטע וואָך האָט דער דאָלאַר־שד זיך געשטעלט צווישן אונדז — די צוויי ברידער — און אונדז שיר־שיר געמאַכט פאַר ביטערע שונאים.

איך מוז דאָ גלייך דערקלערן, אַז דער הויפּט־שולדיקער בין איך געווען. איך האָב דאָן בשום אופן ניט געקאָנט איינזען פאַרוואָס מיר זאָלן זיך מיט אונדזערע פאַרדינסטן ניט צעטיילן העלפט אויף העלפט.

אמת, ער קאָן בעסער די מלאכה, און ער דאַרף מיר ווייזן ווי און וואָס צו טאָן, אָבער איינמאָל טו איך עס, און אַרבייט אַזוי שווער ווי ער, טאָ פאַרוואָס זאָל איך ניט קריגן אַ גלייכן חלק פון די פאַרדינסטן ווי ער?

ער, פון זיין זייט, האָט גע'טענה'ט, אַז איך בין אַ „באָטשער", און ער פאַרלירט געגנוג צייט צו פאַרריכטן דאָס וואָס איך מאַך שלעכט, און אַז מער ווי 10 דאָלער די וואָך קומט מיר ניט, כאָטש אָפּגענומען האָט ער גאַנצע 45 דאָלער.

די דאָזיקע געשיכטע האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן, און אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווען איך האָב געמיינט אַז איך קאָן שוין די גאַנצע תורה, האָב איך זיך אָנטזאָגט צו זיין אַ „האַנט" ביי אים. איך האָב געוואָלט אַרבייטן פאַר־זיך.

אַרימער, ליבער ברודער מיינער! ער אַליין האָט נאָך געמוזט גיין צום „באָס" און פועל'ן ביי אים, אַז ער זאָל מיר געבן אַרבייט אויף מיין אייגענער אחריות.

אָבער אַך, מער ווי איין וואָך האָב איך דאָרט ניט געאַרבייט. ווען עס איז געקומען צו „בלאָק'ן" מיין אַרבייט האָט מען זיך ערשט געכאַפּט וואָס פאַר אַ צרות איך האָב אָנגעאַרבייט — און דאָס זיינען געווען די לעצטע 25 דאָלער, וואָס איך האָב פאַרדינט אַלס קאַפּענמאַכער.

ניין, דאָס איז ניט אינגאַנצן אמת. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך, אַלס קאַפּענמאַכער, פאַרדינט אַ גאַנצן „זעקס־פּענס" (אָן ערך 12 סענט) אין לאָנדאָן. אָבער וועגן דעם שפּעטער, ווען איך וועל קומען צו דעם. דעמאָלט אָבער האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל שוין קיין גוטער קאַפּענמאַכער קיינמאָל ניט ווערן; עס האָט מיר פּשוט געפעלט די נויטיקע געדולד.

אויך האָט זיך מיין פריערדיקע אַמביציע צו זיין אַן ארבייטער אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון מיר. איך האָב אָנגעהויבן זוכן עטוואָס אַנדערש, כדי צו מאַכן דערוויל אַ לעבן, ביז איך וועל זיך אויסלערנען גוט ענגליש און קאָנען מאַכן אַ לעבן פון געבן לעסאָנס אין ענגליש, און אויך אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט.

און וואָס האָב איך פאַר דער צייט ניט איבערגעטאָן! איך האָב פּרוּ־בירט מיין מזל ביי נייען העמדער, וואָס איז דאַן געווען אַ גאַנץ פּאָפּולערע מלאכה צווישן דער רוסישער אימיגראַנטישער יוגנט, ווייל דאָס איז געווען זייער לייכט זיך אויסצולערנען. די גאַנצע ארבייט איז געלעגן אין אידישע הענט, מען האָט ניט געדאַרפט קענען קיין וואָרט ענגליש. האָב איך גע־שטעפּט פאַר אַ צייט „דזשווירזיס" (אַ פיינער וואָלן שטאָף), בין געוואָרן זאַגאַר אַ פּאָר טעג אַ כלים־וואַשער אין אַ רעסטאָראַן; געאַרבייט אויך פאַר אַ צייט — ווען עס איז שוין פּשוט ניט געווען וואָס צו עסן און וואו צו שלאָפן — אין אַ בלעך־פעקטאָרי, פון וועלכער זעלטן איינער פלעגט ניט, פריער אָדער שפּעטער, פאַרלירן אַ פּאָר פינגער, און אַמאָל אויך די גאַנצע האַנט. אָבער פון די אַלע מלאכות, האָב איך זעלטן ווען געהאַט גענוג זאַט זיך אָנצוען.

איך האָב זיך דאַן שטאַרק אָפּגעלאָזן, האָב זיך דערווייטערט פון אַלע מיינע פריינט און באַקאַנטע, בין געווען אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. איך האָב אויך ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן וויסן ווי שלעכט עס גייט מיר, האָב איך ווירקלעך זיי אויסגעמיטן. איינמאָל האָב איך זיך, דורך אַ צופאַל, באַגעגנט מיט מיין ברודער, האָט ער מיר געפרעגט צי איך דאַרף עפּעס, אויב איך דאַרף עטלעכע דאָלער וועט ער, מיט פאַרגעניגן, זיי מיר געבן אָדער באָרגן — אויב איך וויל ניט אַנדערש. און, ווען ער האָט אַזוי גערעדט צו מיר, זיינען טרערן געשטאַנען אין זיינע אויגן.

איך אָבער האָב אים געענטפערט, אַז איך דאַרף ניט זיין געלט, און וויל פון אים קיין טובות ניט. מיר האָבן זיך צעשיידט נאָך מער ברוגז׳ע ווי מיר זיינען געווען.

צווישן די פיל מלאכות, וואָס איך האָב דעמאָלט אויסגעפּרובירט, וויל איך דאָ דערמאָנען איינע, וואָס איך געדענק שוין אַליין ניט, ווי אַזוי איך בין געקומען דערצו. גענוג — איך בין געוואָרן אַ ביכער־אַגענט.

אָבער גאָר אַ טשיקאָווער ביכער־אַגענט, גאָר ניט ענלעך צו די ביכער־אַגענטן פון אונדזער צייט.

צו יענער צייט איז אין ניו יאָרק געווען אַ פירמע, וועמעס ביזנעס איז געווען אַרויסצוגעבן אַ דייטשן שונד־ראָמאַן אין העפטן. אום צו ברייננגען די העפטן צו די קויפער, די מערסטע פון וועלכע זיינען געווען דייטשע דינסט־מיידלעך און גאַנץ אַלטע דייטשע פרויען, האָט די פירמע אַדווערטייזט פאַר אַגענטן פאַר די ביכער־העפטן — און זיי האָבן עס געדאַרפט איינריידן די

קונים צו קויפן די סחורה. און ווען זיי האָבן שוין איינגערעדט צו קויפן דעם ערשטן העפט, פאַר וועלכן זיי האָבן געדאַרפט באַצאָלן 10 סענט, האָט דער ערשטער 10־סענט שטיקל געהערט צו דעם אַגענט. די אידייע פון דער פירמע איז געווען, אַז ווען די דינסטמיידל, אָדער די אַלטע דייטשע הויז־פרוי, וועט איבערלייענען דעם ערשטן העפט, וועט זי זיך אַזוי פאַראינטערעסירן אין דעם שיקזאַל פון די העלדן, אַז זי וועט שוין מיט אומגעדולד וואַרטן אויף די נאָכפאָלגנדיקע העפטן, און טראָגן אַנטקעגן דעם ביכער־אַגענט די 10־סענט־שטיקלעך, פון וועלכע ער דאַרף שוין קריגן בלויז אַ קליינעם פּראָצענט.

כדי נאָך מער צוצוגעבן חשק דעם קונד צו קויפן דעם ערשטן העפט פלעגט דער אַגענט אַרומטראָגן מיט זיך אַ פּרעמיום, אין דער געשטאַלט פון אַ בילד פון דעם דייטשן קייזער, אָדער אַ שפּיגל, וואָס דער קויפער דאַרף קריגן, ווען ער וועט האָבן איבערגעלייענט די אַלע העפטן פון דעם טשיקאַוון ראָמאַן.

צי דער קויפער האָט ווירקלעך אַמאָל געקראָגן די צוגעזאָגטע פּרעמיע, דאָס קאָן איך אייך ניט פאַרזיכערן, ווייל מיין קאַריערע אַלס ביכער־אַגענט איז געווען זייער אַ קורצע, ווי איר וועט עס באַלד אויסגעפינען; אָבער אַז די פּרעמיע האָט געהאַט אויף מאַנכע אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט, אין דעם בין איך גאַנץ זיכער. איך געדענק ווי אַ דייטשע אַלטע פרוי האָט זיך צעוויינט ווען זי האָט דערזען דאָס בילד פון דעם דייטשן קייזער אין מיין האַנט. זי האָט זיך געכאַפּט עס קושן און איר גרויס אַנגסט איז געווען, צי איך בין זיכער, אַז זי וועט קריגן אָט די גרויסע מתנה איינגעראַמט, ווי דאָס בילד, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, איז געווען.

אגב אורחא, לאָמיר דאָ דערציילן דעם לעזער, אַז אָט דער דאָזיקער בוך־האַנדל האָט געפונען אויך נאָכמאַכער אין אונדזער אידיש וועלט. דער ערשטער אויף דעם פעלד איז געווען דער פאַרשטאָרבענער סאַפּירשטיין, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ סך אַזעלכע ראָמאַנען, וואָס האָבן אים שפּע־טער געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן דער אַרויסגעבער פון פיל צייטונגען, און צולעצט פון דעם איצטיקן „מאָרגן־זשורנאַל“.

פון אָט די דאָזיקע העפטן, וועלכע זיינען געווען מערסטנס איבערזע־צונגען פון פאַרשיידענע דייטשע שונד־ראָמאַנען, האָבן גאָר פיל אידישע שרייבער — ווי שייקעוויטש, יאָפע, טאַנענבוים און אַנדערע — געמאַכט דאָן אַ לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז די סמעטענע פון די פאַרדינסטן האָבן געקראָגן די אַרויסגעבער — ווי סאַפּירשטיין, קאַנטראָוויטש און אַנדערע; אָבער אויך די שרייבער האָבן זיך ווי־עס־איז דורכגעשטופּט. און ווער ווייסט וואָס אַנדערש זיי וואָלטן געקאָנט טאָן אין דער ערשטער צייט, ווען ניט אָט די פּרנסה. געוויס האָבן זיי געמוזט אַרבייטן זייער שווער כדי

אויסצושמידן פאר זיך א צרה׳דיק לעבן; אבער צו יענער צייט איז דאס געווען א גרויס גליק פאר זיי.

וואס אנבאטרעפט די אידישע לעזער פון יענער צייט, האבן זיי גע־שלונגען די ראמאנען ווי הייסע לאטקעס. זיי האבן גאר ניט געהאט גענוג. אויף אט דער ליטעראטור האבן זיך דאס געהאדוועט די ערשטע אימי־גראנטן. און זי וואלט נאך ביז היינט געווען אין גאנג, ווען עס וואלטן באלד ניט אנגעקומען די טעגלעכע צייטונגען מיט זייערע אינטערעסאנטע שפאנענדיקע ראמאנען, וועלכע האבן די העפטן ארויסגעשטופט פון מארק.

אבער דאס איז נאר אגב אורחא. מיר וועלן באשפרעכן דעם דאזיקן זייער אינטערעסאנטן ענין אויפ׳ן געהעריגן פלאץ. דא וויל איך נאר דער־ציילן ווי אזוי מיין קאריערע אלס ביכער־אגענט האט געקראגן אפגעשניטענע יארן.

פאר די ערשטע עטלעכע טעג איז מיר געגאנגען גאנץ גוט; דאס הייסט, איך האב געהאט גענוג אויף אויסקומענעש. אבער דאן האב איך געמוזט מיין באשעפטיקונג אויפגעבן צוליב א גאנץ אומדערווארטער סיבה.

צוקומענדיק צו א געוויסער טיר, וואו איך בין געווען זיכער אז איך האב איבערגעלאזט א העפט מיט א פאר טעג צוריק, האב איך אנגעקלאפט, דערווארטנדיק דעם געוויינלעכן „קאם אין״. איך בין געווען זיכער, אז איך האב געהערט פונאינעווייניק אימיצן ענטפערן „קאם אין״, און איך האב געעפנט די טיר. און גאר א שיינער אנבליק האט מיך באגעגנט. א מאן און א פרוי זיינען געלעגן אויף א סאפע. איך האב זיך שוין געוואלט ארויסכאפן און ניט שטערן. אבער דער מאן האט זיך געלאזט לויפן נאך מיט אלע איירישע יופעס. איך בין געווארן א פארציטערטער. און כדי איך זאל קאנען פלינקער לויפן — האב איך איבערגעלאזט אויף די טרעפ די העפטן צוזאמען מיט דער פרעמיע פון קייזער ווילהעלמס איינגעראמט בילד, און בין אנטלאפן פון דעם איירישן גזלן.

דורך א פאסט־קארט האב איך געלאזט וויסן דעם ארויסגעבער פון די העפטן, וואו ער קאן זוכן זיינע העפטן, און די פרעמיע, אויב ער וויל. און אזוי האט זיך געענדיגט מיין קאריערע אלס פארשפרייטער פון דער דייטשער שונד־ליטעראטור.

8. מיין ערשטער אויפטריט אלס כלל־טוער

די אלע צרות און פלאגענישן האבן אבער מיך ניט אפגעהאלטן פון באזוכן די פארזאמלונגען יעדן זונטאג אויף איסט בראדוויי. ניין, איך קאן זאגן, אז ערשט די צרות האבן מיך אלץ שטארקער געטריבן אהין. דאס איז געווען דער איינציקער זון־שטראל אין מיין דעמאלסטדיקן זייער פינס־טערן לעבן. דארט האב איך פאר א ווייל פארגעסן, אז איך בין אין אמעריקע,

וואו איך האָב ניט אָפּט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. דאָרט האָב איך זיך צוריק אַוועקגעטראָגן, אין מיין פאַנטאַזיע, אין די פריערדיקע צייטן, ווען איך בין נאָך געווען אין רוסלאַנד, וואו איך האָב געהאַט אַזעלכע שיינע און וואונדערלעכע טרוימען.

אמת, אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען גערעדט וועגן טאָג־פראַגן, וועגן אַלערליי סטרייקס, וועגן דער אַכט־שטונדן־באַוועגונג, וועלכע האָבן מיך ניט געלאָזט פאַרגעסן אַז איך בין אין אַמעריקע און ניט אין רוסלאַנד, וואו מען האָט נאָך דעמאָלט גאָר ניט גע׳חלומ׳ט אַפילו פון אַזעלכע זאַכן; אָבער דער אומשטאַנד, וואָס מען האָט גערעדט אויף רוסיש, און וואָס אָפּט האָט מען אויך דעבאַטירט איבער אַזעלכע אַבסטראַקטע טעמעס ווי „פּאָזי־טיוויזם פון אָגוסט קאָנט״, „דאַרוויניזם״, ספּענסעריזם״ א. אַז. וו., האָב איך זיך געפילט ווי אַריבערגעטראָגן צוריק אין רוסלאַנד צווישן מיינע טייערע חברים, נאָך וועלכע איך האָב אַזוי געבענקט.

ביסלעכווייז האָב איך אַליין אָנגעהויבן נעמען אַנטייל אין די דעבאַטן, און שפּעטער־צו האָט מיך די פאַרוואַלטונג־קאָמיטע איינגעלאַדן צו האַלטן אַ פאָרטראָג.

מיין ערשטער פאָרטראָג איז געווען — ריכטיקער: האָט געזאָלט זיין — „דער אינדיווידום אין דער געזעלשאַפט״. איך זאָג ג ע ז אָ ל ט ז י י ן, ווייל גערעדט האָב איך ניט; און צוליב דער איינציקער סיבה, וואָס די קאָמיטע האָט פאַרגעסן צו באַצאָלן פאַר׳ן האַל, און דער האַל־קיפּער האָט פּשוט צוגעמאַכט די טיר פאַר אונדזער נאָז: אָדער איר באַצאָלט, אָדער איר קריגט ניט דעם האַל.

ווען איך בין אָנגעקומען איז שוין געשטאַנען אַ היפּשער עולם פאַר דער טיר, וואַרטנדיק אויף מיר, מייןענדיק, אַז איך דאַרף דאָס באַצאָלן פאַר׳ן האַל; וואָרים טאַקע, פאַרוואָס זאָל איך ניט באַצאָלן, ווען איך וויל אַז דער עולם זאָל מיך הערן?

און איך וואָלט עס אויך גערן געטאָן, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט די נויטיקע צוויי דאָלער. האָב איך זיי אָבער ניט געהאַט. האָב איך די אַרומ־שטייענדיקע דערקלערט, אַז ניט איך דאַרף באַצאָלן, נאָר די קאָמיטע; און פאַרוואָס זי האָט עס ניט געטאָן, הויב איך ניט אָן וויסן.

איינער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל איצט מאַכן די „קאָלעקשאָן״ (וואָס מען פלעגט געוויינלעך מאַכן נאָכ׳ן מיטינג), האָט אָבער די קאָלעקשאָן ניט אַריינגעבראַכט מער ווי אַ דאָלער. בקיצור, דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערגיין; און ווען אימיצער פון דער קאָמיטע איז ענדלעך געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער צו באַצאָלן דעם אייגנטימער, זיינען שוין קיין צוהערער ניט געווען, און מיין ערשטער „לעקטשור״ איז געבליבן ניט גע־האַלטן, אַזוי אַז איך האָב אָנגעפאַנגען מיין רעדנער־קאַריערע מיט מיין צווייטן לעקטשור — „די ראָלע פון דער פרוי אין דער פאַרגאַנגענהייט,

געגנוואַרט און צוקונפט" — אין וועלכער איך האָב זיך זייער שטאַרק באַנוצט מיט בעבעל'ס „די פרוי", מיט ענגעלס'ן און מיט אַנדערע קוואַלן.

דער לעקטשור — ווי עס האָט מיר געזאָגט דר. ראַיעווסקי, וועלכער האָט נאָך דאַן געהייסן שאַמבריעווסקי, און איז געווען דער טשערמאַן פון מיין מיטינג — איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. און דאָס האָב איך אַליין אויך געקאָנט מערקן פון דעם ווי דער עולם האָט זיך אָפּגערופן. בקיצור, דער לעקטשור האָט שטאַרק אויסגענומען.

און אַזוי איז דאָס לעבן אַנגעגאַנגען פאַר עטלעכע חדשים, אויב ניט פאַר אַ גאַנץ יאָר, ווייל איך געדענק ווירקלעך ניט ווי לאַנג אַט דער לעבן — פול מיט צרות די גאַנצע וואָך, פון איין זייט, און פול מיט אמת גייסטיקן פאַרגעניגן איין טאָג אין וואָך, דעם הייליקן זונטאָג, פון דער אַנדער זייט — האָט אַנגעהאַלטן. איך געדענק ווירקלעך ניט ווי איך האָב דורכגעלעבט יענע שרעקלעכע צייט, ווען איך האָב ניט געהאַט קיין באַשעפטיקונג, און ווען איך האָב געפילט אַזוי שוואַך און קראַנק, אַז איך בין ווירקלעך געווען אומפעאיג פאַר דער מינדסטער אַנשטרענגונג. דער סוד פון דעם איז געווען: עס איז פשוט ניט געווען וואָס צו עסן; און ווען ניט די „פריי לאַנטשענס", וואָס מען האָט דאַן געקאָנט קריגן אין יעדן ביר־סאַלון צו אַ גלאָז ביר, וואָס מען האָט געקויפט פאַר אַ ניקל, ווייס איך באמת ניט ווי איך וואָלט איבערגעלעבט יענע שרעקלעכע צייט. דערצו איז נאָך געווען דער אומגליק, וואָס ניט אַלעמאָל איז געווען דער ניקל.

און וואָס ערגער עס איז מיר געוואָרן, אַלץ מער האָב איך זיך דערווייטערט פון מיינע פריינט. און האָבן מיר זיך דאָך אַמאָל געטראָפן, האָב איך געמאַכט אַ זיסע מינע צום ביטערן שפיל. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך בין „אָלרייט", האָב אויסגעטראַכט אַלערליי גליקן; און מיין אַלטער פריינט זעליג, הערנדיק מיר אַזוי ריידן, האָט איינמאָל אויסגעשריען אין התפעלות, אַז ער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט ביי מיין אָנקומען נביאות־געזאָגט, אַז איך וועל נאָך גיין ווייט־ווייט אין אַמעריקע.

איינמאָל האָט מיך ליובערט געטראָפן. אויספרעגנדיק זיך ביי מיר וואָס איך מאַך, און איך, פאַרזיכערנדיק אים אַז עס גייט מיר זייער גוט, האָט ער מיר געבעטן קומען צו אים נעקסטן זונטאָג אָוונט, וואו עס וועלן זיך צוזאַמענקומען פיל פריינט מיט'ן צוועק צו גרינדן אַ „סומך נופלים" פאַראיין.

„עס קומען־אָן גרינע", האָט ער מיר דערקלערט, „וואָס ווייסן ניט צו וואָס זיך נעמען. איז אַט פאַר אַזעלכע מענטשן וואָלט אַזאַ פאַראיין געווען דער גרעסטער גליק. עס זיינען אויך דאָ מענטשן, וועלכע זיינען שוין אַ לענגערע צייט אין אַמעריקע און זיינען אויף גרויסע צרות" — און דערביי האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן אויף מיר — „זיי נויטיקן זיך אין הילף, וועט דאָס אַ פאַראיין קאָנען זיכער טאָן פיל בעסער ווי דאָס קאָן טאָן אַן

איינצעלנער, אָדער זאָגאַר עטלעכע פּריינט. אַ פאַראיין קאָן אויך זיין אַ גוטער מיטל פאַר די אייגענע מיטגלידער. אַ מענטש נויטיקט זיך אַמאָל אין אַ גמילת חסד; איז אַנשטאָט צו גיין צו פּריוואַט־מענטשן, און פילן זיך אַפּט דערשלאָגן און דערנידעריגט, קומט ער צו זיין פאַראיין, פון וועלכן ער איז אַליין אַ מיטגליד, און קריגט מיט כבוד די נויטיקע הלואה. דאָס־זעלבע אויך אין פאַל פון קראַנקהייט״.

איז, דעם אמת געזאָגט, האָט מיר דער דאָזיקער פּלאַן פון „קעגנזייטיקער הילף״ ניט שטאַרק געגומען. אָבער איך האָב ניט געקאָנט אָפּזאָגן ליובערט׳ן פון קומען און זאָגן אַ פּאָר ווערטער צוגונסטן פון דער אונטער־נעמונג. ליובערט האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ווען אַפילו איך וועל גאָרנישט ריידן, נאָר בלויז קומען, וועט עס באַווען פיל אַנדערע זיך אַנשליסן אָן דעם פאַראיין. יאָ, ער האָט מיר אויך פאָרגעשלאָגן די פּרעזידענטשאַפט פון דעם פאַראיין. ער איז געווען זיכער, אַז איך וועל דערווײלט ווערן איינ־שטימיג.

פון דאָס לעצטע האָב איך זיך אַנטשיידן אַנטזאָגט. איך האָב אים אויך דערקלערט, אַז איך קאָן זיך זאָגאַר ניט אַנשליסן אָן דעם פאַראיין, ווייל איך בין צופיל פאַרנומען. איך האָב, נאַטירלעך, פאַרשוויגן פאַר אים די אמת׳ע אורזאַך, אַז איך האָב פּשוט ניט די נויטיקע פאַר גראַשן צו קאָנען ווערן אַ מיטגליד; אָבער איך האָב אים געזאָגט, אַז צום ערשטן מיטינג וועל איך זיכער קומען, און וועל געוויס ניט פאַרפעלן צו זאָגן די נויטיקע פאַר ווערטער.

איך בין געקומען, האָב געהאַלטן אַ שיינע רעדע פאַר דעם געדאַנק פון „קעגנזייטיקער הילף״, און אַזוי האָב איך געהאָלפן דער גרינדונג פון דעם ביאַליסטאָקער סומך נופלים פאַראיין, וועלכער, לויט איך ווייס, פאַרנעמט גאָר אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם עפנטלעכן לעבן פון ניו יאָרק, און האָט זייער פיל געטאָן פאַר ביאַליסטאָק און אירע איינוואוינער אין די שרעק־לעכע מלחמה־יאָרן.

דאָס איז געווען דער ערשטער פאַראיין, וואָס איך האָב געהאָלפן גרינדן, און וועלכער האָט מיר שפּעטער גאַנץ שטאַרק געהאָלפן אין דער אַלגעמיינער פרייהייט־פּראָפּאַגאַנדע, אין וועלכער איך האָב זיך אָנגעהויבן גאַנץ שטאַרק באַטייליקן.

אַזוי ווי איך בין ניט זיכער, אַז עס וועט מיר אויסקומען נאָכאַמאָל צו דערמאָנען אָט דעם פאַראיין, טאָ לאָמיך גלייך דאָ דערציילן אין וואָס פאַר אַן אָנגעלעגנהייט ער איז מיר מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געקומען צו הילף.

דאָס איז געווען דאָן, ווען איך בין שוין צוגעטראָטן צו דער ערשטער אַנאַרכיסטישער גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט״, און זי האָט פאַרטראַכט דאָס אַרויסגעבן פון דער ערשטער אידיש־אַנאַרכיסטישער צייטונג — „די

ווארהייט״. די הויפט־פראגע פאר אונדז איז דאן געווען: וואו נעמט מען געלט אויף בלויז אנצופאנגען.

עס איז באשלאסן געווארן צו פאראנשטאלטן א באל און קאנצערט, אבער די פראגע איז דאן געווען: וואו נעמט מען מענטשן צום באל? צו וועמען פארקויפט מען די טיקעטס?

אמת, די גרופע האט שוין דאן פון צייט צו צייט אפגעהאלטן פארזאמלונגען אויף אידיש, וועלכע זיינען געווען גאר ניט שלעכט באזוכט, אבער פונדעסטוועגן איז עס געווען גאר ניט אזוי זיכער, אז דערזעלבער עולם, וועלכער קומט צו די פארזאמלונגען, וועלכע קאסטן אים גארניט, וויל דערמאלט איז נאך ניט געווען די מאדע פון איינטריטס־געלט צו א לעקטשור, וועט אויך קומען צו אונדזער באל און קאנצערט, וואס איז שוין געווען פארבונדן מיט א הוצאה פון 50 סענט.

עס איז דעריבער באשלאסן געווארן, אז די מיטגלידער פון דער גרופע אליין זאלן זען פארקויפן טיקעטס צווישן זייערע פריינט און באקאנטע, אויב זיי ווילן האבן א צייטונג.

איך האב זיך דאן דערמאנט אן מיין ביאליסטאקער פאראיין, און האב זיך פארגעשלאגן צו גיין צו דעם פאראיין, אויב אימיצער וועט מיט מיר מיטגיין, אזוי אז עס זאל הייסן אז מיר זיינען א קאמיטע פון דער גרופע.

האט מען מיר מיטגעגעבן, אלס קאמיטע, סיימאן גארדאנען, וועלכער, ווי איך הער, איז איצט א מאנופעקטשורער פון „פייפער באקסעס״ אין נוארק און איז א גאנץ יוסטער באלעבאס; און טאקע דעם פאלגנדיקן זונטאג זיינען מיר אוועק צום מיטינג פון דעם „סומך נופלים״ פאראיין.

ביי דער טיר האב איך געטראפן אן אומבאקאנטן בחור, וועלכער האט אונדז בשום אופן ניט געוואלט אריינלאזן. ניט אנדערש, מיר מוזן אים געבן דעם פאסירווארט. האב איך שוין געמיינט, אז מיר האבן פשוט פארבלאנדזשעט, און איך האב אים נאכאמאל געפרעגט, אויב דא איז א מיטינג פון דעם „סומך נופלים״ פאראיין. „יא״, איז געווען זיין ענטפער, אבער אן דעם פאסירווארט קאנען מיר ניט אריינגיין.

ענדלעך האב איך ביי אים קוים גע׳פועל׳ט ער זאל צוגיין צום פרעזידענט, וועלכער איז געווען ניט קיין אנדערער ווי ליובערט, און אים זאגן, אז יאנאווסקי וויל אריינקומען. ליובערט האט, נאטירלעך, געהייסן באלד אריינלאזן די השוב׳ע געסט; האט מיר גלייך פארגעשטעלט אלס איינעם פון די ערשטע גרינדער פון זייער פאראיין, און האט בשעת מעשה מיר געמאכט א פארוואורף פארוואס איך האב אים ניט געלאזט וויסן וועגן מיין קומען. ער וואלט דאן געוויס מיך אויפגענומען מיט דעם כבוד וואס מיר קומט, און כ׳וואלט ניט דארפן שטיין ביי דער טיר און ווארטן.

איך ווייס ווירקלעך ניט פארוואס איך האב אזוי ניט געטאן און ניט גענומען ליובערטן אין מיין פארטרויען. די איינציקע דערקלערונג איז,

וואָס איך האָב זיך ווירקלעך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אימיצער וועט שטיין ביי דער טיר און עס זאָל נויטיק זיין אַ פּאַסירוואָרט כדי אַריינצוקומען. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קומען, וועל דערקלערן וואָס איך וויל פון זיי, און דאַן קאָנען זיי טאָן, וואָס זיי דענקען אַז זיי דאַרפן טאָן.

אַחוץ דעם, זינט איך געדענק זיך, האָב איך שטענדיק פיינט געהאַט פּאָליטיקס. איך האָב קיינמאָל, אין אַלע מיינע פריערדיקע און שפּעטערדיקע יאָרן, זיך ניט פאַראינטערעסירט מיט פריינט, מיט „וואָוטס". ווען איך האָב געוואָלט עפּעס דורכפירן, בין איך געקומען דירעקט צום מיטינג פון מיין גרופּע און פאָרגעלייגט מיין פאָרשלאָג.

איצט זע איך איין, אַז איך וואָלט פיל קליגער געהאַנדלט, ווען איך וואָלט יאָ אָנגעווענדט אַ ביסל פּאָליטיקס, יאָ זיך צוזאַמענגערעדט צוערשט מיט די טאָנגעבנדיקע גענאָסן. וויפיל מיספאַרשטענדענישן, וויפיל בייז בלוט וואָלט דורך דעם אויסגעמיטן געוואָרן. און וויפיל געזונטער דאָס וואָלט געווען פאַר אונדזער באַוועגונג.

אָבער דער פאַקט איז, אַז אַזוי האָב איך געהאַנדלט אַלע מיינע יאָרן, און איך קאָן ניט זאָגן, אַז איך האָב זיך, אין דעם פּרט, אַפילו איצט שוין געבעסערט. אַזאַ נאַטור איז שוין מיינע. און דערפאַר בין איך אויך דאַן, אַנשטאָט זיך צוזאַמענצורעדן צוערשט מיט ליובערט'ן, גלייך געקומען מיט מיין פאָרשלאָג צום מיטינג דירעקט.

ליובערט האָט צוערשט געדענקט, אַז איך בין געקומען פּשוט מיט אַ באַזוך, אַזוי גלאַט, אויס נייגעריגקייט צו זען, וואָס „מיין" פאַראיין מאַכט. האָט ער טאַקע, אַנגעטאָן אין זיין אָפיציעלער לענטע, מיר דערציילט, אַז דער פאַראיין האָט פאַר דער צייט געמאַכט גאָר היפּשן פּראָגרעס; אַז ער האָט שוין אַ היפּשע סומע געלט; האָט אונטערשטיצט און געהאָלפן אַזויפיל און אַזויפיל לאַנדסלייט. און ווען ער האָט געענדיגט האָט ער מיר צוגעטיילט דעם כבוד און מיר געבעטן זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

און געוויס האָב איך, מיט פאַרגעניגן דערפילט זיין פאַרלאַנג. נאָכדעם ווי איך האָב דערקלערט ווי צופרידן איך בין וואָס דער פאַראיין טוט אַזעלכע וויכטיקע אַרבייט, האָב איך זיי געזאָגט, אַז עס איז ניט געווען נייגעריגקייט, וואָס האָט מיך און גענאָסע גאָרדאָנ'ען צו זיי געבראַכט, נאָר אַ גאַנץ וויכטיקער צוועק, וועלכער, ווי איך גלויב, דאַרף ניט זיין אינגאַנצן פרעמד די צילן און אויפגאַבן פון דעם פאַראיין.

איך האָב אָבער נאָך ניט געהאַט גערעדט קיין פינף מינוטן, ווי אַ מיטגליד פון פאַראיין האָט מיר אונטערבראָכן, דערקלערנדיק, אַז דאָ איז ניט קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע רעדעס. אויף יוניאָן סקווער — דאָרט איז דער פּלאַץ פאַר זיי, אָבער ניט אין דעם ביאַליסטאָקער „סומך נופלים פאַראיין".
נאָר דער פּרעזידענט האָט אים גלייך אָפּגעשטעלט און באַשטראָפט

מיט זעקס מאַנאַטן „שווייגן“; געבעטן מיך אַנטשולדיקן אין נאָמען פון מיטינג און פאַרזעצן מיין רעדע.

האָב איך צוערשט געבעטן רחמים פאַר דעם באַשטראָפטן — זעקס מאַנאַטן „שווייגן“ איז אַ צו־האַרבע שטראָף — און האָב מיין רעדע גע־ענדיגט דערמיט, וואָס איך האָב זיי דערציילט וואָס מיין גרופּע גייט טאָן, און אַז מיר גייען האָבן אַ קאָנצערט און באַל, און אַלץ וואָס איך וויל פון זיי איז, אַז דער פאַראיין זאָל פון אונדז קויפן אַ געוויסע צאָל טיקעטס.

דער עולם האָט מיר שטאַרק אַפּלאָדירט, און טאַקע אויפ׳ן שטעל איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פאַראיין זאָל נעמען פאַר 25 דאָלער טיקעטס, און אַז מען זאָל זאָרגן אַז די גאַנצע מיטגלידערשאַפט, מיט זייערע פרויען און קינדער, זאָלן זיין אויפ׳ן באַל.

ווען איך בין צום נעקסטן מיטינג פון דער גרופּע געקומען מיט די 25 דאָלער, און סיימאָן גאָרדאָן האָט דערציילט באריכות וואָס פאַר אַ קבלת פּנים מיר האָבן געקראָגן, האָבן זיך מיינע אַקציעס אין דער גרופּע גאָר שטאַרק געהויבן, און מען האָט מיר גלייך געמאַכט פאַר דעם סעקרעטער־טרעזשורער פון דער גרופּע, וואָס איז געווען אַ גרויסע איינשטעלעניש, וואָרים, ווי דער אמת איז, גאַנץ ווייניג מיטגלידער אין דער גרופּע האָבן מיך דאָן געקענט.

ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, זיינען די מאַיאָריטעט באַזוכער פון אונדזער ערשטן קאָנצערט און באַל געווען די מיטגלידער פון ביאַליסטאָקער „סומך נופלים“ פאַראיין. און אַזוי האָט דער דאָזיקער פאַראיין, ניט ווילנ־דיק, און אפשר אויך ניט וויסנדיק, געגעבן דעם ערשטן שטויס דער פּראָפּאַ־גאַנדע פון אַנאַרכיזם אין אַמעריקע.

איך ווייס ניט צי דער איצטיקער ביאַליסטאָקער פאַראיין וועט נעמען דעם קרעדיט פאַר דעם; איך גלויב קוים, צי אימיצער פון דער איצטיקער מיטגלידשאַפט ווייסט גאָר פון דעם — עס איז דאָך אַ גאַנץ נייער דור — פונדעסטוועגן אָבער איז דאָס אַ היסטאָרישער פאַקט. עס איז געווען דער ביאַליסטאָקער „סומך נופלים“־פאַראיין, וואָס האָט בייגעטראָגן די ערשטע 25 דאָלער פאַר דער אידיש־אַנאַרכיסטישער טעטיקייט אין אַמעריקע.

9. די ערשטע קריגערייַ אין דער אידיש־רוסישער קאָלאָניע אין ניו יאָרק

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך שוין דערמאָנט וועגן מיין אָנ־שליסן זיך אָן דעם „רוסיש־פּראָגרעסיוון פאַרבאַנד“. דער דאָזיקער פאַר־באַנד איז אויך געווען דער רעזולטאַט פון אַ שפּאַלטונג אין דעם שוין דערמאָנטן „רוסקי ראַבאָטשי סאַיוז“, אויף וועמעס מיטינג איך האָב זיך

צום ערשטן מאָל דערוואוסט וועגן דער טעטיגקייט אין ניו יאָרק פון די סאַמע ערשטע רוסיש־אידישע יונגעלייט.

די אורזאַכן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם אונטערגאַנג פון „רוסקי ראַבאַטשי סאָיוז" געדענק איך ניט; אַזוי ווייט, ווי איך קאָן זיך דערמאָנען, זיינען עס געווען גאַנץ פּערזענלעכע מיספאַרשטענדענישן. גאַנץ פאַר־שטעלט האָט מען אָנגעוויזן אויף איינעם פון די פירער פון פאַראיין, אַז ער זאָל זיין ניט אינגאַנצן כשר. מען האָט גערעדט, אַז ער זאָל האָבן צו אַ געוויסער צייט, ווען עס איז אָנגעגאַנגען אַן אַרבייטער־סטרייק, געהאַנדלט זייער ניט שיין. איך וויל דאָ ניט אָנגעבן דעם נאָמען, אויף וועמען מען האָט געמורמלט, ווייל די באַשולדיקונג קעגן אים איז קיינמאָל ניט באַוויזן געוואָרן. אויך האָבן אייניקע באַשולדיגט די אַנדערע אַלס „סנאָבס", וואָס בלאָזן פון זיך. גענוג, עס האָט זיך געגרינדעט דער „רוסישער פּראָגרע־סיווער פאַרבאַנד", וועלכער האָט געהאַט אַ טאָפּלטן ציל: ערשטנס — צו העלפן ווי ווייט מעגלעך פינאַנציעל דעם פרייהייטס־קאַמף אין רוסלאַנד; און צווייטנס — צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון סאָציאַליזם אין אַמע־ריקע צווישן דער אַרבייטער־באַפעלקערונג אין ניו יאָרק.

פאַר אַ קורצער צייט האָט דער „רוסקי פּראָגרעסיווני סאָיוז" געטאָן זיין אַרבייט אַזוי גוט, אָדער אַזוי שלעכט, ווי די צייט און די אומשטענדן האָבן עס דערלויבט. באַלד אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן גרויסע מיינונגס־פאַרשיידענקייטן. אייניקע האָבן געוואָלט אויסטייטשן דעם סאָציאַליזם דווקא אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם; אַנדערע, ווידער, האָבן פאַר־שטאַנען דעם סאָציאַליזם אין דעם ברייטערן זין, אַזוי אַז ער קאָן און זאָל אויך איינשליסן דעם אַנאַרכיזם.

דאָס זיינען געווען די ערשטע סימנים פון אַ מיינונגס־פאַרשיידנקייט, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ אויסגעשפּראָכענער און האָט צעטיילט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע קאָלאָניע אין ניו יאָרק אין צוויי אמת־קריגע־רישע לאַגערן.

לואי מילער און זיין ברודער באַנדעס זיינען צו יענער צייט געווען די אָנפירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע; ר. לואיס, קאַפּע־לאָוו, מיס יעווזעראָוו, מינדלין, איך און אַנדערע, האָבן פאַרטראָטן די צווייטע פראַקציע.

די פּראַקטישע פראַגע, צוליב וועלכער דער אָפענער קריג איז אויס־געבראָכן, געדענק איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז אויף אַ געוויסן מיטינג פון דעם „רוסקי פּראָגרעסיווני סאָיוז" האָט די מאַיאָריטעט מיטגלידער זיך דערקלערט איינפאַרשטאַנען מיט אונדזער צד.

לואי מילער אָבער — כאָטש שוין אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַל־דעמאָקראַט — האָט זיך אַנטשידן ניט געוואָלט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון דער מאַיאָריטעט. און ניט נאָר איז ער אַרויסגעטראָטן פון דעם „סאָיוז"

— קעגן וואס קיינער וואלט ניט געהאט וואס אויסצוזעצן — נאר ער האט אויך דערקלערט, אז די מאיאריטעט איז גאר זיין צד, און דערפאר האט ער אויך מיטגענומען די ביבליאטעק מיט די ביכער, מיט וועלכע די מיט־גלידער פון „סאיוז" און אנדערע מענטשן האבן זיך באנוצט. דעם „רוסקי פראגרעסיווני סאיוז" האט ער דערקלערט פאר אויפגעלייזט.

די דאזיקע עכט־מילערשע האנדלונג האט אויפגעטרייסלט די גאנצע דעמאלסטדיקע רוסישע קאלאניע.

זאל דא גלייך געזאגט ווערן, אז לואי מילער האט ניט פארכאפט די ביבליאטעק פאר זיך; ער האט איר איבערגעגעבן צו דער סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע איז דאן מערסטנס באשטאנען פון אריבערגעקומענע דייטשע סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע האבן שוין דאן ארויסגעגעבן די דייטשע „פאלקסצייטונג", אונטער דער רעדאקציע פון די וואויל־באקאנטע סאציאליסטן, אלעקסאנדער יאנאס און סערגעי שעוויטש.

כדי צוריקצוקריגן די ביבליאטעק האבן מיר זיך געווענדט צוערשט צו שעוויטש'ן. אליין א רוס, האבן מיר גערעכנט, אז ער וועט אונדז פאר־שטיין און העלפן אונדז צוריקקריגן די ביבליאטעק. מיט די ביכער פון אונדזערע מיטגלידער, ווי אויך מיט אונדזערע פראטאקאלן, האבן מיר פאר אים קלאר געמאכט, אז מיר זיינען די מאיאריטעט, און מיר זיינען דער „רוסקי פראגרעסיווני סאיוז", און פאלגלעך איז די ביבליאטעק, וואס לואי מילער האט פארכאפט און איבערגעגעבן דער סאציאליסטישער פארטיי, אונדזער אייגנטום.

איך און מרס. קאפעלאוו זיינען דאס געווען די קאמיטע צו דעם גרויסן און ליבנסווירדיגן שעוויטש.

מיר זיינען געווען איבערצייגט, אז שעוויטש סימפאטיזירט מיט אונדז; אבער ער האט אונדז גאנץ אפן דערקלערט, אז ער קאן גארנישט טאן פאר אונדז. מיר דארפן זיך ווענדן צו דער סאציאליסטישער פארטיי, צושטעלן איר אלע נויטיקע באווייזן — אפשר וועט זי אונדז צוריקגעבן די ביבליא־טעק; זיכער איז ער ניט, אבער עס שאדט ניט צו פרובירן.

מיר האבן געפאלגט זיין עצה, און אויף דעם פאלגנדיקן מיטינג פון דעם „רוסיש־פראגרעסיוון פארבאנד", בין איך און מאקס גירזשדאנסקי אויסדערווײלט געווארן אלס קאמיטע צו א מיטינג פון דער סאציאליסטי־שער פארטיי. נאטירלעך, לאזנדיק זיי צוערשט וויסן וועגן אונדזער קומען דעם סעקרעטער פון דער פארטיי.

ווען מיר זיינען געקומען צום מיטינג, וועלכער איז געווען צימלעך גוט באזוכט, איז שוין לואי מילער אויך דארט געווען.

אויף מיר, וואס האט נאך דאן גערעדט גאר א בישקשהדיקן דייטש, איז אויסגעפאלן דער גורל צו זיין דער אדוואקאט פון אונדזער זאך. איך האב געהאלטן א זייער ווארעמע, אבער אויך א זייער זאכלעכע רעדע. איך

האָב זיי דערקלערט, אַז דאָ איז ניט, און טאָר ניט זיין, די פראַגע צי מיר זיינען יאָ אָדער ניט כשר'ע סאָציאַליסטן, נאָר עס איז אַ פראַגע פון פשוט'ן יושר. מיר זיינען אַ פאַראיין פון אַזויפיל און אַזויפיל מיטגלידער. די מאַיאָריטעט פון דעם פאַראיין האָט אָנגענומען אַ געוויסן באַשלוס. איז עס געוויס דאָס רעכט פון יעדן, וואָס איז ניט איינפאַרשטאַנען און וויל זיך ניט אונטערוואַרפן דעם באַשלוס, צו פאַרלאָזן דעם פאַראיין; אָבער פאַרכאַפּן דאָס אייגנטום פון פאַראיין — דאָס איז אַן אַקט פון געוואַלט, וואָס קאָן מיט קיין זאַך ניט גערעכטיקט ווערן, און די גרויסע סאָציאַליסטישע פאַרטיי קאָן זיך ניט דערלויבן צו זיין דער פּלאַץ, וואו די גנבה זאָל געהאַלטן ווערן.

אַחוץ דעם האָב איך, אין מיין דעמאָלסטדיקער רעדע, געברויכט פאָלגנדיקע צוויי אַרגומענטן: לואי מילער — האָב איך געזאָגט, — טענה'ט, אַז די מאַיאָריטעט פון די מיטגלידער איז אויף זיין זייט. נו, האָבן מיר אייך צוגעשטעלט אונדזערע ביכער, אונדזערע פּראָטאָקאָלן; לואי מילער האָט אייך גאָרנישט צוגעשטעלט, כדי צו באַווייזן אַז די מאַיאָריטעט איז אויף זיין זייט, — טאָ מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָנט איר האַלטן די ביבליאָטעק, וואָס איז אייך געגעבן געוואָרן פון אַ מענטשן, וועמען איר קאָנט באַיין אופן ניט גלויבן אויף זיין היילן וואָרט?

נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ — האָב איך ווייטער אַרגומענטירט. אויב עס איז דאָ עטוואָס אמת אין מילער'ס באַהויפּטונג, אַז די מאַיאָריטעט איז אויף זיין זייט, טאָ צו וואָס האָט ער נויטיק געהאַט אויפצולייזן דעם „רוסקי פּראָגרעסיוווני סאָיוז"? פאַר וואָס האָט ער געדאַרפט פאַרכאַפּן די ביבליאָטעק און עס איבערגעבן אייך, וויבאַלד ער האָט די מיטגלידער, וועלכע ווילן און קאָנען לייענען די ביכער?

דער פאַקט, וואָס ער האָט אַזוי ניט געהאַנדלט, איז דער קלאָרסטער באַווייז, אַז די גרעסטע צאָל מיטגלידער פון פאַרבאַנד זיינען מיט'ן „סאָיוז", וועלכער איז, ווי דער אמת איז, גאָר ניט אויפגעלייזט געוואָרן, נאָר גייט אָן ווי פריער מיט זיין געוויינלעכער טעטיקייט.

און מיין לעצטער אַרגומענט איז געווען: „צו וואָס דאַרף די דייטשע פאַרטיי רוסישע ביכער? איז דען דאָ אימיצער צווישן אייך וואָס קאָן זיי לייענען? ביי אייך וועלן זיי נאָר פוילן; גיט די ביכער אונדז, און מיר וועלן זיך גוט באַנוצן מיט זיי".

איך האָב געפילט, אַז איך האָב געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע אַנוועזנדע. און איך, ווי גירזשדאַנסקי, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין רעכט צו ריידן, ווייל ער איז געווען פולשטענדיק צופרידן מיט מיין רעדע, זיינען שוין געווען כמעט זיכער, אַז מיר וועלן צוריקקריגן אונזער ביבליאָטעק. אויסגעלאָזט האָט זיך עס אָבער אַנדערש.

לואי מילער, אין זיין רעדע נאָך מיינער, האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט

לייקענען די פון מיר פאַרגעבראַכטע פאַקטן, כאָטש ער האָט געפּרובירט מאַלן יענעם מיטינג — אויף וועלכן עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס — אַזוי צו־ווידער, אַלס אַן אומגעזעצלעכן. און אַלס פייערווערק פון זיין רעדע האָט ער אויסגעשאָסן: „אָבער, הער יאַנאָווסקי פרעגט, צו וואָס מיר דאַרפן די רוסישע ביכער? טאָ לאָמיר אים זאָגן, אַז מיר זיינען אינטער־נאַציאָנאַליסטן!"

אַ געוואַלדיקער אַפּלאָדיסמענט האָט פאַרהילכט דעם זאַל, ווען לואי מילער האָט פּראָקלאַמירט דעם „אינטערנאַציאָנאַליזם" פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס דאָס איז געווען די הויפּט־אורזאַך פאַרוואָס מיר האָבן אונדזער ביבליאָטעק ניט געקראָגן צוריק.

צי די ביבליאָטעק וואַלגערט זיך נאָך איצט אין ערגעץ אַ געגאָסנ־שאָפּטלעכן קעלער, ווייס איך ניט. אָבער אויף מיר האָט דער דאָזיקער מיטינג, מיט זיין פּסק־דין, געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג.

איך בין נאָך דאַן ביי זיך ניט קלאָר געווען וועגן מיין שטעלונג צום סאָציאַליזם. איך האָב נאָך דאַן זיך שטאַרק געוואַקלט צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם און אַנאַרכיזם. איך האָב געלייענט אי די דייטשע „פאָלקס־ציייטונג" אי די „פרייהייט", וואָס יאָהאַן מאָסט האָט אַרויסגעגעבן. האָט אָבער פּאַסירט מיט מיר עטוואָס מערקווירדיקס. לייענענדיק די „פאָלקס־ציייטונג" פון יענער צייט און אירע טעאָרעטישע אַרטיקלען איבער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, פלעג איך זיך פילן שטאַרק געניגט צום אַנאַרכיזם. פאַר־קערט, ווידער, לייענענדיק די אַנאַרכיסטישע „פרייהייט", האָב איך זיך געפילט שטאַרק אָפּגעשטויסן פון אַנאַרכיזם. איך האָב ניט געקאָנט פאַר־טראָגן מאָסט'ס זידלערייען, אויף וועלכע ער איז געווען אַ גאָר געוואַלדיקער בריה.

און אַזוי האָב איך נאָך ווירקלעך ביי זיך אַליין ניט אָפּגעמאַכט וואָס איך בין אין דער אמת'ן, כאָטש לואי מילער — אין אַ געוויסער דעבאַטע, אין איינער פון אונדזערע אָפטע דעבאַטן — האָט מיך דערקלערט אַלס אַנאַרכיסט.

איך געדענק, אַז איך האָב אים דאַן געענטפערט: „אויב דאָס איז אַנאַרכיזם, דאַן נעם איך אָן דעם טיטל מיט פאַרגעניגן".

אָבער, ניט אַכטנדיק אויף מילער'ס קאַטעגאָרישער דערקלערונג וואָס איך בין, האָבן דאָך אַלערליי פראַגן און צווייפלען מיך „געבאַדערט", און איך האָב ניט געקאָנט זאָגן געוויסנהאַפט צו וועלכן צד איך בין געווען מער געניגט.

די לעזער מוזן פאַרשטיין, אַז פון אַ פּאָזיטיווער איבערצייגונג האָט נאָך ביי מיר דאַן ניט געקאָנט זיין די רייד. איך האָב דאַן נאָך זייער ווייניג געוואוסט וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די מאַרקסיסטן און די באַקוניסטן אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. איך האָב זייער ווייניג גע־

וואוסט פון דעם מוטשואַליזם און אַנאַרכיזם פון דעם פראַנצויזישן דענקער פּרודאָן. דאַסזעלבע פון קראָפּאָטקין און זיין באַגרינדונג פון דעם וויסנ־שאַפטלעכן אַנאַרכיזם. איך האָב דאַן נאָר־וואָס אָנגעהויבן לייענען קאַרל מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל“, דעם ערשטן באַנד, און אויך איבערגעלייענט אַ פּאָר בראָשורן פון פרידריך ענגעלס. דאָס איז געווען מיין גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש צו יענער צייט, און פאָלגלעך האָב איך ניט געקאָנט האָבן קיין פעסטגעזעצטע איבערצייגונגען אין דער זייער שווערער סאָציאַלער פראַגע.

אָבער דער פּסק־דין פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע האָט מיר געמאַכט אַ קער טאָן זיך גאָר שטאַרק לינקס. און איך גלויב, אַז איך בין ניט געווען דער איינציקער, אויף וועמען די דאָזיקע אומגערעכטע האַנדלונג האָט געמאַכט דיזעלבע ווירקונג.

פאַרשטייט זיך, ווען איצט וואָלט פּאַסירט עטוואָס ענלעכס, וואָלט עס קנאַפּ־וואָס געווירקט אויף מיין אַרט דענקען. אין דעם גאַנג פון מיין ווייַטערדיקן לעבן האָב איך געלערנט, אַז מען קאָן ניט און מען טאָר ניט אורטיילן איבער לערעס און פּרינציפּן לויט דער האַנדלונג פון זייערע אָנהענגער. מיין לעבנס־דערפאַרונג האָט מיך געלערנט, אַז אויך אַנאַרכיסטן האַנדלען אָפּט זייער שלעכט, ניט אַכטנדיק אויף זייער גרויסן אידעאַל. אין דעם לויף פון מיינע זכרונות וועט דער לעזער האָבן די געלעגנהייט באַקאָנט צו ווערן מיט פיל אַזעלכע ביישפּילן; און פונדעסטוועגן האָט עס אויף דאָס מינדסטע ניט געווירקט אויף מיר, אַז איך זאָל אויף איין מאָמענט נאָר פאַרלייקענען מיינע אַנאַרכיסטישע איבערצייגונגען.

אָבער צו יענער צייט, ווען איך בין נאָך געווען אַזוי יונג, ווען איך האָב נאָך ניט געקאָנט אָפּטיילן איינעמ׳ס פּרינציפּן פון זיינע האַנדלונגען אין לעבן, האָט דער דאָזיקער אומגערעכטער אורטייל פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי מיר געמאַכט פאַרהאַסן דעם גאַנצן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם. באַזונדער האָט עס מיר געערגערט, וואָס אין דער גאַנצער פאַרזאַמלונג האָט זיך ניט געפונען קיין איינציקער, וועמען דער גערעכטיגקייט־געפיל זאָל צווינגען זיך שטעלן אויף אונדזער זייט, כאָטש איך בין געווען זיכער, אַז גאָר פיל צווישן זיי האָבן סימפּאַטיזירט מיט אונדז.

פונדעסטוועגן ווייס איך ניט, צי איך וואָלט זיך אַזוי גיך דערקלערט אַלס אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסט, ווען עס וואָלט ניט באַלד פּאַסירט דער שרעקלעכער מאָרד אין שיקאַגאָ פון פּאַרסאָנס, שפּיז און די אַנדערע שיקאַגאָער אַנאַרכיסטן.

* * *

נאָר לאָמיר גיין כסדר, אַזוי ווייט ווי עס וועט מעגלעך זיין פאַר מיר אַרויסצורופן אין מיין זכרון די פאַרגאַנגענהייט אין אַ כראָנאָלאָגישער אָרדענונג.

א שטיקל צייט נאך דעם פסק־דין פון דער סאציאליסטישער פארטיי האט נאך דער „רוסקי פראגרעסיווני סאיוז" עקזיסטירט. אונדזער האפענונג צו געפינען גערעכטיגקייט האבן מיר נאך אלץ ניט אויפגעגעבן. מיר האבן זיך געווענדט צו די רוסישע רעוואלוציאנערן אין זשענעווא און אין בערן. מיר האבן אין לאנגע און קלארע בריוו דערקלערט זיי אונדזער סכסוך מיט מילער'ן, און אויך ווי ער האט געהאנדלט, און זיי געבעטן משפטן צווישן אונדז און אים.

איצט זע איך איין, ווי נאאיוו מיר האבן געהאנדלט. וואס האבן די דארטיקע רעוואלוציאנערן געקאנט טאן אין אזא פרעמדער פאר זיי אנגע־לעגנהייט. נאר וואלטן זיי אונדז לכל־הפחות געענטפערט אין דעם דאזיקן זין, וואלטן מיר געווען גאנץ צופרידן; אבער זיי האבן מיט קיין ווארט ניט געענטפערט, און מיר אלע האבן דעמאלט געפילט, אז אויך צווישן די רוסישע פרייהייטס־קעמפער קאן מען קיין גערעכטיקייט ניט געפינען; אז די שרעקלעכע פארטייאישקייט און די דיסציפלין מאכט זיי טויב און בלינד.

און אזוי, ביסלעכווייז, איז דער „רוסקי פראגרעסיווני סאיוז", פון וועלכן איך בין געווען דער לעצטער פראטאקאל־סעקרעטער, געשטארבן זיין נאטירלעכן טויט, און די מערסטע פון אונדז האבן אריבערגעטראגן זייער פראפאגאנדע אויף אן אנדער פעלד, אויף דעם פעלד פון דער אידיש אנאר־כיסטישער פראפאגאנדע.

10. די גרופע „פיאנערע דער פרייהייט"

איך קאן ניט זאגן גענוי, ווען די גרופע „פיאנירע דער פרייהייט" האט זיך געגרינדעט, און וועמעס אייגנטלעכער אויפטו דאס איז געווען. איך האב זיך אנגעשלאסן אן איר, ווען זי האט שוין עקזיסטירט. איר הויפט־אויפגאבע איז געווען די פארשפרייטונג פון דעם לאנדאנער „ארבייטער פריינד", וועלכער איז דאן רעדאגירט געווארן פון פיליפ קראנץ, מיט דער מיטארבייטערשאפט פון י. יאפע און מאריס ווינטשעווסקי.

דער „ארבייטער פריינד", צי מיט רעכט צי ניט, איז דאן פון דער קליינער גרופע באטראכט געווארן אלס צייטונג, וואס איז שטארק גענייגט צום אנארכיזם; און די גרופע האט געמאכט פאר איר אויפגאבע צו העלפן זיין פארשפרייטונג און שטיצן אים פינאנציעל, ווי ווייט מעגלעך.

דערוואוסט האב איך זיך פון דער גרופע דורך ר. לואיס'ן.

איינמאל, אויף א מיטינג וואו אלעקסאנדער יאנאס האט גערעדט, האט ער מיר אנגעהויבן דערציילן וועגן דער גרופע און איר טעטיקייט, און ער האט מיר געבעטן קומען און זיך אנשליסן אן איר.

איך האב זיך אנגעכאפט אן דעם פארשלאג, ווייל שוין פאר א לענ־גערער צייט האט מיך „געבאדערט" דער געדאנק: פארוואס האלטן מיר ניט

אַף אונדזערע פאַרזאַמלונגען אין אידיש? נאָכאַלעמען איז דאָך דער עולם, וואָס קומט צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען, אַן עכט אידישלעכער, און גאָר פיל פון זיי פאַרשטייען קוים וועגן וואָס מיר ריידן און קריגן זיך אַזוי שטאַרק.

איך האָב דעריבער, נאָכדעם ווי ער האָט מיר געזאָגט וואו און ווען איך זאָל קומען, אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיכער קומען, און טאַקע גלייך זיך אָנשליסן צו דער גרופּע.

דאָרט האָב איך געפונען אייניגע יונגעלייט, וועלכע איך האָב נאָך ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט געזען. ר. לואיס איז געווען מיין אייציקער באַקאַנטער — און אַלצדינג האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער דריקנדיקן איינדרוק.

דער מיטינג איז געווען אין אַ קליין צימערל, אין אַ סאַלון אויף עלען סטריט. ווי איך האָב באַלד אויסגעפונען, איז דאָס געצאָלט פאַר דעם הינטער־צימער, וועלכער איז געווען זייער שוואַך באַלויכטן פון אַ קליינעם געלן געז־פלאַם, באַשטאַנען אין דעם, וואָס יעדער איינער פון די באַזוכער האָט געדאַרפט נעמען אַ גלאָז ביר און באַצאָלן פאַר דעם 5 סענט.

דער גאַנצער מיטינג האָט געהאַט דעם אָנבליק פון עפּעס קאָנספּיראַ־טיוועס. אָבער אַז איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם וואָס מען האָט גערעדט, צו דעם וואָס האָט פּאַסירט נאָכדעם ווי מען האָט מיר אויפגענומען, אָן צערעמאָניעס, אַלס מיטגליד פון דער גרופּע, האָב איך אויסגעפונען, אַז דער צענדליג יונגע אַרבייטער האָבן חלילה קיין בייז ניט געמיינט.

דער סעקרעטער איז דאַן געווען רודאַשעווסקי, וועלכער האָט זיך גערופן רודאַש, און האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן דוקא אין וואַשינגטאָן, וואו די סאַמע טומאה, די רעגירונג, געפינט זיך.

צו יענער צייט איז ער געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אַ קליין, ריי־רעווודיק מענטשל, וועלכער האָט נאָך דערצו זיך אַביסל פאַרהיקעוועט, ווייל עס האָט אים פשוט אויסגעפעלט אָטעם.

ער האָט אין זיין באַריכט צו דער גרופּע דערציילט וויפיל „אַרבייטער פריינדס" עס האָבן זיך פאַרקויפט אין משך פון לעצטן מאָנאַט.

אַ צווייטער — אַ שניידער מיט׳ן נאָמען דוד גאָלדשטיין, וועלכער האָט זיך געשניטן אויף אַ פּאָעט און האָט דאַן און שפּעטער גאַנץ שטאַרק קאָנקורירט מיט מאָריס ראָזענפעלד׳ן — האָט מיטגעטיילט, אַלס איינער פון אַ האָל־קאָמיטע, אַז ער האָט געזוכט אַ פּאַסנדיקן — דאָס הייסט אַ ביליגן — האָל, וואו איינער אַ זאָלצבערג האָט איינגעוויליגט צו האַלטן פאַר דער גרופּע אַ רעדע אין אידיש. איז אויב ער וועט נאָך די וואָך קריגן דעם האָל, וועט ער גלייך לאָזן וויסן וועגן דעם גענאָסע זאָלצבערג, און דער ערשטער מאָס־מיטינג, איינגערופן פון דער גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט", וועט זיין אַ פאַקט.

דאָס האָט געבראַכט דעם עולם אין גאַר אַ געהויבענער שטימונג, און ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם פאַרגעניגן צו נעמען נאָך אַ גלאָז ביר.

מיט דעם האָט דער מיטינג געזאָלט זיך ענדיגן. פונדעסטוועגן זייבען די אָנוועזנדיקע געבליבן אַרום טיש, אַזוי ווי עס וואָלט נאָך געדאַרפט עפּעס פּאַרקומען. אויף מיין פראַגע ביי לואיס'ן אויף וואָס מען וואַרט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אויב איך וויל, קאָן איך גיין; אָבער זיי וואַרטן אויף זאָלאָ־טאַראָוון, וועלכער האָט קיין צייט ניט קומען פריער, ווייל ער האָט אין אָוונט אַ פּאָר לעסאָנס אין ענגליש.

איך האָב דעם נאָמען זאָלאָטאַראָוו געהערט צום ערשטן מאָל. אויף די רוסישע פאַרזאַמלונגען האָב איך אים ביז דאַן קיינמאָל ניט באַגעגנט, בין איך, נאַטירלעך, געווען נייגעריג צו קענען דעם יונגנמאַן, וועלכער גיט לעסאָנס אין ענגליש, און אויף וועמען אַלע וואַרטן.

און טאַקע אין עטלעכע מינוטן אַרום איז ער אַריינגעקומען.

זאָלאָטאַראָוו איז געווען אַ קליינטשיקער, אַ דאַרער יונגערמאַן, אָבער פול מיט פייער. ער האָט דערציילט וועגן אַ מיטינג, וועלכן ער האָט אַד־רעסירט אין נוואַרק און געהאַט אַ גרויסע דעבאַטע מיט אַ דאָרטיקן סאָציאַל־דעמאָקראַט. ער האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט אויף דעם מאַס־מיטינג וואָס ווערט געפּלאַנעוועט און זאָלצבערג דאַרף דאָס זיין דער הויפּט־רעדנער.

אגב אורחא איז דאָס געווען דער ערשטער מיטינג אין ניו יאָרק, וואָס איך האָב בייגעוואוינט, אויף וועלכן מען האָט גערעדט בלויז אידיש — און אַ גוטן אידיש — אַ אידיש וואָס איך האָב דאַן נאָך ניט געקענט, ווייל מיין אידיש האָט געשמעקט צו שטאַרק מיט דייטש.

דאַן איז זיין בליק געפאַלן אויף מיר. „אַהאַ, אַ נייער!" — האָט ער אויסגעשריען. מיר האָבן זיך טאַקע גלייך באַקענט, און שוין אין דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אונדזערער, גייענדיק פון מיטינג, האָבן מיר זיך גוט צעאַמפּערט, כאָטש איך הויב ניט אָן געדענקען וועגן וואָס.

11. מיין ערשטע רעדע אין אידיש

דער ערשטער מאַס־מיטינג, איינגערופן פון די „פּיאָנירע דער פריי־הייט" אין אַ האָל אויף פאָרסייט סטריט, נאָך אַלץ אין אַ הינטער־צימער פון סאַלון, כאָטש שוין פיל גרעסער ווי דער, אין וועלכן מיר האָבן אָפּגע־האַלטן אונדזערע גרופּ־מיטינגען, האָט געהאַט אַ גאַר גרויסן דערפאָלג. דער האָל איז געווען געפּראַפּט מיט אַ אידישן אַרבייטער־עולם פון איבער אַ הונדערט מענטשן, און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט האָט זיך דער עולם צוגעהערט צו די אַרגומענטן פאַר סאָציאַליזם.

קיין גרויסער אָראַטאָר איז זאָלצבערג ניט געווען. זיין שטים איז געווען אַ הייזעריגלעכע; אָבער אַזוי ווי אַ אידישע רעדע איז דאַן געווען אַ

גרויס זעלטנקייט, און גערעדט האָט ער איינפאַך און איבערצייגנדיק, האָט דער עולם געשלונגען יעדן וואָרט, און די מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן זיך געפילט ווי אויפ׳ן זיבעטן הימל.

יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט, אַז ענדלעך איז די גרופּע אַרויסגעטראָטן אין עפנטלעכן, קאָכעדיקן לעבן, און אַז זי האָט פאַר זיך אַ גרויסע צוקונפט.

דאַן איז געווען די פראַגע: ווער זאָל זיין דער צווייטער, וואָס זאָל אויפטרעטן אין אַ רעדע אין אידיש? זאָלאָטאַראָוו און לואיס האָבן דערקלערט, אַז זיי פילן זיך דערווייל נאָך ניט בכוח צו האַלטן אַ לעקציע אין אידיש. און אפשר האָבן זיי זיך גאָר געשעמט צו זאָגן אַז זיי קאָנען ריידן גוט אידיש, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט גאָר פיל רוסישע אינטעליגענטן. די איבעריקע זיינען אַלע געווען זייער באַגייסטערטע יונגע אַרבייטער, אָבער קיינער פון זיי האָט אַפילו ניט גע׳חלומ׳ט פון אויפטרעטן אין דער עפנטלעכקייט אַלס רעדנער. איך האָב דעריבער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי פאַרצושלאָגן דער גרופּע „מיינע דינסטע״, ווי מען זאָגט עס אויף דייטש.

אַ סך פון די מיטגלידער האָבן געוואוסט, אַז איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל גערעדט אין רוסיש, און זיי האָבן געגלויבט, אַז איך וועל אויך ניט פאַרשעמען זיי, ווען איך וועל אויפטרעטן אין אַ אידישער רעדע. די מערסטע אָבער האָבן זיך געקווייקלט איבערצוגעבן אין מיינע שוואַכע הענט די צוקונפט פון דער אידישער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. וואָרים, ווען די צווייטע פאַרזאַמלונג זאָל זיין אַ דורכפאַל, דאַן, ווער ווייסט, צי מען וועט קריגן דעם עולם אויף נאָך אַ פאַרזאַמלונג, אַפילו ווען מען זאָל שוין שפּעטער קריגן אַ גוטן אידישן רעדנער.

נאָר אַזוי ווי עס איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען, און לואיס האָט פאַרזיכערט די וואָס האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט געהערט דעבאַטירן, אַז איך קאָן ריידן, ער ווייסט נאָר ניט ווי איך וועל זיך ספּראַווען מיט מיין אידיש, מעג מען ריזיקירן.

מיט אַ געפיל פון גרויס מורא האָט די גרופּע איינגעשטימט, אַז איך זאָל זיין דער באַנער־טרעגער פון דעם אידישן אַנאַרכיזם ביי דער דאָזיקער גרויסער געלעגנהייט.

און איך האָב גאַנץ שטאַרק געפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איך האָב גענומען אויף זיך. אין דער אמתן איז עס געווען אַ גרויס איינשטעלעניש פון מיין זייט. ביז דאַן האָב איך נאָך קיינמאָל זיך אַליין ניט געהערט ריידן אידיש אין דער עפנטלעכקייט; און איך בין גאָר ניט געווען שטאַרק זיכער מיט זיך. אָבער — וואָס נעמט זיך ניט אונטער אַ ליטוואַק?

אַלס טעמע האָב איך אויסגעוויילט: „לוינאַרבייט און קאַפּיטאַל״, ניט

חלילה צו קריטיקירן די תורה פון קארל מארקס, נאר איר צו פאפולאריזירן פאר דעם אידישן עולם.

איך האב זיך גוט צוגעגרייט. עס איז געווען דאס ערשטע און דאס לעצטע מאל, וואס איך האב געקענט מיין רעדע כמעט ווי אויף אויסווייניג; און פונדעסטוועגן בין איך געווען שרעקלעך נערוועז. איך קאן נאך ביז היינט זיך ניט דערקלערן פארוואס. אמת, איך בין נאך געווען גאר א פריץ אויף דער פלאטפארמע, אבער דאך האב איך אין רוסיש זיך געפילט כמעט היימיש; אבער אז עס איז געקומען צו ריידן אין אידיש — אין מיין מאמע־לשון — האב איך זיך געפילט אין אן אומבאגרייפלעכער נערוועזי־טעט, אזוי אז אין די ערשטע פאר מינוטן האט דער האל מיט די מענטשן מיר געשווינדלט פאר די אויגן.

איך האב גאנץ מעכאניש אויסגעדרייט דעם געז, וואס האט מיר גע׳שרפ׳עט אין איין זייט פון מיין פנים, האב זיך צוזאמענגענומען מיט אלע מיינע כחות און האב אנגעהויבן מיין לעקציע.

און לאמיך זיך מודה זיין, אז ווען איך האב גערעדט האב איך ניט געוואוסט, צי מיין ריידן האט וועלכן עס איז זין. און ווען איך האב גע־ענדיגט, און דער טשערמאן האט אויפגעפאדערט דעם עולם צו שטעלן פראגן, אויב עטוואס אין דער רעדע פון לעקטשורער איז אים ניט קלאר, האט עס מיך באמת שטארק געוואונדערט, ווען א פאר מענטשן פון עולם האבן זיך געמעלדעט צום ווארט.

הייסט עס דאך — האב איך געטראכט — אז מענטשן האבן זיך יא פאראינטערעסירט מיט דעם וואס איך האב גערעדט. און ווען איך האב אינדערשטיל געפרעגט דעם טשערמאן ווי לאנג איך האב גערעדט, און ער האט מיר געענטפערט: „איבער א שטונדע" — בין איך געווען באמת איבער־ראשט — ווי אזוי האב איך געקאנט האלטן דעם עולם אזוי לאנג?

נאך מער אבער בין איך איבערראשט געווארן, ווען נאכ׳ן מיטינג איז צו מיר צוגעגאנגען נעטער — דער גוטער, ליבער נעטער — און האט מיר געגעבן א גרויסן יישר־כוח א הארציקן. ער האט מיר געזאגט, אז איך האב איבערגעטראפן אלע זיינע דערווארטונגען. ער האט געלויבט מיין אויסגעצייכנטן אידיש, און דאן די לאגישקייט און די ארדענונג, אין וועלכע איך האב ארויסגעבראכט מיינע געדאנקען.

עס איז ווירקלעך געווען א גליק, וואס בעת איך האב גערעדט האב איך קיין באשטימטע פנים׳ער ניט געזען פאר מיינע אויגן; דערפאר האב איך אויך נעטער׳ן ניט געקאנט זען מער ווי אן אנדערן.

נעטער׳ס אנוועזנקייט אליין, ווען איך וואלט פון דעם געוואוסט, וואלט מיר שטארק צעמישט. ווארים איר דארפט וויסן, אז מיר האבן צו דעם מאן געפילט די העכסטע אכטונג. מיר האבן אים געהאלטן פאר א שטארק באלעזענעם מענטשן. מיר פלעגן אפט קומען אין זיין קרעמל, וואס

ער האָט געהאַט אין אַ „בייסמענט״ אין סאָפאָלק סטריט, און מיר פלעגן דאָרט זיך מפלפל זיין איבער פאַרשיידענע פראַגן. גאַנץ אָפט איז זיין וואָרט געווען דאָס אַנטשיידנדיקע וואָרט.

איך האָב זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל קומען צו איינעם פון אונדזערע מאָס־מיטינגען. און איך גלויב, אַז די אורזאַך פון זיין קומען צו דעם מיטינג איז געווען אַ גאַנץ פשוט׳ע: דער האָל, וואו איך האָב געהאַלטן מיין ערשטן אידישן לעקטשור, איז געווען טאַקע אין סאָפאָלק סטריט, ניט ווייט פון זיין קרעמל; און זייענדיק פרייטאָג אָוונט ניט צו־ביזי, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין האָל בלויז צוליב נייגעריקייט, אָדער אפשר מיט דער כונה אונדז גוטמוטיק צו קיבעצן, אויף וואָס ער איז אָפט געווען אַ גרויסער בעלן.

איז אָט, ווען ער האָט מיר געמאַכט דעם קאָמפּלימענט, האָט ער ווירקלעך אַריינגעבלאָזן אין מיר אַ נייע נשמה. עס איז זיכער, אַז די פּאָר לויב־ווערטער פון נעטערן האָבן מיר שטאַרק געהאָלפן אין מיין ווייטער־דיקער טעטיגקייט אַלס אידישער רעדנער.

און אַז איך האַלט שוין דערביי, קאָן איך זיך ניט צוריקהאַלטן פון זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן נעטער׳ן, דעם ניט נאָר ליבעסווירדיקן, נאָר אויך דעם גרויסן מענטשן, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונדזער לעבן, ווען מיר זיינען נאָך געווען אַזוי יונג, און אויך אין אונדזער אַלגעמיינער באַוועגונג.

ערשטנס איז ער געווען, ווי מען זאָגט, אַ מענטש אַ זייד. דאָס איז געווען אַ נאַטור, וואָס האָט איבערגעפלאָסן מיט ליבע צו זיינע מיטמענטשן. זיין ערנהאַפטיגקייט, אַפילו צו די ביטערסטע געגנער, איז געווען ווירקלעך אַזאַ, וואָס איך האָב געטראָפן ביי זייער ווייניג מענטשן, אַפילו צווישן די סאַמע בעסטע וועמען איך האָב געקענט.

זיין קרעמל איז געווען פאַר פיל פון אונדז די הויפּט־קוואַרטיר. דאָרט האָבן מיר גענאָסן די העכסטע מענטשפריינטלעכקייט; און גאָר גערן פלעגן מיר דאָרט פאַרברענגען, צענויפקלייבנדיק זיך הינטער׳ן קרעמל אין אַ קליינעם צימער. געהאָלפן האָבן אים אין זיין גרויסער גאַסטפריינטלעכקייט זיין טאָכטער עני (די פרוי פון דר. מייקל קאָהען) און אויך זיין אייגענע פרוי, אַ גאַנץ איינפאַכע, אָבער אַ זייער גוטע, ליבהאַרציקע פרוי.

אַחוץ זיין גרויס האַרץ איז נעטער געווען אַ מענטש פון באַדייטנדיקער באַלעזנקייט און פון גאַנץ פעסטע איבערצייגונגען. ער האָט געהאַסט דעם רעליגיעזן אַבערגלויבן בתכלית השנאה; און אַ באַקעמפער פון רעליגיע איז ער געבליבן פאַר זיין גאַנצן לעבן.

ער איז אויך געווען אַ איבערצייגטער קאָסמאָפּאָליט און אַ ביטערער באַקעמפער פון נאַציאָנאַליזם אין אַלע זיינע געשטאַלטן. מיט יאָרן שפּע־טער, ווען די אידישע פירער פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָבן שלום

געמאַכט מיט דער רעליגיע — אונטער דעם אויסרייד, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך — האָט נעטער, פון זיין זייט, בשום אופן ניט געקאָנט צו־שטימען דערצו; און שוין צוליב דעם אַליין האָט ער זיך דערנענטערט צו די אַנאַרכיסטן.

ער האָט שטאַרק ניט־ליב געהאַט דעם „פאָרווערטס" און דעם גאַנצן אופן פון זיין אַגיטאַציע; אָבער מער פון אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט גע־האַלטן פאַר נויטיק צו מאַכן אַלערליי קאָמפּראָמיסן מיט דער „דומקייט און רעליגיעזן אָבערגלויבן" פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער פיל געשריבן פאַר דער „פרייער אַרביי־טער שטימע"; און כאָטש מיר זיינען פאַרבליבן די בעסטע גוטע־פריינט ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן; און כאָטש ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער „פּ. אָ. ש." אַלס קאַמף־און אויפקלערונג־אָרגאַן — דאָך, אין די לעצטע פאַר יאָר, האָט ער אויך צו מיר תרעומות געהאַט, הלמאי איך באַ־קעמף ניט די רעליגיע און דעם נאַציאָנאַליזם אַזוי שטאַרק, ווי איך וואָלט עס געקאָנט און געדאַרפט, לויט זיין מיינונג, טאָן.

ווען ער איז געוואָרן שפּעטער פאַר עטלעכע יאָר צייט דער מענעדזשער פון דער „צוקונפט", וועלכע איז נאָך דאַן ניט געווען אַריבער אויף קעסט ביים „פאָרווערטס", האָט ער ממש אַוועקגעלייגט דאָס לעבן פאַר דעם זשורנאַל. גאָר אָפט האָט ער ניט גענומען די וויידזשעס, וואָס אים האָט געקומט, און אין זיין שטוב איז קוים געווען ברויט גענוג. דאָס האָט אים גאַנץ ווייניג געקימערט. די הויפּט־זאַך איז פאַר אים געווען, אַז די „צו־קונפט", וועלכע איז דאַן, אין איר אינהאַלט, געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי די איצטיקע, זאָל קאָנען דערשיינען יעדן מאָנאַט, וואָס איז דאַן געווען אַ שווע־רע אויפגאַבע צו דערפילן.

יאָ, נעטער איז געווען אַ זעלטענער מענטש, פול מיט ליבע פאַר יעדן און מיט פעלזן־פעסטע איבערצייגונגען. פאַר אונדז, יונגוואַרג, וואָס איז דאַן געווען אַזוי עלנד, איז ער געווען אַן אמת'ער קוואַל פון הויכן דענקען און פילן, און פון אַ מוסטערהאַפטן לעבן אין דער דעמאָלטיקער זייער אומ־אַנגענעמער סביבה אין דער אידישער ניו יאָרק.

אַט דערפאַר זיינען די פאַר לויבווערטער פון אים פאַר מיין ערשטער אידישער רעדע געווען פון העכסטן מאָראַלישן ווערט.

12. די יאָרן 1886—1887

דאָס זיינען געווען די צוויי יאָר, וועלכע האָבן געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויף מיין ווייטערדיקן לעבן. איך מעג זאָגן אָן גוזמא, אַז די פּאַסירונגען פון אַט די צוויי יאָר האָבן מיך אינגאַנצן איבערגעשאַפן.

זאָל דער לעזער האָבן אין זינען, ווי יונג און אומדערפאַרן איך בין

דאן נאך געווען; ווי שטארק איך האב נאך געגלויבט, אז אמעריקע איז „דאס לאנד פון די פרייע און בראווע“ אין דערווירקלעכקייט, און ער וועט לייכט קאנען באגרייפן ווי איך האב זיך געמוזט פילן ביטער אנטוישט, ווען איך האב געלייענט אין דער צייטונג א שטיקל נייעס, למשל, אז א ריכטער אין ניו יארק האט פאראורטיילט צו לאנגע טערמינען געפענגעניש אייניגע ארבייטער נאר דערפאר, ווייל זיי האבן געפאדערט פון א געוויסן סאלונ־קיפער, אז ער זאל זיך באגיין מענטשלעך מיט די ווייטערס, וועלכע האבן פאר אים געארבייט, און צוליב וואס זיי האבן „געפיקעט“ דעם סאלון און פארלאנגט פון די פארבייגייענדיקע, ניט אריינצוגיין אהין ביז דער סאלונ־קיפער וועט איינזען, אז זיינע ארבייטער זיינען אויך מענטשן, און ער מוז זיי באהאנדלען אלס אזעלכע.

ווען איך האב איבערגעלייענט פארוואס א ניו יארקער ריכטער האט פאראורטיילט עטלעכע ארבייטער־פירער צו סינג־סינג געפענגעניש, בין איך ווירקלעך נשתומם געווארן. איך האב געטראכט: „אט דאס איז דאס לאנד, וואו עס איז קיין צאר ניטא? אט דאס איז דאס לאנד פון דער פיל־געַ־רימטער פרייהייט און גלייכהייט.“

א צווייטער ריכטער האט געהאנדלט פונקט אזוי, פאראורטיילנדיק אייניגע ארבייטער, וועלכע האבן „געפיקעט“ דעם שאפ, אין וועלכן זיי האבן געסטרייקט. בלויז דאס פארבייגיין פאר דעם שאפ האט דער ריכטער באטראכט פאר פונקט אזא פארברעכן, ווי זיי וואלטן אים באפאלן.

אויך אין יענער צייט האט די פאליס אין יעדן ארבייטער־סטרייק ארויסגעוויזן א געוואלדיקע ברוטאליטעט.

אין מיין דעמאלסטדיקער נאאיוויטעט האב איך זיך אליין געפרעגט: „וואס־זשע איז דא? דאס רעכט צו סטרייקן איז דא, איז געזעצליך און גאראנטירט; און דאך, אז ארבייטער גייען־ארויס אין סטרייק פאר א הע־כערן ארבייטס־לוין, באהאנדלט מען זיי, אזוי ווי זיי וואלטן געווען ווילדע חיות! איז דאך שוין פיל בעסער אין אזא לאנד ווי רוסלאנד, וואו די ארבייטער ווייסן לכל הפחות אין פאראויס, אז סטרייקן טאר מען ניט!“

פון דער אנדער זייט, אבער, איז מיין הארץ פול געווען מיט אמת׳ער באגייסטערונג, ווען איך האב געלייענט וועגן דעם ווי די ארבייטער שרעקן זיך ניט אפ פאר די אלע גרויזאמע באשטראפונגען און קעמפן מיט נאך מער ברען.

מיט אזעלכע ארבייטער, בין איך דאן געווען זיכער, וועט דער אמערי־קאנער געלט־זאק, געשיצט פון זיינע געדונגענע קאזאקן, פינקערטאנס (דעטעקטיוו אגענטור) און ריכטער גאר ווייניג וואס אויספירן. מען קאן פארשפארן אין די געפענגעניסן עטלעכע צענדליג — יא, הונדערטער — אבער זיי קאנען דאך דאס ניט טאן מיט די מיליאנען ארבייטער!

און וואס מער די סטרייק־כוואליע האט זיך געהויבן איבער דער גאנ־

צער לייגג און ברייט פון לאַנד, אַלץ שטאַרקער איז געוואקסן מיין באַגייס־טערונג פאַר דעם גרויסן פרייהייטס־קאַמף. און — ווי מאָדנע דאָס מעג אויסזען פאַר דעם לעזער פון אונדזער צייט, — האָב איך דאָך דאַן געגלויבט באמונה שלימה, אַז עס איז דער „אַנהויב פון סוף״, אַז די גאולה פון אַר־בייטער־קלאַס איז פאַר דער טיר.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען איך וואָלט ניט אַזוי געגאַרט נאָך דער גרויסער דערלייזונג פון אַלע געקנעכטע און פאַרשקלאַפטע, וואָלט איך שוין דעמאָלט געקאַנט זען ווי ווייט עס איז אין אמת׳ן נאָך פון דעם. איך וואָלט גאַנץ לייכט געקאַנט אויסגעפינען ווי שוואַך די אַרבייטער זיינען נאָך אָרגאַניזירט. דער פאַקט איז, אַז די „נייטס אָוו לייבאָר״, וואָס איז געווען, לויט איר כאַראַקטער, האַלב־יוניאָן און האַלב לאָדזש, האָט קוים געציילט אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער איבער׳ן לאַנד. די „אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר״ איז נאָך געווען אין די ווינדעלעך. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, וועלכע האָט שוין דאַן געהאַט אַן אמת גוטע און גרויסע צייטונג, אָבער ווייטער ווי די אַריבערגעקומענע דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטן האָט די צײַ־טונג ניט דערגרייכט. דאָסזעלבע איז געווען דער פאַל מיט די אַנאַרכיסטן, פון וועלכע דער באַרימטער יאָהאַן מאָסט איז געווען דער פירער.

אויף דער אידישער גאַס איז אויך ניט געווען פיל וואָס זאָל באַגייסטערן פאַר דעם געדאַנק, אַז אָט־אָט און עס קומט די גאולה, די סאָציאַלע רעוואָלוּ־ציע. נאָר וואו־ניט־וואו האָט עקזיסטירט אַ שוואַך יוניאָנדל, וואָס האָט היינט געלעבט און מאָרגן איז שוין פון איר קיין זכר ניט געבליבן. פון אַ אידישער אַרבייטער־באַוועגונג גאָר צו טראַכטן איז געווען אַ משוגעת. זייער קליין איז נאָך דאַן געווען די צאָל אידן אין אַמעריקע, און עס איז אויך קיין סימן ניט געווען פון ספּעציעלע אידישע טריידס. די נאָדל אינ־דוסטרי, מיט אירע צענדליקער טויזנטער אַרבייטער פון היינט, זיינען נאָך דאַן גאָר ניט געבוירן געוואָרן. דאָס ביסל אידישע אַרבייטער, וועלכע האָבן געאַרבייט ווער ביי סיגאַרעטן, ווער ביי העמדלעך און ווער ביי אַנ־דערע אַזעלכע אַרבייטן, האָבן זיך גאָר ניט אָנגעזען. און דערפאַר, צוליב אָט די אַלע אָנגעגעבענע אורזאַכן, האָט איינער, וואָס איז אינגאַנצן ניט געווען פאַרבלענדט פון אַ געוויסן געדאַנק — ריכטיגער, פון אַ שטאַרקן וואונטש—ניט געקאָנט גאָר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר דערנענטערן זיך צו דער צייט פון דעם צוזאַמענברוך פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אָבער, ווי דער אמת איז, האָב איך פון דעם אַלעמען ניט געוואָלט וויסן. איך האָב עס ניט געוואָלט זען; און קיינער איז ניט אַזוי בלינד, ווי דער וואָס וויל ניט זען, און צוזאַמען מיט גאָר פיל אַנדערע האָב איך געגלויבט, אַז מיר דערנענטערן זיך מיט ריזן־טריט, מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט, צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דערפאַר וועט זיין פאַר׳ן לעזער פאַרשטענדלעך אונדזער שטעלונג צו

אַלע אַנדערע באַוועגונגען און ריכטונגען פון יענער צייט. מיר האָבן זיי אַלע פאַרדאַמט אַגולנע אַלס קאַפּיטאַליסטישע „מאַכערייקעס”, כדי אָפּצר־ווענדן די אַרבייטער פון דער רעוואָלוציע, און אויף אַזאַ אופן אָוועקנעמען אַ טייל פון זייער ענערגי און באַגייסטערונג, וואָס דאַרף זיין געווידמעט בלויז צום געדאַנק פון דער רעוואָלוציע.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן גאָר אַנדערש ניט געקאָנט ווי באַטראַכטן אַלע די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ סאָרט באַוועגונגען, אַלס פּשוט׳ע פאָלקס־באַטריגער, וואָס פאַרפירן אים אויף אַלערליי פאַלשע וועגן, אַבי ער זאָל ניט גיין אויפ׳ן איינציקן ריכטיקן וועג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

איצט זע איך, ווי נאַאיוו איך בין דאַן געווען. אָבער צו יענער צייט, און פאַר אַ לאַנגער צייט נאָכדעם, בין איך נאָך אַלץ געווען מיט דערזעלבער מיינונג ווי מאָסט, אַז דער גאַנצער קאַמף פאַר דעם 8־שטונדן־טאָג, למשל, איז אַ פאַרשווענדונג פון צייט און ענערגיע. ניט פאַר דעם דאַרפן די אַר־בייטער אַרויס אין קאַמף, נאָר פאַר זייער פולער באַפרייאונג און דערלייזונג. און דאָס האָבן מיר דאַן באַטראַכט פאַר גאָר ניט קיין שווערע זאַך.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס איך, און מיט מיר צוזאַמען די מערסטע אַנאַרכיסטן, זיינען געווען גאָר ווייניג באַגייסטערט פאַר דער גאַנצער קאָכעניש מיט דעם קומענדיקן ערשטן מאַי אין 1886 פאַר׳ן 8־שטונדיקן אַרבייטס־טאָג.

עס איז אמת, אַז צווישן די אַנאַרכיסטן פון דער איסט, וועמעס פאַר־שטייער עס איז געווען דער באַרימטער אָראַטאָר און פרייהייטס־קעמפער יאָהאַן מאָסט, וועלכער האָט מערסטנס רעפּרעזענטירט די דייטשע אַנאַר־כיסטן, און די אַנאַרכיסטן פון דער וועסט, די פאַרשטייער פון וועלכע עס זיינען געווען די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטן — ווי פּאַרסאָנס, שפּיז און די אַנדערע, וועלכע האָבן מער אָדער ווייניגער רעפּרעזענטירט דעם ענגליש־ריידנדיקן עלעמענט אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, איז געווען אַ גאַנץ שטאַרקע מיינונגס־פאַרשיידנקייט. די אַנאַרכיסטן אין ניו יאָרק האָבן איינ־גאַנצן ניט געהאַלטן פון דער 8־שטונדן־באַוועגונג פון יענע טעג. זיי האָבן איר געמאַכט צו קליינגעלט. זיי האָבן איר געשטעלט אויף איין ברעטל מיט אַלע אַנדערע בורזשואַזע רעפאָרמעס; און, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, שיינט מיר, אַז מאָסט איז צו יענער צייט אַרויסגעטראָטן גאַנץ שאַרף און אָפן קעגן אָט דער גאַנצער „באַוועגעכץ”, דערקלערנדיק, אַז די אַנאַרכיסטן, אַלס אַזעלכע, קאָנען ניט האָבן קיין שייכות מיט איר.

ניט אַזוי אָבער האָבן געדענקט און געפילט די אַנאַרכיסטן פון דער וועסט, און איבערהויפּט פון שיקאַגאָ. זיי זיינען געווען אריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין די טאָג־טעגלעכע קאַמפן פון די דאָרטיקע אַרבייטער. זיי זיינען געווען זייערע אַגיטאַטאָרס און וואָרטפירער. זיי, מיט זייערע צייט־טונגען — שפּיז מיט זיין „אַרבייטער־צייטונג”, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ

גרויסע צירקולאציע פאר יענער צייט; פארסאנס מיט זיין אויסגעצייכנטער וואכנשריפט „דהי אלארם“ — האבן געהאט א באדייטנדיקן איינפלוס אויף די ארבייטער. זייער גאנץ לעבן איז געווען צונויפגעגאסן מיט דעם לעבן פון די ארבייטער, און זיי האבן מיט'ן גאנצן פייער פון זייערע גרויסע נשמות זיך אריינגעווארפן אין דער 8־שטונדן־באוועגונג, וויסנדיק ווי שטארק דער אפיל פאר אכט שטונדן ארבייט קאן אפעלירן צו די גרויסע ארבייטער־מאסן.

איך וועל אייך, נאטירלעך, ניט שווערן, אויב אויך ביי די אנארכיסטן אין שיקאגא איז די 8־שטונדן־באוועגונג געווען ניט מער ווי א מיטל צום צוועק — דאס הייסט, דורך דער באוועגונג אנצופאנגען דעם קאמף פאר דער אפשאפונג פון דער גאנצער קאפיטאליסטישער ארדענונג. פון זייערע רעדעס, וואס זיי האבן געהאלטן פאר זייערע ריכטער, איז קלאר, אז דער דאזיקער געדאנק איז געווען גאנץ פעסט אין זייערע מוחות, און זיי האבן פון דעם קיין סוד ניט געמאכט, ניט ווען זיי האבן גערעדט אדער געשריבן פאר די גרויסע ארבייטער־מאסן, און אויך ניט פאר זייערע ריכטער. אבער זיי זיינען זיך דעמאלט פאנאנדערגעגאנגען מיט מאסט'ן און מיט אונדז אלע אין אט וועלכן פונקט. בעת מיר האבן דאן באמת געגלויבט, אז אלע אזעלכע באוועגונגען פירן־אוועק די ארבייטער פ ו ן דער רעוואלוציע, האבן זיי געגלויבט, אז זיי פירן דוקא צ ו דער רעוואלוציע.

וואס מיר האט געשטארקט אין מיין דעמאלסטדיקן גלויבן, אז מיר שטייען שוין אויף דער שוועל פון דער רעוואלוציע, איז, ערשטנס, געווען דאס וואס איך האב געהאלטן די רעוואלוציע פאר א פארהעלטניסמעסיק לייכטע זאך דורכצופירן.

מיין געדאנק איז דאן געלאפן אין אומגעפער דער פאלגנדיקער ליניע; סך־הכל זיינען די קאפיטאליסטן בלויז א הייפעלע אין פארגלייך מיט די גרויסע ארבייטער־מאסן. זייערע העלפער און אונטערשטיצער זיינען אויך ניט מער ווי א הייפעלע אין פארגלייך מיט די ארבייטער־מאסן; טא פאר־וואס זאל עס אזוי שווער זיין צו שטירצן אזא ארדענונג? עס איז גענוג בלויז עטלעכע טויזנט ענערגישע מענטשן, מיט וואפן אין די הענט, כדי צו מאכן א גיכן סוף צו דער גאנצער קאפיטאליסטישער פארפוילטער דורך און דורך חורבה.

און זאלן נאר אט די עטלעכע טויזנט אנפאנגען, קאן דאך גאר קיין פראגע ניט זיין מיט ווען די גרויסע מאסן וועלן גיין.

יא, איך האב דאן געהאלטן די רעוואלוציע פאר זייער לייכט דורכצו־פירן, און דערפאר האב איך געגלויבט, אז זי וועט, אז זי מוז אויך באלד ווערן אן אויסגעפירטער פאקט.

די צווייטע אורזאך, וואס האט מיר געמאכט גלויבן, אז מיר זיינען שוין ביים שוועל פון דער באפרייאונג, איז דוקא געווען די קאפיטאליסטישע

פרעסע פון יענער צייט. ווען איך פלעג לייענען די צייטונגען פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, אַז איך פיל בחוש ווי עס ציטערט אויף זיי די הויט פאַר זייער באַלדיקער מיתה משונה. מיט אַ שרעקלעכער בלוטדורשטיגקייט האָבן זיי געהאַלטן אין איין העצן קעגן די סאָציאַליסטן, און באַזונדערס קעגן די אַנאַרכיסטן. זיי האָבן געראָטן איינצוגעבן סם די אַנאַרכיסטן, אַלס די געפערלעכסטע שונאים פון דער געזעלשאַפט. עס איז ניט געווען קיין נידערטרעכטיגקייט, וואָס זיי האָבן זיך דאַן ניט דערלויבט קעגן די, וואָס האָבן נאָר געהאַט דאָס מינדסטע אויסצוזעצן קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג.

מאָסט איז באַטראַכט געוואָרן און פאַרפאָלגט געוואָרן ווי אַ ווילדע חיה; און אַז מען האָט ניט געפונען קעגן אים אַווירקלעכן פאַרברעכן — פאַר וואָס מען זאָל אים קאָנען אונטער וועלכן עס איז אָנשטעל פון רעכט פאַרשפּאַרן אין געפענגעניש פאַר עטלעכע יאָר — האָט מען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די געמיינסטע און לומפּיגסטע ליגנס. מען האָט אין די צייטונגען פאַבריצירט פאַר אים רעדעס; מען האָט אים אין מויל אַריינגעלייגט ווערטער, וועלכע ער האָט ניט גע'חלומ'ט צו זאָגן, און האָט ניט געקאָנט זאָגן. אַזוי ווילד, אַזוי בלוטיק און אומזיניק זיינען זיי געווען.

און אָט, אויף דעם סמך פון אַזעלכע נידערטרעכטיגע צייטונגס־ליגנס, האָט ער ניט איינמאָל געמוזט וואַנדערן אין געפענגעניש, וואו ער האָט אָפּגעפּינצטערט גאָר אַ גרויסן טייל פון זיינע יאָרן.

איז וואָס מער איך האָב געלייענט די גיפט־צייטונגען, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסן ביי מיר די איבערצייגונג, אַז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע געביידע איז, און מוז זיין, אינגאַנצן צעפוילט, און אַז נאָר איין גוטער טרייסל וועט אינגאַנצן מאַכן אַ סוף צו איר. וואָרים אויב ניט, טאָ וואָס איז אַזאַ בייזע מורא אויף זיי?

דאָסזעלבע האָב איך אויך געלערנט פון דעם אופן, ווי די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך פאַרהאַלטן צו די אַרבייטער אין זייערע סטרייקס. מיט דער שרעקלעכסטער רציחה זיינען די סטרייקנדיקע אַרבייטער באַקעמפט געוואָרן. מען האָט אין זיי געשאָסן, ווי אין ווילדע חיות, און עס איז ניט געווען קיין קלעגער און קיין ריכטער.

און לויט ווי איך האָב דאַן געפילט האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, אַז דאָס קאָן לענגער ניט אָנהאַלטן; אַז באַלד־באַלד וועט דער אַרבייטער־ריז זיך דערהויבן אין זיין גאַנצער מאַכט און וועט צעשמעטערן די קייטן, אין וועלכע ער איז געשמידט, ווי מיר פלעגן זיך דאַן אַזוי פאַטעטיש אויסדריקן.

און אַז עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דעם ערשטן מאַי, 1886, און אין ניו יאָרק זיינען פאַרגעקומען אייניגע דעמאָנסטראַציעס, ווי אויך אַ סך מאַס־מיטינגען, צוגונסטן פון דעם ערשטן גענעראַל־סטרייק, איז ווי ניט איינפאַרשטאַנען איך בין געווען מיט דער באַוועגונג, האָט דאָך דאָס

הארץ געטאנצט פון פרייד. עס איז דאך געווען א קלארער סימן, אז דער ארבייטער שטרעקט־אויס די גלידער און קלייבט זיך צום קאמף.

ווען עס איז ענדליך געקומען דער ערשטער מאי האט מען עס אין ניו יארק ניט אזוי שטארק געפילט; אבער אז עס איז אנגעקומען די נייעס פון שיקאגא, אז פופציק טויזנט ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק, און אז פיל פעקטאריס זיינען געבליבן אינגאנצן געשלאסן; אז דער באן־פארקער איז שטארק פארקריפלט, — האב איך, ווענינסטנס, אין יענעם מאמענט אינגאנצן פארגעסן אלע מיינע טעארעטישע איינווענדונגען קעגן דער 8־שטונדן־באוועגונג. פון מינוט צו מינוט האב איך דערוואַרט, אז די סטרייק־כוואליע וועט פארכאפן אלץ מער און מער ארבייטער און אינדוסטריען, און אלץ מער און מער שטעט אין דער גרויסער אמעריקע. די גרויסע 8־שטונדן־באוועגונג קאן זיך זייער לייכט פארוואנדלען אין דער סאציאלער רעוואלוציע.

נאר אט, מיט א פאר טעג שפעטער, איז געקומען די ידיעה וועגן דער דינאמיט־באמבע, וואס איז געשליידערט געווארן אויף דעם היימארקעט מי־טינג, וואס די אנארכיסטן האבן איינגערופן, כדי צו פראטעסטירן קעגן דער שרעקלעכער הריגה, וואס די פאליציי האט געמאכט אויף די ארבייטער פון דער געוויסער מעקארמיק פאבריק מיט א טאג פריער, וואו די ארבייטער האבן געסטרייקט. איך האב דערפילט ווי מיטאמאל זיינען צערונען אלע שיינע, ראזע האפענונגען מיינע. דער שיינער הימל, וואס האט אזוי ליבלעך געשמייכלט אט ערשט מיט א טאג צוריק, איז מיטאמאל באדעקט געווארן מיט א מורא׳דיק־שווארצער כמארע, און דאס הארץ איז פול געווארן מיט א געפיל פון יאוש.

13. מיינע דעמאלסטדיקע געפילן און געדאנקען

יענעם פרימארגן, ווען דער טעלעגראף האט געבראכט די נייעס וועגן דעם באמבע־אטענטאט, האב איך זיך צופעליגערוויז געטראפן מיט ר׳ לואיס׳ן. מיר זיינען ביידע געגאנגען צו דער ארבייט. זיין פנים האט ממש געלויכטן פון פרייד. ער איז דעמאלט געווען דער שטארקסטער און איבערגעבנסטער אנהענגער פון מאסט. ער איז געווען קעגן דער 8־שטונדן־באוועגונג אש להבה; נאר אז עס איז אנגעקומען די שרעקלעכע נייעס פון דעם באמבע־אטענטאט, האט ער גאר ניט געפונען קיין ווערטער גענוג, ווי אויסצודריקן זיין פרייד. „אט דאס, — האט ער געזאגט, — איז דער אנפאנג פון דער סאציאלער רעוואלוציע, ניט די נארישע, נוצלאזע אכט־שטונדן־באוועגונג“.

איך, פארקערט, האב אויסגעדריקט די מיינונג, אז דאס וועט ברייננען מיט זיך א געוואלדיקע רעאקציע, און אז דאס מיינט דער סוף פון דער

אנאַרכיסטישער פּראַפּאַגאַנדע סיי אין דער וועסט און סיי איבערן גאַנצן לאַנד. איך האָב אויך דאַן אויסגעדריקט די מיינונג, איידער עס זיינען נאָך באַקאַנט געוואָרן אַלע איינצעלהייטן, אַז איך בין שטאַרק געניי‍גט צו גלויבן, אַז די באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן פון אַ משוגע׳נעם אָדער אַ קאַפּיטאַליסטישן געדונגענעם פּראָוואָקאַטאָר.

ר. לואיס איז געוואָרן שרעקלעך בייז. ער האָט מיר באַלד אָפּגעזאָגט מיין אַנאַרכיזם — און מיר זיינען זיך צעגאַנגען גאַנץ שטאַרק ברוגז איינער אויפ׳ן צווייטן.

יאָ, מיך האָט דער באָמבע אַטענטאַט שטאַרק צעטרייסלט גלייך פון אָנפאַנג. איך מאַך ניט קיין פּרעטענזיע אויף נביאות, און האָב זיי קיינמאָל ניט געמאַכט; אָבער איך האָב גאָר אַנדערש ניט געקאָנט דענקען ווי אַז דער דאָזיקער אַטענטאַט וועט און מוז געבן די בעסטע געלעגנהייט דער קאַפּיטאַליסטישער באַנדע זיך אַרויפצוּוואַרפן מיט איר גאַנצער ווילדער רציחה אויף די אַנאַרכיסטישע וואָרטפירער פון די אַרבייטער, וועט זיי אַרעסטירן, פאַרניכטן, און דערמיט אויך דערשטיקן, פאַר אַ לענגערער צייט, די סאַמע נשמה פון דער אַרבייטער־באַוועגונג.

אַזוי פעסט איז ביי מיר געווען די איבערציי‍גונג, אַז איך האָב שוין דאַן באמת געגלויבט — אין וואָס איך בין שפּעטער געוואָרן איבערצייגט — אַז די באָמבע וואָס איז געוואָרפן געוואָרן און האָט געטויט מערערע פּאָליס־לייט, און אויך מערערע אַרבייטער און פּאָליציסטן פאַרוואונדעט, איז גע־ווען די אַרבייט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער איז געדונגען געוואָרן פון דעם שיקאַגאָער געלדזאַק, כדי צו דערטרינקען אין בלוט די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט זיך געשטאַרקט אין דער וועסט צווישן די אַרביי־טער פון טאָג צו טאָג.

אַז איך האָב ווירקלעך געטראָפן, האָבן אָמבעסטן באַוויזן די פאָלגנ־דיקע פּאַסירונגען: באַלד זיינען די אַנאַרכיסטן — די פּראָמינענטסטע פון זיי — געבראַכט געוואָרן הינטער שלאָס און ריגל; די צייטונגען זיינען אונטערדריקט געוואָרן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שוידערלעכסטע רעאַקציע.

פון דעסטוועגן האָט זיך קיינעם ניט געגלויבט, אַז דער אַנאַרכיסטישער פּראָצעס וועט זיך ענדיגן אַזוי טראַגיש ווי ער האָט זיך געענדיגט.

ווי דער אמת איז, און ווי דער פאַרשטאָרבענער גאָווערנאָר אַלטגעלד — איינער פון די נאָבלסטע מענטשן וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אין אַמע־ריקע, — האָט עס מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט, איז ניט געבראַכט געוואָרן דער מינדסטער באַווייז, אַז אימיצער פון די אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטן האָט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט׳ן אַטענטאַט.

עס האָט זיך דערפאַר קיינעם ניט געלייגט אויפ׳ן שכל, אַז די פּראָ־צעסירטע אַנאַרכיסטן וועלן פון אַ דזשורי פאַראורטיילט ווערן צום טויט.

מען האָט נאָך דאַן ניט געוואוסט, און גאָר זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אויף וואָס אַ קאַפּיטאַליסטישער ריכטער, אַ פּראָקוראָר און אַ דזשורי זיינען פּעאיק. איך גלויב גאָר ניט, אַז די פּראָצעסירטע אַנאַרכיסטן אַליין זאָלן עס האָבן געגלויבט. דער פאַקט, אַז פּאַרסאָנס האָט זיך גאַנץ פרייוויליג געשטעלט צום געריכט זייט ביי זייט מיט די אַנדערע אָנגעקלאָגטע, כאָטש ער האָט זייער לייכט געקאָנט פאַרשווינדן — ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַ געוויסן שנאַבעלט — און וואָס פיל האָבן באַטראַכט פאַר אַ גרויס העלדישקייט — האָב איך, פון מיין זייט, אַנגענומען פאַר דעם שטאַרקסטן באַווייז, אַז ער און די איבעריגע אַנאַרכיסטן ווייסן ווי אומשולדיק זיי זיינען, און דערפאַר האָבן זיי אין דער גאַנצער צייט פון פּראָצעס ניט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון שרעק און, ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָבן זיי באַטראַכט דעם פּראָצעס אַלס אַ גוטן מיטל און פעלד פאַר אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

אָבער, וואָס לענגער דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן, אַלץ קלערער איז געוואָרן פאַר מיר, אַז די איינציקע כונה פון דעם פּראָצעס איז ניט אויסצו־געפינען דעם ווירקלעך שולדיקן אין דעם באָמבע־אַטענטאַט, נאָר ווי גיכער אויפצוהענגען די אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען שולדיק מיט דעם, וואָס זיי זיינען אַנאַרכיסטן, און פאַר וואָס עס איז אַ מצוה זיי צו הענגען.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו דערציילן דאָ די גאַנצע געשיכטע פון דעם פּראָצעס, וועלכע דאַרף פאַר די לעזער פון מיינע זכרונות זיין צימלעך גוט באַקאַנט. איך וויל דאָ נאָר דערציילן ווי אַזוי דער פּראָצעס האָט גע־ווירקט אויף מיר, און איך מוז זאָגן, אַז לייענענדיק די נייעס פון שיקאַגאָ פון טאָג צו טאָג, בין איך אַלץ פעסטער געוואָרן אין דעם געדאַנק, אַז עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי גערעכטיקייט אין אַמעריקע, זיכער ניט אין דעם אַנאַרכיסטן־פּראָצעס אין שיקאַגאָ, וואו די געריס, די באַנפּילדס און די דזשורי האָבן איר רעפּרעזענטירט.

איך בין דאַן געוואָרן אַ טיפער האַסער פון אַלץ וואָס איז געגאַנגען אונטער דעם נאָמען גערעכטיקייט, געזעץ און געזעצלעכקייט. געזעץ איז פאַר מיר געוואָרן דער היפּוך פון אַלץ וואָס איז רעכט און אמת. בעת מיין געגנערשאַפט צו געזעץ איז פריער געווען בלויז אַ טעאָרעטישע, גלויבנדיק, אַז פאַר דעם ערלעכן מענטשן דאַרף מען ניט קיין געזעץ, און אַז פאַר דעם שלעכטן און פאַרדאָרבענעם זיינען אַלע געזעצן מיט זייערע באַשטראָפונגען בוצלאָז — און קאָנען אים ניט אָפּהאַלטן פון באַגיין אַלערליי פאַרברעכנס — איז אָבער איצט, נאָכפאָלגנדיק יעדן טאָג די פאַסירונגען אויף דעם פּראָצעס, דער האַס צו געזעץ אַריבער אין מיין בלוט. דער געזעץ איז שוין פאַר מיר מער ניט געווען אַ מענטשלעכער טעות, וואָס דאַרף און קאָן באַ־קעמפט ווערן מיט׳ן שכל, מיט אַרגומענטן, מיט פּראָפּאַגאַנדע. פאַר מיר איז דאַן דער געזעץ געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון אַל־דאָס־בייז, די הויפּט־סיבה פון אַל־דאָס־בייז.

איך האָב אַמאָל געהאַט אַ געדאַנק — ריכטיגער, אַ שטיקל חשק — צו ווערן אַן אַדוואָקאַט. פיל מענטשן, וועלכע האָבן מיך געקענט, האָבן מיר צוגערעדט צו מאַכן אַדוואָקאַטור פאַר מיין פּראָפעסיע, גלויבנדיק, אַז צוליב מיין באַרעדזאַמקייט און צוליב מיין שאַרפזין, וואָס זיי האָבן געמיינט אַז איך באַזיץ, וועל איך זיך גאַר אויסצייכענען.

אָבער דער אַנאַרכיסטן־פּראָצעס האָט מיר געמאַכט אַזוי שטאַרק האַסן אַלץ וואָס גייט אונטערן נאָמען געזעץ, און קעגן אַלץ וואָס איז ענג פאַר־בונדן מיט אים, אַז נאָר מיט אַ געפיל פון שוידער האָב איך געקאָנט טראַכטן פון דער פּראָפעסיע.

מיין האַס האָט זיך אויסגעגאָסן ניט בלויז אויף די ריכטער, נאָר אויף אַלע וואָס שטייען אין אירגענד וועלכער באַציאונג מיט׳ן געזעץ — די לאָיערס, נאַטירלעך, ניט אויסגעשלאָסן. אַלע־אַלע זיינען אין מיינע אויגן, אין יענער צייט, געווען די זיילן פון דער ערגסטער געזעלשאַפטלעכער מכה. ווארים, האָב איך אַרגומענטירט, דער לאָיער פון היינט קאָן דאָך מאָרגן ווערן אַ ריכטער; און דערזעלבער לאָיער וועלכער פאַרטיידיגט היינט דעם אומשולדיקן, קאָן דאָך ווערן מאָרגן דער שטן מקטרג קעגן דעמזעלביקן אומ־שולדיקן, ווען ער וועט קריגן די שטעלע פון אַ פּראָקוראָר.

דערפאַר איז עס מיר גאָר ניט געפעלן, ווען אייניגע גענאָסן פון יענער צייט האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן אין זינען אַריינצוטרעטן אין דער פּראָפעסיע. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי, אַלס אַנאַרכיסטן, און זאָגסט ערלעכע מענטשן, קאָנען זיי גאָר דענקען וועגן דעם.

זייער דערקלערונג, אַז כדי צו באַקעמפן דעם געזעץ מוז מען אים ערשט קענען, האָב איך געהאַלטן פאַר אַ שעדלעכן סאָפיזם. איך האָב דאָס זיי געזאָגט גאַנץ אָפן, און זיי, פון זייער זייט, האָבן מיך באַטראַכט פאַר אַ שטיק משוגע׳נעם.

און איך בין ניט זיכער, אַז איך בין עס ניט געווען צו יענער צייט. דער פּראָצעס פון די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטן האָט באַהערשט אַלע חושים מיינע. גאַנץ אָפט, גייענדיק אין גאַס, און זעענדיק מענטשן לויפנדיק, האַוונדיק, פאַרטאָן אין אַלערליי עסקים, פלעג איך אָפט טראַכטן און זיך וואונדערן: ווי קאָנען זיי עס? שוין־זשע ווייסן זיי גאָר ניט וואָס עס קומט־פאָר אין שיקאַגאָ? ווייסן זיי דען ניט, אַז די לעבנס פון די נאָבלסטע מענטשן אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט זיינען אין דער גרעסטער געפאַר?

אָבער, ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, האָבן גאַנץ ווייניג פון די, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די פאַרצעסירטע אַנאַרכיסטן, געגלויבט, אַז עס קאָן קומען אַזוי ווייט, אַז מען וועט זיי הענגען. איז דאָך געווען פאַר זיי אַזוי קלאָר זייער גאַנצער אומשולד. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז די גאַנצע דזשורי, ווי די ריכטער און די עדות, זיינען פאַר שוועור געלט אונ־טערגעקויפט און טעראָריזירט געוואָרן פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן

קלאס אין שיקאגא. דערפאר, קאן זיין, האט געהערשט אן אלגעמיינע רואי־קייט און זיכערקייט.

אבער די דאזיקע זיכערקייט האט באדייטנד געהאלפן די הענקער אין זייער שרעקלעכער ארבייט, ווען זיי האבן ארויסגעטראגן זייער טויט־אור־טייל קעגן אלע: פארסאנס, שפיז, פישער, ענגעל, לינג, שוואב און פילדען; בלויז איינעם פון זיי, ניבע'ן, האבן זיי פאראורטיילט צו 15 יאר פריזאן.

עס האבן ניט געמאכט די מינדסטע ווירקונג די ווירקלעך גרויסע, וואונדערבארע רעדעס פון די פראצעסירטע. איך גלויב, אז די דאזיקע רע־דעס, פול מיט טראץ און שטאלץ, האבן נאך מער געהאלפן פארציען די פעטליע אויף זייערע העלזער; זיי האבן נאך מער פארשטארקט די געמיינע געזעץ־באנדיטן אין זייער באשלוס זיי צו דערמארדן. זיי האבן אודאי גע־טראכט, אז צו לאזן לעבן אזעלכע ווי פארסאנס, לינג און די אנדערע, וואס האבן קיין מורא ניט געהאט אויסצושרייען: „ווען איר וועט אונדז קאנאנירן וועלן מיר אייך דינאמיטירן!", ארויסווייזנדיק די פולסטע פאראכטונג צום געזעץ און זיינע פארשטייער, איז ווירקלעך צו־געפערלעך פאר זייער איי־גענער עקזיסטענץ, ווי אויך פאר דעם וואס זיי רופן ציוויליזאציע. דערפאר אליין מוזן זיי שוין אפגעראמט ווערן פון וועג.

אבער אפילו דאן, ווען דער טויט־אורטייל איז שוין אויסגעשפראכן געווארן, האבן דאך צווישן אונדז פיל ניט געגלויבט, אז ער וועט אויך דורכגעפירט ווערן. עס איז דאך נאך פאראן א „סטייט סופרים קאורט", א „יונייטעד סטייטס סופרים־קאורט, א גאווערנאר!" — טא ווי קאן עס גע־מאלט זיין, אז אין אט די העכסטע אינסטאנצן פון גערעכטיגקייט זאל מען דערלאזן צו אזא שוידערלעכן פארברעכן!

אבער מען האט זיך גענארט אין חשבון. דער טויט־אורטייל איז בא־שטעטיגט געווארן אין די אלהעכסטע אינסטאנצן. דאן ערשט האבן די מערסטע מענטשן, די געפילפולע און דענקענדיקע מענטשן, סיי אין אמע־ריקע און סיי אין אייראפע, איינגעזען אז זיי האבן זיך געשפייזט מיט נארערישע האפענונגען. מען האט אנגעהויבן פראטעסטירן, דעמאנסטרירן. די וויכטיקסטע דענקער און שרייבער פון אייראפע האבן געבעטן פאר זיי ביי גאווערנאר אגלעסבי פאר גענאד.

(זאל עס דא פארצייכנט ווערן, צום קרעדיט פון דעם פיל פארלוימדעטן און ביטער פארפאלגטן אסקאר ווילד, איינער פון די גרעסטע ענגלישע דיכ־טער, אז ער איז געוועזן איינער פון די סאמע ערשטע, וואס האט אויפגע־הויבן זיין פראטעסט־שטים קעגן דעם געזעצלעכן פילפאכן מארד, און גע־בעטן פאר זייער לעבן. און אויך אין אמעריקע זיינען געהערט געווארן גאר פיל שטימען פאר באגנאדיגונג. עס זיינען אויך פארגעקומען פיל און גאנץ גרויסע ארבייטער־דעמאנסטראציעס.)

אבער דאס האט ניט געהאלפן. צו־שטארק איז שוין געוועזן פארצויגן

די שטריק, און דעם עלפטן נאָוועמבער, 1887, איז דאָס שרעקלעך אומגלויב־לעכע געשען: פּאַרסאָנס, שפּיז, ענגעל און פישער האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם אויף דער תליה; לינג, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין געפענגעניש, ע״ב דעם פרייטאָג ווען ער האָט געזאָלט געהאָנגען ווערן; שוואָב, פילדען און ניבע האָבן געקראָגן צו 15 יאָר פּריזאָן, פון וואַנען זיי זיינען אין עטלעכע יאָר שפּעטער (אין 1893) באַפרייט געוואָרן דורך דער נאָבעלער טאַט פון גאָווערנאָר אַלטגעלד, דעם נאָכפאָלגער פון גאָווערנאָר אָגלסבי, וועלכער, ווי אַלטגעלד האָט עס באַוויזן, איז געווען אַן עלנדער ווערקצייג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

14. איך ווער אַן אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסט

אין דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקומען ערב דעם שוואַרצן פרייטאָג, בין איך ניט געווען. איך בין אַפילו ניט געווען נייגעריק צו זען ווי גרויס עס איז די דעמאָנסטראַציע, וואָס די אַרבייטער האָבן דורכגעפירט.

איך האָב זיך געפילט זייער פאַרביטערט קעגן די אַרבייטער גופא, און האָב באַטראַכט די גאַנצע דעמאָנסטראַציע ווי אַ פאַרזוך, פון זייער זייט, זיך כשר־צו־מאַכן, צו באַרויקן זייער געוויסן, וואָס האָט זיי געוויס ביז צו אַ גרויסן גראַד געפּייניקט. איך בין געווען זיכער, אַז די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע האָט זיך שטאַרק פאַרשפּעטיקט, און אַז זי קאָן ניט און וועט ניט אָפּשטעלן די האַנט פון הענקער. איך האָב זיך אין דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע ניט באַטייליקט. אַנשטאָט אַרויסצוגיין אין גאַס, בין איך געזעסן אין מיין קליין צימערל (איך האָב דעמאָלט געוואוינט ביי אַ ביאַ־ליסטאָקער לאַנדסמאַן אויף קלינטאָן קאָרנער גרענד) און געלייענט די רע־דעס פון די שיקאַגאָער מאַרטירער.

איך האָב געלייענט און געוויינט, געוויינט ווי אַ קליין קינד. די טרערן האָבן זיך געשפּאַרט פון די אויגן, כאָטש איך האָב געפילט ווי קינדיש דאָס איז. וואָרים, וואָס קענען טרערן העלפן? אָבער איך האָב זיך ניט געקאָנט באַהערשן.

בלויז נאָך איין מאָל אין מיין לעבן האָב איך אַזוי געוויינט, ניט געווען אימשטאַנד צו קאָנטראָלירן. דאָס איז געווען מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב טעלעגראַפיש זיך דערוואוסט וועגן דעם גאַנץ פלעצליכן טויט פון מיין עלטערן זון. איך האָב אין די ביידע פאַלן געוויינט מיט אַ שרעקלעכער היסטעריקע. און עס קאָן זייער זיין, אַז די טרערן האָבן מיך געראַטעוועט פון צעבריכן זיך דעם קאָפּ אָן אַ וואַנט, אָדער פון אירגענד וועלכן אַנדערן אופן זעלבסטמאָרד.

איך האָב יענע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. און איך האָב דאָן, ליגנדיק אויף מיין שמאָל בעטל, געגעבן זיך אַ שבועה פאָרצוזעצן דעם קאַמף פון די נאָבעלע מאַרטירער מיט אַלע כחות וואָס איך וועל פאַרמאָגן.

און מיין גאַנץ ביטער לעבן איז דער שטאַרקסטער עדות, אַז ווי ווייט מעגלעך האָב איך מיין שבועה געהאַלטן. ווי ווייניג איך האָב דערגרייכט, ווייס איך ניט; אָבער קיין אַנדער ציל אין לעבן ווי פּראָפּאַגאַנדירן דעם אַנאַרכיזם האָב איך ניט געהאַט.

דאָס איז געווען די ווירקונג פון יענע צוויי יאָר אויף מיר.

איך ווייס געוויס וועגן דער רעאַקציע, וואָס איז נאָכדעם אריינגעטראָטן אין דער גאַנצער אַרבייטער־ און פרייהייטס־באַוועגונג. איך ווייס ווי גרויס עס איז געווען דער טריאומף פון דעם אַמעריקאַנער געלט־זאַק. דאָס איז געוויס אַ פאַקט, וואָס האָט זיך געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן, און מען האָט אים ניט געקאָנט באַשטרייטן. אָבער פון דער אַנדער זייט ווייס איך, אַז גאָר פיל מענטשן, אויסער מיך, זיינען געוואָרן ענערגישע און איבערגעגעבענע אַנאַרכיסטישע פאַרקעמפער, ווי דאָס איז געווען, למשל, וואָלטערין דעקלעיר, איינע פון די אינטעליגענטסטע פרויען אין אַמעריקע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו טרעפן, וועגן וועמען, אין מיין ווייטערדיקער לעבנס־געשיכטע, איך וועל האָבן מער צו דערציילן. אַ צווייטער, וועלכער האָט פאַר אַ געוויסער צייט געמאַכט אַ היפשן טומל אויף אונדזער גאָס, איז געווען דער דאַן זייער פּאָפּולערער היו א. פּענטעקאָסט, וועלכער האָט פון אַ גלח זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פייערדיקן אַנאַרכיסט. אַחוץ די צוויי גאַנץ פּראָמינענטע פערזאָנען זיינען געווען גאָר פיל, וועלכע האָבן געהערט, אַזוי־צו־זאָגן, צו דער „רענק ענד פייל“ און וואָלטן קיינמאָל ניט צוגעשטאַנען צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, ווען ניט די שרעקלעכע בלוטיקע פּאַסירונג אין שיקאַגאָ.

דער גוזעצלעכער מאָרד האָט ניט געלאָזט רוען די געוויסנס ביי גאָר פיל מענטשן, וועלכע האָבן, ליידער, באַגריפן גאַנץ ווייניג דעם סאַמע תוך פון אַנאַרכיזם; זיי זיינען געוואָרן, דאָס וואָס מען רופט, בלויז געפיל־אַנאַרכיסטן. זיי האָבן זיך אַנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג אַלס גלויביקע, באַגייסטערט בלויז פאַר דער העלדישקייט פון די שיקאַגאָער מאַרטירער, אָבער פאַרשטייענדיק גאַנץ ווייניג, און אָפט אויך גאַנץ פאַלש זייער אידעאַל און ציל.

איך גיי נאָך ווייטער: איך צווייפל גאַנץ שטאַרק, צי די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג וואָלט זיך אַזוי אויסגעשפּרייט אין אַמעריקע, און ביז צו אַ געוויסן גראַד אויך אין איירּאָפּע, ווען ניט די טראַגעדיע אין שיקאַגאָ.

זי האָט אויך געהאַט איר שטאַרקע ווירקונג אויפ׳ן פאָרשריט פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין אַלגעמיין. אַזוי האָט די הענרי דזשאָרדזש באַוועגונג, וואָס האָט געטראָגן אַ שטאַרק ראַדיקאַלן כאַראַקטער, ניט אַכטנדיק אויף דעם, צי איינער איז יאָ אָדער ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט די אידייען פון הענרי דזשאָרדזש, — ד. ה. מיט׳ן געדאַנק פון „סינגל טעקס“ — געקראָגן איר שטאַרקסטן אימפּעט דורך די פּאַסירונגען אין שיקאַגאָ.

די 68 טויזנט שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר הענרי דזשאָרדזש אין דעם מעיאָר־קאַמפּיין אין ניו יאָרק, זיינען געווען ביז צו גאָר אַ גרויסן טייל דער אויסדרוק פון פּראָטעסט פון די טויזנטער און טויזנטער, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז אויף אַזאַ אופן וועלן זיי קאָנען אַמ־שטאַרקסטן העלפן צו דער אָפּשטעלונג פון דער בלוטיקער וואָקכאַנאַליע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין פאַנאַנדעריושען אין שיקאַגאָ.

און איך גלויב אויך, אַז כאָטש פאַר אַ ווייל איז איינגעטראָטן אַ רע־אַקציע אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, דאָך, דער פאַקט, אַז אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט דער קאַמף פאַר אַן 8־שטונדיקן אַרבייטס־טאָג זיך אויפסניי אָנגעפאַנגען — און מיט אַ גאַנץ שטאַרקן דערפאָלג אין פיל אינ־דוסטריען — איז נאָר צו פאַרדאַנקען דער בלוטיקער געשעענעש אין שיקאַ־גאָ, און עס איז שוין דאַן צום טייל דערפילט געוואָרן די נבואה פון אויגוסט שפּיז, ווען אַ מינוט פאַר'ן טויט האָט ער אויסגעשריען: „עס וועט קומען אַ צייט ווען אונדזער שווייגן אין קבר וועט זיין מעכטיקער ווי די שטים וואָס איר דערשטיקט איצט!"

ניין, די פאָלגן פון דעם געזעצלעכן מאָרד אין שיקאַגאָ זיינען ניט געווען בלויז אַ פינצטערע רעאַקציע. און דערפאַר קאָן קיינער ניט זאָגן, אַז די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטן זיינען געווען אינגאַנצן ביי זיך גענאַרט, ווען זיי האָבן געגלויבט, אַז זייער טויט וועט ברייינגען גרויסע רעזולטאַטן, און וועט פאַרשנעלערן און פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר פרייהייט. אָבער עס מוז אויך אָנגעוויזן ווערן, אַז דאָס ביסעלע גוטס, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אָט דער גרויסער טראַגעדיע, איז ניט געווען דער רעזולטאַט פון דער באָמבע, וואָס איז געשליידערט געוואָרן אויף דעם מיטינג אויף היימאַרקעט סקווער, נאָר דוקא פון דעם, וואָס די דענקענדיקע וועלט איז געווען מאָראַ־ליש איבערצייגט, אַז די געהאָנגענע אַנאַרכיסטן, און די דריי וואָס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו לאַנגע טערמינען געפענגעניס, האָבן ניט געהאָט די מינדסטע שייכות מיט דער גוואַלט־טאָט.

זעקס יאָר שפּעטער, ווי שוין געזאָגט, האָט גאָווערנאָר אַלטגעלד אויסגעשפּראָכן זיין פאַרדאַמונגס־אורטייל קעגן דעם ווי דער גאַנצער פּראָ־צעס איז געפירט געוואָרן, און האָט באַפרייט די דריי אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן געשמאַכט אין פּריזאָן, דערקלערנדיק זיי, און זייערע געהאָנגענע חברים, ריין פון אירגענד וועלכער שולד.

פאַרשטייט זיך, אַז אָט די נאָבעלע האַנדלונג פון דעם גאָווערנאָר האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין פּאָליטישער קאַריערע. צו די שיקאַגאָער מאַרטירער פון 1887 איז אין 1893 צוגעקומען נאָך אַ מאַרטירער — גאָווערנאָר אַלט־געלד. די גאַנצע אַמעריקאַנער פּרעסע איז אים באַפאַלן, דערקלערנדיק אים אַלס אַנאַרכיסט און אַלס פאַררעטער. און מען קאָן אויף זיי שטאַרק פאַר־איבל ניט האָבן. אין זיין באַגנאַדיגונג פון די לעבנגעבליבענע דריי אַנאַר־

כיסטן האט ער זייערע ריכטער און די גאנצע פרעסע געבראנדמארקט אלס די שרעקלעכסטע מערדער־באנדע, וואס די וועלט האט אמאל געזען.

ריידנדיק פון דעם אנארכיסטישן מארטירערטום פון יענער צייט טאר איך ניט אויסגעלאזט ווערן דאס מארטירערטום פון יאהאן מאסט.

דעם 12־טן נאוועמבער — אויפמארגן נאכדעם ווי די לעבנס פון די שיקאגאער אנארכיסטן זיינען אויסגעלאשן געווארן אויף דער תליה — האט מאסט, אויף א מיטינג, איינגערופן פון די דייטשע אנארכיסטן אין ניו יארק, געמאכט א הספד.

איך בין צו יענעם הספד ניט געווען. איך געדענק שוין ניט מער וואס עס האט מיך אפגעהאלטן דערפון, ווייל צו יענער צייט פלעג איך ניט פארפעלן אנוועזנד צו זיין ביי יעדער פון זיינע רעדעס. עס איז באמת געווען א גרויסער גייסטיקער גענוס צו הערן אים. איך בין נאך איצט מיט דער מיינונג, אז מאסט איז געווען איינער פון די גרעסטע ארטארן אין דער וועלט. זיין יעדעס ווארט איז אריינגעדרונגען אין הארצן. דער שטראם פון זיינע רייד האט ממש איינעם היגנעריסן. ער איז געווען אט־פייערדיק ווי צעשמאלצענע לאווא פון א ווולקאן, אט העכסט פאעטיש, אז עס איז געווען ווי אמת זיסע מוזיק — איבערהויפט ווען ער האט גערעדט וועגן דער צוקונפט — און אט איז ער געווארן ביטער סארקאסטיש, ווען ער האט געשילדערט די פירער פון דער איצטיקער ארדענונג. זיין גאנצן גרימצארן האט ער אויסגעגאסן אויף דעם דייטשן קייזער און זיין גאנצער משפחה, אזוי אז דער עולם האט זיך ממש געטרייסלט פון געלעכטער. זיינע ביטערע פיילן פון סארקאזם האבן אויך אפט געטראפן די דייטשע סאציאלדעמאקראטן. יא, דאס איז געווען מיין גרעסטער גייסטיקער גענוס צו הערן אים ריידן. אבער ביי יענעם הספד בין איך ניט געווען — וואס איך האב זייער באדויערט. ווארים, לויט איך האב איר נאכדעם געלייענט געדרוקט אין דער „פרייהייט", האט עס געמוזט זיין אן אמת'ע מייסטער־שטיק. אבער אויפמארגן נאכדעם ווי מאסט האט זיין רעדע געהאלטן איז די „ניו יארק ווארלד" ארויסגעקומען מיט א מסירה, אז מאסט זאל האבן אין זיין הספד געהעצט צו דער אויסמארדונג פון אלע, וואס האבן ניט נאר דירעקט זיך שולדיק געמאכט אין זייער טויט, נאר אויך פון אלע וואס האבן דערלאזט דערצו, וואס איז, נאטירלעך, געווען אי א געמיינער ליגן און אי א שרעקלעכער אומזין. און אט אויף דעם סמך פון דעם דאזיקן ליגנערישן רעפארט, און פון דעם עדות זאגן פון א פאר פאליציי־שפיאנען, וועלכע זיינען גאר אויפ'ן מיטינג ניט געווען, איז מאסט ווידער פאראורטיילט געווארן צו א יאר געפענגעניש.

די דאזיקע פאראורטיילונג פון מאסט האט אויף מיר געהאט די ווירקונג פון אויל אויף פייער. עס האט נאך מער פארשטארקט מיין באשלוס צו ווידמען אלע מיינע כחות דער אנארכיסטישער פראפאגאנדע.

15. מיין אַנאַרכיסטישע טעטיגקייט פון יענער צייט

איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל*) דערמאָנט וועגן מיין אָב־שליסן זיך אָן דער גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט", און אויך וועגן מיין ערשטער רעדע אין אידיש. דאָס האָט פּאַסירט שוין נאָך דער שיקאַגאָער טראַגעדיע.

ביז דאַן, כאָטש שטאַרק פאַראינטערעסירט אין עפנטלעכן לעבן, בין איך אָבער געווען בלויז אַ צושויער. איך האָב ניט געפילט קיין שטאַרקן דראַנג אַליין אָנטיילצונעמען אין דעם קאַכעדיקן לעבן. ערשט נאָך דער טראַגעדיע אין שיקאַגאָ האָב איך דערפילט דעם שטאַרקן פאַרלאַנג אין מיר צו געבן אינהאַלט און אויסדרוק צו דער שבועה, וואָס איך האָב זיך געגעבן אין יענער שרעקלעכער נאַכט פון 10־טן נאָוועמבער, 1887, און איך האָב זיך באמת דערפרייט, ווען ר. לואיס האָט מיר דערציילט וועגן דער גרופּע, און אויך מיר געבעטן קומען צום מיטינג און זיך אָנשליסן אָן איר.

„איצט וועל איך קאָנען אַרויסווייזן מיין אינערלעכן דראַנג צו טעטיגקייט אויף דעם אויסדערוויילטן פעלד" — האָט מיין האַרץ אין מיר געיובלט. צוזאַמען מיט פיל אַנדערע פון דערזעלבער געזינונג ווי איך, באַגייסטערט פון דעמזעלבן אידעאַל, וועל איך קאָנען טריי־בלייבן מיין שבועה. אָבער, איך מוז זאָגן, אַז דער ערשטער איינדרוק, וואָס דער מיטינג פון דער גרופּע האָט אויף מיר געמאַכט, איז געווען ווייט ניט אַזעלכער, וואָס האָט געקאָנט איינעם באַגייסטערן.

ווען איך וואָלט דאַן ניט געווען אַזוי ביטער ערנסט געשטימט, וואָלט איך זיך געמוזט צעלאַכן, אָנקוקנדיק די עטלעכע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך געגעבן אַזאַ קלינגענדיקן נאָמען.

עס איז ניט אַזוי געווען דאָס קליין צימערל, באַלויכטן פון אַ קליינעם געלן גאַז־פלאַם, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער וואַנט; עס זיינען געווען די פאַרשוואַרצטע, פאַר'חושכ'טע פנים'ער, וואָס האָבן מיך געמאַכט פילן ווי שלעכט עס פּאַסט זיי דער נאָמען „פּיאָנירע דער פרייהייט".

צווישן זיי אַלע האָט זיך אויסגעצייכנט ר. לואיס. ער איז געווען זייער שיין געוואַקסן, און האָט פאַרמאָגט אַ מערקווירדיקע פאַר פרומע, טרוימערישע אויגן.

אָבער אים האָב איך שוין געקענט פון פריער, און איך בין ניט געווען שטאַרק נתפּעל פון זיין גייסטיקן כח, און נאָך ווייניגער פון זיין מאָראַלישן. אַ רעדנער איז ער געווען אַ זייער מיטלמעסיקער. אויך האָט ער קיינמאָל אין זיינע שמועסן מיט מיר ניט אַרויסגעוויזן קיין טיפקייט פון דענקען,

*) קאַפּ. 10 (די גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט")

און אויך ניט די מינדסטע אָריגינאַליטעט. איך האָב אים אָבער דאַן גע־האַלטן פאַר אַ זייער ערנסטן און איבערגעגעבענעם אַנאַרכיסט. אָבער אַז ער זאָל זיין דער פירער, דער טאָנגעבער אין דער באַוועגונג, אין דעם פרייהייטס־קאַמף, אין וועלכן איך האָב אַזוי געברענט זיך אריינצוואַרפן — דאָס האָב איך זיך קוים געקאָנט פאָרשטעלן.

איך האָב דאָרט אויך, צום ערשטן מאָל, געטראָפן מאַקס גירזשדאַנסקי׳ן, דעם שפּעטערדיקן דר. גירזשדאַנסקי. ער איז דאַן געווען אַ גראַווירער. ער האָט אויף מיר, מיט זיין ערנסטקייט, געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. איך האָב אויך באַמערקט, אין די עטלעכע ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגערעדט — איך געדענק שוין ניט מער וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט—אַז ער רעדט גאַנץ פליסיג און מיט פיל האַרציגקייט. אָבער זיין שטים איז דאַן געווען אַזוי שוואַך, אַז איך האָב קוים זיך געקאָנט פאָרשטעלן אים אַלס רעדנער, אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט, כאָטש שפּעטער האָט ער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין איינער פון די פּעאיגסטע.

דאָרט האָב איך אויך צום ערשטן מאָל געטראָפן סיימאָן גאָרדאָן, וועמעס נאָמען איך האָב שוין דערמאָנט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. ער האָט שוין דוקא געהאָט אַ הויכע, קלינגענדיקע שטים; אָבער אַז עס איז געקומען עפּעס צו זאָגן, האָט ער נעבעך ניט געוואוסט ניט וואָס און ניט ווי צו זאָגן.

די עטלעכע אַנדערע, וואָס זיינען דאָרט געווען, זיינען געבליבן שטום די גאַנצע צייט. זיי זיינען דאָס געווען דער „רענק־ענד־פייל“, אַזוי צו זאָגן. און עס האָט זיך זייער שווער געלאָזט גלויבן, אַז אָט דאָס הייפעלע מענטשן איז עס באַרופן פון שיקזאַל צו זיין די בויער פון דער אידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. און דאָך איז עס פאַרט אַזוי געווען: אָט דאָס ביסעלע מענטשן זיינען עס געווען די, וואָס האָבן אוועק־געלייגט דעם ווינקלשטיין פון דער אידישער פרייהייט־באַוועגונג. און איצט, צוריקבליקנדיק אויף דאָס אויפגעטאָנענע אונטער די שווערע — יאָ, כמעט אומגלויבלעכע — אומשטענדן, זע איך איין ווי פאַרגרייזט עס איז געווען מיין ערשטער איינדרוק.

דער פאַקט איז, אַז די מענטשן זיינען — איינער ווי אַלע — געווען באַזעלט פון אַ וואונדערלעכן גלויבן. און גרויס ווי עס זיינען געווען די פאַרשיידענע שטערונגען, האָט אָט דער אייביק גליענדיקער און פלאַקערנ־דיקער פרייהייטס־גייסט זיי אַלע בייגעקומען, און זיי זיינען געווען, גאָר אָן גוזמא, אמת׳ע העלדן.

מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז זיי אַלע, ווי איך, זיינען געווען דאָ אמת עלנד. קיינער פון אונדז איז ניט געווען פאַרזיכערט מיט די לעבנס־מיטלען פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג. יעדער איינער פון אונדז האָט געמוזט שווער און ביטער אַרבייטן פאַר זיין אויסקומענעש. און פונדעסטוועגן,

וויפיל כחות עס זיינען נאָר פאַרבליבן, זיינען אַוועקגעגעבן געוואָרן פאַר דער בויאונג פון דער באַוועגונג. וויפיל עס איז נאָר מעגלעך געווען אָפּצו־שפּאָרן פון די סאַמע נויטיקסטע לעבנסבאַדערפעניש, איז אַוועק פאַר דער „זאַך”. האָט דאָס אַלץ אין זינען, ליבע לעזער, און איר, וועלכע זייט אַזוי ווייט פון יענער צייט, וועט מיט מיר איינפאַרשטאַנען זיין, אַז דער נאָמען „פּיאָנירע דער פרייהייט” האָט זיךווירקלעך געפּאַסט פאַר זיי. קליין און ניט אַנזיכטיג ווי מיר זיינען אַלע געווען לויט אונדזער אַנבליק, אָבער אמת׳ע ריזן זיינען מיר געווען אין אונדזער גייסט, אין אונדזער שטרעבן צו טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו מאַכן וואָס ברייטער און גלאַטער דעם וועג צו פרייהייט.

איך, פון מיין זייט, האָב גלייך דערפילט, ווי ווייניג איך בין צוגעגרייט פאַר דער ראָלע פון אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון פרייען געדאַנק. איך בין געווען ביי זיך גאַנץ קלאָר וועגן דער מאַגערקייט פון מיינע קענטעניסן, אַז איך זאָל זיך באמת פילן באַרעכטיקט צו לערנען אַנדערע. פיל אין דעם אַנאַר־כיזם איז נאָך ווייט ניט געווען קלאָר פאַר מיר אַליין, און אָפט האָב איך זיך געפרעגט: וואָס וועל איך טאָן, למשל, ווען אימיצער פון מיינע תלמידים זאָל מיר שטעלן איינע פון די פראַגן, וועלכע האָבן מיך אַליין געררופּעט?

עס איז אמת, מיר האָבן שוין דאַן אָנגעפירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן די סאָציאַלדעמאָקראַטן; אָבער אין האַרצן האָט גענאַגט אַ צווייפל: „זיינען זיי ניט צומאָל גערעכט, סיי אין זייער טאַקטיק און סיי אין זייער טעאָריע?”

איך געדענק, אַז צו יענער צייט האָט אַלעקסאַנדער יאָנאַס געהאַלטן אַ לעקטשור אויף דער טעמע: „וואָס איז צו טאָן?” זיין רעדע האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זיין אַרגומענטאַציע האָט זיך מיר אַרויס־געוויזן אַזוי קלאָר, אַזוי לאָגיש, און איך האָב זיך אַליין געפרעגט: וואָס וואָלט איך אים געקאָנט ענטפערן אויף זיינע אַרגומענטן ניט וועלנדיק זיך אַליין נאַרן?

אודאי האָט זיך מיין האַרץ געצויגן צו וואָס מער פרייהייט — פריי־הייט פאַר מיר און אַלע מיינע מיטמענטשן. אודאי בין איך, נאָך דעם וואָס האָט פּאַסירט אין שיקאַגאָ, געווען פעסט איבערצייגט, אַז קיין אַנדער וועג, ווי דער וועג פון רעוואָלוציע, איז ניטאָ; אָבער ווי קומט מען אויף דעם וועג? דער שטימקאַסטן? — דאָס זיכער ניט. טאָ וועלכער איז פאָרט דער איינציק־ריכטיקער וועג?

און מיט אַ געפיל פון אמת׳ן הונגער האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו דער גאַנצער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור, וואָס איז נאָר געווען צו קריגן אין יענער צייט. איך האָב דאָרט געזוכט אַן ענטפער אויף מיינע פאַרשיידענע צווייפלען.

יאָ, אַפילו דאַן, מיט מיין גאַנצן האַס צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדע־נונג, בין איך דאָך טיף אין מיין האַרצן געווען אַ צווייפלער. און דערפאַר

האָב איך געהאַלטן אין איין דעבאַטירן מיט יעדן, מיט וועמען עס איז מיר נאָר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען. „אפשר וועל איך פון זיי, אַרגומענ־טירנדיק מיט זיי, קלאָר ווערן און פאַרענטפערן מיינע אייגענע צווייפלען" — האָב איך געטראַכט.

דאָס איז געווען די אורזאַך, פאַרוואָס איך האָב מיט זאָלאָטאַראָוו'ן, פון אונדזער סאַמע ערשטער באַקאַנטשאַפט, געהאַלטן אין איין קריגן זיך מיט אים. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז ער דענקט טיפער, קלערער ווי די מערסטע גענאָסן. איך פלעג דערפאַר, מאַכנדיק אַ גאַנץ אומשולדיקע מינע, שטעלן אים אַ געוויסע פראַגע, ווי אַ תלמיד שטעלט זיין רבי'ן; און ער, אין זיין אמת'ער אומשולד, פלעגט מיר ענטפערן. דאַן פלעג איך שוין אָננעמען די ראָלע פון אַ געגנער, און פּרובירן ווידערלייגן זיינע אַרגו־מענטן. דאָס פלעגט אים אריינברייגען אין אַ גאָר שרעקלעכן כעס, אַזוי אַז גאָר אָפּט פלעגן מיר זיך צעגיין שטאַרק ברוגז איינער אויפ'ן אַנדערן. פונדעסטוועגן האָט עס אונדז ניט געשטערט אויפמאָרגן ווידער זיך צו טרעפן און ווידער אָנצופאַנגען אויפסניי אונדזערע דעבאַטעס.

דאַן האָב איך שוין פאַרוואָרפן יעדן געדאַנק פון אַ ווייטערדיקן שטודיום פאַר אַ קאַריערע. דאָס וואָרט „קאַריערע" איז מיר געווען פאַרהאַסט פון טיפן האַרצן. איך האָב קוים געקאָנט פאַרטראָגן די וואָס האָבן יאָ געטרוימט פון אַזעלכע זאַכן. איך האָב געזען אַ שטאַרקן ווידערשפּרוך אין זייערע ברע־נענדיקע רייד פאַר רעוואָלוציע און אין זייער שטרעבן צו ווערן אַ דאָקטאָר, אַ לאָיער אָדער אַ דענטיסט. פאַר מיר איז, מיט אַלע מיינע צווייפלען, געווען איין ציל אין לעבן: מאַכן פאַר זיך אַזוי קלאָר דעם אַנאַרכיזם, אַז איך זאָל מיט אַ פולן באַוואוסטזיין קאָנען זיך האַלטן פאַר קאָמפּעטענט און באַרעכטיגט צו פּראָפּאַגאַנדירן און פּריידיגן אים צו מיינע מיטמענטשן.

אין ניו יאָרק איז צו יענער צייט אָנגעקומען דער צימליך גוט־באַקאַנטער רייכסטאַג אָפּגעאָרדנטער האַסעלמאַן. ער און מאָסט זיינען געווען גאָר ניט שוה־בשוה. אָבער גראָד דאָס האָט מיך געצויגן צו אים. איך האָב געוואָלט פון אים לערנען זיין אַנאַרכיסטישע שיטה, וואָס ער האָט דאַן גערופן די „אויטאָנאָמיסטישע".

איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל אויף איינער פון די פאַרזאַמ־לונגען, וואו ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס לעקטשורער. זיין רעדע האָט אויף מיר געמאַכט ניט קיין באַזונדערס טיפן איינדרוק. טיפער איז געווען דער איינדרוק פון זיין אויסזען. ער איז געגאַנגען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, טאַקע נאָר ווי אַ טרעמפּ פון דער בויערי אין יענער צייט, אָבער זיין פּנים — אויסגעהונגערט ווי ער איז געווען — האָט מאָדנע געלויכטן, אַזוי, אַז ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון יעזוס קריסטוס, ווי ער ווערט אידעאַ־ליזירט אויף די בעסטע בילדער פון פאַרשיידענע קינסטלער. אין מיינע אויגן איז האַסעלמאַן געווען דער יעזוס קריסטוס פון פרייהייטס־אידעאַל,

און מיין הארץ איז אויסגעגאנגען צו דעם פרייהייטס־מארטירער.

אין זייען רעדע האט ער ארויסגעוויזן א באזונדערע קענטעניש אין דער סאציאלער געשיכטע פון די לעצטע עטלעכע הונדערט יאר, און איך האב באשלאסן, אז איך מוז זיך מיט אים באקענען.

איך האב אויסגעפונען זיין אדרעס און בין אויפמארגן אוועק צו אים אהיים.

דער דלות, וואס איך האב דארט באגעגנט, איז געווען אזעלכער, וואס איך האב זיך קיינמאל ניט געקאנט פארשטעלן. א פאר צעבראכענע בענקלעך, אן אלט בעט, וואס האט געהאלטן אין איין אונטערהינקען, וואס איז געווען פארדעקט מיט עטלעכע שמאטעס, און א שטיקל טרוקן ברויט אויפ׳ן טיש, אויף וועלכן, ווי איך האב באמערקט, זיינע גאנץ קליינע קינדער האבן געקוקט מיט גרויס זשעדנעקייט. און דאך, מיט וואס פאר א הארציגקייט ער האט מיך אויפגענומען, ווען איך האב אים דערקלערט דעם צוועק פון מיין קומען צו אים! און ווי מילד ער האט ארגומענטירט מיט מיר!

איידער איך האב אים פארלאזן האט ער מיר מיטגעטיילט, אז אין א געוויסן אוונט אין וואך האלט ער היסטארישע פארלעזונגען פאר א געקליבענער צאל מענטשן, און עס וועט אים העכסט פרייען צו ציילן אויך מיר צווישן זיינע צוהערער.

פארשטייט זיך, אז איך האב זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט צוגעהערט צו זיינע פארלעזונגען, אין וועלכע, ווי מיר האט דאן אויסגעוויזן, ער האט ארויסגעוויזן ווירקלעך אן ענציקלאפעדישע באקאנטשאפט מיט דעם געגענשטאנד. איך האב פון אים פיל געלערנט, כאטש איך מוז צוגעבן, אז ניט אלעמאל האב איך געקאנט איינפארשטאנען זיין מיט זיינע אויספירונגען, וואס דאס האט אפט געבראכט צו גאנץ אינטערעסאנטע דעבאטעס צווישן מיר און אים און אנדערע צוהערער פון די פארלעזונגען.

דערזעלבער וויסנס־דארשט האט מיך אויך באוועגט צו גיין צו די פענטאקאסט־לעקטשורס. יעדן זונטאג אינדערפרי, אין מאסאניק טעמפל.

פענטאקאסט איז געווען א גלח אין א קליין שטעטל אין ניו דזשוירזי, און עס איז געווען די ארבייטער־באוועגונג און די שטורם־און־דראנג פעריאדע פון יענער צייט, וואס האט אים געמאכט פארלאזן די קירך מיט זיינע שאף און ארויסקומען אלס אויסגעשפראכענער אטעאיסט. אבער באלד האט ער דערפילט, אז מיט זיין קאמף קעגן רעליגיע וועט ער ווייט ניט גיין; איז ער באלד געווארן א „סינגל טעקסער" — אן אנהענגער פון הענרי דזשארדזש — און פאר א קורצער צייט האט ער אין זיינע זונטאג־דרשות און אין זיין וועכנטלעכן זשורנאל „טווענטיעטה סענטשורי" געפריידיגט די „סינגל טעקס" אידייע. שטופנווייז אבער האט ער זיך אנטוויקלט צום אנארכיזם.

פענטאקאסט איז געווען א גלענצנדער רעדנער. עס איז געווען א

גרויס פארגעניגן צו הערן אים ריידן. אמת, איך האב ניט פיל געלערנט פון אים אין הלכות אנארכיזם, ווייל ער האט נאך אליין שטארק געבלאנדזשעט, אזוי אז ער איז דאן געווען מער אין דער בחינה פון א „זוכער פון אמת", וואס ער האט אים שוין געפונען; אבער דאך האבן זיינע לעקטשורס מיך געמאכט טיפער און טיפער זיך ארייַנצוטראכטן אין די פארשיידענע סאציאלע פראבלעמען, וואס ער האט אין זיינע לעקטשורס נאר אנגערירט.

מער פון אלץ האב איך דאן זיך געגריבלט אין זיך גופא: איך האב זיך געפרעגט, צי איך בין גאר ראוי פאר דער אויפגאבע וואס איך האב זיך געשטעלט? בין איך זיכער, אז איך וועל עס קאנען אויסהאלטן? וועט ניט דאס שווערע, הארבע לעבן זיין שטארקער ווי מיין ווילן? און אויב יא, וואס נוצט עס גאר אנצופאנגען?

אמת טאקע, איך האב זיך אין יענער נאכט א נדר געטאן צו ווידמען מיין לעבן דער פראפאגאנדע פון דעם אנארכיסטישן געדאנק; אבער דאס איז דאך געווען נאר א מאמענטאלער אימפולס. וועל איך אבער קאנען טריי בלייבן אט דעם באשלוס?

און איך קאן זיך ניט בארימען, אז איך האב שוין דאן אלע צווייפלען געלייזט. איך וויל זיין גאנץ אפנהארציק מיט מיינע לעזער און זיי זאגן, אז אפילו נאך איצט שטייגן־אויף פון צייט צו צייט גאר שטארקע צווייפלען איבער פארשיידענע פונקטן אין דעם אנארכיזם, אויף וועלכע איך קאן זיך ניט געבן קיין באשטימטן ענטפער, אן ענטפער, וועלכער זאל מיך אמוועניגסטנס צופרידנשטעלן.

אבער צווישן אט די אלע צווייפלען און דעם גרויסן וויסנס־דראנג בין איך אריינגעצויגן געווארן אין די פראקטישע טעטיגקייטן פון דער גרופע, אזוי ווי אין דעם קאמף מיט די סאציאלדעמאקראטן, אויף די מאס־מיטינגען אונדזערע, וועלכע זיינען געווארן אלץ גרעסערע און גרעסערע דערפאלגן; אין די פארטבילדונגס־פאראיינען, וואס מיר האבן אנגעהויבן גרינדן; און דאן אין דער אונטערנעמונג פון א וועכנטליכער צייטונג, וואס מיר האבן דאן פארטראכט. אין אט די אלע טעטיגקייטן האב איך ביסלעכווייז פארגעסן אן אלע מיינע צווייפלען, און אויף אזא אופן בין איך געווארן איינער פון די בויער פון דער אנארכיסטישער פראפאגאנדע אין אמעריקע.

16. די פארטבילדונגס פאראיינען

איך וועל זיך דא ניט אונטערנעמען אפצושאצן די ווירקונג פון אונזערע מאס־מיטינגען, וואו זאלאטאראוו, ר. לואיס, איך, גירזשדאנסקי, און אפט אויך מאסט פלעגן אויפטרעטן אלס רעדנער. איך קאן נאר זאגן, אז אורטיילנדיק פון דעם באזוך זיינען די מיטינגען געווען א זיכערער דערפאלג. פונדעסטוועגן אבער האבן מיר געפילט, אז מיט די וועכנטליכע מיטינ־

גען וועלן מיר ווייט ניט קומען. מיר זיינען זיך געווען באוואוסט, אַז מיר זיינען צו־ווייניג אין צאָל, און אַז אונדזערע אייגענע גייסטיקע כחות זיינען צו־קליין אַז מיר זאָלן קאָנען טראָגן אויף זיך די אחריות פון דער אַנאַר־כיסטישער פראָפּאַגאַנדע צווישן אידישן עולם. מיר האָבן געפילט, אַז מיר מוזן זיך אַליין מער לערנען, און אַז מיר מוזן צוציען פרישע כחות. און געפירט פון דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר מוזן זיך נעמען בויען פאָרטבילדונגס פאַראיינען.

דער פאָרטבילדונגס פאַראיין, ד. ה. דער מיטינג פאַר אַ ברייטערער און טיפערער אויסבילדונג, פלעגט זיך צוזאַמענקומען אין מיטן וואָך, אין אַ געוויסן אָוונט, כדי צו העלפן זיך געגענזייטיק אין דער אויפקלערונג פון פאַרשיידענע סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן.

דאָס פראָגראַם פון די פאַרזאַמלונגען איז געווען אַט וועלכער: איינער פלעגט קומען מיט אַ ביכל, איבערלייענען עפּעס פון אים, און אויף דעם פלעגט זיך פאַנאַנדערוויקלען אַ דעבאַטע, אין וועלכער כמעט יעדער איינער האָט געפילט אַלס חוב צו באַטייליקן זיך.

לויט מיין מיינונג האָבן אַט די געמיטלעכע קאָנווערזאַציאָנס־אָוונטן פיל מער אויפגעטאָן אויף דעם געביט פון אונדזער גייסטיקער אַנטוויקלונג, ווי די גרויסע מאַס־מיטינגען. מענטשן, וועלכע האָבן פריער מורא געהאַט אַ מויל צו עפענען, זיינען מיט דער צייט געוואָרן צימלעך גוטע רעדנער; און וואָס נאָך וויכטיקער איז — זיי האָבן טאַקע, מיט דער צייט, אָנגעהויבן דענקען טיפער. די פאָרבילדונגס פאַראיינען זיינען באַלד געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז זיי אַליין האָבן זיך פאַרוואַנדלט כמעט אין מאַס־מיטינגען.

מיר האָבן אָבער באַלד באַמערקט, אַז סיי אויף אונדזערע מאַס־מיטינ־גען און סיי אויף די מיטינגען אין מיטן דער וואָך קומען זייער ווייניג פרויען, און מיר האָבן גאָר ניט געקאָנט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע קאָן אַמאָל דורכגעפירט ווערן אָן דער שטאַרקסטער מיט־ווירקונג פון דער פרוי. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אַז עטוואָס מוז אויך געטאָן ווערן אין דער ריכטונג, און מיר האָבן געגרינדעט אויך אַ פאָרטבילדונגס פאַראיין ספּעציעל פאַר פרויען.

צוערשט איז די אַרבייט ניט געווען קיין לייכטע. די אידישע אַרביי־טערינס, צו יענער צייט, זיינען געווען גאַנץ ווייניג, און דערצו — די מערסטע אַזעלכע פרומע און שעמעוודיקע. איז די ערשטע צייט געווען טאַקע זייער שלעכט. איינער פון אונדזערע האָט געמוזט קומען איינלייטן אַ דעבאַטע איבער אַ גאַנץ לייכטער פראַגע, מערסטנס איבער דער פרויען־פראַגע, אין וועלכער נאָר איינע אָדער אַ צווייטע מיידל פלעגט נעמען, אַ שרעקעדיקע, דאָס וואָרט. דאָס האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. אַז מיר האָבן זיך בעסער באַקענט — ווייל די מערסטע מיידלעך זיינען געבראַכט געוואָרן צו אונדזערע מאַס־מיטינגען — איז זייער גאַנצע שעמעוודיגקייט

ווי אַוועקפּאַלן פון זיי, און זיי האָבן שוין אַליין, אומאָפּהענגיק פון אונדז, געפירט זייערע מיטינגען.

איך בין זיכער, אַז די מיטינגען האָבן אויך זיי געהאָלפן צו אַ בריי־טערער און טיפערער גייסטיקער אַנטוויקלונג. אייניגע פון זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן גוטע שרייבערינס און רעדנערינס. שפּעטער האָבן אייניגע פון זיי, די מער אַמביציעזע, זיך גענומען צו שטודירן, און די וואָס זיינען איצט גאַנץ באַקאַנטע דאָקטוירים אין ניו יאָרק האָבן זייער ערשטע בילדונג גענאָסן אין די פאַרבילדונגס פאַראיינען.

און אַט אַזוי האָבן מיר זיך דערפילט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אין אונדזערע כחות, ביז מיר האָבן געקראָגן דעםווירקלעך גרויסן מוט צו טראַכטן וועגן אַרויסגעבן אַן אייגענע אַנאַרכיסטישע וואָכנשריפט.

17. די „וואַרהייט"

צו דער צייט פון וועלכער איך רייד, אין 1888, זיינען אין ניו יאָרק אַרויסגעגעבן געוואָרן צוויי וואָכן־צייטונגען פון אַ מער אָדער ווייניגער ראַדיקאַלן קאַליר, און אַ דריטע, אַ טעגלעכע צייטונג, פון אַ שטאַרק רעאַק־ציאָנערן כאַראַקטער, וועמעס אייגנטימער עס זיינען געווען די שאַראַזאַנס.

איז פון דער לעצטער האָב איך גאָרנישט וואָס צו זאָגן, ווייל זי האָט מיר גאַנץ ווייניג אינטערעסירט. איך בין זאָגאָר ניט זיכער, אַז איך זאָל איר אַמאָל האָבן געלייענט. אָבער וואָס אנבאַלאַנגט די אַנדערע צוויי וואָכנצייטונגען, וועגן זיי האָלט איך פאַר נויטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער:

די „פאָלקסצייטונג", ווי דער „פאָלקסאַדוואָקאַט", זיינען געווען פון אַ מער אָדער ווייניגער ראַדיקאַלן קאַליר. ביידע זיינען אַרויסגעגעבן גע־וואָרן פון פּריוואַט־מענטשן. די רעדאַקטאָרן פון די ביידע צייטונגען זיינען געווען פאָרטגעשריטענע מענטשן — מענטשן מיט ראַדיקאַלע אידייען. גענוג ווען איך וועל זאָגן, אַז די רעדאַקטאָרן פון דער „פאָלקסצייטונג" זיינען געווען דער באַקאַנטער דר. מאָזעס מינץ, וועלכער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט, און דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער דר. ברעסלאָווסקי, וועלכער איז שוין דאַן געווען שטאַרק גענייגט צום אַנאַרכיזם. אגב אורחא, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז ער איז דאָס דער פאָטער פון דער באַקאַנטער זינגערין, מיס ברעסלאו.

פאַרשטייט זיך, אַז דער אַנאַרכיזם פון דר. ברעסלאו האָט זיך דאַן ווייניג וואָס געמערקט אין דער צייטונג; אָבער פאַר יענער צייט איז די „פאָלקסצייטונג" געווען אַ צימלעך גוטע צייטונג, וועלכע האָט, ווי ווייט מעגלעך, געטאָן גוטע אויפקלערונגס־אַרבייט. אויב זי איז ניט געווען קיין אינגאַנצן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטישע צייטונג, איז זי אָבער געווען אַ גוטע קולטור־צייטונג, און אַ גאַנץ ווירקזאַמער געגן־גיפט קעגן „די אידישע

גאזעטן" פון שאראזאן, וועלכע האט געהאלטן פאר איר פליכט צו פאר־לוימדן און באשמוצן יעדן פרייען געדאנק און יעדע טעטיגקייט אין דער ריכטונג פון אויפקלערונג און גייסטיקער אנטוויקלונג פון דעם אידישן לעזער.

די צווייטע וואכנצייטונג איז אויך ארויסגעגעבן געווארן פון פריוואט־מענטשן, און איז אויך געווען פון צימלעך ליבעראלן כאראקטער. דאס איז געווען „דער פאלקס אדוואקאט", פון וועלכן זעליג זעליקאוויטש (אדער ווי ער האט זיך דאן גערופן „פראפעסאר זעליקאוויטש") איז געווען דער רע־דאקטאר.

די צייטונג האט מער פון אלץ געפירט א קאמף קעגן דעם אידישן קלעריקאליזם.

זי האט געהאט גאנץ וועניג אויפקלערנדיקע ארטיקלען איבער דעם וועזן פון רעליגיע אין אלגעמיין. זי איז ניט ארויסגעקומען אלס די פאר־טיידיגערין פון פרייען געדאנק און קעגן יעדן גלויבן. זי האט אבער גאנץ גרויסן אפגעשפאט פון די, אין וועמעס הענט עס איז געלעגן די אפיציעלע אידישקייט.

באזונדערס איז זי דערגאנגען די יארן דעם רב הכולל און זיינע באלעבאטים.

איך וועל גערן צוגעבן — לויט איך זע איצט — אז צו יענער צייט איז די דאזיקע מעטאדע פון אפלאכן און חוזק־מאכן פון אלערליי פרומאַ־קעס און צבואקעס געווען פון א פיל גרעסערן נוצן ווי די פארשיידענע טיפע חקירות, וועלכע איך און מיינע קאמעראדן האבן פארלאנגט.

איך וויל אויך גערן צוגעבן, אז צו יענער צייט האט זעליקאוויטש דורך זיינע האלב־בדחנישע פעליעטאנען („אהין און אהער"), דורך זיינע פסודא־פילאזאפישע און האלב־פאעטישע ארטיקלען ניט פארפעלט צו האבן א שטארקע ווירקונג אויף דעם אידישן לעזער.

דערצו איז דאן געווען נאך א וואכנצייטונג — דער לאנדאנער „ארביי־טער פריינד" — וואס איז שוין ניט געווען דאס פריוואט־אייגנטום פון גע־וויסע פערזאנען, נאר איז געווען דאס אייגנטום פון די אידישע ארבייטער אין לאנדאן. דער „ארבייטער פריינד" איז שוין געווען אן אויסגעשפראכן סאציאליסטישע צייטונג. זי איז רעדאקטירט געווארן פון דעם פארשטאר־בענעם פיליפ קראנץ, וועמעס אמת'ער נאמען איז געווען יעקב ראמבראַ, און מאריס ווינטשעווסקי איז געווען איינער פון זיינע הויפט־מיטארבייטער.

עס איז איבעריק צו זאגן, אז דער „ארבייטער פריינד" פון לאנדאן האט אויף אונדז געהאט די שטארקסטע ווירקונג. באזונדערס ליב זיינען אונדז געווען די לידער און די ארטיקלען פון מאריס ווינטשעווסקי. אין זיינע „משוגעת'ן" האט זיך גאנץ דייטלעך געמערקט דער אומקאמפראמיס־לעכער רעוואלוציאנער און אנארכיסט.

אָבער די צייטונג איז דערשינען אין לאָנדאָן, און איז אין אַלגעמיין געווען גאַנץ קליין און זייער מאָגער, לויט איר אַלגעמיינעם אינהאַלט; און דערפאַר, כאָטש אונדזער גרופּע האָט געאַרבייט מיט אַלע אירע כּחות פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער צייטונג, האָבן מיר מער ווי עטלעכע צענדליג עקזעמפּליאַרן אַ וואָך ניט געקאָנט פאַרקויפן.

אַט דאָס האָט געפירט דער גרופּע צום געדאַנק פון האָבן אַן אייגענע צייטונג. יאָ, עס האָט זיך שטאַרק געגלוסט זיך אַביסל מער אויסשפּרייטן אין עפנטלעכן לעבן. מיר האָבן אָנגעהויבן מערקן, אַז צו אונדזערע מיטינ־גען קומען אַלץ איינע־און־דיזעלבע מענטשן, און עס איז געקומען די פראַגע: ווי קומט מען צו די גרויסע מאַסן, וועלכע קומען ניט צו די מיטינגען. און עס איז גאַנץ נאַטירלעך געקומען דער געדאַנק, אַז דער בעסטער מיטל דערצו וואָלט געווען — אַ גוטע, וועכנטלעכע צייטונג.

ווער עס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט דעם פאַרשלאָג אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, געדענק איך ניט. אפשר איז דאָס געווען ר. לואיס, אפשר זאַלאַטאַראָוו, און אפשר גאָר אימיצער אַנדערש. איך בין אויף דעם מיטינג, ווען דער פאַרשלאָג איז געמאַכט און אויך אָנגענומען געוואָרן, ניט געווען. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם בין איך באמת נשתּומם געוואָרן. „וואו וועט איר נעמען געלט, און וואו זיינען אייערע שרייבער, און ווער וועט אייך פירן און רעדאַגירן אַ צייטונג?״ — זיינען געווען מיינע פראַגן.

דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן אַ וואָכנצייטונג איז פאַר מיר געווען אַזוי משונה'דיק, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט פּאַטויפּן אין מיין מוח.

אַחוץ דעם האָב איך איינגעווענדט, אַז אונדזער אָפּגעבן זיך מיט דעם אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטונג קאָן טאָן גרויסן שאָדן דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד״. ביז דאָן פלעגן מיר אים שיקן פון צייט צו צייט אַביסל געלט. מיר האָבן אויך ווי ווייט מעגלעך געזאָרגט פאַר זיין פאַר־שפּרייטונג; אָבער, אַז מיר וועלן ווערן די אַרויסגעבער פון אַן אייגענער צייטונג, דאָן וועט דער „אַרבייטער פריינד״ אַ סך ליידן. מעגלעך, אַז ער וועט צוליב דעם אינגאַנצן מוזן זיך אָפּשטעלן, וואו איז דאָ דער געווינס?

אָבער מער פון אַלץ האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן: ווער וועט זיין דער רעדאַקטאָר פון דער געפּלאַנטער צייטונג?

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט פאַר אַלע מיינע איינווענדונגען; די גרופּע האָט באַשלאָסן, און אַ צייטונג מוז געשאַפן ווערן. אי וואָס, עס וועט אָנקומען שווער? — האָט טאַקע אַט דאָס גראָד באַגייסטערט די גע־נאָסן. זיי וואָלטן גאָר ניט געטראַכט וועגן אַן אונטערנעמונג, וואָס זאָל זיין לייכט דורכצופירן. און אויף אַלע מיינע פראַקטישע איינווענדונגען האָב איך געקראָגן אומגעפער פאָלגענדיקן ענטפער:

געלט וועט געשאַפן ווערן פון די פערזענלעכע ביישטייערן פון די מיט־

גלידער, פון עולם וואָס קומט צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען, און פון אַלערליי אַמוזירונגס־אונטערנעמונגען. אחוץ דעם דאַרף מען גאָר ניט פיל געלט. אַט גיבן־אַרויס צייטונגען גאַנץ פּריוואַטע מענטשן, וועלכע זיינען גאָר ניט קיין גרויסע גבירים. וואָס אנבאַטרעפט אַ רעדאַקטאָר, האָבן זיי שוין איינעם אין אויג, און דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי י. י. יאַפע. זיי האָבן אים שוין געשריבן וועגן דעם, און, ווי זיי פאַרשטייען, וועט ער זיך געוויס ניט אָפּזאָגן. און שרייבער פאַר דער צייטונג האָבן מיר גענוג. — און זיי האָבן אָנגעוויזן אויף ר. לואיס, אויף זאַלאַטאַראָוו, אויף מ. קאַץ, און אויך מיך האָבן זיי אַריינגערעכנט אין צעטל.

און אַזוי, ביסלעכווייז, האָב איך פאַרגעסן אָן אַלע מיינע פּראַקטישע איינוווענדונגען און בין געוואָרן איינער פון די באַגייסטערטע טוער פאַר דער צייטונג.

איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערציילט, ווי איך האָב פאַרקויפט פאַר 25 דאָלער טיקעטס צו דעם דעמאָלסטדיקן פאַראיין „סומך נופלים" פון ביאַליסטאָק, און ווי אַט דער פאַראיין האָט געבראַכט זיינע מענער, פרויען און קינדער צו דעם באַל און קאָנצערט אונדזערן און אים געמאַכט אויף אַזאַ אופן פאַר אַ נישקשהדיקן דערפאָלג. און פונקט אַזוי פלייסיג און איבערגעבן האָבן אַנדערע געאַרבייט.

בקיצור, עס האָט ניט לאַנג גענומען און מיר האָבן געשאַפן דאָס נויטיקע געלט צו קויפן די נויטיקע שריפט און אַנדערע זאַכן וואָס זיינען נויטיק פאַר אַרויסגעבן אַ צייטונג. מיר האָבן אויך געדונגען פאַר דער דרוקעריי אַ „בייסמענט" אין סאָפאָלק סטריט, און מען האָט שוין באַשטימט דעם טאָג און די וואָך, ווען די צייטונג זאָל דערשיינען.

האָט אָבער דער באַשטימטער רעדאַקטאָר זיך אַביסל פאַרשפּעטיגט. איז געווען אַ מיינונג — און איך בין געווען שטאַרק דערפאַר, — אַז מען זאָל אָפּלייגן דאָס אַרויסגעבן די צייטונג ביז ער וועט קומען. עס איז דאָך ניט קיין געפאַר, ווען די צייטונג וועט אַרויסקומען מיט אַ וואָך אָדער צוויי שפּעטער ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן. אָבער די אומגעדולד פון די גע־נאָסן איז געווען זייער גרויס. האָט מען באַשלאָסן אַרויסצוקומען מיט דער צייטונג אָן אַ רעדאַקטאָר, און מיך האָט מען דערוויילל באַשטימט אַלס דעם „במקום". אָבער אָנשטאָט מיך רופן מיט'ן נאָמען „דערווייליגער רעדאַק־טאָר", האָט מען מיר געגעבן דעם נאָמען „דער זיצער", וועמעס אויפגאַבע עס זאָל זיין צו זיצן אין דער רעדאַקציע, אָנצונעמען מאַנוסקריפּטן — אויב אַזעלכע וועלן אַריינקומען; זיי דורכקוקן, פאַרריכטן עטוואָס, ווען נויטיק, און איבערגעבן צו די זעצער, וועלכע מיר האָבן געהאַט גאַנצע צוויי — ראָזענסאָן און מילכיגער — וועלכע זיינען ביידע געווען אויף גרויסע צרות.

פאַר מיין אַרבייט האָב איך געזאָלט קריגן גאַנצע 5 דאָלער די וואָך. און דאָס נאָר ביז יאַפע וועט קומען.

אָבער אַך, ניט לאַנג בין איך „געזעסן“. איך האָב נאָך, איידער די צייטונג איז דערשינען — וואָס דאָס האָט ערשט געדאַרפט זיין אין אַ דריי וואָכן אַרום — געמוזט זיך אָפּטראָגן מיט חרפה. און אָט ווי דאָס איז פאָרגעקומען:

גענאָסע זאָלאָטאַראָוו איז געקומען מיט אַן אַרטיקל — איך געדענק שוין ניט מער איבער וואָס — איז ער געווען אַזוי לאַנג ווי דער אידישער גלות. איך האָב אים גלייך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם. האָט ער זיך געגעבן אַ קוועטש און אַרויסגעזאָגט מיט כעס: „ניט אייער דאגה“.

דאַן האָבן מיר ביידע זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און גענומען לייענען די מגילה. לייענענדיק האָב איך גאַנץ מעכאַניש, האַלטנדיק די פעדער אין האַנט, דאָ און דאָרט פאַרריכט אַ וואָרט. איך האָב זיך דער־לויבט אויסצומעקן אַן איבעריקע שורה.

פלוצלונג אָבער איז זאָלאָטאַראָוו אויפגעשפּרונגען פון בענקל, און שטאַרק אויפגעבראַכט האָט ער אויסגעשריען: „איר, איר וועט עס פּיקסן מיין אַרטיקל?“ — און אים גלייך אַרויסגעריסן פון מיינע הענט.

דעמזעלבן טאָג האָט פּאַסירט עפּעס ענלעכס מיט ר. לואיס׳ן. ער איז געווען אַ רעדנער אויף עפּעס אַ מיטינג, און איז געקומען שטאַרק צעפּלאַמט, בעטנדיק מיר: איך זאָל פאַר אים אָנשרייבן דעם באַריכט.

דערקלער איך אים, אַז איך קאָן דאָס ניט טאָן, ווייל איך בין דאָך אויפ׳ן מיטינג ניט געווען, און ניט איך ווייס וואָס ער האָט געזאָגט און ניט ווי דער עולם האָט אים אויפגענומען. „אָט איז דאָס טישל“ — זאָג איך אים — „אָט איז פּאַפּיר, זייט אַזוי גוט, שרייבט אַליין; און כדי אייך ניט צו שטערן וועל איך דערווייל אַריינגיין צו די זעצער, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבייטן פאַר דעם ערשטן נומער, וואָס האָט געזאָלט אַרויסקומען מיט דריי וואָכן שפּעטער.“

האָט ער געפּאָלגט. עס איז אַוועק אַ האַלבע שטונדע — לואיס שרייבט נאָך אַלץ. וואונדער איך זיך: וואָס נעמט עס אים אַזוי לאַנג אָב־צושרייבן אַ באַריכט פון אַ מיטינג?

גיי איך שוין אַריין אין רעדאַקציע־צימער און פרעג אים, ווי לאַנג עס וועט אים נאָך נעמען. ענטפערט ער, אַז ער איז שוין פאַרטיג, און ער דערלאַנגט מיר דעם „באַריכט“.

איך נעם לייענען — שווינדלט מיר פאַר די אויגן פון די „לואיסעס“ אין דער שרייבעריי. אין יעדער שורה ווידער און אָבער „לואיס“. זאָג איך אים, אַז דאָס קאָן אַזוי ניט געדרוקט ווערן. עס איז דאָך פּשוט ניט שיין, אַז אין אַזאַ באַריכט זאָל דער נאָמען לואיס ווידערהאָלט ווערן אַמאָל 50. האָט ער אָנגעוויזן, אַז איך בין אינגאַנצן אומגערעכט, און מיר דער־לויבט עטלעכע „לואיסעס“ אויסצומעקן. אָבער געפילט האָב איך, אַז ער איז מיר געוואָרן אַ ביטערער שונא, און אפשר מער דערפאַר, ווייל עס איז

געוועזן זיין פארשלאג וואס האט מיך געקרוינט צו דער שטעלע פון א „זיצער“.

נאר דאס אליין וואלט נאך ניט געוועזן אזוי געפערלעך, און איך וואלט מיין צייט אלס „זיצער“ אויסגעזעסן ביז יאפע׳ס קומען; האט אבער פאסירט עפעס אנדערש.

אין דעם ערשטן נומער האט געזאלט דערשיינען מיין לייטארטיקל, וועלכער איז פארגעלייענט געווארן פאר דער גאנצער גרופע און האט שטארק אויסגענומען ביים עולם. איז אבער דער ארטיקל קיינמאל ניט געדרוקט געווארן — און אט פארוואס:

מיט א וואכן אכט צוריק, איידער עס האט געזאלט דערשיינען די „ווארהייט“, זיינען מיר — איך, זעליקאוויטש (דער רעדאקטאר פון „פאלקס־אדוואקאט“), שור (זיין מענעדזשער) און נאך אייניגע מענטשן — געזעסן אין זאקס׳עס רעסטאראן, וואס איז דאן געוועזן אין עלדרידזש סטריט. דאס איז געוועזן דער טאג ווען דער „פאלקס־אדוואקאט“ פלעגט דערשיינען. נעמט זעליקאוויטש די צייטונג און לייענט אונדז פאר זיין לייטארטיקל, און פרעגלט זיך ממש פון נחת אים לייענענדיק. אפגעענדיגט לייענען, פרעגט ער מיר, ווי ער געפעלט מיר. זאג איך אים, אז דער ארטיקל איז גאנץ שיין אנגעשריבן, אבער נאכאלעמען איז אין אים גארנישט געזאגט.

ווערט „פראפעסאר“ זעליקאוויטש ברוגז און זאגט: „אז איר זייט שוין יא אזא מבין, אדרבא, באווייזט וואס איר קאנט.“ ענטפער איך אים, אז, ערשטנס, דארף איך אליין גאר ניט קאנען שרייבן, כדי צו זאגן מבינות אויף וואס אנדערע שרייבן. צווייטנס, גלויב איך, אז כאטש איך האב ביז איצט קיינמאל ניט געשריבן אידיש, דאך מיין איך, אז איך זאל קאנען אנשרייבן אן ארטיקל, וואס זאל זיין אי שיין אנגעשריבן און אי עס זאל דארט זיין אן אינהאלט.

איז שוין „פראפעסאר“ זעליקאוויטש געווארן גאר ברוגז און אויס־געשריען: „איך וועל געבן טיי פאר דער גאנצער קאמפאניע וואס איז דא, אויב איר וועט מיר מארגן, אדער וועלכן עס איז טאג וואס איר וועט אליין באשטימען, אריינברענגען אהער אזא ארטיקל, וואס זאל אונדז אלעמען געפעלן און וואס זאל זיין אזא ווי איר זאגט.“

איך האב ניט געזאגט, ניט יא און ניט ניין, ווייל, ווי דער אמת איז, איך האב גאר ניט געקאנט זיין אזוי זיכער מיט זיך אלס א שרייבער אין אידיש. פונדעסטוועגן האב איך באשטימט דעם טאג גלייך אויף מארגן; אדער איך וועל קומען מיט מיין פארטיג אנגעשריבענעם ארטיקל, אדער איך וועל אינגאנצן ניט קומען.

קומענדיק אויף מיין קווארטיר, וואס איז געוועזן א פשוט׳ער קעלער, וועלכן גענאסע טוניק האט מיר געגעבן רענט־פריי, האב איך זיך אוועקגע־

זעצט פאר א חלב׳ן ליכטל און אנגעשריבן דעם ארטיקל, וואס האט געטראגן דעם נאמען „העלפ יורסעלף״.

דער נאמען פון דעם ארטיקל, ווי איר זעט, איז געווען אן עכט בורזשר־אזער; אבער איך האב אים אויסגעניצט פאר א סאציאליסטיש־אנארכיסטישן געדאנק.

אויפמארגן אוונט זיינען מיר זיך צוזאמענגעקומען אין זאקס׳עס רעס־טאראן, און איך האב פארגעלייענט מיין ארטיקל.

„טיי אהער, פראפעסאר!״ — האבן אלע אויסגעשריען.

זעליקאוויטש האט געהאלטן ווארט: באשטעלט טיי. ער האט אבער דערצו ביי מיר געגומען דעם ארטיקל, האט אים אריינגעלייגט אין קעשענע, צוזאגנדיק מיר, אז ער וועט אים באלד פארעפנטלעכן, און וועט מיר נאך געבן 3 דאלער פאר אים, ווען ער וועט פארעפנטלעכט ווערן.

א וואך שפעטער נאך דעם האב איך דערהאלטן א בריוו פון פריינט ראווינסקי, וועלכער האט געארבייט אין ניו הייווען און דארט געלעבט ביי זיין מוטער צוזאמען מיט דער גאנצער משפחה, אז אויב איך וויל און האב צייט, וואלט ער זייער געוואלט איך זאל קומען אויף א פאר וואכן צו אים. ער דארף באלד אפגעבן עקזאמען, און ער איז אביסל שוואך אין אלגעברא, אין וואס, ער ווייס, איך קאן אים צוהעלפן. אין דעם בריוו האט ער אויך ניט פארגעסן אריינצולייגן א דאלער, וויפיל עס האט געקאסט דאס אריבער־פארן מיט דער שיף קיין ניו הייווען.

מיין פריינט, דער שפעטערדיקער דר. ראווינסקי, האט גאר צו־גוט געטראפן: איך בין געווען ווירקלעך אויף גרויסע צרות; און אזוי ווי ביז צו מיין „זיצערשאפט״ איז נאך געווען א שיינע פאר וואכן, בין איך גלייך אויפמארגן אוועקגעפארן קיין ניו הייווען, וואו איך האב פארבראכט גאנצע צוויי וואכן, און וואו די טייערע, ליבע מרס. ראווינסקי האט מיר געשטאפט ווי א גאנז, אייבזעענדיק גאר גיך ווי שטארק איך נויטיג זיך אין דעם.

אן מיין ארטיקל, וואס האט געזאלט דערשיינען אין „פאלקס־אדוואַ־קאט״, האב איך אינגאנצן פארגעסן. זעליקאוויטש אבער, צי מיט א געווי־סער אבזיכט צי ניט, דאס ווייס איך ניט, האט ערשט פארעפנטליכט מיין ארטיקל אין דער וואך, ווען עס האט געזאלט דערשיינען דער ערשטער נומער „ווארהייט״, ד. ה. דעם 15־טן פעברואר, 1889.

ווען די געגנאסן האבן דערזען מיין ארטיקל געדרוקט אין „פאלקס־אדוואקאט״ האבן זיי דאס באטראכט אלס פשוט׳ן פארראט פון מיין זייט.

איך געדענק נאך, ווי דאס וואלט איצט געווען, ווען פרענער איז אריינגעלאפן אין אפיס פון דער רעדאקציע, שליידערנדיק מיר אין פנים: „איר זייט א פאררעטער!״ — אוןווארפט מיר צו דעם „פאלקס־אדוואקאט״. איך נעם די צייטונג און געפין מיין ארטיקל פארעפנטלעכט אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג.

און פּרענער שרייט ווייטער: „מיר אַרבייטן מיט אַלע כּחות אַרויסצו־געבן אונדזער אייגענע צייטונג, מיט אונדזערע אייגענע גענאָסן אַלס שרייבער — אַ צייטונג צו וועלכער דער בורזשואַ זאָל קיין צוטריט ניט האָבן — און מיטאַמאָל איז דער לייטאַרטיקל־שרייבער פון דער „וואַרהייט“, פון אונדזער „וואַרהייט“, אויך אַ שרייבער אין בורזשואַזן „פּאָלקס־אַדוואָ־קאַט“! און נאָך אין דערזעלבער וואָך!“

מיט דער אַרגומענטאַציע פון גענאָסע פּרענער בין איך דאַן געווען איינפאַרשטאַנען. דערפאַר טאַקע האָב איך עס באַטראַכט פאַר מיין פליכט צו דערקלערן אים די אומשטענדן, אונטער וועלכע דער אַרטיקל איז גע־שריבן געוואָרן, און ווי ער קומט צום „פּאָלקס־אַדוואָקאַט“, און אַז לויט ווי זעליקאָוויטש האָט מיר פאַרשפּראָכן האָט שוין דער אַרטיקל לאַנג געדאַרפט זיין פאַרעפנטליכט.

מיין דערקלערונג האָט אָבער ניט געהאָלפן. ניט אַנדערש — זעלי־קאָוויטש האָט מיר „אונטערגעקויפט“. דאַן האָב איך שוין פאַרלוירן מיין געדולד, און אים אָנגעהויבן זידלען. עס זיינען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר גענאָסן, און מיר זיינען אַלע אַוועק צו זעליקאָוויטש׳ן, כּדי אויסצוגעפינען, צי איך האָב זיי דערציילט דעם אמת וועגן דעם אומגליקלעכן אַרטיקל, און צי האָב איך געקראָגן באַצאָלט פאַר דעם אַרטיקל. זעליקאָוויטש האָט זיי דערציילט דיזעלבע געשיכטע; און אויב זיי גלויבן אים אויך ניט, זיינען דאָ עדות — זאַקס פון רעסטאָראַן און זיין מענעדזשער שור. די גענאָסן האָבן מיר מיין חטא מוחל געווען; אָבער דער זאַץ פון מיין אַרטיקל איז באַלד צעוואָרפן געוואָרן, און קיין איינציקע שורה איז פון מיר ניט געווען אין ערשטן נומער „וואַרהייט“, פאַר וועלכן איך האָב געאַרבייט מיט אַזאַ תמימות און מיט אַזאַ איבערגעבנקייט.

און נאָך אַ זאַך האָט מיר פאַרדעכטיגט געמאַכט אין די אויגן פון די וואָס זיינען געווען די רעדל־פירער אין אונדזער נאָר וואָס אויפשפּראָצנ־דיקער באַוועגונג.

מאָריס ראָזענפעלד׳ן האָב איך דאַן באַטראַכט פאַר גאָר אַ גרויסן, אויפקומענדיקן פּאָעט, האָב איך ביי אים געבעטן אַ ליד פאַר׳ן ערשטן נומער. די גענאָסן אָבער האָבן דוקא געוואָלט אַ ליד פון גענאָסע עדעל־שטאַט, וועמען איך האָב נאָך כּמעט ניט געקענט, און פון וועמעס ליד איך האָב דאַן ווייניג געהאַלטן. עס איז דעריבער געקומען צו אַ סיכסוך צווישן מיר און זאָלאָטאַראָוו׳ן, ביז עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ביידע לידער זאָלן אַריין, נאָר ראָזענפעלד׳ס ליד זאָל געדרוקט ווערן אויף אַן אינעווי־ניגסטער זייט, בעת עדעלשטאַט׳ס זאָל זיין געדרוקט אויף דער ערשטער זייט.

אָבער אַזוי ווי איך בין אַוועק פון דער רעדאַקציע מיט אַ דריי טעג פריער איידער עס איז דערשינען דער נומער, האָבן די גענאָסן מיר אָפּגע־

טאָן: ניט נאָר איז מיין אַרטיקל ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן, נאָר אויך ניט ראָזענפעלד׳ס ליד.

און אַז איך האָב שוין דאָ יאָ דערמאָנט דעם נאָמען פון איינעם פון אונדזערע ערשטע און גרויסע פּאָעטן, וועט ניט זיין גאַנץ איבעריג צו דערציילן וועגן מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט ראָזענפעלד׳ן.

דאָס איז געווען נאָך אַ רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטן אין 56 אָר־טשאַרד סטריט, אין אַ געוויסן פרייטאָג־צו־נאַכט. קומט צו מיר צו אַ יונגערמאַן, מיט געקרייזלטע שוואַרצע האָר און אַ פּאָר מערקווירדיקע בליצנדיקע אויגן, און גיט מיר אָפּ אַ האַרציקן יישר כח פאַר די זעלטן־שיינע און טיפע געדאַנקען, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט. פּיל איך זיך געשמייכלט און פרעג אים ווי ער הייסט. זאָגט ער מיר, אַז ער הייסט מאָריס ראָזענפעלד, און אַז פון צייט צו צייט שרייבט ער אַ לידל.

איז אַזוי ווי עס האָט אים ניט זייער לאַנג גענומען אויסצוגעפינען וואו איך וואוין (ווי דער אמת איז, האָב איך דאַן אין ערגעץ ניט געוואוינט; מיינע זאַכן זיינען געשטאַנען ערגעץ אויף אַ „טאָפּ־פלאָר", אַ בוידעם אין עלען סטריט; און אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט קיין רענט צו באַצאָלן האָב איך זיי דאָרט איבערגעלאָזט, מורא האָבנדיק זיך צו ווייזן אויף מיין קוואַר־טיר) — איז דערוויסנדיק זיך דאָס, זאָגט ער צו מיר: „קומט שוין. איך נעם אייערע זאַכן און איר וועט וואוינען מיט מיר. איך האָב אַ בעטל, וועט איר דאָרט שלאָפן ווי לאַנג איר וועט וועלן."

פאַרשטייט זיך, איך האָב זיך געפילט באַזונדערס פריינטלעך צו ראָ־זענפעלד׳ן. אָבער די געגנאָסן האָבן געהאַט עפּעס תרעומות אויף אים, און אַט אַזוי איז ראָזענפעלד אויך געווען אַ שטיקל אורזאַך פאַר מיינע סיכסוכים מיט די גענאָסן.

נאָר אויב דער לעזער וועט פון דאָס דערציילטע שליסן, אַז איך האָב זיך צוליב דעם צוריקגעצויגן פון טעטיגקייט, אָדער אָפּילו פאַרלאָזן די גרופּע, וועט איר מאַכן אַ גרויסן טעות. איך האָב פאָרטגעזעצט מיין אַר־בייט פאַר דער צייטונג ווי גאָר אין אָנהויב, געטאָן וואָס איך האָב נאָר געקאָנט, און זיך ממש געפרייט מיט יעדן נומער, כאָטש אונדזער רעדאַק־טאָר, ווען מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט אָזש פון לאָנדאָן, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַלס אַ גרויסער דורכפאַל.

ער האָט אָנגעהויבן רעדאַגירן די צייטונג פון צווייטן נומער, און שוין באַלד האָט ער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גרויסער קאַליקע אַלס שרייבער, אַ מענטש מיט זייער ווייניג וויסן, און אויך אַ מענטש אָן טאַקט און אָן די מינדסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. וואָס לענגער ער איז געבליבן רעדאַק־טאָר, אַלץ מער און מער האָט ער זיך און אונדז בלאַמירט.

ער האָט געשריבן איבער זאַכן, איבער וועלכע ער האָט געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה. ער האָט זיך אַריינגעלאָזן אין משונה׳דיקע גוזמאות איבער

דער ראַלע וואָס מיר, אַנאַרכיסטן, האָבן געשפּילט אין עפנטלעכן לעבן, מיינענדיק דערמיט צו געפעלן די גענאָסן. נאָר באַלד האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין כסא המלוכה, און די רעדאַקציע איז פאַר אַ פאָר וואָכן איבער־געגעבן געוואָרן צו גענאָסע מעריסאָן. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז שוין ווידער געווען אַן אַנדער רעדאַקטאָר — דאַכט זיך: זאַלאַטאַראָוו. און ענדלעך, צולעצט, האָט מען מיך ווידער מכבד געווען מיט׳ן אַלטן כבוד פון אַ „זיצער״, און דאַן האָב איך אַרויסגעגעבן די לעצטע נומערן.

מיט דעם 20־סטן נומער האָט זיך געענדיגט דאָס לעבן פון דער ערש־טער אַנאַרכיסטישער צייטונג „די וואַרהייט״.

ניט געלט, נאָר בלוט האָט אונדז געקאָסט די צייטונג. די גענאָסן האָבן בוכשטעבלעך דאָס פלייש פון זיך געריסן כדי די צייטונג אויפצו־האַלטן; און עס איז געווען דער טרויעריגסטער טאָג אין אונדזער לעבן, ווען מיר האָבן געמוזט די צייטונג אויפגעבן. פאַר דער צייט וואָס זי האָט עק־זיסטירט, איז זי געווען דאָס טייערסטע, דאָס העכסטע אין אונדזער לעבן. אָבער מיר האָבן באַלד געמוזט אַנערקענען, אַז אונדזערע כוחות זיינען צו־קליין נאָך פאַר אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע שריפט.

18. דער כאַראַקטער פון דער „וואַרהייט״

ווי איך האָב שוין באַמערקט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, האָט דער אונטערגאַנג פון דער „וואַרהייט״ אונדז פאַרשאַפט דעם ביטערסטן ווייטאָג. זי איז געווען אַ שטיק — און דאָס בעסטע שטיק — פון אונדזער לעבן. מיר האָבן דאַן ערנסט געגלויבט, אַז מיר האָבן אַרויסגעגעבן די בעסטע צייט־שריפט.

איך האָב דעריבער איצט, שרייבנדיק מיינע דעראינערונגען, גענומען זיך די מי איבערצוקוקן אַלץ וואָס איז אין די 20 נומערן געשריבן געוואָרן, און עס טוט מיר ווירקלעך באַנג, פאַרוואָס איך האָב עס געטאָן.

דאָס איבערלייענען די פאַרשיידענע זאַכן פון מיר און אַלע אַנדערע שרייבער פון יענער צייט האָט מיר געמאַכט זייער אומעטיג געשטימט . . . וואָס פאַר אַ קינדערשער באַגריף עס האָט דאַן געהערשט ביי אונדז אַלעמען! ווי וועניג מיר האָבן פאַרשטאַנען פון לעבן! און ווי וועניג מיר האָבן זיך געפּאַסט פאַר אונדזערע ראָלעס אַלס לערער פון פאָלק, אַלס וועגווייזערס פאַר די אַרבייטער.

איך וואונדער זיך איצט גאָר: ווי אַזוי האָט אַזאַ צייטונג געקאָנט עקזיסטירן גאַנצע צוואַנציק וואָכן? זי האָט, על פּי יושר געדאַרפט אונטער־גיין שוין אויף דער צווייטער וואָך פון איר לעבן.

קיינער פון אונדז האָט ניט געקאָנט אָנשרייבן אַ ריכטיקן זאַץ; און וועניגער פון אַלעמען האָט עס געקאָנט איר רעדאַקטאָר. קיינער פון אונדז

איז ניט געווען קלאָר ביי זיך, וואָס ער וויל אייגנטלעך. מערקווירדיק, אַז גראָד צווישן די בריוו, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע, געפין איך, אַז פיל זיינען געווען גאָר ניט שלעכט אָנגעשריבן, און מיט אַ געוויסער מאָס וויסן און לאָגיק וועגן דעם וואָס זיי האָבן געשריבן.

די צייטונג האָט זיך גערופן „אַנאַרכיסטישע צייטונג״; אָבער איך קאָן בשום אופן ניט אויסגעפינען, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי גערופן.

און דאָך, ווי עס זעט אויס, האָט זי דערפילט צו יענער צייט אַ געוויסע באַדערפעניש. זי איז געווען, וואו די ערשטע אויפשפּראָצנדיקע יוניאָנס האָבן געפונען אַ פּלאַץ צו דרוקן זייערע באַריכטן; זי איז אויך געווען די צייטונג, וואָס האָט געהאָלפן, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, די אַרבייטער זיך צו אָר־גאַניזירן, בעת די גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט״ האָט זיי געהאָלפן מיט רעדנער, וועלכע, ווי עס זעט אויס, זיינען געווען די הויפּט־העלפער אין דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער.

אָבער דעם הויפּט־אויפטו אין דער צייטונג געפין איך, וואָס די דע־מאָלסטדיקע שרייבער אין איר האָבן זיך דאָן פּשוט געלערנט שרייבן אידיש.

עס איז כדאי צו לייענען די ערשטע אַרבייטן פון די שרייבער אין די ערשטע וואָכן פון דער צייטונג, און דאָן אין די לעצטע וואָכן, און עס וועט ווערן קלאָר, אַז אויב די צייטונג האָט גאָרנישט אויפגעטאָן פאַר דער אויפ־קלערונג פון דעם דעמאָלסטדיקן אידישן לעזער, האָט זי אָבער זייער פיל אויפגעטאָן פאַר די שרייבער גופא. זייער סטיל איז געוואָרן אַלץ קלערער, און וואָס נאָך וויכטיקער איז, עס איז קענטיק, אַז זיי האָבן אין דעם דאָזיקן קורצן משך צייט זיך אָנגעהויבן לערנען.

דאָס איז דאָס איינציקע גוטע, וואָס איך קאָן איצט זאָגן פאַר דער צייטונג. עס איז ווירקלעך אַ חילול השם צו רופן איר מיט׳ן נאָמען צייטונג. עס איז געווען אַ גרויסע שטיק פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט זיך אימער און שטענדיק געענדיגט מיט אַן אויסרוף פאַר דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע״, וועלכע גאָט אַליין ווייסט וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען אונטער די ווערטער.

אָבער, ניט אַכטנדיק אויף דאָס אַלץ, איז מיר אָט די „וואָרהייט״ ביז היינטיקן טאָג זייער ליב און טייער, ווייל, ווי אומקלאָר, ווי שלעכט זי איז געשריבן געוואָרן; און ווי אומגעלומפּערט עס זיינען צוזאַמענגעשטעלט גע־וואָרן אירע נומערן; און ווי ווייניג מיר האָבן דאָן פאַרשטאַנען וואָס אייגנט־לעך איז אונדזער שטרעבן; און ווי פאַלש און קינדעריש עס זיינען געווען די באַגריפן וואָס מיר האָבן געגעבן אויסדרוק אין אונדזערע אַרטיקלען, — דאָך, איבער אַלץ שטייט דער גרויסער וואונדערבאַרער ענטוזיאַזם און גלויבן, פון וועלכן די „וואָרהייט״ איז געווען דער אויסדרוק. און אָט, אַלס אַזעלכעס, איז מיר די צייטונג זייער און זייער ליב און טייער. באַכאַלעמען איז זי דאָך געווען דער אָרגאַן, אין וועלכן מיר האָבן זיך געלערנט שטעלן אונדזערע ערשטע שריט.

מיט אַ געפיל פון גרויס דרך־ארץ נעם איך אָפּשייד פון אונדזער אונ־טערנעמונג אויף דעם ליטעראַרישן געביט, פון אונדזערע ערשטע טריט, וואָס מיר האָבן געשטעלט פאַר אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אידישע אַרבייטער, און גיי־איבער צו דער ווייטערדיקער דערציילונג פון מיינע פער־זענלעכע שיקזאַלן אין דער אַרבייטער־באַוועגונג.

3-טער טייל

לאָנדאָן און ווי איך בין אַהין געקומען

1. די גרופּע „ריטער דער פרייהייט"
2. מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער אידיש-אַנאַרכיסטישער לאָנדאָן
3. מיין טעטיקייט אַלס רעדאַקטאָר און שרייבער
4. די פירער פון דער דעמאָלסטדיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאָנדאָן
5. די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין יענע יאָרן אין לאָנדאָן
6. איך ווער אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער-קאָנגרעס
7. אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין דעבאַטע מיט אַב. קאַהאַן
8. דער „אַרבייטער פריינד" שטייט אויף תחית-המתים
9. די „פרידאַם", די „קאָמאָנוויל" און די ענגלישע גענאָסן
10. מיינע שונאים און די שונאים פון „אַרבייטער פריינד" ווערן פאַרצווייפלט
11. עדעלשטאַטס גרויסער איינפלוס אויף די לאָנדאָנער אַרבעטער
12. ווי מיר גיבן אויף דעם קלוב
13. איך הויב אָן ביסלעכווייז צווייפלען אין דער ניצלעכקייט פון „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט"
14. מיר באַנייען זיך מיט נייע שריפטן און דער „אַרבייטער פריינד" ווערט צוויי מאָל אַזוי גרויס
15. איך ווער איינגעלאַדן קיין פּאַריז אויף עטלעכע לעקציעס
16. די נביאות פון די גענאָסן ווערט ניט אינגאַנצן מקוים
17. די מעשה גיליאַראָוו
18. די לעצטע פּאָר יאָר פון „אַרבעטער פריינד" אונטער מיין רעדאַקציע

1. די גרופּע „ריטער דער פרייהייט"

ווען די גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט" איז געוואָרן די אַרויסגעבערין פון אַן אייגענער צייטונג, האָט זי ניט נאָר ניט געקאָנט, נאָר האָט אויך ניט געהאַט דעם נויטיקן ווילן צו העלפן דער פאַרשפּרייטונג פון דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד". שטילערהייט איז אָנגעגאַנגען אַ שטיקל קאַמף צווישן די ביידע צייטונגען. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר אין די „אָפּפער אַלטאַרן" (אַ מין שנאָר־קאָלום) וואָס האָבן זיך געדרוקט אין ביידע צייטונגען, און וואָס זיינען געווען, אַזוי־צו־זאָגן, דער אויסדרוק פון די לעזער פון ביידע צייטונגען, נאָר האָט זיך אויך געשפּירט אין די רעדאַקציאָנעלע קאָלומס פון די צייטונגען. און אַזוי ווי די הויפּט־שטיצע אין געלט האָט דער לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" דאַן געצויגן פון אַמעריקע, האָט עס ווירקלעך געהאַלטן גאַנץ שלעכט מיט דער ערשטער סאָציאַליסטישער אידישער צייטונג.

צום גליק זיינען דאַן געווען אין ניו יאָרק און אין פילאַדעלפיע אייניגע גענאָסן פון לאָנדאָן, וועלכע האָבן זיך ניט אַמעריקאַניזירט נאָך ביז צו אַזאַ גראַד, אַז זיי זאָלן קאָנען פאַרגעסן אָן דער ערשטער צייטונג, וואָס איז געווען זייער ערשטער קוואַל פון סאָציאַליזם. האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרופּע אונטערן נאָמען „ריטער דער פרייהייט", מיט'ן צוועק צו טאָן אַלץ אין זייערע כחות פאַר דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד".

זאָל דאָ גלייך דערקלערט ווערן, אַז אויך די לאָנדאָנער גענאָסן זיינען געווען מער אַנאַרכיסטיש גענייגט ווי סאָציאַלדעמאָקראַטיש, אָבער דאָך איז דער „אַרבייטער פריינד", מיט זיין אומפּאַרטייאישער טענדענץ, געווען זיי זייער ליב און טייער. זיי האָבן דעריבער מיט פאַרגעניגן גענומען אויף זיך די אַרבייט, וואָס די גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט" האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט מער טאָן.

דאָס איז אָבער ניט געווען זייער איינציקע אַרבייט. זיי האָבן צו יענער צייט, אָרים און קליין אין צאָל, ווי זיי זיינען געווען, פאַרטיג געבראַכט צו שאַפן גענוג געלט און אַרויסגעבן קראָפּאָטקינ'ס בראָשורע „געזעץ און אויטאָריטעט", אין דר. מעריסאָנ'ס איבערזעצונג. און פון צייט צו צייט האָבן זיי אויך אָפּגעהאַלטן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

איינער פון די סאַמע טעטיגסטע צווישן זיי, פאַקטיש זייער קאָפּ און פירער, איז געווען גענאָסע רוטענבערג.

אים האט אבער געצויגן צוריק קיין לאנדאן, וואו ער האט געהאט א פרוי און קינדער. אריבערנעמען זיי קיין אמעריקע האט ער ניט געוואלט. ער האט ניט געגליכן דעם דעמאלסטדיקן ארט לעבן אין ניו יארק.

איז אט איין שיינעם טאג — ריכטיקער: איין שיינע נאכט— נאכדעם ווי איך האב געהאט א גאנץ היציקע דעבאטע מיט מיינע געגאסן אויף א מיטינג אין 56 ארטשארד סטריט — איז צוגעקומען צו מיר געגאסע רוטענבערג, זאגנדיק צו מיר, אז ער וויל מיט מיר וועגן עטוואס זיך דורכשמועסן.

מיר זיינען ארויס פון האל און ער האט מיר אנגעהויבן דערציילן פון לאנדאן, פון לאנדאנער „ארבייטער פריינד", פון די גענאסן אין לאנדאן, וועלכע, ווי די גענאסן פון ניו יארק, האבן זיך ארגאניזירט אין א גרופע „ריטער דער פרייהייט", און אז זיי זיינען אייגנטלעך די הויפט־טוער אין בערנער סטריט קלוב. אויך זיינען זיי די מאיאריטעט, נאר עס פעלט זיי דארט איינער, וואס זאל זיין אימשטאנד צו געבן אויסדרוק זייערע געפילן און געדאנקען, סיי אויף דער פלאטפארם און סיי אין „ארבייטער פריינד".

און אזוי ווי ער האט מיר געהערט ריידן, און אויך געלייענט מיינע פאר ארטיקלען אין דער „ווארהייט", איז ער זיכער, אז איך וואלט אין לאנדאן געקאנט זיך זייער ניצלעך מאכן.

דא, אין ניו יארק, האט ער מיר געזוכט צו איבערצייגן, בין איך ניט זייער נויטיק. דא זיינען דא, אויסער מיר, פיל אנדערע. אחוץ דעם האט ער, לויט זיין מיינונג, איינגעזען, אז צוליב אזא אדער אן אנדער אורזאך קאן איך מיט די ניו יארקער גענאסן ניט הארמאנירן. לויט ער דענקט, בין איך און ניט זיי גערעכט. אבער, האט ער ארגומענטירט, זיי זיינען דא אין דער מאיאריטעט. איך בין דערווייל איינער: און ביז עס וועט מיר נעמען צו איבערצייגן זיי, אז איך בין גערעכט און ניט זיי, קאן דאס געדויערן ווער ווייסט ווי לאנג. איז עס דען ניט גלייכער, אז איך זאל פארלאזן ניו יארק, קומען קיין לאנדאן, וואו ער איז זיכער, אז איך וועל האבן גרויס דערפאלג סיי אויף דער פלאטפארם און סיי אלס מיטארבייטער אין דער צייטונג?

אויף מיין פראגע: ווי אזוי וועל איך דארט קאנען מאכן א לעבן? האט ער מיר דערקלערט, אז פאר דעם דארף איך זיך ניט זארגן. ווארים עס איז גאר קיין פראגע ניט, אז די גענאסן וועלן זען, אז איך זאל באלד קריגן ארבייט ביים „ארבייטער פריינד"; אחוץ דעם — האט ער ווייטער ארגומענטירט — איז אייך דען אזוי גוט אין ניו יארק, אז איר זאלט מורא האבן צו ריזיקירן?

איך האב אים געענטפערט, אז זיין פארשלאג געפעלט מיר; אבער אזוי ווי ער איז דאך ניט די גאנצע לאנדאנער גרופע, איז ווען ער וועט פארן צוריק קיין לאנדאן, און וועט זיך דורכריידן מיט די גענאסן, און וועט מיר קאן שרייבן, דאן וועל איך אים קאנען געבן א באשטימטן ענטפער.

מיט א פאר וואכן שפעטער האט ער פארלאזן ניו יארק און איז אוועק

קיין לאנדאן. און אזוי ווי איך האב פון אים גארנישט געהערט פאר א לענ־גערער צייט, האב איך פארגעסן די גאנצע געשיכטע.

צו יענער צייט איז געקומען פון רוסלאנד מיין געליבטע — די איצטיקע פרוי מיינע, און אזוי ווי זי אליין איז געווען צו־שוואך צו ארבייטן איז די פראגע: ווי מאכט מען א לעבן? — געווארן גאר א ברענענדיקע. אליין האב איך זיך ווי־עס־איז דורכגעמאטערט, אבער איצט איז געווען אנדערש.

מיינע צוויי דעמאלסטדיקע פריינט — מינדלין און קאפעלאוו — האבן מיר געראטן צו ווערן א סינגער־מאשין אגענט. צי איך וועל זיך אויסטייגן צי ניט, אבער פאר עטלעכע וואכן, לפחות, וועל איך זיין זיכער מיט 15 דאלער די וואך.

איך האב קיין אנדער ברירה ניט געהאט און געפאלגט זייער עצה.

איך האב אלס סינגער־אגענט געהאט א גאנץ קנאפן דערפאלג. איך האב זיך פשוט געשעמט מיט דער מלאכה. אנקלאפן אין א טיר איז פאר מיר געווען העכסט פיינלעך. איך האב נאך געדענקט מיין אפשניט, וואס איך האב געהאט אלס „ביכער"־אגענט. און, פארשטייט זיך, אז די איינ־ציגע מאשין, וואס איך האב פארקויפט, איז געווען די וואס איך האב פאר־קויפט זיך אליין, נאר אונטער אן אנדער נאמען.

דאס איז געווען אין 1889. לואי מילער איז דאן געפארן צום ערשטן אינטערנאציאנאלן קאנגרעס אין פאריז, אלס דעלעגאט פון די „פאראיי־ניגטע אידישע געווערקשאפטן". און עס איז מיר קיינמאל ניט איינגעפאלן, אז לואי מילער זאל עס זיין דער פארמיטלער־אינסטרומענט צווישן מיר און די גענאסן פון לאנדאן. אבער דאך איז עס געשען.

אבער איידער איך קום דערצו לאמי'ך דא זאגן, אז צו יענער צייט האב איך געגומען א גאנץ קנאפן אנטייל אין דער באוועגונג. צו די מיטינ־גען פון דער גרופע „פיאנירע דער פרייהייט" בין איך מער ניט געקומען, נאר פרייטאג־צו־נאכט פלעג איך צוקומען צו די אלגעמיינע פארזאמלונגען אין 56 ארטשארד סטריט, און זונטאג צו די רוסישע פארזאמלונגען — און דאס אויך גאנץ זעלטן.

פונדערוויטנס האב איך געהערט, אז די סאציאלדעמאקראטן טראגן זיך ארום מיט'ן געדאנק ארויסצוגעבן זייער אייגענע שטרענג סאציאל־דעמאקראטישע צייטונג, אבער דאס האט מיר קנאפוואס אינטערעסירט.

איך דערמאן זיך נאר, אז איך בין איינמאל געווען — איך געדענק שוין ניט מער צוליב וועלכער אנגעלעגנהייט — ביי גענאסע הילקאוויטש, דער שפעטערדיקער פירער פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין אמעריקע, גענאסע הילקוויט, און גראד דאן איז אויך אב. קאהאן אנגעקומען. מיר האבן זיך צערעדט וועגן אן ארטיקל, וואס קאהאן האט פארעפנטליכט אין „פיפל'ס־אדוואקאט" — א סאציאליסטישע וועכנטלעכע צייטונג אין ענג־ליש, אין וועלכן ער האט גאנץ ביטער אנגעגריפן די אנארכיסטן.

איך האָב אים דאָן געזאָגט, אַז ער האָט אין זיין אַרטיקל אויסגעטראַכט פּשוט'ע בלבולים אויפ'ן אַנאַרכיזם. ער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס, און מיר האָבן זיך שטאַרק צעווערטעלט.

אָבער מיר זיינען דאָך אַוועק ניט צעקריגט. הילקאָוויטש האָט אים (קאַהאַנ'ען) געזאָגט, אַז ער האָט געלייענט מיינע פּאָר אַרטיקלען אין דער „וואַרהייט", און זיי זיינען אים זייער געפעלן געוואָרן. „אויב אַזוי" — האָט קאַהאַן אויסגעשריען — „וועט איר שרייבן אין אונדזער צייטונג!" (זיין נבואה איז קיינמאָל ניט מקוים געוואָרן, אויב איך זאָל ניט רעכענען די עטלעכע מאָנאַטן פּראַבע אין „פאָרווערטס" מיט אַ סך יאָרן שפּעטער).

פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע געגנאָסן האָבן אויך געוואוסט וועגן דעם, און עס האָט ביי זיי אויפסניי אויפגעלעבט דער וואונטש צו האָבן אַ צייטונג. אָבער דאָס מאָל האָבן זיי שוין מער ניט געטראַכט פון אַרויסגעבן אַ צייטונג אַליין, נאָר בשותפות מיט די סאָציאַלדעמאָקראַטן — אַ צייטונג, אין וועלכער אַלע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע ריכטונגען זאָלן זיין פאַרטראָטן.

צוליב דעם האָט די גרופּע „פּיאָנירע דער פרייהייט" איינגערופן אַ קאָנווענשאָן, אויף וועלכער די פאָרטרעטער פון אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען זיינען גערופן געוואָרן.

איך בין אויף דער קאָנווענשאָן ניט געווען; איך האָב ניט געהאַט דעם בויטיקן חשק. מיט די גענאָסן, ווי איך האָב שוין פריער דערקלערט, בין איך ניט געווען גאַנץ שוה בשוה; אָבער דעם געדאַנק פון אַ אַלגעמיינער אומפּאַרטייאישער צייטונג האָב איך פאַרטיידיקט אויף די פאַרזאַמלונגען אין 56 אָרטשאַרד סטריט. אין איינער פון מיינע רעדעס האָב איך דערקלערט, אַז מיר מוזן האָבן אַ צייטונג, אין וועלכער די אַרבייטער אַליין זאָלן קאָנען זיך אַרויסזאָגן פולקאָמען פריי, און אויך אַ צייטונג, אין וועלכער יעדע סאָציאַליסטישע טענדענץ זאָל געפינען איר פולסטן און קלאָרסטן אויסדרוק. „די צייטונג" — האָב איך געזאָגט — „דאַרף, לויט מיין מיינונג, זיין אַ „פרייע אַרבייטער שטימע"." איז ווי איך האָב אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, איז דער האָל פאַרהילכט געוואָרן פון אַפּלאָדיסמענטן. „און" — האָב איך געענדיגט — „דאָס דאַרף אויך זיין דער נאָמען פון דער צייטונג — „די פרייע אַרבייטער שטימע"."

און אָט דעם פאָרשלאָג האָב איך געמאַכט, ווען עס איז שוין געווען כמעט זיכער, אַז איך פאָר קיין לאָנדאָן איבערנעמען די רעדאַקציע פון „אַרבייטער פריינד".

און אָט דאָ מוז איך זיך צוריקקערן צו דער ראָלע פון לואי מילער אין מיין לעבן. לואי מילער'ס פאָרן האָט געהאַט אַ טאָפּלען צוועק: ערשטנס — צו זיין אַ דעלעגאַט אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין פאַריז. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד; ווארים ניט ער האָט געהאַט וואָס צו

טאָן אויפ׳ן קאָנגרעס, און ניט ער איז געווען אַווירקלעכער דעלעגאַט. די „פּאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן״ האָבן עקזיסטירט בלויז אויפ׳ן פּאַ־פּיר. דער הויפּט־צוועק פון זיין רייזע איז געווען איבערצורעדן קראַנצ׳ן, ער זאָל קומען קיין אַמעריקע און איבערנעמען די רעדאַגירונג פון דער געפּלאַנטער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבייטער־צייטונג. קראַנץ איז שוין דאַן ניט געווען מער דער רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד״; ער איז געווען בלויז דער מענעדזשער, איז עס, נאַטירלעך גאַנץ לייכט געווען פאַר מילער׳ן אים איבערצורעדן צו קומען קיין ניו יאָרק. און אַזוי איז לואי מילער געקומען צוריק מיט דער בשורה, אַז זיי האָבן שוין אַ רעדאַקטאָר, אין דער פּערזאָן פון דעם באַקאַנטן פיליפּ קראַנץ. צו דערזעלבער צייט האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט פאַר מיר אַ בריוו, און בעט מיך צו קומען אים אָפּנעמען.

זינט דער פּאַסירונג מיט דער ביבליאָטעק פון „רוסקי פּראָגרעסיוונוי סאָיוז״ בין איך געווען שטאַרק ברוגז אויף מילער׳ן, און מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט גיין צו אים. אין דערזעלבער צייט בין איך אָבער געווען זייער נייגעריג צו וויסן וואָס פאַר אַ בריוו ער האָט פאַר מיר. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם געשפּרעך מיט רוטענבערג׳ן מיט באַלד אַ יאָר צוריק, און האָב זיך געוואונדערט: איז דאָס ניט צומאָל אָן ענטפער פון אים וועגן דעם וואָס מיר האָבן גערעדט?

און איך האָב געטראָפן. רוטענבערג האָט מיר געשריבן, אַז ער באַ־נוצט זיך מיט דער געלעגנהייט פון מילער׳ס זיין אין לאָנדאָן, ווייל ער ווייסט ניט מיין אַדרעס (ער האָט געוואוסט, אַז איך בייט מיינע קוואַרטירן יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג) און ער דערמאָנט מיר אָן אונדזער אונטער־ריידונג און פרעגט ביי מיר, צי איך וויל קומען קיין לאָנדאָן פאַרנעמען די שטעלע פון רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד״, ווייל דער איצטיקער רעדאַקטאָר איז נעבעך שווינדזיכטיק, האַלט ביים שטאַרבן, און אַזוי שנעל ווי איך קום טרעט ער אָפּ מיט פאַרגעניגן זיין פּלאַץ.

אַלזאָ — ענדיגט ער זיין בריוו — אויב איך וויל, זאָל איך אים גלייך שרייבן, און ער וועט מיר אַרויסשיקן אויף די נויטיקע הוצאות. דערצו האָט ער מיר אויך געבעטן איך זאָל גלייך זיך זעצן שרייבן אַ סעריע אַר־טיקלען איבער אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, וואָס וועט זיך גלייך אָנהויבן דרוקן אין „אַרבייטער פריינד״.

איך האָב דעם בריוו גלייך פאַרגעלייענט פאַר מיין פרוי, און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם צוליב פיל טעמים: ערשטנס, האָט זי געפילט זייער שלעכט צוליב מיינע זייער אָנגעשטרענגטע באַציאונגען מיט די גענאָסן. צווייטנס, איז זי געווען אַביסל אייפערזיכטיק אויף די פאַרשיידענע מייד־לעך, מיט וועמען איך בין באַקאַנט געוואָרן אין דער צייט וואָס איך בין דאָ געווען אַליין. דריטנס, איז אונדזער מאַטעריעלער לעבן געווען זייער ניט

קיין אַנגענעמער. אין די דריי רומס, וואָס מיר האָבן געדונגען אויף אָר־טשאַרד סטריט, האָט זי געמוזט אַריינגעמען אַ פּאָר „באָרדערס", און פון וואָך צו וואָך איז די לאַגע געוואָרן אַלץ שווערער. בקיצור, עס איז גאָר־נישט געווען אין אונדזער ניו יאָרקער לעבן, וואָס זאָל איר און מיך אויף אַ מינוט וואַקלען זיך צו פאַרבייטן ניו יאָרק אויף לאָנדאָן, וואו איך זאָל קאָנען אָנהויבן גאָר אַ ניי לעבן.

אַ ניי לעבן! ניט איך און ניט מיין פרוי האָבן זיך פאָרגעשטעלט וואָס פאַר אַ צרות עס דערוואַרטן אונדז אין דעם נייעם לעבן.

איך האָב גלייך גענומען שרייבן די אָפּהאַנדלונג, וואָס האָט זיך גע־דרוקט אין לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד" אין עטלעכע נומערן, און וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם — ווי מען האָט עס מיר גלייך איבער־געגעבן — כאָטש שוין דערפאַר אַליין, ווייל דאָס איז געווען די ערשטע אָפּהאַנדלונג אין אידיש איבער אַנאַרכיזם־קאָמוניזם.

דאָן האָב איך געשריבן צו רוטענבערג'ן, אַז דעם פאַרלאַנגטן אַרטיקל האָב איך אָפּגעשיקט צום „ארבייטער פריינד", און וואָס איז שייך זיין אָנפראַגע, בין איך גרייט צו קומען; אָבער אויף הוצאות וועט ער מיר מוזן שיקן פאַר צוויי, ווייל איך בין ניט מער אַליין, דער אַמאַליקער פרייער פויגל.

מיט פיר וואָכן שפּעטער האָב איך באַקומען די נויטיקע הוצאות, און אין צוויי וואָכן אַרום בין איך שוין געווען אויפ'ן וועג קיין לאָנדאָן.

2. מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער אידיש־גענאָסנשאַפטלעכער לאָנדאָן

איך וועל שאָנעווען די לעזער מיט'ן איינדרוק, וואָס די גרויסע וועלט־שטאָט לאָנדאָן האָט אויף מיר געמאַכט ביי אונדזער אָנקומען, און צוליב גאַנץ פּשוט'ע אורזאַכן: ערשטנס, האָט שוין לאָנדאָן געהאַט די זכיה באַ־זונגען און באַשריבן צו ווערן פון פיל באַרימטערע שרייבער ווי איך. צווייטנס, האָב איך ביי אונדזער אָנקומען אין לאָנדאָן געזען בלויז דעם טייל פון לאָנדאָן, וואו די שרעקלעכסטע אָרעמקייט האָט זיך באַזעצט.

מאָלט אייך, אין ניו יאָרק האָב איך אויך ניט, צו יענער צייט, געהאַט מיין פּלאַץ אויף דער פינפטער עוועניו, וועלכע איז געווען די רייכסטע און שענסטע גאַס אין ניו יאָרק. עס איז געווען אָרטשאַרד סטריט, וואו איך האָב לעצטנס געוואוינט. און ניט שיין און ניט ציכטיק ווי אָרטשאַרד סטריט איז נאָך איצט, איז זי אָבער צו יענער צייט געווען נאָך פיל העסלעכער און נאָך שמוציקער. אָבער, פונדעסטוועגן, ווען איך האָב דערזען די שמאָלע, פינצטערע געסלעך אַרום ווייטשעפּל, האָט זיך אָרטשאַרד סטריט פאַר־

וואנדלט פאר מיר אין א שיינער, ליבער גאס, און די הייזער אין ארטשארד סטריט, לגבי די געסלעך אין לאנדאן, האבן מיר אויסגעזען ווי פאלאצן.

די ארעמקייט אין ניו יארק, גרויס ווי זי איז געווען, איז זי אבער געווען אביסל פארשלייערט; דא אבער האט זי ממש געשטאכן אין די אויגן.

ווען מיר זיינען צוערשט אריינגעקומען אין דעם הויז, וואו די משפחה ליבערמאן האט געלעבט, (א זייער ראדיקאלע און ליבנסווירדיקע משפחה, פון וועלכער איינער איז מיט א צייט שפעטער, פאר א קורצער ווילע געווען דער רעדאקטאר פון דעם זשורנאל „די פרייע וועלט") און גזעזען דאס דחקות — יא, דעם שמוץ אין דער דאזיקער וואוינונג — איז אונדז פשוט פינצטער געווארן אין די אויגן. וואלטן מיר געהאט די נויטיקע פאר דאלער אויף הוצאות, וואלטן מיר קיין מינוט ניט געטראכט און באלד צוריקגעפארן.

דאסזעלבע בילד פון אומבאשרייבלעכער ענגשאפט און ארעמקייט האב איך געטראפן אין דער וואוינונג פון רוטענבערג, וועלכער האט דאס מיר ארויסגעשיקט דאס געלט אויף מיינע רייזע־קאסטן; אין דער וואוינונג פון גענאסע רודערמאן, און די אנדערע. דאס זיינען געווען ניט קיין וואוינונגען, נאר פשוט'ע קעלערס, וואו עס האבן געוואוינט די גענאסן, וועלכע האבן נאך מיר געשיקט.

איך האב פריער גזאגט, אז ווען מיר וואלטן געהאט אויף די נויטיקע הוצאות, וואלטן מיר גלייך פארקירעוועט דעם דישל און געפארן צוריק. דאס איז ניט ריכטיג. איך און פרוי יאנאווסקי, זיינען טיף גערירט געווארן פון דער אפפערפעהיגקייט פון די לאנדאנער גענאסן. איך קאן זיך נאך איצט קוים פארשטעלן, ווי אזוי האבן אט די ארימעלייט — און אייניקע פון זיי מיט גאנץ היפשע פאמיליעס — געקאנט צוזאמענשאפן די נויטיקע פאר פונט פאר אונדזערע רייזעקאסטן.

אונדזער געפיל איז דאן געווען גאר א פונקט־פארקערטער. אפילו ווען אונדז וואלט באשערט געווען צו ליידן גלייך מיט די גענאסן, וואלטן מיר דעסטא זיכערער פארבליבן אין לאנדאן, כדי ווי ווייט מעגלעך דערפילן די דערוואַרטונגען פון די ענטוזיאסטישע לאנדאנער גענאסן.

מיט צרות האט מען אויפמארגן געקראגן פאר אונדז א צימער אין איינער פון די געסלעך ארום ווייטשעפל — איך געדענק שוין ניט מער דעם נאמען פון געסל. מען האט געקויפט א בעט (פארשטייט זיך א סעקאנדהענדיקע), א פאר שטולן און א טישל — און דאס איז געווען אונדזער ערשטע באלעבאטעשקייט. מיר זיינען אבער געווען צופרידן. עס איז דאך שוין לכל הפחות געווען וואו דעם קאפ אוועקצולייגן.

און אז מיר האבן זיך שוין אביסל איינגעארדנט, האב איך באלד אויסגעפונען פון מיין פריינט רוטענבערג, אז מיט מיין רעדאקטאר־שטעלע שטייט עס דערווייל גאנץ שוואך. גענאסע גאלאפ האט זיך אין די לעצטע

פאַר וואַכן אַנגעהויבן פילן באַדייטנדיק בעסער, אַזוי אַז ער דענקט גאַר ניט פון רעזיגנירן; און וואָס אַנבאַטרעפט דעם קלוב, איז ער גאַנץ צופרידן מיט גאַלאַפן אַלס רעדאַקטאָר.

די דאַזיקע בשורה איז, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, ניט געווען קיין זייער אַנגענעמע. איך האָב זיך קנאַפּ געטרייסט מיט רוטענבערג׳ס פאַר־זיכערונג, אַז די געניאַסן וועלן זאָרגן, אַז אונדז זאָל גאָרנישט פעלן.

יאָ, איך האָב זיך געפילט זייער שלעכט פאַר אַ קורצער ווײַלע — אָבער טאַקע נאָר פאַר אַ קורצער ווײַלע. מיר זיינען דאָך דאַן אַזוי יונג געווען! . . .

פאָרקערט, כדי צו מאַכן פילן די געניאַסן בעסער, האָב איך זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפן זיך גאָר ניט זאָרגן. איך וועל שוין געפינען עפּעס צו טאָן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז אין ניו יאָרק האָב איך געאַרבייט ביי פאַרשיי־דענע אַרבייטן. מער פון אַלץ קאָן איך די מלאכה פון מאַכן „קעפּס“. וועל איך אַרויסגיין און זען צי איך קאָן קריגן אַרבייט.

ליידער איז אין דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט ניט געווען קיין אייב־ציגער קאַפּנמאַכער, וואָס וואָלט געוויס מיך אַרויפגענומען צו דער אַרבייט אין זיין שאַפּ. איך האָב דעריבער אַליין געמוזט זוכן אַ פּלאַץ, וואו מען מאַכט קעפּס, און באַלד טאַקע האָב איך געפונען אַ קליין שאַפּקע, אויף דער טיר פון וועלכער עס איז געהאַנגען אַ צעטל: „אָפּערייטאָרס וואָנטעד“.

אַז איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אין אָפיס, אַז איך קום פון ניו יאָרק, וואו איך בין געווען אַ קאַפּענמאַכער, האָט מיר דער פאָרמאַן גלייך געגעבן אַ טוץ קעפּס צו מאַכן.

אַוועקזעצנדיק זיך ביי דער מאַשין, האָב איך זיך צעלייגט מיט מיין סחורה. אָבער אין דער מינוט האָבן די אַרבייטער אָן עפּן־געטאָן אַלע פענסטער, כאָטש דער טאָג איז געווען אַ גאַנץ קילער, און מיין גאַנצער טוץ קאַפּן איז צעפלויגן געוואָרן איבער׳ן גאַנצן שאַפּ.

די אַרבייטער האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער; און איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַזאַ וויץ פון די אַרבייטער.

דער שטאָף פון די קאַפּן איז געווען אַ זייער דינער, כמעט ווי פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. דערצו האָבן די פאַרשיידענע טיילן געדאַרפט „מעטשן“, איין האַלבער קווייטל פון איין טייל האָט זיך געדאַרפט צענויפקומען מיט דעם צווייטן האַלבן טייל, אַזוי עס זאָל אויף דער פאַרטיקער קעפּ אַרויסקומען אַ גאַנצער קווייטל. טאָ קאָנט איר זיך שוין פאַרשטעלן ווי איך האָב געמוזט שוויצן, ליגענדיק אויפ׳ן דיל, צוזאַמענקלייבנדיק די פאַרשיידענע צעפלוי־גענע טיילן, און אַזוי, אַז זיי זאָלן „מעטשן“ . . . בקיצור, דאָס אויפמאַכן דעם טוץ קעפּס האָט מיר גענומען אַ גאַנצן טאָג. און ווען איך האָב זיי אַרונטערגעטראָגן אין אָפיס איז דער באַלעבאָס געווען אַזוי פריינטלעך מיר

אַן עצה געבן: איך זאָל זיך זוכן עפּעס אַן אַנדער מלאכה, ווייל, ווי ער זעט, וועל איך ביי קעפּס אין לאָנדאָן ניט קאָנען מאַכן אַ לעבן.

איך האָב געמוזט זיך דערקלערן איינפאַרשטאַנען מיט אים, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דער אַרבייטס־פּרייז פאַר „אָפּעררייטן" אַ טוץ קאַפּן איז — גאַנצע זעקס פּעניס, וואָס דאָס מיינט אַמעריקאַנער צוועלף סענט.

איך האָב וועגן מיין דערפאַרונג אין דער קאַפּן־פאַבריק דערציילט די גענאַסן. האָט מיך גענאַסע וועס געטרייסט, און מיר דערקלערט, אַז ער האָט פאַר מיר געפונען אַרבייט אין אַ מין פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט, אין טאָיינבי האָל, אַלס אַ בוכהאַלטער.

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך האָב מורא, אַז ער וועט מיך און זיך נאָר בלאַמירן; וואָרים איך ווייס גאָרנישט וועגן בוכהאַלטעריי. דערצו איז מיין האַנטשריפט אַ העכסט־צרהדיקע. און צו אַלץ בין איך נאָך גאָר ניט קלאָר אין דעם ענגלישן געלט־סיסטעם, וועלכער איז גאַנץ אַנדערש ווי אין דער גאַנצער איבעריקער וועלט. האָט גענאַסע וועס, אין זיין תמימות, געמיינט, אַז איך מאַך זיך שוין פאַר אַ צו־גרויסן ענוו, און טאַקע אויפן מאָרגן האָט ער מיר פאַרגעשטעלט פאַר דער פּערזאָן, וואָס איז געווען דער משגיח איבער דער געזעלשאַפט, און וואָס האָט מיר גלייך אַנגענומען און מיר איבערגעלאָזן מיט מיינע גרויסע ביכער, צו וועלכע איך האָב ווירקלעך ניט געוואוסט ווי מען רירט זיך צו.

אַ פּאָר שטונדן האָב איך זיך געפּאָרעט אין זיי, און דאַן האָב איך דערקלערט מיין „סופּעראינטענדענט", אַז איך מוז דערוויל ערגעץ גיין, איך וועל אָבער קומען מאָרגן פרי. אָבער מער האָט ער מיך שוין ניט אַנגעזען.

דאַן האָט גענאַסע פרידנטאַל, אַ וואווילער יונג, אַ טייערע נשמה, באַשלאָסן מיך אויסצולערנען די מלאכה פון אַ שטעקל־מאַכער, ביי וועלכער ער האָט געאַרבייט. און וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן אַלס איינע פון די גוטע אידישע מלאכות אין לאָנדאָן.

אין די ערשטע פּאָר טעג איז מיין אַרבייט באַשטאַנען אין רייבן די שטעקנס מיט זאַמד־פּאַפּיר. איך האָב אָבער מער אָפּגעריבן די הויט פון מיינע הענט, ווי גלאַט־געמאַכט די שטעקנס. די הענט זיינען ביי מיר געווען היילע וואונדן, און מער ווי אַ וואָך האָב איך דאָרט ניט געקאָנט אויסהאַלטן, כאָטש די אַטמאָספערע אין שאָפּ איז געווען אַ גאַנץ אַנגענעמע; די אַרבייטער אין שאָפּ האָבן מיר ווי ווייט מעגלעך צוגעהאָלפן. דער באַלע־באָס פון שאָפּ האָט זיך אויפגעפירט, אין באַצוג צו די אַרבייטער, גאַנץ מענטשלעך. יעדן טאָג — אַרום אַ זייגער פיר פאַרנאַכט, האָט מען די אַרבייטער געגעבן טיי מיט ברויט, מיט „וואָטערקרעס" — אַ פלאַנץ מיט ביטערע בלעטלעך — וואָס איך האָב דאַן געגעסן צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן.

די גענאָסן האָבן איינגעזען, אַז איך וועל פון אַרבייט, פון פיזישער

אַרבייט, אין לאָנדאָן, קיין לעבן ניט מאַכן, האָט מען אָנגעהויבן זוכן פאַר מיר לעסאָנס אין ענגליש און רוסיש. אין יענער צייט איז געוואָרן אַ מאָדע, אין די העכערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, צו לערנען זיך רוסיש.

האָט מען אָבער די לעסאָנס אין רוסיש פאַר מיר ניט געקאָנט קריגן, ווייל צוליב דעם האָבן די געגנאָסן געדאַרפט האָבן אַ געהויבענע באַקאַנט־שאַפט; איז ווי קומט אַ געהויבענע באַקאַנטשאַפט צו אָרעמע, גרינע אַרביי־טער? אָבער עטלעכע לעסאָנס האָב איך יאָ געקראָגן, און די לעסאָנס האָבן עס מעגלעך געמאַכט דורכצושטופּן די ערשטע פּאָר מאָנאַטן פון אונדזער זיין אין לאָנדאָן.

3. מיין טעטיקייט אַלס רעדאַקטאָר און שרייבער

די אַלע צרות האָבן מיר אָבער ניט געשטערט שוין גלייך ביי מיין אָנקומען צו טאָן די אַרבייט, צוליב וואָס איך בין אייגנטלעך געקומען קיין לאָנדאָן. שוין דעם צווייטן אָוונט נאָך מיין אָנקומען בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו האַלטן אַ רעדע ביי די שניידער. איך האָב דאָרטן, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ צד אין דער משפחה. געגנאָסע וויליאַם וועס, כאָטש אַליין אַ שריפטזעצער אין „אַרבייטער פריינד״, איז דאָרט געווען סעקרעטער, ווי ער איז דאָס אויך געווען אין נאָך אַ פּאָר אַנדערע יוניאָנס.

צו מיר זיינען אויף יענעם מיטינג געווען נאָך אַנדערע רעדנער, — דער פּראָמינענטסטער פון זיי איז געווען עלעאַנאָראַ מאַרקס עוועלינג, קאַרל מאַרקס׳ טאָכטער. איר דערשיינונג איז געווען אַ העכסט אימפּאָזאַנטע. זי האָט אויך גערעדט זייער שיין, איינפאַך און האַרציק. ווען זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, מיט יאָרן שפּעטער, האָט עס מיר ווירקלעך דאָס האַרץ צע־בראָכן. די אָרעמע פרוי, וועלכע איז ווירקלעך געווען אַ פרוי מיט אַלע מעלות; אַזוי שיין און אַזוי געבילדעט און אַזוי איבערגעגעבן דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע און בארויבטע — זי האָט פאַרדינט אַ בעסערן שיקזאַל, אָבער גיי פרעג ביי גאָט קשיות.

מיין רעדע יענעם אָוונט האָט שטאַרק אויסגענומען. געגנאָסע וועס האָט מיר געזאָגט, אַז די שניידער זיינען גאָר ענטציקט פון מיין רעדע. אָבער ער האָט דאָס מיר ניט געדאַרפט זאָגן; איך האָב דאָס געוואוסט פון דעם גוואַלדיקן אַפּלאָדז, וואָס איך האָב געקראָגן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך שוין געהאַלטן מיין ערשטע רעדע אין בערנער סטריט קלוב איבער „אַנאַרכיזם״, און מיין שם אַלס רעדנער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אין יענער צייט האָט אויסגעבראָכן אַ שניידער־סטרייק — בין איך דאָך אודאי געווען „ביזי״. איך האָב דאָן געהאַלטן דריי רעדעס טעגלעך;

און אַז די פאַרנומענקייט מיינע האָט מיר געמאַכט פאַרגעסן אַן מיינע פערזענלעכע אנגעלעגנהייטן.

די גענאָסן אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָבן וועגן דעם געזאָרגט מער ווי איך אַליין; און איין אָוונט זיינען זיי געקומען צו מיר מיט אַ פאָרשלאָג, איך זאָל פאַר זיי אָנשרייבן אַ בראָשורע איבער „אַנאַרכיזם״, און אַזוי לאַנג ווי איך וועל זיין פאַרנומען מיט דער אַרבייט וועלן זיי מיר געבן אַ פונט אַ וואָך.

און אַז איך האָב זיי געפרעגט מיט שטוינען: וואו וועלן זיי נעמען אַזויפיל געלט? — האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן פאַר דעם געשאַפן אַ ספּעציעלן פאָנד. אַלץ וואָס איך דאַרף טאָן איז — נעמען זיך צו דער אַרבייט.

זיי האָבן אָבער זיך געפילט זייער אַנטוישט, ווען אין אַ וואָך אַרום האָב איך זיי געלאָזט וויסן, אַז די בראָשורע איז פאַרטיק, און אַז זיי קאָנען שוין אַריינגעבן איר אין דרוק.

זיי האָבן אודאי געמיינט, אַז עס וועט מיר נעמען שיינע עטלעכע וואָכן דאָס אָנשרייבן, און דאַן וועט די פראַגע פון אַ לעבן־מאַכן זיין געלייזט פאַר וועניקסטנס עטלעכע וואָכן.

די בראָשורע איז דאַן געווען די ערשטע אידישע בראָשורע איבער אַנאַרכיזם. אַ אידישער גענאָסע אין פאַריז, וועלכער איז שוין יאָרן־לאַנג אין אַמעריקע, האָט די בראָשורע איבערגעזעצט פאַר דער פראַנצויזישער אַנאַרכיסטישער צייטונג „לאַ רעוואָלט״, פון וועלכער קראָפּאָטקין איז געווען דער רעדאַקטאָר. זי איז נאָכדעם איבערגעזעצט געוואָרן אין פיל אַנדערע שפּראַכן. די גרופּע „אויטאָנאָמיע״ האָט איר אַרויסגעלאָזט אַלס אַ ספּעציעלע בראָשורע אין דייטש, און גענאָסע מאָסט, ווען ער פלעגט נאָר אָוועקלאָזן זיך אויף זיינע געוויינטלעכע אַגיטאַציאָנס־טורן, האָט ער פאַר אַ לאַנגער ריי פון יאָרן איר איבערגעדרוקט אין זיין „פרייהייט״.

אומזיסט פלעג איך צו אים טענה׳ן, אַז דאָרט זיינען דאָ אייניקע גראָבע פעלערן, וועלכע דאַרפן פאַרריכט ווערן. אָבער ער פלעגט מיר ענטפערן: צוליב דעם וואָלט מען געמוזט אייניקע זייטלעך איבערזעצן אויפסנייע און מאַכן אויך נייע פּלאַטן, און דאָס איז פאַר דער „פרייהייט״, וועלכע איז אין אייביקער נויט, אַ צו־טייערער ביסן.

די בראָשורע איז דערשינען אונטער דעם נאָמען: „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן?״ אונטן, אויפ׳ן שער־בלעטל, איז געווען אָנגעגעבן דער נאָמען פון פּראָפעסאָר, נעמלעך, ש. יאַנאָווסקי. האָבן מיינע ניו יאָרקער גענאָסן, מיט וועמען איך בין געווען אָביסל צעקריגט, געלייענט דאָס שער־בלאַט: „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן פון ש. יאַנאָווסקי׳ן?״

4. די פירער פון דער דעמאָלסטדיקער סאָציאַליסטיש־אידישער באַוועגונג אין לאָנדאָן

ווען איך בין געקומען קיין לאָנדאָן האָב איך שוין פּיליפּ קראַנצ'ן ניט געטראָפן. דערזעלבער לואי מילער, וועלכער, ווי איך האָב שוין דערציילט, איז געווען דער ניט־ווילנדיקער ווערקצייג פון מיין קומען קיין לאָנדאָן, האָט אויסגעפירט, אַז פּיליפּ קראַנץ זאָל פאַרלאָזן אייראָפּע פאַר אַמעריקע, און אַזוי האָבן מיר זיך איינער דעם אַנדערן אויסגעמיטן. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין געקומען צוריק אין ניו יאָרק, זיינען מיר באַקאַנט געוואָרן. און כאָטש מיר זיינען געבליבן דיזעלבע פּרינציפּיעלע געגנער, דאָך האָב איך געלערנט אים ליב צו קריגן אַלס זייער אַרנטלעכן און גוטן מענטשן.

די הויפּט־ראָלע דעמאָלט אין דער לאָנדאָנער אידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט געשפּילט קאָנסטאַנטין גאַלאָפּ, דער רעדאַקטאָר פון „אַרביי־טער פריינד".

ב. פייגענבוים, וועלכער האָט דאָן געצויגן זיין חיונה פון דעם וואָס ער איז געווען דער „סטואַרד" פון בערנער סטריט קלוב, האָט צו יענער צייט געטאָן אויסגעצייכנטע סאָציאַליסטישע און פריידענקערישע פּראָפּאַ־גאַנדע, סיי אַלס שרייבער און סיי אַלס רעדנער — באַזונדערס אַלס רעדנער.

אַחוץ דעם זיינען געווען: מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט זיך גע־מאַכט שטאַרק פּאָפּולער אין די אידיש־סאָציאַליסטישע קרייזן דורך זיינע „צעשלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגע'נעם פילאָזאָף", וואָס ער פלעגט פאַרעפנטלעכן יעדע וואָך אין „אַרבייטער פריינד". (פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך אָנשרייבן אַ געדיכט, וואָס איז דאָן באַטראַכט גע־וואָרן אַלס אמת'ע פּאָעזיע, כאָטש אין דער אמת'ן איז עס געווען גאַנץ איבערפלעכלעכע אַגיטאַציע אין גראַמען). דאָן איז געווען גענאָסע באַראַ־נאָוו, וועלכער האָט צו יענער צייט געשריבן לאַנגע סעריעס אַרטיקלען איבער סאָציאַליזם. ליבערמאַן, וועמען איך האָב שוין פריער דערמאָנט, וועלכער האָט דעמאָלט נאָך גאָר אַ קנאַפּע ראָלע געשפּילט (ערשט שפּעטער איז ער געוואָרן מער פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג).

אַחוץ זיי — די גדולים — האָבן אַ שטאַרקן אנטיילגענומען אין דער אַרבייטער־באַוועגונג: גענאָסע וויליאַם וועס, וועלכער האָט, ווי שוין גע־זאָגט, געאַרבייט אַלס זעצער אין „אַרבייטער פריינד" און איז צוגלייכער־צייט געווען סעקרעטער אין פאַרשיידענע יוניאָנס. וועס איז געווען שטאַרק געליבט און געאַכט פון די אַרבייטער. וואָרים, ווי דער אמת איז, נאָך אַזאַ געטרייען און איבערגעגעבענעם פרייהייטס־קעמפער, און פול מיט אמת'ער

ליבע צו די ליידנדיקע, איז שווער געווען צו געפינען סיי אין לאנדאן און סיי אנדערשוואו. דאן איז געווען הערי קאפעלאנסקי, וועלכער איז נאך געווען גאר א יונגערמאן, אבער ער האט שוין ארויסגעוויזן געוויסע אייגנ־שאפטן אלס שרייבער, און האט שוין פון צייט צו צייט געשריבן פאר׳ן „ארבייטער פריינד". דארט איז געווען איינער א סיגארנמאכער וויינבערג, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט אויפטרעטן אויף פארשיידענע ארבייטער־פארזאמלונגען אלס רעדנער, און גאר ניט קיין שלעכטער רעדנער. איצט, ווי איך האב געהערט, איז ער אינגאנצן דערווייטערט פון דער באוועגונג. ער איז, מיט דער צייט, געווארן צימלעך רייך. עס איז דאן געווען אויך איינער סיימאן קאהאן, א רוסישער רעוואלוציאנער, אבער ער האט זיך מיט גארנישט אויסגעצייכנט, ניט אלס רעדנער און ניט אלס שרייבער, כאטש ער האט געהאלטן אין איין בלאזן פון זיך און האט זיך אויך געהאלטן פאר אן אנארכיסט.

און דאן זיינען געווען די גענאסן פון דער גרופע „ריטער דער פריי־הייט", ווי ב. רודערמאן, איינער פון די וויכטיקסטע פארשפרייטער פון דער סאציאליסטישער און אנארכיסטישער ליטעראטור; דאן זיין ליבע, גוטע פרוי, ראזע רודערמאן, איינע פון די סאמע ערשטע פרויענרעכטלעריגס; פינקוס, א ליבער, וואוילער יונגערמאן, העכסט באגייסטערט פאר דעם פרייהייטס־אידעאל. דאן איינער א גענאסע אייגעל, וועלכער איז געווען דער באשיצער פון קלוב, ווען געוויסע לויפערס פלעגן אים באפאלן (ווייל ער איז ווירקלעך געווען א מענטש א גיבור). דאן גענאסע פערמוט, וועל־כער איז געווען פון זעלבן מין ווי גענאסע אייגעל, און דערצו — איינער פון מיינע שטארקסטע אנהענגער, אזוי אז קיין זאך וואלט פאר אים ניט געווען צו־שווער, ווען עס וואלט נויטיק געווען צו טאן פאר מיר. דאן קומט י. פין, וועלכער איז צו־פרי געשטארבן דא אין אמעריקע, וועגן וועמען מיר וועט נאך אויסקומען צו ריידן. און דאן גענאסע רוטענבערג, וועלכער איז געווען דער הויפט־שולדיקער אין מיין קומען קיין לאנדאן. און דאן קומט איינער פון די געמיטלעכסטע מענטשן, וואס מיר איז אמאל אויסגע־קומען צו טרעפן אין לעבן, גענאסע טשערטאוו, וואס איז געווען רוטענבערג׳ס שוואגער, און נאך אייניקע גענאסן — אלע איבערגעגעבן ביז גאר צום קאמף פאר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

קיין אויסגעשפראכענע סאציאלדעמאקראטן זיינען זיי ניט געווען; גי־כער זיינען זיי געווען אלע געניגט צום אנארכיזם. אבער ק. גאלאפ און ב. פייגענבוים האבן געגלויבט, אז עס איז ניט קלוג און ניט פראקטיש זיך צו קריגן איבער דער פעל פון בער, איידער דער בער איז געשאסן, און זיי האבן זיך גערופן סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, און זיי האבן אויסגע־ארבייט א פראגראם, לויט וועלכער סיי די סאציאלדעמאקראטן און סיי די אנארכיסטן זאלן קאנען ארבייטן צוזאמען אין דער ארבייטער־באוועגונג.

איר וועט פון דעם זען, אַז ווען ק. גאַלאָפּ און ב. פייגענבוים, מאָריס ווינטשעווסקי און די אַנדערע אומפּאַרטייאישע, וועמען קראַנץ האָט אַ נאָמען געגעבן „פּאַרעווע לאָקשן", וואָלטן צו יענער צייט געווען אין ניו יאָרק, וואָלטן זיי על פּי שכל געדאַרפט גיין האַנט אין האַנט מיט די ניו יאָרקער אידישע אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן געקעמפּט פאַר אַ צייטונג אין וועלכערביידע סאָציאַליסטישע ריכטונגען זאָלן האָבן אַ גלייכע דעה. דערפאַר, על פּי שכל, האָבן זיי און דער „אַרבייטער פריינד" געדאַרפט זיין קעגן די ניו יאָרקער סאָציאַלדעמאָקראַטן און קעגן זייער צייטונג — די „אַרבייטער צייטונג", — וועלכע, אונטער דער רעדאַקציע פון פיליפּ קראַנץ, איז געוואָרן אַ פאַרביסענע אַנטי־אַנאַרכיסטישע, ווייל אַלס איר אויפגאַבע האָט זי גע־מאַכט דעם קאַמף קעגן די אַנאַרכיסטן, און מיט די געמיינסטע מיטלען, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן.

אויסגעלאָזט אָבער האָט זיך עס גאַנץ אַנדערש. ק. גאַלאָפּ האָט באַ־גריסט די דערשיינונג פון דער צייטונג מיט אַ גאָר באַזונדערער הערצלעכ־קייט, און עס האָט זיך געמערקט, אַז זייער גאַנצע אומפּאַרטייאישקייט איז געווען בלויז אַ מאַסקע. און אַז אין גרונט גענומען זיינען זיי אַלע געווען סאָציאַלדעמאָקראַטן, כאָטש זיי האָבן דערוויל נאָך ניט דערקלערט זיך עפנטלעך אַלס אַזעלכע.

נאָך קענטיגער איז דאָס געוואָרן, ווען באַלד נאָכדעם איז דערשינען די „פרייע אַרבייטער שטימע". ק. גאַלאָפּ איז איינמאָל אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף קעגן דער „אַרבייטער צייטונג" פאַר אירע אומדערטרעגלעכע שימפּערייען קעגן די אַנאַרכיסטן. אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז נאָר געטאָן געוואָרן פון יוצא־וועגן, און די אַנאַרכיסטן אין קלוב, וועלכע זיינען דאָרט געווען די מאַיאָריטעט, האָבן זיך אָנגעהויבן פילן אַלץ מער און מער אומצופרידן.

עס איז זיכער, אַז ווען ניט דער העסלעכער קאַמף צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע, וואָלט נאָך אפשר אַוועק אַ שטיק צייט איידער עס וואָלט געקומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנאַריכסטן אין לאָנדאָן. וואָרים ביז דאַן האָבן זיי געטאָן די אַלגעמיינע פּראָפּאַגאַנדע גאַנץ בשלום, און זיינען געווען איינ־פאַרשטאַנען ניט איינצופאַרשטיין זיך איבער די פּונקטן, אין וועלכע זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אָבער דער פייערדיקער קאַמף אין ניו יאָרק האָט זיך בויטיקערווייז באַלד געמוזט אַריבערטראָגן קיין לאָנדאָן, און עס איז געוואָרן פאַר יעדן קלאָר אַז, פריער אָדער שפּעטער, אָבער אַ שפּאַלטונג איז אומפאַרמיידלעך.

מעגלעך — איך גיב עס צו — אַז ווען איך וואָלט דאַן ניט געווען אין לאָנדאָן, וואָלטן די אַנאַרכיסטן נאָך ניט גע׳פּועל׳ט ביי זיך אָפּצושפּאַלטן זיך פון די, מיט וועמען זיי האָבן יאָרן־לאַנג צוזאַמען געאַרבייט. זיי

וואלטן אפשר ניט געפילט זיך בכח דאס דורכצופירן, ווייל די הויפט־שרייבער און הויפט־רעדנער זיינען געווען פון דער מיינונג, אז עס טאר קיין שפאלטונג ניט פארקומען. אבער מיט מיין אנקומען קיין לאנדאן, און מיט מיין ענערגישער שריפטלעכער און מינדלעכער פראפאגאנדע, וואס איך האב אנטוויקלט, האט זיך די לאגע גאנץ שטארק געענדערט. זיי האבן דערפילט זיך א סך קרעפטיגער, פיל שטאלצער מיט מיר אלס זייער פארשטייער, און פון טאג צו טאג איז זייער אנטשלאסנקייט, איבערצונעמען אונטער זייער קאנטראל סיי דעם בערנער סטריט קלוב און סיי די צייטונג, געווארן אלץ שטארקער און פעסטער.

זאל דא אבער געזאגט ווערן, אז דער קאמף פון די לאנדאנער אנארכיסטן איז געווען א פיל שווערערער ווי פאר די אנארכיסטן אין ניו יארק. אין ניו יארק זיינען אלע אנארכיסטן געווען גלייך באטייליקט. עס איז צווישן זיי אין דעם פונקט ניט געווען די מינדסטע מיינונגספארשיידנקייט. אין לאנדאן אבער זיינען צווישן די אנארכיסטן גופא געווען א מינאריטעט געגנאסן, כאטש זייער א קליינע, וועלכע זיינען געווען דורכאויס קעגן דער שפאלטונג. זיי האבן גע׳טענה׳ט, אז עס איז גאר ניט אונדזער דאגה דאס וואס עס קומט־פאר אין ניו יארק. אין לאנדאן זיינען די אומשטענדן גאנץ אנדערע, און פאלגלעך קאנען ניט און טארן ניט די לאנדאנער געגנאסן אזוי האנדלען ווי אין ניו יארק.

זייער צווייטער ארגומענט איז געווען, — און ער האט ניט פארפעלט צו האבן א ווירקונג, — אז אייגנטלעך איז דאך דער „ארבייטער פריינד״ אזא צייטונג, ווי די ניו יארקער אנארכיסטן ווילן — אן אמת אומפארטייאישע צייטונג — טא פארוואס זאלן די געגנאסן אין לאנדאן זיך שפאלטן און ברייגנען אויף אזא אופן פיל שאדן דער ארבייטער באוועגונג?

און די געגנאסן, וועלכע האבן אזוי געפילט, זיינען געווען מענטשן מיט א געוויסן איינפלוס. אזוי איז געווען סיימאן קאהאן, כאטש שוין דערפאר אליין, וואס אין רוסלאנד איז ער געווען איינער פון די וואס האבן צוליב זייער טעטיגקייט געמוזט אנטלויפן. א צווייטער איז געווען איינער ליובאש, וועלכער איז באמת ניט געווען קיין גרויסער חכם, אבער ער איז געווען איינער פון די אקטיוועסטע; און דערצו איז ער געווען איינער פון די געגנאסן, פון וועמען מען האט געקאנט דערווארטן פון צייט צו צייט א באדייטנדיקן געלט־בייטראג, ווייל ער איז געווען איינער פון די געגנאסן, וואס זיינען געווען גוט־אפ, ווי מען זאגט. און, אויב איך מאך קיין טעות ניט, איז צו יענער צייט אויך סיימאן פרימאן, וועלכער איז שפעטער געווארן איינער פון מיינע שטארקסטע מיטהעלפער אין „ארבייטער פריינד״, געווען גאנץ גלייכגילטיק צו דער אידייע פון שפאלטונג. יא, זאגאר ווער איז געווען גאנץ נייטראל.

דאס האט אפגעהאלטן די לאנדאנער געגנאסן פון יעדער איבערגעאייל־

טער האנדלונג; און ווער ווייסט ווי לאנג דאס וואלט אזוי אנגעהאלטן, ווען ק. גאלאפ, דער רעדאקטאר פון „ארבייטער פריינד", וואלט אויף איין גע־וויסן מיטינג פון בערנער סטריט קלוב ניט רעזיגנירט.

אבער, כדי די לעזער זאלן פארשטיין גרינגלעך, וואס עס האט געפירט צו זיין רעזיגנאציע, איז נויטיק אז די לעזער זאלן האבן כאטש א קנאפן באגריף וועגן ק. גאלאפ'ן אלס מענטש. איך זאג מענטש, ווייל וואס אנבא־טרעפט זיין גלויבן אלס סאציאליסט און אלס פריינט פון די ארבייטער, איז ניט צו געפינען אויף אים דעם מינדסטן פלעק.

ער איז געווען, ווען איך בין אנגעקומען אין לאנדאן, העכסט נערוועז און קראנק. עס איז געווען גלייך צו דערקענען, אז ער האט שטארק געליטן פון שווינדזוכט. ער איז געווען שרעקלעך אויסגעדארט, זיין פנים איז געווען ווי פון א סקעלעט און ניט ווי פון א לעבעדיקן מענטשן.

זיין נערוועזיטעט האט געשטאמט, ערשטנס, פון דעם וואס ער איז ווירקלעך געווען צו־שוואך פאר זיין ארבייט אלס רעדאקטאר. ער איז אייגנטלעך געווען א מענטש מיט באגרענעצטע פעאיגקייטן, עפעס וואס נאר דורך זיין שטארקן ווילן האט זיך אים איינגעגעבן צו באהאלטן פון די מערסטע געננאסן.

אלזא, גאלאפ איז געווען עקסטרעם נערוועז. מיט מיין אנקומען איז ער עס געווארן אלץ מער און מער. זיינע בעסטע פריינט זיינען אפגעקילט געווארן צו אים, און זיינען געווארן מיינע שטארקסטע אנהענגער. קיין וואונדער ניט, וואס ער האט מיר געהאט ניט זייער גערן. באוואוסט אדער אומבאוואוסט האט זיך דאס אפגערופן אין זיין פארהאלטן זיך צו מיר אלס רעדאקטאר. אזוי לאנג ווי איך האב געשריבן מיינע אלגעמיינע ארטיקלען, האט ער זיי געדרוקט יעדע וואך, און זיי אפגעגעבן דעם סאמע אויבענאן אין דער צייטונג. וויבאלד אבער איך האב אנגעהויבן שרייבן ארטיקלען איבער דער שטעלונג מיינער צום סאציאל דעמאקראטיזם, האט ער דורך אלערליי פרעטענזיעס זיי פארהאלטן.

ווען מיינע געננאסן זיינען געוואויר געווארן פון דעם, האט איינער פון זיי אויפגעהויבן די פראגע אויף א מיטינג.

נאטירלעך האט גאלאפ געלייקנט, אז ער וויל ניט האבן מיינע אר־טיקלען אין „ארבייטער פריינד". ער האט אנגעוויזן אויף דעם, אז כמעט יעדע וואך דערשיינט מיין ארטיקל, נאר ניט אלעמאל איז דא דער נויטי־קער פלאץ. און וואס איז דער אומגליק, אז אן ארטיקל בלייבט איבער אויף דער קומענדיקער וואך? עס ברענט דאך ניט!

די געננאסן איז ניט געפעלן זיין ענטפער, און עס האבן זיך א שאט געטאן קריטיק און פארוואורפן פון אלע זייטן.

צו דעם איז גאלאפ ניט געווען געוויינט. ביז דאן האט מען זיך צוגע־

טראָגן צו זיין פּערזענלעכקייט און צו זיין אַרבייט מיט דער העכסטער אַכטונג, און דאָ, מיטאַמאָל אַזאַ מבול פון קריטיק!

ער האָט דעריבער, אין דעם מאָמענט פון שטאַרקער אויפרעגונג, רע־זיגנירט אַלס רעדאַקטאָר.

צי ער האָט ווירקלעך געמיינט צו רעזיגנירן, צי ער האָט עס געטאָן גלויבנדיק, אַז די געגנאָסן וועלן זיין רעזיגנאַציע ניט אָננעמען, דאָס ווייס איך ניט; איך ווייס נאָר, אַז שפּעטער, ווען איך האָב שוין איבערגענומען די רעדאַקציע, האָט זיין גוטער־פריינט — און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט זיין שוואָגער ווינטשעווסקי, מיט וועמעס שוועסטער ק. גאַלאָפּ האָט חתונה געהאַט אין געהיים — אַנגעווענדט אַלע מיטלען, אַז איך זאָל צוריק איבערגעבן די רעדאַקציע צו גאַלאָפּ'ן. אָבער וועגן דעם — שפּעטער. דער פאַקט אָבער איז, אַז אויף יענעם מיטינג האָט גאַלאָפּ רעזיג־נירט, און דער גאַנצער מיטינג, מיט דעם אויסנאַם פון אייניקע ווייניגע, האָט זיין רעזיגנאַציע אָנגענומען, און האָט גלייך אַרויפגעשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג דעם פּונקט — רעדאַקטאָר.

צוויי פּערזאָנען זיינען דאָן פאָרגעשלאָגן געוואָרן — פייגענבוים און איך.

פייגענבוים האָט דאַן דערקלערט זיך גרייט אָנצונעמען די שטעלע, נאָר מיט דעם תנאי, אַז מען זאָל פון אים ניט פאָדערן, אַז די צייטונג זאָל זיין אַזוי גוט ליטעראַריש ווי זי איז איצט. ער ווייס, אַז ער קאָן די פאָ־דערונג ניט נאָכקומען.

איך, פון מיין זייט, האָב אָנגענומען די רעדאַקטאָר־שטעלע אָן אירגענד וועלכע באַדינגונגען, און בין מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד".

פון נומער 8, 6־טן יאַרגאַנג, דעם 20־טן פעברואַר, 1891, בין איך געוואָרן רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד" און בין דאָס פאַרבליבן ביז 1895, ווען איך האָב פאַרלאָזן לאָנדאָן פאַר ניו יאָרק, כדי איבערצונעמען די רעדאַקציע פון דער „פרייער אַרבייטער שטימע".

און דאָ קום איך צו אַ פּונקט, איבער וועלכן עס איז מיר זייער ניט אָנגענעם צו ריידן; אָבער איך מוז עס טאָן, כדי אַרויסצוברייינגען אין איר גאַנצער קלאָרקייט דעם כאַראַקטער פון דער דעמאָלסטדיקער באַוועגונג, ווי אויך פון די מענטשן, וועלכע זיינען געווען אירע טאָנגעבער. איך קאָן ניט, נאַטירלעך, פאַראיבל־האָבן אויף מיינע געגנער פאַר זייער קריטיק פון די ערשטע עטלעכע נומערן, וואָס זיינען דערשינען אונטער מיין רעדאַקציע. איך וועל גערן צוגעבן, אַז עס איז געווען וואָס צו קריטיקירן. איך האָב — שרייבנדיק די איצטיקע דעראינערונגען — געבלעטערט אין די דאָזיקע ערשטע נומערן, און איך האָב זיי געפונען זייער שלעכט רעדאַגירט. אָבער דאָס איז אַלץ ריכטיק אין דעם ליכט פון מיין איצטיקער דערפאַרונג, וואָס

איך האָב מיר דערוואָרבן דורך צענדליקער יאָרן אַלס צייטונגס־רעדאַקטאָר. אָבער איך האָב אויך נאָכגעקוקט די נומערן צייטונג, וואָס זיינען דערשינען אונטער גאַלאָפּ׳ס רעדאַקציע. און, איך קאָן זיך ניט העלפן, איך מוז זאָגן, אַז זיינע נומערן, פון דעם אַנגעגעבענעם שטאַנדפּונקט, זיינען ניט געווען אַפילו אויף אַ האָר בעסער. ווי מיר שיינט, זיינען זיי געווען אַ האָרעלע ערגער. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. ניט די קריטיק האָט מיר ווייגעטאָן, נאָר דער גייסט, אין וועלכן דאָס איז געטאָן געוואָרן. מען האָט געזוכט פעלערן פון אונטער דער ערד, כדי איינצורייזן די גענאָסן, אַז איך ברענג שאַנד און שמאַך (מיט דעם אופן ווי איך רעדאַגיר די צייטונג) ניט נאָר אויפ׳ן „אַרבייטער פריינד״, וואָס איז געווען דער קדשי־קדשים ביי די גענאָסן, נאָר איך רואיניר ממש די גאַנצע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אַרבייטער־באַוועגונג, אַזוי, אַז עס וועט נעמען ניט לאַנג און פון אַלץ (אויף וואָס די לאָנדאָנער אַרבייטער האָבן זייער לעבן אַוועקגעלייגט) וועט ווערן אַ באַרג אַש.

און די לאָנדאָנער גענאָסן, ניט קיין שטאַרק איבערגעשפּיצטע, וועלכע האָבן זיך ניט זייער פיל פאַרשטאַנען אויף די שוואַרצע פּינטעלעך, זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרחשכ׳טע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אַזוי ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעכן, דערמיט וואָס זיי האָבן איינגעשטימט, אַז איך זאָל ווערן דער רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד״. און וואָלטן זיי זיך ניט געשעמט, וואָלטן זיי שוין די נעקסטע וואָך איינפאַרשטאַנען געווען אַראָפּצוּוואַרפן מיר פון מיין גדולה.

עס זיינען אָבער געווען נאָך צוויי אורזאַכן פאַרוואָס זיי האָבן עס טאַקע ניט געטאָן. די ערשטע אורזאַך איז געווען — דער אינטריגאַנטישער אופן, ווי מיינע געגנער האָבן געפירט דעם קאַמף קעגן מיר. און אַט דער גאַנץ שטאַרק אַנטוויקלטער מאָראַלער געפיל פון גאָר אַ היפּש ביסל לאָנדאָנער גענאָסן האָט זיי ניט דערלאָזט האַנדלען אַזוי, ווי זיי וואָלטן אייגנטלעך געוואָלט. די צווייטע אורזאַך איז געווען, וואָס צווישן די פיל גענאָסן, וועלכע האָבן גאַנץ ווייניג פאַרשטאַנען און ווירקלעך געגלויבט יעדעס וואָרט פון מיינע קריטיקער, וועלכע האָבן מיר אַזוי אומדערבאַרמדיק אַרונטערגעריסן, זיינען געווען עטלעכע געציילטע גענאָסן, וואָס האָבן פיל מער פאַרשטאַנען ווי אַלע איבעריקע און געהאַלטן שטאַל און אייזן מיט מיר, דערקלערנדיק די אַנדערע, אַז די גאַנצע מעשה וועגן מיין אומפעאיגקייט איז פשוט ניט מער ווי אַ מיאוס׳ע אינטריגע פון אייניקע פּערזאָנען, וועלכע ווילן ניט אַנדערש ווי האָבן צוריק גאַלאָפּ׳ן אַלס רעדאַקטאָר.

און לאָמיך דאָ אייך געבן אַ פּאָר ביישפּילן, ווי אַזוי מיינע געגנער האָבן געאַרבייט קעגן מיר. צוערשט האָט געג. מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט דאָן געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָלע אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן, ווייל מען האָט אים — כאָטש איך ווייס איצט ניט מער

פּאַרוואָס — געהאַלטן פֿאַר אַן אַנאַרכיסט, פּרובירט, מיט גוטן, מיך איינ־רײדן, אַז איך וועל קיינמאָל ניט זיין ניט נאָר קיין גוטער רעדאַקטאָר, נאָר אַפֿילו ניט קיין מיטלמעסיקער שרייבער, פּשוט דערפֿאַר, ווייל איך האָב עס ניט אין מיר. ער האָט צו מיר גערעדט זייער ווייך, און ווי אַן אַנאַרכיסט, ווען די באַוועגונג איז זייער טייער. און אַזוי ווי ער וויס — האָט ער צו מיר גערעדט — אַז איך בין אַ גוטער אַנאַרכיסט און שטעל די באַוועגונג העכער פֿון אַלע פּערזענלעכע אַמביציעס, דערפֿאַר איז עס מיין פֿליכט — וואָס איך בין שולדיק דער באַוועגונג און מיין בעסערן געוויסן — צו קומען צום נעקסטן מיטינג פֿון קלוב, אַריינגעבן מיין רעזיגנאַציע מיט דער דער־קלערונג, אַז איך האָב זיך איבערצייגט, אַז איך בין ניט פֿעאיג פֿאַר דער שטעלע אַלס רעדאַקטאָר, און אַז זיי דאַרפֿן גלייך ווידער בעטן ביי גאַלאָפּ'ן ער זאָל אָננעמען צוריק די רעדאַקטאָר־שטעלע, וואָס ער האָט פֿאַרלאָזן.

איך מוז דאָ דערקלערן, אַז ער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף מיר. וואָרים איך האָב באמת געגלויבט, אַז ער האָט דערביי ניט קיין פּערזענלעכע פּניות. יאָ, איך האָב ביי זיך כמעט ווי באַשלאָסן צו ווירקן אויף מיינע אַנהענגער, אַז אויך זיי, פֿון זייער זייט, זאָלן טאָן דאָסזעלבע, און אַזוי ווידער אַריינברענגען שלום אין דער באַוועגונג. מיט דעם צוועק האָב איך פֿאַררופֿן ביי מיר אינדערהיים אַ פּריוואַט־מיטינג פֿון די סאַמע נאָנטע און אינטעליגענטע גענאָסן, כדי צו דערקלערן זיי מיין באַשלוס. נאָך מער, כדי עס זאָל קומען צו אַ ווירקלעכן שלום, בין איך געווען פֿאַרטיק גלייך, מיט דער ערשטער בעסטער שיף, צוריקפֿאָרן קיין אַמעריקע. דאָן וועט דאָך שוין געוויס הערשן שלום ושלוה. אויב איך דערמאָן זיך נאָר ריכטיק, זיינען צווישן די גענאָסן, וואָס איך האָב איינגערופֿן צו יענעם מיטינג, געווען: רוטענבערג, אויף וועמעס איניציאַטיווע און ראָט איך בין דאָס אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין לאָנדאָן; הערי קאַפּעלאַנסקי, וועלכער האָט נאָך פֿאַר מיין קומען מיטגעאַרבייט אין „אַרבייטער פֿריינד" אַלס אָפּטער שרייבער און האָט מיט מיין אָננעמען די שטעלע אַלס רעדאַקטאָר גלייכצייטיק אָנגענומען די שטעלע אַלס מענעדזשער, כאָטש דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ באַדייטנדיקן מאַטעריעלן אָפּפֿער פֿון זיין זייט; מ. וויינ־בערג, וועלכער איז צו יענער צייט געווען איינער פֿון די באַדייטנדיקע רעדנער אין לאָנדאָן; סיימאָן פֿרימאַן, וועלכער האָט שוין דאָן געשריבן פֿון צייט צו צייט און האָט געהאַט אויף זיין געוויסן אַ פּאָר אַרבייטער־לידלעך, וועלכע דער עולם האָט גאַנץ שטאַרק געגליכן, צוגעפּאַסט צו זיי געוויסע מעלאָדיען און זיי גאַנץ געשמאַק געזונגען (אַ פֿאַרברעך, וואָס דער גרויסער פּאָעט ווינטשעווסקי האָט אים קיינמאָל ניט פֿאַרגעבן); ב. רודערמאַן, איי־נער פֿון די איבערגעגעבנדיקסטע גענאָסן וואָס מיר איז אויסגעקומען אַמאָל צו באַגעגענען, און דער סאַמע ערשטער און ענערגישסטער פֿאַרשפּרייטער

פון דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור (קליין און מאָגער ווי זי איז געווען).

דאָרט זיינען אויך געווען אַ דריי־פיר גענאָסן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אָפּפער־פייאיגקייט, זייענדיק גרייט אָפּצוגעבן בוכשטעבלעך דאָס לעצטע פאַר דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. איך וויל דאָ דערמאָנען זייערע נעמען מיט אַ געפיל פון העכסטן רעספּעקט, ווייל צווי פון זיי זיינען שוין טויט. איך מיין דאָ די טייערע פריינט מיינע — י. פין און ס. פערמוט, וועלכע זיינען געווען אידעאַליסטן פון ריינסטן וואַסער, ווי מען דריקט זיך אויס אין דייטש, און נאָך אייניקע, וועמעס נעמען איך געדענק שוין לײדער ניט.

איך האָב זיי אַלעמען איינגערופן כדי צו דערקלערן זיי מיין כמעט פעסטן באַשלוס זיך אָפּצוזאָגן אַלס רעדאַקטאָר אונטער דער ווירקונג פון מ. ווינטשעווסקין. ווען איך האָב זיי דאָס אַלץ דערקלערט, האָבן זיי פון מיר געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. רוטענבערג און וויינבערג האָבן, זיי פון זייער זייט, מיך באַשולדיקט, אַז איך שפּיל דאָ פּאָליטיק, ווייל זיי גלויבן ניט, אַז איך זאָל זיין אַזוי נאַאיוו און אָננעמען די ווערטער פון ווינטשעווסקי פאַר דער ריכטיקער מטבע. זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז ווינטשעווסקי האָט שוין גאָר שטאַרקע פערזענלעכע פניות אין זיין צוריידן מיר איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער רעדאַקטאָר־שטעלע; דער פאַקט איז, אַז גאַלאָפּ איז געוואָרן ניט לאַנג צוריק זיין שוועסטער'ס חתן, און אפשר מאָן, און עס איז זייער וויכטיק פאַר ווינטשעווסקי'ן, אַז זיין שוואָגער זאָל האָבן פּרנסה. פאַר מיר איז דאָס געווען אַן איבעראַשנד שטיקל נייעס. איך האָב עס פּשוט ניט געוואָלט גלויבן. איך האָב מער ניט געקאָנט גלויבן אין דעם, ווייל איך און מיר אַלע האָבן געוואוסט ווי קראַנק גאַלאָפּ איז געווען. אָבער, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָט ניט געוואוסט וועגן דעם אַלעמען. איך בין פּשוט געווען צו שטאַרק פאַרטאָן אין מיין אַרבייט, און האָב ווירקלעך קיין אַנונג ניט געהאַט, וואָס עס קומט־פאָר פּריוואַט אין די אַזוי־גערופענע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. פונדעסטוועגן, ניט זייענדיק גאַנץ זיכער וועגן דעם. האָב איך דערקלערט, אַז די פאַרזאַמלונג מוז דערווייל אָפּגעלייגט ווערן. איך מוז מיר די זאַך גוט איבערלייגן. געמיינט האָב איך — אויסצוגעפינען דעם אמת, ווייל ווי איך האָב שוין דערקלערט, איז מיר זייער שווער געווען צו גלויבן, אַז סיי גאַלאָפּ און סיי ווינטשעווסקי זאָלן פעאיג זיין אויף אַזעלכעס, וואָס איך האָב באַטראַכט פאַר אַ פאַרברעכן. איך בין דעריבער גלייך אַוועק צו ליבערמאַנ'ען, וועלכער איז דאָן געווען זייער

נאענט מיט גאלאפּ׳ן און ווינטשעווסקי׳ן, פארלאנגענדיק פון אים, ער זאל מיר זאגן דעם אמת.

ליבערמאן האט מיר אנגעקוקט שטארק דערשטוינט, מיינענדיק, אז איך שפּיל דא עפּעס א קאמעדיע. קאן עס זיין, אז איך וויים ווירקלעך ניט? אודאי לעבן גאלאפּ און ווינטשעווסקי׳ס שוועסטער אלס מאן און ווייב. מיין צארן קעגן ווינטשעווסקי׳ן, וועלכער האט מיר געוואלט איינ־ריידן, מיט זיין באהויפּטונג, אז איך טויג ניט אלס רעדאקטאר, מיינט ער קיין פּערזענלעכע פּניות, האט איבערגעשטיגן אלע גרענעצן.

צום נעקסטן מיטינג זיינען די גענאסן ווידער געווען ביי מיר אין הויז. איך האב זיי דערציילט וואס איך האב אויסגעפונען ביי ליבערמאנ׳ען. איך האב זיי דערקלערט, אז טראץ דעם דענק איך דאך, אז מיין צוריקציען זיך און פארלאזן לאנדאן וואלט געווען דאס סאמע בעסטע אונטער די אומשטענדן. דער פאקט איז, — האב איך זיי דערקלערט — אז מיר זיינען געבליבן א קליין הייפעלע, פאר וועלכער עס איז ממש אוממעגלעך צו לייסטן פאר׳ן „ארבייטער פריינד״ די גענוגענדע פינאנציעלע שטיצע. מיר האבן געהאפט אויף ניו יארק. איז, ערשטנס, ניו יארק פארנומען מיט׳ן ארויסגעבן די „פרייע ארבייטער שטימע״. צווייטנס, זיינען די גענאסן אין ניו יארק שטארק קעגן דער רעוואלוציע, וואס מיר האבן דא געמאכט. זיי שרייען דאך, אז זיי ווילן ארויסגעבן אן אומפּארטייאישע צייטונג, און אלס מוסטער האבן זיי שטענדיק געגעבן דעם „ארבייטער פריינד״ — און מיטאמאל קומען מיר, לאנדאנער אנארכיסטן, און דערקלערן די צייטונג אונדזערע פאר אן אנארכיסטישן פּארטיי־ארגאן! פארשטייט איר דאך, אז זיי קאנען מיט אונדז ניט סימפּאטיזירן, און אז מיר טארן זיך ניט ריכטן אויף קיין שטיצע פון ניו יארק. גיכער וועלן זיי פילן ווי שיקן אונדז צום טייוול. זיכער וועלן זיי ניט, און קאנען ניט, ארויסקומען קעגן אונדז עפנטלעך; אבער אין הארצן ווינטשן זיי אונדז אל־דאס־בייז. בלייבט דאך, אויף אזא אופן, אונדז ניט קיין אנדער ברירה ווי אויפצוגעבן דעם קאמף. ווייל פריער אדער שפּעטער וועלן מיר מוזן פאלן, און איצט קאנען מיר נאך ארויסקומען ווי פיינע מענטשן. זאלן זיי, אונדזערע געגנער, זיך מוטשען מיט דער צייטונג. און טאמער ווילט איר דאס ניט טאן, ווייל אייך איז שווער צו באקענען זיך אלס געשלאגענע, בין איך גרייט צו נעמען אויף זיך די גאנצע שולד. איך וועל עס זיין דער פייגלינג, וואס איז אנט־לאפן פון שלאכט־פעלד.

די גענאסן האבן אבער ניט געוואלט הערן און זען פון מיין פארשלאג. זיי האבן מיך שיר־שיר דערקלערט אלס פאררעטער. ווארים קאפּעלאנסקי האט, אין זיין דעמאלסטדיקן אפּטימיזם, דערקלערט: „די צייטונג אין לאנדאן גייט אויסגעצייכנט, בעסער ווי אונטער גאלאפּ׳ס רעדאקציע. זי ווערט מיט פיל מער חשק געלייענט אויך אויף דער פּראווינץ.״ ער, אלס

מענעדזשער, ווייס עס בעסער ווי אַנדערע. „רודערמאַן קאָן באַשטעטיקן, אַז די צייטונג ווערט איצט מער געלייענט ווי אין אירע בעסטע צייטן; טאָ וואָלט עס דאָך געווען פשוט פייג, ווען מיר זאָלן איצט, נאָך אַזאַ קאַמף וואָס מיר האָבן געהאַט, נעמען און איבערגעבן די צייטונג צו אונדזערע ביטערסטע געגנער. וואָס די וועלט וועט דאַן ניט זאָגן וועגן אונדז, וועט זי זיין פולשטענדיק גערעכט. און אויב יאַנאָווסקי וויל דורכאויס אונדז פאַרלאָזן, קאָנען מיר אים מיט גוואַלט ניט האַלטן; אָבער מיט דער צייטונג מוזן מיר אַנגיין, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָר דאָ די מעגלעכקייט.“

עס איז דאָ ניט נויטיק פאַר מיר צו שילדערן דעם שטאַרקן איינדרוק, וואָס קאַפּעלאַנסקי׳ס רעדע האָט געמאַכט. און דאָס וואונדערבאַרער האָט זי געווירקט, ווייל מיר אַלע האָבן געקענט קאַפּעלאַנסקי׳ן פאַר אַ זייער וואָרט־קאַרגן גענאָסע. זעלטן פלעגט ער נעמען אַ וואָרט; און האָט ער שוין יאָ אַמאָל גערעדט, זיינען דאָס געווען געציילטע ווערטער. און דאָ, מיטאַמאָל, אַזאַ מבול! יאָ, אַזאַ ברענענדיקע לאַווע, ווי פון אַ פייער־שפייענדיקן וואַלקאַן. מיר זיינען אַלע געווען באמת געפּלעפט. נאָך אים האָבן גענומען דאָס וואָרט רוטענבערג, ווייַנבערג, פרימאַן, פין — און זיי אַלע האָבן גערעדט אין דעמזעלבן גייסט.

פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו דערקלערן זיך באַזיגט. אויפ׳ן שטעל איז געשאַפן געוואָרן אַ סומע פון פינף פונט, וואָס נאָר איינער וואָס האָט צו יענער צייט געלעבט אין לאָנדאָן און האָט געוואוסט ווי שרעקלעך אָרים די גענאָסן זיינען געווען, קאָן דאָס געהעריק אָפּשאַצן. עס האָט זיך ווירקלעך געפאָדערט אַן אומגעהויער זעלטענע אָפּפערוויליגקייט צו שאַפן די סומע. (פאַר דעם איצטיקן לעזער וועט זיין גענוג, ווען איך וועל דערקלערן, אַז דורכשניטלעך האָבן די אַר־בייטער צו יענער צייט פאַרדינט אפשר פופצן שילינג די וואָך, און גאָר פיל גענאָסן זיינען שוין געווען פאַמיליען־פאַטערס). איך האָב זיך דעריבער געפילט שטאַרק באַגייסטערט.

אָבער אין מיין קאָפּ האָט מיר ניט צורו־געלאָזט דער געדאַנק: וואָס וועט זיין נעקסטע וואָך, ווען דאָס ביסל געלט וועט אויסגיין? איך האָב אָבער דעם ביטערן געדאַנק דערשטיקט אין זיך, און האָב מיט פרישער ענערגיע זיך גענומען צו דער אַרבייט. איך האָב געוואוסט, אַז די שונאים לויערן אויף יעדן שריט מיינעם. נאָכדעם ווי ווינטשעווסקי איז אַזוי מיאוס דורכגעפאַלן מיט זיין פאַרזוך צו ווירקן אויף מיר אַליין, האָט ער זיך גע־נומען צו די איינצלנע גענאָסן; ער האָט זיי איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי — אָט צו באַלאַקען אַביסל. די גענאָסן זיינען געקומען פרעגן, צי זאָלן זיי גיין אַהין? געוויס האָב איך זיי געהייסן גיין, אפשר האָט ער זיי עפּעס וויכטיקס צו זאָגן? אפשר וועט ער זיי איבערצייגן, אַז דער

„ארבייטער פריינד" איז טאקע אזוי שלעכט, אז עס איז גלייכער ער זאל איינגאנצן אונטערגיין, איידער אנגיין אונטער מיין רעדאקציע?

איך האב עס געמיינט גאנץ ערנסט, ווייל די אינטריגעס האבן מיך ווירקלעך קראנק־געמאכט, און וואס א וואך אלץ שווערער און שווערער איז געווארן פאר מיר די ארבייט. אבער אך, אויך דא האט דער „זיידע" גארנישט אויסגעפירט. דער רעזולטאט פון זיין גאנצער בייזער אטאקע איז געווען א פונקט פארקערטער ווי ער האט עס געוואונטשן. אלץ שטארקער האבן די געגנאסן געפילט זיך צוגעבונדן צו מיר, אזוי אז פיל זיינען געווען גרייט צו טאן אלץ וואס איך וואלט פון זיי פארלאנגט, ביז אויפאפפערן זיך. זיי האבן דאס באוויזן אין פיל פאלן — אבער איך וועל זיך איצט ניט אפשטעלן אויף דעם.

אז ווינטשעווסקי האט זיך ענדלעך איבערצייגט, אז ער קאן מער ניט האפן צו געווינען די רעדאקטאר־שטעלע אין „ארבייטער פריינד" פאר זיין שוואגער, האט ער אנגעהויבן ארבייטן פאר א מאנאטלעכן זשורנאל. צוליב דעם איז „פער ארדער" געגרינדעט געווארן א גרופע „פראלעטאריאט", וועלכע האט דאס געזאלט זיין דער אייגנטימער און ארויסגעבער פון זשורנאל. און נאטירלעך, גאלאפ איז אויסדערוויילט געווארן אלס דער רעדאקטאר, און די אלע בערן אין דער באוועגונג זיינען אנאנסירט געווארן אלס זיינע שטענדיקע מיטארבייטער. דארף איך אייך ניט דערציילן, אז אין שפיץ פון די מיטארבייטער איז געווען ניט קיין אנדערער ווי מאריס ווינטשעווסקי בכבודו ובעצמו, דער וועלט־בארימטער „משוגע׳נער פילאזאף". דאן זיינען געקומען באראנאוו, ליבערמאן און נאך אזעלכע „בערן". און וועמען האט מען געהאט, אומשטיינס געזאגט, דער „ארבייטער פריינד"? איך בין געווען דער איינציקער מיט א שטיקל נאמען. און טאקע ניט מער; ווארים, ווי דער אמת איז, בין איך געווען דער כל ולך. איך בין געווען דער נייעס־שרייבער, דער לייטארטיקל־שרייבער, דער פעליעטאניסט, דער קריטיקער. און אך, אויך דער טעארעטיקער איבער אנארכיזם. דאס נאך וועניג, האב איך געמוזט נעמען א שטארקן אנטייל אין דער ארבייטער־באוועגונג. עס איז דאך עפעס אן ארבייטער־צייטונג! עס איז נויטיק געווען צו זיין גוט אינפארמירט וועגן אלץ וואס קומט־פאר ניט נאר אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג, נאר אין דער ארבייטער באוועגונג אין אלגעמיין.

גיט נאך צו צו דעם, אז איך בין געווען כמעט דער איינציקער רעדנער — איך מיין אידיש־אנארכיסטישער רעדנער — אין ענגלאנד; און אז גאר אפט האב איך זיך געמוזט אריבערכאפן אויף דער פראווינץ, וואס האט אויך געדורשט נאך א אידיש ווארט פון דעם „וועלט־בארימטן" רעדנער, און איר וועט פארשטיין, אז איך האב ניט געקאנט צוגערעכנט ווערן צום פארא־זיטישן קלאס אין ענגלאנד. און איך זאג אייך דעם אמת: ווען איך טראכט

איצט וועגן דעם, וואונדער איך זיך — וואו האָב איך גענומען די כחות פאַר דאָס אַלץ! עס איז דאָך באמת געווען אַן אַרבייט פאַר צען. אמת, אין דער אַרבייט האָבן פון צייט צו צייט מיטגעהאָלפן די גענאָסן קאַפּעלאַנסקי, פּרימאַן און וו. וועס; אָבער, כאָטש זיי זיינען געווען טייערע, איבערגעגע־בענע גענאָסן, קיין ערשט־קלאַסיקע שרייבער — און איבערהויפּט נאָך שרייבער מיט אַ שטיקל נאָמען — זיינען זיי דאָן זיכער ניט געווען.

דערפאַר, וויכטיק ווי עס איז פאַר מיר געווען זייער הילף, און ווי דאַנק־באַר איך האָב זיך געפילט צו זיי, אָבער קיין גרויס פּרעסטיזש מיט זייער מיטאַרבייטערשאַפט האָבן זיי דער צייטונג ניט פאַרשאַפט, און ניט געקאָנט פאַרשאַפן, און איר קאָנט זיך לייכט פאַרשטעלן ווי איך האָב געפילט, און ווי עס האָבן געפילט אַלע מיינע אָנהענגער און גענאָסן מיט מיר צוזאַמען, ווען זיי האָבן דערהערט די פריילעכע בשורה וועגן דאָס אַרויסגעבן דעם זשורנאַל. און עס איז דאָך מערקווירדיק, וואָס פאַר אַ מאָדנע באַשעפעניש עס איז דער מענטש: אייגנטלעך האָבן מיר דאָך גאָר געדאַרפט זיך פרייען; אַט דערשיינט נאָך אַ זשורנאַל פאַר דעם פרייען געדאַנק, פאַר מער אויפ־קלערונג, פאַר מער ליכט אין די מוחות פון די אַרבייטער. האָבן מיר דאָך, אַלס סאָציאַליסטן, געדאַרפטווירקלעך באַגריסן די דערשיינונג פון זשורנאַל; פונדעסטוועגן מוז איך זיך מודה־זיין, אַז ווען דאַן וואָלט עפּעס פּאַסירט מיט גאַלאַפּ'ן, — זאָגן מיר ער וואָלט פּלוצלינג געשטאָרבן, — איז כאָטש איך וואָלט ניט געקאָנט אויסדריקן מיין צופרידנקייט עפנטלעך, אָבער אין האַרצן וואָלט איך זיך באמת געפרייט.

און איצט, איבערלייגנדיק זיך עס, כאָטש עס זיינען שוין אַוועק אַזויפיל יאָרן, ער איז שוין אַזוי לאַנג טויט און איך שפיר ניט קיין פונק פון שנאה צו אים אין האַרצן, מוז איך דערקלערן, אַז מיין דעמאָלסטדיקער געפיל איז געווען אַ פאַלקאָם באַרעכטיגטער. ווארים, ווי דער אמת איז, זיין ציל, און דער ציל פון אַלע זיינע מיטהעלפער, איז ניט געווען די אויפקלערונג פון די אַרבייטער, נאָר צו מאַכן צו גאָרנישט די אַרבייט וואָס מיר האָבן געטאָן, און מיט אַ גאַנץ היפשן דערפאָלג. מער ווי אַלץ אַנדערש איז זייער הויפּט־ציל געווען מיך צו דערנידעריקן אין די אויגן פון דער וועלט — ווייזן ווי קליין און נישטיק איך בין לגבי זיי, די גרויסע. וויל איך ניט לייקענען, אַז איך האָב זיך ווירקלעך שטאַרק איבערגעשראָקן, ווען איך האָב געהערט, אַז זיי האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבייטן אויף דעם מאָנאַטלעכן זייערן — „די פרייע וועלט“. ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָלט איך אויפגעגעבן דעם קאַמף און געמאַכט פליטה, ווי מען זאָגט. איך האָב דאָס אָבער ניט געטאָן און, בנאמנות, איך האָב קיין חרטה ניט. איך האָב זיך, אין מיין פאַנטאַזיע, אויסגעמאָלט דעם טייוול שוואַר־צער, פיל שרעקלעכער ווי ער איז.

ווען דער זשורנאַל איז ענדלעך דערשינען און איך האָב אים איבער־

געלייענט (און איר מעגט מיר גלויבן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט), פֿרר־בירנדיק זיין אַזוי אומפּאַרטייאיש ווי איך האָב נאָר געקאָנט. בין איך געקומען צום שלוס, אַז איך האָב גאָרנישט וואָס צו שרעקן זיך. איך בין געקומען צו דער פולער איבערצייגונג, אַז קיין איינציקער פון זיי פֿאַרדינט ניט דעם גרויסן נאָמען וואָס ער האָט געהאַט. צי זיי זיינען געווען באַ־וואוסטזיניק וועגן דעם צי ניט, אָבער דער זשורנאַל האָט זיי ווירקלעך פֿאַר'מסר'ט. ער האָט אָמבעסטן אַרויסגעוויזן דעם גרויסן מאַנגל פון טיפער איבערצייגונג אין אַלץ וואָס זיי האָבן געשריבן. עס איז דאָרט ניט געווען צו מערקן אַ פּונק פון אמת'ן גלויבן אין קיינעם פון די אַרטיקלען, וואָס זיינען דערשינען אין ערשטן נומער.

יעדער איינער האָט געקאָנט פילן, אַז זייער הויפּט־צוועק איז געווען — זיך באַרימען מיט זייער קונסט. זיי האָבן פֿאַזירט פֿאַר'ן עולם; און עס איז דאָך שוין אַ באַקאַנטע זאַך, אַז וואָס מער איינער מיט זיך אויסצופּיינען, מאַכן זיך שענער ווי ער איז עס אין דער אמת'ן, דאָס מיאוס'ער מאַכט ער זיך. דאָס האָט ניט נאָר צונישטגעמאַכט זייער גאַנצע אַרבייט, נאָר האָט אַריינגעגאָסן אין מיר גאָר נייעם מוט, און איך האָב פֿאָרטגעזעצט מיין אַרבייט מיט גאָר אַ נייעם חשק. עס איז ניט געווען קיין זאַך וואָס זאָל זיין צו־שווער פֿאַר מיר. איך האָב דעם זשורנאַל צעגלידערט זייט נאָך זייט, האָב אין אים ניט איבערגעלאָזט קיין גאַנץביינדל, ווי דאָס ווערטל גייט. איך האָב אויפגעשטאָכן די אַלע אָנגעבלאָזענע פּרעטענזיעס פון דעם דעמאָלסטדיקן באַראַנאָוו. איך האָב אין אַ ריי אַרטיקלען באַוויזן, אַז ווינטשעווסקי ווייס ניט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז, און אַז ער האָט אין דער ווירקלעכקייט געדאַרפט הייסן „דער משוגע'נער", ניט דער „משוגע'נער פילאָזאָף".

(איך האָב לעצטנס נאָכאַמאָל איבערגעלייענט יענע אַרטיקלען, און כאָטש זינט דאַן האָבן זיך מיינע איבערצייגונגען באַדייטנדיק געענדערט, מוז איך אָבער זיך מודה זיין, אַז איך האָב זיי געלייענט מיט אַ גאַנץ באַזונדערן פאַרגעניגן. עס גליט אַרויס פון זיי אַ זייער גליענדיקע איבער־צייגונג, וואָס האָט ניט געקאָנט פֿאַרפֿעלן צו מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויפ'ן לייענער. אָבער דאָס וויכטיקסטע, וואָס איך האָב אויפגעטאָן מיט יענער סעריע אַרטיקלען, איז געווען דאָס וואָס איך האָב צעבראָכן און שטאַרק אַרונטערגעריסן די אויטאָריטעט פון מיינע געגנער.)

5. די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג אין יענע יאָרן אין לאָנדאָן

אַלזאָ, ווי דער לעזער האָט געזען פון דעם פֿריערדיקן קאַפּיטל, איז די גייסטיקע זייט פון דעם קאַמף אונדזערן געווען אַ מער אָדער ווייניגער

אַ צופרידנשטעלנדיקע, דערפאַר אָבער איז די עקאָנאָמישע זייט געווען אין אַ זייער טרויערדיקן צושטאַנד. עס האָט פּאַסירט דאָס, וואָס איך האָב פאַראויסגעזאָגט די גענאָסן אויף דעם פּריוואַט־מיטינג, וועלכן איך האָב געשילדערט אין דעם פאַריגן קאַפּיטל. פון אַמעריקע, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט־קוואַלן פאַר דער הכנסה פון „אַרבייטער פריינד״, איז די גאַנצע צייט קיין סענט ניט געקומען. וואָס אנבאַטרעפט לאָנדאָן און דער פּראָווינץ, איז די איינקונפט שטענדיק געווען אַ לעכערלעך קליינע. די שפּאַלטונג האָט די הכנסה נאָך באַדייטנדיקער פאַרקלענערט, טראָץ דעם וואָס דער פאַרקויף פון דער צייטונג איז, פאַרהעלטניסמעסיק, ניט געווען קיין שלעכטער. דער בערנער סטריט קלוב, וואָס פלעגט אַריינברענגען אַביסל פּראָפיט, האָט צוליב דער שפּאַלטונג ניט נאָר ניט געבראַכט מער פּראָפיט, נאָר האָט מער ניט געצאָלט זיינע אייגענע אויסגאַבן. ווארים די, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון אונדז, זיינען ניט נאָר אַליין ניט געקומען אין קלוב און געגעבן עפּעס צו לייזן, נאָר זיי האָבן עס נאָך באַטראַכט פאַר זייער פליכט צו שעדיקן אים ווי ווייט זיי האָבן נאָר געקאָנט — זיי האָבן אָפּגערעדט פיל אַנדערע פון באַזוכן דעם קלוב. די גענאָסן האָבן ממש זיך אויסגעטאָן פון העמד, כדי צו האַלטן דעם „אַרבייטער פריינד״ איבער׳ן וואַסער, ער זאָל אַזוי שנעל ניט אונטערגיין.

אָבער, ווי געזאָגט, זייערע כחות זיינען געווען זייער קליין, און ווי ווייניג עס זיינען געווען די אויסגאַבן פון דער צייטונג, דאָך איז עס פון וואָך צו וואָך געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער זיי צו דעקן. די פראַגע: „וואָס טאָן?״ איז געשטאַנען פאַר אונדז אין איר גאַנצער פורכטבאַרקייט.

איר וועט פרעגן: „און די אַרבייטער־באַוועגונג אין לאָנדאָן און גאַנץ ענגלאַנד, וואָס האָט זי געטאָן פאַר דער צייטונג, פאַר וועמעס־וועגן זי איז אייגנטלעך אַרויסגעגעבן געוואָרן?״ דער ענטפער איז: די אַרבייטער־באַוועגונג צו יענער צייט איז געווען צו־קליין און צו־אָרים, אַז זי זאָל קאָנען אויסהאַלטן אַ צייטונג. גיכער האָט זי דערוואַרט הילף פון דער צייטונג. און דאָן איז געווען אַן אַנדער אורזאַך: קליין ווי זי איז געווען, האָט זי שוין אָבער געהאַט אין זיך די קערנער פון קאָרופּציע אין דער דעמאָלסטדי־קער פירערשאַפט, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דער „אַרבייטער פריינד״ האָט דאָס ניט געקאָנט און ניט געטאָרט פאַרשווייגן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער „אַרבייטער פריינד״ איז גאָר שטענדיק געשטאַנען אין קאַמף מיט דער אַזוי־גערופענער אַרבייטער־באַוועגונג. און ניט נאָר האָבן מיר ניט געקאָנט דערוואַרטן פון איר קיין מאָראַלע און פינאַנציעלע הילף, נאָר דער רעדאַקטאָר איז געווען אין שטענדיקער לעבנס־געפאַר צוליב זיין אויפדעקן די פאַרשיידענע קלענערע און גרעסערע געמיינהייטן פון דער זייט פון די אַזוי־גערופענע פירער.

אפשר וועט דער לעזער מיינען, אַז איך איבערטרייב שוין צופיל, קאָן

איך אויף אים אסור פאַראיבל האָבן; ווייל פאַר דעם, וואָס האָט עס אַליין ניט מיטגעמאַכט און מיטגעלעבט, איז ווירקלעך גאַנץ שווער זיך פאָרצו־שטעלן די דעמאָלסטדיקע אידישע אַרבייטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד. דער אמת איז, אַז דאָס איז גאָר קיין באַוועגונג ניט געווען. און איך ווייס ווירקלעך ניט וואָס פאַר אַ נאָמען עס צו געבן.

לאָמיר פּרובירן געבן די לעזער כאָטש אַ בלאַס בילד פון דעם אידישן אַרבייטער אין ענגלאַנד אין די אַכציקער יאָרן. פון דער היים אויס איז ער געווען אַ פּראָסטער שניידער אָדער שוסטער, און דערצו אַ שרעקלעכער עם־הארץ. ער האָט פּשוט ניט געקאָנט אַ שייטל עברי. די ריכטיקע אורזאַך, פאַרוואָס דער „אַרבייטער פריינד" האָט געהאַט אַזאַ קליינע צאָל לעזער, איז געווען דאָס וואָס זייער ווייניגע האָבן געקאָנט פּשוט לייענען. אַפילו די „געבילדעטסטע" צווישן זיי האָבן נאָר מיט נקודות געקאָנט קוים־קוים עטוואָס איבערלייענען. די איבעריקע האָבן אַזויפיל אויך ניט געקאָנט. קומענדיק קיין לאָנדאָן האָבן זיי געאַרבייט אמת׳ע עבודת פּרך. עס איז גאָר קיין גרעניץ ניט געווען צו זייערע אַרבייטס־שטונדן. זיי פלעגן גיין צו דער אַרבייט אַ בליאַסק אויף טאָג, און אויפהערן אַרבייטן ערשט שפּעט אין דער נאַכט. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך לעבן, און איר קאָנט זיך שוין אַליין לייכט אויסמאָלן די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון אַזאַ אַרבייטער. ער האָט געהאַט מער דעם אָנבליק פון אַ שטומער חיה ווי פון אַ דענקענד־קן וועזן. איר האָט קוים געקאָנט מיט אים זיך צונויפרעדן; ניט איר האָט אים פאַרשטאַנען, און ניט ער האָט אייך פאַרשטאַנען. דער עלנד און די טעמפּזיניגקייט זיינען געווען אויסגעקריצט אויף זיין פּנים. וואָס־זשע איז זיך צו וואונדערן, אַז די עטלעכע כיטרערע צווישן זיי — און וועלכע האָבן, נאַטירלעך, געשפּילט די ראָלע פון פירער — האָבן געקאָנט טאָן מיט זיי אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט, און גאָר ניט דאַרפן מורא האָבן, אַז אימיצער זאָל קומען און שטערן זיי אין זייער שיינער מלאכה. זיי האָבן געפילט זיך גאַנץ זיכער. און אָט די דאָזיקע אויפגאַבע — אויפצונעמען אַ קאַמף קעגן די דאָזיקע קליינע שווינדלערלעך — האָט עס געהאַט אויף זיך דער „אַרבייטער פריינד".

פאַרשטייט איר שוין איצט, וואָס דער רעדאַקטאָר פון אַזאַ צייטונג האָט געהאַט אויסצושטיין? כדי איר זאָלט עס ווירקלעך קאָנען זיך פאָר־שטעלן, האַלט איך פאַר נויטיק איבערצוגעבן דאָ אייניקע פאַקטן, וואָס וועלן וואַרפן אַ קלאָר ליכט אויף דעם דעמאָלסטדיקן צושטאַנד.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ שניידער־סטרייק. אַ געוויסער לואיס לייאָנס, וועלכער איז געווען אַ איד מיט אַביסל בילדונג און פון דער נאַטור ניט קיין נאַר, איז געווען דער פירער. פּאָפּולער צווישן די שניידער און דער איבעריקער אַרבייטער־וועלט איז ער געוואָרן דורך זיין עדות־זאָגן פאַר דער „סוועטינג קאָמיסיע", וועלכע איז באַשטימט געוואָרן פון פּאַרלאַמענט

צו אונטערזוכן דעם סיסטעם, וואָס האָט געבושעוועט אין לאָנדאָן ביים סוף פון די אַכציקער יאָרן. ער האָט זיך דאָן אויסגעצייכנט מיט דער קלאָרקייט פון די פאַקטן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, זייענדיק אַליין אַ שניידער, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער שרעקלעכער סוועטעריי פון אייגענער דערפאַרונג. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון זיין פּאָפּולאַריטעט. אַזוי איז ער געוואָרן דער פירער ביי די שניידער, און אַזוי איז אים געראָטן אויפצובויען אַ שניידער־יוניאָן, פון וועלכער ער איז געווען אי דער פּרעזי־דענט, אי דער סעקרעטער און אי דער טרעזשורער. ער איז ניט נאָר געווען דער „באָס" פון דער יוניאָן, נאָר, אָן גוזמא, ער איז געווען די יוניאָן.

ווען איך בין אָנגעקומען אין לאָנדאָן, האָב איך שוין געפונען לואיס לייאָנסן אַלס אַ צימלעך פּאָפּולערן אַרבייטער־פירער, ווער עמען דער „אַרבייטער פריינד", אונטער גאַלאָפּ׳ס רעדאַקציע, האָט ביטער באַקעמפט. פונדעסט־וועגן, ווען איך האָב איבערגענומען די רעדאַקציע, האָב איך ניט געוואָלט אויך איבערנעמען דעם קאַמף קעגן לייאָנס׳ן אַלס ירושה. איך האָב אַליין זיך געוואָלט איבערצייגן, צי דער מענטש דאַרף ווירקלעך באַקעמפט ווערן. אפשר, האָב איך געטראַכט, קאָן איך אים אריינציען אין אונדזער באַוועגונג, וויל ער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ שטיקל ראַדיקאַל, און אַזוי אַרום מאַכן אַ סוף צו דעם פּרוכטלאָזן קאַמף.

האָב איך לייאָנס׳ן איינגעלאַדן אין אָפיס, זיך דורכצוריידן מיט אים. ער האָט געמאַכט אויף מיר אַ גאַנץ גוטן איינדרוק, מוז איך זאָגן. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער איז גאַנץ אומזיסט פאַרפאָלגט געוואָרן פון מיין פאָרגייער. און אַזוי ווי איך אַליין האָב געהאַט אַנדערע קריוודעס קעגן מיין פאָרגייער, בין איך געווען שטאַרק גענייגט צו גלויבן, אַז ער איז אפשר גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי מען האָט מיר אים פאָרגעשטעלט. און איך האָב אים פאַרזיכערט אין מיין באַשלוס צו קאָאָפּערירן מיט אים, אויב ער וועט מיר נאָר לאָזן. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל אין אים געפינען דעם בעסטן פריינד, און אַז מיט דער הילף, וואָס דער „אַרבייטער פריינד" קאָן אים געבן, איז ער זיכער, אַז די אַרבייטער־באַוועגונג וועט דערפון זייער פיל געווינען.

האָב איך אים אויפ׳ן שטעל איינגעלאַדן שרייבן וועכנטלעך אַרבייטער־נאָטיצן פאַרן „אַרבייטער פריינד" — איך האָב אים דערמיט געוואָלט באַ־ווייזן מיין צוטרוי; און אַז איך האָב קנאַפּ־וואָס מורא, אַז ער זאָל מיס־ברויכן מיין צוטרוי און די פּאָפּולאַריטעט וואָס ער וועט קריגן אַלס מיטאַר־בייטער פון „אַרבייטער פריינד". קיין אידיש האָט ער ניט געקאָנט, האָט ער געשריבן זיינע אַרבייטער־נאָטיצן אין אַ שלעכטן ענגליש, און איך האָב זיך גענומען די גרעסטע מי צו מאַכן עס אַזוי שיין און גוט ווי מעגלעך. לואיס לייאָנס איז באַקאַנט געוואָרן צווישן די שניידער אַלס אַ זייער גוטער אידישער שרייבער. נאַטירלעך, האָט ער אַליין שוין געזאָרגט פאַר דעם,

אַז מען זאָל גלויבן, אַז ער אַליין איז עס דער גרויסער שרייבער. איך האָב זיך געמאַכט ניט־ווייסנדיק און געלאָזט אים האָבן דעם גאַנצן קרעדיט.

מיין גדולה אָבער, אַז איך האָב אויסגעפירט צו מאַכן לייאַנס'ן ניצלעך — ווייניגסטנס אומשעדלעך, — און אַז מיט מיינע אויגן אויף אים וועט ער זיך ניט דערלויבן קיין „מאַנקי־ביזנעס" ניט אין זיין יוניאָן בפרט און ניט אין דער אַרבייטער־באַוועגונג בכלל — די דאָזיקע גדולה איז גאָר באַלד אויסגערונען. עס האָט אויסגעבראָכן דער שניידער־סטרייק. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז ניט געווען קיין סענט געלט אין דער יוניאָן־טרעזשורי. אָבער צו יענער צייט האָט מען ניט געקאָנט וואַרטן אויף אַ סטרייק־פאָנד כדי אויפצונעמען אַ קאַמף. וואָס עס איז אַריינגעקומען פון „דיוס", דאָס איז אַוועק אויף די לויפנדיקע הוצאות, אַזוי אַז עס איז גאָר זייער ווייניג געלט געווען אין דער יוניאָן ווען דער סטרייק האָט אויסגעבראָכן. פאַר דעם האָט מען לואיס לייאַנס'ן ניט געקאָנט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך. מען איז אַרויס אין סטרייק מיט דעם גלויבן, אַז, ערשטנס, וועט זיך דער עולם אָפרופן מיט זיין מאָראַלער און פינאַנציעלער שטיצע; צווייטנס, אַז די עפנטלעכע מיינונג וועט צווינגען די באַלעבאַטים נאָכצוגעבן געוויסע פאָדערונגען פון די סטרייקנדיקע אַרבייטער; און דריטנס, אַז דער קאַמף־ענטוזיאַזם וועט העלפן די סטרייקער אַריבערטראָגן אַלע צרות, צו וועלכע זיי זיינען איבעריגנס ניט פרעמד, אַפילו ווען זיי אַרבייטן.

איך מוז דאָ דערקלערן, אַז אויף אַזאַ אופן זיינען אַרויסגערופן געוואָרן גאָר פיל סטרייקס, און ניט נאָר ביי די אידישע אַרבייטער, נאָר אויך ביי די גוי'אישע. וואָרים דער פאַקט איז, אַז צו יענער צייט איז נאָך דער טרייד־יוניאָניזם אין אַלגעמיין געווען זייער יונג; ער איז נאָך געווען אין זיין וויגעלע, און פון גרויסע סטרייק־פאָנדס האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין. מיר האָבן געאַרבייט מיט אַלע אונדזערע כחות אין דעם סטרייק. געגעסע וו. וועס האָט בוכשטעבלעך געטאָגט און גענעכטיקט אין סטרייק־האָל. ער האָט פאַר דער צייט פאַרלאָזט זיין שריפט־קאַסטן — ער איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, ביים טרייד אַ שריפטזעצער — און איז אַוועק און זיך ממש באַזעצט אין סטרייק־האָל, וואו ער איז פאַרבליבן ביז'ן סאַמע סוף. איך, אָן אַ גוזמא, האָב גערעדט פאַר די סטרייקערס אפשר זעקס־זיבן מאָל אין טאָג. יעדע מינוט, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט אָפּשפּאָרן, סיי פון אַפּיס און סיי פון דער היים, האָב איך געווידמעט דעם סטרייק.

איר וועט זיך וואונדערן, און מיט רעכט, וואָס אַזוינס איך האָב זיי געקאָנט זאָגן זיבן מאָל אַ טאָג. איך האָב דאָך געמוזט זיי זאָגן אַלעמאָל איינס־און־דאָסזעלביקע, טאָ ווי איז עס ניט מיר און ניט זיי מיאוס געוואָרן? איז דער תירוץ: איך האָב אַרויסגעוויזן אַזאַ דערפינדערישקייט, אַז ווי נאָר מען האָט מיך דערזען אין האָל איז ער באַלד פאַרהילכט געוואָרן פון אַפּלאָדיסמענטן, און איך האָב זיך געמוזט שטעלן אויף דער פּלאַטפאָרם און

דרש'ענען. איינמאָל האָב איך זיי דערציילט די אַלגעמיינע נייעס פון טאָג. אַ צווייטן מאָל האָב איך זיי באַקאַנט געמאַכט מיט די פּאַסירונגען אין דער אַרבייטער־וועלט, וועגן אַלערליי קאַמפן און די גרויסע אַרבייטער־זיגן אויפ'ן עקאָנאָמישן פעלד. אַ דריטן מאָל האָב איך זיי באַקאַנט געמאַכט מיט געוויסע היסטאָרישע פאַקטן פון דער רוסישער געשיכטע, און אויך מיט דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס די רוסישע פרייהייטס־קעמפער פירן־אָן פאַר די לעצטע פופציק־זעכציק יאָר. אַמאָל פלעג איך זיי פאָר־לייענען פון אַ בוך מיט מיינע אייגענע קאָמענטאַרן. און דאָס אַלץ, כדי צו האַלטן זיי וואַכעדיק; האָט געמוזט זיין געפּעפּערט מיט אַ וויץ — אויף וואָס איך בין צו יענער צייט געווען גאָר אַ מאדים.

אָט אַזוי האָב איך עס אָנגעהאַלטן פאַר גאַנצע צוויי לאַנגע וואָכן, ביז עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער סטרייק קאָן בשום אופן ניט געוואונען ווערן. די אַרבייטער האָבן פשוט ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן. זייערע קינדער זיינען ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער, און דער סטרייק־האָל איז געוואָרן אַלעמאָל ליידיקער און ליידיקער, ביז מער ווי אַ פאָר מנינים שניידער זיינען ניט געבליבן. און אויך די וואָלטן געווען אַוועק, ווען זיי וואָלטן געקראָגן פלעצער.

אונטער אָט די אומשטענדן האָב איך פאַרלאַנגט פון לייאָנס'ן, ער זאָל דערקלערן דעם סטרייק פאַר געענדיקט, ווייל עס האָט דאָך ווירקלעך קיין זין ניט אָנצוגיין מיט דער קאָמעדיע. ער האָט אָבער אַנטשידן זיך אַנטזאָגט דאָס צו טאָן, און צוליב דעם איינציקן גרונט, וואָס ער וועט נאָך קאָנען אויסשנאָרן עטלעכע פונט ביי אייניקע פילאַנטראָפּן. איך האָב זיך ביי אים געבעטן מיט גוטן; האָב אַפּעלירט צו זיין ערן־געפיל — עס האָט אָבער אויף אים ניט געמאַכט די מינדסטע ווירקונג. דער בחור האָט נאָך געהאָט די חוצפה מיר צו זאָגן, אַז עס איז ניט מיינע „ביזנעס"; אַז ער איז דער פירער פון סטרייק, און ער אַליין איז פאַראַנטוואָרטלעך. איך האָב אים דאַן געסטראַשעט, אַז איך וועל אַרויסקומען עפנטלעך און דערקלערן דעם גאַנצן שווינדל, און דאַן וועט ער ניט נאָר ניט קאָנען מער צאַפּן געלט פון קיינעם, נאָר וועט בלייבן בלאַמירט פאַר זיין גאַנץ לעבן, און זיין קאַריערע אַלס אַרבייטער־פירער וועט זיין געענדיקט.

דער בחור האָט זיך געכאַפּט שלאָגן, אָבער נאָכגעגעבן האָט ער ניט. ער האָט געמיינט, אַז איך וועל עס ניט וואָגן, ווארים פאַר אַזאַ מעשה קאָן דאָך דער „אַרבייטער פריינד" גופא דערקלערט ווערן אַלס פאַררעטער פון די אַרבייטער און אַלס פאַרקויפט צו די באַסעס. איך האָב אָבער יאָ געוואָגט. דיזעלביקע וואָך בין איך אַרויסגעקומען מיט דער דערקלערונג, אַז דער סטרייק איז געענדיקט; די אַרבייטער האָבן, ליידער, פאַרלוירן; און אַז דאָס וואָס דער סטרייק ווערט ניט אָפיציעל אָפּגערופן, אַזוי אַז די וואָס קאָנען קריגן אַרבייט זאָלן זיך ניט פילן אַלס סקעבס, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל

לואיס לייאָנס האָפּט נאָך אויסצושנאָרן אַ פּאָר דאָלער אויף דעם סמך פון סטרייק פאַר זיך.

נאַטירלעך, אין מיין דערקלערונג האָב איך ניט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל מיר גלויבן אויפ׳ן וואָרט. איך האָב אויפגעפאָדערט אַלע, וואָס ווילן זיך דערוויסן אויף ריכטיג, צי עס איז אמת דאָס וואָס מיר זאָגן, אַריבער־צוגיין אין סטרייק־האָל צו אירגענד וועלכער צייט — באַטאָג אָדער אין אָוונט — און זיי וועלן זיך אַליין איבערציייגן, אַז עס איז ניטאָ מער קיין סטרייק.

די דאָזיקע דערקלערונג האָט געווירקט ווי אַ באָמבע אין דעם לייאָנס־לאַגער. אַ פּאָר נאָכשלעפּער האָט ער דאָך געהאַט, און טאַקע אויפמאָרגן איז שוין דער סטרייק־האָל געווען פאַרשלאָסן, כאָטש דער סטרייק איז נאָך אַלץ ניט דערקלערט געוואָרן אָפיציעל אַלס געענדיגט.

איך גלויב, אַז איצט וועט איר שוין לייכט פאַרשטיין פאַרוואָס דער „אַרבייטער פריינד" האָט געקאָנט זייער ווייניג הילף קריגן פון דער אַזוי־גערופענער אָפיציעלער אַרבייטער־באַוועגונג. פּונקט פאַרקערט, די אָפּי־ציעלע אַרבייטער־באַוועגונג האָט געזען אין אים אַ ביטערן פיינד, און זי האָט געזען ווי ווייט מעגלעך אים אונטערצוגראָבן.

און אַז איך האַלט שוין דערביי, וויל איך אייך דערציילן פון נאָך אַזאַ פאַל, וועלכער איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער שווערער, פינסטערער צייט אין אַרבייטער־לעבן אין לאָנדאָן.

אַחוץ דער שניידער־יוניאָן איז צו יענער צייט געווען אַ בוט־פינישער יוניאָן, אַ יוניאָן פון שוסטערס. פאַרגרעבט, פאַרהאָרעוועט און אומוויסנד ווי די שניידערס זיינען געווען, זיינען די שוסטערס געווען נאָך הונדערט מאָל מער. דאָס זיינען גאָר ניט געווען קיין מענטשן, נאָר אמת׳ע חיות בצורת אדם. געאַרבייט האָבן זיי אַכצן און אַמאָל צוואַנציק שטונדן אין מעת־לעת, און פאַרדינט האָבן זיי די קלענסטע ווייִדזשעס. פופצן שילינג אַ וואָך איז שוין באַטראַכט געוואָרן פאַר גאָר אַ גרויסן ווייִדזש. איר וועט פון דעם פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע אַרבייטער האָבן קיינמאָל קיין צייט און קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט צו קומען צו אַ לעקטשור; און ווער רעדט שוין פון לייענען אַ צייטונג אודאי ניט. איך האָב זיך מיט דער יוניאָן און מיט די ווירקלעכע שקלאַפן פאַראינטערעסירט דורך אַ פערטל־יערלעכן „באַלאַנס־שיט", וואָס איז צופעליק מיר אויסגעקומען צו זען. אַריינבליקנדיק אין אים האָב איך געפונען דעם חשבון דאָרט פאַר זייער מאָדנע. דער אמת איז, אַז דאָס איז גאָר קיין חשבון ניט געווען, נאָר גלאַט עפּעס ציפערן, כדי צו פאַרבלענדן די אויגן. איך האָב דעם באַלאַנס־שיט, ווי ער שטייט און גייט, איבערגעדרוקט אין „אַרבייטער פריינד", צוגעבנדיק בלויז די באַמערקונג: „וועט הער ראָזענבערג (דער סעקרעטאַר און מחבר פון באַלאַנס־שיט) זיין אַזוי גוט און דערקלערן דורך

דער צייטונג זיין באלאנס־שיט, וועלכן מיר הויבן ניט אן פארשטיין?״
אלס אן ענטפער האט מען מיר געלאזט וויסן, אז איך מעג זיך שוין באצייטנס אנגרייטן תכריכים — מען וועט מיר פארטיג מאכן אין ערגעץ א פינסטערן ווינקל.

(דא איז נויטיק צו דערקלערן, אז אין יענער צייט איז לאנדאן פול געווען מיט אזעלכע ווינקעלעך, און עס איז געווען צו גלויבן, אז דער חברה־מאן זאל גוט־מאכן זיין סטראשונאק.)

האב איך דעריבער באשלאסן, אז איידער ווארטן ביז מען וועט מיך הרג׳ענען אין ערגעץ א ווינקל, איז פיל גלייכער פאר מיר צו קומען דירעקט צו זייער מיטינג, און זאלן זיי, אויב זיי האבן דעם מוט, טאן דאס ערגסטע. און כדי זיי זאלן ניט דענקען, אז איך האב ווירקלעך מורא פאר זיי, האב איך באשלאסן קיינעם גארנישט צו זאגן וועגן דעם, מורא־האבנדיק, אז די גענאסן וועלן מיר ניט לאזן דאס דורכפירן.

און אזוי, דעמזעלבן שבת אוונט, ווען, ווי איך האב געוואוסט, די בוט־פינישערס יוניאן האט אפגעהאלטן אירע מיטינגען, בין איך אליין אוועק אהין, און אזוי זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון שונא.

ווען איך האב געעפנט די טיר פון לאקאל און דער סעקרעטער האט מיך דערזען, איז ער אזוי צעמישט געווארן, אז ער האט ביי מיר געפרעגט, וואו איז מיין ביכל, — דאס הייסט מיין יוניאן־ביכל.

איך האב אים אויף דעם גארנישט געענטפערט, אבער אין דערזעלבער מינוט בין איך שוין געשטאנען אין מיטן האל, זאגנדיק צו זיי: „מען האט מיר געלאזט וויסן, אז איר קלייבט זיך צו כאפן מיר אין א ווינקל און דער־מארדן; וויל איך אייך פארשפארן די טרחה פון זוכן מיך און דערביי פארלירן צייט. איז אט בין איך דא, און איר קאנט טאן מיט מיר וואס איר ווילט. קיין מענטש ווייסט ניט אז איך בין אוועק צו אייך. איר קאנט דעריבער מיך דערמארדן און באגראבן, וואו איר וועט געפינען פאר נויטיק, און קיין מענטש וועט קיינמאל אייך ניט אויסגעפינען, איר וועט בלייבן אומבאשטראפט. אבער איידער איר טוט דאס, וויל איך אייך דער־קלערן מיין פארברעכן קעגן אייך, אזוי אז איר זאלט וויסן פארוואס איך האב אזוי כשר פארדינט דעם טויט פון אייערע הענט.״ און איך האב זיי דערציילט וועגן וואס עס האנדלט זיך.

דער סעקרעטער האט פרובירט ניט לאזן מיך ריידן; אבער איך האב, ניט אכטנדיק אויף זיינע פראטעסטן, מיין רעדע געענדיגט, און דווקא מיט דעם, אז דער סעקרעטער איז, לויט מיין מיינונג, א פשוט׳ער גנב, וואס האט זיך באנוצט מיט זייער אומוויסנקייט. איך האב מיין רעדע געענדיגט אין דער דערווארטונג, אז אימיצער וועט זיך ארויפווארפן אויף מיר און צערייסן מיך אויף שטיקער, אדער אז אימיצער וועט מיר ענטפערן. אבער ביידע זאכן האבן ניט פאסירט; אלע זיינען געבליבן זיצן ווי געפלעפט.



ש. יאַנאָווסקי

מיט זיין סאַמע כאַראַקטעריסטישן געזיכט־אויסדרוק

וויליאַם וועסס
1946 - 1862

פון די ערשטע מיטאַרבעטער ש. יאַנאָווסקיס אין לאָנדאָן

וויליאַם מאָררים
1896 - 1834

ש. יאַנאָווסקים לערער און גייסטיקער וועגווייזער אין לאָנדאָן



פעטער קראָפּאָטקין

1921 - 1842

הפנים, מיין מוט, אדער איך מעג זאגן חוצפה, האט פון זיי אלעמען אוועק־גענומען דאס לשון. און איך האב זיך באנוצט מיט דעם מאמענט און פארלאזט דעם האל גאנץ און אומבאשעדיקט.

ארויסקומענדיק אויף דער גאס האב איך דערזען די גענאסן פון בערנער סטריט קלוב לויפנדיק מיט זייער גאנצן אימפעט. איך האב ניט פארשטאנען ווי אזוי זיי האבן זיך דערוואוסט וועגן מיין העלדישקייט; שטעלט זיך ארויס, אז איינער פון די יוניאן־מיטגלידער, זעענדיק מיך ארייַנקומען, און זיך גוט איבערשרעקנדיק פאר מיין שיקזאל, איז שטילערהייט ארויס פון האל און געלאפן אין קלוב זיי אנזאגן וועגן דער געפאר, אין וועלכער איך שוועב. דאן האבן די גבורים פון בערנער סטריט, וועלכע האבן געהאט א שם אין לאנדאן פאר זייער גבורה, זיך געלאזט לויפן מיך ראטעווען, אדער, אויב עס איז שוין צו־שפעט, נעמען בלוטיקע ראכע פאר מיין יונג לעבן.

אט אזא איז געווען די ארבייטער־באוועגונג אין יענער צייט. פאר איר און קעגן איר האט עס דער „ארבייטער פריינד" געמוזט פירן זיין קאמף. און די דאזיקע באוועגונג, מיט איינצלנע אויסנאמען, נאטירלעך, ווען זי וואלט עס נאר געקאנט, וואלט די צייטונג מיט איר רעדאקטאר דערטרונקען אין א לעפל וואסער.

בקיצור, פון דעם אלעמען איז, דוכט זיך, שוין קלאר די אמת שרעקלעכע לאגע פון „ארבייטער פריינד" אויפ׳ן פינאנציעלן געביט. מיט דער גרעסטער מאטערניש האבן מיר אים ארויסגעגעבן פון וואך צו וואך, און מיר וואלטן אים אויפגעגעבן, ווען ניט אונדזערע אידייען־געגנער, וועלכע האבן אויסגעקוקט זייערע אויגן אויף דער מינוט, ווען דער „ארבייטער פריינד" וועט זיך צומאכן. אמת, אויך זייער זשורנאל האט געפירט א געמוטשעט לעבן; און איין מאנאט האט ער איבערגעהיפּט, אונטער דעם אויסרייד, אז דער רעדאקטאר איז קראנק געווארן און האט זיך דעריבער פארשפעטיגט מיט זיין ארבייט. אבער דאס איז פאר אונדז געווען א גאנץ קנאפע טרייסט. אחוץ דעם: זיי האבן געהאט זיך צו פלאגן בלויז איינמאל אין מאנאט, מיר האבן זיך געמוזט מוטשענען יעדע וואך.

דער סוף איז געווען, אז מיר האבן זיך סוף־כל־סוף אונטערגעגעבן דעם שיקזאל, און אין דערזעלבער וואך, ווען גאלאפ איז געשטארבן, איז דער „ארבייטער פריינד" דערשינען מיט אן ערקלערונג, אז מיר זיינען גרייט איבערצוגעבן אן באדינגונגען אין די הענט פ. ן א קאמיטע פון אלע יוניאנס דעם „ארבייטער פריינד", מיט זיין דרוקעריי, מיט זיין גאנצן איבעריגן אייגנטום, און אויך דעם קלוב. זיי קאנען אויסוויילן וועלכן רעדאקטאר זיי ווילן נאר אליין. בלויז איין באדינג האבן מיר געשטעלט: די צייטונג זאל געפירט ווערן אין סאציאליסטישן גייסט.

געמיינט האבן מיר, אז זיי וועלן זיך אנכאפן אן דעם פארשלאג, דורך

וועלכן זיי וועלן אַזוי לייכט פּטור־ווערן פון מיר, וואָס האָט זיי אַזוי שטאַרק באַקעמפט. אָבער מיר האָבן פון דער אַרבייטערשאַפט קיין ענטפער ניט געקראָגן אויף אונדזער אָנבאָט. איך ווייס ניט ביז היינטיקן טאָג אויב אונדזער פאָרשלאָג איז צומאָל דיסקוטירט געוואָרן אויף די מיטינגען אין די יוניאָנס. אין דעם באַשטימטן טאָג און שטונדע, ווען דער מיטינג האָט געזאָלט פאָרקומען, איז קיין איינציקער פון דער גאַנצער אַרבייטערשאַפט ניט דערשינען, אַזוי ווי זיי וואָלטן דערמיט געזאָלט זאָגן: „מוחל אייער מתנה. מיר קאָנען זיך באַגיין זייער גוט אָן אַ צייטונג."

עס איז זייער מעגלעך, אַז ווען זיי וואָלטן גערעכנט אַז מיר קאָנען נאָך אַליין אָנגיין מיט דער צייטונג, וואָלטן זיי אפשר זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאָג אונדזערן, אַבי נאָר אַרויסצורייסן די צייטונג פון אונדזערע הענט. אָבער אַזוי ווי זיי זיינען געווען זיכער, אַז מיר קאָנען, מיט אונדזער בעסטן ווילן, מער ניט אָנגיין מיט דער אַרבייט, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דאָס גלייכסטע איז — לאָזן די צייטונג אינגאַנצן שטאַרבן, און אויף אַזאַ אופן פּטור־ווערן פון אַ צרה.

און אָט אַזוי זיינען אין איין וואָך אונטערגעגאַנגען אי די וועכנטלעכע צייטונג, וואָס איז געווען די ערשטע צו פּריידיגן די אידייען פון סאָציאַליזם, און אי דער מאָנאַטלעכער סאָציאַליסטישער זשורנאַל.

און ניט נאָר האָט די גרויסע וועלט־שטאָט לאָנדאָן ניט אָנגעהויבן וויסן און אינטערעסירן זיך מיט דעם, נאָר אַפילו די פיל קלענערע, די אידישע וועלט, איז אויך געבליבן פאַרדאַמט גלייכגילטיק צו דעם דאָזיקן צווייפאַכן טויט. און מיר האָבן דאָן, אין אונדזער נאַאיוויטעט, באמת געגלויבט, אַז די אידישע אַרבייטער־וועלט וועט ממש שטורעמען מיט אָט דער גאַנצער טרויעריקער בשורה. און איך, וועניגסטנס, האָב דאָן געפילט אין האַרצן (וויל עפּנטלעך האָב איך דעם דאָזיקן געפיל קיינמאָל ניט פאַרגעבראַכט פאַר מיינע ליפּן, ווי מען זאָגט); אַז אונדזער גאַנצע איינגעגלויבטקייט, אַז די אַרבייטער פאַרשטייען און שעצן אונדז אין אונדזער אַרבייט, איז געווען און איז אַ בייזע איינריידעניש, וואָס האָט איר וואָרצל בלויז אין אונדזער וואונטש, אָבער בשום אופן ניט אין דערווירקלעכקייט. פאַר מיר איז שוין דאָן געווען מער אָדער וועניגער קלאָר, אַז מיר וועלן מוזן אַוועקלייגן יאָרן פון האַרעוואַניע, פון אומדערמידלעכער אַגיטאַציע, ביז די אַרבייטער וועלן ווירקלעך אונדז אָנהויבן פאַרשטיין.

אָבער גראָד אָט דער שלוס, צו וועלכן איך בין געקומען דורך ביטערער דערפאַרונג, האָט אויף דאָס מינדסטע ניט אָפּגעשוואַכט מיין מוט און מיין ווילן צו טאָן דיזעלביקע אַרבייט, נאָר מיט מער טאַלק, מיט מער פאַרשטאַנד. איך קאָן זאָגן, אַז ניט נאָר האָב איך געפילט די מינדסטע אַנטמוטיקונג, נאָר גראָד פאַרקערט. איך האָב זיך געזאָגט: איצט זע איך ערשט ווי שטאַרק אונדזער אַגיטאַציע איז נויטיק; מער ניט, מען טאָר ניט דערוואַרטן קיין

באַלדיקע רעזולטאַטן פון דער אַרבייט, ווייל דער וועג איז ווירקלעך זייער אַ שווערער. דערפאַר מוזן מיר האָבן פיל מער געדולד, ווי מיר האָבן עס ביז איצט אַרויסגעוויזן. מיר טאָרן אויך ניט פאַראיבל־האָבן אויף דעם אַרבייטער, אַפילו ווען ער באַצאָלט אונדז מיט שטיינער פאַר אונדזער גאַנצער אַרבייט. וואָרים ער טוט עס דאָך גאָר אין זיין שרעקלעכער בלינד־קייט און אומוויסנקייט, אין וועלכער ער איז זיכער ניט שולדיק. טאָ מיט וועלכן רעכט קאָנען מיר נעמען פאַר אומגוט זיינע נאַרישקייטן וואָס ער באַגייט? איך האָב דאַן איינגעזען, אַז איך בין ווירקלעך געווען צו־שטרענג אין מיינע פאָדערונגען, סיי צו די אַרבייטער אין אַלגעמיין, און סיי צו די, וועמען דער שיקזאַל האָט געמאַכט פאַר זייערע פירער. איך האָב איינגעזען, אַז עס איז מער מיין שולד ווי זייערע, וואָס זיי האָבן אַזוי ווייניק זיך געקימערט פאַר אַלע אונדזערע אויפטוען, און טאַקע דערפאַר אַזוי ווייניק געהאַלטן פון אונדז. איך האָב זיך דאַן פאַרגענומען אין מיין ווייטערדיקער אַרבייט אַלס אַגיטאַטאָר, אַלס שרייבער, אַלס כלל־טוער, צו זיין פיל באַ־רעכנטער, ווי איך בין עס געווען ביז איצט.

ווי ווייט איך האָב מיין באַשלוס דורכגעפירט? — דאָס וועט דער לעזער קאָנען זען פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון מיין לעבנס־געשיכטע, וועלכע, איך וויל האָפן, איז גענוג אינטערעסאַנט פאַר אים ווייטער צו לייענען.

6. איך ווער אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן אַרבייטער־קאָנגרעס

אין 1891 איז פאָרגעקומען דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער אַרביי־טער־קאָנגרעס אין בריסל, בעלגיע. די ניו יאָרקער „פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטן" האָט געשיקט אַלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס דעם וואויל־באַקאַנטן סאָציאַליסטישן רעדנער, שרייבער און כלל־טוער אברהם קאַהאַן. אָבער איידער ער איז געפאָרן צום קאָנגרעס איז ער, אויף דער איינלאַדונג פון די לאָנדאָנער סאָציאַלדעמאָקראַטן, געקומען נאָך ענגלאַנד האַלטן אייניגע סאָציאַליסטישע רעדעס. קאַהאַן האָט דאַן געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטן רעדנער, און די סאָציאַליסטישע גענאָסן האָבן דערוואַרט, אַז ער וועט באַ־וויזן גאָר אמת׳ע וואונדער, און וועט גאָר פשוט אָוועקהרג׳ענען דעם אַנאַר־כיזם. איך האָב זיך גאַנץ ווייניג געזאָרגט וועגן דעם. מיין גרעסטע זאָרג איז דאַן געווען: ווי צו האַלטן דעם „אַרבייטער פריינד" איבער׳ן וואַסער.

קאַהאַנ׳ען האָב איך געקענט פון ניו יאָרק. מיר זיינען דאַן געוויס געווען ניט זייער שטאַרק באַפריינדעט, ווייל, ווי האָט עס געקאָנט זיין, וויבאַלד מיר האָבן געהערט צו צוויי באַזונדערע פיינדלעכע לאַגערן? אָבער באַקאַנט זיינען מיר געווען דורך די פאַרזאַמלונגען, וואו מיר האָבן זיך

צוזאמענגעטראפן, און אויך א פאר מאל אין פריוואטע געזעלשאפטן. איך ווייס ניט וואס ער האט געדענקט וועגן מיר, אבער איך האב אים געהאלטן פאר א זייער גוטן און פעאיגן שרייבער, פאר א צימלעך גוטן רעדנער, און פאר א מענטשן, וואס איז, אויף זיין שטייגער, איבערגעגעבן צו דער „זאך" פון סאציאליזם.

דערפאר, ווען איך האב אים באגעגנט אין גאס דעם ערשטן טאג ווען ער איז געקומען נאך לאנדאן, האב איך אים גאנץ הערצלעך באגריסט; געפרעגט זיך אויף געמיינשאפטלעכע באקאנטע אין ניו יארק, און טאקע אים גלייך איינגעלאדן צו מיר אהיים אויף א גלעזל טיי. מיר האבן פארבראכט אין אן אלגעמיינעם געשפרעך ארום א שטונדע צייט, אויסמיידנדיק צו ריידן וועגן דער באוועגונג, און נאך מער ניט וועגן אנארכיזם און סאציאלדעמאקראטיזם, ווייל דאס וואלט געקאנט פירן דערצו, אז מיר זאלן זיך גאר צעקריגן.

מיר האבן זיך גאנץ פריינטלעך געזעגנט, אין דער האפענונג, אז מיר וועלן זיך נאך אודאי טרעפן, ווייל ניט נאר האט ער געדענקט צו פארבלייבן אין לאנדאן ביז ער וועט דארפן פארן קיין בריסל, נאר ער האט נאך געדענקט צו קומען צוריק פון בריסל און פארבלייבן אין ענגלאנד אייניגע וואכן, ווייל ער האט געהאלטן ענגלאנד פאר א זייער גינסטיקן באדן פאר פראפאגאנדע.

אויף דעם נעקסטן מיטינג פון בערנער סטריט קלוב האט א געוויסע אויפגעהויבן די פראגע וועגן דעם קאנגרעס אין בריסל. צום ערשטן אינטערנאציאנאלן ארבייטער־קאנגרעס האט דער קלוב געשיקט געוויסע קראנץ, וועלכער, אגב אורחא, האט אים גאנץ שלעכט פארטראטן, זעט דער געוויסע איצט ניט איין פארוואס איך זאל ניט פארן אלס דעלעגאט און פארטרעטן דעם אנארכיסטישן שטאנדפונקט. אז דער קאנגרעס זאל באשליסן ניט צוצולאזן אנארכיסטן נאר דערפאר ווייל זיי גלויבן ניט אין שטימקאסטן, דאס איז קיינעם פון אונדז ניט איינגעפאלן.

מען האט זיך געווענדט צו מיר מיט דער פראגע, צי איך וויל פארן. האב איך געזאגט, אז פארן וויל איך שוין גאר שטארק; אבער די פראגע איז, וואו נעמט מען אויף הוצאות, אז די געלט־נויט פון „ארבייטער פריינד" איז אזוי גרויס און אזא כראנישע. האבן די געוויסן זיך געכאפט צו די קעשענעס, און באלד איז געשאפן געווארן די נויטיקע סומע, און אין עטלעכע טעג ארום בין איך מיט מיינע קרעדענשלס אוועקגעפארן קיין בריסל.

אריינקומענדיק אין „מעזאן די פעפל", וואו דער קאנגרעס האט געזאלט אפגעהאלטן ווערן, האב איך זיך גלייך געטראפן מיט קאהאנען, וועלכער האט מיר גלייך געשטעלט די פראגע: „וואס טוט איר דא?" „דאסזעלבע וואס איר" — האב איך אים געענטפערט. „איך קום אלס דעלעגאט פון דעם בערנער סטריט קלוב!" „אבער דער קלוב איז דאך ניט מער קיין סאציאליסטישער; ער איז דאך אן אנארכיסטישער" — האט ער זיך גע־

קאָכט. איך האָב אים אויף דעם געענטפערט, אַז ערשט איצט איז דער קלוב אַן אמת־סאָציאַליסטישער. איז קאַהאַן געוואָרן שרעקלעך בייז. ער האָט זיך שיר געכאַפּט שלאָגן. — „איך ראָט אייך אייערע קרעדענשלס ניט אריינצוגעבן; מען וועט אייך געוויס ניט צולאָזן!“ — „דאָס וועלן מיר שוין זען“ — האָב איך אים געענטפערט גאַנץ געלאַסן. „און וואָס אנבאַ־טרעפט די פראַגע, צי אַנאַרכיזם איז דער אמת׳ער סאָציאַליזם אָדער ניט, רוף איך אייך דאָ אַרויס אויף אַ דעבאַטע אין לאָנדאָן, נאָכדעם ווי מיר וועלן צוריקקומען פון קאָנגרעס.“ (איך וויל דאָ געבן קאַהאַנ׳ען קרעדיט: ער האָט מיין „טשאַלענדזש“ אויפ׳ן אָרט אָנגענומען.)

ווען איך האָב איבערגעלאָזט קאַהאַנ׳ען בין איך אַוועק זיך זען מיט סאַוועריאָ מערלינאָ׳ן. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין סצענע מיט קאַהאַנ׳ען, און אַז עס איז זייער מעגלעך, אַז מען זאָל אונדז ניט צולאָזן צום קאָנגרעס.

„אָבער אויף וואָס פאַר אַ גרונט?“ האָט זיך מערלינאָ געקאָכט.

„אויפ׳ן גרונט, אַז מיר האַלטן ניט פון שטימקאַסטן“ — האָב איך אים געזאָגט.

ער האָט דאָס אָבער בשום אופן ניט געקאָנט צוגעבן, און ער האָט געהאַלטן אין איין טענה׳ן, אַז עס איז דאָך אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרביי־טער קאָנגרעס, טאָ מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָנען אַרבייטער־פאַרטרעטער, געשיקט פון אַרבייטער־קערפּערשאַפטן, ווערן אויסגעשלאָסן? און ווידער, אויב דאָס איז בלויז אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישער קאָנגרעס, טאָ וואָס פאַר אַ פלאַץ האָבן אויף אים פאַרשיידענע אַרבייטער־קערפּערשאַפטן, וועלכע זיינען טאַקע ניט קיין אַנאַרכיסטישע, אָבער פּונקט אַזוי זיינען זיי אויך ניט קיין סאָציאַלדעמאָקראַטישע?

איך האָב, נאַטירלעך, ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף זיינע טענות, ווייל איך בין געוועזן מיט אים פולקאָם איינפאַרשטאַנען. „אָבער“ — האָב איך אים געענטפערט — „וואָס העלפט דאָס אַרגומענטירן מיט מיר? מיט זיי, מיט די סאָציאַלדעמאָקראַטן, דאַרף מען דעבאַטירן; און איך גלויב קוים, אויב אונדזערע אַרגומענטן וועלן דאָ העלפן. זיי זיינען אין דער מאַיאָריי־טעט, און וואָס זיי וועלן באַשליסן וועט זיין פאַרפאַלן.“ יעדנפאַלס — האָב איך געראַטן — אַז מערלינאָ זאָל גלייך איינרופן אַ מיטינג פון די אַנאַרכיסטישע דעלעגאַטן, און דאַן וועלן מיר זען וואָס מיר האָבן צו טאָן.

אחוץ מיר זיינען געוועזן צוויי דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן שפּאַנישע אַרבייטער, עטלעכע בעלגישע דעלעגאַטן, און איין אַנאַרכיסטי־שער דעלעגאַט פון פראַנקרייך. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אין פאַל עס זאָל פּאַסירן אַז מען וועט אונדז אויסשליסן פון קאָנגרעס, זאָלן מיר אַריינגעבן אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכער און אומסאָציאַ־ליסטישער האַנדלונג. מיך און מערלינאָ׳ן האָט די אַנאַרכיסטישע דעלע־

גאַציע באַאויפטראַגט צו פאַרפאַסן די רעזאָלוציע. איך האָב זיך אויך געזען מיט אַ פּאָר דעלעגאַטן פון דער ענגלישער דעלעגאַציע. איך בין נאָך דאַן געווען זייער ווייניג באַקאַנט מיט די פאָרשטייער פון די ענגלישע אַרבייטער. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט פאַר זיי אַלס דער רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד", וועגן וועלכן זיי האָבן געוויס געהערט. לײדער אָבער האָבן זיי וועגן אים געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה. יעדנפאַלס האָב איך זיי איבער־געגעבן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און זיי האָבן אויסגעדריקט זייער אַנטריסטונג און האָבן צוגעזאָגט צו שטימען קעגן.

אויף מיין פראַגע אָבער, צי זיי וועלן ניט עטוואָס מער טאָן, ווי צום ביישפּיל, וואָרענען דעם קאָנגרעס מיט צוריקציאונג, אין פאַל דער קאָנגרעס זאָל האַנדלען אַזוי דעספּאָטיש קעגן דער פרייהייט פון מיינונגען און איבער־צייגונגען, האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז איך פאַרלאַנג צופיל. זיי, אַלס דעלעגאַטן געשיקט פון געוויסע קערפּערשאַפטן, האָבן קיין רעכט ניט צוריק־צוציען זיך פון קאָנגרעס איבער אַ פראַגע, וועגן וועלכער זיי האָבן ניט געקראָגן קיין אינסטרוקציעס פון זייערע קערפּערשאַפטן.

איך האָב איינגעזען, אַז פיל העלפן וועלן זיי אונדז ניט קאָנען, און איך האָב אויף זיי ניט געקאָנט שטאַרק פאַראיבל־האָבן. ווען עס איז געקומען צו אַן אָפּשטימונג איבער דער פראַגע, האָט די גאַנצע ענגלישע דעלעגאַציע געשטימט קעגן.

די גאַנצע אַנאַרכיסטישע דעלעגאַציע האָט דעמזעלבן טאָג פאַרלאָזט בריסל. מערלינאָ'ן האָט אימיצער פאַרמסר'ט אַלס געפערלעכן אַנאַרכיסט, און שוין צוליב דעם אַליין האָט ער געמוזט נעלם ווערן פון בריסל. נאָר איך אײנער בין דאָרטן פאַרבליבן, אָבער ניט אַלס דעלעגאַט, נאָר אַלס קאָרעספּאָנדענט, צו קאָנען שרייבן וועגן קאָנגרעס אין „אַרבייטער פריינד", ווי אויך צוליב דעם וואָס איך האָב צוגעזאָגט די בעלגישע גענאָסן צו האַלטן אַ לעקטשור פאַר זיי. זיי האָבן דאָס מיר שטאַרק געבעטן, ווייל זיי האָבן מיר געקענט דורך מיין בראָשורע „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן?", וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אין גאָר פיל שפּראַכן. אויף מיין איינווענדונג: ווי וועלן זיי מיר פאַרשטיין, איך קען דאָך ניט קיין פראַנצויזיש? — האָבן זיי געענטפערט, אַז איך קאָן ריידן אין דייטש, וואָס פיל פון זיי פאַרשטייען, אויב איך וועל נאָר ריידן לאַנגזאַם געבוג. דייטש האָב איך דעמאָלט נאָך גערעדט גאַנץ פליסיג, און איך האָב איינגעשטימט צו ריידן פאַר זיי. איך ווייס בנאמנות ניט, צי זיי האָבן מיר פאַרשטאַנען; איך ווייס נאָר, אַז אין דער גאַנצער צייט פון מיין רעדע זיינען זיי געבליבן אויף זייערע פּלעצער. איז, אויב זיי האָבןווירקלעך זייער ווייניג פאַרשטאַנען פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט, האָבן די בעלגישע גענאָסן פון יענער צייט אַרויסגעוויזן אַ וואונדערבאַרע העפלעכקייט פון גאָר אַ הויכן גראַד — און די גענאָסן פון אונדזער צייט וואָלטן געטאָן גאָר ניט שלעכט, ווען זיי נעמען זיך אַ ביישפּיל

פון זיי. און דיזעלבע העפלעכקייט האָבן זיי אויך אַרויסגעוויזן, ווען זיי האָבן, ווען איך האָב מיין רעדע געענדיגט, מיר באַשאָנקען מיט אַ גאַר שטאַרקן אַפּלאָוז. איך האָב דאַן געפילט מער ווי ווען עס איז, אַז עס איז ניט די שפּראַך אַליין וואָס פאַראייניקט אונדז, נאָר די אידייע; ריכטיקער — דער געמיינשאַפטלעכער אידעאַל.

נאָך דער רעדע האָבן זיי מיר גענומען אין אַ שיינעם רעסטאָראַן און מיך מכבד געווען מיט אַ גאַנץ גוטן מאָלצייט. צווישן די בעלגישע גענאָסן איז אויך געווען אַ גאַנץ שיין מיידל. זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם גאַנצן בעלגישן פּרויען־געשלעכט. ליידער האָט זי ניט געקענט קיין איין וואָרט דייטש, און מיר האָבן גאָרנישט געקאָנט זאָגן איינער דעם אַנדערן, כאָטש מיט אונדזערע אויגן האָבן מיר זיך זייער גוט צוזאַמענגערעדט. דאָס איינציקע, וואָס איז ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון, איז געווען דער האַרציקער, קאַמעראַדשאַפטלעכער קוש, וואָס זי האָט אָפּגעדרוקט אויף מיינע שמאַכטנדיקע ליפּן ביים געזעגענען זיך, און וואָס האָט מיר ווירקלעך באַלוינט פאַר מיין איינציקע רעדע פאַר אַן עולם, וואָס האָט מיר זיכער ניט פאַרשטאַנען, נאָר האָט אָנגענומען אין גוטן גלויבן, אַז אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט איז געווען גוט און שיין און ריכטיק.

אָבער דאָס אַלץ נאָר אגב אורחא. די הויפּטזאַך איז געווען דער קאָנגרעס. און איך גיי טאַקע באַריכטן וועגן אייניקע איינדרוקן מיינע, ווייל איך בין זיכער, אַז די לעזער דערוואַרטן דאָך ניט, אַז איך זאָל זיי איצט, 37 יאָר נאָכדעם, געבן אַ פולן באַריכט פון אַלץ וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. אַלזאָ, בלויז אייניקע איינדרוקן פון פּערזאָנען און באַגעבנ־הייטן, ווי זיי האָבן מיך באַאיינפלוסט.

די מערסטע טוער אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער באַוועגונג האָב איך געזען צום ערשטן און לעצטן מאָל, און דערפאַר וואָלט איך ניט גע־וואָלט, אַז דער לעזער זאָל אָננעמען דאָס פאָלגנדיקע פאַר מער ווי גאַנץ אויגנבליקלעכע איינדרוקן.

פּאָול זינגער, מיט זיין אויסערן אויסזען, מיט זיינע באַקנבערד, ווי ער האָט זיי דאַן געטראָגן, און מיט דעם אופן פון זיין פירן דעם „טשער", האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָבער־קעלנער אין אַ רעסטאָ־ראַן אָדער אין אַן אַמעריקאַנער „סאַלון". איך האָב אַ סך אַזעלכע, פון דעם זעלבן אויסזען, געזען אַלס אַמעריקאַנער סאַלונקיפּערס. ווען איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל, האָב איך זיך געוואונדערט: און אָט דאָס איז דער באַרימטער פּאָול זינגער? איך בין מיט אים קיינמאָל ניט געקומען אין פּערזענלעכער באַרירונג, און קאָן אייך ניט פאַרזיכערן, אַז מיין איינ־דרוק פון אים איז געווען אַ ריכטיקער. איין זאַך איז זיכער: ער איז געווען אַ גאַנץ געריבענער פּאָליטיקער, און איך וואונדער זיך גאָר ניט פאַרוואָס ער האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער

פּאַרטיי, פאַר וועלכער פּאָליטיק איז געווען איינער פון די הויפּט־עיקרים פון סאָציאַליזם. איך מוז זאָגן, אַז אין דער גאַנצער צייט, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגעהאַלטן, האָב איך ניט געהערט איין וואָרט פון זינגער'ן, וואָס איך זאָל געדענקען, און וואָס זאָל ווערט זיין צו געדענקען.

אויך דער באַרימטער אויגוסט בעבל, פון וועמען, ווי דער אמת איז, איך האָב זייער פיל דערוואַרט, ווייל זיין בוך „די פרוי" האָט מיט איניקע יאָר צוריק געמאַכט אויף מיר אַ גאַר שטאַרקן איינדרוק, און וועמען איך האָב געהאַלטן פאַר איינעם פון די בעסטע רעדנער אין דייטשלאַנד — אויך ער האָט אויפ'ן קאָנגרעס זיך קנאַפּ־וואָס אויסגעצייכנט. אין דער רעדע, אין וועלכער ער איז אויפגעטראָטן קעגן דעם פאָרשלאָג פון אַ גענעראַל־סטרייק אין פאַל פון אַ מלחמה, האָט ער זיך שרעקלעך געפּלאָנטערט. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וועמעס געדאַנקען זיינען שטאַרק צעמישט און ניט נאָר איך אַליין האָב עס געפילט.

דער אַלטער ווילהעלם ליבקנעכט האָט דאַן געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויסצוקומען און דערקלערן, וואָס בעבל האָט אייגנטלעך געוואָלט זאָגן. אין יענעם מאָמענט האָב איך באַשלאָסן, אַז אויך בעבל'ס רעפּוטאַציע איז שטאַרק איבערגעטריבן — אָבער מיט אַ טאָג שפּעטער, הערנדיק אים ריידן אַ צווייטן מאָל, בין איך געקומען צום שלוס, אַז בעבל איז ניט איבערגעשאַצט געוואָרן, נאָר אין זיין רעדע קעגן אַ גענעראַל־סטרייק האָט ער זיך געפּלאָנטערט, ווייל ער האָט אַליין ניט געגלויבט אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט. און איך בין נאָך אויך איצט מיט דערזעלבער מיינונג, כאָטש באַווייזן עס קאָן איך ניט. דעסטאָ מער, ווען בעבל איז שוין אַזוי לאַנג טויט און קיינער קאָן ניט זאָגן צי ער האָט דאַן אויסגעדריקט זייןווירקלעכע איבערצייגונג. צי ער האָט געהאַנדלט לויט די אינסטרוקציעס און לויט די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי פון די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטן, דאָס ווייס איך ניט. איין זאַך איז זיכער, בעבל האָט דאַן געהאַלטן די אומגעלונגסטע רעדע, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַלטן. מער נאָך, ניט נאָר איז זי געווען אומגעלונגען, נאָר קיינער האָט פּשוט ניט געוואוסט וואָס ער האָט געוואָלט מיט זיין אויפטריט.

אַ פיל בעסערן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די פראַנצויזישע דעלעגאַטן — וואַיאַן און אַנדערע. אַ באַזונדערן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט דער סעקרעטער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס איז געווען אַ שלאַנקער יונגערמאַן, מיט אַ זייער קלוגן פּנים און מיט זייער איידעלע געזיכטסצוגן. ער איז געווען אַ גרויסער שפּראַכן־קענער, און איז געווען איינער פון די בעסטע איבערזעצער אויפ'ן קאָנגרעס. צו אַלע זיינע מעלות האָט ער געהאַט אַ ריינע, קלאָרע שטים, און עס איז געווען אמת־אַנגענעם צו הערן אים רעדן.

אָבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק — אַן איינדרוק וואָס איך וועל

קיינמאָל ניט פאַרגעסן — האָט אויף מיר געמאַכט ניוועצהויז, דער פאַרטרע־טער פון דער האָלענדישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. דאָס גאַנצע אויסזען פון דעם מענטשן איז געווען העכסט אימפּאָנירנדיק. אויב איר קאָנט זיך פאָרשטעלן אַ מלאך אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן, איז דאָס געווען דאַמאָלסט ניווענהויז. די גוטסקייט, די איידלקייט פון זיין נשמה, איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין מערקווירדיק שיינעם פּנים. זיין פיגור און זיין פּנים זיינען געווען אַזוי ווי אויסגעשניצט פון דער האַנט פון אַ גרויסן קינסטלער. זעלטן ווען איר טרעפט אַזעלכע שיינע, נאָבעלע מענטשן. נאָך שטאַרקער אָבער איז געווען דער איינדרוק, ווען ער האָט זיך געשטעלט ריידן פאַר דער רעזאָלוציע פון אַ גענעראַל־סטרייק. די אַטמאָספערע אַרום איז געווען אַ שטאַרק פייַנטלעכע, און איר ווייסט ווי שווער עס איז צו ריידן אונטער אַזעלכע אומשטענדן, אָבער דאָס האָט ניווענהויז׳ן גאַנץ ווייניק געאַרט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער איז פולשטענדיק גערעכט, און דאָס איז געווען גענוג אַז ער זאָל האַלטן די באַרעדזאַמסטע און די שטאַרקסטע רעדע, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף מיין גורל צו הערן. עס איז ניט געווען, וואָס מען רופט, אַ שיינע רעדע מיט פאַרשיידענע פראַזן, נאָר יעדער איינער האָט געפילט, אַז דאָס וואָס ער זאָגט קומט אַרויס פון דער סאַמע טיפעניש פון זיין האַרצן. און אַלע די, וואָס האָבן דעבאַטירט מיט אים אין זייערע רעדעס, האָבן, ווענינגסטנס אין מיינע אויגן, אויסגעזען ווי אַקראָבאַטן, ווי לצים, וועלכע גלויבן ניט אין דעם וואָס זיי פּלאַנטערן דאָרט מיט זייערע צינגער.

איך האָב שוין דאַן פאָראויסגעזען, אַז לאַנג וועט ער שוין קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט, ווי ער איז עס נאָך געווען, ניט בלייבן, און גאָר אינגיכן וועט ער זיך אָנשליסן אָן די אַנאַרכיסטן. מענטשן האָבן דאַן חוזק־געמאַכט פון מיר; זיי האָבן געזאָגט, אַז איך בין שוין אַ צו־גרויסער אָפּטימיסט; און דאָך איז מיין נבואה מקוים געוואָרן. אַ קורצע צייט נאָכ׳ן קאָנגרעס האָט ניווענהויז פאַרלאָזן די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פאַרטיי, זיך דערקלערט פאַר אַן אומאָפּהענגיקן סאָציאַליסט. און מיט אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער מיט לייב און לעבן און מיט׳ן גאַנצן פייער פון זיין נשמה געשריבן און גערעדט פאַר׳ן אַנאַרכיסטישן אידעאַל, אַזוי אַז גאָר אַ גרויסער טייל פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין האָלאַנד איז געוואונען געוואָרן פאַר׳ן אַנאַרכיזם.

איך בין ניט אויסגעווען די גאַנצע צייט פון קאָנגרעס; איך האָב זיך שטאַרק צוגעקילט און האָב געמיינט, אַז איך גיי ווערן ערנסט קראַנק. און אַזוי ווי איך האָב ניט געוואָלט קריינקן אין בריסל, ווייט פון פריינט און באַקאַנטע, און דערצו נאָך מיט זייער ווייניק געלט אין קעשענע, האָב איך געשריבן אין אָפּיס פון „אַרבייטער פריינד״, אַז אימיצער פון זיי זאָל אַרויספאָרן קיין בריסל און ברייינגען מיר קיין לאָנדאָן. גענאָסע קאַפּעלאַנסקי

האָט שוין געהאַלטן אין פּאַקן זיך און פאָרן מיך אָפּנעמען, אָבער באַלד אויפמאָרגן האָב איך זיך געפילט באַדייטנדיק בעסער און האָב טעלעגראַ־פירט, אַז איך קום אַליין און קיינער דאַרף ניט קומען נאָך מיר. און טאַקע גלייך האָב איך פאַרלאָזט בריסל, און די גענאָסן אין לאָנדאָן האָבן זיך באמת דערפרייט מיט מיר, כאָטש אייניקע פון זיי האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס איך האָב ניט „געמאַכט קיין פייט" פאַר דאָס רעכט פון בערנער סטריט קלוב צו זיין פאַרטראָטן אויפ׳ן קאָנגרעס. אַ סך האָבן געהאַט צו מיר טענות למאי איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו זאָגן אימיצן, אַז דער קלוב איז אַן אַנאַרכיסטישער. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז אויפ׳ן קאָנגרעס איז געווען אַב. קאַהאַן, וועלכער וואָלט זיכער קיין סוד ניט געמאַכט פון דעם, ווען איך וואָלט אַריינגעגעבן מיינע קרעדענשלס. ערשט דאַן, ווען איך האָב זיי דאָס דערקלערט, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז איך האָב ניט געקאָנט אַנדערש האַנדלען, ווי איך האָב געהאַנדלט.

דאָס איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, וואָס איך האָב בייגעוואוינט. און לאָמיך אייך פאַרטרויען אַ סוד, אַז פון די דערפאַרונגען, וואָס איך האָב דאָן דורכגעמאַכט, הויבט עס מיר ניט אָן לייד טאָן.

7. אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין דעבאַטע מיט אַב. קאַהאַן

אַזוי שנעל ווי מיר ביידע, איך און קאַהאַן, זיינען צוריקגעקומען פון בריסל האָבן די גענאָסן מיינע גענומען זיך פעסט צו מאַכן די אַראַנזשמענטס פאַר דער דעבאַטע, צו וועלכער איך האָב קאַהאַנ׳ען אַרויסגערופן. און איך וויל זיך מודה זיין פאַר׳ן לעזער, אַז נאָך קיינמאָל האָב איך ניט געפילט אַזאַ חשק צו מאַכן אַש פון מיין אידייען־געגנער, ווי אין דעם דאָזיקן פאַל. און ניט אַזוי דערפאַר, ווייל מיין ערשטער געדאַנק איז געווען ווי צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר׳ן אַנאַרכיסטישן אידעאַל, נאָר צו ווייזן, ווי אומוויסנד און וואָס פאַר אַ דעמאַגאָג מיין געגנער איז. איך האָב, זינט דעם קאָנגרעס אין בריסל, געפילט צו אים כמעט אַ פערזענלעכע שנאה. איך האָב אים באַטראַכט פאַר אַ העכסט געפערלעכן איינפלוס אויף דער אַרבייטער־באַוועגונג, און צו מיין גרויסן וואונטש אַרויסצושטעלן אים אין זיין גאַנצער העסלעכקייט פאַר דער לאָנדאָנער אידישער באַפעלקערונג, איז ווירקלעך קיין גרעניץ ניט געווען. אַחוץ אונדזערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, וועלכע האָבן ניט דערלאָזן די מינדסטע דערנענטערונג צווישן אונדז, האָט קאַהאַן זיך געמאַכט פאַרהאַסט און פאַראַכט אין מיינע אויגן דורך איינער פון די שענדלעכסטע אינטריגעס קעגן מיין פערזאָן.

זיצנדיק און פאַרברייננגענדיק מיט זיינע גענאָסן האָט זיך דער דאָזיקער קאַהאַן דערלויבט, דורך האַלבע ווערטער, אַרויסצוברייננגען אַ קלאַנג, אַז

אייגנטלעך בין איך גאָר ניט קיין שלעכטער מענטש; איך בין גאָר ניט קיין שלעכטער רעדנער; אויך פיר איך ניט קיין שלעכטע פעדער; נאָר איך בין, נעבעך, אַן אומגליקלעכער: פון צייט צו צייט ווער איך באַפאַלן פון אַ שכרות־משוגעת, און אַזוי קאָן איך אָפּ׳שיכור׳ן און זיך וואַלגערן אין אַלע שיינקען און די שמוציקסטע פלעצער וואָכן־לאַנג.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע מעלות מיינע זיינען באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן איבער׳ן גאַנצן בערנער סטריט קלוב. און ווען מיינע גענאָסן, וועמעס פאַרשטייער, רעדנער און שרייבער איך בין געווען, האָבן דאָס דער־הערט, זיינען זיי געוואָרן ממש פאַרציטערטע. אַ שיינעם פּנים וועט האָבן די גאַנצע אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, ווען איר כהן־גדול וועט זיך וואַלגערן אין אַלע שיינקען!

און ווען איך בין יענעם אָוונט אַריין אין קלוב האָב איך גלייך באַ־מערקט, אַז די געמאָסן קוקן אויף מיר און פּילן ווי צו פרעגן מיר וועגן עפּעס, נאָר, אָדער זיי שעמען זיך, אָדער זיי האָבן פּשוט מורא.

צווישן די געמאָסן איז געווען איינער, מיט׳ן נאָמען סעם פערמוט, וועלכער איז מיר געווען באַזונדערס איבערגעגעבן, אַזוי אַז איך ווייס ניט וועגן איין זאַך, וואָס וואָלט געווען צו־שווער פאַר אים, ווען איך וואָלט עס פון אים פאַרלאַנגט.

בין איך צוגעגאַנגען צו אים, און האָב אים געפרעגט, ער זאָל מיר זאָגן, וואָס דאָ קומט־פאָר. איך פיל, אַז די געמאָסן האָבן עפּעס אויפ׳ן האַרצן און שטיקן זיך דערמיט. האָט ער צוערשט מיר געוואָלט איינריידן, אַז מיר דוכט זיך עס. אָבער פון זיין שטאַמלען בין איך געוואָרן זיכער, אַז עס דוכט זיך מיר שוין גאָר ניט. איך בין דערפאַר פעסטער צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל מיר זאָגן וואָס דאָ קומט־פאָר. קורץ און גוט, ער האָט ענדלעך מיר דערציילט וואָס פאַר אַ מיאוס׳ן קלאַנג קאָהאַן האָט פאַרשפּרייט וועגן מיר.

ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך זיך פּשוט צעלאַכט. דער ליגן איז געווען צו־אומגעלומפּערט, אַז איך זאָל קאָנען אַרויסגעבראַכט ווערן פון די כלים.

איך האָב דעריבער צונויפגערופן די געמאָסן און האָב זיי דערקלערט, אַז אין ניו יאָרק האָב איך זיך בלויז צוויי מאָל צוזאַמענגעטראָפן מיט קאָהאַנ׳ען: איין מאָל אויף דער קוואַרטיר פון געמאָסע הילקוויט, וועלכער איז נאָך דאַן געווען הילקאָוויטש, און וואו מיר האָבן זיך צעוועדטלט איבער זיינעם אַן אַרטיקל וועגן אַנאַרכיזם אין „פּיפּלס אַדוואָקייט״; און אַ צווייטן מאָל אויף דער קוואַרטיר פון דעם רוסישן געמאָסע סטאַליעשניקאָוו, וועלכער האָט איינגעלאַדן מיך און מיין פרוי, און קאָהאַנ׳ען און מרס. קאָהאַן, אויף אַ שטיקל שמחה אויף זיין קוואַרטיר, וואו מיר האָבן זייער שיין פאַרבראַכט און וואו איך און מרס. קאָהאַן האָבן אימפּראָוויזירט אַ סצענע צווישן פאָטער

און טאָכטער. איך האָב פאַרגעשטעלט דעם פאָטער און זי — די טאָכטער, פון וואָס דער עולם האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער.

דאָס זיינען געווען די איינציקע צוויי מאָל, וואָס איך און קאַהאַן האָבן זיך באַגעגנט פערזענלעך. אויף די פאַרזאַמלונגען זיינען מיר געבליבן פונדערווייטנס — היינט ווי אַזוי האָט ער געקאָנט וויסן וועגן מיין פּער־זענלעכן לעבן און וועגן מיין אויפפיר?

אַחוץ דעם — האָב איך זיי דערקלערט — בין איך די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין ניו יאָרק, געווען אויף גרויסע צרות, האָב קיינמאָל קיין איבעריקן גראָשן ניט געהאַט, טאָ וואו האָב איך געקאָנט נעמען דאָס געלט אויף שיכּור'ן, און דאָס נאָך פאַר וואָכן־לאַנג?

און דאַן קאָנט איר זיך דערוויסן מער וועגן מיר פון גענאָסע ראָטענבערגן.

„דענקט איר" — האָב איך זיי געפרעגט — „אַז גענאָסע ראָטענבערג וואָלט אַזוי ענערגיש געאַרבעט פאַר מיין אַריבערקומען, ווען ער וואָלט דאָס מינד־סטע שלעכטס געהערט וועגן מיר ?"

און אויף די רייד איז ראָטענבערג אַריין אין קלוב. אויך ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, ווען ער האָט געהערט וועגן דעם. פאַרשטייט זיך, אַז די גענאָסן האָבן באַלד פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ געמיינער מענטש דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַגיטאַטאָר קאַהאַן איז, און זיי האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער דעבאַטע מיט איינעם, פאַר וועמען קיין מיטל איז ניט צו־געמיין צו פאַרשוואַרצן און פאַרניכטן זיין אידייען־געגנער. יאָ, זיי האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל פאַרעפנטלעכן זיין געמיינע רכילות אין „אַרבייטער פריינד", און זאָלן אַלע וויסן, אויף וואָס דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער משיח איז פעאיק, און קיין אָנשטענדיקער מענטש קאָן מיט אים ערנסט ניט דעבאַטירן.

איך אָבער בין געווען ניט איינפאַרשטאַנען מיט זיי. איך האָב זיי דער־קלערט, אַז קאַהאַן, ווען ער וועט צוגעשפּאַרט ווערן צו דער וואַנט, קאָן דאָך אָפּלייקענען די גאַנצע געשיכטע. וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס פאַר אים צו זאָגן נאָך אַ ליגן ? באַזונדערס לייכט וועט עס פאַר אים זיין, ווייל ער האָט דאָך דאָס גערעדט נאָר מיט אַ האַלבן מויל, אין דער אָנוועזנקייט פון בלויז עטלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גענאָסן, וועלכע, לשם אידעאַל, וועלן אויך לייקענען די גאַנצע געשיכטע. צווייטנס, קאָן קאַהאַן זיך אַרויסדרייען דער־מיט, וואָס ער קאָן באַהויפּטן, אַז ער האָט עס געהערט פון די גענאָסן אין ניו־יאָרק — היינט גיי און רוף צו עדות גאַנץ ניו־יאָרק, אַז קאַהאַן האָט זיך באַנוצט מיט אַ געמיינעם ליגן! דריטנס, וועט קאַהאַן קאָנען מיט אַ שיין פון רעכט טענהן, אַז איך האָב זיך אָפּגעשראָקן פאַר דער דעבאַטע מיט אים, און וויל זיך אַרויסדרייען פון אַן אומאַנגענעמער לאַגע. און פערטנס, קאָן איך ניט מאַכן פון דעם קיין עפנטלעכע אָנגעלעגנהייט. ווען איך פאַרעפנט־

לעך עס, וועלן זיך שטענדיק געפינען געגוג נאַראָנים, וועלכע וועלן זאָגן: אַז מען קלינגט — איז אַ חגא, מן הסתם מוז עפּעס זיין אין דעם.

די געגאָסן האָבן איינגעזען, אַז איך האָב רעכט, און אַז די דעבאַטע מוז פאָרקומען, זייענדיק זיכער, אַז איך וועל אים ממש פאַרניכטן.

די דעבאַטע איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די גרעסטע און שענסטע זאַלן אין לאָנדאָן, אין סאָוט פּלייס אינסטיטוט. צוויי טעג האָט דער ויכוח אָנגעהאַלטן. איז ריידן איצט וועגן דעם ווער עס האָט געזיגט, קאָן איך ניט; איך ווייס נאָר, אַז אַלע געגאָסן האָבן מיך נאָך דער דעבאַטע ממש אויף די הענט געטראָגן. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אין דער דעבאַטע האָב איך איבערגעטראָפן אַלע זייערע דערוואַרטונגען. וואָס אָנבאַטרעפט קאַהאַנס מעטאָדע פון דעבאַטירן געדענק איך נאָר, אַז מיט זיינע רייד האָט ער פאַר־וואַנדלט די פאַרזאַמלונג אין אַ באַלאַגאַן. איך געדענק אויך, אַז בעת איך האָב די גאַנצע צייט געהאַלטן זיך זייער געלאַסן, האָט ער געהאַלטן אין איין וואַרפן זיך ווי אַ משוגענער. ווי ווייט מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָבן זיינע אייגענע געגאָסן זיך געשעמט מיט אים.

נאָך דער דעבאַטע האָט זיך ערשט אַנטוויקלט אַ גרויסע דעבאַטע אין די צייטונגען. דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט, ניט קיין אַנדערער ווי געגאָסע קאַהאַן, כאָטש אונטערגעשריבן אונטער דער קאָרעספּאָנדענץ איז געווען אַ נאָמען פון דער הפטורה, האָט באַריכטעט אין דער „אַרבייטער־צייטונג" אין ניו־יאָרק, אַז קאַהאַן האָט ממש אויף אייביק באַגראָבן דעם אַנאַרכיזם מיט זיינע פּרעדיקער אין לאָנדאָן. געגאָסע קאָפּע־לאָנסקי, פאַרקערט, אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", האָט מיך דערקלערט פאַר דעם גרויסן זיגער. און וואָס איז דער וואונדער? האָב איך דאָך פאַר־טראָטן דעם ליכטיקן אַנאַרכיזם, בעת קאַהאַן האָט פאַרטראָטן דעם פינצטערן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם! פּאַלגלעך האָב איך געהאַט אַ גאַר לייכטע אויפ־גאַבע צו באַגראָבן און פאַרשיטן מיין אידייען־געגנער, אויב מען קאָן גאַר ריידן וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם אַלס אידייע.

יעדנפאַלס, פאַר אַ קורצער ווײַלע איז, דורך דער דעבאַטע, דער „אַר־בייטער פריינד" אויפגעלעבט געוואָרן. די געגאָסן האָבן אָנגעהויבן פילן זיך שטאַרקער, און דעריבער גרייט צו טאָן אַלץ, כדי צו דערהאַלטן אים ביים לעבן. אָבער לאַנג האָט דאָס ניט געקאָנט אָנהאַלטן. די מאַטעריעלע כוחות זיינען געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און אין דער וואָך, וואָס גאַלאָפּ איז געשטאָרבן, האָט אויך דער „אַרבייטער פריינד" אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז דאָס איז זיין לעצטער נומער.

מיט דעם האָט זיך אויך געענדיקט די לעבנס־געשיכטע פון דעם אַזוי־גערופענעם אומפּאַרטייאיש, פּאַרעווע־לאָקשנדיקן „אַרבייטער פריינד", וועל־כער איז צוערשט דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון פיליפּ קראַנץ, נאָכ־דעם פון ק. גאַלאָפּ, און נאָכדעם פון מיר.

איך האַלט פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז כאָטש מיט מיין אַנגעמען די רעדאַקציע־שטעלע פון „אַרבייטער פריינד" האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַרלאָזן דעם קלוב און דעם „אַרבייטער פריינד" הורטאָם, און אויך אייניקע אַנאַרכיסטן, האָב איך דאָך ניט דערקלערט דעם „אַרבייטער פריינד" פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנאַרכיסטישן אָרגאַן, נאָר איך האָב אים ווי ווייט מעגלעך געפירט אין גייסט פון זיינע ערשטע גרינדער, אין גייסט פון דער שטרענגסטער אומפּאַרטייאישקייט. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט אונדזערע געגנער צו דערקלערן דעם „אַרבייטער פריינד" פאַר אַן אַנאַר־כיסטישער צייטונג, און פאַלגלעך האָבן זיי ניט געקאָנט זיין צופרידן מיטן „אַרבייטער פריינד" ווי ער איז. זיי מוזן האָבן זייער אייגענע צייטונג, זייער אייגענעם קלוב. און לאָמיר זיי געבן קרעדיט ; די געגנער האָבן גע־אַרבעט מיט אַלע כוחות. זיי האָבן באַלד געעפנט אַ קלוב, און קורץ דערנאָך האָבן זיי אויך אָנגעהויבן אַרויסגעבן זייער אייגענע צייטונג אונטערן נאָמען „דער וועקער", אונטער דער רעדאַקציע פון מ. באַראַנאָוו.

פאַר דער צייט פון אַ פּאָר מאָנאַטן איז דער „אַרבייטער פריינד" געווען אין אַ הינערפלעט, און עס זיינען געווען קנאַפּע אויסזיכטן, אַז ער זאָל ווידער דערשיינען. ווייניקער פון אַלעמען האָב איך געהאָפט אויף דעם. אָבער, אויסגעלאָזן האָט זיך עס גאַנץ אַנדערש, ווי די לעזער וועלן עס זען פון דעם נעקסטן קאַפּיטל.

8. דער „אַרבייטער פריינד" שטייט־אויף תחית־המתים

דער אומפּאַרטייאישער „אַרבייטער פריינד", וועמעס רעדאַקציע איז מיר אַנפאַרטרויט געוואָרן, האָט אָנגעהאַלטן כמעט פאַר אַ גאַנצן יאָר. אָבער, אַ דאַנק אַלערליי אינטריגעס, און אויך די פאַרשיידענע אורזאַכן און אומ־שטענדן פון דער דעמאָלסטדיקער באַוועגונג, ווי איך האָב עס שוין דער־קלערט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, איז ער געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן זיין דערשיינונג אַלס דער אָרגאַן וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון בערנער סטריט קלוב, און האָט געזאָלט איבערגיין צו די יוניאָנס, אַזוי אַז זיי זאָלן ווערן זיינע פולשטענדיקע באַלעבאַטים, האָבן זייער אייגענעם רעדאַקטאָר און זייער אייגענע אַדמינסטראַציע. נאָר איין באַדינג איז זיי געשטעלט גע־וואָרן : צו זאָרגן, אַז דער „אַרבייטער פריינד" זאָל געפירט ווערן אין דעם גייסט פון סאָציאַליזם. דורך דעם „אַרבייטער פריינד" איז אַנאָנסירט גע־וואָרן דער מיטינג, צו וועלכן עס האָבן געזאָלט קומען די פאַרשיידענע יוניאָן־פאַרשטייער און איבערנעמען די צייטונג מיט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט. דער רעזולטאַט אָבער איז געווען אַזאַ, וואָס די געגנאָסן האָבן ווייניקער ווי אַלץ דערוואַרט : די דעלעגאַטן פון די יוניאָנס האָבן געגלענצט מיט זייער אַפּוועזנקייט. די צייטונג איז זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז אַזוי לאַנג

ווי זי האָט געלעבט; קוים אָבער איז זי אונטערגעגאַנגען, האָבן זיי ניט געוואָלט הערן און זען פון קיין צייטונג פאַר זיך.

געוויס, ווען זיי וואָלטן געקאָנט פאָראויסזען, אַז מיט אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער וועט דער „אַרבייטער פריינד" ווידעראַמאָל אויפלעבן, וואָלטן זיי אפשר זיך אָנגעכאַפּט אָן אונדזער פאָרשלאָג. אָבער אַזוי ווי זיי זיינען ניט געווען אַזוי ווייטזיכטיק, און אַזוי ווי זיי האָבן געמיינט, אַז מיר זיינען שוין אויף אייביק טויט, האָבן זיי געהאַלטן פאַר דאָס גלייכסטע אינגאַנצן צו איגנאָרירן אונדזער פאָרשלאָג.

אגב קאָן זיין, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט פעסט באַשלאָסן צו האָבן זייער אייגענע צייטונג, האָבן ניט געוואָלט אַז די יוניאָנס זאָלן האָבן זייער אייגענע צייטונג און דורך דעם זאָלן זיי פאַרלירן זייערע בעסטע קונדן.

די שטימונג דאָן צווישן אונדזערע אייגענע גענאָסן איז ווירקלעך געווען אַ העכסט פאַרביטערטע. מיט אַלע כוחות האָבן זיי זיך אָנגעשטרענגט אָנצו־האַלטן דעם „אַרבייטער פריינד" איבער אַ יאָר צייט; זיי האָבן אָבער פון אַלע זייטן געפונען די גרעסטע געגנערשאַפט, און עס איז קיין וואונדער ניט וואָס זיי האָבן ענדלעך פאַרלוירן דעם מוט. איך אָבער האָב דאָס ניט געזען; מיר האָט זיך געדוכט, אַז די לאַגע איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי זיי האָבן זיך עס געמאָלן, און איך בין גאָר ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט דעם וואָס זיי האָבן אַזוי שנעל דעזערטירט פון שלאַכטפעלד. לויט מיין דעמאָלטדיקן פילן האָב איך זיי געהאַלטן פאַר פשוט'ע פאַררעטער צום אַנאַרכיזם. און דאָס האָב איך אויסגעדריקט אין מיין לעצטער נאָטיץ, וואָס איז דערשינען אין נומער 3, 1־טן יאָרגאַנג (15־טן יאַנואַר, 1892). און אָט איז דער נאָטיץ:

„צום אָפּשייד"

„עס איז כמעט אַ יאָר זינט דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער בילדונגס קלוב" פון לאָנדאָן האָט מיר איבערגעגעבן די רעדאַקציע פון „אַרבייטער פריינד". ווי איך האָב מיין אויפגאַבע דערפילט, לאָז איך איבער די לעזער אַליין צו אורטיילן. אָבער איך מוז באַמערקן, אַז קיין רעדאַקטאָר, פון קיין צייטונג, האָט ניט געאַרבעט אונטער שווערערע פאַרהעלטענישן ווי די, אונטער וועלכע איך האָב געאַרבעט די גאַנצע צייט.

„איך וויל באַנוצן די געלעגנהייט צו געבן מיין האַרציקסטן דאַנק צו אַלע גענאָסן, וואָס האָבן מיר מיטגעהאָלפן מיט זייער מיטאַרבעטער־שאַפט, הויפּטזעכלעך די גענאָסן ה. ק., ס. פרימאַן און מיכאַיל קאָהען (פון באַלטימאָר).

„וואָס איך פּערזענלעך דענק וועגן דער אומענדערונג, וואָס וועט פּאַרקומען אין „אַרבייטער פריינד" איז איצט ניט די געאייגנטע צייט דערפאַר. אָבער איין זאַך מוז איך זאָגן: קיין פּאַרלוימדונגען וואָלטן אונדז ניט געשאַדט, ווען די אַנאַרכיסטן אַליין, פון נאָענט און פון ווייט, וואָלטן געהאַנדלט מער אַנאַרכיסטיש.

„אין דער האָפענונג, אַז דער איצטיקער פאַל וועט זיין אַ גוטער לעסאָן פאַר אַלע גענאָסן, פאַרבלייב איך אייער, מיט אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישן גרוס,

ש. יאַנאָווסקי."

עס איז קלאָר, אַז איך האָב דעמאָלט זייער שלעכט געפילט צו די גענאָסן, און זיי מעגן עס מיר מוחל זיין. איך האָב דאָן ווירקלעך ניט אָפּגעשאַצט זייער גרויסע איבערגעבנקייט און גרייטוויליגקייט צו אָפּפערן דאָס מעגלעכסטע. איך האָב פון זיי געפאָדערט מער ווי דאָס מעגלעכע. און דערפאַר בין איך פאַר אַ געוויסער צייט געווען גאָר ניט שוה מיט זיי. ממש, איך האָב ניט געוואָלט וויסן און הערן פון זיי.

פאַרשטייט זיך, אַז די מיספאַרשטייעניש איז געווען אַ געגנזייטיקע. זיי האָבן, פון זייער זייט, געוואוסט ווי אָנגעשטרענגט זיי האָבן געאַרבעט, און עס האָט זיי פאַרדראָסן, ווען איך האָב זיי דערקלערט אַלס פאַררעטער. זיי האָבן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך שטעלן אין מיין לאַגע, ווי איך האָב געמוזט פילן, נאָך דעם ווי איך האָב געזען מיין גאַנצע האָרעוואַניע פאַרניכטעט. און זיי האָבן ניט געפונען פאַר מיין פאַרהאַלטן זיך צו זיי — און צו זייער באַשלוס איבערצוגעבן דעם „אַרבייטער פריינד" — קיין אַנדער דערקלערונג, ווי דאָס וואָס איך בין דער גרעסטער דעספּאָט וואָס האָט אַמאָל געלעבט, און עס איז אַ שאַנד, אַז אַזאַ דעספּאָט זאָל זיין דער פאַרשטייער פון אַנאַרכיזם.

דאָס אַלץ האָבן זיי ניט נאָר דערקלערט מיר פּערזענלעך, נאָר זיי האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק צו לאָזן וויסן וועגן דעם גענאָסע קראָפּאָטקינען, אַזוי אַז ווען איך האָב אים באַזוכט באַלד נאָך דעם ווי דער „אַרבייטער פריינד" איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער מיר אויף אַ גאַנץ איידלען אופן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז איך בין שוין אַביסל צו־ענערגיש, אַז איך שטעל שוין צופיל אויף מיין אייגענער מיינונג, און דאָס מאַכט, נאַטירלעך, די גענאָסן זייער אומצופרידן, ווי הויך זיי זאָלן ניט שעצן מיין פעאיקייט און איבערגעבנקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב גענאָסע קראָפּאָטקינען דערקלערט די לאַגע פון מיין שטאַנדפּונקט; אָבער מיר זיינען געווען איינפאַרשטאַנען, אַז דאָס גלייכסטע וואָס איך קאָן טאָן איז — שטיין אַ ווײַלע פון ווייטן און לאָזן די גענאָסן די פרייהייט צו טאָן אַלץ ווי זיי פאַרשטייען.

מיר איז לייכטער געווען צו זיין איינפאַרשטאַנען מיט אים, ווייל דאָס

האָב איך שוין געהאַט פריער באַשלאָסן. דער פאַקט איז, אַז אין דעם לעצטן נומער „אַרבייטער פריינד", וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן, האָב איך אַדווער־טייזט, אַז איך הויב ווידער אָן געבן לעסאָנס אין ענגליש, און אַז איך האָב אויך בדעה ווידער צו עפענען מיין אָוונט־שול אין ענגליש, וואָס איז שוין געווען גאָר ניט קיין שלעכטער דערפאָלג, און וואָס איך האָב אויפגעגעבן ווען איך האָב איבערגענומען די רעדאַקציע פון „אַרבייטער פריינד".

יאָ, איך האָב דאַן באַשלאָסן צו בלייבן אינגאַנצן פון דער ווייטנס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און אויך פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, באַפריי־ענדיק אויף אַזאַ אופן די גוטע לאָנדאָנער אַנאַרכיסן פון מיר, דעם געפּער־לעכן דעספּאָט.

איך האָב אָבער מיין באַשלוס ניט דורכגעפירט; און ניט דערפאַר ווייל איך האָב ניט געהאַט דעם גוטן פעסטן ווילן דערצו, נאָר ווייל די גענאָסן אַליין האָבן איינגעזען, אַז איך בין געווען, אין פיל הינזיכטן, גערעכט. און זיי האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזט, אַז איך זאָל זיך צוריק נעמען צו דער אַרבעט.

און אַזוי איז, מיט דריי מאָנאַטן שפּעטער, דעם 15טן אַפּריל (1892), דער „אַרבייטער פריינד" ווידער דערשינען, אָבער אין פיל הינזיכטן גאַנץ אַנ־דערש ווי זיין פאָרגייער. אַחוץ דער ענדערונג אין פאָרמאַט, און אין דעם קאָליר פון פּאַפּיר, וואָס דאָס האָט געמאַכט דעם אויסזען פון „אַרבייטער פריינד" גאַנץ אַנדערש ווי פון פריערדיקן, איז אויך זיין קאָפּ, מיט גרויסע בוכשטאַבן, באַצירט געוואָרן מיט די ווערטער „אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער אָרגאַן"; און זיין אַרויסגעבער איז שוין ניט מער געווען דער בערנער סטריט קלוב, נאָר די גרופּע „אַרבייטער פריינד".

די צייט, ווען דער „אַרבייטער פריינד" האָט אָנגעהויבן ווידער דער־שיינען, איז געווען אַ גאַנץ לעבעדיקע. פאַרגעסט ניט, אַז דאָס איז געווען דער יאָר 1892, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם וואָויל־באַקאַנטן אַנאַרכיסטן־פּראָצעס אין וואָלסאָל, און ווען גאַנץ פראַנקרייך האָט געקאָכט מיט די געוואַלטטאַטן פון ראַוואַשאָל, און ווען אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָט געשאָסן אין פריקן (אין פאַרבינדונג מיטן שטאָל־סטרייק אין האָמסטעד).

יאָ, עס איז געווען אַ זייער הייסע צייט. עס האָט אויסגעזען ווי גאָר אַ שטאַרקע אויפלעבונג פון אַנאַרכיזם, וועלכער איז פאַר אייניקע יאָר גע־לעגן ווי אין הינערפלעט זינט דעם געזעצלעכן האַלסייל־מאָרד אין שיקאַגאָ. עס האָט ווידעראַמאָל אויסגעזען, אין אונדזערע יונגע אויגן, ווי דער אָנפאַנג פון סוף, און די גענאָסן האָבן געפילט, אַז עס וואָלט געווען איינפאַך פאַר־ברעכעריש צו לאָזן דעם „אַרבייטער פריינד" שווייגן און ניט אָפּרופן זיך אויף די גרויסע פּאַסירונגען פון דער צייט. זיי זיינען דעריבער ווידער צו־געשטאַנען צו מיר, אַז איך מוז זיך ווידער איינשפּאַנען אין יאָך און אָנהויבן אַרויסגעבן דעם „אַרבייטער פריינד". וויפיל נומערן עס וועלן דערשיינען, ווער דאַרף אַלץ זיין און ווי געפונען. די „אַרבייטער פריינד" - דרוקעריי שטייט

ליידיק; די הוצאות פון אַרויסגעבן די צייטונג, בלויז אין פיר זייטן, וועלן זיין ניט מי יודע וועלכע — טאָ פאַרוואָס ניט מאַכן נאָכאַמאָל אַ פּראָבע? עס קאָן דאָך זיין, אַז קעגן אַלע דערוואַרטונגען זאָל די צייטונג דאָך גיין! איבערהויפּט טאָר איך זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם, ווייל איך בין דאָך געווען מיט דער מיינונג, אַז די צייטונג האָט איבערהויפּט ניט געטאָרט און ניט געדאַרפט אָפּגעשטעלט ווערן, און אַז זי איז פּשוט מיט געוואַלט געטויט געוואָרן.

האָב איך זיך געלאָזט איינריידן, נאָר מיט דעם תנאי, אַז מיין נאָמען אַלס רעדאַקטאָר פון דער צייטונג זאָל ניט דערמאָנט ווערן ניט אין דער צייטונג און אויך ניט פּריוואַט, אַזוי אַז די צייטונג זאָל ניט ליידן דורך מיר און דורך די שונאים, וואָס איך האָב זיך געמאַכט אין דער באַוועגונג.

און מערקווירדיק ווי דאָס איז, פאַר אַ קורצער צייט איז עס טאַקע געבליבן אַ סוד ווער עס איז דער רעדאַקטאָר. די עטלעכע גענאָסן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע „אַרבעטער פריינד", האָבן געלייקנט שטיין און ביין, אַז איך האָב דאָס מינדסטע צו טאָן מיט דער צייטונג. און אַלע מיינע שונאים האָבן איצט געהאַלטן אין איין לויבן דעם „אַרבייטער פריינד", אין וועלכן, מיט דריי מאָנאַטן צוריק, זיי האָבן ניט געפונען די מינדסטע באַרעכטיקונג פאַר זיין עקזיסטענץ.

איך האָב אין יענער צייט געשריבן אונטער אַלערליי נעמען, אָבער דער נאָמען יאַנאָווסקי איז ניט דערמאָנט געוואָרן. און דאָס איז וואָרשיינלעך אויך געווען די אורזאַך פאַרוואָס אויך די אַמעריקאַנער גענאָסן האָבן זיך איבערגעבעטן מיטן „אַרבייטער פריינד".

איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן אַרטיקל דערמאָנט, אַז צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער אורזאַך — דער אמת איז, אַז איך געדענק שוין אַליין ניט פאַרוואָס — האָב איך ניט געלעבט בשלום מיט מיינע גענאָסן אין ניו־יאָרק. עפּעס האָט קיינמאָל ניט געהערשט צווישן אונדז די נויטיקע האַרמאָניע. איך בין — לויט זייער מיינונג — געווען צו־זעלבסטשטענדיק אין מיין דענקען און האַנדלען אַפילו אַלס אַנאַרכיסט, און זיי האָבן דערפאַר מיר ניט נאָר ניט געהאָלפן, ווען איך האָב איבערגענומען דעם „אַרבייטער פריינד", נאָר, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, זיי האָבן געטאָן אַלץ מיר צו שטערן אין דער אַרבעט.

אָבער איצט, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט אַז איך בין ווידער דער רעדאַקטאָר, האָט זיך די לאַגע געביטן גאַנץ ראַדיקאַל. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן פאַר דער צייטונג. אַזוי, גאַנץ אומדערוואַרט, האָב איך געקראָגן צוגעשיקט אייניקע שיינע געדיכטן און דערציילונגען פון פאַרשטאָרבענעם פּאָעט באָוושאָווער, און באַלד דערנאָך פון באַבאַד, ראָזענבלום, און אויך פון דוד עדעלשטאַט.

נאָטירלעך האָט זייער שרייבן פאַרן „אַרבייטער פריינד" אים צוגעגעבן

שטאַרקן פּרעסטיזש, און אַזוי ווי די „פרייע אַרבייטער שטימע״ אין ניו־יאָרק האָט, צוליב פאַרשיידענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אינטריגעס, זיך גע־מוזט אָפּשטעלן פאַר אַ לענגערער צייט, האָט דער „אַרבייטער פריינד״, אַלס די איינציקע אַנאַרכיסטישע צייטונג, געקראָגן אַ פיל שטאַרקערע פאַרשפּריי־טונג ווי פריער.

און אַז איך רייד שוין יאָ פון די אַמעריקאַנער גענאָסן, האַלט איך פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן פאַר אַ ווייל אויף די פּערזענלעכקייטן פון ר. לואיס, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער ראש המדברים פאַר די גענאָסן אין אַמעריקע; פון דוד עדעלשטאַט, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, וואָס האָט געמוזט איר פאַרלאָזן צוליב זיין בייזער, פּראָלעטאַרישער קראַנקייט און אַוועקפאָרן קיין דענווער, קאָלאָ־ראַדאָ, וואו ער איז איינגיכן געשטאָרבן; און דאָן וועגן גענאָסע הלל זאָלאָטאַראָוו.

ניט איינער פון די דריי האָט מיך באַזונדערס געגליכן. צו לואיסן האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט קיין ריכטיקן צוטרוי. איך האָב עס אים איינמאָל געזאָגט, ווען מיר זיינען ביידע געפאָרן אין נואַרק אויף אַ מיטינג אַלס רעדנער. איך האָב אים געזאָגט, אַז ווי מיר שיינט איז זיין פּערזענלעכקייט פאַר אים דאָס סאַמע וויכטיקסטע. איך האָב אים געגעבן אַנצוהערעניש, אַז ער איז ניט דער מאַן, וואָס איז ראוי צו שטיין אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, ווייל ניט ער האָט די נויטיקע איבערגעבנקייט צום אידעאַל, און ניט ער האָט די פעאיקייטן אַלס רעדנער און שרייבער. ער איז פון דעמאָלט אָן גע־וואָרן מיין ביטערסטער שונא און, ווי איך האָב עס געוואוסט, האָט געהאַלטן אין איין אינטריגירן קעגן מיר, און אַנגעווענדט אַלע כוחות מיך צו האַלטן ווייט פון אירגענד וועלכער אַנאַרכיסטישער טעטיקייט.

מיך אָבער האָט די זאַך ווייניג וואָס געאַרט, און איך האָב ניט געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויסצוגיין קעגן אים אין אָפּענעם קריג. נאָר איינמאָל, אויף אַ מיטינג, ווען ער האָט מיך אָנגעגריפן פאַרוואָס איך האָב פון דער גרופּע געמאָנט די עטלעכע דאָלער, וואָס מיר האָט געקומט אַלס „זיצער״, און וועלכע איך האָב נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט געקראָגן, האָב איך נביאות געזאָגט, אַז עס וועט ניט לאַנג דויערן, און די גענאָסן וועלן זיך שעמען, וואָס אַט דער לואיס איז אַמאָל געווען דער פאַרשטייער פון די אידישע אַנאַרכיסטן.

(מיין נבואה איז, ליידער, מקוים געוואָרן. אין דעם זעלבן יאָר טאַקע, אין 1892, איז ער אַריבער צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און באַלד דערנאָך איז ער געוואָרן אַן איינפלוסרייכער ביליקער פּאָליטישן, אַ געמבלער און שיכור, און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.)

נאַטירלעך האָט ער געפילט אי זייער גוט און אי זייער שלעכט, וואָס איך האָב אומדערוואַרט פאַרלאָזן אַמעריקע פאַר ענגלאַנד. פון איין זייט

האט ער זיך געפילט גליקלעך וואס ער איז פון מיר פטור געווארן, ווארים איך בין געווען כמעט דער איינציקער, וואס האט דערקענט זיין גאנצע ווערט־לאזיקייט. פון דער אנדער זייט האט עס אים פארדראסן, וואס מיר איז צוגעטיילט געווארן א כבוד, ווי איינגעלאדן צו ווערן קיין לאנדאן, אלס דער רעדאקטאר פון בארימטן „ארבייטער פריינד״. נאטירלעך האט ער אינטרי־גירט קעגן מיר. ער האט דאס אויסגעפירט, אז די גענאסן זאלן אינגאנצן פארנאכלעסיקן דעם פארקויף פון „ארבייטער פריינד״ אין ניו־יארק, און פאר די עטלעכע קאפיעס, וואס זיינען פארקויפט געווארן, האבן מיר קיינמאל קיין סענט ניט געקראגן. דער „ארבייטער פריינד״ וואלט אינגאנצן פארגעסן געווארן אין ניו־יארק, ווען איך וואלט זיך ניט געווענדעט צו מיין ברודער, אז ער זאל איבערנעמען די אגענטור פון „ארבייטער פריינד״. און זאל עס דא געזאגט ווערן, צום קרעדיט פון מיין ברודער, אז ער האט די ארבעט געטאן גאנץ אומזיסט און מיט א באזונדערן דערפאלג. אין א קורצער צייט איז דער „ארבייטער פריינד״ פארקויפט געווארן אין באלד טויזנט עקזעמפ־לארן, אזוי אז ניו־יארק איז געווארן דער הויפט־מארק פאר דער צייטונג. זיין גרויסע ארבעט דארף דא דעסטא מער דערמאנט ווערן, ווייל ער איז שוין דאן געווען פארהייראט, און האט אויך שיין פארדינט, און דערצו איז ער ניט געווען קיין אויסגעשפראכענער אנארכיסט. ער האט עס געהאלטן פאר זיין פליכט יעדע וואך פאנאנדערצוטראגן די צייטונגען אויף די פארשיידענע סטענדס, און אזוי געמאכט די צייטונג פאר א גרויסן דערפאלג אין ניו־יארק.

דער צווייטער גענאסע, וועלכער האט געהאט אויף מיר תרעומות, איז געווען גענאסע זאלאטאראוו. איך האב שוין אין א פריערדיקן קאפיטל דער־ציילט וועגן אונדזערע דעבאטעס און אויך וועגן דעם שיקזאל פון דעם ערשטן ארטיקל זיינעם, וואס ער האט געשריבן פאר דער „ווארהייט״ און ער האט צעריסן אויף פיץ־פיצלעך, ניט קאנענדיק אריבערטראגן דעם געדאנק, אז איך זאל רעדאגירן זיין ארטיקל. ער איז געווען א זייער גוטער און ערלעכער מענטש. אויך איז ער געווען א מענטש מיט באדייטנדיקע פעאיקייטן און א גרויסער באלעזנקייט, כאטש אויף מיר האט ער געמאכט דעם איינדרוק, אז ניט אלעמאל האט ער באמת פארדייט דאס וואס ער האט געלייענט. ווי דאס איז, האט ער ניט געפילט צו מיר זייער ווארעם; און אזוי ווי ער איז געווען א מענטש וואס האט זיך געלאזט באאיינפלוסן, האט לואיס אויך זיין מוח פאר׳סמ׳ט קעגן מיר.

וואס אנבאטרעפט עדעלשטאטן, האב איך בלויז איין מאל זיך צוזאמענ־געטראפן מיט אים. ער האט אויף מיר, מיט זיין אויסזען, געמאכט א שטארקן איינדרוק. ער האט אויסגעזען ווי א הייליקער, ווי א מענטש גאר ניט פון דער־וועלט. און איך בין זיכער, אז ווען איך וואלט פארבליבן אין ניו־יארק, וואלטן מיר געווארן זייער שטארק באפריינדעט. אבער דער שיקזאל האט עס אנדערש געוואלט. מער ווי דאס איינציקע מאל האבן מיר זיך ניט

באַגעגנט. אין דער זעלביקער צייט האָט ער געוואוסט, אַז איך, ווען איך בין געווען דער „זיצער" פון דער „וואַהרהייט", האָב דווקא געוואָלט, אַז ראַ־זענפעלדס ליד זאָל דערשיינען אין ערשטן נומער. האָט ער געוויס געהאַט קעגן מיר אַ שטיקל פאַראורטייל. דערפאַר האָב איך זיך געפילט ממש גליקלעך, ווען ער האָט מיר פון דענוואָר צוגעשיקט זיינע לעצטע לידער און אייניקע אַרטיקלען.

אַזוי האָט דער „אַרבייטער פריינד" געקראָגן אַ פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע צירקולאַציע פאַר יענער צייט, און אַ גוטן נאָמען נאָך דערפאַר, ווייל מיינע שונאים זיינען פאַרשטומט געוואָרן — ווער דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין זייער ריכטיקן קאָליר; און ווער דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז איך בין עס די מאַכט הינטערן טראָן.

ערשט מיט עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער האָב איך זיך דערלויבט אונ־טערצושרייבן מיין אייגענעם נאָמען אונטער אַן אַרטיקל, און דאָס דערפאַר, ווייל דער אַרטיקל איז געווען אַ שאַרפע קריטיק אויף דעם זשורנאַל „פרייע וועלט", וואָס די וואָס זיינען געגאַנגען אונטער׳ן נאָמען סאָציאַליסטן־רעוואָ־לוציאָנערן האָבן אָנגעהויבן אויפסניי אַרויסגעבן נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט צוליב דעם טויט פון זיין ערשטן רעדאַקטאָר, קאָנסטאַנטין גאַלאָפּ. איך האָב עס באַטראַכט פאַר אַ פייגהייט ניט אונטערצושרייבן זיך מיט מיין פולן נאָמען אונטער אַ קריטיק, אין וועלכער איך האָב בלויזגע־שטעלט די גאַנצע היפּאָקריטסטוואָ פון זיינע אַרויסגעבער, און אויך אַלע זייערע פּוסטע פּרעטענזיעס אויף וויסנשאַפטלעכקייט און אומפּאַרטייאיש־קייט, מיט וועלכע זיי האָבן געמיינט צו נעמען דעם לאָנדאָנער ניט זייער איבערגעשפּיצטן עולם אויף זיכער. דאַן האָבן זיך שוין אַלע דערוואוסט, אַז איך, דער אבי אבות הטומאה, בין דאָס ווידער געוואָרן דער גוף און די נשמה פון דעם ניי־אויפגעלעבטן „אַרבייטער פריינד", און זיי האָבן געוויס חרטה געהאַט אויף זייער גוטער מיינונג, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט וועגן דעם נייעם „אַרבייטער פריינד", אָבער עס איז שוין געווען צו־שפּעט.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו אונדזער אייגנטלעכן ענין. איך האָב דערמאָנט דעם פּראָצעס פון די וואָלסאָלער אַנאַרכיסטן. דער איבערפאַל אויף זיי, און דאָס געפינען פאַרשיידענע באָמבע־מאַטעריאַלן, האָט נאָך פּאַסירט אין דער וואָך ווען דער אַלטער „אַרבייטער פריינד" האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיט דריי מאָנאַטן שפּעטער איז פאָרגעקומען זייער פּראָצעס, און דער ריכטער האָט זיי פאַראורטיילט צו לאַנגע יאָרן געפענגעניש, כאָטש עס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען די אַרבעט פון אַ נידער־טרעכטיקן פּראָנצויזישן פּאָליציי־שפּיאָן, אַ פּראָוואָקאַטאָר מיטן נאָמען קולאָן.

די געשיכטע לוינט זיך איבערצודערציילן, ווייל זי האָט אין זיך פיל באַלערנדיקעס, און קאָן נאָך איצט צוניצקומען פאַר געגנאָסן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין גרויס דערפאַרונג אין דער באַוועגונג.

דאָס איז געווען בעת איך האָב נאָך רעדאַגירט דעם „אַרבייטער פריינד“, ווען ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון בערנער סטריט בילדונגס־קלוב. איין שיינעם טאָג איז אַריין אין רעדאַקציע אַ מאַן, וועלכער האָט גערעדט אַ גאַנץ שלעכטן ענגליש און איז געווען בלינד אויף איין אויג. און האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס פראַנצויזישער אַנאַרכיסט, וועלכער קומט איצט פון פראַנקרייך. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ זייער שלעכטן איינדרוק; פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגערעדט, און איך האָב אויסגעפונען, אַז ער איז אַ גאָר געוואַלדיקער רעוואָלוציאָנער, און ער האַלט, אַז נאָר דינאַמיט וועט אונדז באַפרייען. איך האָב אים געלאָזט ריידן, און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ ווייניקער איז ער מיר געפעלן. ער האָט זיך אַנגעבאָטן האַלטן אַ רעדע אין שוגאַרלאָוף האַל, וואו איך פלעג האַלטן מיינע וועכנטלעכע פאָרטראַגן, אָבער איך האָב אים דאָס אויפן שטעל אַנטזאָגט.

ער האָט מיך פאַרלאָזן אַ שטאַרק אויפגערעגטער און דערקלערט, אַז איך בין גאָר קיין אַנאַרכיסט ניט, און אַז עס פּאַסט מיר גאַנץ ווייניג צו זיין דער רעדאַקטאָר פון אַן אַנאַרכיסטישער צייטונג.

איך, פון מיין זייט, האָב געפילט גלייך, אַז דער מאַן איז אַ שפּיאָן. און וואָלט איך זיך געלאָזט פירן פון מיין ערשטן געפיל, וואָלט איך גלייך די גענאָסן געוואָרנט, סיי מינדלעך און סיי דורך דער צייטונג, זיך צו היטן פאַר דעם דאָזיקן קערל, וועלכער געפעלט מיר גאָר ניט. באַדענקענדיק זיך אָבער האָב איך געהאַלטן פאַר גלייכער צו שווייגן, ביז איך וועל זיך דערוויסן מער וועגן אים.

אין דערזעלביקער וואָך בין איך געווען צו באַזוך ביי קראָפּאָטקינען, האָב איך אים געפרעגט צי ער ווייסט עפּעס וועגן איינעם, קולאָן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז יענער איז געווען ביי אים מיט אַ באַזוך, און אַז ער האָט אים געבראַכט די בעסטע רעקאָמענדאַציעס פון די פּאַריזער גענאָסן. איך אָבער, פון מיין זייט, האָב אויסגעדריקט מיין שטאַרקן צווייפל וועגן אים, און האָב איבערגעגעבן קראָפּאָטקינען מיין געשפּרעך מיט אים, אָבער ער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע.

אויף דעם פּלאַץ איז נויטיק צו באַמערקן, אַז קראָפּאָטקין, מיט זיין אומגעוויינלעכער עניוות אין אַלע אַנדערע הינזיכטן, איז אָבער געווען ביי זיך זיכער, אַז ער דאַרף נאָר אַ קוק טאָן אויף אַ מענטשן און ער קאָן זאָגן וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש דאָס איז. אַזוי האָט ער מיר איינמאָל דערציילט, אַז ווען מאַלאַטעסטאַ איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע אין אַרגענטינע און האָט מיט דעם געלט, וואָס ער האָט געבראַכט, געעפנט אַ דרוקעריי אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ זעצער. איז ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים האָט ער באַלד דערקענט, אַז דער מאַן איז אַ גנב, און האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו וואָרענען מאַלאַטעסטאַן קעגן אים. מאַלאַטעסטאַ איז געווען מיט דער מיינונג, אַז דער מאַן איז די ערלעכקייט אַליין,

און ער האט געהאלטן דאס ביסל געלט אין א קאמאד אין דער דרוקעריי, וועלכן ער האט קיינמאל ניט פערשלאסן. „און שטעלט זיך פאר" — האט קראפאטקין מיט גרויס פארגעניגן געענדיקט דערציילן — „אויפמארגן איז דער דאזיקער זעצער נעלם געווארן מיטן ביסל געלט און נאך אנדערע זאכן."

יא, אין דער הינזיכט איז קראפאטקין געווען זיכער, אז אים קאן קיינער ניט נארן; און אפשר דערפאר איז ער געווען נאאיוו ווי א קינד, שענקענדיק אפט זיין צוטרוי צו מענטשן, וועלכע האבן דאס ווייניקער ווי אלע פארדינט. איך וואלט געקאנט וועגן דעם דערציילן אייניקע גאנץ טשיקאווע פאסירונגען. אבער ניט דא איז דער פלאץ פאר דעם. גענוג, איך בין געבליבן ביי דאס מייניקע, און האב דעם קולאן קיינמאל קיין שאנס ניט געגעבן צו ריידן אויף איינער פון אונדזערע פארזאמלונגען, און ניט צו באקענען זיך מיט די גענאסן. ווארשיינלעך האבן די ענגלישע גענאסן אין לאנדאן געפילט דאס-זעלביקע; און דער בחור האט באלד אויסגעפונען, אז אין לאנדאן וועט ער גארנישט אויפטאן. האט ער זיך אוועקגעלאזט קיין וואלסאל, וואו ער האט געטראפן אייניקע נאאיווע גענאסן, וועמען ער האט איינגערעדט, אז מען דארף פראדוצירן באמבעס פאר רוסלאנד, און אז וואלסאל איז דערפאר דער פאסיקסטער פלאץ, זייענדיק א הונדערט מייל ווייט פון לאנדאן. אין לאנדאן וואלטן עס די פאליציי־הינט באלד דערשמעקט, און דערפאר איז דער גורל געפאלן אויף וואלסאל און אירע אנארכיסטן צו העלפן דער באפרייאונג פון רוסישן פאלק.

פארשטייט זיך: איין שיינעם טאג איז די קווארטיר פון די גענאסן באזוכט געווארן פון דעטעקטיווס פון סקאטלאנד יארד, און די פלענער פון די באמבעס, וואס האבן געזאלט מאכן א סוף צום צאריזם, צוזאמען מיט די מאכערס, זיינען פארכאפט געווארן פון דער פאליציי; זיי זיינען געשטעלט געווארן פארן געריכט און געפונען געווארן שולדיק אין דעם שרעקלעכן פארברעכן פון פראדוצירן באמבעס, פאר וואס זיי האבן געמוזט באצאלן מיט לאנגע יארן געפענגעניש.

אט צו יענער צייט איז דאס דער „ארבייטער פריינד" אויפסניי דער-שינען. און כאטש, ווי דער אמת איז, איך האב זיך ניט שטארק געקימערט פארן נאמען אנארכיסט, איז מיר געווען פונקט אזוי ליב דער נאמען סא-ציאליסט, ווייל איך האב דאן געהאלטן, און בין נאך איצט מיט דער מיינונג, אז מיר, די אנארכיסטן, זיינען דאס די אמתע סאציאליסטן. אבער אונטער די אומשטענדן האב איך עס באטראכט אלס מיין פליכט צו דערקלערן דעם „ארבייטער פריינד" אלס אנארכיסטיש־קאמוניסטישן ארגאן, און באר דער-פאר, ווייל צו יענער צייט איז עס געווען גאנץ באזונדער געפערלעך.

אט וואס איך האב געשריבן, און ווי איך האב דעמאלט געפילט, אין מיינע נאטיצן אין דעם ערשטן נומער פון ניי־דערשינענעם „ארבייטער פריינד":

„דער „אַרבייטער פריינד" וועט טראָגן דעמזעלבן כאַראַקטער ווי פריער. ער וועט פריידיגן דעם אַנאַרכיזמוס קאָמוניזמוס. דאָך וועט דער לעזער איצט באַמערקן אַ קליינעם אונטערשייד: ווערנד אויף דעם פריערדיקן „אַרבייטער פריינד" איז ניט געשטאַנען אויסדריקלעך „אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער אָרגאַן", וועט עס דער לעזער איצט יאָ געפינען.

„ווארום טוען מיר עס איצט, און ווארום האָבן מיר עס פריער ניט געטאָן?

„די זאַך איז די: מיר, אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן, זיינען די לעצטע, וואָס קימערן זיך וועגן אַ נאָמען. ניט דער נאָמען איז אונדז וויכטיק, נאָר די זאַך, דער פּרינציפּ. אָבער די לעצטע צייט זיינען אַזויפיל קעמפער אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען, אין אַלע טיילן פון דער וועלט; אַזויפיל ווערן מיר געפלאָגט און פאַרפאָלגט פון אַלע זייטן, אַז עס וואָלט איצט געווען אַ פייגהייט, אַ פאַרברעכן, ניט אַרויסצוקומען פראַנק און פריי און דערקלערן פאַר דער וועלט, אַז מיר זיינען אַנאַרכיסטן, בעת מיר זיינען עס מיט לייב און לעבן. מיר זיינען עס שולדיק די מוטיקע קעמפער, וואָס שמאַכטן איצט אין געפענגעניש אין וואָלסאָל, אין פילאַדעלפיע, אין בערלין, אין ווין, אין דאַנציג און אין רוים. מיר זיינען עס שולדיק אונדזער ערע, אונדזער געוויסן — און דאַרום וועט איר געפינען אַ נייע שורה אויפ׳ן קאָפּ פון „אַרבייטער פריינד"—אַ נ אַ ר כ י ס ט י ש ־ ק אָ מ ו נ י ס ־ ט י ש ע ר אָ ר ג אַ ן."

9. די „פרידאָם", די „קאָמאָנוויל" און די ענגלישע גענאָסן

דער לעזער פון אונדזער צייט וועט זיך אודאי וואונדערן: וואָס עפּעס האָט די ענגלישע רעגירונג, מיט איר גאַנצן דעטעקטיוו־אַפּאַראַט, גענומען זיך אַזוי שטאַרק פאַרפאָלגן די אַנאַרכיסטן? אורטיילנדיק פון דעם ווי עס זעט איצט אויס אין אַנאַרכיסטישן לאַגער, ווי ווייניק עס זיינען די אַנאַרכיסטישע טוער, ווי שוואַך עס איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, און ווי קליין און אָן דעם מינדסטן איינפלוס איז איר פּרעסע, וועט ער געוויס קומען צום שלוס, אַז זיכער האָט דאָך די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין 1892 ניט געקאָנט זיין פון אַ גרעסערער באַדייטונג. אָבער טאַקע אין דעם וועט ער מאַכן אַ גרויסן טעות.

אין יענע יאָרן איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג געווען דוקא אין אירע בעסטע בליאונגס־יאָרן. דער אַנאַרכיסטישער איינפלוס אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער. אין פראַנקרייך, אין איטאַליע און אין שפּאַניע האָבן די אַנאַרכיסטן געהאַט אַ גאַר שאַרפן איינפלוס אויף

די אַרבעטער און האָבן דורך מאַנכע גוואַלטטאַטן קעגן פאַרשיידענע רעגי־רונגס־פּערזאָנען אויסגעפירט אַרויפצוואַרפן אַ שרעק אויף די עקזיסטירנ־דיקע מעכטע. דער אָפּקלאַנג פון די פּאַסירונגען אין אייראָפּע—די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציעס, די פאַרשיידענע גוואַלטטאַטן ווי די פון ראַוואַשאָל—האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף דער עפנטלעכער מיינונג אין אייראָפּע.

עס דאַרף אויך באַמערקט ווערן, אַז צו יענער צייט איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד געווען נאָך כמעט אין אירע ווינ־דעלעך, און די גרויסע אַרבעטער־מאַסען האָבן גאַנץ ווייניק געגלויבט אין דער אַלמעכטיקייט פון פּאָליטישן קאַמף. אַפילו די פאַרברענטסטע מאַרק־סיסטן פון יענער צייט האָבן געהאַלטן אין איין שרייבן און ריידן פון אַ רעוואָלוציע דורך געוואַלט, דורך דער גענעראַלער פאַרכאַפּונג פון גאַנצן רייכטום פון די הערשנדיקע קלאַסן, און דאַן עטאַבלירן די געזעלשאַפט אויף קאָמוניסטישע יסודות.

וואָס אָנבאַטרעפט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד, וואו זי איז געווען צו יענער צייט אַמשטאַרקסטן, איז זי דאָך ניט געווען אַזוי שטאַרק, ווי אין די שפּעטערע יאָרן. און דערצו נאָך האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען די באַוועגונג פון די אומאָפּהענגיקע, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסע געפאַר פאַר דעם וואוקס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און האָט זיך אין אירע שטעלונגען, סיי אין איר טאַקטיק און סיי אין אירע ווייטערדיקע צילן, כמעט אינגאַנצן געשטעלט אויף דעם אַנאַרכיסטישן שטאַנדפּונקט.

דיזעלבע דערשיינונג פון שפּאַלטונגען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז פאָרגעקומען אויך אין האָלאַנד, אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך, און אין פיל אַנדערע לענדער. די אַלע באַוועגונגען, וואָס זיינען געווען דער אומפאַרמיידלעכער פּראָטעסט קעגן דער פאַרפלאַכנדיקער פּאָליטיק פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָבן באַלד אָנגענומען אַ גאַנץ באַ־שטימטן אַנאַרכיסטישן כאַראַקטער, אַזוי אַז די פּרעסע, וועלכע איז, ווי דער שטייגער איז, שטענדיק דער מיינונגס־אויסדרוק פון דער הערשנדיקער מאַכט, האָט געזען אין דעם אַנאַרכיזם די גרעסטע געפאַר פאַר דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. פאָלגלעך האָט זי אָנגעווענדט אַלץ אין אירע כוחות צו פאַראַליזירן די דאָזיקע קראַפט.

אין שפּיץ פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג זיינען צו יענער צייט געשטאַנען אַזעלכע באַרימטע פּערזענלעכקייטן ווי פּעטער קראָפּאָטקין, ווי אַ מרס. ווילסאָן (איינע פון דער גאָר הויכער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע), און נאָך אַנדערע געניאַסן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן די מאָנאַטלעכע „פרידאָם“, וועלכע, כאָטש גאַנץ קליין אין פאָרמאַט, האָט דאָך אויסגעאיבט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף דער ענגלישער אינטעליגענץ.

וויליאַם מאָריס האָט דאַן אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיין וועכנטלעכע צייטונג „דהי קאָמאָנוויל“, וועלכע, כאָטש ניט קיין אויסגעשפּראָכן אַנאַר־

כיסטישע, איז אָבער פּראַקטיש געווען אַ העכסט רעוואָלוציאָנערע, און האָט אין די מערסטע פּונקטן פאַרטראָטן דעם אַנאַרכיסטישן שטאַנדפּונקט.

איך דענק, אַז עס וועט ניט זיין איבעריג זיך אָפּצושטעלן פאַר אַ ווייל אויף אַט דער גרויסער, ליכטיקער פּערזענלעכקייט פון וויליאַם מאָריס, וועגן וועמען די געגנער פון אונדזער צייט ווייסן, ליידער, ווייניג.

וויליאַם מאָריס איז דאַן געווען דער גרעסטער פּאָעט אין ענגלאַנד. אמת, ער איז ניט געווען דער פּאָעט פון קעניגלעכן הויף, אָבער דאָס איז געווען נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם גאַנץ צווייפל־האַפטן כבוד, און אָנשטאָט שרייבן לידער צו די פאַרשיידענע שמחות אין קעניגלעכן הויף, האָט ער געשריבן פייערדיקע, רעוואָלוציאָנערע לידער פאַר די קעמפּנדיקע אַרבייטער, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען געוואַלדיק פּאָפּולער. ניט איין פּראָלעטאַריער האָבן זיי באַגייסטערט צום קאַמף קעגן די עקספּלואָטאַטאָרס און פאַר אַ וועלט פון פרייע און גלייכע מענטשנקינדער.

דאָס איז געווען אַ זעלטענע פּערזענלעכקייט. איך געדענק נאָך, און קאָן קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל אין בערנער סטריט קלוב אויף איינער פון אונדזערע „טי־פּאַרטיס“, כדי צו העלפן דעם „אַרבייטער פריינד“ מיט אַ ביסל פינאַנסן, און וואו ער, צוזאַמען מיט קראָפּאָטקינ׳ען און מיין ווייניגקייט האָבן געדאַרפט האַלטן די פעסט־רעדעס. איך געדענק עס נאָך ווי איצט, ווי דער גאַנץ גרויסער זאַל איז ביי די זייטן געווען אויסגעשטעלט מיט טישן, אויף וועלכע עס זיינען געלעגן צעשניטענע לעבלעך קאָרן־ברויט, וואָטערקרעס (אַזאַ ביטער גראָז), און שטיקלעך פּוטער דאָ און דאָרט. און דאַן האָט מען דערלאַנגט דעם טיי, וועלכן מען האָט אויפגעקאָכט אין קיך אין גרויסע קעסלען.

מיר איז אויסגעקומען צו זיצן לעבן מאָריס׳ן, און בעת ער האָט געגעסן מיט אַ גאַנץ היפּשן אַפּעטיט דעם קאָרנעם ברויט און פאַרזופּט מיט טיי, האָט ער מיט גרויס נייגעריגקייט, כמעט ווי אַ קינד, זיך אויסגעפרעגט וועגן „אַרבייטער פריינד“ — ווער עס שרייבט אין אים און וועגן זיין פינאַנציעלן צושטאַנד. ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז איך פיל־אויס כמעט אַליין יעדע וואָך די גאַנצע צייטונג, און דערצו באַזאָרג איך נאָך אויך דעם געשעפטלעכן טייל פון דער צייטונג, קאָרעספּאָנדיר מיט די אַבאָנענטן און אַגענטן; און אַחוץ דעם קומט מיר אויס צו ריידן אויף געוויסע אַרבייטער־פאַרזאַמלונגען; אַז איך גיב אויך יעדן פרייטאָג אַ וועכנטלעכן לעקטשור; און אַז איך נעם כמעט קיין געצאָלט ניט פון „אַרבייטער פריינד“; אַז מיין חיונה צי איך פון אייניקע ענגלישע לעסאָנס, — ווען איך האָב דאָס אים דערציילט, האָט ער מיר אָנגעקוקט ווי אַ וואונדער, און האָט מיט אַ זעלטענעם פייער געכאַפּט מיין האַנט און איר שטאַרק געדריקט, זאָגנדיק מיר, אַז אַזעלכע מענטשן ווי איך מאַכן אים זיכער, אַז די צייט פון באַפרייאונג איז

שוין גאר ניט ווייט. איך האב זיך געפילט פון דעם קאמפלימענט ממש אויפ'ן זיבעטן הימל. זיין האנט־דרוק איז פאר מיר געווען די גרעסטע באלוינונג.

נאך דער טיי האט ער זיך געשטעלט ריידן; און זיין רעדע איז געווען א זאנדערבארע. ער איז ניט געווען קיין רעדנער, אבער דער איינדרוק פון דעם וואס ער האט גענאגט איז געווען א שטארקער. ער האט גערעדט פון דער פלאטפארם פונקט ווי ער וואלט געפירט מיט אייך א פריוואטן געשפרעך. ריידנדיק האט ער געהויבן אט איין פוס און אט דעם צווייטן, אזוי ווי ער וואלט געווען זייער נערוועז. זיין שיינער פנים האט ממש געלויכטן אין דער צייט וואס ער האט גערעדט, און עס איז געווען קלאר פאר אלעמען, אפילו פאר געגנאסן וואס האבן אים ניט פארשטאנען, כאטש ער האט גערעדט דעם איינפאכסטן ענגליש, אז זיין הארץ איז איבערגעפילט מיט ליבע צו די פאר־שקלאפטע און פארפאלגטע, מאכט ניט אויס וואס פאר א שפראך זיי ריידן, און וואסערע גלויבנס און מנהגים זיי האבן.

דאס צווייטע מאל האב איך אים געזען אויף אונדזערן אן ארויספאר אין עפינג פארעסט, וואס מיר פלעגן פאראנשטאלטן יעדן יאר, און וועלכער האט בייגעטראגן א היפשן טייל צו די מאגערע פאנדן פון „ארבייטער פריינד”. ער איז געקומען אומגעבעטענערהייט, און די גאנצע צייט וואס ער האט פארבראכט מיט אונדז האט ער מיט זיין שטיפן, מיט'ן לויפן און געוועט, געמאכט אונדז אלעמען פארגעסן, אז דאס איז דער בארימטער פאעט וויליאם מאריס. ער איז געווען דער פריילעכסטער צווישן אונדז.

דאס לעצטע מאל האב איך אים געזען אין א יאר־און־א־האלב ארום. ער האט מיר געשריבן, אז ער האט געהערט, אז דער „ארבייטער פריינד” האט אפגעברענט, וויל ער זיך מיט מיר דורכריידן. איך האב, נאטירלעך, אנגענומען זיין איינלאדונג. און ווען איך בין צו אים געקומען, האט ער מיר פארגעווארפן, למאי איך האב אים ניט געלאזט וויסן וועגן דעם, — וויס איך דאך וואס פאר א פריינד ער איז פון אונדזער טעטיגקייט און דער באוועגונג.

איך האב אים דערקלערט, אז ווי עס זעט־אויס קאן דער פייער אין „ארבייטער פריינד” זיין גאר א שטיקל גליק, ווייל די געגנאסן אין אמעריקע, דערהערנדיק וועגן דעם, רופן זיך אפ גאר גרויסמוטיק, — האט עס אים זייער געפרייט, און ער האט מיר געבעטן אים דערלויבן, פון זיין זייט, ביי־שטייערן א קליינע מטבע. דער פאקט איז, אז די קליינע מטבע איז געווען די גרעסטע, וואס וועלכער עס איז געגאסע אין ענגלאנד האט בייגעשטייערט.

איז וויליאם מאריס ווירקלעך געווען אן אנארכיסט? וועל, לויט מיין וויסן, האט ער עפנטלעך קיינמאל זיך ניט דערקלערט אלס אזעלכער — עס איז אבער ניטא דער מינדסטער צווייפל, אז אלע זיינע סימפאטיען זיינען

געווען אויף דער זייט פון אנארכיזם. וועניגסטנס האט ער זיין גאנצן לעבן געלעבט עכט אנארכיסטיש, און אין אלץ וואס ער האט געשריבן האט זיך שטארק געפילט דער אנארכיסטישער גייסט. שוין זיין ארויסטריט פון דער דעמאלסטדיקער „סאציאלדעמאקראטישער פעדעראציע״ און גרינדן זיין אייגענע ציימונג, „דהי קאמאנוויל״, האט געוויזן קלאר, אז ער איז לחלוט׳ן נ״ט איינפארשטאנען מיט די סאציאלדעמאקראטישע אנשויאונגען, ניט אין זייער טאקטיק אלס פארלאמענטאריסטן, און ניט אין זייער צוקונפט־מוזיק. בתכלית השנאה האט ער געהאסט דעם אידעאל פון דער גרויסער פאבריק, פון דער גרויס־פראדוקציע, אין וועלכער עס איז ניטא דער מינדס־טער פלאץ פאר פערזענלעכער איניציאטיווע, פאר קונסט, פאר דעם אייגענעם אינדיווידועלן געשמאק. ער איז געווען א פיינד פון אלץ וואס האט גע־שמעקט מיט קאזארמע, מיט דעם צוגעשניטענעם סטאנדארד; און ווען עס איז ארום יענער צייט דערשינען עדווארד בעלאמי׳ס בוך „לוקינג בעקווארד״, וואו עס איז געשילדערט געווארן א סאציאליסטישער שטאט מיט אלע פיטשעווקעס, האט ער, פון זיין זייט, געהאלטן פאר נויטיק אנצושרייבן זיין בוך „ניוס פראם נאוהער״, אין וועלכן ער האט געשילדערט א ווירקלעך פרייע געזעלשאפט, אן אנארכיסטישע געזעלשאפט אין דעם בעסטן זין פון ווארט.

פונדעסטוועגן, דערקלערן זיך אלס אנארכיסט, און זיין ציימונג אלס אן אנארכיסטישע, האט ער ניט געוואלט. און אזוי איז עס געקומען דערצו, אז די ציימונג, וואס ער האט געגרינדעט, און וועמעס אויסגאבן זיינען מערסטנס געדעקט געווארן פון זיין אייגענער קעשענע, האט ער איבערגע־געבן צו די גענאסן פון דער „סאשעליסט ליג״, ווען זיי האבן מיט א גרויסער מאיאריטעט באשטימט, אז עס איז שוין די העכסטע צייט, אז די ציימונג זאל ארויסקומען פאר׳ן אנארכיזם, און ניט דרייען זיך אהין און אהער. דאס האט וויליאם מאריס ניט געוואלט, און ער האט איבערגעגעבן די „קאמאנ־וויל״, מיט איר גאנצן אייגנטום, צו די גענאסן, וועלכע האבן איר ארויסגע־געבן אלס אנארכיסטישן ארגאן; נאר אנשטאט וויליאם מאריס׳ן אלס רעדאקטאר פון דער ציימונג, איז אויסגעוויילט געווארן אן ערנסטער און איבערגעגעבענער יונגערמאן מיט׳ן נאמען דייוויד ניקאל.

פארשטייט זיך, מיט דעם צוריקציען זיך פון וויליאם מאריס אן א זייט, האט די ציימונג באדייטנדיק פארלוירן. די אינטעליגענץ, וואס האט גע־לייענט די ציימונג נאר דערפאר, ווייל אין שפיץ איז געשטאנען דער באַ־רימטער פאעט און קינסטלער, האט פארלוירן איר אינטערעס ווען די ציימונג איז אריבער אין אנדערע הענט. אויך האט זי זיך אנגעהויבן נויטיקן שטארקער אין געלט. אבער די גענאסן פון דער „סאשעליסט ליג״ זיינען געווען העכסט צופרידן, ווייל זיי האבן ניט געוואלט האבן א ציימונג פאר פיינשמעקער, נאר פאר די גרויסע ארבייטער־מאסן, און זיי האבן געגלויבט,

אַז מיט זייער אָפּענעם דערקלערן די צייטונג אַלס אַנאַרכיסטישע, און מיט שרייבן אין עכט רעוואָלוציאָנערן גייסט, וועלן זיי ערשט מאַכן די „קאָמאָנ־וויל" פאַר דעם ווירקזאַמען אָרגאַן.

אין 1892 איז די צייטונג שוין געווען אַ לענגערע צייט דער פולשטענ־דיקער אייגנטום פון די גענאָסן; אָבער איר פינאַנציעלער צושטאַנד איז געווען גאָר ניט קיין גלענצנדיקער. מאָלט אייך, די דרוקעריי פון דער צייטונג האָט זיך געפונען אין דער וואוינונג פון גענאָסע טשאַרלס מאָוברי, וועלכער איז געווען בײַ פּראָפעסיע אַ שניידער, אָבער ער האָט מער אַגיטירט פאַר'ן אַנאַרכיזם, ווי ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין שניידעריי. איר קאָנט שוין פאַרשטיין וואָס פאַר אַ געבראָטענער אביון דאָס איז געווען. אָט דער מאָוברי איז דאָס אָפיציעל געווען דער אַרויסגעבער פון קאָמאָנ־וויל", און ניקאָל איר רעדאַקטאָר.

איז אָט ווען עס איז פאָרגעקומען דער וואָלסאָל פּראָצעס, און די וואָלסאָלער אַנאַרכיסטן זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו לאַנגע יאָרן צוכט־אַרבייט, („האַרד לייבאָר"), האָט ניקאָל, אונטער זיין נאָמען, אָנגעשריבן אַ פייערדיקן פּראָטעסט אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז דער ריכטער וואָס האָט זיי פאַראורטיילט מיט אַזאַ גרויזאַמקייט, און דער פּאָליציי־שפּיצל וואָס האָט זיי פּראָוואָצירט דערצו, און די גאַנצע חברה פון סקאָטלאַנד יאַרד און אינערן־מיניסטער, וואָס האָט מסכים געווען דערצו, זיינען ניט ראוי צו לעבן.

און אויפ'ן גרונט פון דעם דאָזיקן אַרטיקל זיינען עס ניקאָל און מאָוברי געשטעלט געוואָרן צום פּראָצעס. און בעת מאָוברי איז שפּעטער באַפרייט געוואָרן, ווייל ער האָט געקאָנט באַווייזן, אַז ער האָט גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם אַרטיקל, און אַז נאָכדעם ווי ער האָט אים איבערגע־לייענט האָט ער גלייך געזאָגט ניקאָל'ן, אַז ער איז מיט אים ניט איינפאַר־שטאַנען, איז דער בראַווער און זייער פעהיקער ניקאָל פאַראורטיילט גע־וואָרן צו 18 מאָנאַטן „האַרד לייבאָר".

דאָס אַלץ איז אַ טייל פון דער געשיכטע פון דער אַנאַרכיסטישער און אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאָנדאָן, און עס איז ניט מיין אויפגאַבע זיך צו פאַרשפּרייטן מער וועגן דעם. דאָ וויל איך נאָר אָנווייזן אויף דער ראָלע פון „אַרבייטער פריינד" אין דער פּאַסירונג. עס איז איבעריג צו זאָגן, אַז אויך מיין אָפּרופן זיך אויף דעם גאַנצן פּראָצעס איז געווען ניט אַ האָר וועניגער שאַרף ווי גענאָסע ניקאָלס; און וואָלט אונדזער אידישע באַוועגונג דאַן געווען געבענטשט מיט שפּיאָנען, וואָלט איך מסתמא פונקט אַזוי שלעכט אָפּגעשניטן.

און איך מוז זאָגן, אַז לויט ווי איך האָב דאַן געפילט, בין איך געווען פולשטענדיק גרייט צו ליידן. נאָר אַזוי ווי איך בין געבליבן געשאָנעוועט, האָב איך געטאָן אַלץ אַז מען זאָל זיך דערוויסן, אַז איך און דער „אַרבייטער

פריינד" זיינען אין דער פולסטער סאָלידאַריטעט מיט די גענאָסן פון „קאַמאַנוויל". אויסגעפירט האָב איך עס אויף פאָלגנדיקן אופן: אין דעם זעלבן טאָג, ווען די שפּיאָנען פון סקאָטלאַנד יארד זיינען באַפאַלן די וואוי־נונג פון גענאָסע מאָוברי, איז זיין פרוי געשטאָרבן פון שווינדזוכט. ווען די פּאָליס איז אַריין אין זיין וואוינונג האָט זי געפונען אים און זיינע פיר יתומים שטייענדיק אַרום דער טויטער פרוי און מוטער. נאַטירלעך האָט דאָס אויף אַ האָר ניט געשטערט דער פּאָליציי אין איר אַרבייט פון אַוועק־נעמען מאָוברין מיט אַלע מאַנוסקריפּטן און פאַרשיידענע נאַטיצביכלעך אין געפענגעניש.

דער ריכטער האָט אַנדערש ניט געוואָלט אַרויסלאָזן מאָוברין גיין צו דער לויה פון זיין פרוי, סיידן ער זאָל איינלייגן פינף הונדערט פונט אַלס משכן. די „בעיל" האָט איינגעלייגט וויליאַם מאָריס. איך האָב דאָס שטאַרק אויסגענוצט און אַנאָנסירט, אַז די לויה פון מרס. מאָוברי וועט אַרויסגיין פון בערנער סטריט קלוב, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַלע גאַסן אַרום זיינען פאַרפלייצט געוואָרן פון טויזנטער מענטשן. צו דער לויה האָט די פּרעסע אויך געשיקט אירע פאַרטרעטער, און די גאַנצע ניקאָל און מאָוברי־געשיכטע איז דורך דעם געוואָרן שטאַרק באַקאַנט. אויך איך, זייענדיק איינער פון די רעדנער אויפ'ן בית־עולם, און דער „אַרבייטער פריינד" האָבן געקראָגן זייער פּאַרציע פּאָפּולאַריטעט, און פון דאַן אָן האָב איך ניט איינמאָל געהאַט דעם מזל צו האָבן אַלס געסט אין רעדאַקציע אָפיס אַלערליי שפּיאָנען, וועלכע האָבן געזוכט מיט אַלע כחות אַריינצודרייען מיר און דעם „אַרבייטער פריינד" אין אַלערליי צרות, אָבער עס איז זיי קיינמאָל ניט געלונגען, ביז זיי האָבן מיר אויפגעגעבן אַלס „עי בעד דזשאָב".

10. מיינע שונאים און די שונאים פון „אַרבייטער פריינד" ווערן פאַרצווייפלט

דורך דעם גאַנץ אומדערוואַרטן דערפאָלג פון דעם נייעם אַנאַרכיסטישן „אַרבייטער פריינד", וואָס קאָן דערקלערט ווערן מיט דעם, וואָס צוערשט האָבן זיינע שונאים ניט דערוואַרט, אַז ער וועט זיך לאַנג האַלטן, און דערי־בער האָבן זיי אָפּגעשטעלט זייערע אַטאַקעס אויף אים, ווי איינער זאָגט: „ער וועט אַליין פּגרן"; און צווייטנס, ווייל עס האָט געפעלט דער פּערזענ־לעכער עלעמענט. די גענאָסן האָבן גאַנץ טריי געהיט דעם סוד פון מיין זיין דער רעדאַקטאָר. די שונאים, ניט זייענדיק קיין גרויסע מבינים אויף סטיל, האָבן זיי זיך ניט געכאַפּט, אַז דאָס איז דער אַרטש־פיינד יאַנאָווסקי אין שפּיץ פון דער אונטערנעמונג. און דריטנס, וואָס אַרום דער צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט די „פרייע אַרבייטער שטימע" אין ניו יאָרק, און

דער „אַרבייטער פריינד" איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן די איינציקע אַנאַר־כיסטישע צייטונג פאַר אַמעריקע און ענגלאַנד, און צוליב דעם האָט דער „אַרבייטער פריינד" צוגעקראָגן גאָר אַ סך לעזער און אויך נייע מיטאַרביי־טער פון אַמעריקע, ווי געגנאַסע עדעלשטאַט, באַוושאַוער, זיילין (פון באַפאַלאָ), באַבאַד, ראָזענבלום און מ. קאָהען, וועלכער איז שוין מיט אַ צייט צוריק געוואָרן אַ געטרייער פריינט פון אונדזער צייטונג און האָט, ווען ער האָט נאָר געקאָנט, געשריבן פאַר דער צייטונג, און אויך איר געשטיצט מאַטעריעל. און פערטנס, וואָס קראָפּאָטקין איז ענדלעך אַרויס־געקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז מען דאַרף ניט מורא האָבן פאַר שפּאַל־טונגען אין דער באַוועגונג, ווען זיי ווערן נאָר ניט אַרויסגערופן דורך אינ־טריגעס פון זעלבסטזיכטיקע פירער, נאָר פון דער פאַרשיידנקייט אין די אַנשויאונגען וועגן די צילן און אויפגאַבן פון דער באַוועגונג. עס איז שוין צייט — האָט ער דערקלערט —אַז עס זאָל זיך גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג מיט איר אייגענער פּרעסע און איר אייגענער פּראָפּאַגאַנדע.

די דאָזיקע דערקלערונג פון קראָפּאָטקין, וואָס ער האָט געמאַכט אין אַ בריוו צו דער אַנאַרכיסטישער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין גרינדן, האָט מיר פיל געהאָלפן אין מיין דעמאָלסטדיקער טעטיגקייט קעגן יענע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן געליאַרמט און געפּילדערט, אַז מיר, מיט אונדזער אָפּטיילן זיך, האָבן צעבראָכן די טייערע, הייליקע איינגקייט, וואָס האָט געהערשט ביז דאַן, און אַז פאָלגלעך האָבן מיר שטאַרק געשעדיקט די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם.

קראָפּאָטקין איז געווען אַ גאָר צו־גרויסע אויטאָריטעט. און ווען ער, מיט זיין דערקלערונג, האָט ווידערהאָלט דאָסזעלביקע וואָס איך האָב גע־טענה'ט, האָט עס אַרויסגענומען דעם ווינט פון זייערע זעגלען; און אויב זיי זיינען ניט צוגעשטאַנען צו אונדז און אונדז ניט געהאָלפן, זיינען זיי אָבער געבליבן פון דער ווייטנס און האָבן אונדז דירעקט ניט געשטערט.

אַגב, איז טאַקע אונדזער טעטיגקייט געוואָרן אַ העכסט לעבעדיקע און אינטערעסאַנטע אין לאָנדאָן. אונטער מיין איינפלוס זיינען נייע מענטשן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג אַלס אַקטיווע טוער, וואָס זיינען ביז דאַן ניט געווען. פיל פון זיי, ווי די געגנאַסן פרידענטאַל, בונד, גאָלד־בלאַט און אַנדערע, זיינען געוואָרן גאָר ניט קיין שלעכטע רעדנער, אַזוי אַז זיי האָבן געקאָנט פון צייט צו צייט מיר פאַרבייטן, און אויף אַן אופן שטאַרק פאַרלייכטערן מיין אַרבייט פון דער מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע. אַנדערע האָב איך געזען שיקן אין די יוניאָנס, אַזוי אַז איך זאָל קאָנען האָבן די ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן אַלץ וואָס דאָרט קומט־פאָר, און ניט דאַרפן פאַרלאָזן זיך אויף די אָפיציעלע באַריכטן. אַנדערע האָב איך געזען, אַז זיי זאָלן גיין אויף פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען, וואו דער קאַמפ־

נעצער מגיד און אַ געוויסער רעווערענד שעווטשיק האָבן געהאַלטן זייערע דרשות, און זען, אַז עס זאָלן ניט אָפּגיין גלאַט זייערע ליגנס וועגן סאָציאַ־ליזם און אונדזער אַרבייט צווישן די אידישע אַרבייטער, פאַר וועלכן צוועק די לאָנדאָנער אידישע קהלה האָט זיי געדונגען.

און זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן געטאָן אויסגעצייכנטע אַרבייט. צווישן דעם סאָרט טוער האָבן זיך אויסגעצייכנט די גענאָסן י. פּין, וועלכער איז ליידער צו־פרי געשטאָרבן, פינקוס, טשערטאָוו און פיל אַנדערע. זיי האָבן דורכגעפירט דעמאָנסטראַציעס אין פאַרשיידענע שולן — איבערהויפּט אין דער שול וואו ראַביי אַדלער, דער לאָנדאָנער רב־הכולל, איז געשטאַנען אין שפּיץ פון לאָנדאָנער אידנטום, און האָט געטאָן זיין בעסט צו פאַרשוואַרצן אונדז אין די אויגן פון די לאָנדאָנער אידן. גענאָסע טשערטאָוו, וועלכער איז געווען איינער פון די שטילסטע, אָבער אויך איינער פון די איבערגעגעבנסטע גענאָסן, האָט געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע צו דערגיין דעם קאַמענעצער מגיד און דעם רעווערענד שעווטשיק די יאָרן, אויפפאָדערנדיק זיי צו אַ דעבאַטע מיט מיר. נאַטירלעך, האָבן זיי זיך אָנטזאָגט, אַרויסדרייענדיק זיך מיט פאַרשיידענע תירוצים. טשערטאָוו אָבער האָט זיי ניט צורו־געלאָזט אַזוי גיך, ביז עס איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען, אַז זיי האָבן פּשוט מורא צו באַגעגענען זיך מיט אונדז אויף איין פּלאַטפאָרם, און אַז זיי קאָנען נאָר בילן אויף אונדז אונטער די אויגן.

אין יענער צייט האָט סעמועל מאָנטאַגיו — ער איז נאָך דאַן ניט געווען קיין לאָרד, ער האָט נאָר געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַ מעמבער אָוו פּאַרלאַמענט — זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די אידישע יוניאָנס. עס איז אמת, אַז ער האָט פון די דעמאָקראַטיקע אידישע אַרבייטער קיין „וואָוטס" ניט געקאָנט דערוואַרטן, ווייל גאָר ווייניג אידישע אַרבייטער זיינען געווען בירגער, וועלכע זאָלן קאָנען שטימען פאַר אים. אָבער דער פיינער מאַן האָט געוואָלט ווייזן דער גרויסער וועלט אין אַלגעמיין וואָס פאַר אַ פּאַטריאָט ער איז, און ווי ער אַרבייט עס מיט אַלע כחות צו ראַ־טעווען ענגלאַנד פון דער שרעקלעכער „אַנאַרכיסטישער רעוואָלוציע".

אין דעם דאָזיקן שטרעבן זיינעם האָט אים פיל געהאָלפן דער סעק־רעטער פון דער „בוט־פינישערס יוניאָן" — פאַר וואָס איך האָב דעם דאָזיקן נפש באַקעמפט מיט אַלע מיינע כחות.

אויף איין פאַרזאַמלונג אַזעלכער, וואו סעמועל מאָנטאַגיו איז געווען דער טשערמאַן, האָט מיין לייטענאַנט פין געמאַכט אַזאַ טומל, אַז די פאַר־זאַמלונג האָט זיך געמוזט אויפלייזן. אויף אַ צווייטער פאַרזאַמלונג, וואו קאַפּיטאַל האָט זיך געזאָלט אַרויסווייזן אַלס גרויסער פריינד פון די אַר־בייטער, און די אַנאַרכיסטן אַלס זייערע ערגסטע שונאים, איז די מהומה געוואָרן אַזוי גרויס, אַז סעמועל מאָנטאַגיו און די פאַרשיידענע רעווערענדס

אויף דער פּלאַטפאָרם האָבן געמוזט מיט חרפה פאַרלאָזן דעם האָל. דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן, אָבער אין דער פינסטער זיינען אונדזערע רעדנער באַלד געווען אויף דער פּלאַטפאָרם, און דער אַרבייטער־עולם האָט מיט באַגייסטערונג זיי אויסגעהערט, און אַלץ אין דער פינסטער. ערשט ווען אַלע די וואָס האָבן דערקלערט אונדזערע פּרינציפּן, און אַז וואָס מיר באַצוועקן איז צו מאַכן אַ סוף צו דער שענדלעכער סוועטעריי פון די אַר־בייטער, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין די אידישע טריידס, האָבן פאַרענדיגט זייערע רייד, האָט זיך די פאַרזאַמלונג געענדיגט.

אויף דער גאַס האָבן אויף זיי געוואַרט אַ גאַנצע מחנה פּאָליציי, וואָס איז געקומען אַרעסטירן אייניקע פון אונדזערע אָנפירער; אָבער זעענדיק די גרויסע מאַסע אַרבייטער, וואָס איז געווען אַרום זיי ווי אַן אייזערנע וואַנט, און, באַגרייפנדיק, אַז זיי וועלן דאָ ניט האָבן קיין לייכטן „דזשאָב", האָבן זיי זיך שנעל צוריקגעצויגן.

פון דעם אַלעמען וועט איר קאָנען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ דאָרן אין די אויגן פון די אידישע בורזשויען אונדזער אַרבייט איז געווען צווישן די אַרבייטער.

דאַן איז זיי געקומען צו הילף אונדזער אַלטער שונא, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. איינזעענדיק אַז דער „אַרבייטער פריינד" לעבט זיין שטאַרקסטן לעבן, ווי ער האָט עס נאָך קיינמאָל ניט געלעבט; און מורא קריגנדיק, אַז מיט דער צייט זאָלן מיר ניט פאַרכאַפּן די גאַנצע ממשלה איבער די אַרבייטער אין לאָנדאָן, האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט נייע כחות און האָבן אויפסניי אָנגעהויבן אַרויסגעבן זייער מאָנאַטלעכן זשורנאַל „די פּרייע וועלט", און דאָס מאָל אונטער דער רעדאַקציע פון מ. באַראַנאָוו. אויך האָבן זיי געגרינדעט זייער אייגענעם קלוב אויף קריסטיע סטריט. רעכענענ־דיק, אַז אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן האָבן דעם איינציקן קלוב אין לאָנדאָן, וועט ער נויטיקערווייז מוזן בלייבן דער צענטער פון דער אַרבייטער־באַ־וועגונג, — האָבן זיי באַשלאָסן צו גרינדן זייער אייגענעם אָרגאַן אונטערן נאָמען „דער וועקער".

אָבער וועגן דעם אַביסל שפּעטער. דאָ וויל איך דערציילן די געשיכטע פון מיין „לאָך אין קאָפּ", וואָס איך האָב געקראָגן איין געוויסן מיטוואָך, גייענדיק אַרום אַ זייגער עלף ביינאַכט פון דער רעדאַקציע, וואו איך האָב געשלאָסן דעם „אַרבייטער פריינד" פאַר יענער וואָך.

איך האָב דעמאָלט געוואוינט אין די באַרימטע ברייידי סטריט בילדינגס. כדי צו קומען אַהיים האָב איך געדאַרפט דורכגיין באַקס ראָו, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ ליידיקער סקוועד, וואו זעלטן ווען איינער איז פאַרבייגעגאַנגען, איבערהויפּט שפּעט ביינאַכט. גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט האָב איך פּלוצלונג דערפילט אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ שווערער זאַך איבערן

קאָפּ, און איך בין אינגאַנצן באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט. איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צו מיין וואוינונג.

איך לאָז עס איבער צו דער פאַרשטעלונג פון די לעזער, וואָס מיין פרוי האָט געפילט, ווען זי האָט מיך דערזען אין אַזאַ צושטאַנד. איר געשריי פון שרעק קלינגט נאָך איצט אין מיינע אויערן. ווען זי האָט מיר אָרומגעווישט און פאַרשטאָפּט די לאָך מיט אַ שטיק וואַטע, האָט זי מיר אָוועקגעפירט אין לאַנדאָן האָספּיטאַל, וועלכער איז גליקלעכערווייז געווען ניט ווייט פון אונדזער וואוינונג. דאָרט האָט מען מיר באַלד פאַר־נייט די וואונד אין קאָפּ מיט עטלעכע „סטיטשעס״, און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ „וויסיאָוס בלאָו״, ווען זיי וואָלטן געטראָפן מיט איין פערטל צאָל ווייטער, וואָלט עס געווען פאַרביי מיט מיר.

איך האָב געמוזט ליגן אַ גאַנצע וואָך אין בעט, און פון בעט האָב איך געמוזט אַלץ פאַרטיק מאַכן פאַר דער צייטונג, אַזוי אַז זי זאָל קאָנען דער־שיינען אין צייט, און אונדזערע ביטערע און פאַרצווייפלטע שונאים זאָלן ניט קאָנען זיך באַרימען, אַז עס איז זיי כאָטש פאַר איין וואָך געלונגען אָפּצושטעלן דעם „אַרבייטער פריינד״.

איך האָב זיך באַנוגנט בלויז מיט אַריינשטעלן אין דעם נעקסטן נומער „אַרבייטער פריינד״ דעם פאָלגנדיקן נאָטיץ:

„אין שטעדטל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין שוין טויט. די דאָזיקע ציילן וועלן איבערצייגן, אַז דער קלאַנג איז אַזוי אמת, ווי פיל אַנדערע קלאַנגען וועגן מיר. די געשיכטע איז פאָלגנ־דע: פאַריגן מיטוואָך אָוונט, גייענדיק פון דער רעדאַקציע, בין איך באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַנדע מענטשן. מאַכנדיק מיר אַ לאָך אין קאָפּ, זיינען זיך יענע העלדן צעלאָפן. דאָס איז געשען אַזוי פּלוצלונג פאַר מיר, אַז איך האָב קיין געזיכט פון יענע מענטשן ניט געזען. מען קאָן זיך פאַרשטעלן, אַז אַ לאָך אין קאָפּ איז ניט קיין שפּאַס. אָבער איצט בין איך ווידער געזונט . . . יעדנ־פאַלס, איך האָף ביז נעקסטע וואָך צו זיין פולשטענדיק פעאיג פאָרט־צוזעצן מיין אַרבייט, ווי עס איז געווען ביז איצט.״

די גענאָסן וואָס זיינען געשטאַנען מיט מיר זיינען געווען שרעקלעך אויפגערעגט; ווען איך וואָלט זיי געקאָנט געבן די מינדסטע אָנווייזונג, ווער עס זיינען געווען מיינע באַפאַלער, וואָלט זיכער גאַנץ גיך געשען אַ מאָרד. און איך בין זיך מודה, אַז ווען איך וואָלט דאָס געקאָנט, וואָלט איך זיך געהיט פון געבן זיי אַ סליאַד פון די וואָס האָבן געזאָלט זיין מיינע מערדער. אָבער דער אמת איז, אַז איך האָב ווירקלעך ניט געקאָנט מיט וועלכער עס איז באַשטימטקייט אָנווייזן אויף ווערמען עס איז. איך האָב געהאַט גאָר אַ סך שונאים, און פון גאַנץ פאַרשיידענע מינים, אַז איך זאָל קאָנען אַפילו גאָר טראַכטן, אַז אָט די און ניט קיין אַנדערע האָבן עס געטאָן. עס האָבן

געקאָנט זיין די שול־אידן און די מייסטערלעך, די סוועטערלעך און די כלי־קודש, קעגן וועמען מיר האָבן געפירט אַזאַ ביטערן קאַמף. גראָד איז עס אויסגעקומען אַ וואָך נאָך יום־כפור, ווען איך האָב אין בערנער סטריט קלוב געדאַוונט כל־נדרי אויף מיין פאַסאָן, און נאָך איידער איך האָב מיין רעדע געענדיגט איז דער קלוב געשטורמט געוואָרן פון אַ באַנדע לויפערס. זיי האָבן אָבער גאָר שלעכט אָפּגעשניטן אין קלוב, וואו מיר האָבן געהאַט אַלס מיטגלידער אייניגע אמת׳ע גבורים.

צווישן זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט: גענאָסע אייגעל, וועלכער האָט געהאַט אַ האַנט, איז עס געווען אמת אייזן; און דאָן גענאָסע פּערמוט, וועלכער האָט אין רוסלאַנד געקאָנט איינער אַליין פאַרטיק ווערן מיט צען געזונטע גוים. קליין־געוויקסיק ווי ער איז געווען, איז ער געווען שטאַרק ווי אַ דעמב און פלינקער ווי דער ווינט וואָס לויפט 100 מייל אַ שטונדע, און שטאַרק ווי ער איז געווען, איז נאָך שטאַרקער געווען זיין ליבע צו מיר. ער וואָלט פאַר מיר זיך מוסר נפש געווען. אַחוץ די צוויי זיינען געווען נאָך אַנדערע געזונטע אינגלעך, פון וועמען עס איז ממש געווען געפערלעך צו קריגן אַ קלאַפּ. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די חברה לויפער, וועלכע זיינען באַפאַלן דעם קלוב, זיינען ממש צע׳מזיק׳ט געוואָרן, און אַזוי שנעל און גרינטלעך, אַז מיר, אינעווייניק, האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם פּאָגראָם ווען עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען. איך האָב דעריבער געקאָנט דענקען, אַז מיינע באַפאַלער זיינען געווען פון דער ראָזענבערג גענג, וואָס האָט מיר שוין לאַנג צוריק געוואָרנט, אַז איך זאָל זיך ריכטן אויף אַ מיתה משונה. איך האָב דעריבער אויך געקאָנט דענקען, אַז ענדלעך האָבן זיי געהאַלטן וואָרט און מקיים געווען די מצוה פון באַפרייען די אַרבייטער באַוועגונג פון דעם געפערלעכסטן שונא אירן.

איך האָב אָבער אויך געקאָנט דענקען, אַז דאָס זאָל זיין די אַרבייט פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן. גראָד דאַן האָב איך פאַרענדיגט אין אייניקע נומערן „אַרבייטער פריינד" מיין קריטיק אויף דער „פרייע וועלט", וועגן וועל־כער פיל זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז איך האָב זיי פּשוט פאַרניכטעט. אַז זיי האָבן צו מיר געפילט אַ טויטלעכן האַס זאָל דינען פאָלגנדיקער פאַקט: באַראַנאָוו איז אַרום יענער צייט געפאָרן קיין פּאַריז, כדי צו קריגן שטיצע פון די פּאַריזער אַרבייטער פאַר׳ן „וועקער", פון וועלכן ער האָט עס געזאָלט זיין דער רעדאַקטאָר. געקומען איז ער כלומרשט האַלטן אַ רעדע איבער דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם; אָבער באַלד איז ער אַריבער צו דער טעמע יאַנאָווסקי, און אָנגעגריפן מיר מיט די שענדלעכסטע נעמען. „דער ערגסטער לומפּ, וואָס האָט ווען געלעבט". איך בין נאָך ביז דאַן קיינמאָל אין פּאַריז ניט געווען, און קיינער פון די אנוועזנדע האָט מיר פּערזענלעך ניט געקענט. פונדעסטוועגן, הערנדיק אַזאַ בייזע אַטאַקע אויף אַ מענטשן, האָבן ניט נאָר די אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען געקומען,

נאר אויך די גאנצע פארזאמלונג געפאדערט באווייזן. דער סוף איז געווען, אז באראנאוו האט זיך געמוזט אפטראגן מיט חרפה פון דער פארזאמלונג. אזא שנאה האט געברענט אין מיינע אידייען־געגנער, און איך האב דעריבער געקאנט גאנץ גוט גלויבן, אז דאס איז זייער שטיקל ארבייט, ווייל אלערליי באד־יונגען און לומפן האבן צו יענער צייט ניט געפעלט ביי זיי. איך האב דעריבער געהאט, און געקאנט האבן, א פארדאכט אויף גאר א סך, אזוי גוט ווי אויף קיינעם ניט. איך האב דערפאר געבעטן די גענאסן ניט צו טראכטן מער וועגן דעם און פארגעסן אן דער גאנצער געשיכטע.

איך מוז אבער זאגן, אז מיינע גענאסן זיינען ניט צופרידן געווען צו פארשווייגן די דאזיקע שאנד־טאט, און פון דעם אויסדרוק אויף זייערע פנימער איז געווען קלאר, אז זיי האבן ביי זיך אפגעמאכט צו טאן אלץ כדי אויסצוגעפינען די אמת׳ע שולדיקע, ניט אכטנדיק אויף מיין וואונטש דאס צו לאזן צורו. אבער די נעקסטע וואך איז אנגעקומען די טרויעריקע בשורה וועגן דעם טויט פון גענאסע עדעלשטאט; און פונקט ווי איך האב פארגעסן אן מיין לאך אין קאפ און קראנקהייט, זיך גענומען מאכן דעם טרויער־נומער, אזוי האבן אלע איבעריקע גענאסן פארגעסן אן אלץ, און אונדזער גאנצע אנהענגערשאפט איז געווען פארזונקען אין טיפסטן, שרעק־לעכסטן טרויער, וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלן. איך ווייס ניט אויב די גענאסן אין ניו יארק אדער אנדערשוואו האבן געפילט אזוי שטארק דעם פארלוסט ווי די גענאסן אין לאנדאן.

וועגן מיינע שונאים און די שונאים פון „ארבייטער פריינד" וועט מיר נאך אויסקומען צו ריידן; ווייל איך ווארענען די לעזער, אז זיי זאלן ניט מיינען, חלילה, אז איך טו עס כדי זיך אפצורעכענען מיט מיינע אמאליקע שונאים. א סך פון זיי זיינען שוין טויט, און מיט פיל פון זיי האב איך ענדלעך שלום געמאכט, אזוי אז אונדזערע פארהעלטענישן זיינען צימלעך פריינטלעכע. איך וואלט ניט געוואלט, אז עס זאל בלייבן דער איינדרוק ביי די לעזער, אז איך דענק וועגן זיי איצט, ווי איך האב דעמאלסט גע־דענקט. אין גאר פיל הינזיכטן האבן זיך מיינע מיינונגען וועגן וועלט און מענטשן געענדערט. דאסזעלביקע האט פאסירט אויך מיט מיינע אמאליקע פארפאלגער. די געשיכטע ווערט ניט געשריבן כדי ארויסצו־שטעלן די אדער יענע אין א שלעכטן ליכט, און אנדערע אין א שיינעם ליכט. ניין, דער צוועק איז צו געבן א ריכטיק בילד, ווי איך האב עס געזען אין יענער צייט; ווי אזוי די ענדערונגען אין מיר און אין אנדערע זיינען פארגע־קומען ביסלעכווייז, און מאנכעסמאל גאנץ אומבאמערקט אין די שפעטער־דיקע יארן.

דאס וועלן די לעזער אויסגעפינען מישנדיק ווייטער די בלעטער פון מיין לעבנס־געשיכטע. דערווייל אבער לאמיר דערציילן וועגן עדעלשטאט׳ס

לויה אין לאנדאן, וואס איז געווען דער פאקטאר פון א באדייטנדיקער אויפ־לעבונג פון אונדזער באוועגונג.

11. עדעלשטאט׳ס גרויסער איינפלוס אויף די לאנדאנער אידישע ארבייטער

איך בין נאך ביז היינטיקן טאג ביי זיך ניט קלאר פארוואס עדעל־שטאט׳ס טויט האט געמאכט אזא געוואלדיקן איינדרוק אויף טויזנטער אידישע ארבייטער אין לאנדאן: צי איז דאס געווען דערפאר וואס ער איז געשטארבן אזוי יונג, אדער דערפאר וואס זיינע לידער און דערציילונגען זיינען געווען אזוי צוגעפאסט צו דעם דעמאלסטדיקן פילן און דענקען פון די גאנץ איינפאכע אבער שטארק־פילנדיקע הארעפאשניקעס. אדער, איז עס געווען דערפאר, ווייל עדעלשטאט איז זיי געווען באקאנט בלויז פון זיינע שריפטן; זיי האבן אים ניט געקענט פערזענלעך, און זיי האבן זיך אין זייער פאנטאזיע אויסגעמאלט א גאנץ אנדער מענטשן, ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט?

זאל די לעצטע השערה מיינע ניט אויסגעטייטשט ווערן, אז עדעלשטאט האט פארלוירן אין זיין באדייטונג דורך א נענטערער באקאנטשאפט מיט אים, ווי דאס איז, ליידער דער פאל מיט גאר א סך מענטשן. פונקט פארקערט: עדעלשטאט׳ס גאנצע דערשיינונג האט געמאכט א טיפן איינדרוק אויף יעדן וואס האט געהאט די זכיה באקאנט צו ווערן מיט אים. עס איז געווען עטוואס מאגנעטישעס אין זיין פערזענלעכקייט, וואס האט איינעם גלייך צוגעצויגן צו אים. ער, מיט זיין מערקווירדיקן אויסזען און מיט זיין גאנצער האלטונג, האט אייך געמאכט פילן, אז ער איז אבסאלוט ערנסט, אז יעדעס ווארט וואס ער זאגט ארויס, מיינט ער עס מיט׳ן גאנצן הארצן; אז ער איז ניט א געוויינלעכער גראמענפלעכטער, נאר א קעמפער אין בוכשטעבלעכן זין פון ווארט. קורץ, זיין דערשיינונג האט אויף אייך גע־מאכט דעם איינדרוק, אז איר זעט פאר זיך א מענטשן, וועמעס האנדלונגען און גרויסע ווערטער זיינען אין דער שענסטער און העכסטער הארמאניע. אמת, פאר די וואס האבן אים נענטער געקענט, האט ער אפט אויסגעזען צו זיין שוין אביסל צו־נאאיוו, צו־ווייט פון אונדזער זינדיקער ערד; אבער פאר די געגנאסן פון יענער צייט — ווען אלע זיינען געווען שטיקלעך טרוימער — איז דאס גראד ניט געווען קיין גרויסער חסרון. מען האט אים דערפאר דעסטא מער געאכט און געשעצט. פונדעסטוועגן האט אים די נאענטקייט ביסלעכווייז געמוזט מאכן אביסל וואכעדיקלעך אין די אויגן פון מאנכע ניו יארקער גענאסן.

זיינען דאך אפילו אין יענע צייטן אנגעגאנגען פארשיידענע אינטריגעס

קעגן די, וואָס האָבן זיך מיט עטוואָס אויסגעצייכנט. עס קאָן זיין, אַז פיל האָבן גאָר פאַרגעסן ווי אַט דער עדעלשטאַט האָט ממש געהונגערט און געאַרבייט מיט אַלע שוואַכע כוחות זיינע, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, כדי אַרויסצוברייגען די „פרייע אַרבייטער שטימע" וואָך־וועכנטלעך אונטער די שווערסטע אומשטענדן. עס קאָן זיין, אַז עדעלשטאַט, אַלס רעדאַקטאָר, האָט זיך געמאַכט אַ היפּש ביסל שונאים צווישן די, וועמעס שאַפונגען ער האָט געמוזט צוריקווייזן, ווייל זיי האָבן געטויגט אויפ׳ן פייער. דערפאַר קאָן עס זייער געמאָלט זיין, אַז דער טויט האָט אויף די ניו יאָרקער גענאָסן ניט געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק. אגב קאָן זיין, אַז אין ניו יאָרק האָט מען שוין לאַנג געוואוסט, אַז עדעלשטאַט איז פאַראורטיילט צום טויט דורך דער פּראָלעטאַרישער קראַנקייט, און זיין טויט איז ניט געקומען פאַר זיי פּלוצלונג. ער האָט זיי ניט געטראָפן ווי אַ בליץ פון לויטערן הימל.

ניט אַזוי אָבער איז געווען דער פאַל מיט די לאָנדאָנער גענאָסן. זיי — פון אַלץ וואָס זיי האָבן געהערט און געלייענט פון אים און וועגן אים — האָבן אים געהאַלטן בוכשטעבלעך פאַר אַ הייליקן, פאַר דעם נביא אין אונדזער באַוועגונג. זיי האָבן אויך אַ קנאָפּע אָנונג געהאַט ווי ערנסט קראַנק ער איז. יאָ, זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז שווינדזיכטיק, און אַז דערפאַר איז ער אין דענווער; אָבער זיי האָבן דערוואַרט, אַז ער קאָן נאָך צוריק געזונט־ווערן. וואָרים — האָבן זיי גערעכנט — ווען זיין פאַל וואָלט געווען אַזוי האָפנונגסלאָז, וואָלט דאָך זיין פאַרלאָזן ניו יאָרק פאַר דענווער געווען אינגאַנצן האָפענונגסלאָז, זינלאָז. דערצו האָט ער אין „אַרבייטער פריינד" געשריבן אָפט — יאָ, אַ וואָך איידער מיר האָבן געקראָגן די בשורה פון זיין טויט, איז דערשינען אין „אַרבייטער פריינד" איינס פון זיינע פּרעכטיגע לידער. דער טויט פון עדעלשטאַט איז דעריבער געווען פאַר די לאָנדאָנער גענאָסן עפּעס אומדערוואַרטס, און דערפאַר איז דער איינדרוק פון דער טרויעריקער בשורה געווען שטאַרקער.

איך געדענק נאָך, ווי דאָס וואָלט איצט געווען, ווען מען האָט מיר די טעלעגראַם, וואָס קאַפּעלאָוו האָט מיר צוגעשיקט אויפ׳ן אַדרעס פון בערנער סטריט קלוב, געבראַכט אין מיין היים, וואו איך בין געלעגן אויפ׳ן קראַנקן־בעט נאָך דעם ווי איך האָב פון חברה געקראָגן די לאַך אין קאָפּ. אַזוי שנעל ווי איך האָב געקראָגן די שרעקלעכע בשורה בין איך אַזוי אויפ־געטרייסלט געוואָרן, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן מיין אייגענער שלאָפ־קייט, האָב זיך אויפגעהויבן פון בעט, ווי עס איז אָנגעטאָן, און מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ אַוועק אין דער רעדאַקציע, כדי פאַרטיק צו מאַכן דעם טרויער־נומער, און ערשט ווען דער נומער „אַרבייטער פריינד" איז אַרויס פון מיינע הענט האָב איך דערפילט וויפיל געזונט ער האָט מיר געקאָסט. דער פאַקט איז, אַז מיט צוויי טעג שפּעטער, ווען עס איז אָפּגע־

האלטן געווארן דער מעמאריאל מיטינג, האב איך קוים געקאנט שטיין אויף מיינע פיס, און האב זיך געמוזט, אין מיטן פון הספד, אפשטעלן, און דאן ערשט ענדיגן אלץ וואס איך האב געוואלט און געפילט צו זאגן וועגן דעם גרויסן פארלוסט, וואס אונדזער באוועגונג האט געליטן דורך דעם פריי־צייטיקן טויט פון גענאסע עדעלשטאט.

איך וויל אבער זאגן, אז מיין רעדע איז גראד ניט געווען פון מיינע געלונגענע רעדעס. איך האב פשוט ניט געהאט דעם נויטיקן כח צו געבן אויסדרוק מיינע געפילן. אבער דאס האט ניט געשטערט, אז די פארזאמ־לונג זאל זיין די איינדרוקספולסטע, וואס מיר האבן ווען געהאט.

עס האט פאסירט איינע פון די מערקווירדיקסטע זאכן, וואס מיר איז אויסגעקומען מיטצומאכן אין אונדזער באוועגונג. עס איז כדאי איך זאל איר דא דערציילן.

צווישן די גענאסן איז געווען איינער א שטיינבערג, א סטאלער ביים טרייד, איינער פון די איבערגעגעבנסטע און שטילסטע גענאסן, וואס איך האב געקענט. ניט נאר האט ער קיינמאל ניט גענומען אווארט אין אירגענד וועלכער דיסקוסיע, נאר זעלטן ווען מען האט געהערט א ווארט פון אים, אפילו אויף א געשעפטס־מיטינג, אזוי, אז מיר האבן אלע גערעכנט, אז דער מענטש קאן קיין צוויי ווערטער ניט ארויסריידן עפנטלעך. היינט שטעלט זיך פאר אונדזער אלעמענס שטוינען, ווען פלוצלונג האבן מיר געזען דעמזעלבן שטיינבערג ארויפגיין אויף דער פלאטפארם, צוערשט דע־קלאמירנדיק עדעלשטאט׳ס „צוואה", און דאן אנהויבנדיק ריידן און דערציילן אין די איינפאכסטע ווערטער, וואס פאר א באדייטונג עדעלשטאט׳ס שאפן האט געהאט פאר אים אין זיין גרויען ארבייטער־לעבן. ער האט גערעדט און טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן, און צוזאמען מיט אים האט די גאנצע פארזאמלונג זיך פאנאנדערגעוויינט.

אזא רושם האט עדעלשטאט׳ס טויט געמאכט אויף די לאנדאנער אי־דישע ארבייטער. עדעלשטאט׳ס טויט האט גאר אויפסניי גאלוואניזירט צו א שטארק לעבן און טעטיגקייט גאר פיל גענאסן. און וואס נאך וויכ־טיקער איז, די גענאסן, וועלכע זיינען געווען אונדזערע געגנער ביז דאן, האבן ניט געהאט דעם נויטיקן מוט צו ארבייטן קעגן אונדז. אפשר האבן זיי אינדערשטיל געארבייט קעגן אונדז, אבער עפנטלעך האבן זיי זייער געגנערשאפט אפגעשטעלט.

יא, קליין ווי דער „ארבייטער פריינד" איז געווען — אינגאנצן 4 זייטן — איז אבער זיין איינפלוס, זיין פרעסטיזש געוואקסן פון וואך צו וואך, און אונדזערע פרינציפיעלע געגנער האבן זיך געפילט כמעט ווי פארצווייפלט. זיי האבן געארבייט מיט אלע כחות קעגן אונדז, אבער עס איז ניט געווען קיין הצלחה אין זייער ארבייט. וואס זיי האבן אונטערגענומען איז געווען א דורכפאל.

12. ווי מיר גיבן-אויף דעם קלוב

אַרום דער צייט האָבן מיר אויפגעגעבן דעם כמעט היסטאָרישן בערנער סטריט קלוב און האָבן אַריבערגעפירט אונדזער דרוקעריי אין אַן אַנדער פּלאַץ.

אונדזערע שונאים האָבן פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז מיר האָבן אויפ־געגעבן דעם קלוב, ווייל מיר זיינען געווען געצוואונגען דורך די שלעכטע „ביזנעס״ וואָס דער קלוב האָט געמאַכט. דאָס איז אָבער געווען ניט אמת. דאָס הויז, וואו דער קלוב איז געווען, איז געווען צר־אַלט, כמעט אַ חורבה. מען האָט אונדז געהייסן זיך זוכן אַן אַנדער פּלאַץ, ווייל דער אייגנטימער גייט דאָס הויז אַרונטערוואַרפן. פונדעסטוועגן וואָלטן מיר נאָך פאַרבליבן אַ שטיקל צייט, ביז מיר וואָלטן געפונען אַ נייעם פּלאַץ; אָבער אין דער לעצטער צייט איז אונדז זייער ניט געגאַנגען אין קריגן דעם ריכטיקן סטואַרד. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן, און זיי האָבן ניט געשאַנקען דעם קלוב די נויטיקע אויפפּאַסונג, אַזוי אַז דער קלוב האָט אונדז ניט געבראַכט דעם קליינעם אָבער זיכערן איינטראַג פון די פריערדיקע צייטן. דער לעצטער סטואַרד אונדזערער, געדענק איך, איז געווען אַן ענגלישער גנאָסע מיט׳ן נאָמען (טעד) לעגאַט. ער איז געווען אַ פיינער יונגערמאַן און אויך ניט קיין שלעכטער „סטאַמפּ״־רעדנער; ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן חסרון: ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומקריגן זיך מיט דער ווייב זיינער. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער האָט גוטע אורזאַכן צו זיין אייפערזיכטיק אויף איר. און איך וועל ניט שווערן, אַז ער איז געווען אינגאַנצן אומגערעכט. אָבער גערעכט צי ניט, אין קלוב זיינען פאַרגעקומען אָפטע סקאַנדאַלן צוליב דעם. אייניקע גענאָסן האָבן אויך באַהויפּטעט, אַז עפּעס איז ניט אינגאַנצן כשר ביי דער „באַר״: אַט האָט געפעלט — לויט חשבון — אַ היפּש ביסל ביר, און אַט איז נעלם געוואָרן אַ פלאַש שנאַפּס. דאָס עסן, וואָס די סטואַרדיכע פלעגט צוגרייטן פאַר די גענאָסן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע קעכינס (ווייבער בלע״ז), האָט זיי אויך ניט געשמעקט. די סטואַרדיכע איז געווען אַן אירלענדערקע, און די מערסטע קאָסטימער אונדזערע זיינען געווען אידישע קינדער. (כאָטש פון זייער שטאַנדפּונקט זיינען זיי געווען בלויז אידיש־שפּרעכנדיקע, האָט דאָס אָבער ניט געהאָלפן צו מאַכן פאַר זיי איר „אייריש סטיו״ באַזונדערס געשמאַק). אחוץ אַלעמען האָט אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן אַריינקומען אין קלוב אַן עלעמענט, וואָס איז אין אונדזערע אויגן געווען ניט קיין זייער ווינשענסווערטער, מיט וואָס דער נייער סטואַרד גענאָסע לעגאַט איז לחלוטין ניט געווען איינ־פאַרשטאַנען, ווייל זיי זיינען געווען אויסגעצייכנטע קאָסטימער ביי דער באַר.

אָבער מערקווירדיק, שטאַרקע אינטערנאַציאָנאַליסטן, און זאָגאַר קאָס־

מאָפּאָליטן, ווי מיר זיינען דאָן געווען, דאָך, וואָס אין די אויגן פון גענאָסע לעגאַט׳ן איז געווען אַ גרויסע מעלה, איז אין אונדזערע אויגן געווען אַ גרויסער חסרון. דערזעלבער גענאָסע לעגאַט האָט אויך ניט געקאָנט פאַר־שטיין פאַרוואָס עס פאַרדריסט אונדז וואָס ער שלאָגט זיך טעגלעך מיט זיין ווייב. וואָס איז דאָס אונדזער עסק? ער האָט אין זיין באַהאַנדלונג פון דער פרוי ניט געזען דעם מינדסטן ווידערשפרוך צו אונדזערע פּרינציפּן.

און אָט צוליב דעם אַלעמען האָבן מיר באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם קלוב נאָך איידער מיר זיינען געווען געצוואונגען, און איידער דער דאָך איז איינ־געפאַלן איבער אונדזערע קעפּ.

פאַרשטייט זיך, אונדזערע שונאים זיינען געווען מלא שמחה. זיי האָבן שוין זיכער גערעכנט, אַז זייער קלוב אין קריסטי סטריט וועט ערשט רעכט אויפבליען, און זיי וועלן דאָרט מאַכן סיי גלענצנדע פּראָפּאַגאַנדע און סיי גוטע ביזנעס פון אַלע זייערע דערוואַרטונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. קיין מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע האָבן זיי ניט געקאָנט אָנפירן, ווייל עס האָט זיי געפעלט דאָס סאַמע נויטיקע — זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעדנער. באַראַנאָוו האָט פּשוט ניט געקאָנט אַ מויל עפענען אין דער עפנטלעכקייט; ווינטשעווסקי — ניט ער האָט געקאָנט ריידן און ניט ער האָט געטאָרט. (צוליב זיין שטעלע האָט ער ניט געטאָרט אויפטרעטן עפנטלעך). פייגענבוים איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע (אַחוץ דעם איז ער ערשט געוואָרן אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַלדעמאָקראַט ווען ער איז שוין געווען אין ניו יאָרק אָנגעשטעלט אַלס שרייבער אין דער „אַרביי־טער־צייטונג“. ווען ער איז געווען אין לאָנדאָן האָט ער ניט נאָר זיך באַ־טראַכט אַלס אומפּאַרטייאיש, נאָר ער איז געווען גיכער געניגט צו די אַנאַרכיסטן).

איך וואָלט זייער ניט געוואָלט, אַז דער לעזער זאָל פון מיינע לעצטע ווערטער ציען אַ פאַרדאַכט, אַז פייגענבוים איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ פאַר־ברענטער סאָציאַלדעמאָקראַט צוליב דער קלאָגעדיקער פּרנסה. אמת, דע־מאָלט האָב איך אַזוי געגלויבט, און איך האָב אים זייער טיף און ביטער אָנגעגריפן אין „אַרבייטער פריינד“. איך האָב דעמאָלט באמת אַזוי געגלויבט און האָב זיך פולשטענדיק געפילט באַרעכטיקט אין מיין אַטאַקע. אָבער איצט, אַז איך נעם אין אַנבאַטראַכט אַלע אומשטענדן, מוז איך צוגעבן, אַז איך האָב אים געטאָן אַן אומרעכט.

דער פאַקט איז, אַז לויט זיין טעמפּעראַמענט און לויט זיין גאַנצן גייסטיקן מהות האָט פייגענבוים געהערט צו דעם טיפּ מענטשן, וואָס לאָזן זיך לייכט באַאיינפלוסן. אַ היפּשן חלק אין דעם האָט געהאַט זיין איינגעבוירענע גוטהאַרציגקייט און די העכסטע מענטשנפריינדלעכקייט. איך האַלט פאַר נויטיק צו ברענגען דאָ אַ פּאָר ביישפּילן, וועלכע זיינען מיר באַקאַנט.

עס האָט פּאַסירט, אַז פייגענבוים האָט זיך דערלויבט צו נעמען וואָ־

קיישאַן אויף אַ פּאָר וואָכן. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז ער האָט דאָס כשר פאַרדינט. וואָרים אַחוץ דעם וואָס ער איז געווען איינער פון די פּרוכטבאַרסטע שרייבער אין „אַרבייטער פריינד“, איז ער אויך געווען דער באַליבטסטער רעדנער; און וואו עס איז נאָר געווען אַן אַרבייטער־פאַרזאַמ־לונג, אַ סטרייק, דאָרט איז אויך געווען פייגענבוים אַלס רעדנער. דערצו האָט ער געהאַט וועכנטלעכע לעקטשורס אין קלוב; און זיינער אַ לעקטשור איז געווען אמת'ע האַרעוואַניע. אַ לעקטשור זיינער האָט געדויערט ניט ווייניגער ווי צוויי, און אַמאָל אויך דריי שטונדן — און דאָס אויף דער העכסטער אָקטאַווע — און דערנאָך האָט ער געדאַרפט פאַרענטפערן אַלער־ליי פראַגן, און אויך דעבאַטירן. קורץ, ער האָט כשר פאַרדינט זיינע דרייצן שילינג, וואָס ער האָט געקראָגן. און, נאַטירלעך, האָט אים יעדער איינער פאַרגונען זיין שטיקל אַפּרו וואָס ער האָט זיך גענומען.

האָט געדאַרפט פּאַסירן, אַז גראָד אין דער צייט איז דערשינען בוט'ס בוך „אין דאַרקעסט אינגלאַנד“, אין וועלכן ער האָט אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער „סאַלוויישן אַרמי“. האָט פייגענבוים דער סאָציאַ־ליסט, דוכט זיך, געדאַרפט גלייך דערפילן, אַז דער גאַנצער פּלאַן איז ניט מער און ניט ווייניגער ווי אַ פאַרזוך אַנצוהאַלטן וואָס לענגער און וואָס שטאַרקער די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג — אָבער דאָס האָט פייגענבוים ניט געזען. ער האָט געזען אין גענעראַל בוט אַ גרויסן און וויכטיקן וואוילטוער, און פאַר אַ לענגערער צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם סאַלוויישאַן אַרמי פּלאַן. ער האָט אין דעם גאַנצן אויפטו געזען אַן ערנסטן פאַרזוך צו העלפן די ליידענדיקע, און דאָס האָט אים געמאַכט אינגאַנצן בלינד צו דער כונה פון דעם אויפטו.

יאָ, מער פון אַלץ איז פייגענבוים געווען אַ געפילס־מענטש. ווען איך און מיין פרוי זיינען געקומען קיין לאָנדאָן האָט ער אונדז אויפגע־נומען מיט אַ גאַנץ באַזונדערער וואַרימקייט. און איינמאָל, ווען איך האָב געדאַרפט מיינע מטלטלים אַריבערקלייבן און קיין געלט צו דינגען אימיצן איז ניט געווען, און אַליין בין איך געווען צו־שוואַך דאָס צו טאָן, האָט פייגענבוים זיך איינגעשפּאַנט אין אַ „פושקאַרט“ און אונדז אַריבערגעשופּט.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון לאָנדאָן קיין ניו יאָרק, און ווען דער קאַמף צווישןביידע סאָציאַליסטישע ריכטונגען איז געווען גאָר פלאַקערנדיק, איז מיר, פאַרשטייט זיך, גאָר אויפ'ן געדאַנק ניט געקומען צו באַזוכן פייגענבוימ'ען. און נאָך ווייניגער האָב איך עס געקאָנט טאָן נאָכדעם ווי איך האָב אים ערשט ניט לאַנג צוריק אַזוי שאַרף אַטאַקירט דורכ'ן „אַרביי־טער פריינד“. אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום נאָך מיין קומען האָבן מיר זיך באַגעגנט אין בראַנזוויל. איך האָב אים ממש אין די אויגן ניט געקאָנט קוקן, און האָב זיך געמאַכט ניט זעענדיק אים. אין מיטן דערינען אָבער האָב איך דערפילט ווי ער כאַפּט מיך אַרום און שרייט־אויס מיט באַגייס־

טערונג: „וואָס מאַכט איר, ליבער יאַנאָווסקי?!" די איינציקע דערקלערונג פאַר דעם איז, אַז אין דעם מאָמענט האָט פייגענבוים איינגאַנצן פאַרגעסן אַלע אונדזערע קריגערייען. ער האָט נאָר געדענקט, אַז מיר ביידע האָבן געליטן הונגער און אַלע אַנדערע צרות אין לאָנדאָן, וואָס דאָס איז געווען אַ גאָר צו־שטאַרקער באַנד, וואָס זאָל קאָנען צעריסן ווערן דורך אַלערליי פּרינציפּיעלע אונטערשיידונגען.

איצט זע איך אַלץ, און איך פאַרשטיי, ווי שנעל פייגענבוים קאָן באַ־איינפלוסט ווערן — דעמאָלט אָבער האָב איך עס ניט געזען, דעמאָלט האָב איך אים פּשוט באַטראַכט פאַר אַ פאַררעטער. און לויט די דעמאָלסטדיקע אומשטענדן האָב איך ווירקלעך ניט געקאָנט אַנדערש דענקען. איך דענק, — כאָטש זיך אַליין צו פאַרטיידיקן פאַר מיין דעמאָלסטדיקער האַנדלונג, — אַז עס איז כדאי דאָ איבערצוגעבן וואָס עס האָט דאַן פּאַסירט.

ווען איך האָב איבערגענומען די רעדאַקציע פון „אַרבייטער פריינד" איז פייגענבוים אַוועק, צוזאַמען מיט גאַלאָפּ׳ן, ווינטשעווסקי׳ן און די איבעריקע. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר פייגענבוים׳ן איז געשטאַנען די פראַגע: מה נאכל? — ווי מאַכט מען אַ לעבן פאַר פרוי און קינדער? ער האָט באַשלאָסן זיך צו לערנען פאַר אַ סטאָליער, און דערווייל האָבן די גענאָסן, סיי סאָציאַלדעמאָקראַטן און סיי אַנאַרכיסטן, באַשלאָסן צו געבן אים אויף זיין אויסקומעניש.

ניט לאַנג אָבער האָט ער אויסגעהאַלטן ביי דעם. ער איז געווען פיזיש צו־שוואַך. האָבן אים די גענאָסן אין מאַנטשעסטער פאַרגעשלאָגן, אַז זיי זיינען וויליג צו שאַפן די נויטיקע סומע פאַר עפּעס אַ קרעמל, אַזוי אַז פייגענבוים זאָל האָבן גענוג צום לעבן, און דערפאַר זאָל ער זיין זייער רבי, זייער אַגיטאַטאָר. אויך אין דעם האָבן זיך באַטייליקט די גענאָסן פון ביידע לאַגערן, און עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז זיין פּראָפּאַגאַנדע זאָל זיין פון אַ דורכאויס אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז פייגענבוים האָט ניט געמאַכט קיין דער־פאָלג אַלס קרעמער; און כאָטש די גענאָסן האָבן אַלץ מער אַריינגעזונקען זייערע קאַפּיטאַלן אין דעם געשעפט, דאָך איז ער געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער, אַזוי אַז יעדער איינער האָט געקאָנט לייכט פאָראויסזען די צייט, ווען דאָס קרעמל וועט מוזן צוגעמאַכט ווערן, און פייגענבוים וועט ווידער בלייבן אָן אַ קנעלונג.

פאַרשטייט זיך, פייגענבוים האָט עס געוואוסט בעסער ווי אירגענד ווער; און גראָד אין דער צייט, ווען די גענאָסן האָבן אָפּגעשפּאַרט פון זיך דאָס לעצטע פאַר זייער רבי פייגענבוים, האָט דער רבי געשריבן קאָרעס־פּאָנדענצן פון ענגלאַנד, — ניט אונטער זיין נאָמען, נאָר אונטערן נאָמען „דער רויטער אידעל" — אין וועלכע ער האָט אָפּגע׳חוזק׳ט פון די אַנאַר־

כיסטלעך, און אינגאַנצן זיך דערקלערט אין דער פולסטער איינפאַרשטענדע־ניש מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן הונדערט פראָצענט.

עס איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז פייגענבוים אַליין האָט געמוזט פילן אַז ער האַנדלט זייער ניט שיין; ווארים אויב ניט, וואָלט ער זיך אונטער די קאָרעספּאָנדענצן אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען. נאָר נאָך מער בין איך געוואָרן אויפגערעגט ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די „אַרבייטער צייטונג״ פון ניו יאָרק האָט פאַרהאַנדלט מיט אים וועגן זיין קומען, און אַז אין דער צייט ווען די גענאָסן האָבן אַנגעווענדט אַלע זייערע כחות אים און זיין פאַמיליע צו האַלטן איבער׳ן וואַסער, אַזוי־צו־זאָגן, האָט ער שוין געהאַט די שיפס־קאַרטן צוגעשיקט פון ניו יאָרק.

ווי איר זעט, בין איך געווען גאָר ניט אַזוי אומגערעכט, כאָטש פיל גענאָסן פון מיין אייגענעם לאַגער זיינען געווען שטאַרק ברוגז אויף מיר. לויט זייער מיינונג האָב איך געדאַרפט שאַנעווען פייגענבוים׳ן, ווייל זיינע אומשטענדן זיינען ווירקלעך געווען זייער טרויעריקע, אַזוי אַז ער האָט גאָר ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. איך האָב דאָס אָבער ניט געזען, און ניט געוואָלט זען. איך האָב פאַרזען, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט פייגענבוים גאַנץ ערלעך זיך געקאָנט איינריידן, אַז ער איז ענדלעך געוואָרן אַן איבערצייגטער סאָציאַלדעמאָקראַט. איז ער דאָך שוין דאַן געווען באַ־קאַנט אַלס איינער וואָס קאָן „דרייען מיט׳ן גראָבן פינגער״.

און דאָך, ווי איר זעט, האָט פייגענבוים ביי אונדזער באַגעגעניש פאַר־געסן אָן דאָס אַלץ און איז מיר ממש אויפ׳ן האַלז געפאַלן.

אַזעלכער איז פייגענבוים. איך האָב דאָ געגעבן זיין פּאָרטרעט, ווי איך זע אים, אָן וועלכע עס איז באַפּוצונגען, כאָטש אין די לעצטע עטלעכע יאָר פיל איך זיך אַן אמת׳ער פריינד צו אים, און איך אַנערקען פול און גאַנץ זיינע גרויסע פאַרדינסטן אַלס שרייבער און אַגיטאַטאָר אין דער אַרבייטער־באַוועגונג.

שפּעטער וועט מיר נאָך אפשר אויסקומען צוצולייגן עטוואָס צו דעם קאַפּיטל פייגענבוים; דאָ זאָל אָבער זיין גענוג, און זאָל באַטאָנט ווערן, אַז דורך זיין פאַרלאָזן לאָנדאָן האָט די דעמאָלסטדיקע באַוועגונג פאַרלוירן אין אים אַ גרויסע אַגיטאַטאָרישע קראַפט, און מער ווי אַלע האָבן עס געפילט די סאָציאַלדעמאָקראַטן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן, פאַרוואָס דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער קלוב אין קריסטיע סטריט איז פון אָנפאַנג אָן געווען אַ טויט־געבוירן קינד, און איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּלאַץ, וואו עס זיינען געשפּונען געוואָרן אַלערליי אינטריגעס, און דער סוף איז געווען, אַז די בעסערע און ערלעכערע גענאָסן צווישן זיי האָבן פאַרלאָזן דעם קלוב מיט אַ געפיל פון עקל. זיי האָבן זיך זאָגאָר אָרגאַניזירט אין אַ פאַראיין,

וועלכער האָט געטראָגן דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען „דהי אַנטי־בלאָפער סאָסייעטי״.

נאָך ערגער איז געווען מיט דער צייטונג זייערער: „דער וועקער״. באַראַנאָוו איז געווען אַ גאַנץ פעאיגער שרייבער, אָבער ער איז געווען ניט קיין איבעריקער חכם, און אָפט זייער טאַקטלאָז. ער האָט זיך גלייך פון אָנהויב געמאַכט אַ סך שונאים. אַחוץ דעם דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז צו יענער צייט איז די שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע אין לאָנדאָן געווען פון אַ פיל קנאַפערן ווערט ווי די מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע, ווי דער לעבעדי־קער וואָרט. די דערקלערונג פאַר דעם איז, וואָס דער דעמאָלסטדיקער אידישער אַרבייטער־עלעמענט איז געווען זייער שוואַך אויף פשוט׳ער עברי; מען האָט זיי געדאַרפט ערשט לערנען לייענען אַ צייטונג.

צוליב דעם טאַקע האָבן די לאָנדאָנער גענאָסן געאַרבייט מיט אַלע כחות, אַז אַב. קאַהאַן זאָל ווידער אַריבערקומען קיין לאָנדאָן, אפשר וועט ער אַריינבלאָזן אַביסל לעבן אין דער באַוועגונג. און קאַהאַן האָט זיך, נאַטירלעך, ניט געלאָזט בעטן. ווידער פאַרנדיק צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין ציריך, איז ער אַראָפּגעקומען קיין לאָנדאָן, כדי צו „ראַטעווען די קאַנטרי״ פון די אַנאַרכיסטן.

אָבער אַך, די גענאָסן האָבן פון אים געהאַט מער בזיונות און צרות, ווי פרייד און גדולה. שוין אויף דעם ערשטן מיטינג האָט ער זיך געכאַפּט פּאַטשן אַ פּראָגעשטעלער. דיזעלביקע טאַקטיק האָט ער אויך אָנגעווענדט אין מאַנטשעסטער. אַחוץ דעם איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער פאַקט, אַז קאַהאַן לאָזט זיך באַצאָלן פאַר זיינע רעדעס. און כאָטש אין אונדזער צייט איז אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך אַז דער רעדנער זאָל קריגן באַצאָלט, און גוט באַצאָלט, איז דאָס אָבער אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרן כמעט ווי אַ פאַרשווועכונג פון אידעאַל. נאָך שטאַרקער איז געווען די אויפרעגונג, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז קאַהאַן האָט געקראָגן אַ פאַר פונט פון אַ יוניאָן. הכלל, קורץ און גוט, די סאָציאַלדעמאָקראַטישע גענאָסן האָבן געהאַט גאָר ווייניג נחת פון קאַהאַנ׳ס טור, און דער סוף איז געווען, אַז גאָר אינגיכן האָבן די סאָציאַלדעמאָקראַטן ניט געהאַט, ניט קיין קלוב און ניט קיין צייטונג און ניט קיין מאָנאַטלעכן זשורנאַל, און דער „אַרבייטער פריינד״ איז ווידער געבליבן די איינציקע צייטונג אין לאָנדאָן און אויך אין אַמעריקע. די אַנאַרכיסטן האָבן ווידער געהאַט דעם גאַנצן פעלד פאַר זיך, ווייל גאָר אינגיכן האָבן אויך באַראַנאָוו און ווינטשעווסקי פאַרלאָזט לאָנדאָן און עמיגרירט קיין ניו יאָרק, וואו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיזם האָט זיך גאָר נישקשהדיק צעבליט.

13. איך הויב-אָן ביסלעכווייז צווייפלען אין דער ניצליכקייט פון „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט"

די וואָלסאָלער באַמבען־געשיכטע, דורך וועלכער אַ סך ערלעכע גענאָסן זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו שווערע יאָרן געפענגעניש; דערנאָך דער איבערפאַל אויף „קאַמאָנוויל" און דער אַרעסט פון דייוויד ניקאָל (איר רעדאַקטאָר), וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין ענגליש איז באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן; דאַן די טאַטן פון דעם פראַנצויזישן אַנאַרכיסט ראַוואַשאָל (וועלכע האָבן אויף קיין אופן ניט געקאָנט דערקלערט ווערן, און נאָך ווייניקער פאַרטיידיקט ווערן); דאַן דער פאַקט, אַז מען האָט ניט געקאָנט באַמערקן קיין באַדייטנדיקן אויפשוואונג פון אַנאַרכיסטישער טעטיקייט נאָך די אַלע טאַטן, — די אַלע זאַכן האָבן מיר געמאַכט פאַרטראַכטן זיך שטאַרק איבער דער מעטאָדע פון פּראָפּאַגאַנדע, און שוין אין די ערשטע נומערן פון דעם נייעם „ארבייטער פריינד". איך האָב פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן איך בין זייער פאָרזיכטיק (איך מוז זיך מודה זיין כמעט שרעקעדיק) אַרויסגעקומען אָפן קעגן דער „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט", ווי זי איז דאַן פאַרשטאַנען געוואָרן פון די מערסטע גענאָסן.

דער שטאַנדפּונקט פון די גענאָסן צו יענער צייט איז געווען, אַז יעדע גוואַלט־טאַט, באַגאַנגען פון אַן אַנאַרכיסט, איז גוטע פּראָפּאַגאַנדע. די טאַט אַליין איז שוין גענוג — צי מען קאָן איר דערקלערן צי ניט. אַנדערע זיינען אין דעם הינזיכט געגאַנגען נאָך ווייטער. זיי האָבן אַרגומענטירט, אַז וואָס ווילדער די טאַט איז, וואָס משונה׳דיקער, אַלץ שטאַרקער רעגט זי אויף די עפנטלעכע מיינונג, און דאָס גרעסער איז דער געווינס פאַר דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

איך האָב שוין דאַן געפילט, אַז דאָס איז אַ גאַנץ פאַלשער שטאַנדפּונקט. אַז אַזעלכע מאָטיוולאָזע טאַטן קאָנען דערפירן דערצו, אַז די וועלט זאָל אָננעמען, אַז די אַנאַרכיסטן זיינען פשוטע מערדער, פאַר וועמען מאָרד־לוסט איז דער סאַמע עיקר, אַזוי אַז סוף כל סוף וועט די געזעלשאַפט פילן זיך באַרעכטיקט אייַנפאַך אויסצומאָרדן די אַנאַרכיסטן הורטאַם, אַלס אַ שרעקלעכע פעסט, אַלס דעם ערגסטן שונא פון דער מענטשהייט און איר ווייטערדיקן פאַרטשריט.

איך האָב דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק צו עפענען וועגן דעם אַ דיסקוסיע. זאָלן די גענאָסן זיך פאַרטראַכטן וועגן אָט דער זייער וויכטיקער פראַגע, און זאָל מען זיך דורכריידן.

איך האָב דערפאַר אָנגעפאַנגען מיין אַרטיקל מיט דעם סאָרט אַרגומענטאַציע: אַזוי ווי גוואַלט־טאַטן ווערן באַגאַנגען פון אַנאַרכיסטן ניט ווייל זיי זיינען פשוט געוואַלט־מענטשן, נאָר ווייל זיי גלויבן דורך די טאַטן צו

מאַכן אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, דאַרף מען זען, אויב די דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, באַרעכטיקן די דאָזיקע השערה. אויב מיר זאָלן פון די פאַקטן פון לעבן קומען צו אַ פאַרקערטן שלוס, דאַן מוזן מיר זיך אָפּזאָגן פון דער „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט״, וואָס מאַכט ניט די נויטיקע פּראָפּאַגאַנדע און דערפילט ניט איר צוועק. נאָך אַ לענגערער באַטראַכטונג קום איך צום שלוס, אַז ניט אַלע טאַטן זיינען פּראָפּאַגאַנדע טאַטן; אַז ניט יעדער איז באַרעכטיקט צו באַגיין אַ גוואַלט־טאַט; און אַזוי ווי די אומשטענדן אין די פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט זיינען זייער פאַרשיידן, קאָן מען ניט און מען טאָר ניט זאָגן, אַז איבעראַל זיינען גוואַלט־טאַטן גלייך נוציק און נויטיק. און איך קום צום שלוס אין יענעם אַרטיקל, אַז וואָס אנבאַטרעפט ענגלאַנד און אַמעריקע, מיט וועמעס אומשטענדן איך בין מער אָדער ווייניגער באַקאַנט, זיינען דאָרט די פאַרשיידענע גוואַלט־טאַטן — איבערהויפּט די מאַטיוולאָזע — ניט נאָר ניט ווירקזאַם צו גונסטן פון אַנאַרכיזם, נאָר העכסט שעדלעך.

איך האָב אין דעם אַרטיקל געצויגן אַ פּאַראַלעל צווישן רוסלאַנד און ענגלאַנד און אַמעריקע, און אַנגעוויזן פאַרוואָס דאָס וואָס איז גוט און ווירקזאַם אין קאַמף מיט'ן צאַריזם אין רוסלאַנד, קאָן ניט זיין גוט און ווירקזאַם מיט דער בורזשואַזיע אין אונדזערע אַזוי־גערופענע פרייע לענדער. איך האָב אויסגעמיטן צו דערמאָנען אַזעלכע לענדער ווי איטאַליע און שפּאַניע, ווייל איך בין דאַן ווירקלעך ניט געווען באַקאַנט מיט די דאָרטיקע אומשטענדן, און איך האָב זיך אויסגעהיט פון געבן אַ באַשטימטע מיינונג אויף בלויז השערות.

איך האָב געגלויבט, אַז דער אַרטיקל וועט אַרויסרופן אַ שטורם צווישן די גענאָסן, ווייל, ווי איך גלויב, איך בין געווען דער ערשטער אַנצוהויבן צווייפלען אין דער נויטיגקייט און וויכטיגקייט פון דעם סאָרט פּראָפּאַגאַנדע. איך האָב שוין דאַן געגלויבט, אַז אַלע אונדזערע כחות דאַרפן מיר פאַרווענדן אויף דער שריפטלעכער און מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע. אוודאי דאַרפן מיר פריידיגן די רעוואָלוציע, אָבער איינצלנע גוואַלט־אַקטן זיינען דאָך ניט די רעוואָלוציע. אַ רעוואָלוציע איז אַ מאַסן־אַקט, אָבער ניט פאַראיינצלטע גוואַלט־אַקטן קעגן דער אָדער יענער פּערזאָן, פאַר וועלכע די אַנאַרכיסטן דאַרפן באַצאָלן אַ גאָר צו־גרויסן פּרייז.

דער אַרטיקל איז דערשינען, אָבער פון קיינעם איז ניט געקומען קיין פּראָטעסט, און אויך ניט קיין יישר־כוח.

איך האָב זיך געפילט זייער געערגערט פון אַזאַ מאָדנער גלייכגילטיג־קייט צו אַזאַ וויכטיקער פראַגע. איך האָב, למשל, געוואוסט, אַז דאָס וואָס עס איז געלונגען אונדזערע אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן אין אַמעריקע צו פאַרכאַפּן דעם פעלד, איז געווען נאָר דערפאַר, ווייל אונדזערע אידישע אַרבייטער האָבן געפילט אַ שטאַרקן ווידערווילן קעגן דער „פּראָפּאַגאַנדע

דער טאַט״, און איך האָב דערפאַר געהאַלטן פאַר נויטיק, אַז די אַנאַרכיסטן זאָלן מאַכן אַ שטרענגע רעוויזיע איבער דער דאָזיקער דאָגמע; און דאָ קום איך אַרויס און דערקלער זיך אַלס שטאַרקער צווייפלער אין איר, כאָטש זייער פּאַרזיכטיק — און הער פון קיינעם קיין וואָרט ניט, ניט צום גוטן און ניט צום שלעכטן!

איך האָב ניט געוואוסט וואָס איך זאָל ווייטער טאָן. אַז קיינער רופט זיך ניט אָפּ, מסתמא איז דאָס דערפאַר, ווייל אין האַרצן זיינען אַלע איינפאַרשטאַנען מיט מיר, און ווייל די אידישע אַנאַרכיסטן דענקען גאָר ניט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי באַגיין געוואַלט־טאַטן.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך געהאַט די געלעגנהייט קלאָר צו מאַכן מיין שטאַנדפּונקט איבער דער פראַגע, קריטיקירנדיק אַן אַרטיקל פון מ. ווינטשעווסקי אין דער „פרייע וועלט״. די גענאָסן האָבן שטאַרק געלויבט מיין מעטאָדע פון קריטיק, ווי גוט און גרינטלעך איך האָב דעם אַלטן און די איבעריגע מיטאַרבייטער פון דער „פרייע וועלט״ „אָנגעריבן אַ מאָרדע״; אָבער וועגן מיין שטעלונג צו טאַטן האָבן זיי ווידער געמאַכט אַ שווייג.

אַ קורצע צייט נאָך דעם איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָט געשאָסן אין פריק׳ן. און מערקווירדיק, פאַר׳ן מאָמענט האָב איך גאָר פאַרגעסן אָן אַלע מיינע צווייפלען וועגן דער ניצלעכקייט פון גוואַלט־טאַטן אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד, און איך האָב אָנגעשריבן אַ פייערדיקן לויב־געזאַנג אויף דעם העלד בערקמאַן, און גלייך האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז געפייערט געוואָרן די העלדן־טאַט. איך האָב דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך האַנדל אַזוי אין ווידערשפּרוך מיט דעם וואָס איך האָב ערשט ניט לאַנג צוריק אַליין געשריבן. אָנשטאָט צו שילטן אים, און אָנשטאָט אָנצואווייזן ווי ווייט ער האָט געשאַדט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, האָב איך אים גאָר געבענשט. און דאָס אַליין איז פאַר מיר געווען איינער פון די שטאַרקסטע רעטענישן.

דער אמת איז, אַז איך האָב דאַן וועגן דעם גאָר ניט געטראַכט. איך האָב אַזוי ווייניג געטראַכט וועגן דעם, — און בערקמאַן׳ס אַקט איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַזוי נאַטירלעך און אַזוי גרויס און וויכטיק, אַז ווען איך האָב אין דער ניו יאָרקער „פרייהייט״, אַרויסגעגעבן פון יאָהאַן מאָסט, דערזען אַן אַטאַקע אויף בערקמאַנ׳ען און זיין טאַט, בין איך געוואָרן אַן אויפגע־ציטערטער. איך האָב דאַן געגלויבט, אַז מאָסט, אין זיינע קליינלעכע קרי־גערייען מיט די „אויטאָנאָמיסטן״, צו וועלכע אויך בערקמאַן און עמאַ גאָלדמאַן האָבן געהערט, האָט פּשוט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען דער שטאַרקסטער פּרעדיגער פון „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט״. אויך האָט מיר אויסגעזען, אַז מאָסט׳ס אַרויסטריט קעגן בערקמאַנ׳ען האָט געשטאַמט הויפּטזעכלעך פון אַ געפיל פון מורא פאַר דער אייגענער פעל. איך האָב

געטראַכט, אַז מיט דעם אַרויסטריט האָט מאָסט זיך געמאַכט פּשוט אומ־מעגלעך אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אַלס איר פירער.

ווייסנדיק אַז מיין אַרויסטריט אין „אַרבייטער פריינד" קעגן מאָסט'ן קאָן בלייבן אומבאַמערקט, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין פליכט צו מאַכן אויפמערקזאַם קראָפּאָטקינ'ען אויף דעם אַרטיקל. קראָפּאָטקין, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ גאָר שטאַרקער אַנהענגער פון „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט", איז געוואָרן, אַזוי ווי איך, שטאַרק ברוגז אויף מאָסט'ן, און האָט גלייך אין „לאַ רעוואָלט" געענטפערט מיט אַ זייער שאַרפן לייטאַרטיקל אויף מאָסט'ס אַטאַקע אויף בערקמאַנ'ען.

אין ניו יאָרק איז צו יענער צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן די אַנאַרכיס־טישע ענגלישע צייטונג „סאָלידאַריטי", וועמעס רעדאַקטאָר איז געווען סאַווערי מערלינאָ, וועלכער איז געווען גאָר ניט שוה בשוה מיט מאָסט'ן, האָט די דאָזיקע צייטונג גלייך איבערגעדרוקט קראָפּאָטקינ'ס אַרטיקל אין „לאַ רעוואָלט".

איך גלויב, אַז פון יענעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די פּעריאָדע, ווען דער פּרעסטיזש פון מאָסט'ן און זיין „פרייהייט", זיין פּערזענלעכע פּאָפּולאַריטעט צווישן די גענאָסן, האָט אָנגעהויבן שטאַרק פאַרטונקלט ווערן. אַ סך האָבן אַרגומענטירט, אַז אויב אַפילו מאָסט איז ווירקלעך ניט געווען איינפאַרשטאַנען מיט דער בערקמאַן־טאַט, וואָלט ער אָבער געדאַרפט שווייגן, ווייסנדיק אין וואָס פאַר אַ געפאַר בערקמאַן איז געווען.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען צוריק אין ניו יאָרק, און ווען מיין שטעלונג צו „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט" איז געוואָרן דורכאויס אַ נעגאַטיווע אונטער אַלע אומשטענדן, האָט מיר לייד געטאָן מיין אַרויסטריט קעגן מאָסט'ן. איך האָב אויך, ביי אַ געוויסער געלעגנהייט, געהאַט אַן אונטעררייִדונג מיט מאָסט'ן, וואָס איך וועל איבערגעבן אויף דעם פּאַסיקן פּלאַץ, און עס וועט קלאָר ווערן פאַר'ן לעזער, אַז דער מאָטיוו פון מאָסט'ן איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער, ווי מיר האָבן זיך אַלע פאָרגעשטעלט. אָבער דאָס אַלץ איז געווען מיט יאָרן שפּע־טער. צו יענער צייט האָב איך עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן פאַרדינסט פון מיין זייט פאַר דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, און עס איז מיר גאָר אויפ'ן געדאַנק ניט געקומען, אַז לויט מיין אַרטיקל וועגן „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט" אַ פאַר מאָנאַטן פריער האָב איך עס לאָגישערווייז געדאַרפט זיין דער, וואָס האָט געדאַרפט פאַרדאַמען בערקמאַנ'ען און זיין פאַרזוך צו טויטן פריק'ן.

איך האָב אויבן געזאָגט, אַז דאַן האָב איך ניט געטראַכט וועגן דעם. ווען איך וואָלט יאָ געטראַכט, וואָלט איך געוויס פיל געליטן פון מיין אייגע־נער ניט־אויסגעהאַלטנקייט. איצט, אַז איך טראַכט וועגן דעם, קאָן איך עס נאָר דערקלערן מיט פאָלגנדיקע אומשטענדן: ערשטנס, איז בערקמאַן

מיר געווען פּערזענלעך באַקאַנט אַלס זייער איבערגעגעבענער גענאָסע, ווע־
מען איך האָב שטאַרק געגליכן, ווען ער פלעגט אָפט קומען אין דער רעדאַקציע
פון דער „וואָרהייט", וואו איך בין געווען אַ „זיצער", און פלעגט שטענדיק
פרעגן צי איך האָב עפּעס צו טאָן פאַר אים. איך האָב זיך קיינמאָל ניט
געריכט, אַז אַט דער יונגערמאַן, וואָס איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער אינגל,
וועט האָבן דעם וואונדערבאַרן מוט פון זיינע איבערצייגונגען, צו באַשטראָפן
דעם לומפּ.

צווייטנס, האָט דער קאַמף, וועלכן פריק האָט אָנגעפירט קעגן די
סטרייקער אין האמסטעד, זיך אויסגעצייכנט מיט אויסעראָרדנטלעכער
ברוטאַליטעט, און עס איז מיר אויסגעקומען, אַז מיט אַזאַ טאַט, קעגן אַזאַ
לומפּ, מוז יעדער רעכטדיינקנדיקער מענטש סימפּאַטיזירן. איך בין דאַן
געווען זיכער, אַז די דאָזיקע טאַט וועט ברענגען אַן ענד צום סטרייק, און
די סטרייקער וועלן וויסן וועמען זיי האָבן צו דאַנקען. נאַטירלעך, אויס־
געלאָזט האָט זיך פּונקט קאַפּויער, ווי איך, אין מיין נאַאיוויטעט, האָב זיך
פאָרגעשטעלט: די סטרייקערס אַליין — נאַטירלעך, מיט ווייניג אויסנאַמען
— האָבן אין דעם אַקט געזען אַ פרעכע אַריינמישונג פון אַ „פּאַריינער"
אין זייערער אַן אנגעלעגנהייט. אַ סך פון זיי זיינען געווען מיט דער
מיינונג, אַז בערקמאַן, מיט זיין טאַט, האָט ערשט באַגראָבן אַלע שאַנסן,
אַז דער סטרייק זאָל געוואונען ווערן. פריק, דער מערדער, איז מיטאַמאָל
געוואָרן גאָר דער מאַרטירער. די פּרעסע, וועלכע האָט טיילווייז ביז דאַן
סימפּאַטיזירט מיט די סטרייקער, איז איצט מיט גיפט און גאַל אַרויסגע־
טראָטן קעגן, און קעגן די אַנאַרכיסטן האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אויפסניי
אַ שרעקלעכע העצעריי.

דאָס אַלץ אָבער האָב איך ערשט פיל שפּעטער איינגעזען. דעמאָלט
איז בערקמאַן, אין מיינע אויגן, געווען דער גרעסטער העלד; און דעסטאָ
מער האָב איך זיך געפילט געהויבן, ווייל ער איז געווען אַ איד, כאָטש איך
האָב עס ניט געזאָגט מיט אַן אָפענעם מויל, מורא האָבנדיק, אַז מאַנכע
וועלן זען אין דעם אַ געפיל פון שאָוויניזם.

און אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט, און איך האָב גאָר פאַרגעסן אַן אַלע
מיינע געדאַנקען וועגן „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט", ביז עס איז אָנגעקומען
די טעלעגראַם וועגן דער באָמבע אין ליצעאום טעאַטר אין באַרצעלאָנאַ —
פון וואָס איך בין באמת אויפגעשוידערט געוואָרן — וואו אַזויפיל מענטשן
זיינען אויף שטיקער צעריסן געוואָרן; און באַלד דערנאָך האָט געפאָלגט
דער באָמבן־אַטענטאַט אין אַ קירך, וואו ווידער אַ סך מענטשן זיינען אומ־
געקומען.

די דאָזיקע טאַטן זיינען געווען אַזוי משונה׳דיק, אַזוי ווילד און ברוטאַל,
אַז איך האָב גאָר ניט געקאָנט גלויבן, אַז אַנאַרכיסטן זאָלן זיך אין זיי

האָבן באַטייליקט. דאַן האָב איך שוין אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן די טאָטן פראַנק און פריי.

איך האָב זיי פאַרדאַמט און האָב פעסט געגלייבט, אַז די טאָטן זיינען אַנאַרכיסטישע. מיין לייקענען אָבער האָט ניט געהאָלפן. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן האָבן זיך דערקלערט סאָלידאַריש מיט זיי. אָט דאַן האָב איך געשריבן, אַז ניט נאָר בין איך מיט אַזעלכע טאָטן ניט איינפאַרשטאַנען, נאָר איך באַטראַכט זיי פאַר דורכאויס געפערלעך פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

איינמאָל, אויף אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער קראָפּאָטקין און איך זיינען געווען די רעדנער, האָב איך זיך ערלויבט עפנטלעך צו דערקלערן מיין שטעלונג צו אַזעלכע אַקטן. קראָפּאָטקין איז געווען שטאַרק דערשטוינט פון מיין אַרויסטריט, און אין זיין רעדע האָט ער מיר געגעבן אַנצוהערעניש, אַז לויט ווי איך פיל און דענק, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר מיר אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. צו דער באַוועגונג אונדזערער געהערן נאָר מענטשן יונגע, מענטשן מיט מוט, און ניט די אַלטע, די שרעקנדיקע.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב זיך זייער שלעכט געפילט פון קראָפּאָטקינ׳ס ענטפער, און נאָך מער פון דעם גרויסן אַפּלאָוז, וואָס די דאָזיקע מיינונג זיינע האָט אַרויסגערופן, און פאַר אַ לענגערער צייט האָב איך שטאַרק בדעה געהאַט צו פאָלגן קראָפּאָטקינ׳ס עצה און זאָגן „גוד באַי" צום אַנאַרכיזם און צו דער גאַנצער באַוועגונג, וועמעס טאַקטיק איז, ווי עס זעט אויס, די זעלבסטמערדערישע טאַקטיק פון דער „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט". אָבער אַן אינערלעכע איבערצייגונג מיינע האָט מיר אָפּגעהאַלטן פון אַ ראַשיקער האַנדלונג. איך האָב געפילט, אַז גערעכט בין איך און ניט קראָפּאָטקין און ניט די אַנדערע אַנאַרכיסטן. איך האָב זיי באַטראַכט פאַר פשוט פאַר׳שיכור׳טע פון אַ טויטלעכן האַס צו דער איצטיקער אָרדענונג, און דערפאַר זיינען זייערע האַנדלונגען אמת׳ע פאַרצווייפלונג־האַנדלונגען, וועלכע וועלן דער אָרדענונג קיין האָר ניט שאַדן, אָבער וועלן סוף־כל־סוף מאַכן אוממעגלעך יעדן פאָרטשריט פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אויב ניט אינגאַנצן איר פאַרניכטן.

איך האָב דעריבער באַשלאָסן בשום אופן ניט צו פאַרלאָזן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, נאָר שטיין אין איר און קעמפן מיט אַלע מיינע כחות קעגן דעם „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט"־פאַנאַטיזם. איך האָב אָבער גלייכצייטיק איינגעזען, אַז עס איז ניט ראַטזאַם צו פירן מיין קאַמף עפנטלעך, און אויך וועט עס זיין פון ווייניק נוצן צו פירן די פּראָפּאַגאַנדע מיינע צווישן דער „רענק־ענד־פייל". איך האָב באַשלאָסן ווי ווייט מעגלעך צו ווירקן אויף די לייטנדיקע גייסטער אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

אַזוי האָב איך גאַנץ אָפט גערעדט וועגן דעם מיט טשאַרלס מאָובריי׳ן,

מיט וועמען איך האָב עס געהאַט גאָר לייכט, ווייל ער איז אין עצם געווען איינפאַרשטאַנען מיט מיין שטעלונג; מיט דזשאָן טוירנער׳ן, וועלכער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע טוער אין דער אַרבייטער באַוועגונג אין ענגלאַנד, און מיט פיל אַנדערע. די הויפּט־געוויכט האָב איך אָבער געלייגט אויף גענאָסע קראָפּאָטקינ׳ען. איך האָב אָנגעוויזן, אַז ביז ער וועט ניט ענדערן זיין שטעלונג אין דער באַציאונג, וועט „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט״ אַלץ בלייבן דער וויכטיקסטער פּונקט אין אַנאַרכיסטישן פּראָגראַם. און דערפאַר, ווען נאָר עס האָט זיך געמאַכט די געלעגנהייט, האָב איך אַלץ געהאַלטן אין טענה׳ן מיט אים וועגן דעם.

איך קאָן זיך ניט באַרימען, אַז איך זאָל אים האָבן איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון מיין שטאַנדפּונקט. ער האָט באַטראַכט יעדן גוואַלט־אַקט אַלס דעם אויסדרוק פון פאָלקס־ווילן און צאָרן, און אַלס אַנאַרכיסטן מוזן מיר גיין מיט׳ן אַוואַנגאַרד פון פאָלק, אויב מיר ווילן ניט בלייבן הינטערשטעליג.

אויף מיין איינווענדונג, אַז מען קאָן ניט און מען טאָר ניט באַטראַכטן די טאַט פון אַן איינצלנעם אַלס דעם אויסדרוק פון פאָלקס־ווילן, האָט ער מיר איינמאָל געענטפערט, אַז לויט זיין מיינונג, און לויט ווי ער איז זיכער, אויפ׳ן גרונט פון פאַקטן, ווערט קיין אַקט ניט אויסגעפירט פון בלויז איינעם. אין יעדן אַקט זיינען פאַראייניקט אַ סך מענטשן, וועלכע העלפן אין דער אויספירונג פון דעם אַקט.

און ווען איך האָב אים געפרעגט, צי ער איז זיכער אין דעם, אַז, למשל, אַזאַ טאַט ווי די געוואָרפענע באָמבע אין ליצעאום טעאַטר, איז געווען דער אַקט פון פיל און ניט פון איינצלנע? האָט ער מיר געענטפערט מיט באַשטימטקייט, אַז ער איז זיכער אין דעם.

„הייסט עס״—האָב איך אַרגומענטירט—„אַז די פּאָליציי איז גערעכט, ווען זי זעט אין יעדן אַקט פון דעם איינצלנעם אַן אַנאַרכיסטישע קאָנספּי־ראַציע; און די אַנאַרכיסטישע פּרעסע איז אומגערעכט ווען זי לייקנט עס?״

גענאָסע קראָפּאָטקין האָט געשמייכלט, און האָט געזאָגט, אַז די מאָראַל פון זיך שטענדיק האַלטן ביים אמת קאָן ניט אָנגעווענדט ווערן אין קאַמף קעגן אונדזער ערגסטן שונא.

יאָ, דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט פון קראָפּאָטקין. יעדער געוואַלט־אַקט דריקט־אויס דעם צאָרן פון פאָלק, און מאַכט פאָלגלעך גוטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר׳ן אַנאַרכיזם צווישן די גלייכגילטיקע.

און ווען איך האָב אים איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אויב דאָס פאָלק באַטייליגט זיך גאָר שטאַרק אין פּאָליטישע קאַמפּיינס, וואָלטן מיר — לויט זיין אַרגומענטאַציע — געדאַרפט עס גוטהייסן, און אַליין זיך גאָר אַריינוואַרפן אין דעם! — איז ער געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט און האָט דערקלערט, אַז דאָס איז לחלוטין ניט ריכטיק. דאָס פאָלק האָט ניט

דעם מינדסטן אינטערעס אין די פּאָליטישע קאַמפּיינס, און ווערט אין דעם אַריינגעשלעפּט דורך דער דעמאַגאָגיע פון אַלערליי פּאָליטישע שאַרלאַטאַנעס.

קורץ, איך האָב גאַנץ ווייניג אויסגעפירט ביי קראָפּאָטקין׳ען. אָבער איידער איך האָב פאַרלאָזט לאָנדאָן, כדי צו פאָרן צוריק קיין ניו יאָרק, איבערצונעמען די רעדאַקציע פון דער „פרייע אַרבייטער שטימע", בין איך אַוועק צו קראָפּאָטקין׳ען זיך געזעגענען מיט אים. געקומען צו אים בין איך אַרום זעקס אין אָוונט, און פאַרלאָזן האָב איך אים אַרום איינס מיט־נאַכט. און ווידער האָבן מיר הויפּטזעכלעך גערעדט וועגן דעם. פון זיינע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ שטיקל ענדערונג אין דער שטעלונג פון קראָפּאָטקין׳ען. צי דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון די לעצטע געוואַלט־טאַטן פון עמיל האַנרי און פון וואַיאַן אין פּאַריז, וועלכע האָבן בשום אופן ניט געפירט צום אַנאַרכיסטישן אויפשוואונג, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן דערוואַרט דורך די פּראָצעסן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם איבער דער גאַנצער וועלט, און באַזונדערס אין פראַנקרייך; צי דאָס זיינען געווען מיינע אַרגומענטן, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין דעם לויף פון פיל געשפּרעכן, און איבער וועלכע גענאָסע קראָפּאָטקין האָט געוויס נאָכגעטראַכט — אָבער איך האָב אים געפונען פיל מילדער און פריינדלעכער צו מיין שטאַנדפּונקט.

באַמערקנדיק דאָס, האָב איך פאַר אים פאַנאַנדערגעוויקלט אַ בילד פון דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער אַגיטאַציע אין ניו יאָרק, אין שיקאַגאָ און איבער די פאַראייניגטע שטאַטן אין אַלגעמיין. קראָפּאָטקין איז נאָך ביז דאַן קיינמאָל ניט געווען אין אַמעריקע, און ער האָט זיך צוגע־הערט מיט אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס. איך האָב פאַר אים געשילדערט דעם קאַמף צווישן די סאָציאַלדעמאָקראַטן און די אַנאַרכיסטן אין ניו יאָרק, און אים אָנגעוויזן פאַרוואָס, לויט מיין מיינונג, די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן געקראָגן די אויבערהאַנט און מיר זיינען דאָרט אַזוי שוואַך. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ניט אַכטנדיק אויף דעם וואָס מיר האָבן דאָרט אי בעסערע רעדנער און שרייבער, אי הונדערט מאָל מער ערנסטע און איבערגעגעבענע גענאָסן, דאָך האָבן מיר ניט אויסגעפירט צו האָבן אַן איינפלוס אויף די אידישע אַרבייטער און זייערע פאַראיינען, אין זייערע יוניאָנס, נאָר צוליב אונדזער „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט", אין וועלכער מיר זיינען אין דער אמת׳ן גאַנץ אומשולדיק.

איך האָב אים דאַן דערקלערט, אַז מיין גאַנצע האַרעוואַניע אין ניו יאָרק וועט זיין אַרויסגעוואָרפן, אויב איך וועל גלייך אין אָנהויב ניט דער־קלערן מיין נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן איך האָפן אויף דערפאָלג. וויל ער מיר געבן דאָס רעכט צו דערקלערן, אין זיין נאָמען, אַז דער פּונקט וועגן „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט" דאַרף ניט און טאָר

ניט באַטראַכט ווערן אַלס איינער פון די עיקרים פון אונדזער אַנאַרכיסטישן אני־מאמין?

גענאָסע קראָפּאָטקין האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט, און דאַן האָט ער מיר געגעבן זיין הכשר אויף דעם, פון וואָס איך האָב זיך געפילט העכסט גליקלעך. ווארים איך האָב געוואוסט, אַז ווען איך זאָל קומען אין ניו יאָרק מיט מיין אייגענעם „מעסעדזש" וועט עס מאַכן אַ גאַנץ קנאַפּע ווירקונג. גאַנץ אַנדערש אָבער וועט עס זיין, ווען איך וועל קומען באַוואָפּנט מיט דער אויטאָריטעט פון אונדזער פיל־געאַכטעטן רבי'ן אַליין.

איך האַלט פאַר נויטיק נאָכאַמאָל צו דערקלערן, אַז קראָפּאָטקין האָט אין יענעם אָוונט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלונג צו „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט". און איך צווייפל שטאַרק, צי ער האָט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך פיל געענדערט אין דעם הינזיכט. ער איז געווען און איז פאַר־בליבן, וואַרשיינלעך, ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן אַ מיליטאַנטישער אַנאַרכיסט. אָבער אין יענעם אָוונט, נאָך דעם ווי איך האָב אים דערקלערט די אַלע אומשטענדן און די גרויסע שוועריגקייטן, וואָס איך דערוואַרט צו באַגעגענען, האָט ער מיר געגעבן די דערלויבעניש צו דערקלערן, אין זיין נאָמען, אַז דער אַנאַרכיזם האַלט זיך ניט און פאַלט ניט צוזאַמען מיט דער „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט", און אַז דאָס שעדלעכסטע איז — באַלבען וועגן „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט".

14. מיר באַנייען זיך מיט נייע שריפט און דער „אַרבייטער פריינד" ווערט צוויי מאָל אַזוי די גרויס

דאָס אַלץ וואָס איך האָב דערציילט איז געווען מער אַן אינערלעכע, פערזענלעכע אַנגעלעגנהייט, אַן אינערלעכער קאַמף, וועלכער האָט זיך ווי ניט געמערקט אין „אַרבייטער פריינד". דערווייל איז דער „אַרבייטער פריינד" געוואָרן אַלץ אַ גרעסערער דערפאָלג, סיי פינאַנציעל, סיי מאָראַליש.

דער פינאַנציעלער דערפאָלג דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן, ווי אין דער איצטיגער צייט, אַז מיר האָבן געהאַט געניג הכנסה, וועניגסטנס צו באַצאָלן די שרייבער, אָדער זאָגאַר באַשטימען אַ געוויסן געהאַלט פאַר'ן רעדאַקטאָר, אַזוי אַז ער זאָל ניט דאַרפן האָבן קיין דאגות פרנסה. ניין, אַזוי גרויס איז דער דערפאָלג ניט געווען; מיר האָבן נאָך אַלץ ניט געצאָלט אונדזערע מיטאַרבייטער פון אַמעריקע, און דער רעדאַקטאָר אַליין האָט זיין הויפּט־חיונה געצויגן פון לעסאַנס, וואָס ער האָט געגעבן אין ענגליש, און נאָר פון צייט צו צייט האָט ער זיך דערלויבט נעמען עפּעס פון דער הכנסה פון דער צייטונג פאַר די סאַמע נויטוועגדיגסטע באַדערפעגישן פאַר אים און זיין פאַמיליע. אָבער ניט דעמאָלט און ניט איצט האַלט איך עס פאַר אַ באַזונדערע טוגענט. עס איז פּשוט ניט געווען פון וואָס צו נעמען; און

דערצו דער גרויסער פארגעניגן פון זען אונדזער ארבייט וואקסן, איז געווען אזוי גרויס, אז די אלערליי אומאנגענעמקייטן אין לעבן זיינען געווען פון א גאנץ קנאפער וויכטיגקייט.

איך האלט אויך פאר מיין פליכט צו געבן דעם פארדינטן קרעדיט דער פרוי יאנאווסקי, וועלכע, כאטש דערצויגן און אויפגעהאדעוועט אין א זייער וואוילהאבנדיקער פאמיליע, האט קיינמאל מיט קיין ווארט, מיט קיין מינע געגעבן צו פילן די מינדסטע אומצופרידנקייט. פארקערט, זי האט געזען אז אלץ זאל אויסזען גאנץ אנשטענדיק, זאגאר באלעבאטיש. ווי אזוי זי האט דאס אויסגעפירט מיט די גראשנס, וואס איך האב איר געגעבן, דאס איז נאך פאר מיר א רעטעניש, א סוד, ביז היינטיקן טאג. איך ווייס נאר איין זאך, אז דאס נויטיקסטע אין שטוב און אויך א קלייד פאר מיין קליינער ערשטער טאכטער האט ניט געפעלט. איך געדענק אבער ניט, אז מיין פרוי זאל צו יענער צייט זיך האבן באנייט מיט א קלייד אדער א מאנטל. זי האט נאך אלץ געטראגן די קליידער וואס זי האט מיטגעבראכט פון רוסלאנד.

איך קאן דערפאר זאגן מיט דעם ריינסטן געוויסן, אז גאר גרויס קרעדיט פאר מיין דערפאלג אין ארויסגעבן דעם „ארבייטער פריינד״, און אויך אין מיין אלגעמיינער קהל׳שער טעטיגקייט, קומט פרוי יאנאווסקי׳ן. איך ווייס ניט — ניין, איך בין זיכער — אז מיט אן אנדער פרוי, וואס וואלט אליין ניט געהאט קיין גרויס אינטערעס אין מיין לעבנס-ארבייט, וואלט איך זיכער ניט געקאנט אויפטאן דאס ווייניגע, וואס איך האב אויפגעטאן, סיי אין דער צייט וואס איך בין געווען אין לאנדאן, און סיי אין די פיל יארן וואס איך בין געווען דער רעדאקטאר פון דער „פרייע ארבייטער שטימע״ און די אנדערע אויסגאבן.

נאר דאס איז אגב אורחא. איך קער זיך צוריק אום צו מיין אייגנט־לעכער טעמע; דער „ארבייטער פריינד״, לויט יענע אומשטענדן, האט געהאט דערפאלג. עס זיינען שוין געווען א פאר דאלער אין דער קאסע, און די גענאסן האבן אנגעהויבן טראכטן וועגן דער נויטווענדיגקייט זיך צו באנייען מיט נייע שריפט פאר׳ן „ארבייטער פריינד״.

ווי דער אמת איז, איז די שריפט נאך גאר ניט געווען אזוי אפגעניצט, אז א גוטער, געניטער לעזער זאל זיך קאנען באקלאגן. אבער די צרה איז געווען, וואס די געניטע לעזער צו יענער צייט זיינען געווען גאנץ שיטער געזייט, און קוים איז אן אות ניט ארויס אזוי בולט פון דרוק, האט שוין דער צייטונגס-לעזער ניט געוואוסט וואו ער איז אויף דער וועלט. מיר האבן דערהאלטן גאר א סך קלאגן פון די לעזער. דערפאר איז די גענאסן אויסגעקומען, אז די נויטיקסטע זאך איז — באנייען זיך מיט שריפט, אזוי אז עס זאל דעם לעזער אננעמען א חשק צו לייענען. און אז עס האט שוין געהאלטן ביי דעם, האבן די גענאסן באַרעכנט, אז עס וואלט, כ׳לעבן, געווען

אַ יושר צו פאַרגרעסערן דעם „אַרבייטער פריינד", כאָטש צוויי מאָל אַזוי די גרויס.

די פאַרגרעסערונג פון „אַרבייטער פריינד" האָט אָבער געמיינט, ניט בלויז מער פּאַפּיר און מער טינט; האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט די גענאָסן, וואָס דאָס מיינט. איך האָב זיי דערקלערט, אַז דאָס מיינט צוויי מאָל אַזויפיל אַרבייט פאַר'ן רעדאַקטאָר, און דאָס מיינט, אַז איך וועל מוזן אויפגעבן מיינע לעסאָנס און מיט מיין גאַנצער חיונה זיין אָנגעוויזן אויפ'ן „אַרבייטער פריינד". און איך האָב אויסגעדריקט מיין צווייפל, צי די צייט איז רייף פאַר דעם.

די גענאָסן זיינען אָבער געווען גאָר באַזונדערס באַגייסטערט פאַר אַ פאַרגרעסערטן „אַרבייטער פריינד", און זיי האָבן געמאַכט אַזאַ רעכענונג: אַ פאַרגרעסערטער „אַרבייטער פריינד" וועט אודאי זיך פאַרקויפן טאָפּל. אין אַ פאַרגרעסערטן „אַרבייטער פריינד" וועלן מיר קאָנען האָבן פּלאַץ פאַר אַדווערטייזמענטס, וואָס מיר האָבן אין דעם קליינעם „אַרבייטער פריינד" ניט געקאָנט האָבן. פאַר אַ פאַרגרעסערטן „אַרבייטער פריינד" וועלן מיר קאָנען מאַכן אייניקע אונטערנעמונגען, צו וועלכע מיר וועלן איינלאַדן די פּני פון דער אַרבייטער באַוועגונג, וואָס וועט אַריינברייננגען עטלעכע פונט.

איך האָב זיך געלאָזט איבעררײדן. איך האָב גלייך באַשטעלט נייע שריפט, וואָס איך האָב אויסגעפּירט צו קריגן ביי אַ געוויסן דאַרלינג אויף אָפּצאָלונג. דערזעלבער ביזנעסמאַן האָט מיר געמאַכט דעם קאָמפּלימענט, אַז נאָר איך, ווען ער האָט ביז דאַן גאָר ניט געקענט, האָב דאָס געקאָנט אויספירן. אים איז שטאַרק געפעלן געוואָרן מיין אַרט און ווייזע פון פאַרהאַנדלען מיט אים; באַזונדערס מיין אָפנהאַרציגקייט. איך האָב גע־האַלטן פאַר נויטיק אים צו דערקלערן, וואָס דאָס איז פאַר אַ צייטונג דער „אַרבייטער פריינד", און ווי אַזוי זי עקזיסטירט. דאָס איז אים אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז ער האָט גלייך געשלאָסן מיט מיר דעם קאָנטראַקט פאַר די נייע שריפט, אויסצוצאָלן אַזויפיל און אַזויפיל יעדן מאָנאַט.

אַט אַזוי איז דער „אַרבייטער פריינד" דערשינען, אין אָנהויב פון נייעם יאָר, מיט נייע שריפט און אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט.

15. איך ווער איינגעלאַדן קיין פּאַריז אויף עטלעכע לעקציעס

מיט אַ יאָר פריער איז אויך צווישן די פּאַריזער גענאָסן פאָרגעקומען דיזעלביקע פאַנאַנדערטיילונג פון די כחות אין דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג, ווי עס איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד. ווען איך האָב געקראָגן דעם באַריכט, אַז די פּאַריזער גענאָסן האָבן זיך אָפּגעטיילט און געגרינדעט אַן

אַנאַרכיסטישע גרופּע, האָט דאָס מיר זייער געפרייט, און אונטער דעם באַ־ריכט, וועלכן איך האָב פאַרעפנטלעכט אין נומער 5 „אַרבייטער פריינד״ פון 1892, האָב איך געמאַכט פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„עס פרייט מיר פון טיפן האַרצן, אַז אין פּאַריז איז געגרינדעט געוואָרן אַן אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסטישער פאַראיין פון אידיש־שפּרעכנדיקע אַרבייטער. די צייט פון פאַראיינען מיט אומבאַשטימטע פּרינציפּן איז אַוועק. עס איז צייט, אַז די אַרבייטער זאָלן וויסן קלאָר דעם אידעאַל זייערן, נאָך וועלכן זיי האָבן צו שטרעבן, און הויפּטזעכ־לעך די מיטלען, דורך וועלכע דעם אידעאַל צו דערגרייכן. אַ פאַראיין, מיט אַהין־און־אַהער פּרינציפּן, קאָן איצט גאָרנישט לייסטן דער אַר־בייטער באַוועגונג. דעריבער, גענאָסן, גליק־אויף, און דורך קאַמף צום זיג!״

איך האָב אין דער דערשיינונג, קליין און אומבאַדייטנדיק ווי זי איז פאַר מיר איצט, געפונען אַ באַשטעטיקונג פון מיין דעמאָלסטיקן דענקען און גאַנצער טעטיקקייט. איך האָב אין דער גרינדונג פון דער גרופּע געזען אַ סימן, אַז מיין אַרבייט איז ניט אומזיסט, און אַז מיין פּראָפּאַגאַנדע ברייננגט די נויטיקע פרוכט. איך מוז אָבער זאָגן, אַז אין דעם האָבן מיר זייער שטאַרק געהאָלפן די סאָציאַלדעמאָקראַטן. זייערע בלבולים אויף מיר און אונדזער גאַנצער באַוועגונג זיינען געווען אַזעלכע אומגעלומפּערטע, דאָס די גענאָסן, וואָס זיינען נאָר עטוואָס געניינגט געווען צו אונדזערע אידייען, האָבן געפילט ווי צוצושטיין צו אונדז, און העלפן אונדז אין אונדזער שווערן קאַמפּיין.

איך האָב שוין אויף אַן אַנדער פּלאַץ דערציילט ווי באַראַנאָוו, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז געקומען קיין פּאַריז אַגיטירן פאַר׳ן „וועקער״, אויסגיסנ־דיק אויף מיר די גאַנצע תוכחה. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מען האָט געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו צו די פּאַריזער גענאָסן, אין וועלכע מען האָט מיר געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך. און, פאַרשטייט זיך, אַז אויף פיל גענאָסן האָט עס געמאַכט אַ פונקט פאַרקערטע ווירקונג, אַזוי אַז פיל האָבן מיך אין פּאַריז ליב געקראָגן נאָך איידער זיי האָבן מיך געזען און געקענט.

אחוץ אַלעמען האָב איך אין דעם ניי־געגרינדעטן אַנאַרכיסטישן פאַר־איין געזען אין דער צוקונפט אַ באַדייטנדיקע שטיצע פאַר׳ן „אַרבייטער פריינד״, אין וואָס איך האָב זיך אויך ניט גענאַרט. אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך דעם ווי עס איז דערשינען דער „אַרבייטער פריינד״ מיט נייע שריפט און שטאַרק פאַרגרעסערט, האָבן די פּאַריזער גענאָסן באַשלאָסן דורכצופירן אַ גרויסן באַל צו גונסטן פון „אַרבייטער פריינד״ און איינלאַדן מיך צו האַלטן די פעסט־רעדע, און אויך פאַר איניקע לעקטשורס.

עס איז מיר דאַן געווען זייער שווער זיך אָפּצורייסן פון לאָנדאָן; אָבער

אין דער זעלבער צייט האָב איך אָנערקענט, אַז מיין באַזוך אין פּאַריז קאָן זיין פון גרויס וויכטיגקייט פאַר׳ן „אַרבייטער פריינד״, און איך האָב דערפאַר אָנגענומען די איינלאַדונג. פרייטאָג דעם 5־טן פעברואַר, נאָכדעם ווי איך בין פאַרטיג געוואָרן מיט׳ן „אַרבייטער פריינד״ פון יענער וואָך, בין איך אָנגעקומען אין פּאַריז און פאַרפאָרן גלייך צו גענאָסע און גענאָסין זילבערמאַן אויף דער קוואַרטיר, וואו איך בין אויפגענומען געוואָרן מיט גאָר אַ באַזונדער האַרציגקייט. וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווייל פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב געלעבט אין לאָנדאָן, בין איך געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספערע פון קריגעריי און פיינטשאַפט, און די פריינדלעכקייט וואָס די גענאָסן זילבערמאַן — איינפאַכע אָבער העכסט גוטע און אינטעליגענטע אַרבייטער — האָבן מיר אַרויסגעוויזן זיינען געווען ווי אַ באַלזאַם צו מיין ביטער האַרץ.

ליידער אָבער האָב איך דאָרט לאַנג ניט געקאָנט פאַרבלייבן, ווייל זיי האָבן אינגאַנצן געהאַט צוויי צימערן, און איך האָב זיך אַריבערגעקליבן צו גענאָסע גאַרדאָן. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט יעוואַ קראַנץ, גאַר־דאָנ׳ס שוועסטער, וועלכע איז דעמאָלט געווען אין פאַריז, שטודירנדיק אַלס זינגערין. און אַזוי ווי איך האָב זיך שוין פריער מיט איר געטראָפן אין מאַנטשעסטער, און זי איז געווען גאָר אַנטציקט פון מיר אַלס רעדנער, האָט זי געזאָרגט, אַז די וואָך, וואָס איך בלייב אין פּאַריז זאָל מיר ניט זיין אומעטיק. זי האָט מיר אַרומגעפירט איבעראַל אין פּאַריז, וויזן מיר וואָס איז נאָר ווערט צו זען. כאָטש איך מוז מודה זיין, אַז קיין באַזונדערן איינדרוק האָט פּאַריז אויף מיר ניט געמאַכט, אָבער אין אַלגעמיין האָב איך פאַר־בראַכט די צייט אין פּאַריז העכסט אנגענעם. יעדן אָוונט, ווען איך האָב קיין רעדע ניט געהאַלטן, זיינען די גענאָסן צוזאַמענגעקומען און געהאַלטן, ווי דער שטייגער איז, אין איין ריידן. מיט באַזונדערער ליבע דערמאָן איך זיך אָן די גענאָסן ראַדינסאָן, ליפשיץ און נאָך אַנדערע, וועמעס נעמען איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, וועלכע האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט צו מאַכן מיין זיין אין פּאַריז אנגענעם.

פאַרשטייט זיך, אַז זייענדיק אין פּאַריז האָב איך אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער „אַרבייטער פריינד״ אין לאָנדאָן מוז דערשיינען. ווי געוויינלעך, האָב איך איבערגעלאָזן געוויסע אַרטיקלען; אָבער די אַרטיקלען און פראַגן פון טאָג, וואָס איך האָב ניט געקאָנט איבערלאָזן, האָב איך געמוזט צוגרייטן אין פּאַריז, און דאָס איז מיר אָנגעקומען ניט אַזוי לייכט.

איך האָב דאָס אַלץ כמעט פאַרגעסן דורך דעם גרויסן פּראָפּאַגאַנדע־דערפאָלג, וואָס איך האָב געהאַט. דער באַל איז געווען גאָר אַ גרויסער דערפאָלג, און האָט פינאַנציעל אַריינגעבראַכט אַ פּאָר הונדערט פראַנק, וואָס דאָס איז געווען פאַר פּאַריז גאָר אַ גרויסע סומע. אָבער נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג האָבן געהאַט מיינע דריי לעקטשורס איבער דער אַרביי־

טער־באַוועגונג אין ענגלאַנד, און דערנאָך איבער אַנאַרכיזם און פּאַרלאַמענ־טאַריזם. די לעקטשורס זיינען געווען זייער גוט באַזוכט, מענטשן זיינען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ און, ווי עס האָט אויסגעזען, איך האָב מיט מיין ריידן היגנעריסן די גרעסטע צאָל צוהערער. צו איינעם פון מיינע לעקטשורס איז געקומען די גאַנצע אידישע סטודענטנשאַפט, און זיי האָבן אודאי גע־רעכנט מיך צו צעמאָלן, ווייל די מערסטע פון זיי זיינען געווען גאָר פאַר־ברענטע מאַרקסיסטן און סאָציאַלדעמאָקראַטן, וועלכע האָבן זיך איינגערעדט, און אויך געזוכט אַנדערע איינצורעדן, אַז די גאַנצע וויסנשאַפט שטייט־איין נאָר ביי זיי. זיי האָבן דעריבער, נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיגט מיין רעדע איבער פּאַרלאַמענטאַריזם, גערעדט מיט גאָר באַזונדערער חוצפּה.

דאָס האָט די צוהערער מיינע שטאַרק אויפגערעגט; זיי האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך צו שטערן די סטודענטן; אָבער איך האָב ניט דערלאָזן דערצו. איך האָב געוואָלט, אַז זיי זאָלן האָבן די פולסטע פרייהייט, ווי דאָס זאָל שטענדיג זיין אויף אַ פאַרזאַמלונג פאַררופן פון אַנאַרכיסטן.

ווען איך האָב גענומען דאָס וואָרט צו ענטפערן, איז דער עולם געווען העכסט געשפּאַנט, און אין זאַל האָט געהערשט אַ מערקווירדיקע שטילקייט. אָבער ווען איך האָב גענומען ריידן האָט ניט געדויערט לאַנג און דער זאַל איז יעדע פינף מינוט אַנגעפילט געוואָרן מיט אַ רוישנדיקן אַפּלאָוז, און די מענטשן זיינען געוואָרן ווירקלעך באַגייסטערט פון מיינע ענטפערס.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעבאַטאַנטן מיינע זיינען געוואָרן ווי פאַר־ריקט; אויף אַזעלכע ענטפערס, ווי איך האָב זיי געגעבן, האָבן זיי זיך ווירקלעך ניט געריכט. זיי האָבן אַנגעהויבן מיר צו אונטערברעכן, שפּרינגען אויף די שטולן. דאַן האָט דער עולם געגעבן זיי צו פילן, אַז מען וועט זיי ניט דערלויבן מאַכן אַזעלכע שטיק. זיי האָט קיינער ניט אונטערבראָכן; און אויב זיי קאָנען זיך ניט פאַרהאַלטן אנשטענדיק, זאָלן זיי פאַרלאָזן דעם זאַל. דאָס האָט געווירקט. נאָר אייניקע זיינען אַרויס איידער איך האָב געענדיגט. און ווידער איז דער זאַל געווען פול מיט אַפּלאָדיסמענטן אויף יעדן שאַרפן ענטפער מיינעם. מען האָט מיר נאָכדעם געזאָגט, אַז גאָר פיל פון מיינע דעבאַטאַנטן זיינען אַליין היגנעריסן געוואָרן און האָבן מיר שטאַרק אַפּלאָדירט.

קורץ, מיין רייזע קיין פּאַריז האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרויסער דערפאָלג און פערזענלעכער טריאומף. איך בין אין די עטלעכע טעג געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז איין טאָג איז צו מיר געקומען אַ פאָטאָגראַפיסט מיט'ן פאָרשלאָג, אַז איך זאָל זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן, און פון יעדן בילד וואָס ער וועט פאַרקויפן וועט ער פּופציק פּראָצענט פון דעם אָפּגעבן דער גרופּע. איך האָב עס ניט געוואָלט: נאַ דיר, אַ בילד גאָר! אָבער די גענאָסן זיינען צוגעשטאַנען: איך מוז עס טאָן. זיי ווילן אַלע האָבן מיין בילד צום אָנדענק.

איך האָב געמוזט פאָלגן. נאָך מער, דער פאָטאָגראַף האָט אַנדערש

ניט געוואָלט ווי באַצירן מיין קאָפּ מיט אַ קראַנץ, און איך האָב אויף דעם געמוזט איינגיין. ווי איך האָב זיך נאָכדעם דערוואוסט פון די געגאָסן, און פון דעם פאָטאָגראַף גופא, האָט זיך דאָס בילד מיינס פאַרקויפט ווי מצה־וואַסער.

וויכטיקער אָבער ווי מיין דערפאָלג אַלס רעדנער באַטראַכט איך אַלס מיין גרעסטן טריאומף מיין באַקאַנטשאַפט מיט פרייליין מאַריע גאָלדסמיט. איך געדענק ניט אַקוראַט ווער עס האָט מיר באַקאַנט געמאַכט מיט איר — דאַכט זיך אַז דאָס איז געווען געגאָסע ראַדינסאָן, וועלכער האָט מיר דערציילט, אַז צווישן דער גאַנצער רוסישער סטודענטנשאַפט איז דאָ איינע, וואָס שטודירט נאַטורוויסנשאַפט, און האָט זיך שוין מיט אירע אַרבייטן געמאַכט גאַנץ באַקאַנט אין וויסנשאַפטלעכע קרייזן, און איז שטאַרק געניייגט צו אונדזערע אידייען. ער גלויבט דעריבער, אַז עס וואָלט זיך מיר געלוינט צו באַזוכן איר, ווערן מיט איר פערזענלעך באַקאַנט. זי איז געווען — האָט ער מיר ווייטער דערקלערט — אויף איינער פון מיינע לעקטשורס, און זי האָט אויסגעדריקט פאַר אים איר וואונטש פערזענלעך באַקאַנט צו ווערן מיט מיר, ווייל, ווי דער אמת איז, זי האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס איך האָב גערעדט. זי קען קיין וואָרט אידיש ניט, זי קען אָבער גענוג דייטש צו כאַפּן דעם אַלגעמיינעם געדאַנקענגאַנג פון מיין רעדע.

„זי קען ניט קיין וואָרט אידיש, און איר נאָמען איז גאָלדסמיט?" — האָב איך געפרעגט שטאַרק פאַרוואונדערט.

„יאָ, אַזוי איז דאָס" — האָט מיר דער געגאָסע געענטפערט. „איר פאָטער איז געווען אַ איד, איינער פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד. געהייראַט האָט ער מיט אַ קריסטין. ער איז געשטאָרבן זייער יונג, און איר מאַמע, און מאַדמואַזעל גאָלדסמיט, זיינען שוין יאָרן־לאַנג אין פּאַריז".

פאַרשטייט זיך, איך האָב זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, און איין פרייען אָוונט האָב איך זיי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט.

איך האָב פאַר די צוויי פרויען איבערגערעדט אויף רוסיש אַלע מיינע לעקטשורס, וואָס איך האָב געהאַלטן אין פּאַריז אויף אידיש. איך האָב באַמערקט ווי זיי זאַפּן־איין אין זיך יעדן וואָרט מיינעם, און פון זייערע פראַגן, ווי אויך פון אייניגע אַרגומענטן, וואָס די טאָכטער האָט געבראַכט אין דעם לויף פון אונדזער געשפּרעך, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט נאָכדעם ווי איך האָב פאַר זיי געשילדערט דעם צושטאַנד פון דער אַרבייטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, האָב איך איינגעזען, אַז מאַדמואַזעל גאָלדסמיט, ניט אַכטנדיק אויף דעם וואָס זי האָט איר גאַנצע צייט געווידמעט איר וויסנשאַפטלעכן שטודיום, האָט אויך גאַנץ טיף זיך פאַרטראַכט איבער דער גרויסער סאָציאַלער פראַגע.

איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז זען איר אַריינציען אין דער באַוועג־

גונג. איך האָב ביי איר געפרעגט, פאַרוואָס האַלט זי ניט אַמאָל אַ לעקטשור פאַר דער שטודירנדיקער יוגנט? זי וואָלט געוויס ניט פאַרפעלט צו האָבן אויף איר אַ גאַנץ שטאַרקע ווירקונג. זי האָט מיר געענטפערט, אַז זי איז אַ גאַנץ שוואַכע רעדנערין צו קאָנען דערוואַרטן וועלכע רעזולטאַטן. איך האָב איר דאַן פאָרגעשלאָגן צו שרייבן אַ וועכנטלעכע קאָרעספּאָנדענץ פאַר׳ן „אַרבייטער פריינד״.

„איך קאָן דאָך אָבער קיין אידיש ניט שרייבן״, האָט זי איינגעווענדעט.

„דאָס זאָל זיין אייער לעצטע זאָרג; איך וועל עס איבערזעצן״, האָב איך איר דערקלערט.

זי האָט איינגעוויליגט דערצו. אָבער אַזוי ווי איך האָב ניט דערוואַרט, אַז דאָס זאָל קאָנען אָנהאַלטן אַ לענגערע צייט, ווייל ווער קאָן עס לאַנג שרייבן און אַליין ניט קאָנען איבערלייענען וואָס מען שרייבט? האָב איך ניט געמאַכט דערפון קיין גרויס וועזן, און האָב זיך קנאַפּ־וואָס באַרימט מיט דער דערלאַבערונג, וואָס איך האָב געמאַכט, געווינענדיק איר פאַר אַ מיטאַרבייטערין אין „אַרבייטער פריינד״. אַרויסגעוויזן האָט זיך עס אָבער גאַנץ אַנדערש. געוואונען האָב איך ניט בלויז אַ מיטאַרבייטערין פאַר אַ קורצער צייט, נאָר פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך בין געווען רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד״, און שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבייטער שטימע״. איך האָב געוואונען אין איר ניט נאָר אַ מיטאַרבייטערין, נאָר אַ פריינד פאַר׳ן גאַנצן לעבן.

געזען האָבן מיר זיך בלויז איין מאָל אין אונדזער לעבן; אָבער דאָס איז געווען גענוג צו מאַכן אונדז פאַר פריינט אויפ׳ן גאַנצן לעבן. אונדזער קאָרעספּאָנדענץ פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, אין וועלכער מיר האָבן דיס־קוטירט איבער די וויכטיקסטע פראַגן פון דער צייט, וואָלט געוויס געווען גענוג אָנצופילן עטלעכע ביכער, און זייער אינטערעסאַנטע. אפשר וועל איך עס נאָך אַמאָל טאָן. איך ווייס ניט צי מיס גאָלדסמיט האָט מיינע בריוו; איך אָבער האָב אַלע אירע, און גאָר אָפט לייען איך זיי מיט אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס.

אָבער ניט דאָס אַליין איז געווען דער רעזולטאַט פון אונדזער באַגעגעניש. באַלד איז זי באַקאַנט געוואָרן אין די רוסישע אַנאַרכיסטישע קרייזן דורך אייניגע אַרבייטן אירע איבער אַנאַרכיזם. און ווען קראָפּאָטקין איז געווען אין אַמעריקע האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך ווייס גאָר אַליין ניט וואָס איך האָב אויפגעטאָן מיט מיין טרעפן זיך מיט איר. ער האָט איר באַטראַכט פאַר דער טיפסטער און גרינטלעכסטער קענערין און עקספּאָנענטין פון אַנאַרכיזם. ער האָט גאָר ניט אויפגעהערטריידן מיט מיר וועגן מאַריאַ איזידאָראָוונאַ און אירע אַרבייטן, און מיר געפרעגט פאַרוואָס איך כאַפּ זיך ניט אַמאָל אַריבער קיין אייראָפּע. זי וואָלט אַזוי געוואָלט זיך ווידער טרעפן מיט מיר, האָט ער מיר איבערגעגעבן.

יאַ, מאַריאַ איזידאָראָוונאַ, אָדער ווי זי שרייבט זיך אונטער אירע קאָרעספּאָנדענצן: מ. קאָרן — דאָס איז מיין גרעסטער טריאומף פון מיין רייזע קיין פּאַריז. איך שמייכל זיך אָפּט מיט דעם געדאַנק, אַז ווען ניט איך וואָלט אָט דער גרעסטער אוצר פאַר'ן אַנאַרכיזם — און דאָס זאָג איך ניט בלשון מליצה, נאָר עס איז מיין אינערלעכע איבערצייגונג — אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

זייער אָפט באַפאַלן מיר געדאַנקען פון פאַרצווייפלונג: וואָס האָב איך אַזוינס אויפגעטאָן אין מיין לעבן? אמת, איך האָב געשאַפן פיל שרייבער; אָבער איך מוז זאָגן, אַז איך האָב זייער ווייניג נחת פון זיי. איך האָב געגעבן אַ מעגלעכקייט אייניגע טאַלאַנטפולע מענטשן אַרויסצוברייינגען אַלץ וואָס איז געווען אין זיי. איך האָב געהיט זייערע ערשטע טריט, מיינענדיק, אַז זיי וועלן דינען אונדזער אידעאַל מיט זייערע טאַלאַנטן; אָבער איך קאָן דאָס זאָגן בלויז וועגן זייער ווייניגע. און עס באַפאַלט מיר אַ גרויסע מרה־שחורה, וואָס פאַר אַ דורכפאַל איך בין געווען.

דאַן אָבער דערמאָן איך זיך אָן מיין איינציקער באַגעגעניש מיט מיין ווייטער, טייערער, אָבער אין דער אמת'ן זייער נאָענטער, פריינדין — און מיר ווערט ליכטיג אויפ'ן האַרצן. ווען איך וואָלט ניט אויפגעטאָן מער ווי דאָס, וואָס איך האָב איר געוואונען פאַר'ן אַנאַרכיזם און אַלס מיין לעבנס־פריינדין, וואָס איז מיר געשטאַנען ביי דער זייט, דורך אירע בריוו פול מיט צאַרטקייט, און ניט געלאָזט פאַרצווייפלען און דערמוטיקט צו ווייטערדיקער אנשטרענגונג — פיל איך, אַז איך האָב עטוואָס וויכטיקס אויפגעטאָן.

16. די נביאות פון די געגנאָסן ווערט ניט אינגאַנצן מקוים

אַ טייל פון דעם, וואָס די געגנאָסן האָבן זיך פאַרשפּראָכן פון אַ פּאַר־גרעסערטן „אַרבייטער פריינד" מיט נייעם שריפט, איז מקוים געוואָרן. דער פאַרקויף פון דער צייטונג אין לאָנדאָן האָט זיך באַדייטנדיק געהויבן, און מיט דעם איז אויך געוואַקסן זיין איינפלוס סיי אין די אַרבייטער־קרייזן און סיי אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל. מיר האָבן אויך געקראָגן אַ געוויסע צאָל אַדווערטייזמענטס. אויך האָט דער „אַרבייטער פריינד" געקראָגן אַ פיל שענערן ליטעראַרישן פּנים. ער האָט שוין מער ניט אויס־געזען ווי געשאַפן פון איין האַנט. זיינע נייע מיטאַרבייטער, ווי מ. קאָרן פון פראַנקרייך מיט אירע פרעכטיגע קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען; דער פּאָעט י. ש. פרענאָוויץ פון שיקאַגאָ (שפּעטער פילאַדעלפיע); דער שרייבער ברעגסאָן, פון דערזעלבער שטאָט, וועלכער איז אין די שפּעטערע יאָרן גאָר געוואָרן אַ ריכטער; דאַן באַוושאָווער; און מער פון אַלע טאַנענבוים, וועלכער

איז געווען גאר שטארק פאפולער צווישן די אידישע לעזער דורך זיינע איבערזעצונגען פון פארשיידענע טשיקאווע ראמאנען, וואס די לעזער פון יענער צייט האבן געליענט מיט דער גרעסטער התמדה — זיי אלע האבן צוגעגעבן דער צייטונג אן אלזייטיגקייט, וואס האט איר פריער געפעלט. דאן האב איך צוגעצויגן, אלס שרייבער, מיין פלימעניק מ. יאנאווסקי, וועלכער האט געשריבן ארטיקלען פון א פאלעמישן כאראקטער. ב. גארדיאן און קאפעלאוו האבן אויך געשריבן ארטיקלען, כלומרשט קעגן אנארכיזם און סאציאליזם, און אויף אזא אופן אריינגעצויגן די רענק און פייל לעזער אין דיסקוסיעס.

איך, פון מיין זייט, האב אויך געטאן דאס בעסטע. איצט, לייענענדיק דעם „ארבייטער פריינד", דוכט זיך מיר, אז איך האב קיינמאל ניט געשריבן מיט אזא פייער און הארציגקייט ווי דאן. בקיצור, איך האב געפילט, אז איך גיב דעם עולם א גוטע, א לעזנסווערטע צייטונג, און איצט, נאך מער ווי דרייסיק יאר דערפארונג אלס רעדאקטאר און שרייבער, זע איך ניט אייך קיין גרונט צו בייטן מיין דעמאלסטדיקע מיינונג. שוין אפגעזען פון מיינע באטראכטונגען איבער די פארשיידענע פאסירונגען פון דער צייט און די ארטיקלען פון מיינע מיטארבעטער, וועל איך אנווייזן אויף די פאלגנדע „פיטשורס" פון דער צייטונג. איך האב יעדע וואך איבערגעזעצט א קאפיטל פון וויליאם מאריס'עס „ניוס פראם נאוהער" („בייעס פון ערגעץ ניט"). איך האב געדרוקט וויקטאר הוגא'ס ראמאן „דער לאכענדיגער". פרימאן האט איבערגעזעצט טאמאס פעינ'ס „די צייט פון פארשטאנד" און דערנאך „משה רבינו'ס טעות'ן". באראנדעס האט צוגעשיקט אן איבערזעצונג פון אינגערסאל און א סאטירישע דערציילונג פון שטשעדרין. עס איז דעריבער געווען אוממעגלעך פאר אימיצן צו באהויפטן, אז די צייטונג איז ניט אינטערעסאנט און ניט לעזנסווערט; און די וואס האבן איר געלייענט זיינען געווען ווירקלעך אנטציקט. אבער די צאל לייענער איז דאך געבליבן א גאנץ קליינע, אזוי אז מיט יעדער וואך האט זיך אלץ שטארקער און שטארקער אנגעהויבן פילן דער מאנגל אין פינאנצן. געוויס האבן מיר געהאט דעם לעצטן מיטל — צו ווענדן זיך צו די לעזער, פאר וועמען מיר גיבן ארויס די צייטונג, אז זיי זאלן איר העלפן אין איר נויט. און עס איז ניט געווען דער קלענסטער צווייפל, אז גאר א גרויסע צאל וואלט זיך אפגערופן אויף אונדזער געשריי; אבער, ערשטנס, האבן מיר ניט געוואלט דערפרייען אונדזערע שונאים. און צווייטנס, האט די גרופע געהאט די אמביציע אליין, אויף אירע אייגענע פלייצעס, דורכצוטראגן דעם „ארבייטער פריינד", וועניגסטנס פאר א יאר צייט, אין זיין פארגרעסערטן פארמאט.

און איך בין גאר ניט זיכער, צי די גרופע „ארבייטער פריינד" וואלט איר אמביציע ניט דורכגעפירט, ווען עס וואלט ניט פאסירט עפעס אומדערווארטס. אין איין שיינער נאכט האט אין דער „ארבייטער פריינד"

דרוקעריי, ווען קיינער איז שוין דאָרט ניט געווען, אויסגעבראָכן אַ פייער, און מאָמענטאַל געמאַכט אוממעגלעך די ווייטערדיקע דערשיינונג פון „אַרבייטער פריינד“.

ערשט דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן די גרויסע צוגעבונדנקייט פון די גענאָסן. אָרים און עלנד, ווי עס איז דאַן געווען דער אידישער אַרבייטער אין ענגלאַנד, דאָך האָט ער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כחות צו העלפן דעם „אַרבייטער פריינד“ ווידער דערשיינען. די אַמעריקאַנער לעזער, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם פייער, — דאָס האָבן מיר זיי געלאָזט וויסן דורך אַ טעלעגראַם — האָבן געטאָן זייער בעסט צו העלפן אים זיך צוריקשטעלן אויף די פיס. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט דאַן יצחק אייזיק גאָר פלייסיק געאַרבייט אין דעם היגזיכט, — און דאָס איז געווען גראָד דעמאָלט ווען ער האָט פאַרלאָזן די „פרייע אַרבייטער שטימע“, ניט קאָנענדיק שטימען מיט דעם אַנאַרכיסטישן רעדאַקטאָר. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין אַ מאָנאַט אַרום איז שוין דער „אַרבייטער פריינד“ ווידער דערשינען אין זיין גאַנצן גלאַנץ און פּראַכט, ווי מען זאָגט.

פאַרשטייט זיך, ווען די געגנער פון „אַרבייטער פריינד“, און איבער־הויפּט מיינע פּערזענלעכע געגנער, האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם פייער, אין וועלכן איינער אַ זעצער, מיט'ן נאָמען וואָלאָזשינסקי, איז שיער ניט אומגעקומען, און אַ צווייטער איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן, איז דאָס פאַר זיי געווען אַ גרויסע שמחה. איצט, זיינען זיי זיכער געווען, אַז דער „אַרבייטער פריינד“ איז טויט. אַ קלייניגקייט עפּעס אויפצובויען אַ נייע דרוקעריי! דאָס איז דאָך פאַר יענע צייטן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַזעל־כעס, וואָס נאָר אַ הערקולעס וואָלט געקאָנט אויפטאָן. און איך מוז דאָ אַרויסברענגען דעם חשד, וואָס מיר האָבן אַלע דעמאָלסט געהאַט, אַז דער פייער איז ניט געווען עפּעס צופעליגעס, ווי דאָס איז ניט געווען די לאָך אין קאָפּ, וואָס איך האָב געקראָגן מיט אַ צייט צוריק אויף באָקס ראָו. אָבער, וואָס אונזערע פיינד זאָלן ניט האָבן געטראַכט, איך אָבער, דער־וויסנדיק זיך וועגן דעם פייער, האָב געוואוסט, אַז דאָס קאָן ניט מיינען בשום אופן דער סוף זיינער, און אויך ניט דער סוף פון אונדזער אַלגעמיינער טעטיגקייט. איך האָב געפילט, יאָ, איך האָב געוואוסט וועגן דער גרויסער אַכטונג און צוגעבונדנקייט פון די לעזער צום „אַרבייטער פריינד“, און איך האָב ניט פאַרלייגט די הענט און האָב גלייך וועגן דעם טעלעגראַפירט קיין ניו יאָרק. איך האָב אויך גלייך געלאָזט אָפּדרוקן סובסקריפּשאָן ליסטן און אויך גלייך באַשטעלט נייע שריפט און די אַנדערע נויטיקע זאַכן פאַר אַ דרוקעריי. אין פיר וואָכן צייט איז דער טויט־געגלויבטער „אַרבייטער פריינד“ ווידער אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

איך ווייס, אַז דער לעזער וועט זיך אודאי פרעגן: מיט וואָס בין איך עס געווען אַזוי זיכער? וועל איך זיי זאָגן, אַז: ערשטנס, האָב איך אַזוי

געפילט — און זעלטן ווען האָט מיר מיין געפיל אָפּגענאַרט. צווייטנס, זיינען טאַקע געווען אומצווייפלהאַפטע סימנים פאַר דעם גרויסן איינפלוס פון „אַרבייטער פריינד״.

לאָמיר דאָ איבערגעבן איין פאַל, וואָס האָט טאַקע פּאַסירט ניט לאַנג איידער דער פייער האָט אויסגעבראָכן.

דער ערשטער מאַי האָט געהאַלטן אין אָנקומען. די ענגלישע אַרביי־טער, נאָך דעם ווי זיי האָבן דעם ערשטן יאָר געפייערט טאַקע דעם ע ר ש ט ן מ אַ י — וואָס האָט געמאַכט די דעמאָנסטראַציע באַזונדערס וויכטיק — האָבן באַשלאָסן, כדי ניט צו פאַרלירן אַ טאָג אַרבייט און צוליב אַנדערע מאָטיוון, אין וועלכע איך וויל דאָ ניט אַריינגיין, צו פייערן דעם ע ר ש ט ן ז ו נ ט אָ ג אין מאַי — וואָס איך האָב דאַן באַטראַכט פאַר אמת׳ן פאַר־ראַט צום ערשטן מאַי־געדאַנק בפרט, און צום אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלע־טאַריאַט בכלל.

איך האָב דאַן באַשלאָסן, אַז מעגן די ענגלישע פירער טאָן וואָס זיי ווילן, די אידישע אַרבייטער אָבער דאַרפן דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי. מיין גרופּע, נאַטירלעך, איז געווען איינפאַרשטאַנען מיט מיר, און איך און נאָך אַ פּאָר גענאָסן האָבן זיך אָוועקגעלאָזט צו די מיטינגען פון די אידישע יוניאָנס אַגיטירן פאַר אַן ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציע.

אין אייניגע יוניאָנס האָט מען אונדז גאַנץ שיין אויסגעהערט און צו־געזאָגט, אַז מען וועט אונדז לאָזן וויסן; אין אַנדערע האָבן זייערע פירער אונדז באַגעגנט מיט דער גרעסטער פיינדלעכקייט, און עס זיינען פאָרגע־קומען אויך שלעגערייען און סקאַנדאַלן.

אין דערזעלביקער צייט האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט אין נאָמען פון דער גרופּע „אַרבייטער פריינד״, וועלכן איך האָב געלאָזט פאַרשפּרייטן סיי אין הענדבילס און סיי פאַרעפנטלעכט אין „אַרבייטער פריינד״, אַז דעם ערשטן מאַי פאַרזאַמלען זיך די אידישע אַרבייטער, אונטער דער אָנפירער־שאַפט פון דער גרופּע „אַרבייטער פריינד״, אונטערן אָפענעם הימל אויף באָקס ראָו סקווער — דאָרט וואו איך האָב דאָס געקראָגן דעם קאָפּ גע־שפּאָלטן — און פון דאָרט וועלן מיר מאַרשירן איבער די גאַסן פון לאָנדאָן, וואו די מערסטע סוועט־שעפּער געפינען זיך. פון דאָרט וועלן מיר זיך אָנשליסן אָן אַן אַנאַרכיסטישער פאַרזאַמלונג אויף דער וועסט־זייט, אין גראַפּטאָן האָל, און פון דאָרט וועלן מיר מאַרשירן צוזאַמען נאָך הייד פּאַרק, וואו אַ גרויסער מיטינג וועט אָפּגעהאַלטן ווערן, אויף וועלכן עס וועלן ריידן איך, קראָפּאָטקין, לואיזע מישעל, און פאַרשיידענע יוניאָן־פירער.

לאָמיך זאָגן דעם אמת, אַז מיר האָט גאַנץ שטאַרק דאָס האַרץ גע־שראָקן: וואָס וועט זיין, אַז קיינער פון די אידישע אַרבייטער וועט ניט קומען? דאָס וועט דאָך זיין דער בעסטער סימן, אַז מיר זיינען באַנקראָט, אַז מיר האָבן ניט דעם מינדסטן איינפלוס אויף די אידישע אַרבייטער. און

איך זאָג אייך, אַז איך האָב יענע נאַכט, ערב דעם ערשטן מאַי, מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. און ווען איך בין אויפגעשטאַנען אינדערפרי און אַ קוק געטאָן אויפ'ן הימל דורכ'ן פענסטער און געזען ווי פאַרוואָלקנט ער איז, איז מיר ווירקלעך דאָס האַרץ איינגעפאַלן.

נאָך ערגער האָב איך געפילט, ווען אַזייגער 8 אינדערפרי האָט אָנגעהויבן אַביסל רעגענען. אמת, האָב איך זיך געטראַכט, דער רעגן קאָן זיין אַ גוטער תירוץ פאַר אַ דורכפאַל; אָבער, פון דער אַנדער זייט, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבייטער, וואָס שרעקן זיך אָפּ צוליב אַביסל רעגן?

קורץ, איך האָב געפילט זייער „בלוי".

ווי דערשטוינט און פריידיק איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען קומענדיק אויף באָקס ראָו האָב איך דערזען אַ גרויסע מאַסע אַרבייטער, ניט ווייניגער ווי אַ טויזנט מענטשן, און צווישן זיי אייניגע יוניאָנס מיט זייערע פאָנען!

דאָס איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער אויפטו. עס איז געווען ריזיקאַליש, אָבער עס איז ווערט געווען צו ריזיקירן. און איך זאָג אייך, אַז דאַן בין איך ניט געגאַנגען, נאָר געטאַנצט. כמעט אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען אויף די פיס, אָבער איך האָב ניט געפילט די מינדסטע מידקייט. די פאַרזאַמלונג אין הייד פאַרק איז געווען איינע פון די געלונגענסטע, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן ווען־עס־איז געהאַט, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן איינפלוס פון „אַרבייטער פריינד".

אַט דערפאַר, ווען דער פייער האָט פאַרברענט די אַלטע דרוקעריי, האָב איך געוואוסט, אַז דער „אַרבייטער פריינד" וועט אויפשטיין פון דעם אַש ווי דער לעגענדאַרישער פויגל פעניקס.

און אַז איך האַלט שוין יאָ דערביי, טאָ לאָמיר אייך דערציילן וועגן דער נאָכווייעניש פון דעם מיטינג אין הייד פאַרק און וואָס האָט געהאַט אַ גאָר שטאַרקע ווירקונג אויף דעם שיקזאַל פון אַ געוויסער פּערזאָן, וואָס איז געווען שטאַרק טעטיג אין דער אַרבייטער־באַוועגונג. זיין נאָמען איז געווען גיליאַראָוו.

אָבער וועגן דעם אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל.

17. די מעשה גיליאַראָוו

עס קאָן זייער זיין, אַז מיינע מעמוארן וואָלטן זיך זייער גוט געקאָנט באַגיין, ווען איך לאָז אויסלאָזן אויס דעם גיליאַראָוו קאַפּיטל, ווייל די פּערזאָן האָט אַ גאַנץ קנאַפּע ראָלע געשפּילט אין אונדזער באַוועגונג. מיט יאָרן צוריק האָב איך געהערט, אַז ער איז ערגעץ אין אַפריקע און איז אַ גאַנצער טוער צווישן די ציוניסטן; איז אויב ער איז עס נאָך וועט עס אים

געוויס ניט שאַדן, ווייל זיכער האָבן דאָך די ציוניסטן געוואוסט וועגן דער גאַנצער געשיכטע. און אויב ער איז פאַר זיי כשר געווען דאַן, וועט ער איצט, דורך דער אָפּפרישונג פון דער געשיכטע ניט ווערן מיטאַמאָל טריף. און אויב אַפילו יאָ, מוז איך זיך מודה זיין, אַז דאָס וועט מיר גאַנץ ווייניג אַרן. איך דענק אָבער, אַז עס איז נויטיג, ווייל דורך דער געשיכטע וועט דער לעזער קאָנען קלאָר זען דעם כאַראַקטער פון אונדזער באַוועגונג פון יענער צייט.

איך האָב אין דעם פאָריגן קאַפּיטל דערציילט וועגן מיין גיין אין די יוניאָנס און אַגיטירן פאַר זיי די נויטיגקייט פון נעמען אַן אנטייל אין אונדזער ערשטער־מאַי דעמאָנסטראַציע. איינע פון די יוניאָנס, וואָס האָט זיך דורכאויס אָפּגעזאָגט פון גיין מיט אונדז, איז געווען די מענטלמייקערס יוניאָן, וואו גיליאַראָוו איז געווען סעקרעטער. דער מיטינג האָט זיך געענדיגט מיט אַ סקאַנדאַל, ווייל עס זיינען געווען גאָר אַ סך מענטלמייקערס, וואָס זיינען געווען פאַר דעם אַז די יוניאָן דאַרף גיין מיט אונדז, און ניט מיט די וואָס דעמאָנסטרירן דעם ערשטן זונטאָג אין מאַי. גיליאַראָוו האָט אָבער אויסגעפירט: די מענטלמייקערס יוניאָן האָט זיך ניט באַטייליגט אין אונדזער דעמאָנסטראַציע, נאָר האָט זיך אָנגעשלאָסן אַן דער דעמאָנסטראַציע פון די ענגלישע אַרבייטער.

גיליאַראָוו איז געווען אויסגעפוצט מיט אַ לענטע, אַלס דער פירער פון דער מענטלמייקערס יוניאָן, און אים איז אויך צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. צופעליגערווייז איז צווישן די אַרומשטייענדיקע אַרום דער פּלאַטפאָרם געווען אויך דער באַרימטער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער ניקאָליי טשייקאָווסקי. דערזעענדיק גיליאַראָוו'ן אויף דער פּלאַטפאָרם אַלס אַ פאָרשטייער פון אַן אַרבייטער יוניאָן, האָט ער זיך געווענדט צום טשערמאַן מיט'ן פאַרלאַנג צו מאַכן אַ באַמערקונג. אָבער, לאָמיר בעסער איבערגעבן די געשיכטע אין טשייקאָווסקי'ס אייגענע ווערטער.

אָט וואָס ער האָט מיר געשריבן אויפמאָרגן נאָך דער דעמאָנסטראַציע:

„געגנאָסע יאַנאָווסקי: ביי דער נעכטיקער דעמאָנסטראַציע אין הייד פּאַרק, אויף דער פּלאַטפאָרם נומער 9, איז צוזאַמען מיט דזשאָן בוירנס'ן, געזעסן מיט אַ לענטע פון אַ דעלעגאַט פון מאַנטל־שניידער און בעקער יוניאָנס, דער וואָרשיינלעך אייך באַקאַנטער גיליאַראָוו, און האָט געקראָגן דאָס וואָרט נאָך אַנדערע רעדנער. איך האָב זיך געווענדט צום טשערמאַן מיט אַ ביטע צו דערלויבן מיר מאַכן אַ באַמערקונג, נעמלעך, אַז דער דאָזיקער הער גיליאַראָוו טאָר זיך ניט געפינען אויף אַן עפענטלעכער פּלאַטפאָרם און פיגורירן אַלס אַ קעמפער פאַר דער זאַך פון פאָלק, ווייל מיט אַ צייט צוריק האָט ער

פאַרנומען די שטעלע פון אַ באַצאָלטן שפּיאָן פון דער רוסישער פּאָ־סאָלסטוואָ אין לאָנדאָן, אין וואָס ער האָט זיך אַליין מודה געווען, און האָט זאָגאָר געגעבן שריפטלעכע באַווייזן איינעם פון אונדזערע גענאָסן. וועלנדיק געבן די דאָזיקע דערקלערונג האָב איך געהאַט אין אויסזיכט אָפּצוהיטן די אַרבייטער פאַראיינען, וואָס האָבן אויס־געקליבן גיליאַראָוו׳ן אַלס זייער פאָרשטייער, פון איבערגעבן זייער פאַרטרעטערשאַפט אַזעלכע מענטשן, וועמעס פאַרגאַנגענהייט איז זיי פּילייכט אומבאַקאַנט״.

דזשאָן בוירנס האָט געענטפערט פאַר׳ן טשערמאַן, אַז ער, פּערזענלעך, האָט גוטן גרונט צו גלויבן מיינע ווערטער; אָבער אַלס דעלעגאַט פון זיינע פאַראיינען האָט גיליאַראָוו געדאַרפט קריגן זיין וואָרט.

גיליאַראָוו אַליין האָט דערקלערט, אַז ער האָט אויפגעפּאָדערט אויסצו־קלייבן אַ קאָמיטעט וועגן דעם דאָזיקן ענין, אָבער די רוסישע סאָציאַליסטן האָבן זיך אַנטזאָגט דערפון. ער האָט דעריבער געבעטן מיר זאָלן ניט פאַר־נעמען קיין גרויסן פּלאַץ אין אונדזער „אויסגעצייכנטער צייטונג״.

„דער אמת איז״, האָט געשריבן גענאָסע טשייקאָווסקי, „אַז גיליאַראָוו האָט געקראָגן געלט פון דער רוסישער פּאָסאָלסטוואָ, און פאַר זיין אָוועקפאָרן מיט דעם דאָזיקן געלט קיין אַמעריקע האָט ער ניט אָפּגעלייקנט דעם פאַקט, אַז ער האָט געקראָגן געלט פאַר „דינסט״. ער האָט זיך נאָר געסטאַרעט צו באַרעכטיקן זיין מיאוס׳ע טאַט מיט פּאָליטישע מאָטיוון. דעריבער איז קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר אונדזערער אַ קאָמיטע, ווייל ווער קאָן גאַראַנטירן פאַר די מאָטיוון פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געהאַט צו טאָן מיט דער רוסישער פּאָסאָלסטוואָ? אָבער ווען גיליאַראָוו וויל איצט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז ער האָט אַמאָל דערהאַלטן געלט פון דער פּאָסאָלסטוואָ, טאָ זאָל ער דאָס דערקלערן עפענטלעך, און די פּליכט פון די רוסישע סאָציאַליסטן וועט זיין צו אונטערזוכן די זאַך״.

איך האָב אונטער דעם בריוו געמאַכט פאָלגנדיקע רעדאַקציאָנעלע באַ־מערקונג:

„מיט אַ צייט צוריק — עס וועט שוין באַלד ווערן צוויי יאָר —

האָבן מיר דערהאַלטן פון באַראַנאָוו׳ן אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן ער דערקלערט, אַז גיליאַראָוו איז אַ שפּיאָן. ווייל אָבער דער בריוו האָט געטראָגן סימנים פון פּערזענלעכן האַס, און ווייל די אַמעריקאַנער סאָציאַלדעמאָקראַטן, וויסנדיק פון דער געשיכטע, האָבן אים דאָך באַטראַכט פאַר אַ גענאָסע, וועלכער האָט גענומען אַ שטאַרקן אַנטייל אין דער דאָרטיקער באַוועגונג, און ווייל מיר ווייסן וואָס פאַר אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַ צייטונג טראָגט, דערלויבנדיק יעדן איינעם צו שרייבן אַזעלכע זאַכן איבער אַ פּערזאָן, וואָס איז פּילייכט

אומשולדיק און קאָן דורך דעם פּאַראומגליקט ווערן אין איר מענטש־לעכקייט און רעפּוטאַציע פאַר'ן גאַנצן לעבן, האָבן מיר דעמאָלט זיך צוריקגעהאַלטן פון דרוקן דעם בריוו. דער בריוו איז אָבער דעמאָלט פאָרגעלייענט געוואָרן פאַר די גענאָסן, און זיי האָבן גוטגעהייסן די פאָרזיכטיגע האַנדלונג פון דער רעדאַקציע, און עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמענצורופן אַ קאָמיטע, וואָס זאָל די זאַך אונטערזוכן. באַלד נאָכדעם האָט דער „אַרבייטער פריינד" זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ געוויסער צייט. די קאָמיטע איז געווען שווער צוזאַמענצושטעלן, און די זאַך האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן ווערן".

באַלד דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטייעניש צווישן די לאָנ־דאָנער סאָציאַלדעמאָקראַטן און גיליאַראָוו'ן און, נאַטירלעך, האָבן זיי אויפגעפרישט די אַלטע געשיכטע. אָבער דעמאָלט האָט זיי קיינער ניט געגלויבט, ווייל יעדער האָט זיך געפרעגט: פאַרוואָס האָבן זיי ביז איצט געשוויגן? גיליאַראָוו איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס סעקרעטער צוערשט אין דער בעקערס יוניאָן, דערנאָך אין דער מאַנטלמאַכערס יוניאָן, און מיר מוזן צוגעבן, אַז ער האָט גאַנץ טיכטיג געאַרבייט, נאַטירלעך, קריגנדיג באַצאָלט פאַר זיין אַרבייט. אונדזער פאַרהאַלטן זיך צו אים איז געווען אַ פאָרזיכטיקע. אָבער, אין דערזעלבער צייט האָבן מיר געטאָן אונדזער בעסט, זעענדיג אַז ער איז ניצלעך, צו פאַרגעסן, און מאַכן אַנדערע פאַרגעסן, אין דער טונקעלער געשיכטע. איצט אָבער האָט די זאַך אָנגענומען אַ ווענדונג, וואָס זי קאָן ניט און טאָר ניט פאַרשוויגן ווערן. דער אַלגעמיין באַליבטער און פיל געאַכטער, אַלטער, אויסגעפּרובירטער פרייהייטס־קעמפער, טשייקאָווסקי, איז איבערצייגט, אַז גיליאַראָוו איז געשטאַנען אין דינסט פון דער רוסישער פּאָסאָלסטוואָ. ריידנדיק אויפמאָרגן נאָך דער דעמאָנסטראַציע מיט גיליאַראָוו'ן, האָט ער אַליין אונדז דערקלערט, אַז ער האָט יאָ גענומען געלט, אָבער נאָר כדי אָוועקצופאָרן קיין רוסלאַנד. איז אונדזער מיינונג, אַז אַ קאָמיטע זאָל דאָך איינגערופן ווערן, כדי זיך צו דערוויסן אויף קלאָר, אויב עס איז געווען אַמאָל אַזאַ פאַל, אַז די פּאָסאָל־סטוואָ זאָל זיין אַזוי גוט אָוועקצושיקן אָרימע אַרבייטער קיין רוסלאַנד. געוויס האָט נאָך גיליאַראָוו ביי זיך די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט גע־פירט מיט דער פּאָסאָלסטוואָ, און דאָס קאָן דער קאָמיטע זייער גוט צוניצ־קומען. פון גרויס נוצן קאָן אויך זיין אַן עפנטלעכע דערקלערונג פון אַב. קאַהאַן, וועלכער ווייס פיל פון דער געשיכטע און האָט אים פאַרטיידיגט און ריינגעוואַשן פון דער באַשולדיקונג, וואָרים ער האָט זיך נאָכדעם פון אים אָפּגעוואָרפן צוליב דעם טאַקע, אָדער צוליב אַן אַנדער זאַך.

מיר וועלן, פון אונדזער זייט, טאָן אונדזער בעסטס, אַז די זאַך זאָל אויפגעקלערט ווערן. דערוויל פאָדערן מיר אויף די יוניאָנס, וואו גיליאַראָוו

איז סעקרעטער, אין נאָמען פון ריינקייט און הייליגקייט פון דער אַרבייטער־זאַך, ערנסט זיך צו פאַרנעמען מיט דער פראַגע. נאָר דאָס פעלט נאָך די אַרבייטער־יוניאָנס, זיי זאָלן האָבן אַלס סעקרעטער איינעם, וואָס זאָל האָבן געשטאַנען אין דינסט פון דער רוסישער פאָסאָלסטוואָ אַלס שפּיאָן.

און מערקווירדיק, אין דער זעלביקער וואָך, וואָס עס איז דערשינען טשייקאָווסקי׳ס בריוו, מיט אונדזער רעדאַקציאָנעלער באַמערקונג, האָט אויסגעבראָכן דער פייער אין דער „אַרבייטער פריינד״ דרוקעריי, ווי מיר האָבן עס שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל איבערגעגעבן, און עס איז אונדז מער געלעגן אין זינען ווי דעם „אַרבייטער פריינד״ אויפצולעבן, און די גיליאַראָוו־געשיכטע איז פאַר דער צייט פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן.

אָבער אַזוי גיך ווי מיר זיינען געקומען צו זיך אַביסל האָבן מיר באַשלאָסן, אַז עס מוז געמאַכט ווערן אַן ענד דערצו, און אַז קיין צופאַלן זאָלן ניט ראַטעווען דעם שפּיאָן, אויב ער איז ווירקלעך אַזעלכער. איך האָב זיך באַנוצט דערמיט, וואָס די מענטלמאַכערס יוניאָן האָט מיר איינגעלאַדן האַלטן אַ רעדע אויף איינעם פון זייערע מיטינגען. איך האָב זיי גלייך געענטפערט, אַז איך קאָן זייער איינלאַדונג ניט אָננעמען, ווייל זיי האָבן זיך ניט גענומען די מינדסטע מי צו אונטערזוכן די באַשולדיקונג קעגן זייער סעקרעטער. און אין „אַרבייטער פריינד״ האָב איך געמאַכט פאָלגנדיקע דערקלערונג:

„פאַריגע וואָך האָט דער רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד״ דערהאַלטן אַן איינלאַדונג פון דעם סעקרעטער פון דער מאַנטלמאַכערס יוניאָן צו ריידן ביי זיי אויף אַ מיטינג. ער איז ניט געקומען ריידן אויף דעם גרונט, ווייל די מאַנטלמאַכערס יוניאָן האָט באַוויזן מיט איר אינדיפערענץ צו דער באַשולדיקונג אויף איר סעקרעטער; אַז איר אַרט זייער ווייניג פאַר איר ערע און ריינקייט. שוין די עפנטלעכע דערקלערונג פון גענאָסע טשייקאָווסקי אין הייד פּאַרק פאַר טויזנטער מענטשן האָט זיי געדאַרפט צווינגען צו אונטערזוכן ווער ווירקלעך זייער סעקרעטער איז. ווען דער בריוו איז דערשינען, האָבן זיי דאָס געוויס געדאַרפט טאָן. זיי האָבן דאָס אָבער ניט געטאָן; דאָס צייגט, וואָס פאַר אַ זאָנדערבאַרן באַגריף זיי האָבן פון דער ריינקייט און ערנהאַפטיגקייט אין דער אַרבייטער־באַוועגונג. ווי די זאַך איז — די גרופּע „אַרבייטער פריינד״ האָט אויסגעווילט דעלעגאַטן צו אַלע טרייד־יוניאָנס צוזאַמענצושטעלן אַ קאָמיטע פון אַרבייטער, וואָס זאָל ריכטיק אויספאָלגן די אַנגעלעגנהייט, און עס וועט אונדז ווירקלעך פרייען, ווען גיליאַראָוו זאָל זיך אַרויסווייזן אַלס אומשולדיג.

„זאָל עס אָבער אַנדערש זיין, דאַן טאָר גיליאַראָוו פאַר קיין פאַל ניט בלייבן סעקרעטער אין די יוניאָנס. עס וואָלט געווען אַ שמאַך

און שאַנד פאַר די אַרבייטער, וואָס קעמפן פאַר זייער פרייהייט, צו האָבן אַלס זייער סעקרעטער אַ מענטשן, וואָס זאָל האָבן אויף אַ שענדלעכער ווייזע פאַרראַטן און פאַרקויפט פאַר אַ פאַר פונט דעם פאַרטרויען פון די מערדעריש־פאַרפאָלגטע פרייהייטס־קעמפער פון רוסלאַנד. די דיסקוסיע איבער דער דאָזיקער אנגעלעגנהייט וועט ניט געפינען קיין פּלאַץ אויף די שפאַלטן פון „אַרבייטער פריינד" אַחוץ די רעפּאָרטן פון דער קאָמיטע."

איך גלויב, אַז פון די געבראַכטע באַמערקונגען וועט דער לעזער געוויס ציען דעם שלוס, אַז איך האָב אַלץ נאָך געצווייפלט, צי גיליאַראָוו איז ווירקלעך אַ שפּיאָן. איך האָב גערעכנט, אפשר איז עס געווען בלויז אַן אומבאַרעכנטע האַנדלונג, און אַז ער האָט געמיינט פשוט אויסצונאַרן פון דער רוסישער פּאָסאָלסטוואָ אַ פאַר פונט, ווייל עס האָט זיך אים זייער געגלוסט פאָרן קיין אַמעריקע.

און דערפאַר, קעגן דעם וואונטש פון גענאָסע טשייקאָווסקי, האָב איך דורכאויס געוואָלט, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ קאָמיטע, וואָס זאָל אויפסניי, אַן וועלכע עס איז פאַראורטיילן אויספאָרשן די גאַנצע אנגעלעגנ־הייט. אָבער דערצו האָט גיליאַראָוו אַליין ניט דערלאָזט, כאָטש ער האָט אויף דעם מיטינג אין הייד פּאַרק אַליין אויפגעפאָדערט אַן אונטערזוכונג. אָט וואָס עס האָט פּאַסירט. און דאָ ברייננגען מיר ווידער אַן אויסצוג פון „אַרבייטער פריינד" אַ וואָך נאָך דעם ווי עס איז דערשינען די אויבנגע־בראַכטע דערקלערונג פון דער רעדאַקציע:

„פאַריגע וואָך האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריוו פון גיליאַראָוו'ן, אין וועלכן ער געברויכט די געמיינסטע שמוץ־ווערטער קעגן זיינע באַשולדיגער, און איז זיך מודה, אַז ער האָט גענומען געלט פון דעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר. ער דערקלערט אָבער ניט פאַרוואָס ער האָט אים געגעבן דאָס געלט. מיר וואָלטן אָבער טראָץ אַלעם דעם דעם בריוו פאַרעפנטלעכט, ווען גיליאַראָוו וואָלט ניט, אין דעמזעלבן בריוו, דערקלערט, אַז ער מיינט ניט מיט דעם זיך צו פאַרטיידיקן פאַר וועמען עס איז; אַז ער וויל פון אונדז ניט וויסן; און אַז ער וועט אונדז געריכטלעך פאַרקלאָגן. דעריבער האָבן מיר דעם בריוו ניט געדרוקט און האָבן באַשלאָסן אים איבערצוגעבן דער קאָמיטע.

„פרייטאָג נאָכמיטאָג איז גיליאַראָוו געקומען אין דער דרוקעריי פון „אַרבייטער פריינד", פאָדערנדיק דעם בריוו. דער רעדאַקטאָר האָט אים דערקלערט, אַז דעם בריוו קאָן ער ניט האָבן. אויב ער וויל אַ קאָפּיע, קאָן ער עס קריגן. „דעם בריוו וויל איך" — האָט ער געפאָדערט. „ניין, איר וועט ניט קריגן דעם בריוו" — האָב איך אים געענטפערט. „נו, דאַן מוז איך אייך טויט־שלאָגן" — האָט ער גע־

זאגט, און האט זיך געכאפט שלאגן. די גענאסן געלער און יונגמאן האבן אים אפגעהאלטן. ער האט זיך, ווי א ווילדע חיה געריסן פון זייערע הענט.

„זעענדיק אז דא קאן ארויסקומען א סקאנדאל, איז דער רעדאק־טאר צוגעקומען צו די גענאסן, האט זיי געבעטן אים אפלאזן, און געזאגט צו גיליאראוו'ן: „איר ווייסט, איך בין פיל שוואכער פון אייך, צוריק קאן איך אייך ניט שלאגן. אויב איר האט דעם טרויעריקן מוט מיך צו שלאגן, טוט עס". — א שטויס אין הארצן איז געווען דער ענטפער. די גענאסן געלער און יונגמאן האבן אים ווידער ניט צוגעלאזן. זייענדיק אבער שטארקער פון זייביידן, האט ער זיך ארויסגעריסן פון זייערע הענט און האט אויסגעשאטן אויף דער ערד א פולן קאסטן שריפט . . . ווען עס איז געקומען א פאליסמאן האט ער פאר אים געוויינט מיט ביטערע טרערן, דערקלערנדיק אים, אז מיר זיינען אנארכיסטן."

„אונדז דוכט זיך", האב איך געענדיגט די דערקלערונג אין „ארבייטער פריינד", „אז אויב גיליאראוו האט געוואלט באווייזן, אז עס איז א שאנד פאר א יוניאן צו האבן אים פאר ווערכן עס איז באאמטן, האט ער עס באוויזן מיט זיין לעצטער העלדן־טאט פאריגן פרייטאג".

נאטירלעך האט דאס געמאכט א סוף צו דער קאריערע פון גיליאראוו'ן אין דער ארבייטער־באוועגונג, און די קאמיטע האט, אונטער זיינע אויגן, ארויסגעטראגן איר אורטייל: „שולדיק" קעגן אים, און די מאשין, וואס ער האט פאר זיך אויסגעבויט אין די צוויי יוניאנס, וואו ער איז געווען סעקרע־טער, האט אים ווייניג וואס געהאלפן. ער האט געמוזט ניט נאר פארלאזן די יוניאנס, נאר אויך לאנדאן.

איך האב דא דערציילט די גאנצע געשיכטע, ערשטנס, כדי צו מאכן קלאר פאר די לעזער, אז אחוץ די אלע צרות, וואס מיר האבן געמוזט בייקו־מען, כדי ארויסצוגעבן דעם „ארבייטער פריינד", האבן מיר געמוזט גוט אויפפאסן, אז אין דער ארבייטער־באוועגונג זאלן זיך ניט אריינקלייבן אלערליי שלאנגען און עקדישן, אפילו ווען דאס איז געווען פארבונדן ממש מיט געפאר פאר אונדזער לעבן; און צווייטנס, קלאר צו מאכן די גאנצע עלנדע ראלע, וואס די סאציאלדעמאקראטן האבן געשפילט אפילו דעמאלט, ווען עס האט זיך געהאנדלט צו פארטרייבן א געפערלעכן שפיאן. אב. קאהאן און אנדערע האבן גאנץ גוט געוואוסט פון דער גיליאראוו געשיכטע, און זיי וואלטן אונדז געקאנט פיל העלפן פטור צו ווערן פון אים; אבער זיי האבן דאס מינדסטע ניט געטאן בלויז צו שטעלן דעם לומפ. און בלויז דערפאר, ווייל זיי האבן געגלויבט, אז אין דער דאזיקער אנגעלעגנהייט קאנען מיר ברעכן דעם קאפ.

אַזוי ווייט איז געגאַנגען דער פאַנאַטיזם פון די דעמאָלסטדיקע סאָ־ציאַלדעמאָקראַטן.

18. די לעצטע פאָר יאָר פון „אַרבייטער פריינד" אונטער מיין רעדאַקציע

איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן קאַפיטל אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ ברע־נענדיקע צייט מיר האָבן אין די דערמאָנטע יאָרן איבערגעלעבט. דער סאָציַ־אַלער קאַמף האָט געפלאַקערט איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. אין אַמעריקע איז דעמאָלט פאָרגעקומען דער גרויסער שטאָל סטרייק אין האָמסטעד, אין וועלכן די אַרבייטער האָבן אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקן ווי־דערשטאַנד. אמת, ער האָט זיך געענדיגט מיט אַ שרעקלעכער נידערלאַגע פון די סטרייקער, און פריק'ן איז געלונגען אויסצומעקן יעדן שפור פון יוניאָניזם און איינינקייט צווישן די אַרבייטער, און די אַרבייטער האָבן גע־מוזט זיך צוריקקערן אין די קאַרנעגיע פאַבריקן אויף די טרויעריקע באַדינ־גונגען דיקטירט פון פריק ענד קאָמפּאַניע; אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס די אַרבייטער האָבן געקאָנט אַרויסווייזן אַזאַ העלדישן ווידערשטאַנד און עס זיינען פאָרגעקומען אמת'ע מלחמות צווישן די פינקערטאָנס און אַנדערע געדונגענע מערדער מיט די אַרבייטער, האָט איבערגעלאָזט אַ שווערן איינ־דרוק אויף דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט בשום אופן ניט געקאָנט זיך איינ־וויגן אין דעם חלום, אַז איר הערשאַפט וועט אייביק אָנהאַלטן, אָדער וועט אפילו לענגער דויערן.

בערקמאַנ'ס פאַרזוך צו טויטן פריק'ן האָט אויך געהאַט זיין גוטע זייט פון דעם שטאַנדפונקט, טראָץ דעם וואָס ערשט מיט איינינקע יאָר צוריק האָבן די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטן געענדיגט זייערע לעבנס אויף דער תליה, דאָך זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, פאַר וועמען דער טויט און די אַלע אַנדערע באַשטראָפונגען זיינען גאָר ווייניג אָפּשרעקנדיק. אַזוי שטאַרק זיינען זיי באַגייסטערט פון דעם אידעאַל פון פרייהייט און גערעכטיגקייט, פון איין זייט, און פון אַ געפיל פון האַס צו די אונטערדריקער, פון דער אַנדער זייט.

נאָך שטאַרקער האָט זיך דער סאָציאַלער דונער געקייקלט און געהילכט איבער אייראָפּע. דער גרויסער קוילן־סטרייק אין ענגלאַנד, דערנאָך אין בעלגיע; דער העלדישער סטרייק אין קאַרמאָ, פראַנקרייך, און די אַלע אַנאַר־כיסטישע גוואַלט־טאַטן וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אין פראַנקרייך, אין שפּאַניע, אין איטאַליע — און וואו ניט? — דאָס אַלץ האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט ווי מאַכן איינעם גלויבן, אַז עס האַלט שוין ווירקלעך ביים סוף. איבערהויפּט האָט דאָס געמוזט זיין דער פאַל מיט די, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז דאָס זאָל אַזוי זיין, לויט דעם זייער ריכטיקן וואָרט: „דער וואונטש איז דער פאָטער פון געדאַנק".

אָבער, ווי דער אמת איז, דאָס איז געווען אַזוי ניט בלויז מיט די אויסגעשפּראָכענע קעמפּער און רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט. באַזונ־דערס שטאַרק האָט ער זיך אויסגעדריקט אין די ווערק פון עמיל זאָלאָ — אין זיין מייסטערווערק „אַרבייט", אין „זשערמינאַל", אין „גערעכטיגקייט" — אין אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן. דעמזעלבן גייסט געפינט איר אויך אין „די וועבער", פון דעם גרויסן דייטשן דראַמאַטורג גערהאַרט הויפּטמאַן און אין אַלע דראַמען פון דעם אומשטערבלעכן איבסען — איבערהויפּט אין „פאָלקס־פיינד", אין זיינע „שטיצן פון דער געזעלשאַפט", און אין זיינע פיל אַנדערע ווערק.

און אַזוי איז דאָס געווען דער פאַל ניט בלויז אין די גרויסע קונסטווערק, נאָר אויך אין דער פּעריאָדישער ליטעראַטור. איר האָט געפילט, אַז די וועלט האַלט זיך אין שטאַרקן טרייסלען, אַז איר אונטערגאַנג, אין דער עקזיסטירנדיקער פאָרם, איז אומפאַרמיידלעך; אַז עס נויטיקט זיך נאָר אַ שטאַרקער שטויס, און די גאַנצע חורבה צעפאַלט. עס איז געווען שווער צו גלויבן, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך פאַר זיך אַזאַ לאַנגן לעבנס־ליעס, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן. די קאַפּיטאַליסטן אַליין האָבן עס ניט געגלויבט. און דאָס האָט זיך דייטלעך געמערקט אין דער גאַנצער צייטונגס־וועלט, וועלכע איז געווען די פאַרשפּרעכערין פון קאַפּיטאַליזם; און דאָס איז אויך געווען צו מערקן אין דער גאַנצער פאַרצווייפלונג, מיט וועלכער די בורזשואַזיע האָט דאַן באַקעמפט דעם אַנאַרכיזם און די גאַנצע סאָציאַלע באַוועגונג.

יאָ, עס האָט אויסגעזען צו זיין דער אָנהויב פון סוף, און מיט רעכט האָבן פיל גרויסע גייסטער נביאות־געזאָגט אויף דעם באַלדיקן אָנקומען פון דער גרויסער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דערצו האָט איינער ניט געדאַרפט זיין קיין צו־גרויסער פאַנטאַזיאָר. די ווירקלעכקייט, דער העלדישער קאַמף פון די עקספּלואַטירטע אַרבייטער איבער דער גאַנצער וועלט; די ווירקלעכע אויפ־שטאַנדן, ווי זיי זיינען פאָרגעקומען אין 1893 אין פראַנקרייך, אין שפּאַניע, אַזוי אַז אין אַ געוויסן פאַל איז שוין אַ גאַנצע שטאָט געווען פאַר אַ קורצער צייט אין די הענט פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, האָט געמאַכט איי־נעם דענקען, אַז דווקא די גרעסערע, די וואָס האָבן זיך באַנוגנט מיט קליינע, אומבאַדייטנדיקע רעפאָרמען, די וואָס האָבן געפּריידיגט דעם פּאַרלאַמענטאַ־ריזם און האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון יעדער רעוואָלוציאָנערער טאַט, האָבן אויסגעזען צו זיין פּשוט׳ע פאַררעטער פון דער רעוואָלוציע און פון אַרביי־טער־קלאַס, וואָס ברעכט די קייטן, אין וועלכע ער איז געווען געשמידט.

אַז מיר האָבן אַלע געזען אין צו־ראָזיגע קאָלירן, דאָס האָבן מיר אַלץ

שפּעטער אויסגעפונען; און דאָס האָט מיר און מיינע גענאָסן געהאָלפן אין אויפהאַלטן דעם „אַרבייטער פריינד" און אַרבייטן אין דער באַוועגונג מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען. יאָ, מיר האָבן געגלויבט, מיר זיינען געווען זיכער, אַז נאָך אַן אָנשטרענגונג, און עס וועט ענדלעך אויפשיינען די זון פון פרייהייט איבער דער גאַנצער וועלט, און מיר האָבן געהאַלטן פאַר פאַנטאַזיאָרן און פאַררעטער די זאָ־גענאַנטע פּראַקטישע צווישן אונדז, וועל־כע האָבן געזוכט אַ תכלית און געשטרעבט צו מאַכן קאַריערע. מיר האָבן זיך באַטראַכט פאַר די אמת פּראַקטישע, וואָס זיינען ניט בלינד צו דער ווירקלעכקייט.

איך מוז אָבער מודה זיין, אַז איך, וואָס בין געשטאַנען אין שפּיץ און האָב געדאַרפט האַלטן מיינע נאָכפאָלגער אין איין באַגייסטערן, האָב ניט אַלעמאָל זיך געפילט אַזוי מונטער. איך בין געשטאַנען גאָר צו־נאָענט צו די אַרבייטער, אַז איך זאָל קאָנען ווירקלעך גלויבן, אַז זיי זיינען שוין רייף פאַר דער קומענדיקער אומוועלצונג.

נעמט אַזאַ קלייניגקייט ווי די גיליאָראָוו פּאַסירונג. עס איז געווען קלאָר, אַז דער מענטש איז אַ פאַרקויפטע נשמה, און פונדעסטוועגן האָבן מיר לאַנג געמוזט קעמפן ביז מיר האָבן ממש געצוואונגען די פאַר יוניאָנס — וואו ער איז געווען סעקרעטער — פּטור ווערן פון אים. מיט אַ צייט שפּעטער האָבן מיר געמאַכט אַ פאַרזוך אויפצובויען אַ קאָאָפּעראַטיווע בעק־קעריי. די בעקער פון יענער צייט אין לאָנדאָן האָבן געאַרבייט אונטער אַ סך ערגערע באַדינגונגען, ווי עס האָבן געאַרבייט די אידן אין מצרים. זיי האָבן געסטרייקט, אָבער זיי האָבן גאָר ווייניג געקאָנט אויספירן. די צושטענדן אין די פינסטערע קעלערס, דער מיזעראַבעלער לוין, זיינען געווען אמת שוידערלעכע — האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי, אין וועלכער די אַרבייטער אַליין זאָלן זיין זייערע אייגענע באַלע־באַטים. מיר האָבן זיך איבערגעגעבן דער אונטערנעמונג מיט אַלע אונדזערע כחות. באַזונדערס איז דאָס געווען דער פאַרשטאָרבענער גענאָסע טשערטאָוו, וועלכער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבייט. שפּעטער, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז גענאָסע טשערטאָוו איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, בין איך געווען זיכער, אַז ער האָט דעם אָנהויב פון זיין קראַנקהייט געהאָט צו פאַרדאַנקען זיין אַרבייטן און קנעלן מיט די בעקער.

ווען די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי האָט זיך געעפנט, איז די אידישע לאָנדאָן, גאַנץ ווייטשעפּל, און אַלע גאַסן אַרום, געגאַנגען ווי אויף רעדלעך. דער ענטוזיאַזם האָט איבערגעשטיגן אַלע גרעניצן. מענטשן זיינען געלאָפן מיט שמחה קויפן זייער לעבל ברויט אין דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי. די פּריוואַטע בעקערייען האָבן שטאַרק געליטן אין דער ערשטער צייט, און דאָס האַרץ ביי אונדז האָט געצאַפּלט פון פרייד, וואָס מיר האָבן דערלעבט און וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן מיט די ערגסטע שקלאַפן אין לאָנדאָן.

אָבער אַך, אונדזער שמחה האָט ניט לאַנג געדויערט. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען און אַלערליי אינטריגעס צווישן די בעקער גופא. באַלד האָט מען די, אין וועמען מען האָט געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי, גע־כאַפּט ביי פּשוט׳ע קליינע גנבות, און עס האָט ניט לאַנג גענומען אַז די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי, וואָס מיר האָבן געעפנט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, מיט אַזויפיל האָפנונגען, און וואָס האָט געזאָלט זיין אַ מוסטער פון ריינ־קייט, ערלעכקייט און גוט־ברודערשאַפט, האָט געמוזט צוגעמאַכט ווערן, און די בורזשואַזיע האָט טריאומפירט.

איך געדענק, כאָטש איך האָב ניט געגעבן קיין עפנטלעכן אויסדרוק צו דעם וואָס איך האָב געפילט, אַז דאָס איז געווען איינער פון די גאַנץ טרויעריקע מאָמענטן אין מיין לעבן. איך האָב דאַן געטראַכט: „ווי־זשע קאָנען מיר דערוואַרטן, אַז די אַרבייטער וועלן עס איבערבויען די וועלט אויף די נייע יסודות פון פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיגקייט, אַז זיי ווייסן גאָר ניט וואָס דאָס איז אַזוינס? זייער גאַנצער טראַכטן איז גאָר: „ווי אַרבייט מען זיך אַליין אַרויף, מעגן אַלע איבעריקע אַרבייטער גיין צום טייוול.‟ פאַרשטייט זיך, ווען מיר וואָלטן ניט געווען קיין אַנאַרכיסטן און וואָלטן ניט געגלויבט, אַז די אַרבייטער אַליין מוזן איבערבויען די נייע געזעלשאַפט, וואָלטן מיר געהאַט אַ גוטן תירוץ. מיר וואָלטן געזאָגט, אַז די איבערבויאונג וועט מוזן איבערגעגעבן ווערן צו די יעניגע חכמים, צו די אמת פאַרטרויענסווערטע, און אַז זיי וועלן שוין זען, אַז די אַרבייטער זאָלן ווערן מאָראַליש און אינטעלעקטועל גענוג אַנטוויקלט צו האַלטן די גאַנצע באַלעבאַטעשקייט אין זייערע הענט.

אָבער פון דעם געדאַנק זיינען מיר דאָך, אַלס אַנאַרכיסטן, די שטאַרקסטע געגנער; מיר האַלטן דאָך, אַז אַלץ מוז קומען פון פאָלק אַליין; און טאַקע דערפאַר, אַזוי שנעל ווי די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי איז געווען פאַרטיק, האָבן מיר אַלץ איבערגעלאָזן צו דער יוניאָן און האָבן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט. מיר האָבן ניט געוואָלט שפּילן די ראָלע פון משגיחים. מיר האָבן זיך געזאָגט: ווער זיינען מיר עס, אַז מיר זאָלן דיקטירן די אַרבייטער? זיי מוזן און זאָלן אַלץ אַליין טאָן. און אויב זיי וועלן אַפילו מאַכן אַ טעות, זיינען מיר דאָך אַליין אויך ניט באַוואָרנט פון דעם. קורץ, מיר האָבן אַרגומענטירט אויף דעם עכט אַנאַרכיסטישן שטייגער, און מיר האָבן גע־האַנדלט אין איינקלאַנג מיט דעם. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז פון דער גאַנצער האָרעוואַניע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ וואַסער, און די בורזשו־אַזיע האָט נאָך טריאומפירט. איז עס עפּעס אַ וואונדער, אַז איך האָב זיך געפילט זייער נידערשלאַגן?

און ניט נאָר דאָס אַליין איז געווען די אורזאַך, וואָס איך האָב אָנגעהויבן פילן, אַז מיר זיינען נאָך ווייט פון סוף. וואָס ווייטער זיינען די פאַרשיידענע אַנאַרכיסטישע טאָטן געוואָרן אַלץ מער משונה׳דיקע, אַלץ ווייניגער גערעכט־

פאַרטיגטע. אָט האָט עפּעס אַ יונגער, ניינצן־יעריקער איטאַליענער געשטאָכן דעם סערבישן געזאַנדטן — אַליין ניט־וויסנדיק פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן; און אָט איז געוואָרפן געוואָרן די באָמבע אין באַרצעלאָנער טעאַטער, וואו צענדליקער אומשולדיקע מענטשן זיינען אויפ׳ן פלאַץ געטויט געוואָרן, און הונדערטער זיינען צעקאַליעטשעט געוואָרן אויף זייער גאַנצן לעבן. און אָט איז אַ באָמבע געוואָרפן געוואָרן אין אַ קירך. אַפילו די גוואַלט־טאַטן פון וואַיאַן, וועלכער האָט געוואָרפן אַ באָמבע אין דער פראַנצויזישער פאַלאַטע, און האָט קיינעם ניט פאַרוואונדעט; און די טאַטן פון עמיל האַנרי, סאַנטאָ קאַזעריאָ און אַנדערע — זיי אַלע האָבן אויך ניט אַרויסגערופן מיין גאַנצן ענטוזיאַזם. איך האָב געוויס געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר זייער נאָבעלן כאַראַקטער — זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אמת׳ע העלדן אין זייער גרייטווילגקייט צו שטאַרבן פאַר זייערע אידייען, און זיינען זיך טריי געבליבן ביז צום סוף. זיי האָבן אויך געהאַלטן אויסגעצייכנטע רעדעס, וועלכע איך האָב וואָרט אין וואָרט פאַרעפנטלעכט אין „אַרבייטער פריינד״; אָבער דאָך האָב איך זיך ניט געפילט באמת באַגייסטערט. איך האָב געפילט, אַז מיט דעם אַלעמען וועט די רעוואָלוציע ניט מאַכן קיין באַדייטנדיקן פאָרטשריט.

איך האָב געטראַכט, אַז די עטלעכע העלדישע אַנאַרכיסטן וועלן דערמאָרדעט ווערן — ווי דאָס איז אויך געווען דער פאַל — אָבער זיי וועלן ניט געפינען קיין נאָכפאָלגער אין די גרויסע מאַסן. גיכער וועלן די מאַסן זיך אָפּטרייסלען פון דער לערע, וועלכע פאָדערט די העכסטע אויפאָפּפערונג־פעאיגקייט, אויף וועלכער נאָר ווייניג זיינען פעאיג.

אָבער אַרויסקומען מיט פולן לשון האָב איך ניט געקאָנט. איך האָב ניט געהאַט דעם נויטיקן מוט אַרויסצוטרעטן קעגן מענטשן, וואָס האָבן זייער לעבן אויפגעאָפּפערט. מען קאָן ניט און מען טאָר ניט אַרגומענטירן מיט אַזעלכע מענטשן. און דאַן האָב איך פשוט רחמנות געהאַט אויף מיינע גענאָסן, וועלכע זיינען געשטאַנען אַזוי טריי צו מיר, און געאַרבייט און געאָפּפערט מיט אַזאַ טיפן גלויבן — און מיטאַמאָל גיי און צעשטער זייערע שענסטע חלומות.

איך האָב דעריבער בלויז געדרוקט די נייעס און זיך צוריקגעהאַלטן, ווי ווייט מעגלעך, פון וועלכע עס איז קאָמענטאַרן. בלויז פון צייט צו צייט, ניט קאָנענדיק זיך מער באַהערשן, האָב איך בגנבה אַריינגע׳גנב׳עט אַ קורצן קאָמענטאַר אין „אַרבייטער פריינד״. אָט זיינען אַ פּאָר אַזעלכע:

„. . . דער פאַל (עס רעדט זיך וועגן דעם שפּאַנישן אַנאַרכיסט פראַנש, וועלכער זאָל עס האָבן געשליידערט די באָמבע אין ליצעאום טעאַטער, און וועלכער איז אין אַ צייט אַרום געוואָרן העכסט גלויביק) דאַרף זיין אַ גוטע לערע פאַר אַלע באָמבען־ענטוזיאַסטן. עס דאַרף, דאַכט זיך,

זיי צייגן, אַז מען קאָן זיין אַ באָמבען־וואַרפער און ווייניג וויסן וועגן אַנאַרכיזם, און אַזאַ מענטש קאָן נאָר שאַדן די אידייע, אין דעם נאָמען פון וועלכער ער וואַרפט באָמבען. ער דאַרף זיי צייגן, אַז אויב מען וויל ווירקלעך אַלץ ווייטער און ווייטער מאַכן פאָרטשריט מיט אונדזער־רע אידייען, איז פריער ווי אַלץ נויטיק צו מאַכן מענטשן דענקען, מאַכן זיי גוט פאַרשטיין די איצטיקע לאַגע, און געבן זיי אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג פון אונדזער צוקונפטס־אידעאַל, און ניט אָנפאַנגען די דערציאונג פון אַן אַנאַרכיסט גלייך פון באָמבען, וועלכע האָבן טאָט־זעכלעך גאָרנישט צו טאָן מיט׳ן אַנאַרכיזם. דער דאָזיקער וואונק, גלויב איך, איז גענוג פאַר מענטשן מיט אַביסל מאַרך אין קאָפּ. פאַר נאַראָנים וועלן לאַנגע אַרטיקלען אויך ווייניג וואָס העלפן.״

אויף אַן אַנדער פּלאַץ געפין איך צו האָבן געשריבן פאָלגנדיקע נאָטיץ — און דאָס אין אַ גאַנץ פאַרוואָרפן ווינקל פון דער צייטונג:

„אין פּאַריז איז דאָ אַ גרופּע אונטער דעם נאָמען „פּערמאַנענט רעוואָלוסיאָנער״, און צו איר ערע איז זי געווען די איינציקע סאָציאַ־ליסטישע גרופּע וואָס האָט אויסגעשטרעקט איר ברודערלעכע האַנט די פאַרפאָלגטע אַנאַרכיסטן. בעת אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן האָבן זיך איבערגע׳צלמ׳ט ביי דער בלויזער דערמאָנונג פון וואָרט אַנאַר־כיזם, האָט די גרופּע אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו די אַנאַרכיסטן, אין וועלכן עס ווערט זיי אָנגעוויזן, אַז דאָס פאָלק וויל ניט זייער אויפאָפּפערונג, אַז עס פאַרשטייט נאָך ניט גענוג עס אָפּצושעצן, און עס מוז נאָך שווער געאַרבייט ווערן אין דער הינזיכט פון אויפקלערונג, אום דאָס פאָלק זאָל קאָנען זיך באַגייסטערן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער אויפרוף האָט געהאַט די ווירקונג, אַז די וואָך האָט שטאַטגעפונדן אַ קאָנפערענץ צווישןביידע ריכטונגען, און נאָך פיל קאָנפערענצן וועלן נאָכפאָלגן. אויב די קאָנפערענצן זאָלן זיך ענדיגן אין דער פאַראייניגונג פון די ביידע ריכטונגען אויף אַזאַ אופן, אַז די „פּערמאַנענס רעוואָלוסיאָנער״־סאָציאַליסטן זאָלן זיך פולשטענ־דיק אָנטזאָגן פון זייער פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיגקייט, און די פּראָנצויזישע אַנאַרכיסטן זאָלן לערנען און צוגעבן, אַז עס איז נאָך דאָ, דערווייל, פיל ערנסטערס צו טאָן ווי דאָס פּלאָנעווען פון נוצלאָזע באָמבען־אַטענטאַטן — וואָלט די פאַראייניגונג אונדז זייער געפרייט.״

איך גלויב, אַז פון דאָס אַלץ וועט זיין קלאָר פאַר׳ן לעזער, אַז ענדלעך האָט זיך מיין שטעלונג צו דער פראַגע פון גוואַלט־טאַטן שטאַרק געענדערט. אין דערזעלבער צייט האָב איך אָבער ניט געוואָלט — און אפשר אויך ניט געקאָנט — ווירקן, אַז צוזאַמען מיט מיר זאָל אויך די גרופּע „אַרבייטער פריינד״ דערקלערן זיך סאָלידאַריש מיט מיינע נייע אנשויאונגען, און אַז

דער „אַרבייטער פריינד" זאָל אַרויסקומען קלאָר און דייטלעך פאַר דער געענדערטער שטעלונג. איך קאָן זיך איצט ניט אָפּגעבן קיין קלאָרע רעכע־נונג, פאַרוואָס איך האָב, וועניגסטנס, ניט געמאַכט קיין שטאַרקן פּראָטעסט אין דעם היגזיכט, ווען איך בין נאָך געווען אין לאָנדאָן. עפּעס אַ געוויסער רעספּעקט פאַר די הונדערטער געפאַלענע קרבנות האָט מיך אָפּגעהאַלטן דערפון. דערפאַר — ווען דער „אַרבייטער פריינד" האָט זיך פרי אין 1894 ווידעראַמאָל אָפּגעשטעלט, און צוליב מאַנגל אין געלט — האָב איך גאָר אַ קנאַפּן חשק געהאַט צו מאַכן ווייטערדיקע אנשטרענגונגען, און ער איז געבליבן אָפּגעשטעלט פאַר צוויי מאָנאַטן.

דאָסזעלבע איז געווען אויך דעם צווייטן מאָל, ווען דער „אַרבייטער פריינד" האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווע־רער צו שטיין אין שפּיץ פון דער צייטונג, וואָס האָט געהאַט אַ פּראָגראַם, מיט וועלכן איך בין גאָר ניט געווען איינפאַרשטאַנען.

אַחוץ דעם האָב איך ענדלעך איינגעזען, אַז דאָס אַרויסגעבן אַ אידישע צייטונג אין לאָנדאָן מוז שטענדיק בלייבן אַ זייער שווערע, ווייל די מערסטע אַרבייטער האָבן באַטראַכט לאָנדאָן בלויז אַלס אַ סטאַנציע. זייער גאַנצער טראַכטן איז געווען: ווי גיכער זיך אַריבערכאַפּן קיין אַמעריקע. און אַזוי האָט דער „אַרבייטער פריינד" קיינמאָל ניט געקאָנט האָפן זיך אַרויפצו־אַרבייטן צו אַזאַ צאָל לעזער, אַז ער זאָל קאָנען עקזיסטירן אָן בעטלעריי, וואָס האָט מיר ווירקלעך געערגערט ביז צום טויט. דער ביסן ברויט, וואָס איך האָב געגעסן פון „אַרבייטער פריינד", איז פאַר מיר און פאַר מיין פאַמיליע געווען פול מיט גאַל; און וואָלט כאָטש געווען אימיצער, וועמען איך וואָלט געקאָנט איבערגעבן מיין אַרבייט, וואָלט איך עס מיט פאַרגעניגן געטאָן, גאָר ניט פרעגנדיק זיך וואָס איך וועל טאָן.

אַחוץ דעם איז געווען נאָך אַן אומשטאַנד. אין די פריערדיקע יאָרן איז נאָך געווען אין לאָנדאָן גופא אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָפּאָזיציע, און דאָס אַליין האָט געמאַכט דעם „אַרבייטער פריינד" באַזונדערס לעבעדיג און קאַמף־לוסטיג; האָט אָבער די גאַנצע סאָציאַלדעמאָקראַטיע זיך אַריבערגע־קליבן קיין ניו יאָרק, און עס איז געוואָרן אומעטיגלעך אין לאָנדאָן . . .

דערפאַר, ווען איך האָב אין סוף פון 1894 דערהאַלטן אַן אָנפראַגע פון ניו יאָרק, צי איך וואָלט געוואָלט קומען צוריק און איבערנעמען די רעדאַקציע פון דער „פרייע אַרבייטער שטימע", פון וועלכער מ. קאַטץ איז געווען רעדאַקטאָר אָן דערפאַלג, אַזוי אַז ער איז גרייט אָפּצוטרעטן זיין פּלאַץ; און אַזוי ווי דער „אַרבייטער פריינד" איז ווידער געווען אויף צרות, און האָט, ווי געוויינלעך, זיך אָפּגעשטעלט, — האָב איך, שווער ווי דאָס איז מיר געווען, געענטפערט, אַז איך נעם־אָן די איינלאַדונג, און אַזוי שנעל ווי איך וועל דערהאַלטן פון זיי אויף הוצאות, פאַרלאָז איך לאָנדאָן פאַר ניו יאָרק.

איך האָב, נאַטירלעך, ניט געמאַכט קיין סעקרעט פון מיינע פּלענער

פאַר די גענאָסן. איך האָב מיט זיי אַרגומענטירט, אַז עס איז אַ משונה׳דיקע לאַגע. מיר גיבן אַרויס אַ צייטונג אין לאָנדאָן, און די מערסטע לעזער און דאָס מערסטע געלט קריגן מיר פון אַמעריקע. איז עס ניט, דעריבער, פיל גלייכער אַריבערצוטראָגן די צייטונג קיין ניו יאָרק, פאַראייניגן איר מיט דער „פרייע אַרבייטער שטימע“, און אַרויסגעבן איר אונטער דיביידע נעמען, אַזוי אַז דער „אַרבייטער פריינד“ זאָל ניט אָפּשטאַרבן?

אָבער אויף דעם פאָרשלאָג מיינעם זיינען די גענאָסן ניט מרוצה געווארן. זיי זיינען דורכאויס באַשטאַנען, אַז דער „אַרבייטער פריינד“ זאָל בלייבן אין לאָנדאָן. אמת, דערוויל וועט ער מוזן שווייגן, ווייל זיי האָבן ניט די מינדסטע אויסזיכט, ווער עס זאָל קאָנען פאַרנעמען מיין פּלאַץ. אָבער, ווער ווייסט? עס קאָן, מיט דער צייט, זיך דאָך אימיצער געפינען.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט האָבן עפּעס צו אַזאַ געפיל. איך האָב געוואוסט, אַז איך, אויף זייער פּלאַץ, וואָלט פּונקט אַזוי געהאַנדלט. איך בין זיי נאָר דאַנקבאַר געווען, וואָס זיי האָבן ניט שטאַרק געדרונגען אויף מיר, אַז איך זאָל פאַרבלייבן, ווייל זיי האָבן איינגעזען, אַז אין ניו יאָרק קאָן איך זיין פיל ניצליכער פאַר אונדזער פּראָפּאַגאַנדע ווי אין לאָנדאָן.

און, ווי עס פירט זיך — זיי האָבן מיר געמאַכט אַ שיינעם אָוונט; געזאָגט איבער מיר אַ סך שבחים. און אין אָנהויב פון 1895 האָב איך, מיט מיין פרוי און אונדזערע צוויי טעכטערלעך, פאַרלאָזט לאָנדאָן, וואו עס האָבן אויף מיר געוואַרט גאָר נייע דערפאַרונגען, וועלכע איך וועל איבערגעבן אין מיין פאָלגנדיקער דערציילונג.

דאָ וויל איך נאָכאַמאָל זאָגן, אַז וויפיל איך האָב ניט אויפגעטאָן אין לאָנדאָן און אין פיל אַנדערע שטעט אין ענגלאַנד, און אויך טיילווייז אין פּאַריז, וויל איך אויף קיין פאַל ניט נעמען דעם גאַנצן קרעדיט פאַר זיך. פאַרקערט, צו קיין צייט האָט מיר און מיין פאַמיליע ניט געפעלט אויף דאָס סאַמע נויטיגסטע. אַ שטיקל ברויט איז שטענדיק געווען אין שטוב. און ווען איך האָב, פון מיין זייט, פון צייט צו צייט בייגעשטייערט אַ שילינג אָדער צוויי, כדי דער „אַרבייטער פריינד“ זאָל קאָנען דערשיינען, איז דאָס געווען גאָר ניט אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס אונדזערע גענאָסן האָבן געטאָן. איך ווייס פון פאַלן, ווען אַ מיטגליד פון דער גרופּע האָט פּשוט איינגעזעצט אַ מאַלצייט אָדער צוויי, אום בייצושטייערן זיין חלק.

איך וואָלט אָט דאָס ביסעלע, וואָס איך האָב אויפגעטאָן פאַר די עטלעכע יאָר פון מיין זיין אין ענגלאַנד, קיינמאָל ניט אויפגעטאָן, ווען עס וואָלטן צו מיר ניט געשטאַנען, טריי ווי אַן אייזערנע וואַנט, די פינס, די פערמוטס, די פרימאַנס, די רוטענבערגס, די ווייננבערגס, די טשערטאָוס, די געלערס און די ווערסעס, און אויך די פיל ענגלישע גענאָסן, ווי די טוירנערס, די מאָבריס, די ניקאָלס, די קאַנטוועלס,

איך ווייס ניט, צי פיל לעבן נאָך. וועגן אייניגע פון זיי ווייס איך, אַז זיי זיינען שוין טויט, און געשטאָרבן אַלס אַנאַרכיסטן, מיט דעם פולן גלויבן, אַז זיי האָבן ניט אומזיסט געאַרבייט און געליטן פאַר דעם גרויסן אַנאַרכיסטישן אידעאַל. איך בין זיך אָבער משער, אַז פיל פון זיי לעבן נאָך; איך ווייס אָבער ניט מער צי זיי זיינען פאַרבליבן ביי זייערע יוגנט־אידעאַלן. וויל איך זאָגן, אַז וואָס זיי זאָלן איצט ניט דענקען און פילן, אָבער זייער חלק אין לעבן האָבן זיי בייגעטראָגן. און אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז צווישן זיי אַלע ניטאָ קיינער, וואָס ניט נאָר האָט ער קיין חרטה ניט אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן, נאָר איך בין זיכער, אַז פיל פון זיי זיינען אין הארצן שטאָלץ אויף אַלץ וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט. און איך בין זיכער, אַז פונקט ווי איך, אַזוי אויך זיי אַלע, בענקען נאָך דער גאָלדענער יוגנט, ווען דער גלויבן איז געווען אַזוי שטאַרק, און ווען עס האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז דער גן־עדן אויף דער־וועלט איז טאַקע נאָר מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

טייערע גענאָסן פון יענער גאָלדענער און שטורמדיקער צייט, וואו איר זאָלט ניט זיין, וואָס איר זאָלט איצט ניט זיין, זייט געגריסט הערצלעך פון אייער אַלטן לערער און חבר, וועלכער האָט אייך ניט געשאָנעוועט, אָבער אויך זיך ניט געשאָנעוועט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם וואויל און בעסט פון דער באַוועגונג, וועלכע, אויב זי האָט נאָך אונדז ניט געבראַכט צום ציל, בין איך אָבער זיכער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זי עס טאָן.

ביילאגע 1

אויפרוף צו יידישע ארבעטער פון דער קאָנווענציאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק, סוף דעצעמבער, 1889, וועגן דער שאַפונג פון אַ סאָציאַליסטישער וואָכנשריפט.

דיא קאנווענציאן.

אן דיא אידישע ארבייטער פון אמעריקא.

עס איז געווען אין יאהר 1882 וויא מען האט דא, אין אמעריקא, צום ערשטען מאל דערהערט א ווארט צום אידישען ארבייטער איבער זיין לאגע אין אונזער איינפאכען זשארגאנישען מאמע־לשון.

פון דאמאלס הויבט זיך אן אונטער דיא אידישע ארבייטער די בעוועגונג זיך צו פעראייניגען, זיך און אנדערע איבער'ן ארבייטערס לאגע אויפצוקלערען.

דער אנהויב איז אימער שווער, און אזוי איז אויך געווען מיט'ן אנהויב פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג.

ביז'ן יאהר 1886 זעהען מיר כסדר, ווי עס שטיפטען זיך פעראיינען, וויא זיי געהען גלייך אונטער, מיר זעהען ציימען, וואו עס זיינען כמעט אונטער־געגאנגען אלע פעראיינען און מען האט שוין ניט געגלויבט אין דעם, דאס א'ן אידישער ארבייטער פעראיין זאל איבערהויפט קענען אנהאלטען.

נור דא איז געקומען דער בערימטער משפט איבער דיא טשיקאגאער אנארכיסטען און האט אויפגעוועקט דיא גאנצע וועלט. אויך אויף דיא בעווע־גונג אונטער דיא אידישע ארבייטער פון אמעריקא האט דער משפט פון טשיקאגא געמאכט א גוטע ווירקונג.

עס האבען זיך געבילדעט עטליכע ארבייטער פעראיינען, וועלכע האבען מיט אלע קרעפטען פארברייטעט אונטער דיא אידישע ארבייטער געזונדע סאציאליסטישע אידעען.

זייער ערפאלג האט זיך באלד ארויסגעצייגט. איבער גאנץ אמעריקא זיינען ענטשטאנדען נייע ארגאניזאציאנען, און יעדע איינצעלנע האט בע־קומען אלץ נייע נאכפאלגער.

עס איז געקומען אזוי וויית, דאס דיא געוויינליכע פערזאמלונגען פון יעדען בעזונדערען פעראיין זיינען געווארען איבערפילט מיט ארבייטער, וועלכע האבען מיט אויפמערקזאמקייט צוגעהערט דיא פיעלע רעדנער,

וועלכע האבען איןווארמע ווערטער ערקלערט דיא וועלטבעפרייענדע לעהרען פון סאציאליזמוס און אנארכיזמוס.

מיט דער פערגרעסערונג און פערמעהרונג פון די ארבייטער אָרגאניזאַ־ציאָנען האָט זיך ארויסגעשטעלט דאס עס איז אונמעגליך ווייטער צו אגי־טירען מיט די אלטע מיטלען.

מען האט אנגעהויבען צו דיינקען וועגען א'ן אידישע ארבייטער צייטונג.

דיא „פיאָניערע דער פרייהייט", דער עלטעסטער אידישער ארבייטער פעראיין פון אמעריקא, האט ארויסגעגעבען דיא צייטונג „וואהרהייט", וועלכע האט אבער ניט מעהר גלעבט וויא 3 מאנאט, ווייל דיא ארויסגעבער האבען נאך ניט געהאט דיא נויטיגע ערפאהרונג, וויא א'ן עהרליכע ארבייטער צייטונג ארויסצוגעבען.

נאך דעם אונטערגאנג פון דער צייטונג „וואהרהייט" האָט זיך ערסט ארויסגעשטעלט, וויא נויטיג מען דארף דא האבען אווירקליכע ארבייטער צייטונג, וועלכע זאל מוטהיג און ריכטיג קעמפפען פאר'ן ארבייטער און איהם בעלעהרען.

דאס ערסטע איז געווען נויטיג צו פערמיידען אלע פעהלערען, וועלכע האבען פערניכטעט דיא „וואהרהייט".

דיא פעראייניגונג פון אלע אידישע ארבייטער אָרגאניזאציאנען איז געווען דאס נויטיגסטע.

דער פעראיין „ריטער דער פרייהייט" פון פילאדעלפיא און דיא „פיאָ־ניערע דער פרייהייט" פון נויארק האבען איינגערופען א קאָנגרעס פון אלע אידישע ארבייטער פעראיינען פון אמעריקא, אום זיך מישב צו זיין צוזאמען איבער דעם וועג, וויא ארויסצוגעבען א צייטונג.

דיזער קאנגרעס איז צוזאמענגעקומען דעם 25טען דעצעמבער 1889 אין נויארק. אלע ארבייטער פעראיינען פון אמעריקא האבען געשיקט דעלעגאטען.

ליידער אבער איז דיא פעראייניגונג ניט צושטאנדע געקומען און 16 דעלעגאטען האבען פערלאזען דעם זאל, וועהרענד 25 דעלעגאטען זיינען פערבליבען און האבען ווייטער געפירט דיא בעראטונג איבער דיא ארויסגאבע פון דער צייטונג.

עס איז געווען דיא פארטייריכטונג פון דער צייטונג, וועלכע האט ארויס־גערופען דעם פאנאנדערגעהן. אין דער צייט, וואס דיא „פיאָניערע דער פרייהייט" האבען פארגעשלאגען מאן זאל ארויסגעבען איין אומפארטייאישע צייטונג, אין דער צייט וואס פון 31 ארגאניזאציאנען האבען ביז 25 בעאויפ־טראגט זייערע דעלעגאטען צו שטימען פאר די אונפארטהייאישע צייטונג האבען זיך געפונען מענשען, וועלכע האבען מיט אלע מעגליכע און אונמעגליכע בעווייזע געדרונגען אויף דיא אונפראקטישערע דעלעגאטען צו שטימען געגען דיזע ריינע עהרליכע אונפארטייליכקייט.

מיר ווילען ניט איינגעהן ווייטער אויף דיא גרינדע, וועלכע האבען

דיא 3—2 פערזאָנען געטריבען דערצו, זיי זאָלען איבערהויפּט נעמען אַ אנטהייל אין דער קאָנווענציאָן, ווען זיי זיינען געווען פון אנפאנג אָן געגען דעם צוועק, צו וועלכען דיא קאָנווענציאָן איז איינבערופען געוואָרען „נעמליך ארויסצוגעבען איינע אומפּארטהייאישע ציימונג".
מיר ווילען דאָ נור פעסטשטעלען דעם פאַקט, דאס צום טיעפסטען בעדויערן האבען עס אייניגע ניט צוגעלאזען דאס אלע אידישע ארבייטער זאָלען מיט פעראייניגטער קראפט בעקעמפפען זייער געמיינשאפטליכען פיינד, דעם קאפּיטאַליזמוס.

מיר ווילען זיך ווייטער ניט אבשטעלען אויף דעם טרויעריגען גייסט פון אונאייניגקייט, וועלכען מען האָט ווידער פארשלעפּט אין דיא רייען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג. מיר ווענדען זיך צו אייך, אנאר־כיסטען, סאָציאַלדעמאָקראַטען אָדער טרייד יוניאָניסטען, אלע דיא גרינדע, וועלכע עס צייגען יעדען, וואָס וויל זעהען, דאס מיר זיינען גערעכט.

דערצו לייגען מיר אייך פאר אם ערסטען דיא רעזאָלוציאָן, וועלכע איז אנגענומען געוואָרען ביי אונז אויף דער קאָנווענשיאָן:

בעטראַכטענדיק, דאס דיא אידישע ארבייטער פעראיינען קענען זיך ניט ענטוויקלען ווייטער, ווען זיי וועלען ניט האבען אַ ציימונג, וואס זאָל צו יעדער צייט שטעהען דעם ארבייטער צו הילף אין קאמפּף מיט זיין באָס און זאָל איהם צייגען די מיטלען, מיט וועלכע ער קען זיין לאגע פערבעסערן;

בעטראַכטענדיג, דאס אבוואָהל אונטער דיא אידישע ארבייטער פעראיינען זיינען דאָ פערשיעדענע מיינונגען איבער דיא ווירקזאמקייט פון געוויסע מיטלען, וויא דיא לאגע פון ארבייטער צו פערבעסערן, צוגעהען מיר זיך פון דעסטוועגען ניט אויף אזוי פיעל, דאס מיר זאָלען ניט קענען אַרבייטען צוזאמען געגען אלגעמיינעם פיינד;

בעטראַכטענדיג, דאס בעזאָנדערס אין פּונקט פון דער ציימונג מוזען מיר זיך אלע פעראייניגען, ווייל ביי דעם יעצטיגען בעשטאַנד פון דער יודישער בעוועגונג און ביי דעם בעשטעהן פון אַ גרויסער צאָהל יודישער ציימונגען איז אונמעגליך, דאס יעדע פּארטיי זאָל קענען פאר זיך אַ ציימונג ארויסגעבען;

און בעטראַכטענדיג ווייטער, דאס דיא גרויסע מאסע פון דיא ארבייטער איז אימער געגען דיא שטרייטיגקייטען צווישען דיא פער־שיעדענע פּארטייען, בעשליסען מיר, די דעלעגאַטען פון דיא אונטער־צייכענטע ארבייטער פעראיינען, זיך צו פעראייניגען צום צוועק ארויסצוגעבען אַ יודישע ארבייטער ציימונג, מיר בעשליעסען:

1) דאס דיא ציימונג זאָל זיין אָפען פאר אלע פּארטהייען, זייערע אידעען צו בעשפּרעכען.

2) זאָל דיא ציימונג פּארטהיידיגען דיא ארבייטער פעראיינען אין אלע צייטען, זייערע קעמפּפע קרעפטיג אונטערשטיצען און פאר זיי איינשטעהען.

3) דאס יעדע אָרגאניזאציאָן האָט דאס רעכט אין צייט פון

קאמפף צו שטעלען פאָרדערונגען, און די רעדאַקציאָן; די צייטונג איז פערפליכטעט דיזע צו ערפילען.

4) בעשלאָסען, דאס יעדע ארבייטער אָרגאַניזאציאָן, וועלכע איז איינפערשטאנדען מיט דיזען פּרינציפּ פון דער צייטונג, זאָל אויפגעפאָדערט ווערען צו אונז צו צושטעהען.

דאס האט איהר אין קורצע ווערטער אונזער מיינונג וועגען דעם וואס און וויא א צייטונג, א ווירקליכע ארבייטער צייטונג, דאַרף זיין, אום זיא זאָל ווערט זיין אז אַלע ארבייטער זאָלען זיא אונטערשטיצען.

און בעטראַכט אין דער ווירקליכקייט, איהר מיטגלידער פון יוניאָנס, איר סאָציאַלדעמאָקראַטען אדער אנארכיסטען, ווער איר זאָלט אויך ניט זיין, צו איר וועט זיין צופרידען, ווען דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, וועט אייך פארביטען איהר זאָלט פריי אויסשפרעכען אייער מיינונג, אדער ווען א אָרגאַניזאַציאָן האָט א געוויסען וויכטיגען קאמפּף און ווען די ארגאניזאציאן שטעלט א געוויסע פאָרדערונג פון דער צייטונג און די רעדאַקציאָן בעפריידיגט אייך ניט, ווייל די צייטונג געהערט צו יענער פּארטיי און ניט צו דער.

היינט האבען מיר ניט אלע ארבייטער דאס רעכט פון א'ן ארבייטער צייטונג צו פאָרדערן, דאס זיא זאָל אונז אונטערשטיצען? און וויא קען זיא אונז אנדערש אונטערשטיצען, אויב ניט מיט דעם, וואס מיר ווע‍לען האבען דאס רעכט דאָרט אויסצושפּרעכען אונזערע מיינונגען? וויא קען די צייטונג אַלע ארבייטער אונטערשטיצען, ווען נור אייניגע וועלען קענען דיזע צייטונג בעטראַכטען אלס א פערטהיידיגער פון זייערע אינטערעסען, און אלס מיטשטרייטער אין קאמפּף?

בעזאָנדערס אבער דאַרפען די מיטגלידער פון די יוניאָנס פעסט שטעהען פאר א'ן אונפּארטייאישע צייטונג, וויא עס איז אויסגעשפּראָכען אין אונזער רעזאָלושען, דען אין די יוניאָנס געפינען זיך מיטגליעדער פון אַלערליי פּאַרטייען און ווען עס וועלען ארויסגעגעבען ווערען צוויי פּארטייאישע צייטונגען, וועלען מיר מוזען דערלעבען אַ צייט, וואו אין יעדען יוניאָן וועלען זיך קריגען איין פּאַרטיי פאַר איין צייטונג און די אנדערע פאר א'ן אנדערע צייטונג, וואס וועט געוויס די יוניאָנס צו גרונדע ריכטען. און פאר וואָס זאָלען די ארבייטער ערפילען דעם וואונש פון זייערע באָסעס, און זיך צאנקען? קענען מיר דען ניט געהען האנד אין האַנד, שולטער אן שולטער? מיר קענען דאס און מיר מוזען דאס טהאָן, ווען מיר ווילען פון דער היינטיגער שקלאַפעריי בעפרייט ווערען . . .

אלע זאגען מיר, דאס „די אינטערעסען פון אלע ארבייטער זיינען אייניג", אלע רופען מיר צו, דאס אלע ארבייטער זאָלען זיך פעראייניגען און ביי אזא וויכטיגען פּונקט וויא ארויסצוגעבען א צייטונג, האבען דאס „אייניגע" פון אונז פארגעסען.

מיר ווענדען זיך דארום צו אייך, ארבייטער, איהר זאלט זיך גוט איבערלייגען אונזערע ווערטער, איהר זאלט נעהמען ערנסט דיא זאך און דאן זיינען מיר זיכער, דאס איהר וועט שטעהען אויף אונזער זייט . . . אונזער צייטונג שטעהט פאר אלעמען אפען, מיר האבען קיינעם ניט צוגעַ־נומען דאס רעכט אויף די שפאלטען פון דיא צייטונג און מיר האבען קיינעם ניט אויסגעשלאסען. גראדע פארקעהרט, מיר פאדערען אלע אויף זיך צו אונז אנצושליעסען און מיר דיינקען, דאס דיא גאנצע געשיכטע פון אונזערע ליידען, דיא געשיכטע פון אונזער שקלאפעריי פאדערט דאס פון אונז . . .

איינינקייט! דאס איז געווען שטענדיג דער רעטער פון אלע שקלאפען, ווען זיי האבען זיך געוואלט בעפרייען!

פעראייניגט אייך! האבען אונז צוגערופען אזעלכע גאונים וויא לאססאל און קארל מארקס, אונזערע אלעמענס לעהרער.

זאלען מיר זיך ניט פארגעסען אלע דיא מיליאנען ארבייטער, וועלכע הונגערן און שמאכטען אין דער היינטיגער געזעלשאפט נור דארום, ווייל זיי זיינען ניט אייניג . . .

זאלען מיר זיך דערמאנען אן אלע דיא העלדען פון דער געשיכטע, וועלכע האבען מיט זייער לעבען בעצאהלט פאר דעם, וואס זיי האבען געוואלט דיא ארבייטער פעראייניגען . . .

און דאן וועט יעדער פון אונז איינזעהען, דאס מיר מוזען זיך צוזאמענ־שליסען . . .

ארבייטער! א צייטונג איז דער וויכטיגסטער מיטעל אין קאמפף געגען אונזערע פיינדע! מיר קענען א צייטונג נור האבען, ווען מיר ווענלען זיך פעראייניגען! מיר האבען אוועקגעווארפען אלעס, וואס קען אונז צוטהיילען, אינדעם מיר ווילען ארויסעבען א׳ן אונפארטייאישע צייטונג! אונטערשטיצט אזא צייטונג, ארבייטער, דען זיא איז דאס, וואס איהר דארפט!

פעראייניגט געווינען מיר אַלעס, פעראיינצעלט ניכטס . . .

אים נאמען פון קאָנווענשען, מיט גרוס אן אלע ארבייטער:

פעראייניגטע „שניידער ברידער" פון נויארק
2 „מוזיקער יוניאנס" פון נויארק
„טרוטסיקערס" פון סינסינאטי
„פארטבילדונגס פעראיין" פון טשיקאגא
„פארטבילדונגס פעראיין" פון באלטימאר
„פארטבילדונגס פעראיין" פון פראווידענס
„וואהרהייט אונטערשטיצונגס פעראיין" פון נויאָרק
„אינטערנאציאנאלער ארבייטער בונד" פון נויארק

„פיאנירע דער פרייהייט״ פון נויארק
„ריטער דער פרייהייט״ פון נויארק
„ריטער דער פרייהייט״ פון פילאדעלפיא
„ריטער דער פרייהייט״ פון באסטאן
„ארבייטער בילדונגס קלוב״ פון באסטאן
„קניע פענטס מייקער יוניאן״ פון באסטאן
„פארטבילדונגס קלוב״ פון נויארק
„ארבייטער פריינד פרעס קאמיטע״ פון נויארק
„פארטבילדונגס פעראיין״ פון נוארק

אנארכיסטיש קאָמיניסטישע ביבליאטהעק
ארויסגעגעבען פון
דער גרופּפּע „ריטטער דער פרייהייט", לאָנדאָן.

וואס ווילען

די אנארכיסטען?

Was wollen die Anarchisten?

די טהעאריע פון אנארכיזמוס קלאר דארגעשטעלט פון

ש. יאנאווסקי.

פרייז 1 פעני. אויסער לאנדאן 1½ פ.

LONDON
Worker's Friend Printing Office,
40, Berner Street, Commercial Road, E
1890

שער-בלאַט פון דער ערשטער בראָשור אין יידיש וועגן אנארכיזם.

בײלאגע 2

„וואס ווילען די אנארכיסטען?“

די טעאָריע פון אַנאַרכיזמוס קלאָר דאַרגעשטעלט פון ש. יאנאָווסקי

1.

מ י י ן א ו ן ד י י ן.

שנעל און לייכט גליטשען זיך ארויס דיזע צוויי ווערטער פון מויל, ערסטענס ווייל זיי זיינען זעהר קורץ, מ' דארף זיך די ציינער ניט צוברעכען; צווייטענס ווייל דיזע קורצע ווערטער ווערען מעהר געברויכט ווי אלע אנדערע. וואו איהר שטייט, וואו איהר גייט, איבעראל וועט איהר הערען מיין, דיין, דיין, מיין. דאס קינד, איידער עס קען נאך פילע אנדערע ווערטער, דיזע וויים עס שוין אויף אויסוויינינג. עס איז אלזא קיין וואונדער ניט ווארום פילע מענשען גיבען זיך זייער זעלטען די מיהע, אום גרינדליך נאכצודענקען איבער די נאטור פון „מיין“, „דיין“, איבער די בעדייטונג, די ראלע און דעם איינפלוס וועלכען „מיין און דיין“ האט אויף דעם געזעלשאפטליכען לעבען. עס איז באקאנט, דאס דער מענש פרעגט זעהר זעלטען קשיות אויף עטוואס, וואס ער איז געוואוינט צו זעהען פון זיין קינדהייט אויף; מ' דארף זיין אַן א י י ז י ק נ י ו ט א ן * אום צו שטעלען זיך די פראגע, ווארום פאלט דער עפעל פון בוים ארונטער און ניט ארויף, ווען דאס איז שוין פיללייכט געוועזן דאס טויזנדע מאל, ווי ער האט באמערקט דיזע ערשיינונג. אזעלכע מענשען אבער גיבט עס לײדער גאנץ ווענינ און עבען געפינען מיר נאך אזוי פיל מענשען, אין די קעפּ פון וועלכע הערשט נאך די מצרים'שע פינסטערניש אין בעצוג אויף דיזע פראגע. די פראגע איז אבער זעהר וויכטיג, דען עס איז נאך ניטא איין זאך אין דער וועלט, וועלכע זאל האבען אזא

* איין גרייסער געלעהרטער געבארען אין 17טען יאהרהונדערט, ענטדעקער פון דעם גראוויטאציאנס־געזעץ.

ווירקונג און אזא שעדליכע ווירקונג אויף דאס מענשליכע לעבען, ווי „מיין און דיין“.

פון דעם מאמענט אן, ווי עס איז איינגעפירט געוואָרען אייגענטום אין די מענשליכע געזעלשאפט, האט זי אלס זאלכע, אלס געזעלשאפט, שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירען; דער וואָרט, די פוסטע פראזע איז נור געבליבען. דען וואס פערשטייען מיר מיט דעם ווארט „געזעלשאפט“? — א פערבינדונג פון מענשען וועלכע ווילען לעבען, ארבייטען גימיינשאפטליך, העלפען, אונטערשטיצען איינער דעם אנדערען, מיט איין ווארט, לעבען אלס געזעללען; מ׳ קען אבער בשום אופן ניט אנרופען געזעלשאפט אזא צוזאמענקונפט פון מענשען, וואו מענשען זוכען גאר איינער דעם אנדערען אויפצועסען, בעשווינדלען, שאדען, ווי ווייט עס איז נור מעגליך. דאס אללעס, ווי מיר וועלען עס שפעטער מעהר ערקלערען, איז נור די פאלגע פון מיין און דיין. פון דעם מאמענט, ווי מיין און דיין האט אנגיהייבען צו הערשען אין דער געזעלשאפט, האט דער מענש פערלארען אללעס דאס וואס מאכט איהם ווירקליך צום מענשען; ער האט פערלארען זיין מיטלייד־געפיהל, זיין פערשטאנד. אללעס גוטע, שיינע, ערהאבענע איז פערשלונגען געווארען פון איין גרויסער העסליכער ליידענשאפט, וועלכע מ׳ רופט אויף אידיש: „אנצוהאבעווען“. דער מענש, איינמאל בעהערשט פון דיזער ליידענשאפט, הערט אויף צו זיין א מענש, ער ווערט אַ רויבטהיר. קיין מיטעל איז פאר איהם ניט צו שלעכט, אום אנצוהאבעווען וואס מעהר און מעהר. וואס מעהר ער האט, דאס מעהר ווילט זיך אים, חאָטש ער ווייס גאָר ניט וואס צו טאן מיט דיזע אללע רייכטימער.

אין דיזער הינזיכט איז דער מענש פיל ערגער, ווי א רויבטהיר; דאס לעצטע צערייסט און פרעסט נור דאן, אנדערע, ווען עס איז הונגעריג. דער מענש אבער, וועלכער האט געהאט דאס אונגליק ארייגצופאלען אין די לאפּעס פון דיזע ליידענשאפט, איז שוין ניט מעהר זיין אייגענער הערר. ער ווערט א פאלשטענדיגער שקלאף פון איהר; ער טהוט און שאפט ריכטיג, ווי א שד וואלט אין איהם גיזעסען און אנגעטריבען איהם: האב, האב, האב . . .

בעטראכטעט גוט דיזע מענשען אין זייער געיעגערייי און איהר וועט מוזען דענקען, אז די מענשען זיינען פשוט משוגעים. דען, וואס וואלט איהר געזאגט פון אזא מענשען, וועלכער וואלט זיך ארייגגענומען אין קאפּף, דאס ער מוז האבען צו זיין געברויך א האלב מיליאן אויבער־רעק, א מיליאן קאפּעלושען, א 10 טויזענד פאר הויזען? דער איינציגער נאמען פיר אזא מענשען איז ווארריאט, און דאס זיין ריכטיגער פלאץ איז א דולהויז. יעדער פערנינפטיגער מענטש וועט אויף דיזעם גרונד מוזען צוגעבען דאס אללע אונזערע ראָטשילדס, וואנדערבילדס, אסטאָרס, גודלס א.ז.וו. זיינען די גיפערליכסטע פעררירקטע, וועלכע קען נור געבען, און דאס זיי געהערען אין א דולהויז און ניט אין אַ מענשליכע געזעלשאפט.

איך האב געשריבען געפעהרליכע משוגעים און ווארום? — ווייל דורך זייער משוגעת פון אנהאבעוועז אלץ מעהר און מעהר, אזוי פיל, דאס זיי קענען דאס גאר ניט פארברויכען, גייען מיליאנען פון מענשען־לעבענס פאר דער צייט אין דער ערד. 99 חלקים פון דער מענשהייט דארבען, שמאכטען, פירען א לעבען, וועלכעס איז פיל ערגער, ווי דער טויט און נור דארום, ווייל די משוגעים האבען אוועקגערויבט ביי זיי די פרוכט פון זייער הארעוואניע. 99 חלקים פון דער מענשהייט לעבען אין איינגשאפט, גיפרעסט, ווי הערינג אין א פעסעל, אטהעמען דאס שטינקענדע פערפעסטעטע לופט, וועלכע קען דעם געזונדסטען מענשען שנעל אין דער ערד אריינזאגען, ווערענד א הייפעל פון משוגעים רופען „זייערע“ וועלדער, פארקען, וועלכע ציהען זיך מייל׳ען לאנג, און דינען די משוגעים אלס פלאץ, וואו זיי זאלען קענען מאכען יאגד אויף אזעלכע חיות, ווי זיי אלליין זיינען.

איהר זעהט אן אלטען מאן, איינגעבויגען, איינגעהייקערט, זיין אלטעס צוקארטשעטעס לייב קוים בעדעקט, ציטערנדיג פון קעלט, האלט ער אויס־געשטרעקט זיין אויסגעטאכנעטע האנד, אום צו בעקומען וועלכע עס איז קליינע נדבה. מיינט ניט אז דיזער מאן איז אימער געוועזן אלט און האט אימער געבעטעלט; עס איז געוועזן א צייט ווען ער איז געוועזן יונג, קרעפ־טיג, ער האט געבליהט, ער האט געהאט האפנונגען, וועלכע האבען זיך אבער ניענדיגט מיט בעטלען. זיינע בעסטע, שענסטע יארען האט ער פערבראכט אין דער פעקטארי, זיינע וויידזשעס זיינען געוועזן גערארע אזוי פיל, דאס ער האט קוים געקענט דעם טאג איבערלעבען; וואס ווייטער, ווייטער, די קרעפטען האבען איהם אנגעפאנגען צו שווינדען, דער מייסטער זיינער האט איהם שוין ניט געקענט מער געברויכען און אום א אומזיסטען פלאץ ניט צו פארנעמען, האט איהם דער מייסטער אויסגעביטען אויף אזא יונגען, קרעפטיגען מענשען, ווי ער איז אלליין אמאל געוועזן. ער בעטעלט יעטצט אום א הייפענע, ווערענד די הונדערטע פונטען, וועלכע ער האט אנגעארבייט אין לעבען, ווערען ארויסגעשמיסען אויף פערד, הינט, גאלדענע בראסלעטען בעזעצט מיט דיאמאנטען, און נאך אזעלכע פוסטע פערגניגענס, וועלכע זיינען נור די אויסגעבורט פון א משוגענער, איבערזעטיגטער פאנטאזיע.

12 אוהר ביי נאכט. אויף והייטשעפעל הייבט זיך ערשט אן דאס לעבען. איהר וועט בעגעגענען געזיכטער, וועלכע וועלען אויף אייך מאכען דעם איינ־דרוק מעהר פון טהירען אלס פון מענשען; יונגע פרויען, וועלכע באטען אייך אן זייער לייב, זייער עהרע פיר א שפאט פרייז; מענער מיט גע־זיכטער, אין וועלכע עס שפיגלען זיך אב די העסליכסטע ליידענשאפטען. די אייזערנע האנד פון זייער טרויעריגען מזל האט זיי איינגיברענט ווערטער אויפ׳ן שטערען ווי: גנב, רויבער, מערדער. א פלוך וויל זיך ארויסרייסען פון אייער בעענגטער ברוסט! בעדענקט זיך אבער און איידער איהר פלוכט זיי, פלוכט די סיסטעם פון „מיין און דיין“, וועלכע האט געמאכט מענשען פיר אזוי טיעף אונגליקליך; זיי זיינען די קרבנות פון מיין און דיין. דיזע

יונגע פרויען און מענער זיינען געווארען דאס, וואס זיי זיינען נור דורך נויט און עלענד, וועלכע זיי האבען געליטען פון קינדהייט אויף. ווען ניט דאס וואלטען זיי געקענט זיין זעהר ניצליכע מיטגלידער אין דער מענשליכער געזעלשאפט!

2.

דער ארבייטער אמאל און היינט.

ווען אלע ימים וואלטען געווען פון טינט און אללעס אין דער וועלט וואלט געווען פאפיער, וואלט דאס אלעס נאך ניט גענוג געווען, אום צו בעשרייבען די פלאגען, די ווייטאגען, וועלכע זיינען פעראורזאכט געווארן דער מענשהייט דורך „מיין און דיין"; וויפיל מיר וועלען ניט שרייבען איבער דעם, וועט דאס אלעס זיין ריכטיג, ווי א טראפען אין ים. מיר וועלען בעסער אונזער אויפמערקזאמקייט שענקען דער פראגע, מיט וועלכע דיזער קאפיטעל איז בעטיטעלט. אויך אום ניט צו זיין לאנג, וועלען מיר נור נעמען די לעצטע צוויי פארמען פון די מענשליכע געזעלשאפט; איך מיין דעם מיטעל-אלטער אין אונזער נייער צייט.

אין מיטעלאלטער איז די וועלט אין אלגעמיינעם געווען פיעל ארימער, ווי זי איז איצט, עס זיינען ניט געווען די אלע רייכטימער, וועלכע מיר בעזיצען איצט אין אזא איבערפלוס; אינדוסטריע און האנדעל זיינען נאך געווען אין זייערע ווינדעלאך; פון דאמפפמאשינען האט מען נאך גאר קיינע אהנונג געהאט; עס האט אויך ניט עקזיסטירט די צערטהיילונג פון דער ארבייט אין אזא גראד ווי זי יעצט עקזיסטירט; דער שוסטער האט געהאט דאס רעכט צו רופען זיך מיט דעם נאמען, ווייל ער האט אליין געמאכט דעם גאנצען שוך פון אנהייב ביז סוף; דער שניידער, דער טישלער א.ז.וו. אויך דאס זעלבע, זיי זיינען געווען גאנצע בעלי מלאכות. יעדער ארבייטער האט געמאכט זיינע ווארען פיר איינע בעשטימטע צאל פון בעקאנטע, ער האט ניט געארבייט גלאט אין דער וועלט אריין. פון סטאק צו מאכען האט ער ניט געוואוסט, ווייל ערסטענס האט ער ניט בעדארפט, צווייטענס, ווייל ער וואלט טאקע קיינע קייפער ניט געפונען. אזא ארבייטער, ווי ארעם ער איז ניט געווען, דאך זיין חיונה, אבוואהל א קלעגליכע חיונה, האט ער אימער געמאכט. די הויפטזאכע איז, דאס ער איז געווען זיין אייגענער הערר און זיין עקזיסטענץ איז געווען זיכער; ער איז ניט געווען בלויז א „האנד", ער איז געווען טאקע א גאנצער ארבייטער, דער לעהרלינג האט אויך געוואוסט בעשטימט, דאס ווען זיין לעהרצייט וועט זיך ענדיגען, וועט ער ווערען אזא זעלבסטשטענדיגער מייסטער, ווי זיין לעהרער; די געזעלשאפט אליין האט שוין דאן געזארגט דאפיר. די ארבייטער פון יענער צייט, ווי איהר קענט זעהען, זיינען אין זייער לעבען געווען מעהר אדער ווייניגער זיכער, זיי זיינען ניט געווען, ווי עס איז איצט, אין גאנצען טרעמפס, פראלעטאריער.

אזוי האט עס געדויערט אזוי לאנג ביז עס זיינען ניט ענטדעקט געווארען פלעצער, וועלכע האבען געפאדערט פערשידענע מענשליכע ארבייט. דורך דיזע פאָרדערונג האט די ארבייט אין קליינע ווארקשאפּס אנגעפאנגען צו פערשווינדען און האט אבגעטראטען איהר פלאץ פיר די ארבייט אין גרויסע ווארקשאפּס, וואו די ארבייט איז געמאכט געווארען פון ארבייטער טהייל־ווייז, כדי זי זאל שנעלער פערטיג ווערען. באלד נאך דעם זיינען אויסגעפונען געווארען מאשינען, וועלכע האבען נאך מעהר געהאלפען צו דער שנעלער פערפערטיגונג פון דער ארבייט. פון יענער צייט אן דאטירט די בעריהמטע „פרייהייט" פון דעם ארבייטער. פריי איז ער געווארען אין צוויי הינזיכטען: פריי צו געהען, צו פארען, צו פערקויפען זיין ארבייט צו וועמען ער האט געוואלט, ער איז שוין ניט געוועזן מער צוגעבונדען צו דער שטיקעל ערד, ווי פריהער; פריי איז ער אבער אויך געווען פון אלע מיטלען, פון אלע ווערקצייגע, וועלכע זיינען נויטווענדיג פיר די מענשליכע ארבייט; אויסער זיינע צוויי הענד האט ער גאר ניט געהאט און דארום האט ער געמוזט פערקויפען זיין קראפט צו דעם, וועלכער האט געהאט דיזע אלע ווערקצייגע. זייענדיג געצוואונגען צו ארבייטען אום דעם הונגער צו שטילען, האט ער בעקומען ניט דעם פרייז, וועלכען זיינע ארבייט איז ווירקליך ווערט געווען, ניין, דעם פרייז, ווי איהר אלע ווייסט עס, בעשטימט דער בעזיצער פון די אלע מאשינען; ווי פיל ער וויל אזוי פיל גיבט ער דעם ארבייטער, ווייל דעם ארבייטערס לעבען איז אין דער געוואלט פון דיזעם מענשען; דער ארבעטער האט איין ברירה: אדער שטארבען פון הונגער, אדער ארבייטען פיר ברויט מיט וואסער; נאטירליך קלייבט ער אויס דאס לעצטע.

אין דעם גראד, ווי עס האבען זיך פערמעהרט די גרויסע ווארקשאפּס מיט די פערפאלקאמנעטע ווערקצייגע און ארבייט־ערשפּארענדע מאשינען, זיינען אלץ ווייניגער און ווייניגער געוואָרען די ארבייטער, וועלכע האבען געארבייט פיר זיך, וועלכע זיינען געוועזן זעלבסטשטענדיג. זיי מיט זייערע אונפאלקאמענע ווערקצייגע, מיט זייער אלטמאדישען אופן צו ארבייטען, האבען זיך ניט געקענט מעסטען מיט דעם גרויסען מאנופעקטשורער, וועלכער האט פּראדוצירט אלעס מיט דער מאשין. די מאשינארבייט איז געווען אי ביליגער, אי בעסער, און ווילענדיג, ניט ווילענדיג, האט דער קליינער מייסטערעל געמוזט פערלאזען זיין קליינעם ווערקשטעטעל און גיין און ווערען א שקלאף ביי דעם גרויסען מאנופעקשטורער.

א קורצע צייט איז עס נאך געגאנגען צו דערליידען, ארבייט האט מען בעדארפט האבען פיעל, די מאשינען זיינען נאך ניט געווען ענטוויקעלט, יעדעם מאל פלעגט אויסגעפונען ווערען א נייער פלאץ, וואו מ׳ האט געקענט פערקויפען די אנגעמאכטע וואארען, און די „פרייע" האבען נאך ווי עס איז געמאכט זייער לעבען. ניט אימער אבער, ווי א שפּריכווארט גייט, זאגט מען על הנסים: נייע פלעצער, מערקטע שעפּפען זיך אויס, די ארבייט פּראדוצירט מיט די הילפע פון מאשינען, ווערט געמאכט 10 מאל און הונדערט

מאל שנעלער, ווי עס איז פריעהער געמאכט געווארען; די שפייכלערס זיינען אנגעשטאפט מיט סחורה, פיר וועלכע עס זיינען קיינע קונים דא; עס קומט א שטילשטאנד אין האנדעל; אין דער פאבריק, וואו עס האט גיזשוזעט פריהער פון די טויזענדע ארבייטער־שטימען איז טויט איצט, ווי אין א קבר. וואס ווערט מיט די טויזענדע פון ארבייטער, וועלכע האבען דארט געשאפען? זיי שטארבען פון הונגער, פרירען פון קעלט ניט דארום, ווייל עס איז ניטא וואס צו קויפען. א ניין, דא איז שוין צו פיעל, זיי האבען אבער ניט פאר וואס צו קויפען.

האט איהר שוין געהערט פון אזא פערריקטהייט, אז מענשען זאלען הונגערן דארום, ווייל עס איז דא צופיעל עסענווארג, אז מענשען גייען נאקעט און בארפוס, ווייל עס זיינען דא צופיעל קליידער, צופיעל שוה? און דאך איז עס א פאקט, וועלכער וועט ניט און קען ניט אומגעענדערט ווערען אזוי לאנג ווי דער ארבייטער און דער בעזיצער פון די אללע מאשינען, פעקטארים און אלע ארבייטסמיטעל, וועלען זיין צוויי בעזונדערע פערזאנען, אזוי לאנג ווי עס וועט עקזיסטירען „מיין און דיין“!

איינער געפינט אויס א מאשין פיר אירגענד וועלכער ארבייט; מיט דער מאשין קען דער מענש מאכען די ארבייט פיעל שנעללער און פיעל לייכטער, ווי ער האט עס געמאכט. דאכט זיך א ברכה פיר דעם ארבייטער. אזוי וואלט עס טאקע אויך געווען, אבער נור דאן, ווען דער ארבייטער וואלט געווען דער, צו וועמען די מאשין וואלט געהערען. דאן וואלט ער אנשטאט צעהן שטונדען ארבייט בעדארפט פילייכט אין גאנצען ארבייטען 4 שטונדען. ווי די זאכע אבער איז איצט, ווען דער בעזיצער פון דער מאשין איז א גאנץ אנדער פערזאן, ווערט דיזע ברכה צו א קללה. אנשטאט די מאשין זאל זיין דעם ארבייטער א הילפע, ווערט זי זיינער א קאנקורענט, זי שליידערט ארויס טויזענדע פון מענשען אויף'ן סטריט ברויטלאז, אן אירגענד וועלכע מיטעל צום לעבען און אן א פונק פון האפנונג אויף די צוקונפט. אזיי ווייט איז עס איצט מיט דעם ארבייטער: שווארץ און פינסטער איז זיין לעבען, קיין פריידע אין פערגאנגענהייט, קיין רוהע אין דער געגענווארט, קיינע האפנונג אין דער צוקונפט. אלע וועגען זיינען בעדעקט מיט וואנדערענדע ארבייטער, וועלכע גייען פון איין פלאץ אויף דעם אנדערן, פילייכט וועלען זיי געפינען א פלאץ, וואו זיי זאלען קענען פערדינען א שטיקעל ברויט; אויף איין שטיקעל ברויט זיינען דא 100 מיילער; די איבריגע 99 פילען אן אונזערע געפענגניסע; דאס איז דער עלעמענט פון דער געזעלשאפט, וועלכער ווערט בעטראכט פיר געפערליך. געפערליך, ווייל זיי ווילן עססען, און האבען קיין אנדער וועג, ווי צו גנב'ענען און רויבען. דער הייפעל קאפיטאליסטען אבער, וועלכע שינדען און רויבען דאס ארעמע פאלק, באדען זיך אין אללען מעגליכען איבערפלוס, (וואס טוען) זיי? — זיי זיצען זיך אין זייערע פאלאצען און דענקען, דאס עס גייט ניכטס איבער די היינטיגע ארדנונג און דאס מיר לעבען אין דער בעסטער פון אלע וועלטען.

.3

דער קאמוניזמוס.

מעג אבער דיזער הייפעל פון בייטעל, קופאנען און קעפ־שניידערס, צוזאמען מיט זייערע געקויפטע קנעכט, זאגען וואס זיי ווילען. דער פאקט אבער, דאס 99 חלקים פון דער מענשהייט ליידען הונגער און נויט, לאזט זיך ניט בעשטרייטען. אויף שריט און טריט באגעגענען מיר הערצרייסענדע סצענעס, וועלכע עס איז אונמעגליך ניט צו בעמערקען. יעדער, ווער עס האט נאך ניט פערלארען אין גאנצען זיין פערשטאנד, ביי וועמען אין ברוסט גליהט נאך איין פונק פון עהרליכקייט, מוז פלוכען, האססען אזא ארדנונג. בלינד דארף מען זיין, אום ניט צו בעמערקען, ווי די איצטיגע געזעלשאפט־ליכע ארדנונג ווערט אוים צופוילטקייט צופאלען אויף שטיקער און דאס קיינע פאדפארעם (אונטערשפאראכצען) קענען און וועלען ניט רעטען איר פון דיזעם פאלען. זי איילט מיט ריזענשריטע צו אירער אייגענער קבורה, אבער אין דערזעלבער צייט לאזט זי א גוטען לעססאן פיר די מענשהייט, דאס קיין גליק און קיינע צופרידענהייט וועלען ניט הערשען אויף דיזער ערד, ביז עס וועט עקזיסטירען אירגענד וועלכער מיין און דיין, דען יעדער „מיין און דיין" איז געגרינדעט אויף אונרעכט און אונפערנונפט; און אלעס, וואס עס איז געבויט אויף אונרעכט, מוז זיין שעדליך פיר די מענשען.

פראפאטקין, איין גרויסער געלעהרטער, זאגט דאס עס——אבער לאמיר בעסער איהם לאזען אליין ריידען:

„נעהמען מיר צום ביישפיל א ציוויליזירטע לאנד. די וועלדער זיינען אויסגעהאקט, די זומפען אויסגעטריקענט, טויזענדע פון באהנען שניידען דורך ווי מיט א נעץ דאס לאנד אין אלע ריכטונגען. די טייכען, די ימים זיינען בעדעקט מיט שיפען, וועלכע פעראייניגען ווייט ענטלעגענדע לענדער; קאר־נאלען זיינען געגראבען, וועלכע האבען פערבונדען פערשידענע ימים. דאס גאנצע לאנד איז פול מיט פאבריקען. די וויססענשאפט האט געלערנט די מענשען, ווי אזוי צו געברויכען די ענערגיע פון דער נאטור, אום צו בעפריי־דיגען אלע זייערע בעדירפניסע. שטעדט זיינען לאנגזאם אויסגעוואקסען אין דעם לאנגען משך פון יאהרען, און גאנצע אוצרות פון וויססענשאפט און קונסט האבען זיך אנגעזאמעלט אין דיזע מיטעלפונקטען פון דער ציוויליזאציאן, אבער — ווער האט געשאפען דיזע אלע וואונדער? —

„די פעראייניגטע קראפט פון הונדערטע פון דורות האבען בייגעטראגען צו דער עררייכונג פון אזעלכע גרויסארטיגע רעזולטאטען. די וועלדער זיינען אויסגעשניטען געווארען הונדערטע יאהרען פריהער. מיליאנען פון מענשען האבען פערבראכט זייער לעבען — א לעבען פון ארבייט — אום אויסצוטרי־קענען די אלע זומפען, אום צו מאכען וועג פיר די אייזענבאהנען. אנדערע מיליאנען האבען געבויט די שטעדט, געשאפען די גאנצע ציוויליזאציאן, מיט

וועלכע מיר שטאלצירען אזוי פיל. טויזענדע פון פילאזאפען, וויססענשאפט־ליכע מענער, שריפטשטעלער, אונטערשטיצט פון שריפטזעצער, דרוקער און נאך פון פילע, פילע ארבייטער, האבען ענטוויקעלט און פארנאנדער גע־טראגען די וויססענשאפט, האבען געהאלפען דער פערניכטונג פון פילע דומהייטען, אבערגלויבען, אנשטאט וועלכע זיי האבען געגעבען דער מענש־הייט וויססענשאפטליכע וואהרהייטען, און וועלכע די אלע וואונדער פון דער יעצטיגער ציוויליזאציאן וואלטען די ליכטיגע וועלט ניט אנגעזעהען. דער געניוס פון א מייער, א גראוו האט געווים פיל מער אויפגעטאן פיר די ציוויליזאציאן, ווי די אלע קאפיטאליסטען פון דער גאנצער וועלט צוזאמענ־גענומען. דיזע גאונים אליין אבער זיינען אויך ניט מער, ווי דער פראדוקט פון די פערהעלטניסע, צווישען וועלכע זיי האבען געלעבט. אלעס וואס זיי האבען געטאן איז, דאס זיי האבען פארטגעזעצט די ארבייט פון די, וועלכע האבען געלעבט פאר זיי . . . ווער ווייס אין וועלכער אונוויסענהייט מיר וואלטען נאך ביז איצט געשטעקט, ווען ניט די אלע אונבעקאנטע פיר די וועלט ארבייטער, וועלכע האבען זייער לעבען פערלארען, אום אנצוזאמלען דאס נייטיגע מאטעריאל, אום מיר זאלען ווייטער קענען ארבייטען? אין יעדער מאשין, ווי איינפאך זי זאל ניט זיין, קענען מיר לעזען א גאנצע געשיכטע פון שלאפלאזע נעכט, ענטוישונגען, פריידען, פון הונגער, פון נויט. פיל, פיל האט די מענשהייט געהארעוועט, איידער די מאשין איז געבראכט געווארען צו איהר איצטיגען פאלקאמענעם צושטאנד.

„אונזערע שטעדט, וועלכע זיינען פעראייניגט מיט דער גאנצער וועלט דורך אייזענבאהנען, שיפען, טעלעגראפען, זיינען די מיהע פון גאנצע יאהר־הונדערטע. יעדעס הויז, יעדע פעקטארי ציהען זייער ווערדע פון דעם פלאץ, אויף וועלכען זיי זיינען געבויט. וואס פאר א ווערדע וואלט געהאט א גרוי־סער לאנדאן־שאפ, ווען ער וואלט געראדע ניט געשטאנען אין לאנדאן, וועלכער איז געווארען דער זאמעלפלאץ פון פינף מיליאן מענשען?

„וואו איז דאן דער מענש, וועלכער זאל האבען דאס רעכט ארויפצו־לייגען די האנד אויף עטוואס און זאגען: דאס געהערט מיר, איך האב עס געשאפען? ווי קענען מיר בעשטימען פון דיזעם אונגעהייער גרויסען רייכ־טום דעם טייל, וועלכער זאל מיט רעכט געהערען צו וועמען עס איז?"

אין אן אנדערן פלאץ דריקט זיך אויס קראפאטקין נאך שטארקער:

„די איטאליענער, וועלכע זיינען געשטארבען פון כאלערא, גראבענדיג דעם סועץ־קאנאל, האבען בייגעטראגען צו דער בערייכערונג פון דער וועלט אזוי פיל, וויפיל דער אינזשענער, וועלכער האט אויסגעפונען א מאשין, וועלכע ערלייכטערט דעם מענשען זיין ארבייט; דער לעצטער האט ניט מער געטאן פאר די מענשהייט ווי די מיידעל, וועלכע צאפעלט זיך איינ־געבייגען אין דרייען דעם גאנצען טאג ביי דער מאשין — ווי און ווער קען אבמעסטען פאר יעדען איינעם דעם ריכטיגען טהייל פון די רייכטימער,

וועלכע זיינען אנגעזאמעלט ארום אונז און וועלכע זיינען דער פראדוקט פון דער הארעוואניע פון די גאנצע מענשהייט?"

דיזע ווערטער זיינען אזוי פערשטענדליך, דאס איך האלט ניט פיר נייטיג זיי פערטייטשען אדער עטוואס צוצוגעבען; דער לעזער וועט שוין גוט פארשטיין, ווארום זיינען די אנארכיסטען אם אללעם ערסטען קאמוניסטען: זיי שטרעבען ניט צו דעם אידעאל, ווייל ער איז א שיינער; פון שיינקייט איז דא גאר קיין רעדע ניט; זיי פערטיידיגען דעם קאמוניזמוס אין דער צוקונפט, ווייל זיי ווייסען, ערסטענס, וויפיל צרות האט מיט זיך געבראכט פריוואט אייגענטום; צווייטענס, ווייל זיי ווייסען, אז א סיסטעם געגרינדעט אויף מיין און דיין, ווי זי זאל ניט זיין, וועט זי אימער זיין אונגערעכט; אלעס וואס איז אונגערעכט, קען ניט זיין גוט פיר די מענשהייט. דארט, וואו די מענשען ארבייטען קאמוניסטיש, מוז אויך דער פערברויך זיין קאמוניסטיש. אין אנדערע ווערטער: אין דער צוקונפט וועט דער מענש ארבייטען, וויפיעל ער וועט קענען און געניסען, וויפיעל ער וועט בעדארפען.

4.

דער אנארכיזמוס.

קאמוניזמוס איז ניט דער איינציגער פרינציפ, וועלכען מיר פערטיידיגען. ווען דאס וואלט געווען דער פאל, וואלטען מיר זיך גערופען קאמוניסטען; מיר רופען זיך אבער קאמוניסטען-אנארכיסטען. וואס מיינט דער צווייטער ווארט? וואס מיינען מיר אנארכיסטען צו זאגען מיט איהם?

מיר מיינען מיט דעם ווארט אנצודייטען, דאס אלע רעגירונגס פארמען, וועלכע האבען עקזיסטירט און עקזיסטירען, האבען נור געבראכט שאדען דער מענשהייט; דאס דער פרינציפ פון יעדער רעגירונג איז די מענשהייט צו פערשקלאפען; דאס, וואס ווייניגער א פאלק איז רעגירט געווען, דאס שנעלער און לייכטער האט עס זיך ענטוויקעלט און דאס פאלגליך אין דער צוקונפט דארף און וועט נור הערשען די אנארכיע, די רעגירונגסלאזיגקייט. אין אנדערע ווערטער: יעדער מענש, יעדע גרופע וועט האבען די פולע פרייהייט צו האנדלען נאך זייער אייגענעם געשמאק און ניט ווי אנדערע וועלען זיי פארזאגען.

דער מענטש, וואס האט צו טאן צו ניט נאך זיין אייגענעם פערשטאנד, נור וואס אנדערע הייסען איהם, איז א שקלאף, א שקלאף קען קיין מאל ניט זיין צופרידען און גליקליך, ווייל דעם מענשען איז איינגעבארען א ליעבע צו פרייהייט. רויבען א מענטשען זיינע פרייהייט איז דאסזעלבע, ווי צו מארטערן א מענשען מיט דורסט, מיט הונגער. אונצעליגע מאל האט שוין דארום די מענשהייט איהר לעבען אין קאן געשטעלט פיר די פרייהייט; פילע מאל האט זי שוין אויך אן ענדע געמאכט צו די טיראנען, וועלכע האבען איהר דאס לעבען פערביטערט. אבער לײדער האט זי באלד די אלטע אומגעביטען

אויף נייע טיראנען. די מענשען האבען ניט פערשטאנען, דאס דער אונגליק ליגט ניט אין דעם הערשער, נור אין דער הערשאפט; זיי האבען נאך געלעבט אין דעם גלויבען, אז אירגענד וועלכע הערשאפט מוז זיין, זיי זיינען ניט געווען אויף אזוי אויפגעקלערט, צו פערשטיין, דאס די געזעלשאפט וועט פון די רעגירונג ניט געפיהרט, נור איבערגעפיהרט — און וואס איז דער רעזולטאט? — טראץ די אלע טויזענדע פון קרבנות, וועלכע זיינען געשלאכטעט געווארען אויף דעם מזבח פון פרייהייט, איז די פרייהייט פון אונז נאך אזוי ווייט, ווי מיט דריי טויזענד יאהר צוריק. גאנץ אומזיסט זיינען אבער די קרבנות אויך ניט געפאלען. ווען די מענשען ווען נאך א־מאל קעמפפען פיר פרייהייט — און קעמפפען וועלען זיי געווים — וועט דאס שוין אויך זיין דער לעצטער קאמף. זיי וועלען זיך שוין ניט פערבלענדען מיט שיינע פוסטע פראזען; זיי וועלן מאכען, דאס די שיין באזונגענע פרייהייט זאל טאקע ווערען א ווירקליכקייט, וועלכע זי קען ווערען נור דאן, ווען יעדער ארט פון „מיין און דיין“ וועט פערשווינדען און ווען עס וועלען ניט אויפגעשטעלט ווערען נייע, פרישע רעגירונגען, וועלכע זאלען איהר רויבען די פרייהייט, פיר וועלכע זיי האבען מיט זייער הערצבלוט בעצאהלט.

לאמיר זיך די זאך גוט איבערלייגען און מיר וועלען מוזען קומען צום שלום, דאס אין דער צוקונפט איז גאר קיין פלאץ דא פיר אירגענד וועלכע רעגירונג.

ווען איהר וועט פרעגען א ריכטיגען רעגירונגס פאנאטיקער, וואס איז די בעשעפטיגונג פון א רעגירונג, וועט ער אייך ענטפערן פאלגענדעס: „די רעגירונג? — זי היט אב דעם פריעדען אין לאנד, דאס קיינעם זאל קיין אונרעכט ניט געשעהען, דאס די פערברעכער זאלען פאר זייערע מעשים ניט בלייבען אונבעשטראפט, דאס דער שטארקער זאל ניט אונטערדריקען דעם שוואכען. צו דיזען צוועק זיינען דא געזעצע, ריכטער, פאליס, דאס איז ערסטענס; צווייטענס, איז די רעגירונג דא אום צו שיטצען דאס לאנד פון דעם אויסווערטיגען פיינד. צו דעם צוועק זיינען דא מיליטער און נאך פילעס, וואס איז נייטיג דערצו.“ דאס איז די מיינונג פון א רעגירונגס־פאנאטיקער. און ווירקליך נור א פאנאטיקער, א פערבלענדעטער קען בעהויפטען אזא אונזין. ווער ווייס דען ניט אז די רעגירונג ניט נור זי שטערט דעם שטארקען פון אונטערצודריקען דעם שוואכען, נור גראדע פערקערט, זי העלפט איהם נאך. זאל נור דער ארעמער ארבייטער סטרייקען מיט זיין מייסטער פיר העכערע ווייזשעס, ווען העלפט די רעגירונג, דעם מייסטער אדער דעם ארבייטער? שיקט זי דען ניט ארוים איהרע מיליטער, וועלכע איז געהאלטען כלומרשט פאר דעם אויסווערטיגען פיינד, אום צו שיסען אין דעם ארעמען ארבייטער דערפאר, וואס ער האט זיך אונטערשטעלט בעטען צו דעם טרוקען שטיקעל ברויט עטוואס פוטער? האט דען מאלטקע, דער מאססענמערדער, אליין ניט געזאגט אין דייטשען רייכסטאג, דאס די מיליטער דארף מען האבען פיר דאס ארבייטענדע פאלק, וועלכער ווערט צו „בעגעהרליך“? און

ווי שטיימ עס מיט די פערברעכער, מיט די געזעצע און מיט דעם גאנצען הומבוג? זיי בעשטראפען איין ארעמאן, וועלכער האט געשטוילען א לאבען ברויט, אום צו שטילען דעם הונגער פון זיין ווייב און קינדער, זיי לאזען אבער אונבעשטראפט די, וועלכע טאג־טעגליך זויגען אויס דאס בלוט, בע־ראבעווען, בעגנבענען טויזענדע פון מענשען; יא, אזעלכע זיינען נאך ביי אונז די גרעסטע מיוחסים. לאמיר אבער צוגעבען אויף איין מינוט, אז די פערברעכער האבען טאקע בעגאנגען שלעכטע טהאטען; זיינען דען אבער די בעשטראפונגען דער ריכטיגער מיטעל, אום צו בעסערן, אדער דער מיטעל, אום די צאהל פון די פערברעכען צו פערמינדערן? ניין! אזוי לאנג ווי עס וועלען עקזיסטירען רויבער און בערויבטע; אזוי לאנג ווי די געזעלשאפט וועט זיין געשפאלטען אין צוויי קלאסען פון אונטערדריקער און אונטער־דריקטע, מעג מען נאך צעהן מאל אזוי פיל געפענגניסע בויען, ווי עס זיינען יעצט דא, מעג מען נאך די פערברעכער נאך פיל שטרענגער בעשטראפען, ווי מי בעשטראפט זיי יעצט, די פערברעכען וועלען ניט פערשווינדען. שאפט אב „מיין און דיין“ און גאר אן אללע געזעצען וועלען די פערברעכער פון זיך זעלבסט פערשווינדען, אויס דעם איינפאכען גרונד, ווייל די אורזאכע, וועלכע בעשאפט די פערברעכער, וועט פערשווינדען.

זעהר צוטרעפענד זאגט וועגען דעם קראפאטקין פאלגענדעס: „וואס מער מיר דענקען נאך איבער די פראגע (וועגען פערברעכער) דאס מער ווערען מיר איבערצייגט, דאס נור די געזעלשאפט אליין איז פעראנטווארטליך פיר די אלע שלעכטע טהאטען, וועלכע קומען פאר אין אונזער מיטטע; מיר זיינען איבערצייגט, דאס קיין בעשטראפונג, קיין געפענגניס און קיין הענקער זיינען ניט אין שטאנד צו פערקלענערן די צאל פון פערברעכער אויף איין האר. דריי פירטעל פון די פערברעכענס, וועלכע קומען פאר פאר אונזערע שופטים ושוטרים, זיינען די פאלגען פון אונזער יעצטיגען שלעכטען געזעל־שאפטליכען צושטאנד און ניט, ווי מי דענקט, פון דער שלעכטיקייט פון דער מענשליכער נאטור. וואס אנבעלאנגט דעם פערהעלטניסמעסיג קליינעם צאל פון שלעכטע טהאטען, וועלכע קומען טאקע ארויס פון די שלעכטע נייגונגען פון איינצעלנע פערזאנען, זיינען די ניט צו העלפען מיט אזעלכע מיטלען, ווי געפיינגנים אדער הענקער, אין וועלכע מיר זעהען יעצט אונזער גאנצע רעטונג. מיט אונזערע דעטעקטיוס, פערפאלגונגען מאכען מיר אין דער געזעלשאפט אזא מבול פון בייזע ליידענשאפטען און געוואוינהייטען, דאס דער ווער עס וואלט ריכטיג פערשטיין דעם איינפלוס פון דיזע איינריכטונגען אין זייער גאנצער שעדליכקייט, וואלט עמפערט געווארען איבער דעם, וואס די געזעלשאפט טוט אונטער דעם פארוואנד פון אויפהאלטונג פון מאראליטעט.

געוויס, ווען א מוטער זוכענדיק ברויט אדער א'ן אבדאך פיר איהרע קינדער, מוז פערבייגיין פערשידענע שאפס, וועלכע זיינען אנגעפילט מיט

די פיינסטע נאשערייען, ווען אויף איין זייט זעהט איר דעם גרעסטען לוקסוס, וועלכען אייערע פאנטאזיע קען אייך נור אויסמאלען, ווערענד אויף דער צווייטער זייט הערשען די העכסטע ארמוט און נויט; ווען פיר דעם הונד און פערד פון א רייכען מאן ווערט געזארגט פיל מער אלס פיר מיליאנען פון קינדער, די מוטערס פון וועלכע ארבייטען אין פעקטארי, אום זיך און זייערע קינדער קוים, קוים צו ערנערען, ווען איין „איינפאכעס“ קליידעל פון א גרויס־ארטיגער ליידי רעפרעזענטירט מיט זיך דעם פרייז פון א יאר מענשליכע ארבייט, ווען רייך צו ווערען אויף א׳ן אנדערענס ארבייט איז דער איינציגער צוועק פון אונזערע פני, און דאס אום צו מאכען געלד זיינען אלע מיטלען הייליג, דאן — געוויס — איז געוואלט דער איינציגער מיטעל, ווי די געזעל־שאפט אויפרעכט צו האלטען, דאן זיינען ארמייען פון מיליטער, פאליס, ריכטער און הענקער איינע נויטווענדיגקייט.

ווען אבער אלע אונזערע קינדער — אלע קינדער זיינען אונזערע — וואלטען בעקומען א געזונדע, גוטע ערציהונג; ווען יעדע פאמיליע וואלט בעזעסען איין ארדענטליכעס היים; ווען יעדער און יעדע וואלטען געלערנט אירגענד וועלכע ניצליכע האנדארבייט, אין דערזעלבער צייט ווען זיי בילדען אויס זייערע גייסטיגע פעהיגקייטען; ווען די מענשען וואלטען געלעבט אין איין פעסטער צוזאמענבינדונג איינער מיט דעם אנדערען און וואלטען אימער געקומען צוזאמען, אום צו בעשפרעכען, פערהאנדלען איבער די געזעלשאפט־ליכע אנגעלעגענהייטען, וועלכע ווערען יעצט איבערגעגעבען אין די הענד פון איינינע — דאן וואלטען מיר ניט בעדארפט ניט די פאליס און ניט די אנדערע מחבלים“!

דער לעזער וועט פון אלעם דעם, וואס איז געזאגט געווארען, פערשטיין דאס די אנארכיסטען בעטראכטען די אלע זאגענאנטע געשריבענע געזעצע פיר מאכטלאז אירגענד וועלכען נוצען צו ברייננען דער מענשהייט; עס זיינען דא פיל וויכטיגערע געזעצע, וועלכע רעגולירען דאס געזעלשאפטליכע לעבען, דאס זיינען די נאטירליכע געזעצע פון נויטווענדיגקייט. די מענשען האבען אנגעפאנגען צו לעבען אין געזעלשאפטען ניט דארום ווייל איינער האט ארויסגעגעבען אן אוקאז, זאנדערן ווייל זיי האבען איינגעזעהען, דאס אין איין געזעלשאפט איז פיר יעדעם איינעם בעקוועמער און זיכערער צו לעבען, אלס ווען יעדער וועט לעבען באזונדער. אך, ווען עס וואלט זיך ווירקליך געווענט אן די געשריבענע געזעצע, ווען די געזעצע וואלטען ווירקליך געקאנט עפעס אויפטאן, וואלטען שוין יעצט אלע בעדארפט זיין אזוי אונפעלבאר, דאס קיין שפרינקעלע האט זיך ניט בעדארפט געפינען אויף אלע אונזערע טהאטען, דען די געזעצע: „דו זאלסט ניט גנב׳ענען, רויבען, מארדען, מקנא זיין“ זיינען שוין באלד אזוי אלט, ווי די מענשליכע געשיכטע און דאך וויסען מיר נאך ניט פון איין שלעכטען מענשען, וועלכער זאל ווירקליך פערבעסערט ווערען דורך די געזעצע. שלעכט וועלען די מענשען נור דאן אויפהערען צו

זיין, ווען עס וועט זיך ניט מער לוינען צו זיין שלעכט; געזעצע אלזא אין זיך אליין, נאך זייער נאטור קענען ניט זיין ניצליך און ניט שעדליך; זיי הייבען אבער אן צו ווערען שעדליך, ווען הינטער זיי שטייט א בעוואפ־נעטע מאכט און סטראשעט יעדעם איינעם ניט גלויביגען מיט פערפאלגונגען, מיט געפענגניסע; אין דער הינזיכט מאכען די געזעצע, אדער בעסער, די געזעצפאבריקאנטען, מענשען פיר שקלאפען און דארום, ווען מיר זיינען געגען יעדעם געזעץ אין דער צוקונפט זיינען מיר געגען צוואנג, דען איין געזעץ וויל דאך דורכגעפירט ווערען, ווידריגענפאלס דארף מען דאך ניט דאס געזעץ, און עס איז אונמעגליך צו רעכענען, דאס אין דער צוקונפט וועלען אלע מיט איין מאל ווערען שאפסקעפ און זיין געהארכזאם אלע געזעצע, וועלכע וועלען פון וועמען־עס־איז־ניט פאבריצירט ווערען; דיזע לייטע וועלען אדער גע־צוואונגען ווערען דורך געוואלט צו טאן, ווי מי זאגט זיי, אדער זיי וועלען זיין פאליטישע פערברעכער, וועלכע וועלען מוזען שטום געמאכט ווערען, ווי די מארטירער פון דער היינטיגער געזעלשאפט.

ניין, ניין, מיר ווייסען שוין גענוג, וואס עס הייסט פאליטישע פערברע־כער יעצט, מיר ווילען שוין ניט וויסען פון פאליטישע פערברעכער אין דער צוקונפט!

דאס איז מיט די פיינדע פון אינוויינינג, יעצט וועלען מיר זעהען וואס איז וועגען די אויסווערטיגע פיינדע.

ווער זיינען אבער די אויסווערטיגע פיינדע? גיבען זאגאר שוין יעצט וועלכע פיינדע פון אויסען? די איינציגע אנטווארט דערויף איז ניין! דיזער שווינדעל איז שוין צו אלט, האט שוין זיין צייט אבגעלעבט. פריהער וואר עס פיליכט נאך מעגליך דעם אידען איינצוריידען, אז די גאנצע איבעריגע וועלט איז זיינע פיינדע, וועלכע זוכען איהם נור צו פערניכטען, און דארום מוז ער זיין אימער אויף זיין וואך, אום זיך צו שיצען; קיין וואונדער, ווען ער האט אלע געהאסט ביז צום אויסערסטען; דאסזעלבע האט אויך געגלויבט יעדע אנדערע נאציאן פון די אלע איבעריגע; דער רעזולטאט איז געוועז, דאס די מענשען פלעגען זיך צערפליישען און צערייסען ערגער ווי ווילדע חיות אין וואלד. יעצט איז עס אבער שוין ניט מער. וואס ווייטער, ווייטער הויבט אן אלץ דאס פאלק מעהר צו פערשטיין, דאס די ריכטיגע טוגענד בע־שטייט ניט אין דעם, דאס איין מענש זאל ליבען נור זיין נאציאן און די גאנצע איבעריגע וועלט האסען; אזא מענש ווערט שוין יעצט באטראכטעט פיר א ווילדעם טהיר, זאנדערן, דאס דער מענש בלייבט מענש, וואו ער זאל ניט געבוירען ווערען, וועלכע שפראך ער זאל ניט רעדען, אבי ער זאל נור זיין א ניצליכער מיטגליד אין דער געזעלשאפט. אז דאס איז ניט קיין פאנטאזיע, נור א ווירקליכקייט, קענט איר עס זעהען פון דעם, דאס די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט האלטען אב געמיינשאפטליכע קאנגרעסען, בעראטען זיך צוזאמען, ווי אזוי צו פערניכטען זייער געמיינזאמען פיינד, דאס קאפיטאל.

דיזע אינטערנאציאנאלע געפילע פון די ארבייטער זיינען ערצויגען גע־וואָרען אין דעם ארבייטער דורך דאס לעבען זעלבסט. אזוי גוט, ווי פריהער זיינען געווען די ארבייטער נאציאנאל געזאנגען, ווייל זיי האבען איינע די אנדערע ניט געקענט, אזוי זיינען זיי געווארען אינטערנאציאנאל, ווען זיי האבען זיך אנגעהויבען צו פערשטיין איינער דעם אנדערען. געצוואונגען דורך נויט און עלענד צו פערלאזען דעם געבורטספלאץ און גיין זוכען א שטיקעל ברויט אין אנדערע לענדער, האט זיך דער ארבייטער אין דערזעלבער צייט איבערצייגט אז אלעס וואס איז געזאגט געווארען אין דער היים איבער אנדערע נאציאנען, איז ליגען; פון יענער מינוט אן איז דער ארבייטער גע־ווארען אינטערנאציאנאל. ווען מיר זעהען שוין דיזע אלע געפילע אזוי גוט ענטוויקעלט יעצט, וואס דארפען מיר ניט ערווארטען אין דיזער הינזיכט אין דער צוקונפט? מיט פולע איבערצייגונג קענען מיר זאגען, דאס אין דער צוקונפט וועט ניט זיין קיין פלאץ פיר דיזע אלע געהעסיגקייטען; ברודער־ליבע וועט פערבינדען אלע נאציאנען אין איין גרויסע מענשהייט, וועלכע וועט זיך וואונדערן, ווי אזוי האבען דאס מענשען געקענט זיין אזוי ווילד און איינער דעם אנדערן געהאסט און פארפאלגט, ריכטיג, ווי זיי וואלטען ניט געהערט צו איין מענשענראסע!

דער רעגירונגס פאנאטיקער איז נאך אלץ ניט רוהיג, ער האט נאך פיל קשיות צו פרעגען און אט זיינען די וויכטיגסטע: ווען עס וועט קיין אויפ־פאסער, קיין אויפזועהער ניט זיין, וואס וועט זיין מיט די פוילענצער? זיי וועלען ניט ארבייטען און לעבען אויף די ארבייט פון אנדערע. אָט, טענה'ט ער, וועלען מיר ווידער האבען פאראזיטען.

ערסטענס, דיזע פאראזיטען וועלען ניט זיין דאס, וואס זיי יעצט זיינען: זיי וועלען קענען געניסען, וויפיל זייער הארץ וועט געלוסטען; זיי וועלען דאך אבער קיינע מיליאנען האבען, מיט וועלכע זיי זאלען קענען אנדערע פערשקלאפען; ניט דאס איז דער גאנצער אונגליק, וואס די רייכע לעבען גוט און ארבייטען ניט; ווען נור דאס, וואלט די מענשהייט ניט אזוי אונ־גליקליך געווען; דען א מענש קען דאך ניט געניסען מעהר וויפיל זיין נאטור ערפאָרדערט; דער אונגליק איז, דאס זיי זאמלען זיך אן רייכטימער, וועלכע זיי ווייסען גאר ניט וואס צו טאן דערמיט; צווייטענס, וועלען קיינע אויפ־פאסער זאגאר ניט קענען העלפען, דער פוילענצער וועט שוין געפינען מיטעל און וועגען זיך אויסצודרייען פון דער ארבייט; אלעס וואס מיר וועלען געווינען, וועט זיין, דאס דעם צאל פון די פאָרהאנדענע פוילענצער וועלען מיר פערמערען מיט נאך א פראצענט, מיט די אויפזועהער אליין טאקע. דריטענס, איז די גאנצע מעשה גאר א ליגען, דאס עס איז דא פוילענצער: ארבייטען פיר דעם מענשליכען קערפער איז א בעדירפנים און אזוי נויט־ווענדיג, ווי אלע אנדערע בעדירפניסע פון מענשען. ווען א מענש ארבייט

ניט, איז ער קראנק; ער קען ניט פערדייען דאס עסען; ער שלאפט ניט — מיט איין ווארט, ער ליידעט.

„אבער", וועט דער לעזער זאגען, „איהר ווילט אונז איינריידען, אז עס איז ניטא קיין פוילענצער, מיר ווייסען דאך אבער, אז עס איז יא דא, אט צוביישפיל דער . . ."

„געוויס", ענטפערן מיר, „מוזען אין דער יעצטיגער געזעלשאפט זיין מענשען, וועלכע האסען די ארבייט, אבער איז עס דען א וואונדער? ווען ארבייטען איז דאסזעלבע ווי שטארבען דריי מאל א טאג פון הונגער, ווען ארבייטען מיינט ניט ארבייטען מענשליך, וויפיל עס איז נייטיג פאר די גע־זונדהייט, זאנדערן 18—20 שטונדען א מעת־לעת; ווען ארבייטען מיינט ניט אברוה אויף דער עלטער, נור נאך גרעסערע נויט, ווי אין די יונגע יאהרען, שטארבען אויפן סטריט פון הונגער, פון קעלט; ווען ארבייטען איז ניט יעצט אן עהרע, ווי עס האט געזאלט זיין, נור א שאנדע, דאן געוויס איז ניט דאס א וואונדער, וואס עס גיבט אזוי פיל פוילענצער, דער וואונדער איז, וואס עס גיבט נאך אזוי פיל פלייסיגע.

שטעלט זיך אבער פאר די צוקונפט, ווען דער מענש וועט קענן אויס־קלייבען א ארבייט, וועלכע איז נאך זיין געשמאק; ער וועט פון קיינעם ניט געצוואונגען זיין; דער בעוואוסטזיין, דאס ניין־צענטלעך פון זיין פראצע פרעסט אויף א'ן אנדערער וועט פעהלען, די שטונדען דער ארבייט זעהר קורצע, דען וויפיל וועט גאר דארפען א מענש ארבייטען, ווען אלע וועלען שאפען פראדוקטיוו; דער פלאץ פון דער ארבייט ריין, לופטיג, קיינע שטינ־קענדע לעבער — דאן גלויבען מיר ניט אויב עס זאל זיך געפינען איין מענש, וועלכער זאל ניט וועלען ארבייטען און זיין אונטערוואָרפען דעם מיטלייד אדער דער פעראכטונג פון דער גאנצער געזעלשאפט!

וואס אנבעטריפט די, וועלכע דענקען, אז מי וועט מוזען האבען א רע־גירונג, אום אלעס זאל גיין אין דער ארדנונג, דאס די מענשען אליין זיינען נאך ניט פיהיג געגוג און זא ווייטער, אנטווארטען מיר קורץ און שארף מיט אנאנדער פראגע: ווי וועלען ניט קלוגע מענשען קענען אויסקלייבען ריכטיגע פיהרער? אויסער דעם, אויב מי גלויבט, אז די מאססע וועט אימער באדארפען א רעגירונג, דאן דארף מען זיך איבערהויפט ענטזאגען פון דעם גאנצען סאציאליזמוס, ווייל דער סאציאליזמוס קען נור גוט זיין פיר פער־נינפטיגע, זעלבסטשטענדיגע מענשען, ניט אבער פיר אזעלכע, מיט וועלכע מען קען מאכען, וואס מי וויל. מיר ווילען ניט אבלייקענען דעם פאקט, דאס די מאססע איז נאך יעצט ניט אזוי וויים ענטוויקעלט און פערשטענדיג, ווי עס וואלט געווען ווינשענסווערט, אבער ווייסט איר ווארום? ווייל זי האט געהאט פיהרער וועלכע האבען פיר איר אלעס געטאן, און פערלאזענדיג זיך אויף זיי, איז זי געבליבען אונוויסענד. וויל מען דאס די מאססע זאל פער־

שטענדיגער ווערען, דאן איז ערסט רעכט נויטווענדיג, דאס די רעגירונגען זאלען פערשווינדען!

דיזע אלע גרינדע צוזאמען גענומען מאכען דעם אנארכיסט פיר איין געגנער פון אירגענד וועלכע רעגירונג, מעג עס זיין פון איינצעלנע פערזאָנען איבער פילע אדער פון פילע איבער איינצעלנע. איןביידע פעללע זיינען דאַ הערען און שקלאפען. מענשען קענען נור גליקליך זיין, ווען זיי געניסען די פולע פרייהייט, און די פולע פרייהייט איז אין דער אנארכיע.

5.

אונזערע מיטעל.

— ווען די רייכע האססען און פערפאָלגען אונז, קענען מיר עס פערשטיין; זיי האבען רעכט מיט זייער האס, דען מיר זיינען ווירקליך זייערע פיינדע, מיר האבען דעם האס פערדינט; מיר האססען זיי מיט יעדעם טראָפען פון אונזער בלוט, מיר שרעקען זיך ניט אב פיר קיין מיטעל אום זיי צו פערניכטען. קיינע פערפאלגונגען ניט צו ערוואַרטען פון זייער זייט, וואלט געווען גאנץ איינפאך א דומהייט; מאנכעס מאל זאגאר פרייען אונז זייערע פערפאלגונגען, דען דיזע דינען אונז אלס א גוטער בעוויז, אז מיר רירען אָן די פונקטען, וואו עס טוט זיי אם מעהרסטען וועה. קיין וואונדער ניט, ווען א בורזשוא וועט אייך זאגען אז דער אנארכיזמוס איז א אויסגעבורט פון דער העללע אליין, אז די אנארכיסטען זיינען ווילדע טהירען א.ז.וו.; עס שמערצט אונז אבער אונגעהויער, ווען מיר זעהען, דאס זאגאר שוין מעהר אדער וויניגער ענטוויקעלטע ארבייטער, וועלכע רופען זיך סאציאליסטען, אויך די שעמען זיך ניט צו בעוואַרפען מיט שמוץ אונזערע אידעען, אונזערע האנדלונגען און אלעס, וואס האט נור א שייכות מיט דעם ווארט אנארכיזמוס. זייער טאקטיק איז א גאנץ איינפאכע: זיי נעמען ניט דעם אנארכיזמוס, ווי ער איז קלארגעלייגט פון די אנארכיסטען און קריטיזירען עם; ווען דאס וואלט געווען דער פאל, וואלטען מיר גאר ניט געהאט דאגעגען, מיר וואלטען פערקערט נאך דאנקבאר געווען; ניין, זיי טוען אזוי: מאלען אליין אויס א אנארכיזמוס געוואוינליך אזוי נארריש ווי עס קען נור געבען, בעווייזען דיזע נארישקייטען און שרייען אין איין קול: „אט זעהט, וואס פיר א דומקעפּ זיינען די אנארכיסטען!"

אט האט איר ווארשיינליך געהערט, דאס די אנארכיסטען זיינען געגען טרייד יוניאָנס, געגען א 8־שטונדיגען ארבייטסטאג א.ז.וו. דאס איז אבער, ערקלערט איך אפען פיר די גאנצע וועלט, איין איינפאכער ליגען. בעטראכט דעם אונזין: אן אנארכיסט, וועלכער איז בערייט צו יעדער שטונדע זיין לעבען אויפצואפּפערען פיר זיין אידעע, פיר דאס גליק דער מענשהייט, דיזער וועט ניט וועלען אז מענשען זאלען ארבייטען מיט א פאר שטונדען וויניגער! ווערענד די אנארכיסטען הערען ניט אויף צו שרייבען און צו ריידען:

ארבייטער, פערייניגט אייך, ווערען זיי זיין געגען טרייד יוניאָנס — איז עס מעגליך?

„אבער", וועט דער לעזער זאגען, „גלאט פון פוסטען פאס ווערען זיי דאך אויך ניט אויסקלערען, מסתמה מוז דאך עפּעס זיין" — געוויס איז דא, און הערט טאקע אויף טשיקאוואָשץ, וואס דאס איז.

טרייד יוניאָנס, און זייער ענטשטיין, זיינען געווען א רעזולטאט פון אונטערדריקונג און טיראנייא פון דער זייט פון דער קאפּיטאליסטען־קלאססע איבער די ארבייטער־קלאססע; אבוואל דער צוועק פון דער פערייניגונג איז געווען קיין ריין סאציאליסטישער, ד.ה. זיי האבען זיך ניט פערייניגט, אום צו מאכען א ענדע מיט דער לוינסיסטעמע, דאך דער פאקט אליין, דאס אר־בייטער האבען זיך אנגעהויבען צו פערייניגען אום צו קעמפּפען געגען זייערע בלוטזויגערס, איז געווען פיר יעדען ריכטיגען ארבייטער פריינד א זעהר ערפרייליכער. די הויפּט־פּונקטען, וועלכע די יוניאנס האבען דאן געהאט אין אויג, זיינען געווען געווערקשאפטליכער נאטור: זיך ניט לאזען הערואבדריקען די פּרייזען, סטרייקען א מאל פיר בעסערע ווייגעס און אונטערשטיצען מאנכעס מאל א מיטארבייטער אין א נויט.

אין יענער צייט זיינען די יוניאנס געווען ביי די קאפּיטאליסטען ווי א דארן אין אויג, ווייל צו יענער צייט איז די מאשינעריע געווען ניט אזוי ווייט ענטוויקעלט; די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער האט ערסט זיך אנגע־פאנגען צו ענטוויקלען און די יוניאנס, ווען זיי זיינען נור געווען גוט ארגאני־זירט, האבען זיך געקענט מעסטען אין זייער מאכט מיט דעם קאפּיטאל. ווייד־טער, ווייטער, די מאשינעריע האט זיך אלץ מער ענטוויקעלט; די צאל פון די שטענדיגע ליידיגגייער איז געווארען גרעסער און דער יוניאן האט אויפגעהערט צו זיין א קאמפּפמיטעל געגען דאס קאפּיטאל, ווי ער איז אמאל געווען. די בעסטע ראיה איז דאס דער יוניאן האט פארלארען זיין מאכט איז דאס זאגאר דער קאפּיטאליסט, אויך דער איז געווארען א גרויסער פריינד פון יוניאן. דאס איז דער בעסטער סימן, אַז דער יוניאן טויג שוין ניט מעהר. און ווירקליך דער יוניאן האָט נור געקענט זיין געפערליך דאן, ווען אויסער דעם יוניאן האט דער קאפּיטאליסט קיינע ארבייטער ניט גע־קענט קריגען, וועלכע זאלען אים די ארבייט פערטיג מאכען.

ווי איז אבער די זאך יעצט? איינע גאנצע ארמעע פון טויזענדער פון ליידיגגייער ווארטען נור אויף די געלעגענהייט, דאס ארבייטער אין אירגענד וועלכען בראנטש זאלען סטרייקען, אום זיך אריינצוכאַפּען אויף זייער פּלאַץ. איר קענט זאגען עס איז זעהר ניט ארענטליך פון יענע ארבייטער, וואס טוען עס, אבער דער פאקט בלייבט דאך דארום ניט ווייניגער פאקט. בע־דענקט זיך אויך גוט, גייט אריין אויף איין מינוט אין זייער לאגע און איר וועט זיי גאר ניט אזוי פיל פערדאמען; ווער וויים וויפיל טעג זיי האבען געהונגערט, ווער וויים וויפיל צרות, געוויסענסביסע, דיזע לייט זיינען אויס־

געשטאנען איידער זיי האבען זיך ענטשלאסען צו גיין ארבייטען אויף פרעמ־דע פלעצער. די סטרייקערס קענען קיין מאל ניט זאגען מיט זיכערהייט, ווי זיי וואלטען געהאנדעלט, ווען זיי וואלטען געווען די ארבייטסלאזע, די אויס־געהונגערטע; הונגער איז זעהר שלעכט צו לײדען און עס איז קיין וואונדער, ווען דער הונגער בעזיגט, ערשטיקט די שוואכע סאלידאריטעט׳ס־געפילען פון דעם ארבייטער. ווי די זאך איז, אויב זיי זיינען גוטע אדער שלעכטע מענשען, דער יוניאן פערלירט דערווייל זיין מאכט געגען דאס קאפיטאל און פאלגליך הויבט אן דער יוניאן צו צופאלען, דען קיין זאך קען ניט לאנג עקזיסטירען וואס פערלירט זיין צוועק. די ארבייטער דענקען: צו וואס זאלען מיר בע־לאנגען צו א יוניאן, ווען ער קען אונז גאר ניט העלפען?

די אנארכיסטען זעהען עס צו און עס קריינקט זיי זעהר די גאנצע גע־שיכטע; זיי ווייסען דאס עס איז נייטיג פיר דעם ארבייטער צו זיין פער־אייניגט, דאס זאנסט וועט דער ארבייטער גאר אין גאנצען הילפלאז בלייבען; פון דער אנדערער זייט אבער זיינען זיי איבערציייגט, דאס דער גרונד, די פרינציפען, אויף וועלכע דער יוניאן האט זיך אמאל געגרינדעט, האבען שוין זייער צייט אבגעלעבט, און דאס ווען עס וועט אזוי בלייבען, איז דער צערפאל פון די פעראייניגונג אונפערמיידליך. וואס בלייבט אלזא צו טאן די אנארכיסטען? אט וואס זיי טוען: זיי געבען זיך אלע די מיהע די יוניאנס צו רעארגאניזירען; זיי ווילען אין דיזען קערפער א נייע נשמה ארײנבלאזען; אנשטאט די פעראלטעטע פרינציפען גיבען זיי דעם יוניאן נייע, וועלכע זיינען אנגעמעסען די אומשטענדען פון אונזער נייער צייט. וואס זיינען דיזע פרינציפען? אבשאפונג פון פריוואט אייגענטום אום גענצליך בעפרייט צו ווערן, און דאס דער קאפיטאליסט וועט קיין מאל ניט פרידליך אבגעבען זיינע אנגערויבטע רייכטימער, און דאהער מוז מען גע־ברויכען געוואלט, ווען עס איז נייטיג. ווען דער יוניאן וואלט געווען דורכ־געדרונגען פון דיזע פרינציפען, וואלטען זאגאר די קליינע סטרייקס ניט אזוי אפט פערלארען געגאנגען.

אויסער אלעם דעם זיינען די יוניאנס א שלעכטע קאריקאטורע פון דער היינטיגער רעגירונג: עס זיינען דארטען דא קעניגע, מיניסטערס, גענערעלע, סעקרעטערע, וועלכע פירען דעם גאנצען רעדעל. וואס זיי זאגען מוז זיין הייליג; זיי היטען, אז אויסער זייערע אלטע פערמאדערטע אידעען זאלען זיך קיינע ניט ארײנגנב׳ענען אין יוניאן; גאר ניט זעלטען טרעפט זיך, דאס די ארבייטער ווערען פערקויפט פון זייערע פיהרערס. מיט איין ווארט, דער יוניאן איז געווארען פיר פילע שווינדלער א געשמאקער ביסען און אויף אזא אופן איז דער יוניאן, ווי ער איז איצט, א טייטער גליד אין דער ארבייטער בעוועגונג, וועלכע ווערט זעהר פיל געשטערט דאדורך; די אנארכיסטען ווילען דיזעס גליד מאכען צוריק לעבעדיג, אויב עס איז נור מעגליך!

איהר זעט אלזא, ווי מי דארף פערשטיין: „די אנארכיסטען זיינען געגען

יוניאנס". זיי זיינען ניט געגען יוניאנס איבערהויפט, זיי זיינען אבער געגנער פון די יוניאנס, ווי זיי זיינען יעצט; זיי זיינען געגען די קארופציאן, פערקויפליכקייט, וועלכע הערשט מיט אונבאגרענצטער מאכט אין יוניאנס. זיי זיינען געגען די פערשלאסענע טהירען פון יוניאן פיר אירגענד וועלכע פרישע, געזונדע, אידעען, אום די שווינדלער זאלען דארט קענען ווירט־שאפטען, וויפיל זייער הארץ געלוסט. וואס די אנארכיסטען אלזא ווינשען איז, דאס דער יוניאן זאל ערסט אנפאנגען צו לעבען, וואס קען נור גע־שעהען, ווען די ארבייטער וועלען איהם אויסרייניגען פון אלע פסולת און דער גייסט פון יוניאן וועט ווערען אנשטאט א געווערקשאפטליכער, א רע־וואלוציאנערער: דאס אלטע לידעל פון סטרייק זאל אויפהערען און ווען עס זאל שוין אמאל יא ווערן געסטרייקט, זאל עס געוואונען ווערן, מעג עס קאסטען, וואס עס וויל.

כמעט דאסזעלבע איז אויך מיט דעם 8־שטונדיגען ארבייטסטאג. קיין אנארכיסט האט נאך קיין מאל ניט געזאגט אזא אונזין, דאס עס איז בעסער צו ארבייטען 15 שטונדען, ווי 8 שטונדען. דאס צו זאגען דארף ער זיין פשוט א פערריקטער. וואס ער זאגט איז, דאס די ארבייטער וועלען נאך בלוט־ווייניג געווינען דערמיט; שקלאפען וועלען זיי בלייבען זא ווי זא, און זיי דארפען ניט איבער דיזע קלייניגקייט פערגעסען צו טראכטען וועגען דער גענצליכער בעפרייאונג. אויסער דעם קריטיזירט דער אנארכיסט די ארט און ווייזע, ווי אזוי די ארבייטער ווילען בעקומען דעם אכט־שטונדיגען אר־בייטסטאג. די אנארכיסטען וואלטען מיט הערצליכסטען פערגעניגען, מיט פריידען מיטגעווירקט אין דער בעוועגונג, ווי די טשיקאגאער מארטירער האבען עס געטאן, ווען זיי וואלטען געזעהען אלע ארבייטער אויפשטיין, ווי איין מאן, פערלאזען זייערע אסטראגען און מיט שטאלץ און מיט דעם בע־וואוסטזיין פון זייערע גערעכטע פארדערונגען וואלטען זיי געצוואונגען דעם קאפיטאליסט זייער בלוטזייגער, נאכצוגעבען! דאס וואלט געווען ריכטיג געהאנדעלט, ווי (ציל)בעוואוסטע ארבייטער דארפען האנדלען.

וואס איז אבער יעצט? אנשטאט צו פאדערען, בעטלען זיי; זיי פע־טיציאנירען (פראשעניעס שיקען) צו דער רעגירונג, דאס זי זאל אזוי גוט און בארמהערציג זיין, צו מאכען א געזעצליכען אכטשטונדיגען ארבייטסטאג. וועלכע ווירקונג קען אזא געזעץ האבען, וועלען מיר עטוואס ווייטער ער־קלערן, אבער שטעלט זיך פאר וואס פאר א'ן אונזין דאס איז, דאס די אר־בייטער גייען בעטען הילפע ביי דער רעגירונג צום קאמפף מיט'ן קאפיטאל; ווער איז אבער די רעגירונג, איז דאס ניט דיזעלבע קאפיטאליסטען באנדע? האט זי דען שוין טויזענדע מאל ניט בעוויזען דעם ארבייטער, אויף וועמעס זייט זי שטייט, וועמעס אינטערעסען זי פערטרעט? און פאר אזא רעגירונג קריכט מען אויף אלע פיער און מי בעט איר אום הילפע!!

דאס טרויעריגסטע און דאס קאמישסטע פון דער זאכע איז, דאס די פיהרער פון דער זאגענאנטער בעוועגונג רופען זיך נאך רעוואלוציאנערען; פערשטייט איר דעם אונזין פון דעם, דאס רעוואלוציאנערע און רעגירונג גייען האנד אין האנד? קיין גרעסערער אונזין איז נאך אויף דער וועלט ניט געוועזן! אנשטאט רעוואלוציאנערען, האבען זיי זיך בעדארפט רופען אלטע באביצעס, דאס וואלט געוועזן פיל פאסענדער צו זייערע האנדלונגען. ווען זיי וואלטען ווירקליך געוועזן רעוואלוציאנערען, דאס ערסטע, וואס זיי וואלטען בעדארפט טאן, איז צו פערניכטען די רעגירונג.

וואס פערדריסט אבער נאך מער, ווי אלעם איז, דאס דאס גאנצע בעט־לען און שנארען וועט גאר ניט העלפען. לאמיר אננעמען, דאס די רעגירונג האט אזא געזעץ ארויסגעגעבען; נון, איז שוין אלעס געוואונען? מיט ניכטען, עס איז נאך זעהר ווייט דערפון; דען, ערסטענס, קען דיזעס געזעץ נור א ווירקונג האבען אויף בעשטימטע טריידס. לאמיר אנכאפען צום בייַ־שפיל די פעלד ארבייטער: פיר זיי האט דאס געזעץ קיינע וויכטיגקייט; אין די קליינע פעקטארים וועט דיזעס געזעץ אויך ווייניג וואס ווערדע האבען. אלזא דיזעס געזעץ מיינט נור צו בילדען א זאגענאנטע אריסטאקראטיע צווישען די ארבייטער, און די ארבייטער אלס קלאססע זיינען געבליבען אזוי ארעם און עלענד ווי פאר דעם געזעץ. אבער מיינט ניט אז איהר זייט שוין פערטיג; יענער קליינער טייל קריגט נאך אויך ניט אזוי שנעל דאס, וואס מי האט אויסגעבעטעלט און ניט פאר וואס מי האט געקעמפפט. גאנץ איינ־פאך: אויף מארגען, ווען דאס געזעץ איז שוין דא אויף דער וועלט, קומט דער ארבייטער און וויל זיך זעצען צו דער ארבייט. זיין מייסטער קומט צו צו איהם און ערקלערט, אז פון היינט אן וועט ער מעהר ניט ארבייטען, ווי 8 שטונדען טעגליך. דער ארבייטער שטייט אויף און דאנקט איהם פיר זיין גוטהערציגקייט; דער מייסטער אונטערברעכט איהם אין מיטען דאנקען און זאגט איהם: דו פערשפארסט מיר דאנקען: דו וועסט קריגען קליינערע וויידזשעס; דער ארבייטער ווערט אזש צומישט פון דיזער ערקלערונג און ענטפערט: „טו פון וואנען וועל איך לעבען?" — „דאס גייט מיך ניט אן", ענטפערט דער קאפיטאליסט; טו ווי דו פערשטייסט. דעם ארבייטער בלייבט איבער צו טאן איינס פון די צוויי, אדער זיך זעצען און ארבייטען, ווי אין שנים קדמוניות, דאן איז דאס געזעץ פיר די קאץ; אדער ער גייט סטרייקען. אבער ווי באלד סטרייקען מוז ער, טו ווארום האט ער פון אנפאנג אן ניט געסטרייקט? ער וואלט פערשפארט זיך פערדרייען א קאפ מיט דער שופטי־גער רעגירונג, אום עס זאל ניט הייסען, דאס די רעגירונג האט געהאלפען די ארבייטער.

אבער, וועלען אייניגע זאגען, עס איז נאך דא א דריטער אויסוועג און דאס איז „די רעגירונג וועט בעשטימען דעם ארבייטס־פרייז". אויף דעם

ענטפערן מיר, וועט איהר מוזען ווארטען ביז משיח וועט קומען. אין אנדערע ווערטער, עס וועט קיינמאל ניט געשעהען.

מיר בעטייליגען זיך אין קיינע וואהלען (עלעקשיאנס), ווייל מיר וויסען, דאס דער פארלאמענט קען גאר ניט העלפען די ארבייטער, ביז זיי וועלען זיך אליין ניט העלפען; מיר שיקען אויס דיזעם גרונד קיינע ארבייטער קאנדידאטען. די פראקטיס האט אונז געלערענט, אז די וועלכע טרעטען אריין אין פארלאמענט, האטש פריהער זיינען זיי געווען ערליכע מענשען, ווערען זיי דורך דעם פארלאמענט קארומפירט און פערדארבען און די ארבייטער בעוועגונג ליידעט דאדורך.

וואס איז אלזא די טאקטיק פון די אנארכיסטען? — שטייענדיג אויף דעם באדען פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזמוס, קענען זיי זיך מיט קיינע רעפארמען בעשעפטיגען; דער וויסענשאפטליכער סאציאליזמוס האט איין מאל פאר אלע מאל פעסטגעשטעלט איין א י י ז ע ר נ ע ם לוינגעזעץ, דאס זא לאנג די קאפיטאליסטישע סיסטעם וועט עקזיסטירען, וועט דעם ארבייטערס לוין קיינמאל ניט זיין מעהר, וויפיל עס איז נייטיג צו זיין לעבענס־אונטערהאלט; דיזעס געזעץ איז פיל שטארקער, ווי אלע אנדערע געזעצע; עס איז א א י י ז ע ר נ ע ס. דארום זאגען די אנארכיסטען, דאס אין די גרענצען פון דער היינטיגער סיסטעם איז קיין רעפארם ניט גוט, אום צו העלפען דער ארבייטער־קלאססע אלס קלאססע. דאס קען נור געשעהען מיט דער אבשאפונג פון קלאססענהערשאפט, מיט דער פערניכטונג פון פריוואט אייגענטום, מיט דער ערביישאפונג פון דער סאציאלער רעוואלוציאן.

צו איהר און נור צו איהר דארפען זיך ריכטען אלע שטרעבונגען פון א׳ן ארבייטער פריינד, אלעס אנדערע מוז ביי אים זיין א נעבענזאך; וואו ער זאל גיין, שטיין, איבעראל דארף ער פרעדיגען דעם האסס צו דער היינטיגער סיסטעם און ווירקען פיר איהרע פערניכטונג.

„אבער", זאגט מען, „צו דער סאציאלער רעוואלוציאן איז דאך נאך וויים, וואס טוט מען דערווייל?"

עס איז א גאנץ פאלשע מיינונג פון אנהויב ביז סוף: אזוי גוט ווי איך קען ניט בעהויפטען, אז די רעוואלוציאן וועט זיין מארגען, ווייל איך בין קיין נביא, אזוי קען דער אנדערער אויך ניט זאגען, אז עס וועט זיין אין 10—20—30 יאהר; דער פאקט איז, דאס מיר אלע פיהלען, דאס מיר זיינען אויף דעם שוועל פון דער רעוואלוציאן, און מיר קענען גאר ניט וויסען, ווען זי וועט אנקומען. זאל זי אנקומען פלוצלונג פיר אונזערע פיינדע, אבער זאל זי אונז געפינען בערייט, ווארטענדיג אויף איהר. מיר זיינען איבערצייגט, דאס ווען דיזע גאנצע ענערגיע, וועלכע ווערט ארויסגעווארפען אומזיסט אויף פעטיציאנען און כדומה, וואס דאס איז אן ארבייט ווי שעפפען וואסער אין א זיפ, וואלט אנגעווענדעט געווארען אויף רעוואלוציאנערע פראפאגאנדא, ווער וויים אויב מיר וואלטען שוין ניט געהאט די רעוואלוציאן הינטער זיך,

אויב מיר וואלטען שוין ניט גענאסען די פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־ליכקייט, פון וועלכע מירריידען נור יעצט. דען לאמיר אייך זאגען: די רע־וואלוציאן ווערט ניט געמאכט פון געטער, נור פון מענשען, און ווען די אלע, וועלכע בעשעפטיגען זיך יעצט מיט טראגען וואסער אין זיפ, וואלטען געווען ערנסטע רעוואלוציאנערען, וואלטען מיר געקענט זעהר שנעל בעפרייט ווערען פון אונזערע צרות!

דאס זיינען די פרינציפען פון די אנארכיסטען; יעדער טאג ברייננגט נייע קעמפפער אין אונזערע רייהען. ציטערען מעגען די טיראנען און די בלוטזויגערס, ווען אונזערע ארבייט וועט אזוי נאך א קורצע צייט ווייטער געטריבען ווערען, דאן איז א ענדע צו דיזעם עלענד און א צייט פון גליק און צופרידענהייט וועט אנפאנגען צו הערשען אין דער גאנצער וועלט.

ע נ ד ע

ביילאַגע נומ. 3

פרייהייטל.-סאָציאַליסטישע לעקציע פון וויליאַם מאָריס

געהאַלטן אין לאָנדאָן, אין 1887, אויף דער טעמע „די פּאָליטיק פון צוריקהאַלטן זיך"

(פאַרקירצט)

גלייך אין אָנהייב פון זיין לעקציע שטעלט זיך וויליאַם מאָריס אויפן שטאַנדפּונקט, וועלכער קען אָנגערופן ווערן „פרייהייטלעכער קאָמוניזם", און אָט ווי זיין ארגומענטאַציע גייט:

די אָפּשאַפונג פון דעם פּריוואַט-אייגנטום (אָדער דאָס איבערגעבן דעם גאַנצן אייגנטום אויף אַלע זאַכן אין די הענט פון שטאַט) איז נאָך ניט דער אמתער ציל פון סאָציאַליזם. דער ציל איז סאָציאַלע גלייכהייט. די פּראָדוקציע פון סחורות און די דינסט-לייסטונגען אין אַ (גערעכטער) געזעלשאַפט קענען ניט געמאָלט זיין אַנדערש ווי נאָר אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון באַזיס. דעריבער קען מען טאַקע ניט, אויב אַפילו איר וואָלט עס געוואָלט, אָפּטיילן די מעשים פון אַ יחיד וואָס מיר וועלן אים באַצייכענען אַלס יחיד „אַלף" פון די מעשים פון אַ צווייטן — דעם „בית"; און אַז איר וואָלט דאָס שוין יאָ געקענט טאָן, זעען מיר ניט קיין גרונט צו געבן אַ העכערן לעבנס-סטאַנדאַרד דעם יחיד א. מחמת ער קען אויסאַרבעטן מערער ווי דער יחיד ב. און אָט פאַרוואָס: אויב די געזעלשאַפט זאָל טאַקע דינען דעם יחיד ב., מוז זי אים באַשיצן קעגן דער טיראַניי פון דער נאַטור; און אויב אַנשטאָט אים, דעם יחיד ב., צו באַשיצן, באַשטראָפט זי אים גאָר, פאַר ניט זיין געבוירן מיט די זעלביקע מוסקול-פעאיקייטן ווי דער יחיד א. — טאָ באַגייט דאַן די געזעלשאַפט אַ פאַרראַט לגבי דעם יחיד ב.; און, במילא וועט אַזאַ מענטש, אויב ער האָט אין זיך אַ גייסט, מוזן רעבעלירן קעגן דער עוולה.

„מיר קאָמוניסטן זאָגן דעריבער, פירט אויס מאָריס, אַז ס'איז אוממעגלעך צו האַלטן אַן אמתע פּראָפּאָרציע צווישן דעם לוין און דער אַרבעט. און ווען איר זאָלט קענען דאָס טאָן, וואָלט געווען נויטיק דורך צדקה גוטצומאַכן דעם אומיושר פון די שטאַרקע לגבי די שוואַכע, ד.ה. אַז נייע געזעצן מכוח הילף פאַר די אָרעמעלייט וואָלטן נויטיק געווען. מיר האַלטן, אַז די ריכטיקע אויסנוצונג פון יעדנס ענערגיעס פאָרן וואוילזיין פון אַלעמען, און די מאָס פון פערזענלעכן באַדאַרף, זיינען דער איינציקער באַזיס פאַר באַזיצטום. און אָט אַזאַ אייגנטום-רעכט איז די איינציקע גאַראַנטיע קעגן דער באַשאַפונג פון

פרישע (קאָלעקטיווע) פּריווילעגיעס, וואָס וועלן דאַרפן בטל געמאַכט ווערן, פּונקט ווי די אַלטע פּריווילעגיעס".

דאַן ציט מאָריס אַ גרענעץ־שטריך צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, ווי פאָלגט: די סאָציאַליסטן גלויבן אין דער נויטיקייט פון אַ צענטראַלער אַלמעכטיקער רעגירונג, אַ רעפאָרמירטע אויסגאַבע פון דער איצט עקזיס־טירנדיקער מלוכה־רעגירונג; בעת די קאָמוניסטן, הגם זיי ווייסן נאָך אפשר ניט קלאָר וואָס ס'וועט קומען אַנשטאָט דער מלוכה־רעגירונג, וואָלטן דאָך וועלן, אַז ווען די געוואוינהייט פון סאָציאַלן לעבנס־שטייגער וועט שוין ווערן איינגעוואָרצלט, זאָל לחלוטין ניט נויטיק זיין, און ניט גערולדעט ווערן, קיין מין אויטאָריטערע צענטראַלע רעגירונג.

דאָ קומט מאָריס צום פּראַקטישן חילוק, צום גרונט־אונטערשייד, צווישן סאָציאַליסטן און פרייהייטלעכע קאָמוניסטן, ווי ער זעט עס. די סאָציאַליסטן, מיינט ער, ווילן פּועלן ביים פּאַרלאַמענט צו מאַכן געזעצן לטובת די אַרבע־טער, זיי ווילן ביסלעכווייז פאַרוואַנדלען דעם איצטיקן פּאַרלאַמענט, וואָס איז נאָר אַן אינסטרומענט אין די הענט פון די וואָס האָבן מאָנאָפּאָליזירט די פּראָדוקציע־מיטלען — ווילן פאַרוואַנדלען אים אין אַ קערפּערשאַפט וואָס וועט אָפּשאַפן מאָנאָפּאָליעס און וועט איינפירן אין דער געזעלשאַפט די סיסטעם פון פרייער אַרבעט.

קעגן אַ פּאָליסי פון פּאַרלאַמענטאַרער אַקציע שטעלט וו. מאָריס אַרויס זיין פּלאַן, אָדער „פּאָליסי פון צוריקהאַלטונג" (אַבסטענשאָן), און אָט וואָס ער מיינט דערמיט.

ראשית־כל, מוז מען אויפקלערן די אַרבעטער, ווייזנדיק זיי, אַז כל־זמן מאָנאָפּאָליע עקזיסטירט, וועלן זיי, די אַרבעטער, קענען עקזיסטירן ניט אַנ־דערש ווי נאָר אַלס די שקלאַפן פון מאָנאָפּאָליע. און אויך ווען די שכירות וועלן אפילו צען מאָל גרעסער זיין, וועלן די אַרבעטער נאָך אַלץ בלייבן לוין־קנעכט ביי די מאָנאָפּאָליסטן פון באַזיץ און ביי די באַהערשער פון די פּאַר־לאַמענטן. די באַוווּסטע באַפעלקערונג, שיקנדיק אירע דעפּוטאַטן אין פּאַר־לאַמענט, ווי „גלייכע" מיט די מאָנאָפּאָליסטן־עקספּלואַטאַטאָרן, גיט איר צו־שטימונג און מאָראַלישע אינדאָרסירונג, אַזוי צו זאָגן, צו דער סיסטעם פון אַן אויטאָריטערן מאָנאָפּאָל, וואָס איז דער פאַקטישער יסוד פון דער גאַנצער היינטיקער געזעלשאַפט־סיסטעם, און וואָס איז דער פולסטער היפּוך פון פרייער אַרבעט, אַלס באַזיס פון אַ נייער, גערעכטער סאָציאַלער סיסטעם אין דעם גייסט פון קאָמוניזם, אָדער פולן סאָציאַליזם.

איז דעריבער די ערשטע אויפגאַבע פון אַלע קעמפער פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג, מיינט מאָריס, צו פּרעדיקן דעם סאָציאַליזם צווישן מער אַר־בעטסלייט און פאָלקס־מענטשן, מאַכן זיי באַוואוסטזיניק, גייסטיק גרייט

אויפצונעמען די יסודות פון דער נייער לערע מכוח דעם לעבן פון פאָלק, לויט די באַגריפן פון אמת, יושר און מענטשלעכקייט.

אָבער אויך וועגן פּראַקטישע מעשים רעדט מאָרים אין שייכות מיט זיין טעאָרעטישן קוק אויף דער אַלטער און נייער סיסטעם. ער האָפט, אַז באַוואוסטזיניקע אַרבעטער קענען זייער פיל אויפטאָן דורך דעם באָיקאָט פון די שטאַט־אינסטיטוציעס, קודם־כל פון פּאַרלאַמענט, וואָס זיינען ניט קיין אַנדער זאַך ווי טרעגער פון דער הערשאַפט פון פּריווילעגירטן, עקספּלואַטירנדיקן קלאַס. פאַרקערט, זייער פיל נוצן קענען און דאַרפן ברענגען די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער־קלאַס, פון די פאָלקס־מאַסן גופא. אָבער די טרייד יוניאָנס זיינען בלויז אַ מין „בענעפיט סאָסייעטי" פון די לוין־אַרבעטער, און די יוניאָנס קענען אַלס אינסטיטוציעס גאָר ווייניק העלפן אין דעם אמתן סאָציאַלן באַפרייאונגס־קאַמף פון די אַרבעטער. עס איז כדאי דאָ צו ברענגען די צענטראַלסטע שטעלע אין מאָריסעס לעקציע אין אַ ווערטלעכער איבערזעצונג:

„אויב אונדזערע אייגענע מענטשן זיינען אַ טייל פון פּאַרלאַמענט, פון דעם אינסטרומענט פון דעם שונא, דאַן העלפן מיר זיי דאָך מאַכן גראָד די געזעצן, וואָס מיר אַליין וועלן נישט וועלן אויספאָלגן. טאָ וואו בלייבט דעמאָלט דער שונא? וואָס קענען מיר שוין טאָן אים צו אַטאַקירן? — וועט איר אפשר זאָגן, אַז דער שונא איז אַ פּרינציפּ. אמת, אָבער דער פּרינציפּ מוז דאָך האָבן אויך אַ קערפּער. און ווי אַזוי קען ער זיין בעסער פאַרקערפּערט ווי אין אַט־דער פאַרזאַמלונג פון דעלעגאַטן פון די מאָנאָפּאָליסטישע אייגנטימער, וואָס זוכן אומעטום צו באַשיצן מאָנאָפּאָליע? פרעג איך: זאָלן מיר טאַקע פאַרלייכטערן די שוועריקייטן פון די מאָנאָפּאָליסטן, דורך אַ כלומרשטער קאָנצעסיע וואָס זיי וועלן מאַכן לטובת די אַרבעטער־קלאַסן? צי זאָלן מיר גאָר ווערן גוטע פריינט מיט די אַזוי־גערופענע מעסיקע (פּונקט ווי ס'וואָלט געקענט געמאָלט זיין מעסיקייט אין שייכות צו מאָנאָפּאָל)!? עס איז לחלוטין אוממעגלעך עפּעס אַן אַנדער זאַך חוץ צו זיין פאַר אָדער קעגן מאָנאָפּאָליזם! בקיצור: מען קען ניט זיין גלייכציייטיק אי די פּשרה־גרייטע צעמישטע מאַסע פון „פאָלקס־פּאַרטרעטער", אי דער „רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד", די אַקטיווסטע און פּראַקטישסטע פאַרטרעטער פון די פאָלקס־מאַסן."

פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטערשאַפט פון די אַרבעטער, מיינט מאָרים, וועלן נאָר די רעאַקציאָנערן געווינען, אָבער ניט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק. ער האָט דערבײַ פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַ צענטראַלע פאַרטרעטערשאַפט פון די אַרבעטער מחוץ דעם פּאַרלאַמענט — אַ מין „אַרבעטער־פּאַרלאַמענט", און זיינע דעקרעטן זאָלן פון די אַרבעטער (פרייוויליק) אויסגע־

פירט ווערן, אָבער ניט די באַפעלן פון דעם „וועסטמינסטער קאָמיטעט" (אַפּי־ציעלער פּראַלאַמענט).

פּעסט געגלויבט האָט וויליאַם מאָריס, אַז דער צוזאַמענברוך פון דער מאָנאָפּאָליסטישער סיסטעם קומט אָן, און דאָס לעבן גופא וועט די אַרבעטער לערנען זיך צוהערן צו די וואָס פאַרשפּרייטן די פּרינציפּן און די מעטאָדן פון אַזא פולן און פרייען סאָציאַליזם. במילא וועט די אַרבעטערשאַפט, אונטער דער פירונג פון אַן אַרבעטער־פּאַרלאַמענט, זיך קאָנסטיטואירן ווי די געזעל־שאַפט פון פּראָדוצירער — די דירעקטע אָפּאָזיציע צו דער געזעלשאַפט פון עקספּלואַטאַטאָרס, וועלכע וועט זיין פאַרטראָטן דווקא דורך דער (אַלטער) „קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג" מיט אירע געזעצן, באַזירט אויף ברוטאַלער מאַכט, אויפן אויטאָריטערן אייגנטום־קאָנטראָל און מאָנאָפּאָל.

קיין שום ממשותידקן נוצן פון דער אַרבעט פון די סאָציאַליסטן אין די פּאַרלאַמענטן האָט מאָריס לחלוטין ניט דערוואַרט, און האָט דערין ניט גע־גלויבט. אין בעסטן פאַל וועט עס נאָר דערפירן צו אַזא מצב: די רעאַקציאָנערן וועלן אויסברייטערן דעם באַזיס פון זייערע מאָנאָפּאָל, און וועלן באַשאַפן אַ נייעם מיטלקלאַס אונטער דעם וואָס עקזיסטירט שוין איצט, און ס'וועט בלויז אָפּגעצויגן ווערן דער טאָג פון דעם גרויסן (געזעלשאַפטלעכן) איבער־בייט. און בעת מ'וועט שוין דערזען, אַז די פּאַרלאַמענטאַרישע אַקציע האָט בלויז געפירט צו אַ מפּלה, וועט מען מוזן אָנהייבן פון אָנפאַנג אָן. וועלן ווידער צוויי באַוואוסטזיניקע מחנות געשטעלט ווערן איינע קעגן דער צווייטער — די מאָנאָפּאָליסטן פון איין זייט און די שקלאַפן פון מאָנאָפּאָל, די לוין־קנעכט, פון דער צווייטער זייט.

אָבער שטעלט זיך פאָר, זאָגט מאָריס, אַז די פּאַרלאַמענט־סאָציאַליסטן זיגן פאָרט, און מיט זייערע פילפאַכע רעפאָרמען מאַכן זיי שוין איבער, דורך אַ רעוואָלוציאָנערן קריזיס, די סאָציאַלע סיסטעם. טאָ וואָלטן זיך ערשט דעמאָלט זייערע אַלע שוועריקייטן אָנגעהויבן אויף אַן אמת. זיי וואָלטן גע־מוזט רעגירן איבערן פאָלק, וואָס איז אַזוי גוט ווי פאַרנאַרט געוואָרן אין סאָציאַליזם אריין, און האָט אים ניט אָנגענומען וויסנדיק וואָס און ווען, מיטן פולן באַוואוסטזיין, אַזוי צו זאָגן. די מאַסן, מיט איין וואָרט, וואָלטן נאָך ניט געווען צוגעגרייט צום סאָציאַליזם, וואָלטן ניט געוואוסט פון די געוואוינהייטן און פירונגען פון סאָציאַלן לעבן, אָן וועלכע יעדער סאָציאַליס־טישער פּלאַן איז געגליכן צו מילשטיינער אָן אַ טרייב־קראַפט. אַזא דערפאָלג וואָלט נאָר געפירט צו אַ קאָנטר־רעוואָלוציע, ווייל דורך רויער מאַכט וואָלטן די סאָציאַליסטן איצט געדאַרפט דערשטיקן יענע גראָבע אומוויסנקייט, וועל־בע מ'האָט פריער ניט געזוכט צו באַזייטיקן (דורך ריכטיקער פּראָפּאַגאַנדע), ד.ה. מיט דער הילף פון מיליטאַנטישן, ענערגישן קאַמף דורך אויפקלערונג

פון די ברייטסטע מאַסן וועגן דעם פרייען, סאָציאַליסטישן צוזאַמענלעבן. דאָס מיינט, אַז אָן אַ צוגרייטונג, אָן דערציאונג, פון די מאַסן צום סאָציאַליזם, וועט דער פּאַרלאַמענטאַריש־דעראָבערטער סאָציאַליזם קיין שום ממשות ניט האָבן, וועט קיין גליק און פרייהייט פאַר דער מענטשהייט ניט ברענגען.

(פאַרגלייכן אָט־דעם רעפעראַט וועגן „פרייהייטלעכן קאָמוניזם“ מיט די שטעלן פון דר. פראַנקס אַרטיקל (זז. XLIV - XLV) און ש. יאַנאָווסקיס זכרונות, וואו עס ווערט באַהאַנדלט ווילִיאַם מאָריסעס השפעה אויפן יונגן ש. יאַנאָווסקי.)

בײלאַגע נומ. 4

די ערשטע צוואַנציק יאָר „פרײַע אַרבעטער שטימע"

ביבליאָגראַפֿישע אינהאַלט־רשימה
פֿון ש. יאַנאָווסקיס זכרונות־אַרטיקלען
אין דער „פר. אַרב. שט." (1928־1929)

1) אָנקום פֿון לאָנדאָן. — ערשטער אויפֿטריט קעגן דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטײ אין ניו יאָרק. — 26 אָקטאָבער, 1928.

2) דערשײַנונג פֿון אַנאַרכיסטישן זשורנאַל די „פֿרײַע געזעלשאַפֿט" — געבורט פֿון דער „פר. אַרב. שט.". — נאָוועמבער 2, 1928.

3) צרות פֿון מענעדזשערס. — די „פֿרײַע געזעלשאַפֿט" דערשײַנט צום צווייטן מאָל. — מעשה בערקמאַן. — נאָוועמבער 9, 1928.

4) אַ שײנער אָבער ניט געלונגענער אויפֿטו. — די ניט זײער שײנע ראָלע פֿון דאַמאָלסטיקן „פֿאָרווערטס". — נאָוועמבער 16, 1928.

5) צושטאַנד פֿון דער באַוועגונג אין אַלגעמײן צו יענער צײַט. — פֿון דרײַ סענט אויף אַ סענט. — שיער, שיער אויס רעדאַקטאָר. — איך קריג צו נײַע מיטגלידער. — נאָוועמבער 23, 1928.

6) די מאַקינלי אַפֿער. — נאָוועמבער 30, 1928.

7) אַלע צוזאַמען. — דעליאַנס אַטאַקע אויף קראָפּאָטקינען. — די גוטע זײַט פֿון מאַקינלי צרה. — דעצעמבער 7, 1928.

8) נײַע קעגנער. — אונדזער טעטיקײטס־פֿעלד ווערט גרעסער. — דעצעמבער 14, 1928.

9) די „יהודים" און זײער קאַמף קעגן דעם סאָציאַליזם. — יצחק אײַזיק בן אריה צבי הלוי. — דעצעמבער 21, 1928.

10) וואָלטערין דע קלער. — דעצעמבער 28, 1928.

11) מ. שמואלזאָן. — מײַן שטעלונג אַלס ריכטער אויף וואָס כ'האָב שטאַרק חרטה. — דער קישענעווער פּאָגראָם. — יאַנואַר 4, 1929.

12) די „פּ.אַ.ש." ענדערט איר פֿאָרם, אין איר אינהאַלט בלײַבט זי דיזעלבע. — איך ווער אַ ביזנעסמאַן. — אונדזערע יום־כּיפּור מיטינגען. — יאַנואַר 11, 1929.

13) עצה פון א פריינדלעכן שונא. — א גלעזל טיי אין שלומס רעסטאָראַנט. — פאַרשיידענע קוואַלן פון חיונה פאַר דער „פ.א.ש.". — יאַנואַר 18, 1929.

14) דזשאָן טוירנערס לעקטשור־טור אין אַמעריקע א גוטע טעסט־קעיס פאַר דעם אַנטי־אַנאַרכיסטן־געזעץ. — צוויי סטרייקס אין וועלכע די „פ.א.ש." איז געווען שטאַרק באַטייליקט. — מיין שטעלונג צום טעאַטער און צום אַלגעמיינעם קולטורעלן לעבן אויף דער יידישער גאַס. — יאַנואַר 25, 1929.

15) אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן דעם יידישן טעאַטער. — פעברואַר 1, 1929.

16) די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די „פ.א.ש.". — פעברואַר 8, 1929.

17) די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די „פ.א.ש.". — די שלוחים פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין אַמעריקע. — מיר באַשליסן אַרויסצוגעבן א טעגלעכע „פ.א.ש.". — פעברואַר 15, 1929.

18) מיר באַשליסן אַרויסצוגעבן א טעגלעכע „פ.א.ש.". — וואָרום די „אָוונט צייטונג" האָט געמוזט אונטערגיין. — פעברואַר 22, 1929.

19) וואָרום די „אָוונט צייטונג" האָט געמוזט אונטערגיין. — די בראַנדעס אַפעיר. — מערץ 1, 1929.

20) איך און (יעקב) גאָרדין שליסן שלום אויף יצחק־אייזיקס אַפשיד־באַנקעט. — אונדזער שטעלונג צו דער אי־דאָבעליור־ראַבעליו. — מאַרץ 8, 1929.

21) נייע מיטאַרבעטער אין דער „פ.א.ש." — מיין שטעלונג צו דער יידישער פרעסע. — מערץ 15, 1929.

22) נייע אַנאַרכיסטן־פאַרפאַלגונגען. — די גרויסע אַרבעט פון דער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע. — מערץ 22, 1929.

23) די גרויסע אַרבעט פון דער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע. — איך ווער א פריינט פון „פאָרווערטס". — מערץ 29, 1929.

24) איך הייב זיך אָן ווייזן אויף דער גרויסער בריטער וועלט. — אַלערליי אינטערעסאַנטע קליינקייטן. — אַפריל 5, 1929.

25) אַלערליי אינטערעסאַנטע קליינקייטן. — מיר שטעלן אָפּ אונדזערע יום־כיפור פאַרזאַמלונגען. — אַפריל 12, 1929.

26) אַלערליי אינטערעסאַנטע קליינקייטן. מיין אַרויסטריט קעגן דר. זשיטלאָווסקי. — צווישן צוויי פייערן. — אַפריל 19, 1929.

27) צווישן צוויי פייערן. — דער צען־יאריקער יובילײ פון דער „פ.א.ש.“.— די דערשיינונג פון אונדזער מאנאטלעכן זשורנאל „די „פרייע גע־זעלשאפט“. — אפריל 26, 1929.

28) וואס איך האב צו זאגן אין מיין פארטיידיקונג קעגן מיינע קריטיקער. אן ענטפער אויף פראטעסט־בריוו פון עמא גאלדמאן, אלעקסאנדער בערקמאן און דר. י. א. מעריסאן אין דער „פר. ארב. שט.“, אפריל 26, 1929) — מאי 3, 1929.

29) „די פרייע געזעלשאפט“ (אונדזער מאנאטלעכער זשורנאל). — אינהאלט און אויפגאבע פון דער „פרייער געזעלשאפט“. — מאי 3, 1929.

30) די „פרייע געזעלשאפט“ קלובס. — מאי 31, 1929.

31) שלום פון ארטיקל נומ. 30. — יוני 7, 1929.

32) אן אזעוו אין ניו יארק. — דער ערשטער ליידים וועיסט מעיקערס סטרייק און דער קאמף פון דער „פ.א.ש.“ פאר ערלעכקייט אין דער יוניאן. — יוני 14, 1929.

33) די מאקנאמארא אפעיר. — יוני 21, 1929.

34) א נייע אפאזיציע. — די „פ.א.ש.“ ווערט געזעצלעך אינקארפארירט. — יוני 28, 1929.

35) רעוואלוציע אין מעקסיקא. — דער וועבער סטרייק אין לארענס און אנ־דערע פאסירונגען. — יולי 5, 1929.

36) ווייטערע געראטענע און אומגעראטענע אונטערנעמונגען. — יולי 12, 1929.

אין נומער פון 12טן יולי 1929 ווערט אפגעדרוקט א רעדאקציאנעלע דערקלערונג וועגן אפשטעלן די סעריע פון ש. יאנאווסקים ארטיקלען.

צעטל

פון פערזענלעכע נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אין די זכרונות פון ש. יאַנאָווסקי

אַנגלסבי (גאָווערנאָר) 99, 100
אַדלער (ראַביי) 188
איבסען ה. 230
אייגעל 137, 191
אַלטגעלד (גאָווערנאָר) 96, 100, 102
אַלעיניקאָוו 60
אַשער 64

באַבאָר 174, 187
באָוושאָווער 174, 187
באַנדעס 79
באַקל, ט. ה. 32
באַראַנאָוו, מ. 136, 147, 149, 170, 189, 197, 213, 224
באַראַנדעס 219
בוירנס, דזש. 223, 224
בונד 187
ביאַליק, ח. נ. 14
בלאָך, פייוול (ביאַליסטאָק) 29
בעבעל, א. 164
בערג 68
בעקער, לודוויג 17
בערקמאַן, אַלעקס. 173, 204-206, 229
ברעגסאָן (פילאַדעלפיע) 219
ברעסלאַוו, מים 111
ברעסלאַווסקי, דר. 111

גאָלאָפּ, קאָנסטאַנטין 132, 136, 137, 140, 147, 169, 177
גאָלדבלאַט 187
גאָלדמאַן, עמאַ 204
גאָלדסמיט, מאַריע 216
(זעז אויך קארן-גאָלדסמיט)
גאָלדשטיין, דוד 84
גאָרדאָן, סיימאָן 75, 77, 105
גאָרדאָן-קראַנץ, יעווא 214
גאַרדיאַן, ב. 219
גאָרדין, יעקב 3, 4
גיליאַראָוו 222
גירזשדאַנסקי, מ. דר. 79, 80, 105, 109
געלער 228

דאַרלינג 212
דובראָווסקי, דר. 19
דזשאָרדזש, הענרי 67, 101
דע־קלעיר, וואָלטערין 101

האַנרי, עמיל 209, 233
האַסלמאַן 107
הוגאָ, וויקטאָר 219
הויפּטמאַן, ג. 230
הורוויטש, יצחק אייזיק 222
הילקאָוויטש (הילקוויט) מ. 127, 128, 167

וואַיאַן 209, 233
וואָלאָזשינסקי 220
ווײַלד, אָסקאַר 99
וויינבערג, מ. (לאָנדאָן) 137, 143
וויינשטיין, ב. 61
ווילסאָן, מרס. 180
ווינטשעווסקי, מאָריס 83, 112, 136, 141, 144, 147, 149, 197
וועלער-יאַנאָווסקי ליזאַ 26
(זעז אויך: יאַנאָווסקי, ליזאַ)
וועסס, ווילם. 133, 134, 136, 148, 153

זאָלאַ, עמיל 230
זאָלאָטאַראָוו, הלל 85, 86, 107, 109, 113-115, 118, 120, 176
זאָלצבערג 84, 85

זאמעטקין, מ. 60
זאקס (רעסטאראן) 118
זיילין (באפאלא) 187
זילבערמאן (פאריז) 214
זינגער, פאול 163
זעליג (ניו יארק) 50, 53, 73
זעליקאוויטש, פראפ. 112, 116, 117

טאנענבוים, א. 70, 218
טוירנער, דזש. 208
טוניק 116
טראפ, דר. ה. 46, 49
טשאיקאווסקי, ניק. 223-227
טשערטאוו 137, 188, 231

יאנאס, אלעקס. 59, 79, 83, 106
יאנאווסקי, ארטשע 13, 67, 176
יאנאווסקי, יעקב־צבי 13-17, 33
יאנאווסקי, ליזא 26, 35, 127, 129, 131, 211
יאנאווסקי, מ. 219
יאפע, י. 70, 83, 114
יונגמאן 228
יעווזעראוו, מיס 78

כאזאנאוויטש, י. דר. 37

לאסאל, פערד. 26
ליבערמאן („פרייע וועלט") 131, 136, 144, 147
ליבקנעכט, ווילם. 164
ליזבאש 139
ליוביטש 60
ליובעל-ליובערט 48, 50, 51, 54, 56, 59, 73
לייאנס, לואיס 151-155
לינג 99, 100
ליפשיץ (פאריז) 214
לאָיס, ר. 78, 83, 84, 86, 95, 104, 109, 113, 114, 115, 175
לוריע, משה (פינסק) 15
לענאט, ט. 196

מאוברי, טש. 185, 186, 207
מאלאטעסטא 178

מאנטעגיו, סעמיועל 188
מאסט, יאהאן 81, 91-95, 103, 109, 135, 204, 205
מארים, ווילם. 181-184, 186
מארקס, קארל 87
מארקס-עוועלינג, עלעאנאר 134
מילכיגער (זעצער) 114
מיללער, לואי 60, 78-81, 83, 127, 129, 136
מינדלין, 78, 127, 128
מינץ, מאזעס 111
מירטאוו (לאווראוו) פ. 28
מישעל, לואיזע 221
מעריסאן, י. א. דר. 120, 125
מערלינא, ס. 161, 205

ניבע 99, 100
ניוועגהויז, ד. 165
ניקאל, דעיוויד 184, 185, 202
נעטער 87-89

סאסנאוויטש (ביאליסטאק) 31
סאפירשטיין, יעקב 70
סטאלעשינקאוו 167

עדעלשטאט, דוד 118, 174, 176, 187, 192-195
ענגעל 99, 100

פארסאנס 82, 92, 97, 100
פינקוס 137, 188
פלאטאווסקי 50
פענטענקאסט, ה. א. 67, 101, 108
פערמוט, ס. 137, 144, 167, 191
פערנאוויץ, י. ש. 218
פרענער 117

פייגנבוים, ב. 136, 137, 141, 197-200
פילדען, 99, 100
פין, י. 137, 144, 146, 188
פישער, 99, 100
פלאטא 56-58
פראנש, 233
פרידנטאל 133, 187

פריידקין (ביאַליסטאָק) 36
פרימאַן, סיימאָן 139, 143, 146, 148, 171, 219
פריק, 206, 229

קאַהאַן, אַב. 60, 127, 128, 159, 166-169, 201, 225
קאַהאַן, מיכאל 171, 187
קאַהאַן, סיימאָן 137, 139
קאַהאַן־נעטער, ענן 88
קאַזוריאַ, ס. 233
קאַטץ, משה 114, 235
קאַמענעצער מגיד 188
קאַנטראָוויטש, ז. 7
קאַפּעלאָוו, א. 78, 127, 194, 219
קאַפּעלאָוו, מרס. 79
קאַפּעלאַנסקי, הערי 137, 143, 145, 148, 165, 169
קולאַן 177-179
קאָרן־גאָלדסמיט, מ. 218
קראַנץ, פיליפּ 83, 112, 128, 136, 138, 160, 169
קראָפּאָטקין, פּ. 82, 172, 178-180, 187, 205, 207-210, 217, 221

ראָדינסאָן (פּאַריז) 214, 216
ראַוואַשאָל 173, 180, 202
ראָווינסקי, דר. 117
ראָזענבלום 174, 187
ראָזענבערג (לאָנדאָן) 155
ראָזענפעלד, מאריס 118, 119, 177
ראָזענסאָן (זעצער) 114
ראַטנער 60
ראַיעווסקי, דר. 73
רודאַשעווסקי 84
רודערמאַן, ב. 131, 137, 143, 145
רוטענבערג 125, 126, 129, 131, 137, 143, 146, 168

שאָר 22
שאַראַזאַן 112
שור 116, 118
שוואַב 99, 100
שטיינבערג (לאָנדאָן) 195
שייקאָוויטש 70
שנאַבעלד 97
שעווטשיק (רעווערענד) 188
שעוויטש, ס. 59, 79
שפּיז 82, 92, 100, 102

א. פרומקין

אין פרילינג פון אידישן סאָציאַליזם

זכרונות פון אַ זשורנאַליסט

פון אַלט־ירושלים ציט זיך דער וועג קיין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע. אַ פרום־דערצויגענער בחור, וואָס לעכצט נאָך פרייהייט און בילדונג, לאָזט זיך אַרויס אין דער גרויסער וועלט. ער קומט קיין לאָנדאָן אין סאַמע „פרילינג פון אידישן סאָציאַליזם", — אין די ערשטע יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער ווערט טעטיק און באַוועגט זיך אין אַ קרייז פון איבערגעגעבענע קעמפער פאַר אינדיווידועלער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

יענע טעג פון ריינעם אידעאַליזם און מוסטערהאַפטער אָפּפערווילִיקייט שפּיגלען זיך אָפּ אין אָט־די „זכרונות פון אַ זשורנאַליסט". פון זיי זיינען געשעפּט די אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, בילדער און טיפּן, וואָס געפינען זיך אין דעם דאָזיקן באַנד. דאָס זיינען ניט בלויז ערינערונגען, נאָר אויך אַ בלעטל געשיכטע פון אַ שיינעם ליכטיקן אַמאָל.

צוזאַמען מיטן איצטיקן באַנד פון ש. יאַנאָווסקיס מעמוארן, גיט דאָס וואונדערלעך שיינע ווערק פון אברהם פרומקין (1873־1940) אַ לעבעדיקן און פולן בילד פון די ערשטע יאָרן פון דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך (פּאַריז), בעת זייער פרילינג־צייט — סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט.

אַ בוך פון 304 זייטן, פּרעכטיק אַרויסגעגעבן
מיט אַ סך פּאָרטרעטן און בילדער.

פּרייז $3.00 (מיט פּאָסטעדזש)

צו באַשטעלן פון:

FREIE ARBEITER STIMME
45 West 17th St. New York 11, N. Y.

אויך צו באַקומען ביי:

SH. YANOWSKY BOOK COMMITTEE
767 N. Kenmore, Los Angeles 27, Calif.

אַ נײַ און וויכטיק בוך:

קראָפּאָטקין-זאַמלבוך

געווידמעט דעם 25טן יאָרצייט זינט דעם טויט פון
פּ. א. קראָפּאָטקין (1842־1921)

אונטער דער רעדאַקציע פון
יעקב סעגאַל

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פינף חלקים:

קראָפּאָטקין דער מענטש
קראָפּאָטקינס אידייען
קראָפּאָטקין און די רוסישע רעוואָלוציע
צו קראָפּאָטקינס אָנדיינק
ביילאַגעס

צוזאַמען מיטן איצטיקן באַנד פון ש. יאַנאָווסקיס מעמואַרן, גיט מיט אַ רײַ פּאָרטרעטן און בילדער.

עס באַטייליקן זיך אין דעם זאַמלבוך אַרום 40 שרייבער, פון זיי ניט ווייניק מיט באַרימטע נעמען אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג אין דער גאַרער וועלט, ווי מאַקס נעטלוי (לעצטנס געשטאָרבן), רודאָלף ראָקער, ג. מאַקסימאָוו, א. זוכי, א.אַנד.

„דאָס בוך וועט געבן באַלערונג און דערהויבונג סיי די וואָס האָבן שוין ניט ווייניק געשעפּט פון דעם גרויסן וויסנשאַפטלעכן און עטיש־מאָראַלישן קוואַל, וואָס הייסט פּעטער קראָפּאָטקין, סיי די, אפשר פון יינגערן דור, וואָס האָבן נאָר דעם נאָמען זײַנעם געהערט און אַליין זייער ווייניק געלערנט פון זײַנע פּילזייטיקע און די טיף־אָנרעגנדיקע טעאָריעס אין זײַנע צענדליקער ווערק אויף סאָציאַלע, היסטאָרישע און עטיש־פילאָזאָפישע טעמעס". („פרייע אַרבעטער שטימע", 2 יולי, 1948)

אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע „דוד עדעלשטאַט" אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, 1947

צו באַשטעלן פון:

FREIE ARBEITER STIMME
45 West 17th St. New York 11, N. Y.

פּרייז $3.50 (פּאָסטעדזש אַרײַנגערעכנט)

אויך צו באַקומען ביי:

SH. YANOWSKY BOOK COMMITTEE
767 N. Kenmore, Los Angeles 27, Calif.

Set and made up by
Economy Typsetting Service

Printed by
Pacific Co-Operative Press
Los Angeles, Calif.
55